STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08501

DER OYFSHTAND IN BIALISTOKER GETO

Bernard Mark

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08501-4

97806570850l8T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ב. מארק

דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ

פארלאג „יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט“
וואַרשע • 1950

B. MARK
POWSTANIE W GETCIE BIAŁOSTOCKIM
Nakładem Żydowskiego Instytutu Historycznego
Warszawa, 1950

B-1-120717

Druk. „Nowe Życie", W-wa, Al. Gen. Świerczewskiego 79.

אריינפיר־וואָרט

נאָך דעם היסטאָרישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ (אַפּריל— מאַי 1943) איז דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ (אויגוסט 1943) דער צווייטער גרויסער קאַמף־אַקט פון פוילישע יידן אין דער תקופה פון אָקופּאַציע און אומקום. פּונקט ווי דער וואַרשעווער וועטאָ־אויפשטאַנד אַזוי איז אויך דער ביאַליסטאָקער א רינג אין דער קייט און אַן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די פרייהייט־ליבנדיקע כוחות קעגן די דייטש־פאַשיסטישע באַצווינגער. אין דער געשיכטע פון דעם ווידערשטאַנד אין אָקופּירטן פוילן פאַרנעמט דער העלדישער אַקט פון דעם ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד א באַזונדער אָרט. דער ביאַליסטאָקער אַקט האָט געהאַט עטלעכע ספּעציפישע באַדינגונגען, וועלכע טיילן אים אויס פון אַנדערע קאַמף־אַרויסטריטן פון יענער צייט אין פוילן. די דאָזיקע באַזונדערע באַדינגונגען זיינען:

1. אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט דער מלאך המות פון הונגער נישט געפּראַוועט אַזעלכע טריומפן ווי אין וואַרשעווער, אָדער לאָדזשער. צוליב א ריי אומשטענדן, וועלכע וועלן אויפגעקלערט ווערן אין לויף פון דער דאָזיקער אַרבעט, איז די מאַטעריעלע לאַגע אין ביאַליסטאָקער געטאָ געווען א פאַרהעלטענישמעסיק בעסערע ווי אין אַנדערע „יידן־ראַיאָנען", בפרט פון צענטראַל־ און מערב־פוילן. אַזוי אַרום איז אין ביאַליסטאָק דער יידישער פּראָלעטאַריאַט נישט אויסגעשטאָרבן מיט אַזעלכע שנעלע טעמפּן ווי, א שטייגער, אין וואַרשע — נאָך איידער עס זיינען געקומען די ענדגילטיקע ליקווידאַציעס. אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז אַזוי אַרום געווען א מער פעסטערע — איידער אין אַנדערע געטאָס — באַזע פאַר אַנטיפאַשיסטיש־ווידערשטענדלערישער אַגיטאַציע און עס איז דאָ בולטער ווי אין

אנדערע קאמף־ערטער קענטיק די העגעמאָניע פון פּראָלעטאריאט אין זײער װידערשטאַנד־באַװעגונג;

2. די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע באַזע איז נאָך מער געקרעפטיקט געװאָרן דורך דעם, װאָס ביאַליסטאָק האָט זיך פון האַרבסט 1939 ביז יוני 1941 געפונען אונטער דער דירעקטער סאָװיעטישער װירקונג. די ייִדן — און בפרט די ייִדישע אַרבעטער, די אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, די יוגנט — האָבן אין משך פון קנאַפּע צװײ יאָר געאָטעמט מיט דער מענטשן־גלײַכער און מענטשן־װירדיקער סאָװיעטישער לופט, זיך דערצױגן און איבערדערצױגן אין גײַסט פון גלײַכבאַרעכטיקונג, פרײַהײט און אַקטיװן װידערשטאַנד קעגן פאַשיזם, ראַסיזם, אַנטיסעמיטיזם. אָט די צװײ־יאָריקע אָטעם־פּויזע האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקן אײַנפלוס אויף דעם גײַסט און שטימונג פון די ברײטסטע קרײַזן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָק;

3. זינט דער סאָװיעטישער צײַט האָט זיך אין ביאַליסטאָק באַזעצט אַ צאָלרײַכער און געזונטער אַקטיװ פון רעװאָלוציאָנערע, פּראָלעטאַרישע טוער — סײַ אָרטיקע, סײַ פון אָקופּירטן צענטראַל־ און מערב־פּוילן, װעלכע האָבן דאָ געפונען אַן אַזיל קעגן דעם היטלעריסטישן טעראָר. דאָס זײַנען געװען פאָליטאַרעסטירטע פון די פּוילישע קאַפּיטאַליסטישע תּפיסות, טוער פון דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג, פּראָגרעסיװע שרײַבער, לינקע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיװיסטן. צװישן זײ אַ גרױסע צאָל ייִדן. אַזױ אַרום האָט די אונטערערדישע באַװעגונג אין געטאָ פון אָנהײב אָן פאַרמאָגט דערפאַרענע און איבערגעגעבענע פירער, פאַרהאַרטעװעטע סײַ אין מאַסן־קאַמף, סײַ אין קאָנספּיראַטיװער טעטיקײט, און בעיקר — מענטשן מיט אַן אידעאָלאָגישן רוקן־בײן. אַ דאַנק דעם האָט די אונטערערדישע באַװעגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ באַלד פון אָנהײב אױסגעמיטן אַ רײ זוכענישן, װעלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש, למשל, פאַר דער אונטערערד פון װאַרשעװער געטאָ. אַ דאַנק דעם האָט די װידערשטאַנד־באַװעגונג פון ביאַליסטאָקער געטאָ באַלד פון אָנהײב געטראָגן אַ בפירושן קאָנסעקװענט־אַנטיפאַשיסטישן כאַראַקטער;

4. דער אומשטאַנד, װאָס אין שכנות מיט ביאַליסטאָק, קוים עטלעכע־און־צװאַנציק קילאָמעטער פון דער שטאָט, האָבן אָפּערירט סאָװיעטישע פּאַרטיזאַנער, האָט אויך געהאַט אַ דעצידירנדיקע באַדײַטונג פאַר דעם װידערשטאַנד פון די ייִדן. ביאַליסטאָק איז געלעגן אין אַ סביבה פון פּאַרטיזאַנישן אומרו און קאַמף. די שטאָט גופא איז אין אַ געװיסער מאָס

געווען א צענטער פון אַט דער באַוועגונג. דער זעלבסטגעפיל פון די יידישע ווידערשטענדלער, אז זיי זיינען א טייל פון אן אלגעמיינער קאמף־באַוועגונג, איז אין ביאַליסטאָק אויפגעקומען אין א באַזונדערס קאָנקרעטער געשטאַלט; דאָס איז געווען דער גאָר נאָענטער אנטיפאַשיסטיש־פאַרטיזאַנישער כוח;

5. דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ האָט נישט געליטן פון אזא מוראדיקן בלוט־אָפּפלוס, ווי דאָס וואַרשעווער, וואָס האָט זייט אַפּריל—מאַי 1942 פאַרלוירן א גרויסן טייל פון אָנפירנדיקן אונטערערדישן אקטיוו און איז דערנאָך ביז יאַנואַר 1943 כסדר אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, ווערנדיק רעדוצירט אין דער צאָל באַפעלקערונג ביז א צענט־חלק. זייט די גרויסע הריגות תחילת דער אָקופּאַציע ביז פעברואַר 1943 האָט דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ קיין גרויזאַמע בלוט־אָפּפלוסן נישט געהאַט. אויך דער אונטערערדישער אקטיוו האָט — זינט די „שבתדיקע” ביז דער ערשטער ליקווידיר־אקציע אין פעברואַר 1943 — קיין באַדייטנדיקע פאַרלוסטן נישט געליטן.

אַט די אַלע אומשטענדן זיינען געווען באַגינסטיקנדיקע, סטימולירנדיקע פאַקטאָרן ביים ארויסברענגען דעם ווידערשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז אין דעם דאָזיקן געטאָ האָבן זיך די קעגנזייטיקע באַציונגען פון די סאָציאַלע כוחות געשטאַלטיקט אַנדערש ווי אין די איבעריקע „יידן־ראַיאָנען”. א דאַנק דער גרעסערער קאָנצענטרירונג פון פּראָלעטאַרישן עלעמענט האָבן אין ביאַליסטאָקער געטאָ די סאָציאַלע קעגנזאַצן אָנגענומען מער קעמפערישע פאָרמען, נישט געקוקט אויף אַלע פאַרקריפּלונגען, וועלכע זיינען אריינגעקומען אין ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די פאַרשפּאַרטע יידן אין רעזולטאַט פון דער דייטשער איזאָליר־ און אויסראָט־פּאָליטיק. אויך אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז דער יודענראַט געווען אַן אָנוווקס פון א באַשטימטן שיכט, פון דעם פאַבריקאַנטיש־גרויס־סוחרישן עלעמענט, אַן אָפּשטאַמיקער פון די פאַרמלחמהדיקע קהלה־עלעמענטן, און האָט איצט קאָלאַבאָרירט מיטן אָקופּאַנט און באַקעמפט די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אויך אין ביאַליסטאָק גייט אַדורך א בפירושע שייד־ליניע: יודענראַט און ווידערשטאַנד. קיין שום קאָמפּראָמיסן און „דריטע וועגן” צווישן אַט די זיך אויסשליסנדיקע כוחות זיינען דאָ נישט געווען.

אָן א אַנאַליז פון די סאָציאַלע כוחות אין געטאָ גופא וועט נישט זיין מעגלעך צו פאַרשטיין די וויכטיקסטע דערשיינונגען און פּראָבלעמען פון

אַט דער צייט און פון אַט דעם געביט, און בפרט די געבורט־וויען פון דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד.

דער ציל פון דער פאָרגעלייגטער ארבעט וועגן ביאַליסטאָק איז — צו געבן אַ בילד פון יידישער גבורה, פונם אַנטייל פון די יידן פון ביאַליסטאָק אין דעם גרויסן באַפרייונג־קאַמף קעגן דעם דייטשן פאַשיזם. דער צוועק פון דער דאָזיקער ארבעט איז אויך אָנצווייזן אויף די סאָציאַלע שפּרינג־פעדערן פון דעם יידישן ווידערשטאַנד, ארויסצוברענגען און אַנאַליזן די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן געווירקט אין געטאָ, און אויף אַט דער פאָן ווייזן דעם אויפקום פונם קאַמף.

צום סוף אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם הויפּט־טערמין פון אונזער טעמע: ווי אַזוי דאַרף אָנגערופן ווערן דער קאַמף־אַקט פון אויגוסט 1943? מיר רופן עס אָן מיט דעם נאָמען, אונטער וועלכן דער דאָזיקער קאַמף־ארויסטריט איז אַריין אין געדעכעניש פון פאָלק און האָט זיך שוין דעראָבערט געוויסע בירגער־רעכט; מיר האָבן, הייסט עס, אָנגענומען די באַצייכענונג — א ו י פ ש ט א נ ד. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון דעם, אַז פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז אפשר די דאָזיקע באַצייכענונג נישט אינגאַנצן פּינקטלעך. דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין די אָרעמע געסלעך פון ביאַליסטאָקער געטאָ אין דער צווייטער העלפט אויגוסט 1943, איז אייגנטלעך אַ באַוואָפנטע פאַרטיידיקונג, אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד. חוץ דעם דאַרף מען נעמען אין אכט, אַז זינט די ערשטע וואָכן פון דייטשן אַריינמאַרש אין שטאָט, האָט זיך אָנגעהויבן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלכע האָט אָנגענומען אין פאַרשידענע צייטן פאַרשידענע פאָרמען — פון העלפן די סאָוועטישע קריג־געפאַנגענע ביז באַוואָפנטן פנים־אל־פנימדיקן ארויסטריט קעגן שונא. אַזוי ארום וואָלט ריכטיקער געווען, ווען די ארבעט טראָגט דעם טיטל: די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אָבער צוליב דעם אויבן־באַמערקטן מאָטיוו האָבן מיר זיך אַנטשלאָסן אָנצורופן סיי דאָס בוך, סיי דעם אויגוסט־אַקט — אויפשטאַנד. דער ענדגילטיקער קאַמף, וועלכן מיר רופן אָן אויפשטאַנד, איז דער העכסטער פּונקט פון דער גאַנצער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אַ קאָנסעקווענטער פועל יוצא פון דעם גאַנצן בארג־ארויפיקן קאַמף־צוגרייטונג־פּראָצעס, אַ קוואַליטאַטיווער אָפּאַגיי פון אַ צאָל קלענערע און גרעסערע ווידערשטאַנד־אַקטן.

אָבער אונזער ארבעט באַגרענעצט זיך נישט צום שילדערן די צוגרייטונגען, דעם אָנוווקס און דעם פאַרלויף פונם ענדגילטיקן קאַמף־אַקט

אליין. מיר האָבן געהאלטן פאר נויטיק צוצוגעבן א לעצטן קאפיטל, א קאָנדענסירטן בילד פון דער ביאַליסטאָקער פארטיזאנישער באוועגונג, וועלכע איז ענג געבונדן מיט דעם ווידערשטאנד אין געטאָ גופא און וועלכע איז נאָך אויגוסט 1943 דער המשך פון דעם העראָישן אויפשטאנד. אין ביאַליסטאָק איז בולטער ווי ערגעץ־אנדערש־ווו געקומען צום אויסדרוק די דערשיינונג: דער פלאצדארם פון געטאָ און דער פלאצדארם פון וואלד — צוויי אָפשניטן פון זעלביקן פראָנט.

ליטעראַטור און מקורים

די געשיכטע פון ביאַליסטאָקער געטאָ, זיין מאַרטירעריי, העלדישער קאַמף און טראַגישער אומקום, פאַרמאָגט שוין עטלעכע סינטעטישע און פראַגמענטאַרישע באַאַרבעטונגען. אין יאָר 1944, ווען עס זיינען קיין מאָסקווע דערגאַנגען די ערשטע גענויערע ידיעות וועגן די געשעענישן אין ביאַליסטאָק און עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע פאַרוווּנדעטע יידישע פאַרטיזאַנער פון דער ביאַליסטאָקער געגנט, איז דערשינען (נישט אין קיין בוך־פאָרם, נאָר געדרוקט אין המשכים אין דער פרעסע) די ערשטע קורצע אַרבעט אויף דער דאָזיקער טעמע, אָנגעשריבן דורך דעם מחבר פון די דאָזיקע שורות 1). די פּאָזיטיווע ווערטן פון אָט דעם ערשטן באַריכט זיינען באַשטאַנען אין: אוועקשטעלן די שייד־ליניע צווישן יודענראַט און ווידערשטאַנד; בולט מאַכן די פאַרפירערישע אילוזיאָנערישקייט, וואָס עס האָט געשפּרייט דער יודענראַט מיט באַראַשן בראָש; אַרויספירן אַ גאַלעריע יידישע העלדן; אָנווייזן אויף דער הילף און סאָלידאַריטעט פון פּוילישע אַנטיפאַשיסטן, ווי דער קאָמוניסט יאַקובאָוויטש א"א; אַקצענטירן דעם המשך פון קאַמף — אין די פאַרטיזאַנישע וועלדער; געבן אַ ריי סילוועטן פון די דייטשע פאַרברעכער. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן אָבער נאָך געפעלט צוויי עיקר־זאַכן: די אינערלעכע גענויע פּונקט אויפשטאַנד, די צווישנבאַציונגען אין דער געטאָ־אונטערערד גופא און אַ ברייטערער סאָציאַלער אַנאַליז. זינט יענער צייט זיינען דערשינען נאָך דריי סינטעטישע באַאַרבעטונגען, געשריבענע דורך עדי ראיה, און מחמת דעם זיינען אָט די ביכער געבויט ס'רוב אויף פּערזענלעכע איבערלעבונגען, צייטנ־

---

1) ב. מאַרק: „דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ".

ווייז פאַרבונדן מיט גביות עדות פון אנדערע און נישט געשטיצט אויף דאָקומענטן.

אין יאָר 1946 איז דערשינען אין פּוילן דאָס בוכל פון ד״ר שמעון דאַטנער „דער קאַמף און דער אומקום פון ביאַליסטאָקער געטאָ״ (געשריבן אין פּויליש 2). דער מחבר איז אַליין געווען ביז 24־טן מאַי 1943 אין ביאַליסטאָקער געטאָ, אַנטייל גענומען אין דער אונטערערדישער קאַמף־באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון יהודית נאָוואָגרודזקאַ („יודיטאַ״), דערנאָך איז ער אַרויס אין וואַלד און זיך באַטייליקט אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. זיין אַרבעט, וועלכע נעמט אַרום 46 זייטן, איז געבויט קודם־כל אויף אייגענע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען און אויך אויף גביות עדות פון לעבן־געבליבענע יידישע פּאַרטיזאַנער. מיט קיין דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל האָט נאָך ד״ר דאַטנער — פּונקט ווי דער פריערדיקער מחבר בשעתו — נישט דיספּאָנירט. אין דער אַרבעט פילט זיך שטאַרק דער עמאָציאָנעלער מאָמענט, וואָס נעמט זיך פון דעם זכרונותדיקן גרונט־עלעמענט פון דעם בוכל. נישט געקוקט אויף דעם, מאַכט די אַרבעט אַן איינדרוק פון אַן אָביעקטיווער שילדערונג. דער שטאַנדפּונקט פון מחבר איז אַן אַנטי־יודענראַטישער. וויכטיק זיינען די — איבעריקנס, גענוג קאַרגע — אינפאָרמאַציעס וועגן דעם בלאָק א׳ און דעם בלאָק ב׳ אין אונטערערד 3) און וועגן דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. אָבער עס פעלט אין דעם „קאַמף און אומקום פון ביאַליסטאָקער געטאָ״ דער סאָציאַלער אַנאַליז, א בילד פון דער פּאָליטישער סטרוקטור פון אונטערערד און די כאַראַקטעריסטיק פון די הויפּט־העלדן פונם ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד. חוץ דעם זיינען די ראַמען פון דעם בוכל צו שמאָל פאַר אַזאַ וויכטיקער טעמע. ד״ר ש. דאַטנער אַרבעט די לעצטע יאָרן איבער א מאָנאָגראַפיע פון ביאַליסטאָקער געטאָ, פראַגמענטן זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער פּעריאָדישער פּרעסע 4).

אין יאָר 1947 איז אַרויס אין בוענאָס־איירעס דאָס בוך פון סראָלקע קאַט „חורבן ביאַליסטאָק 5). דאָס איז א ריין־מעמואַריסטישע אַרבעט, ווו

---

2) Dr. Szymon Datner: „Walka i zagłada białostockiego getta“, Łódź, 1946. Centralna Żyd. Kom. Hist.

3) וועגן דער געגנויער אין צווייטן און דריטן טייל פון אונזער אַרבעט.

4) ד״ר ש. דאַטנער: „חורבן ביאַליסטאָק״ (כתב-יד אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט).

5) סראָלקע קאַט: „חורבן ביאַליסטאָק״, אַרויסגעגעבן פון א גרופּע פריינט, בוענאָס איירעס, 1947.

עס ווערט אלץ דערציילט בלשון „איך". קאפיטלעכווייז שילדערט קאַט — א ביאַליסטאָקער ארבעטער, א מענטש מיט רעוואָלוציאָנערע אָנגעזאַמלטע יונגען, אַן אַנטיילנעמער אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג — דעם אייגענעם גורל, וואָס איז דער גורל פון יידישן פּאַרטיזאַן, דעם מצב אין ביאַליסטאָקער געטאָ, דעם אויפקום פון ווידערשטאַנד און די שלאַכטן אין וואַלד. דאָס סאַמע ווערטפולסטע אין בוך זיינען די שילדערונגען פון פּאַרטיזאַנישן לעבן און קאַמף. ווי אַן אויטענטישע באַשרייבונג האָט „חורבן ביאַליסטאָק" א וויכטיקן באַטייט פאַר דער היסטאָריאָגראַפיע פון קאַפּיטל ביאַליסטאָק, אָבער עס פרעטענדירט נישט צו דער מדרגה פון א סינטעטיש ווערק אויף דער דאָזיקער טעמע. עס איז אַן אינטערעסאַנטער, גלויבנס־ווירדיקער צושטייער צו דער פאַקטאָגראַפיע פון דער ביאַליסטאָקער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

א נישט־גלייכמעסיקן באַטייט האָט א צווייט בוך פון ענלעכן כאַראַקטער, דאָס בוך פון רפאל רייזנער „דער אומקום פון ביאַליסטאָקער יידנטום, 1939—1945" 6). רפאל רייזנער איז אויך אַן עד־ראיה, א ביאַליסטאָקער, א זעצער פון פאַך, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די שבעה מדורי גיהנום פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. אָבער אין קעגנזאַץ צו די פריערדיקע צוויי מחברים, אויך דירעקטע עדי ראיה, וועלכע זענען בולט די שיידליניע יודענראַט און ווידערשטאַנד, פאַרווישט רייזנער די דאָזיקע עיקרדיקע קריטעריע, וואָס אַן איר איז בכלל אוממעגלעך צו פאַרשטיין דעם אויפקום פון קאַמף. אזוי ארום איז רייזנער נישט אומשטאַנד צו געבן א טריי בילד פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין היים־שטאָט אין די יאָרן 1939—1945. וואָס שייך דער פאַקטאָגראַפישער זייט, גיט רייזנער א סך וויכטיקע פּרטים אין דעם טייל פון זיין בוך, ווו ער שילדערט דאָס לעבן אין געטאָ און דעם גורל פון פאַרשידענע אָרטיקע תושבים, ס׳רוב פון באַלעבאַטישן שיכט; אקעגן־זשע פאַרמאָגן א צווייפלהאַפטיקע ווערט די קאַפּיטלעך פונם בוך, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד (נאַטירלעך, מיט געוויסע אויסנאַמען; דהיינו — דאָרטן, ווו דער מחבר האָט געהערט דערציילן וועגן קאַמף ביי באַגלויבטע עדות 7).

---

6) רפאל רייזנער: „דער אומקום פון ביאַליסטאָקער יידנטום 1939 — 1945", ארויסגעגעבן דורכן „ביאַליסטאָקער צענטער" אין אויסטראַליע, מעלבורן 1948, מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון י. ראַפּאָפּאָרט.

7) פאַרגלייך די רעצענזיע פון ש. דאַטנער אין „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד I העפטן 3—4.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דאָס ביכל פון ד. קלעמענטינאָווסקי: „לעבן און אומקום אין ביאַליסטאָקער געטאָ"8) — אַ זשורנאַליסטישער באַריכט, באַזירט אויף פינף גביות עדות און אויף די ערשטע אָפּגעדרוקטע סינטעטישע באַשרייבונגען פון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד.

אין יאָר 1950 איז דערשינען אין ישראל, אין העברעאיש, דאָס בוך פון חיהקע גראָסמאַן „אנשי המחתרת" (מענטשן פון אונטערערד) 9). דאָס איז אַ מעמואַריסטישע אַרבעט, געבויט ס׳רוב אויף באַשרייבונגען פון אייגענע איבערלעבונגען, איינדרוקן וועגן מענטשן, מיט וועלכע די אויטאָרין האָט זיך באַגעגנט אין איר טעטיקייט ווי אַ טוערין פון „השומר הצעיר" און ווי אַ פאַרבינדלערין אויף דער „אַרישער" זייט און אין אַנדערע שטעט. דער זכרונותדיקער עלעמענט פונם בוך איז אויטענטיש און ממילא ווערטפול. דאַקעגן־זשע פאַרמאָגט דאָס בוך אַ ריי נישט ריכטיקע פעסטשטעלונגען און באַלויכטונגען, ווי למשל: וועגן דער באַציונג פון די קאָמוניסטן צו דעם פּראָבלעם פון פאַרוואַנדלען דאָס געטאָ אין אַ פּלאַצדאַרם פון קאַמף, צום פּראָבלעם פון איינהייט א. אז. וו. די אַלע פראַגן וועלן אויפגעקלערט ווערן אין לויף פון דער פאָרגעלייגטער אַרבעט10).

* * *

אין אונזער איצטיקער אַרבעט ווערן באַנוצט די פאָלגנדיקע מקורים:

דאָקומענטאַרישע מאַטעריאַלן

1. יידישע:

א. דער אַרכיוו פון ביאַליסטאָקער יודענראַט, בפרט די פאַראָרדענונגען און באַקאַנטמאַכונגען, וועלכע גיבן אַ בילד פון דער לאַגע אין געטאָ, און די פּראָטאָקאָלן פון די יודענראַט־זיצונגען און אַנדערע יודענראַטישע פאַרזאַמלונגען, וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט און אַן ערשטקלאַסיקע דאָקומענטאַלע באַזע צו שאַפן זיך אַ בילד וועגן סאָציאַלן באַשטאַנד, כאַראַקטער און טאַקטיק פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

---

8) אַרויס אין ניו־יאָרק אין יאָר 1946.
9) חיקה גרוסמן: „אנשי המחתרת", ספרית פועלים, מרחביה, 1950.
10) פאַרגלייך די רעצענזיע פון ב. מאַרק אין „בלעטער פאַר געשיכטע" באַנד III העפטן 3—4.

ב. פסח קאפלאנס כראניק וועגן דער געשיכטע פון יודענראט און זיין פנקס „חורבן ביאליסטאָק"; בפרט צו קאפלאנס עדשטער ארבעט דארף מען צוגיין מיט א קריטישער איינשטעלונג.

ג. די ארבעט פון אן אנאנימען מחבר פון ביאליסטאָקער געטאָ וועגן די עקאנאָמישע באדינגונגען אין געטאָ. די ארבעט טראָגט דעם נאָמען: „צו דער געשיכטע פון די ביאליסטאָקער יידן אין דער צייט פון דייטש־סאָוויעטישן קריג" 11).

ד. דער ארכיוו פון מרדכי טענענבוים־טאמאראָף, אין וועלכן עס גייען אריין זיין אייגענער טאָג־בוך, קאָפּיעס פון בריוו קיין אויסלאנד און צו דער רעכטער, לאַנדאָן־אָריענטירטער פוילישער אונטערערד, קאָפּיעס פון אויפרופן, כתבים פון צפורה בורמאן, א רשימה פון די מיטגלידער פונם קיבוץ „תל־חי" א. א. ביי א קריטיש־אנאליטישן צוגאנג (בפרט פאַר־גלייכנדיק א ריי טענענבוימס נאָטיצן מיט די זייטלעך אינם בוך פון רייזל קאָרטשאק „להבות באפר" 12), וואָס זיינען נוגע ביאליסטאָק און מיט אנ־דערע, גבית עדותדיקע מאטעריאלן, קאָנען די מאָטעריאלן פון אָט דעם ארכיוו דינען מיט א סך דאָקומענטארישן שטאָף וועגן די שטימונגען אין דעם חלוצישן טייל פון ביאליסטאָקער אונטערערד און וועגן די חבלי לידה פון דעם סוף כל סוף פאַרייניקטן ווידערשטאנד־כוח בכלל, און אויך וועגן דער באציונג פון ביידע טיילן פון דער פוילישער אונטערערד — פון די א. ק. פון איין זייט און פּ. פּ. ר. פון דער צווייטער — צו די יידן אין זייער קאמף.

אלע אויסגערעכנטע דאָקומענטן־זאמלונגען פון די פונקטן א', ב', ג', ד', געפינען זיך אין ארכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

ה. שפורן און אָפקלאנגען אין ד"ר עמנואל רינגעלבלומס און שמואל ווינטערס נאָטיצן פון ווארשעווער געטאָ.

---

11) ד"ר ש. דאַטנער באַצייכנט די מאַטעריאַלן פון אַלע דריי פונקטן (א', ב' און ג') ווי מערסיק אַרכיוו, שטיצנדיק זיך אויף דעם, אַז צבי מערסיק איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון אונטערערדישן אַרכיוו פון ביאַליסטאָקער געטאָ (ש. דאַטנערס כתב־יד „חורבן ביאַליסטאָק", קאַפּ' 33). אָבער ווי עס דרינגט אַרויס פון טענענבוימס נאָטיצן, איז ער געווען דער אפּוטרופּוס פונם אַרכיוו און נאָך מערסיקס טויט באַשטימט ער אַ פרישן זאַמלער אויף זיין אָרט.

12) רייזל קורצ'אק (רוזקה): „להבות באפר" (פלאַמען אין אַש), הוצאת ספרית פועלים, מרחביה, 1946. דאָס איז אַ מעמואַריסטיש בוך וועגן ווילנער געטאָ.

ו. די פאסוסן בנוגע דעם ביאליסטאָקער געטאָ־קאַמף אינם ראפּאָרט פון יידישן נאציאָנאלן קאָמיטעט פון 15־טן נאָוועמבער 1943; דער דאָזיקער ראפּאָרט גיט אָן נישט ריכטיקע דאטעס וועגן אויפשטאנד, שרייבנדיק, אז ערשט אויפן דריטן טאָג פון דער ליקווידיר־אקציע האָבן זיך די יידן גענומען פארטיידיקן.

2. דייטשע:

א. די ענטפערס פון די דייטשע קריג־פארברעכער וואלדעמאר מאכאָל און פריץ פרידעל אויף די אנקעטעס פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע 13). די דאָזיקע מאטעריאלן קאָנען — ביי א קריטישער באלייכטונג — צושטעלן ידיעות וועגן דעם פארלויף פון דעם ערשטן ווידערשטאנד אין פעברואר 1943 און וועגן געוויסע פראגמענטן פון דעם אויפשטאנד, וועגן די דייטשע מושלים, וועגן דער דייטשער פּאָליטיק, וועגן יידישע פּראָוואָקאטאָרן וכדומה.

ב. דייטשע קאלענדארן און פרעסע 14).

ג. די צווישנדייטשע קאָרעספּאָנדענץ בנוגע דעם גירוש פון די יידן 15).

דער וויכטיקסטער בלויז פון דעם דייטשן סעקטאָר פון דעם דאָקומענטארישן מאטעריאל באשטייט אין דעם, וואָס מיר האָבן דאָ נישט אין אונזער רשות אזא וואָגיקן דאָקומענט, ווי, למשל, סטראָאָפּס באריכט פון דעם ווארשעווער געטאָ־אויפשטאנד. ווי עס האָט איבערגעגעבן פרידעל, דער געסטאפּאָ־ממונה איבערן ביאליסטאָקער געטאָ, זיינען אלע דאָקומענטן און ראפּאָרטן פון דער דערשטיק־אקציע פון אויגוסט 1943 אריבערגעפירט געוואָרן דורך גענ. גלאָבאָצניקס אָפיציר מאגעל קיין לובלין. אָבער ביז היינט זיינען זיי ביי אונדז נישטאָ.

3. פוילישע:

קורצע ראפּאָרטן וועגן דער ערשטער און דער צווייטער ליקווידאציע און וועגן ערשטן און צווייטן ווידערשטאנד אין די ביולעטינען פון „זשעגאָטא" (ראט צו העלפן יידן אין ווארשע), אין דעם ביולעטין „אינפאָרמא־

---

13) די אַנקעטעס האָט דורכגעפירט ד"ר ש. דאַטנער. דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט צוגעגרייט חוץ דעם עטלעכע אייגענע אַנקעטעס פאַר מאַכאָלן און פרידעלן און אויך באַקומען וויכטיקע ענטפערס. די מאַטעריאַלן געפינען זיך אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

14) קאָפּיעס אינם אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

15) דאָרטן.

ציא ביעזשאָנצא״, אין דער אונטערערדישער פּרעסע און אין די באריכטן פון דער לאַנד־דעלעגאַטור צו דער לאָנדאָנער עמיגראַנטישער רעגירונג 16).

4. סאָוויעטישע:

די פּאַסוסן אין טאָג־ביכער פון אָנפירנדיקע סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער פון ווייסרוסלאַנד וועגן דער העלדישקייט פון דער יידישער פּאַרטיזאַנישער יוגנט 17), א ריי מאַטעריאַלן אינם רוסישן בוך פון ל. צאַנאַווא 18) און דער באַפעל פון גענעראַליסימוס סטאַלין אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַפרייען ביאַליסטאָק.

גבֿיות-עדותדיקע מקורים

דער גבֿיות עדותדיקער מאַטעריאַל בנוגע דער ביאַליסטאָקער געטאָ און ווידערשטאַנד־טעמע איז זייער גרויס, פאַרהעלטענישמעסיק א סך רייכער ווי לגבי דער געשיכטע פון די קאַמפן פון וואַרשעווער אָדער אַנדערע געטאָס. די סיבה דערפון איז דאָס, וואָס א דאַנק דער נאָענטער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג האָט זיך אָפּגעראַטעוועט א לפי ערך גרעסערע צאָל יידישע קעמפער, בתוכם אזעלכע, וואָס האָבן געשפּילט א וויכטיקע ראָל אין דער יידישער ווידערשטאַנד־אונטערערד אין געטאָ. די גבֿיות־עדות פון די דאָזיקע אַקטיוויסטן פילן אויס דעם בלויז, וואָס שאַפט זיך מחמת דעם מאַנגל אין דאָקומענטאַרישע באַווייזן. וואָרום אפילו טעגעבוכס באַטיצן רייסן זיך איבער א געוויסע צייט נאָך דער ערשטער ליקווידאַציע און ווערבשוץ אין חודש אַפּריל 1943. אזוי אַרום האָבן מיר נישט — א חוץ די דערקלערונגען פון מאַכאַל און פרידעל — קיין דאָקומענטאַרישע באַווייזן פאַר דעם העצידירנדיקן צוגרייט־פּעריאָד צווישן פעברואַר און אויגוסט, הן פאַר דעם אויפשטאַנד גופא. דאָ קאָנען און מוזן מיר אָפּערירן ס׳רוב מיט גבֿיות עדות.

דאָס באַהאַנדלען דעם פּראָבלעם פון דער מאָסגיביקייט און פונם באַדייט פון גבֿיות עדותדיקע עלעמענט אין דער געשיכטע־פאָרשונג פון

---

16) די דאָזיקע מאַטעריאַלן (אַ חוץ די „זשעגאָטאַ״-בולעטינען) געפינען זיך אינם אַרכיוו פונם פּוילישן „אינסטיטוט פון דער נייסטער געשיכטע״ אין וואַרשע און אינם אַרכיוו פון פּוילישן מיניסטעריום פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג; די „זשעגאָטאַ״-בולעטינען געפינען זיך אינם אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

17) די טאָג-ביכער געפינען זיך אינם פּאַרטיזאַנישן אַרכיוו אין מינסק.

18) Ł. Canawa: „Wsjenarodnaja partizanskaja wojna w Biełorusji protiw faszystkich zachwatczykow", I, Minsk, 1949.

אונזער נאָענטן עבר גייט ארויס מחוץ די ראַמען פון דער דאָזיקער ארבעט. אָפּגעבנדיק זיך א פולע רעכענונג דערפון, אז עס נויטיקט זיך א קריטישע באַציִונג צו גביות עדות, מוז מען אָבער אָננעמען דעם דאָזיקן מין מאַטע־ריאַל בדרך כלל פאַר א באַזע אין אונזערע פאָרשונגען פון דער אָקופּיר־צייט: ראשות — ווייל דער דאָזיקער פּעריאָד איז נאָך אַזוי פריש און אַזוי נאָענט, אַז דער פאָרשער איז ביכולת צו קאָנטראָלירן די אמתדיקייט פון די דערקלערונגען פון די עדי ראיה; און צווייטנס — ווייל עס איז קיין אַנדער ברירה נישטאָ. איבעריקנס — דאַרף מען זיך מיט באַוואָרענישן באַציִען אויך צו געוויסע דאָקומענטן — סיי יידישע, סיי דייטשע. א שטורי־גער די נאָטיצן פון טענענבוים־טאַמאַראָף זיינען אין א סך פאַלן טענ־דענציעז־פּאַרטייאישע, און אויב מיר נעמען זיי אַריין אינם אָפּטייל „דאָקו־מענטן”, הייסט עס נאָך נישט, אַז מיר מוזן זיי אויפפאַסן ווי אַזעלכע, וואָס לאָזן שוין נישט צו קיין שום קריטישע באַלייכטונג. פּונקט אַזוי טאָר מען נישט אָננעמען ווי הונדערטפּראָצענטיק פעסטגעשטעלטן אמת דאָס אַלץ, וואָס עס שרייבן אין זייערע ענטפערס אויף די אַנקעטעס און אַנדערע אויפקלערונגען די דייטשע מלחמה־פאַרברעכער מאַכאַל און פרידעל. דערביי איז נויטיק צו באַטאָנען, אַז גביות עדות איז נישט קיין שפּאָגל־נייער עלעמענט אין דער היסטאָריאָגראַפיע. ער ווערט שוין באַנוצט פון לאַנג. אַזוי, למשל, באַזירט זיך צווישן אַנדערע אויף דעם דאָזיקן עלעמענט שמעון דובנאָוו אין זיין „געשיכטע פון חסידיזם”, באַטאָ־נענדיק דעם אַלטן כלל, אַז אויף צוויי עדות ווערט באַשטעטיקט א זאַך. אויך אין דער היסטאָריאָגראַפיע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג קאָן מען אָן דעם גביות־עדותדיקן מאַטעריאַל זיך נישט באַגיין. אין אונזער נייסטער געשיכטע־שרייבונג איז די ראָל פון גביות עדות, נאַטירלעך, זייער אויס־געוואַקסן, און דאָס קודם כל צוליב דער פאַרטיליקונג פון די דאָקומענטאַ־רישע מאַטעריאַלן, צוליבן אומקום פון מיליאָנען מענטשן און פון גאַנצע גאַסן, ראַיאָנען און שטעט. עס איז די אויפגאַבע און די קאָמפּעטענץ פונם היסטאָריקער אויסצוטיילן די מער באַגלויבטע דערקלערונגען בכתב און בעל פה פון די פאַרשידענע סברות, פאַנטאַזיעס און לעגענדעס. פון צווישן דעם גביות־עדותדיקן מאַטעריאַל דאַרף מען אויך קודם כל אויסטיילן די פאַרצייכענונגען, וועלכע זיינען דורך די עדי ראיה געמאַכט געוואָרן אויף דער הייסער מינוט, אין דער באַשריבענער צייט גופא; אַזוינע נאָטיצן דערגרייכן צו דער מדרגה פון דאָקומענטן; למשל — די פּאַרטיזאַנישע נאָ־טיצן פון „טאַלק” (ד״ר ש. דאַטנער), אָדער די אונטערערדישע פאַרציי־

בעגעגענען פון „מארעק" (משה בוך); די ערשטע זיינען נוגע מענטשן און געשעענישן אין וואלד, די צווייטע — אין געטאָ־אונטערערד פון ערב דעם אויפשטאַנד־פּעריאָד.

אין דער דאָזיקער ארבעט ווערן אויסגענוצט די גביות עדות פון די פאָלגנדיקע לעבנגעבליבענע מיטבאטייליקטע אין די באשריבענע געשעענישן:

רבקה שינדער־וואָיסקאָווסקא — איינע פון די סעקרעטאַרן פון דער אנטי־פאשיסטישער אָרגאניזאציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ און אָרגאניזאטאָרין פון דעם יידיש־פּארטיזאנישן אָטריאד „פאָרויס" אין די ביאליסטאָקער וועלדער.

מלכה רוזשיצקא („מארילע") — איינע פון די ערשטע פארבינדלערינס פון געטאָ־אונטערערד מיט די חברים פון דער „ארישער" זייט; אקטיווע טוערין אויפן געביט פון שאפן באוואָפענונגען פאר די ווידערשטענדלער אין געטאָ און פאר די פּארטיזאנער אין וואלד.

משה בוך („מארעק") — איינער פון די ערשטע אקטיוויסטן פון דער אנטי־פאשיסטישער אָרגאניזאציע און פון דער געטאָ־זעלבשוץ, שפּעטער שטאב־מיטגליד פון דער פארטיזאנישער מחנה.

עליע בוימאן („עליאש") — אקטיוויסט אין דער אנטי־פאשיסטישער אָרגאניזאציע, שפּעטער פארטיזאנישער קאָמאנדיר.

פנחס קאָזשעץ („פאוועל") — פארטיזאנער, פון בארוף א היסטאָריקער.

ישראל לערמאן — א מיטגליד פון דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע אין געטאָ.

די אלע עדי ראיה — ס'רוב פּראָלעטארישע אקטיוויסטן פון פאר דער מלחמה — שטאמען נישט פון ביאליסטאָק גופא. די ווייטערדיקע — שמחה לאַווא, קלמן בּאַראַקאָן, ד"ר שמעון דאטנער („טאלק"), אפרים קיסלער, אלע באטייליקטע אין דער ווידערשטאנד־באוועגונג און פארטיזאנטקע — זיינען ביאליסטאָקער, און זייערע דערקלערונגען האָבן א באטייט, חוץ לגבי דער ווידערשטאנד־טעמע, אויך בנוגע דער אלגעמיינער ביאליסטאָקער געטאָ־טעמע. א ווערטפולן צושטייער צו דער לעצטער טעמע גיבן אויך די גביות עדות פון די ביאליסטאָקער תושבים — ד"ר טוביה ציטראָן, פאניע ליפּינסקא, שמערל גרינשטיין, אברהם אָסאָוויצקי, בערל פערעי א. א.

אַלע אויסגערעכנטע עדי ראיה געפינען זיך אין פוילן.

ווייטער די גביות עדות פון:

ליזע טשאַפּניק און אַניע רוד — בײדע מיטגלידערינס פונם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אויף דער „אַרישער" זייט, געפינען זיך איצט אין מאָסקווע.

יעקב ריוקינד — אַן אַקטיוויסט פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, א באַקאַנטער מאַטעמאַטיקער — וווינט איצט אין ראַטנפאַרבאַנד.

חיהקע גראָסמאַן — א טוערין פון „השומר הצעיר", איצט אין ישראל.

בראָניע וויניצקאַ — א טוערין פון „דרור", אַצינד אין דער שווייץ.

בנוגע באַזונדערע פראַגן ווערן אויסגענוצט די דערקלערונגען פון צענדליקער אַנדערע לעבנגעבליבענע עדות.

די אַלע גביות עדות געפינען זיך אָדער אינם אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, אָדער אין מאָסקווע, אָדער אינם באַזיץ פון דעם מחבר פון די דאָזיקע שורות. זיי שאַפן אינײנעם מיט דער דאָקומענטאַרישער באַזע — נאָכן פאַרגלײכן און נאָך א קריטישן אַנאַליז — א וואָגיקן, גרונטיקן מאַטעריאַל פאַר אויספאָרשן די גענויע און פאַר פעסטשטעלן, זאָל זיין כאָטש אין אַלגעמײנע שטריכן, דעם פאַרלויף פון די ווידערשטאַנד־אַקטן, פון דעם אויפשטאַנד און פון די פאַרטיזאַנישע קאַמפן, וועלכע בילדן צוזאַמען דעם העראָישן קאַפּיטל ביאַליסטאָק 1941—1944.

ערשטער טײל

געטאָ

ק א פ י ט ל   א י י נ ס

דער שונא

וועגן דעם גורל פון די יידן אין אקופירטן ביאליסטאק, וועלכער איז סוף יוני 1941 אריינגעפאלן אונטער דער היטלעריסטישער ממשלה, האבן דעצידירט די זעלביקע צענטראלע ארגאנען פון „דריטן רייך", וועלכע האבן ארויסגעגעבן די גזר־דינים אויף די יידן און אנדערע פארשקלאפטע פעלקער פון אלע באהערשטע געביטן. די זעלביקע פאקטארן פון בערלין, די זעלביקע אנפירער פון דער נ.ס.ד.א.פ., פונם רייכסזיכערהייטסהויפט־אמט, פון דער רייכסווער און פון די ווירטשאפט־ספערן, וועלכע האבן געפירט די פאליטיק לגבי די יידן און אנדערע פעלקער פון די אקופירטע לענדער, האבן אויך געגעבן די ריכט־ליניעס וועגן דעם, ווי אזוי צו האנדלען לגבי די יידן אין ביאליסטאק. דאס הייסט אבער נישט, אז אומעטום איז די היטלעריסטישע גרונד־פאליטיק געווען רעאליזירט אויף איין און דעם זעלביקן אופן. אין דעם מאמענט, ווען גודעריאנס און האטס ארמייען האבן פארנומען ביאליסטאק, האט שוין די היטלעריסטישע מאכט געהאט הינטער זיך א קנאפע צוויי־יעריקע דערפארונג פון הערשן און אונטערדריקן די יידן אין דער גענעראל־גובערניע און אין א. ג.ווארטעגאו. אויך די מזרח־פרייסישע היטלעריסטישע אדמיניסטראציע האט שוין אין יוני 1941 פארמאגט א שטיקל פראקטיק אין דער הינזיכט, ווארעם דער באצירק ציכענאו (טשעכאנאוו) איז זינט דער סעפטעמבער־קאמפאניע אין 1939 איינגעגלידערט געווארן נישט אין דער גענעראל־גובערניע, נאר אין מזרח־פרייסן, וווּ עס איז געווען אויבערפרעזידענט און גאולייטער פון נ.ס.ד.א.פ. עריך קאך, דער שפעטערדיקער — זינט אויגוסט 1941 — שעף פון דער ציוויל־פארוואלטונג פונם א. ג. באצירק ביאליסטאק. די דייטש־פאשיסטישע מאכט איז אזוי ארום געקומען קיין ביאליסטאק זומער־צייט 1941 א

„באוואַפּנטע" מיט פּאַרטיקע געזעצן און אַ גרייטער פּראַקטיק פון איזאָלירן און אויסבלוטיקן די ייִדן. די פאַראָרדענונגען וועגן דער געלער לאַטע, וועגן געטאָ, וועגן קאָנפיסקירן די פאַרמעגנס, קאָנטריבוציעס, ערבות־לייט, יו־דענראַט, גירושים א. א. וו. זיינען שוין געווען אָנגעווענדט אין לעבן און דאָ האָט מען געדאַרפט נאָר פאַרווירקלעכן די דאָזיקע גזירות אויף נאָך איין געביט, אויפן ביאַליסטאָקער. אַ ספּעציעלע באַדייטונג האָט פאַר די היטלעריסטישע באַאמטע, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר ביאַליס־טאָק און בפרט פאַרן דאָרטיקן ייִדן־ישוב, געהאַט די דערפאַרונג פון לאָדזשער געטאָ. ביאַליסטאָק איז פונקט ווי לאָדזש נישט איינגעגלידערט געוואָרן אין דער גענעראַל־גובערניע. אין ביאַליסטאָק איז פונקט ווי אין לאָדזש איינגעפירט געוואָרן אַן ענלעכע דייטש־אַדמיניסטראַטיווע אינסטי־טוציע פאַרן געטאָ — נאָר וועגן דעם שפּעטער.

עס איז אָבער, פון דער צווייטער זייט, נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז אין אָקופּירטן ביאַליסטאָק איז דאָס לעבן פון די ייִדן געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער מאַכט אַנדערש איינגעאָרדנט ווי אין ס׳רוב שטעט, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן ערשט זינט יוני־יולי 1941. אויב די מאַסן־פאַר־טיליקונג פון ייִדן אין ווארטעגאַו און אין דער גענעראַל־גובערניע האָט זיך נישט אָנגעהויבן גלייך מיטן אָנקום פון אָקופּאַנט, האָט זי זיך לגבי די ייִדן פון די אָקופּירטע סאָוועטישע געביטן אָנגעהויבן באַלד אין דער ערשטער צייט, נאָך אין יאָר 1941. דאַקעגן־זשע אין ביאַליסטאָק איז נאָך די ערשטע בלוטיקע טעראָר־אַקטן געקומען אַ פאַרהעלטענישמעסיקע באַרויקונג. אָבער ביאַליסטאָק איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין אויסנאַם. לפי ערך לאַנג האָבן זיך אויך געהאַלטן די געטאָ־רעשטלעך אין לאָדזש, קאָוונע א. א. די דאָזיקע אַנדערטערמינישקייט פון דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז געווען אַ רעזול־טאַט פון פאַרשידענע הינטער־קוליסן־שפּילן אינם לאַגער פון שונא, וועגן וואָס עס וועט זיין אַ רייד שפּעטער. דעצידירט וועגן די דאָזיקע טערמינען האָט סוף כל סוף נישט די לאָקאַלע מאַכט, נאָר די צענטראַלע, הגם די אָרטיקע — קעניגסבערגער און ביאַליסטאָקער — אָנפירנדיקע באַאמטע האָבן געהאַט אַ געוויסע השפּעה אויף די געשעענישן. מיר רעדן דאָ נישט בלויז וועגן ביאַליסטאָקער, נאָר אויך וועגן קעניגסבערגער מאַכט־אָרגאַ־נען, ווייל דער באַצירק ביאַליסטאָק איז פאַרבונדן געוואָרן אַדמיניסטראַ־טיוו מיט דער פּראָווינץ מזרח־פּרייסן. דער ציל איז געווען, אַז דער דאָזי־קער באַצירק זאָל אריינוואַקסן אין אָסט־פּרייסן. די דייטש־פאַשיסטישע

פּאָליטיק לגבי ביאַליסטאָק און זיין געגנט בכלל איז געווען, אַז דער דאָזיקער געביט זאָל ווערן לגמרי גערמאַניזירט 1).

וועגן דעם גורל פון די יידן אין ביאַליסטאָק האָבן, הייסט עס, דעצידירט אין גרונט־גענומען די צענטראַלע היטלעריסטישע אָרגאַנען אין בערלין. אָבער רעאַליזירט איז די פּאָליטיק פונם צענטער געוואָרן דורך דער לאָקאַלער אָקופּאַנטישער מאַכט — אין קעניגסבערג און אין ביאַליסטאָק. עס איז דעריבער נויטיק זיך צו באַקענען מיט אַט די אויספירער פון דער אויסנוצונג־, מאָרד־ און פאַרטיליקונג־פּאָליטיק, מיט וועלכע די יידן האָבן זיך אָנגעטראָפן אין קאָנקרעטן ביאַליסטאָקער עמק הבכא. באַטירלעך, וועט אויסקומען צו רעדן נישט וועגן די קליינע פישעלעך פונם שונאס לאַגער, נאָר וועגן די גרעסערע לאָקאַלע באַאַמטע, הגם אויך א סך קלענערע פיגורן דאַרפן טיילן די תליה מיט זייערע דירעקטע און אומדירעקטע באַפעל־געבער.

דער דירעקטער האַר פון לעבן און טויט איבערן ביאַליסטאָקער געטאָ האָט זיך עטלעכע מאָל געביטן. דאָס איז קיינמאָל נישט געווען קיין ענדערונג פון עצם־צוגאַנג צו דעם געטאָ, נאָר א מין טוישן די וואַך. לכתחילה איז דער באַלעבאָס איבער די יידן געווען די מיליטערישע מאַכט, דערנאָך איז דאָס געטאָ אַריבער אין רשות פון דער „נאָרמאַלער", ציווילער, דייטש־אָקופּאַנטישער אַדמיניסטראַציע, כדי לסוף אַריינצופאַלן אין די הענט פון דעם אויסשליסלעכן באַלעבאָס, דער געסטאַפּאָ און דער עס־עס. ביי יעדן מאָל פון טוישן דעם דירעקטן האַר האָט דער יודענראַט געמוזט אָנהייבן פונדאַסניי אַלע באַמיונגען און שתדלנותן, ווייל דער פרישער „אַפּוטרופּוס" האָט נישט געוואָלט וויסן וועגן די פאַראָרדענונגען פון זיין פאָרגייער און האָט אויפסניי געפאָדערט אויסקויף־געלט און זיין חלק אינם רויב. עס וואָלט אָבער א טעות געווען צו מיינען, אַז מיטן איבערנעמען די „השגחה" איבער דעם געטאָ מצד א נייעם באַלעבאָס, איז דער פריערדיקער לגמרי נעלם געוואָרן. עפּעס צו זאָגן איבער די יידן האָט געהאַט יעטוועדער דייטשער אַמט, פון גרעסטן ביזן קלענסטן. אַלע מינים פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט — די מיליטערישע, ציוויל־אַדמיניסטראַטיווע, אָרדענונג־פּאָליציאַישע, געהיים־פּאָליציאַישע, די פּאַרטייאישע און געריכטלעכע, די אָרטיקע און די צענטראַלע, די סטאַבילע און די פאַרביגייענדיקע, די נאָענטע און די ווייטע — אַלע האָבן זיי דערדריקט, אויסגענוצט, באַרויבט, טעראָרי־

---

1) „זידאָסטפּרויסישע צייטונג" פון 1־טן אויגוסט 1942.

זירט, פּאָגראָמירט און פּאַרטיליקט, און געטאָן האָבן זיי דאָס אַלע אײניי־
נעם, אָדער איטלעכער באַזונדער, אין מיטן העלן טאָג און אונטערן צודעק
פון דער נאַכט, אַלע האָבן זיי אויסגעפירט זייער ממשלה מיט מער אָדער
ווייניקער אכזריותדיקע מיטלען איבער די ייִדן און זיי געפירט מיט פאַר־
שידענע וועגן און מיטלען צום ענדציל, וועלכן עס האָט אָנגעצייכנט אין
זיין ערשטער אינסטרוקציע צו דער דייטשער געהיים־פּאָליציי אין די
אָקופּירטע געביטן ריינהאַרדט הײַדריך, דער ממלא מקום פונם אויבער־
מערדער הימלער — צום ענד־ציל, צום טויט.

אין דעם ריזיקן אַפּאַראַט, וואָס האָט געדאַרפט ארומנעמען מיט זיין
שפּינוועבס דאָס געטאָ און אויסזאָגן פון אים טראָפּן נאָך טראָפּן דאָס בלוט
און דאָס חיות, זיינען געווען מענטשן פאַרשידענע — מרה־שחורהדיקע און
גוטמוטיקע, סאַדיסטן און קאַלטע לונג־און־לעבערס, בייזע און העפלעכע,
טיפּשים און קלוגע, כאַבאַרניקעס און „פּרינציפּ"־עקשנים, אַריסטאָקראַטן
און פּלעבייער, אינטעליגענטן און עם־הארצים, „באַלעבאַטישע" דייטשן
און אונטערוועלט־טיפּן, אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט גערירט אָן דעם
זידל־וואָרט „דרעקיקער יודע" און אָן א שפּיצרוט, און אַנדערע, וואָס האָבן
„באַדויערט", כלומרשט מיטגעפילט, אָבער — געטאָן דאָס זעלביקע. ווייל
סוף־כל־סוף האָבן זיי אַלע געדינט — מיט פאַרשידענע נוסחאות — דעם
זעלביקן ציל, דעם „דריטן רייך", און דעם „פירער", אַלע זיינען זיי גע־
ווען באַוווסטזיניקע טיילן פון דער ריזיקער פּאַרטיליקנדיקער מאַשין,
וועלכע האָט געדאַרפט אָפּווישן פון דער ערד א בליענדיקן יידישן ישוב
מיט אַלע זיינע לעבנס. אַלע האָבן זיי געהערט צו איין לאַגער, צום לאַגער
פון שונא.

ביז נאָוועמבער 1942 איז אויף די ביאַליסטאָקער ייִדן, אויף דעם
געטאָ חל געווען די מאַכט פון דער א. ג. ציוויל־פאַרוואַלטונג פון דעם באַ־
צירק ביאַליסטאָק. דאָס הייסט נישט, אַז די אַנדערע דייטשע מאַכט־אָרגאַ־
נען, — א שטייגער די זיכערקייט־פּאָליציי און די מיליטערישע אינסטאַנ־
צן — האָבן נישט געהאַט קיין שליטה איבער די ייִדן. זיי האָבן געהערשט
איבער די יידן לויט די ליניעס פון זייערע טעטיקייטן, אָבער אַדמיניסטראַ־
טיוו איז דאָס געטאָ אונטערגעלעגן ביזן אויבנאָנגעצייכנטן טערמין, — דאָס
הייסט, ביז דער ליקווידירונג פון די יידישע ישובים פון דער ביאַליס־
טאָקער פּראָווינץ — דער ציוויל־פאַרוואַלטונג, וואָס איר זיץ־אָרט איז
געווען אינם בראַניצקי־שלאָס אויף קילינסקי־גאַס, וועלכע דער אָקופּאַנט
האָט משנה שם געווען אויף „דייטשע שטראַססע".

דאָ, אינם בראַניצקי־שלאָס, האָט געהערשט דער גייסט פון דעם גאַוליטער ע ר י ק ק אָ ך. דער גייסט — ווייל ע ר אַליין איז זעלטן געזעסן אין ביאַליסטאָק, ער פלעגט זיך אהער נאָר אַראָפּכאַפּן פון צייט צו צייט, וואָרעם פאַרמאָגט האָט ער אַ סך גרעסערע און וויכטיקערע אַמטן סיי אין „דריטן רייך", סיי אין די דעראָבערטע געביטן.

געהייסן האָט עס, אַז שעף פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג פאַרן באַצירק ביאַליסטאָק איז עריך קאָך. די דאָזיקע פירמע איז נייטיק געווען, כדי אַרויסצורופן ביי די היטלערישע באַאַמטע דרך־ארץ צום דאָזיקן ציווילן אַמט. וואָרעם דער ביאַליסטאָקער כבוד האָט געהערט צו די קלענסטע ביי עריך קאָכן. ער איז געווען: גאַוליטער פון נ.ס.ד.א.פּ. פאַר אָסט־פּרייסן; אויבערפּרעזידענט פון דער מזרח־פּרייסישער פּראָווינץ; רייכסקאָמיסאַר פאַר אוקראַינע. אַזוי אַרום האָט ער געהאַט עטלעכע רעזידענץ־שטעט: קעניגסבערג, ביאַליסטאָק, קיעוו (שפּעטער ראָוונע) און חוץ אַלעמען פלעגט ער אָפּט זיין אויף קאָנפערענצן אין בערלין; איז ער דאָך געווען איינער פון די נאָענטסטע מקורבים פון דעם „פירער" אַליין, איינער פון די עלטסטע מיטשעפער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (אין 1942 איז ער אַלט געווען 50 יאָר) 2).

ווי דער אויבער־פּרעזידענט פון דער פּראָווינץ אָסט־פּרייסן האָט עריך קאָך קאָנצענטרירט אין זיינע הענט די גאַנצע ציווילע מאַכט איבער דעם דאָזיקן לאַנד און איבער דעם באַצירק ציכענאַו (טשעכאַנאָוו) און ביאַליסטאָקער באַצירק, וועלכע זיינען איינגעגלידערט געוואָרן — טשעכאַנאָווער באַצירק זינט אָקטאָבער 1939 און ביאַליסטאָקער זינט יולי 1941 — אין מזרח־פּרייסן. דעם אויבער־פּרעזידענט איז אויך אונטערגעלעגן דער מזרח־פּרייסישער העכערער ס. ס. און פּאָליציי־פירער (וועלכער איז אין דער זעלביקער צייט געווען אונטערגעאָרדנט דעם רייכסזיכערהייטס־הויפּטאַמט אין בערלין, ד. ה. הימלערן; אַזוי אַרום איז עריך קאָך געווען סיי דער העכסטער ציווילער, סיי דער העכסטער פּאָליציייִשער אויטאָריטעט אין מזרח־פּרייסן. ער איז אויך געווען גאַוליטער פון נ.ס.ד.א.פּ.; מיט אַנדערע ווערטער — אויך דער העכסטער פּאַרטייִשער אויטאָריטעט. אַזוי אַרום האָט זיך אין די הענט פון דעם דאָזיקן מענטש קאָנצענטרירט די העכסטע מאַכט איבער די ריזיקע שטחים פון מזרח־פּרייסן און

2) דאָרטן, נומער פון 19-טן יולי 1942.

פון די אָקופּירטע טײלן פון אוקראַינע. אין די הענט פון אָט דעם היטלערס מקורב איז אויך אַרײַנגעפאַלן דער גורל פון ביאַליסטאָק.

אין ייִדישע ענינים איז ערִיך קאָך געווען אַן אַלטער מומחה. אויפן טרויעריק־באַרימטן פּאַרטיי־טאָג אין יאָר 1934 אין נירענבערג איז דער אָסט־פּרײַסישער גאַולײַטער געווען אײנער פון די הויפּט־מחותּנים, אײנער פון די מיטשעפער פון דער אַנטי־ייִדישער געזעצגעבונג. צום בוך, וואָס די נ.ס.ד.א.פּ. האָט ספּעציעל אַרויסגעגעבן לכבוד דעם נירענבערגער קאָנגרעס, האָט די הקדמה אָנגעשריבן נישט קיין אַנדערער ווי ערִיך קאָך — אַ ליאַדע ווער וואָלט נישט „באַגליקט" געוואָרן מיט אַזאַ כבוד 3).

דאָס איז נאָך אָבער געווען אַ בלאַסער פאָרשפּיל צו די מעשים תעתועים פון דעם דאָזיקן נאַצישן גדול אין דער צײַט פון דער מלחמה. אין די יאָרן 1941—1944, ווען ער איז געווען היטלערס פאַרטרעטער אין אוקראַינע, איז ער כסדר געשטאַנען אין שפּיץ פון אַלע רויב־ און מאָרד־אַקציעס אײבער דער דאָרטיקער באַפעלקערונג. ער איז עס געווען דער אינספּיראַטאָר פון דער שוידערלעכער שחיטה אין באַבי־יאַר, וווּ מען האָט אין אײן טאָג תחילת דער אָקופּאַציע אויסגעהרגעט 120 טויזנט קיִעווער אײַנוווינער, בתוכם 80 טויזנט ייִדן. דער 50־יעריקער קאָך האָט מיט שמחה און ענטוזיאַזם אַלײן פּערזענלעך געאײַלט צום דאָזיקן שחיטה־פּלאַץ. בעת דער ריזיקער מאַסן־מאָרד איז געווען אין סאַמע ברען, איז ערִיך קאָך געשטאַנען נישט ווײַט פון עקזעקוציע־אָרט, אויף אַ בערגל, און אָבסערווירט מעשה גענעראַל די הריגות, צוואַרפנדיק פון צײַט צו צײַט אַ באַמערקונג וועגן דער „טעכניק פון דער „אַקציע" 4).

מיט דער זעלביקער אכזריות האָט ער זיך אויסגעצײכנט שפּעטער אין ראָוונע, וווּ עס זײַנען אויף זײַן דירעקטן באַפעל אויסגעשאָחטן געוואָרן 102 טויזנט נפשות, ס'רוב ייִדן, פון אָרט און פון אַרום.

זײַן סאַדיסטישע שנאה האָט געפלאַקערט נישט בלויז צו ייִדן, נאָר צו די אונטערײאָכטע פעלקער בכלל. אין אַ ראַפּאָרט צום „פירער" האָט ער אין יענע גרויליקע טעג געשריבן: „מײַן ציל איז אַרויסצושיקן קײן דײַטשלאַנד די מאַקסימאַלע צאָל פון דער אַרבעטספּעיִקער באַפעלקערונג און די איבעריקע פולשטענדיק פאַרניכטן" 5).

(3 מאַכאַל: „ערִיק קאָך" נ' 3 (אַרכ' ייה"א).

(4 דיאַדיאַ מישאַ: „ערִיק קאָך — דער נאַצי-תּלין פון אוקראַינע" („נײַע פּרעסע", פון 20־טן יוני 1948, פּאַריז.

(5 פון די אַקטן פון נירענבערגער פּראָצעס.

ער איז געווען א מענטש, וואָס האָט זיך באמת מקיים צו זיין דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט. פאַרניכטן — נישט סתם אויפן פּאַפּיר. ער האָט טאַקע פאַרטיליקט — די יידן פון אוקראַינע, אוקראַינישע פויערים, פּוילישע פריזלעכע מענטשן. ער האָט ליב געהאַט אַליין אָנטיילצונעמען אין דער מאָרד־פאַרווילונג, ווייזנדיק א פערזענלעכן מוסטער זיינע עס־עס־יונגען. כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע מעשים תעתועים איז דער פאַל מיטן דאָרף לובין אין אוקראַינע. אין יוני 1944 האָט מען אים דאָרטן געזען, ווי ער דראָט מיט א רעוואָלווער אן אוקראַינישן פויער, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצושטעלן אין משך פון צוויי שעה א בריקל איבער א ראָוו. „דו דאַרפסט אויף אויסבויען דאָס בריקל א טאָג און איך וועל עס מאַכן אין א האַלבער שעה!" — האָט דערקלערט דער רייכס־קאָמיסאַר. ער האָט געגעבן א באַפעל זיינע מענטשן, מען זאָל צום ראָוו צונויפטרייבן אַלע איינוווינער פונם דאָרף. עס האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אויטאָמאַטן און פּיסטאָלעטן. דיריזשירט מיט דער שיסעריי האָט קאָך אַליין. אין עטלעכע מינוט איז דער ראָוו פאַרפולט געוואָרן ביז צו די ברעגעס מיט פאַרבלוטיקטע קערפּערס פון 116 מענער, פרויען און קינדער, און דער רייכס־קאָמיסאַר איז רואיק דורכגעפאָרן איבער דער „לעבעדיקער בריק".

דאָס דאָרף לובין האָט זיך געהאַט פאַרזינדיקט — אין דער געגנט האָבן זיך באַוויזן פּאַרטיזאַנער 6).

אין די הענט פון אַזאַ סאַדיסט איז געלעגן דאָס לעבן און טויט פון ביאַליסטאָקער געטאָ. צוליב א פּלאָנטער פון א ריי סיבות, וועלכע וועלן אויפגעקלערט ווערן שפּעטער, איז דער גורל פון די ביאַליסטאָקער יידן נישט געחתמעט געוואָרן באַלד ביים אָנהויב, און עריך קאָך האָט נישט געקאָנט תיכף ומיד זיך באַגיין מיטן ביאַליסטאָקער געטאָ אַזוי ווי מיט די קיעווער און ראָוונער יידן. די ערשטע צייט איז קאָכס ליניע געווען: תיכף פאַרטיליקן די יידן אין ביאַליסטאָק. ווייזט אויס, אַז ער האָט דעמלט געדאַרפט אויספירן די אַלגעמיינע ליניע וועגן דעם, אַז אין די פּוס־טריט פון דער אַריינדרינגענדיקער דייטש־פאַשיסטישער אַרמיי דאַרפן פיזיש אויסגעראָטן ווערן די יידן; דאָס איז די ליניע, וועלכע איז רעאַליזירט געוואָרן אין די פאַרכאַפּטע סאָוויעטישע געביטן. קאָכס יידן־פּראָגראַם פון יענער צייט דריקט זיך אויס אין זיין דעמלטיקן דעוויז — אַז זיין גאַנצער „גאַו", דערונטער אויך ביאַליסטאָק, מוז ווערן „יודענריין" 7). אין א צייט שפּעטער,

---

6) דיאַדיאַ מישאַ — דאָרטן.
7) מאַכאַל, דאָרטן ג' 4.

ווען די היטלעריסטישע פּאָליטיק לגבי ביאַליסטאָק האָט — צוליב דעם, וואָס אונטער דער העלדישער און שטאַרקער פּאַרטיידיקונג און קעגנאַנגריפן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָבן די דייטשן געמוזט רעזיגנירן פון בליץ־קריג און מסכּים זיין אויף אַ פאַרשלעפּטער מלחמה — צייטווייליק געענדערט איר ריכטונג אין דעם זין, אַז דאָס געטאָ פאַרבלייבט לעת עתּה ווי אַ פּראָדוקטיווער געביט, אַ נייטיקער פאַר דער מיליטערישער פאַרזאָרגונג, האָט קאָך פונדעסטוועגן— קענענדיק גוט די סודות און ענדצילן פון זיינע בערלינער פירער לגבי די יידן — נישט רעזיגנירט פון מאַכן ביאַליסטאָק "יודענריין", ער האָט דעמלט אויף אַ געהיימער זיצונג דערקלערט, אַז דער גירוש פון אַלע יידן פון ביאַליסטאָקער באַצירק יועט יאָ פאַרווירקלעכט ווערן, נישט מער — עס איז נאָך נישט באַשטימט גענוי דער טערמין 8). אין געוויסע געטאָ־קרייזן, סיי אין יודענראַט, סיי אין אונטערערד, איז מען וועגן דעם געווען לפי ערך אינפאָרמירט; עס זאָגן וועגן דעם עדות די אַנטשפּרעכנדיקע פּאַסוסן אין מרדכי טענענבוימס נאָטיצן. נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס שוין קאָכס נאָמען אַליין האָט אָנגעוואָרפן אויף די יידן אַן אימה. למשל אין 1943 איז אין ביאַליסטאָק אַרויס אַ קלאַנג, אַז קאָך דאַרף איינגיכן באַזוכן דאָס געטאָ; ביי די יידן איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק; מען האָט גענומען באַהאַלטן די קינדער; די, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויסגיין אויף אַרבעט מחוץ דעם געטאָ, האָבן זיך פאַרשטעקט אין דער היים; באַראַש איז אַרומגעגאַנגען דערשראָקן צום טויט. מען גיט אויך איבער (און אפשר איז עס נאָר אַ קלאַנג), אַז מען האָט איינמאָל פאַר קאָכן געמאַכט פון גאָלד אַ גרויסן האַקנקרייץ 9). פון קאָכן שטאַמט דער שטרענגער פאַרבאָט נישט צו געבן קיין באַשפייזונג פאַר די יענע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ביאַליסטאָקער געטאָ „אומלעגאַל" — פאַר פּליטים, זקנים, קראַנקע זכדומה. הגם אין די פראַגן איז ער געווען דער ממשיך און אויספירער פון דער אַלגעמיינער יידן־אויסראָטערישער פּאָליטיק, אָבער ער איז דאָך געווען איינער פון די מיטשעפער פון דער דאָזיקער פּאָליטיק און איינער פון אירע פלייסיקסטע אויספירער. עס איז קלאָר, אַז פאַר דער פאַרטיליקונג פון די יידן פון ביאַליסטאָק און אומגעגנט איז עריק קאָך איינער פון די צוממיינסטן פאַראַנטוואָרטלעכע.

---

8) מאַכאַל, דאָרטן, ז' 13.

9) ג"ע פון יעקב כאַבראַטאָווסקי (איבערגעגעבן דורך ש. דאַטנער).

אָט ווי עס כאראקטעריזירט קאָכן דער ביאַליסטאָקער הויכער געס־
טאַפּאָ־באאמטער וואלדעמאר מאכאל (אין זיינע באַטיצן, וואָס ער האָט אָנ־
געשריבן די לעצטע נאכט פאר זיין דערשיסונג דעם 27־טן יולי 1949):

עריק קאָך איז פריער געווען א מיליטער באַן־באאמטער. א היטלעריסט
איז ער געוואָרן פון די ערשטע צייטן פון היטלערס טעטיקייט. ער איז דע־
ריבער פארעכנט געוואָרן ווי אן „אלטער קעמפער פון נ.ס.ד.א.פ.” און
איז באלוינט געווען מיט א גאָלדענעם ערן־צייכן. אין פּאָליטישע פראגן איז
קאָך געווען ריקזיכלאָז. ער האָט נישט פארטראָגן קיין שום ווידערשפרוך.
זיין דעוויז איז געווען: „דער פירער באפעלט, אלע אנדערע האָבן צו הערן
און די געגעבענע באפעלן אויסצופירן אָן שום טענות” 10).

ריקזיכלאָז איז ער אויך געווען אין דער נאטור. ווי א טיפּישער פאַ־
שיסט האָט ער באזייטיקט זיינע פערזענלעכע קעגנער אָן שום קווענקל. עס
איז באקאנט זיין קאָנפליקט מיטן שעף פון דער זיכערקייט־פּאָליציי אין
קעניגסבערג ד״ר ראש — דער לעצטער האָט געמוזט אפטרעטן. ער האָט
זיך געריסן מיטן העכערן ס.ס. און פּאָליציי־פירער פון מזרח־פרייסן פאָן
דעם באך. אזוי איז אויך געווען מיט זיין ערשטן פארטרעטער אין ביאַליס־
טאָק מאגוניא. קאָך האָט אויסגענוצט זיין מאכט פאר ריין־פּריוואטע זאכן.
ער איז געווען תמיד פול מיט הויכע פראזעס, אָבער איינצייטיק האָט ער
נישט פארגעסן זיך צו באַרייכערן אויפן אומגליק פון אנדערע. מיט דער
צייט איז ער געוואָרן דער גרעסטער גוט־באזיצער פון מזרח־פרייסן 11).
ער האָט נישט איינמאָל אויך געהאט קאָנפליקטן צוליב אזעלכע מעשים
מיט הימלערן. ער האָט אויך געהאט קאָמפּעטענץ־קאָנפליקטן מיט ראָזענ־
בערגן, דעם רייכסמיניסטער פארן אסט־געביט, וועלכן קאָך איז אויך אונ־
טערגעלעגן. ער איז אָבער — פונקט ווי דער לעצטער — געווען א מקורב
צום „פירער”, וועלכער האָט דאָך אייגנהענטיק אונטערגעשריבן זיין נאָ־
מינאציע אויפן שעף פון דער ציוויל־פּארוואלטונג אין ביאַליסטאָק. וואל־
דעמאר מאכאל ציטירט פון זכרון קאָכס נאָמינאציע דורך היטלערן: „פי־
רער־באפעל: 1. איך באשטים פארן שעף פון דער ציוויל ־ פארוואלטונג
פארן באצירק ביאַליסטאָק דעם גאולייטער עריק קאָך. ער איז אין דער דאָ־

---

10) מאכאל, דאָרטן.
11) מאכאל, דאָרטן, נ׳ 11. אויך מאכאלס: „אַנטוויקלונג און אָרגאַניזאַציע פון
זיכערקייטס-וועזן אין נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישן פּעריאָד”, I טייל ז׳ 10
(אַרכ׳ ייה״א).

זיכער אייגנשאַפט אונטערגעשטעלט מיר פּערזענלעך און לגבי מיר פאַראַנטוואָרטלעך. 2. דער שעף פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג פאַרן באַצירק ביאַליסטאָק האָט רעכט איינצושטעלן רעכט (געזעצן) — אַדאָלף היטלער" 12). אַזוי אַרום טראָגט פאַר אַלע געזעצן און פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט אין ביאַליסטאָק די פאַראַנטוואָרטלעכקייט עריך קאָך. זיין אַמט ווי דער שעף פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג פון באַצירק ביאַליסטאָק האָט קאָך איבערגענומען דעם ערשטן אויגוסט 1941 13).

הגם קאָך איז ס'רוב געזעסן אין קעניגסבערג, האָבן זיך דאָך צו אים געצויגן אַלע פעדים פון דער ביאַליסטאָקער אָקופּאַנטישער מאַכט. ער איז געווען גענוי אינפאָרמירט, וואָס עס קומט פאָר אין ביאַליסטאָק דורך סיסטעמאַטישע „לאַגע־באַריכטן". קיין שום וויכטיקן שריט האָבן זיינע פאַרטרעטער אין ביאַליסטאָק נישט אָנגענומען און נישט געמאַכט אָן אים.

קאָך — שרייבט ווייטער מאַכאַל — איז געווען באַקאַנט ווי א שונא פון פּאָליאַקן; ער איז געווען א פאַנאַטישער אָנהענגער פון דער ראַסיסטישער טעאָריע פון דייטשן ווי א „הערן־פאָלק"; ער האָט עס איינגעפירט פאַר די פוילישע אַרבעטער אין מזרח־פּרייסן דעם צייכן „פּ". ער האָט דורכגעפירט די געוואַלט־גערמאַניזירונג פון סוואַלקער ראַיאָן.

קאָך איז אויך געווען באַקאַנט ווי א גרענעצלאָזער האַסער פון יידן. אין אויגוסט, אָדער סעפּטעמבער 1941 איז פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָקער שלאָס א דינסט־פאַרזאַמלונג — עס זיינען געקומען די קרייז־קאָמיסאַרן פון דער פּראָווינץ, די רעפערענטן פון אַלע וויכטיקערע אָפּטיילן א.א. מאַכאַל איז אַנוועזנדיק געווען אויף דער אסיפה, פאַרטרעטנדיק די געסטאַפּאָ. מיט א רעדע איז אַרויסגעטרעטן עריך קאָך אַליין. איינער האָט געשטעלט א פראַגע: וואָס וועט זיין מיט די יידן? — אויף דעם האָט קאָך געענטפערט: „מיינע הערן! אויב איר וועט אַליין נישט פאַרטיק ווערן מיט די יידן אין באַצירק ביאַליסטאָק, וועל איך נעמען די ס.ס., און זי וועט אויף מיין אויפטראַג מיט די יידן זיך אַן עצה געבן". פאַר אַלעמען אויף דער דינסט־פאַרזאַמלונג איז געווען קלאָר, אַז די יידן וועט מען ליקווידירן. קאָך איז שפּעטער געווען זייער צודרינגלעך אין דעם ענין פון דורכפירן די אַקציע קעגן די יידן אין באַצירק ווי צום פריסטן און צום שנעלסטן 14).

---

12) מאַכאַל, דאָרטן, ז׳ 3.
13) „זידאָסטפּרויסישע צייטונג" פון 1־טן אויגוסט 1942.
14) מאַכאַל, ז׳ 11.

א צווייטער היטלעריסטישער באאמטער, דער אמטס־קאָמיסאר פון מי־באלאָווע, ביאַליסטאָקער באצירק, פאול מעלצער, וועלכער האָט געקענט קאָכן זינט 1931, שטעלט אויך פעסט דאָס אייגענע. קאָך איז געווען פאר א אומברחמנותדיקער פארטיליקונג פון די יידן און פאר דער אויסראָטונג פון דער פוילישקייט אויף די אָקופּירטע געביטן 15).

אין דער היטלעריסטישער „זידאָסטפּרויסישער" צייטונג פון ערשטן אויגוסט 1942 געפונען מיר אן ארטיקל, געווידמעט דעם ערשטן יאָר פון עריך קאָכס טעטיקייט איז ביאַליסטאָק. דער מחבר לויבט קאָכן קודם כל פאר זיין „אויסרייניקן" די שטאָט פון יידישקייט. עס זיינען פארשוונדן, שרייבט דער היטלעריסטישער זשורנאַליסט, פון דעם „ארישן" טייל פון דער שטאָט שילדן מיט אזעלכע נעמען, ווי פינקעלשטיין, בלומענשטיין, זילבערמאן.

עריק קאָך האָט אָפט צוזאמענגעארבעט — בפרט אין די פראגן פון אויסוואָרצלען די פוילישקייט און פון גערמאניזירונג — מיטן גאוליי־טער פון דאנציק פאָרסטער, וועלכער האָט אויך געהאט די זעלביקע אויפ־גאבע אינם תחום פון זיין „גאו" 16).

עריק קאָך האָט ס'רוב אמטלעך פארבראכט אין קעניגסבערג און אוק־ראינע, ווו ער האָט געהאט אויסצושטיין גרויסע צרות ביים איינהאלטן די דייטשע מאכט. אין די פאלן האָבן אים אין קעניגסבערג סטאביל פארטרעטן דער רעגירונג־פּרעזידענט ה אָ פ מ א ן, וועלכער האָט אויסגעפירט א טייל פון דער פאקטישער השגחה איבער ביאַליסטאָק, און דער געהילף אויפן גאוליטער־אמט ג ר יי ס ע ר. אין בראניצקי־שלאָס איז אויך געזע־סן קאָכס א שטענדיקער פארטרעטער: לכתחילה איז עס געווען דער קעניגס־בערגער דייטש מ א ג ו נ י א, דערנאָך — ווען דער לעצטער איז אריינ־געפאלן ביי קאָכן אין אומחן — דער טילזיטער דייטש ד"ר ב ר י ק ס.

מאגוניא איז געווען דער מושל איבער ביאַליסטאָק אין משך פון א קורצער צייט — ביזן סוף 1941. פאר זיין צייט זיינען געפאלן די ערשטע שווערע קלעפּ אויף די יידן. די אנטי־יידישע פאראָרדענונגען האָט מארגוניא איינגעפירט אין לעבן אָן קווענקל. שוין זיין אויסערלעכער אויסזען האָט אָנגעוואָרפן אן אימה; אָט ווי עס שילדערט אים אן עד ראיה: — א ריזיקע

---

15) אַרכ' פון ייה"א, אַקט נו' 1282.

16) „קעניגסבערגער אַלגעמיינע צייטונג", נ' 478. עריק קאָך איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פוילישער פאָלקס־יוסטיץ און וואַרט איצט אויף זיין משפּט אין וואַרשע.

שטיק פעטע פלייש, 120 קילאָגראַם די וואָג, א בויך ווי א פאַס און א פּנים פון א שיכור 17).

מאַגוניאַ איז געווען אן אַלטער מיטגליד פון נ.ס.ד.א.פּ., א פּאַרטיי־פונקציאָנאַר, גאַוּאַבמאַן פון „אַרבעטספראָנט" אין מזרח־פּרייסן. פריער איז ער געווען א בעקער־מייסטער און א באַלעבאָס פון א בעקעריי אין קעניגסבערג 18). פון יאָר 1942 האָט דעם אמט פון קאָכס שטענדיקער פאַרטרעטער אין ביאַליסטאָק פאַרנומען דער פריערדיקער לאַנדראַט פון טילזיטער קרייז ד"ר בריקס. דער הויפט־אָנשטרענג פון דעם לעצטן איז קודם־כל געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אָפּווישן יעדן שפּור פון פּוילישקייט, יידישקייט און ווייסרוסישקייט אין דער געשיכטע פון ביאַליסטאָק; ד"ר בריקס האָט געדאַרפט דערוויזן, אז ביאַליסטאָק איז איינגעגלידערט אין מזרח־פּרייסן נישט על פּי צופאַל, נאָר ווייל דאָס איז מקדמונים א גערמאַנישער לעבנס־שטח 19). אין הסכם מיט דער איינשטעלונג האָט ד"ר בריקס מיט אייליקע טעמפּן גערמאַניזירט די שטאָט און ממילא געשטרעבט פּטור צו ווערן וואָס שנעלער פון די יידן — אויף וויפל די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן האָבן געקאָנט דערלויבן. די דירעקטע אדמיניסטראַטיווע מאַכט איבער געטאָ האָט ד"ר בריקס דורכגעפירט דורך צוויי קאַנאַלן: דורך דעם שטאָט־קאָמיסאַר, וועלכער איז איינצייטיק געווען אויבערבירגערמייסטער, און דורך דער אָרדענונג־פּאָליציי. דער ערשטער בירגערמייסטער ריגערט האָט שנעל פאַרלאָרן דעם חן ביי דער אויבערשטער אָקופּאַנטישער מאַכט, מחמת ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די יידן ביים אויסבייטן דאָס אָרט פאַר א געטאָ פון די כאַנייקעס אויף דעם געביט ביי דער ביאַלקע 20); געטאָן האָט ער דאָס, ווייל ער האָט געהערט צו די „געשמירטע דייטשן", דאָס הייסט צו די, וואָס לאָזן זיך אונטערקויפן 21). אזוי אַרום איז ער אַריינגעפאַלן

17) ג"ע פון בערל שאַצמאַן (מחבר אַרכ'), וועלכער קען גוט די דייטשע באַאַמטע פון ביאַליסטאָק, ווייל ער פלעגט זיי — אויף באַראַשעס אויפטראָג — מוזן מאַכן שטיוול ווי דער בעסטער שוסטער אין שטאָט.

18) מאַכאַל — ענטפער אויף דעם מחברס אַנקעטע. מאָגוניאַ האָט געענדיקט ווי א וואַכמייסטער פון אַרטילעריע און איז, משמעות, אומגעקומען אויפן מזרח-פראָנט.

19) „דויטשער קאַלענדאַר פיר דען בעצירק ביאַליסטאָק", 1944, לאַנדראַט ד"ר בריקס: „די מעגליכקייטען אים בעצירק ביאַליסטאָק", ז' 29.

20) ג"ע פון י. ציטראָן, אַרכ' ייה"א, פּראָט. נ' 1755. ריגערט איז געווען א ברודער פון אַן אָרטיקן דייטש, און דורך דאַנען זיינען געגאַנגען די פאַרבינדונגען מיט יידן.

21) אינפ' פון פּ. בורשטיין.

אין אומחן און באַזייטיקט געוואָרן. זיין אָרט האָט פאַרנומען ד״ר שווענדאָוויוס, דער אויבער־בירגערמייסטער פון דער דייטשער שטאָט אינסטערבורג און דער קרייזלייטער פון נ.ס.ד.א.פּ. אין דער זעלביקער שטאָט 22); שווענדאָוויוס איז זיך באַגאַנגען מיט די יידן מיט דער פולער האַרטקייט און אכזריות, אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו רויבן און זיך איזדעקעווען; ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין א ריי אפּערעס איניינעם מיט פינצטערע פאַרשוינען אין געטאָ און זיך קוים אַרויסגעפּלאָנטערט 23). א פאַרפּלאָנטערטער אין פאַרשידענע קרימינעלע מאַכינאַציעס איז ער אויך סוף כל סוף באַזייטיקט געוואָרן דורך זיינע מושלים 24). דעם אויבער־בירגערמייסטער, וועלכער איז געווען שטאָט־קאָמיסאַר פאַר דער שטאָט ביאַליסטאָק, האָט די ציוויל־פאַרוואַלטונג, דאָס הייסט — ד״ר בריקס געהאַט אָנפאַרטרויט די דירעקטע אַפּוטרופּסות איבערן געטאָ. די דאָזיקע „השגחה״ האָט דער קרייז־קאָמיסאַר דורכגעפירט דורך דער א. ג. געטאָ־פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט געהאַט ביז נאָוועמבער 1942 צו זאָגן איבער אַלע געטאָ־ענינים און בעיקר זיך פאַרנומען מיט דער פּראָדוקציע פון די געטאָ־פאַבריקן. דאָס איז געווען אַן ענלעכע סיטואַציע ווי אין לאָדזש. די דאָזיקע געטאָ־פאַרוואַלטונג ביים קרייז־קאָמיסאַר האָט געשפּילט א באַזונדערע ראָל אינם פאַרוויגן די יידן אין דער פאַרפירערישער האָפענונג, אַז זיי וועלן אויסדייערן, אויב זיי וועלן בעסער אַרבעטן.

דער צווייטער קאַנאַל, דורך וועלכן די ציוויל־פאַרוואַלטונג האָט דורכגעפירט אירע גזירות לגבי דעם געטאָ, איז געווען די אָרדנונגס־פּאָליציי מיט איר קאָמאַנדיר פּאָליציי־פּרעזידענט ס.א.־בריגאַדע־פירער אויגען דאָרש בראַש 25). צו זיין פולן טיטל איז צוגעקומען נאָך איין נאָמען — „הערר דער אָרדנונגס־פּאָליציי״. דער דאָזיקער דאָרש האָט ביז נאָוועמבער 1942 געהאַט די גאַנצע פּאָליצייאישע שליטה איבער די ביאַליסטאָקער יידן. ווי עס גייט איבער אַן עד ראיה, איז דאָס געווען אַן אַלטער מזרח־פּרייסישער יונקער, אַן איבער זעכציקיעריקער, א הויכער און דאַרער, מיט א „הדרת פּנים״, גערעדט האָט ער לאַנגזאַם און קיינמאָל נישט בייז, קיינמאָל זיך נישט געהיצט, מעשה אַריסטאָקראַט, וואָס קען זיין אייגענעם ווערט, קיינמאָל נישט גערעדט צו יידן מיט באַליידיקנדיקע ווערטער, ס׳רוב

---

22) מאכאל, נ׳ 4, ז׳ 12.
23) ענין זעליקאָוויטש — וועגן דעם ווייטער.
24) שווענדאָוויוס זאָל האָבן אומגעקומען אין יאָר 1944 אויפן מזרח-פראָנט.
25) מאכאל — ענטפער אויפן מחברס אַנקעטע.

פער „איר" און „זי". אָבער אונטער דער דזשענטלמענישער הויט האָט זיך באַהאַלטן אַ באַנדיט; רואיק און געלאַסן האָט ער אונטערגעשריבן אַלע גזירות און געוועבט די נעץ פאַרן קרבן, פאַר זיין טראַגישן סוף. בישט געקוקט אויף זיין גאַנצער „דיסטינגירטקייט" האָט דאָרש אויסגעפירט די ליניע פון ב.ס.ד.א.פּ. און פון דער רעגירונג מיט אַלע פּיטשעווקעס 26).

געהאַט האָט ער עטלעכע פאַרטרעטער, וועלכע האָבן — איטלעכער אויף זיין געביט — געהאָלפן וועבן די שטריק, וואָס איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן האַלדז פונם ייד. עס האָבן צו זיי געהערט: דער קאָמאַנדער פון שופּאָ (שוץ־פּאָליציי) מאַיאָר שוואַלם און זיין מיטאַרבעטער דער הויפּטמאַן קאַפּיטאַן שימאַנסקי, וועלכער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין באַרויבן די יידן און איינצייטיק זיי געהאָלפן ביים אַרויסגעבן פאַלשע דאָקומענטן און צייגנישן — ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן(27); דער אָנפירער פון דער זשאַנדאַרמעריע, וועלכער האָט געהאַט אין איר רשות די ביאַליסטאָקער פּראָווינץ, אָבערסט (פּאָלקאָווניק) הירשפעלד און זיין מיטאַרבעטער מאַיאָר לימפּערט — און אַנדערע. ווען דאָרש איז אוועק פון זיין אַמט, איז אויף זיין אָרט באַשטימט געוואָרן דער זשאַנדאַרמעריע־אָבערסט פאָן ברעדאָוו 28). פאָן ברעדאָוו איז געקומען פון אָקופּירטן זשיטאָמיר, ווו ער האָט געאַרבעט אַ צייט צוזאַמען מיטן גענעראַל העללוויג, וועגן וועלכן עס וועט זיין אַ רייד שפּעטער 29). באַוואָפנט מיט דער בלוטיקער דערפאַרונג פון אָקופּירטן אוקראַינע, זיינען זיי — אפּנים לויט קאָכס רעקאָמענדאַציע — אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אין ביאַליסטאָקער באַצירק, וווּ עס האָט די היטלעריסטן אין יאָר 1943 גענומען ברענען דער באָדן אונטער די פיס.

פון צווישן דעם אָנפירנדיקן פּערסאָנאַל פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג איז כדאי אויסצוצייכענען נאָך עטלעכע נעמען, מיט וועלכע עס זיינען פאַרבונדן די אויסרויבונג, אויסנוצונג און דערנידעריקונג פון דעם ייד. מיכן פּרעזידיאַלן ביוראָ פון דעם שעף פון דער ציוויל־באַפעלקערונג האָט געקערעוועט דער רעגירונגס־אַמטסמאַן קליין, איינער פון די „געשמירטע דייטשן"; מיט די ווירטשאַפטלעכע ענינים — אָבעררעגירונגסראַט ד"ר

---

26) ג"ע פון ב. שאַצמאַן (מחברס אַרכ').
27) קאָט — ז' 35. מאַכאַל און פרידעל גיבן אויך איבער דעם פאַקט, אָבער זיי געדענקען נישט דעם נאָמען שימאַנסקי.
28) מאַכאַל — דאָרטן.
29) מאַכאַל: „אַנטוויקלונג" — אאַז"ו, ז' 3—4.

ליפקע; מיט די דערנערונגן־פראגן — רעגירונגסראט ד״ר שעער און מיט די צוגערויבטע יידישע אומבאוועגלעכע פארמעגנס — רעכטסאנוואלט ד״ר געגינאט, א שוואגער פון ד״ר בריקס, ד״ר געגינאט איז געווען לייטער פון דער טרויהאנד־שטעללע אין ביאליסטאק און האט איינינעם מיטן שוואגער געמאכט גרויסע געשעפטן און א פארמעגן. נישט קיין קלענערע געשעפטן האט געמאכט דער לייטער פון אינדוסטריע־אמט ביי דער ציוויל־פארוואלטונג צימערמאן, א געניטער סוחר, א בלאטער יונג, וואס האט געמאכט מיט יידן כלערליי משא ומתנס, אויסנוצנדיק זייער טראגישע לאגע 30).

אט די אלע באאמטע פון דער ציוויל־פארוואלטונג האבן, איטלעכער אויף זיין אפשניט, מיט אייפער פארווירקלעכט די אנטי־יידישע פאליטיק. די דאזיקע ציווילע באאמטע האבן עס בארויבט די יידן פון דערנערונג, באהייצונג, וווין־שטח, אומבאוועגלעכע און באוועגלעכע גיטער. א באפולמעכטיקטער דורך זיי האט דער שעף פון דער ביאליסטאקער פראדוקציע ריטמייסטער פארפיניקט די געטא־אסורים מיט אוממענטשלעכער ארבעט 31). זיי האבן עס מיט איין פעדער־שטריך אוועקגעשטעלט מחוץ דעם גדר פון די, וואס האבן א רעכט צו לעבן, גאנצע גרופעס, טויזנטער יידן.

די באאמטע פון שלאס האבן אויך געהאט אן איינפלוס — פאראלעל מיט די מענטשן־פארניכטער פון דער ארדנונגס־פאליציי — וועמען מען דארף פארשפארן אין דער גרויזאמער תפיסה, ווו עס האט די שליטה איבערן ארעסטאנט באקומען דער מערדער קנעפעל, דער שעף פון דער ביאליסטאקער טורמע. דער דאזיקער „באלעבאטישער" דייטש, א „טעכנישער קויפמאן" פון בערלין, האט געהאט אן אויסטערלישע סאדיסטישע נייגונג צו מארדן קינדער, וואס האט אים אבער נישט אפגעהאלטן פון האבן הנאה אויך פון דערהרגענען, אדער פארפייניקן צום טויט דערוואקסענע מענטשן, די איינגעשליידערטע קרבנות אין די אומהיימלעכע קאמערן און קעלערס פון זיין מלכות־תפיסה 32).

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אז דאס געטא האט געהאט באזונדערע צרות אויסצושטיין פון דער זיכערקייט־פאליציי. פירער פון ביאליסטאקער ס.ס. און פאליציי איז לכתחילה געווען פראם, וועגן וועלכן עס זיינען פאראן קארגע ידיעות. זינט מאי 1943 האט דעם דאזיקן אמט איבער־

---

30) ג״ע פון ב. שאצמאן.
31) דארטן.
32) דארטן.

גענומען דער בריגאַדע־פירער און פּאָליצײ־גענעראַל, דער אַלטער נ.ס.ד.א.פּ.־מיטגליד און געניטער פּאָליציייִשער באַאַמטער אָטאָ העללוויג, וועלכער איז פאַר ביאַליסטאָק געווען ס.ס. און פּאָליצײ־פירער אין אָקופּירטן זשיטאָמיר.

גענעראַל אָטאָ העללוויג איז אין יענער צייט געווען א 50־יעריקער. פאַר זיינעטוועגן האָבן עס געטאָ־שקלאַפן געמוזט בויען אין א שנעלן טעמפּאָ א פּאַלאַץ־דאַטשע הינטער ביאַליסטאָק, אין מאַרקאָווטשיזנע, טוענדיק די עבודת פּרך אין הונגער און אונטער כסדרדיקער נגישות. ביי יידן האָט גענעראַל העללוויג באַקומען דעם צונאָמען — „דער גרויסער טיראַן"; זיינע אונטערגעאָרדנטע דייטשע באַאַמטע אַליין האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אכזר 33). ער האָט אַזוי פלייסיק געאַרבעט פאַרן היטלערישן רעזשים, אַז ער איז סוף כל סוף געוואָרן העכערער ס.ס. און פּאָליצײ־פירער איבער מזרח־פּרייסן אין קעניגסבערג. דער דירעקטער „אַפּוטראָפּוס" איבער די אַרבעט־שקלאַפן אין מאַרקאָווטשיזנע איז געווען דער ס.ס.־מאַן בלום. געג. העללוויגס רעכטע האַנט איז געווען דער ס.ס.־מאַן גראַנד 34).

דעם ס. ס. און פּאָליצײ־פירער איז אונטערגעלעגן די זיכערקייט־פּאָליצײ, וועלכע האָט די גאַנצע צייט אָנגעטאָן דער באַפעלקערונג געברענטע צרות, אָבער זינט נאָוועמבער 1942 איז זי געוואָרן דער פולער באַלעבאָס איבערן געטאָ. אין געטאָ האָט מען געוווּסט נאָר פון דעם אַנגסט־אָנפילנדיקן קיצור — געסטאַפּאָ. אָבער באמת האָט די געהיימע שטאַטס־פּאָליצײ געבילדעט נאָך איין קעמערל פון דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון דער זיכערקייט־פּאָליצײ, צו וועלכער עס האָט געהערט סיי די געסטאַפּאָ, סיי קריפּאָ (קרימינאַל־פּאָליצײ). אין דעם לאַגער פון שונא האָט דער דאָזיקער אָרגאַן, די זיכערקייט־פּאָליצײ, אויסגעפירט די גרויזאַמסטע ראָל. די ערשטע קעמערלעך פון דער „סיפּאָ" (זיכערקייט־פּאָליצײ) זיינען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק אין אויגוסט 1941.

די ערשטע גרופּע סיפּאָ־לייט איז געשיקט געוואָרן פון אַללענשטיין (אָלשטין), מזרח־פּרייסן, אין דער צאָל פון 15—20 מאַן אונטער דער אָנ־

---

33) ג"ע פון אַניע ווינציגשטערן, אַרכ' ייה"א, פּראָט. נ' 1973; די ידיעות וועגן העללוויגן זיינען אויך געשעפּט פון מאַכאָלס „אַנטוויקלונג — אַאַז"ו", טייל II, ז' 3—4. געג. העללוויג איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט ביי די ענגלענדער, אָבער מען הערט נישט, מען זאָל אים דאָרטן משפּטן.

34) דאָרטן.

פירונג פון קאָמיסאר מאַכאַל. איר אויפגאַבע איז געווען אוועקצושטעלן א דערווייליקע געהיים־פּאָליציי־שטעלע אין ביאַליסטאָק. די חברה־לייט זיינען געקומען ווי אויף א חתונה. מען האָט באַגאָסן דעם ערשטן ארויס־פאָר און געטרונקען וויין לכבוד דעם אויפשטעלן א זיכערקייט־פּאָליציי־אַמט אין ביאַליסטאָק. לכתחילה האָט די ביאַליסטאָקער שופּאָ־שטעלע גע־שאַפן אַן אָפּטיילונג פון אַללענשטיינער זיכערקייט־פּאָליציי. אינגיכן ווערט ביאַליסטאָק „דערהויבן" צו א זעלבשטענדיקן באַצירק אויך אינם סיסטעם פון דער דייטשער זיכערקייט־פּאָליציי. עס ווערן אהער דעלעגירט אויף אַרבעט פּאַרטרויטע מענטשן, געניטע פּאָליצייאישע הינט, פון קעניגס־בערג, אַללענשטיין, טילזיט און אַנדערע מזרח־פּרייסישע שטעט 35).

דער אַמט פון דער זיכערקייט־פּאָליציי פון ביאַליסטאָקער באַצירק אונטערליגט איינצייטיק צוויי באַפעלגעבער — דעם ביאַליסטאָקער ס.־ס.־ און פּאָליציי־פירער און דעם „באַפעלהאַבער" פון סיפּאָ און ס.ד. פאַר דער פּראָווינץ אָסט־פּרייסן, דעם ד"ר קאַנאַריס.

ד"ר אי. קאַנאַריס — א ברודער פון דעם שעף פון דייטשער שפּיאָ־נאַזש אַדמיראַל קאַנאַריס פון בערלין 36) — איז געווען פון גרויסן עס־עסישן יחוס („עס־עס־שטאַנדאַרטענפירער") און האָט אָנגעפירט מיט דער זיכערקייט־פּאָליציי און מיט דער זיכערקייט־דינסט איבער גאַנץ אָסט־פּרייסן, ממילא האָט ער אויך געהאַט צו זאָגן איבער ביאַליסטאָק. זיין רע־זידענץ איז געווען קעניגסבערג, אָבער ער איז אָפט אַראָפּגעקומען קיין ביאַליסטאָק און ער איז עס געווען איינער פון די וויכטיקסטע הארן פון לעבן און טויט איבער די יידן. די געסטאַפּאָ־פּאָליטיק לגבי דעם ביאַליס־טאָקער געטאָ איז דורכגעגאַנגען דורך אים. ער איז עס געווען דער, וואָס האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט און פּלאַנירט צום אויספירן די גרונט־אינסטרוקציעס, וועלכע ער פלעגט באַקומען פון דעם רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט אין בערלין.

ד"ר קאַנאַריס איז געווען אַלט א יאָר פערציק 37) און האָט געשטאַמט פון באַלטישע באַראָנען. אַן עדות־ראיה שילדערט אים ווי א מיאוסקייט מיט א

---

35) פריץ פרידעל: „מיינע פאַרגעזעצטע אין ביאַליסטאָק", ענטפער אויף ד"ר ש. דאַטנערס אַנקעטע, נ' 15 (אַרכ' ייה"א).

36) מאַכאַל — דאָרטן.

37) ענטפער פון קריגס־פאַרברעכער פריץ פרידעל אויף מחברס אַנקעטע פון 20-טן מערץ 1949.

קרומער נאָז, ברילן אויף איר שפּיץ און קרומע פיס 38). דער דאָזיקער יונקער, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם שלאָס אין מזרח־פּרייסן, האָט געקאָנט די קונסט פון טראָגן אַ מאַסקע פון אַ רודף־שלומניק, זייענדיק אין תוך איינער פון די עקלדיקסטע וואַמפּירן פון הימלערס שטאַב. מיט זיינע זיסע ריידעלעך האָט ער זיך געקאָנט איינקויפן אין יחוס ווי אַ מענטש מיט פּרינציפּן פון ערלעכקייט און פון אַכטונג פאַר אַרבעט. זייענדיק אָפט אין ביאַליסטאָק, האָט ער באַזוכט דעם יידישן וויזיר־ראַיאָן און זיך בעת־מעשה אויסגעדריקט מיט אַנטציקונג וועגן די אויפטוען פון דער געטאָ־אינדוסטריע. דער יודענראַט האָט זיך און אַנדערע איינגערעדט, אַז „ד״ר קאַנאַריס איז אונזער פריינט". אָבער שוין דעמלט זיינען די הענט פון דעם דאָזיקן יונקער געווען איינגעשמירט אין אומשולדיק מענטשלעך בלוט. ד״ר קאַנאַריס איז געווען דער הויפּט־מערדער — איינציקער מיטן גאַולייטער און רייכס־קאָמיסאַר עריק קאָך — פון הונדערטער טויזנטער יידן אין די אָקופּירטע געביטן 39). ער האָט אייניצייטיק מוראַדיק עקספּלאָאַטירט יידישע אַרבעט — כדי זיך אויפצובויען אַ לוקסוס־ווילע הינטער קעניגסבערג, האָט ד״ר קאַנאַריס פאַרלאַנגט יידישע בעלי־מלאכות 40). ער איז געווען גיריק נאָך בלוט און גיריק נאָך געלט. יידישע אַרבעט איז געווען אומזיסט. מיט דער זעלבער האַנט, מיט וועלכער ער האָט אונטערגעשריבן די ווענדונג וועגן שיקן אים יידישע אַרבעטער, האָט ער אונטערגעחתמעט דעם גורל פון גאַנצע יידישע קהילות, שיקנדיק זיי קאַלטבלוטיק צום טויט.

אינעם „אָפּרייניקן" פון יידן ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, ווייסרוסלאַנד און ביאַליסטאָק מיט איר אומגעגנט, האָט ד״ר קאַנאַריס אַ גרויסן חלק, נישט קיין קליינעם אַנטייל האָבן אין דעם זיינע באַהעלפער קרימינאַל־ראַט אַלבערט 41) און דער שטענדיקער שטעלפאַרטרעטער און נאָענטסטער מיטאַרבעטער פּרייטאַג; דער דאָזיקער געהילף האָט זיך פון זיין שעף אָפּגעלערנט די קונץ פון זיסע רייד און מערדערישע מעשים 42).

---

38) ג״ע פון זלמן קאַלעשניקאָוו (מחברס אַרכ׳), וועלכער האָט באַנאַנד מיט נאָך יידן אַרבעט-שקלאַפן געבויט פאַר ד״ר קאַנאַריסן און זיין משפּחה אַ בונקער קעגן לופט-אָנגריפן אין קעניגסבערג.

39) דאָרטן.

40) ג״ע פון יחזקאל פענדזוך, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 2264.

41) פרידעל — דאָרטן. מאכאַל, דאָרטן, ז׳ 13.

42) ג״ע פון ז. קאַלעשניקאָוו.

קאנאריסן כאראקטעריזירט וואלדעמאר מאכאל ווי א ריקזיכטלאָזן מענטש, אָן אנטיפאטיש; קאנאריס האָט זיך צוממערסטן אנגאזשירט אין באקעמפן די פארטיזאנישע און בכלל ווידערשטאנד־באוועגונג און פער־זענלעך אָרגאניזירט שטראָף־עקספּעדיציעס. לויט מאכאלן האָט ד״ר קאנא־ריס געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דער ביאליסטאָקער זיכערקייט־פּאָליציי.*)

פרייטאג, וועלכער האָט אָפט באזוכט ביאליסטאָק, האָט זיך אליין נישט פארנומען מיט אלע „קליינינקייטן״, וואָס זיינען געווען פארבונדן מיט די געטאָ־ענינים. ער האָט זיך צוגערירט צו די יידישע פראגן באַר דעמלט, ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן פרינציפיעלע ענינים, וועגן גרויסע זאכן, אָדער, ווי די דייטשע דאָקומענטן רופן עס אָן, „גרויסצו־גיקע אקציעס״. די טאָג־טעגלעכע אָנפירערישע ארבעט אויפן אָרט זיי־נען געלעגן אויפן קאָמאנדיר פון דער ביאליסטאָקער זיכערקייט־פּאָליציי, ס.ד.־רעגירונג־ראט און ס.ס.־שטורמבאנפירער מאיאָר ד״ר ווילהעלם אלטענלאָה, וועלכער האָט אָבער געהאט א דירעקטן קאָנטאקט אויך מיט בערלין, מיט דעם רייכסזיכערהייטסהויפּטאמט. צווישן בערלין און ד״ר אלטענלאָה האָט נאָרמאל קורסירט א פארבינדונג־אָפיציר, דער עס־עס־הויפּטשטורמפירער — ערדבריגגער 43).

אלטענלאָה איז געווען א טיפּ פון א יעזואיט — אן איינגעהויקערטער, מיט א בלאס פנים, אן אויסגעבילדעטער, אָבער אין סאמע תוך א שלעכ־טער מענטש מיט א נייגונג צו רשעות. אזוי כאראקטעריזירט אים אן עד ראיה 44). עס איז שווער געווען אָפּצושאצן זיין עלטער — לויט די רייד פון זיינע מיטארבעטער האָט ער דעמלט געדארפט אלט זיין א יאָר פינף־און־דרייסיק 45); לויט דעם איינדרוק פון דעם יידישן עד ראיה — האָט ער געדארפט האָבן א יאָר פופציק 46). געקומען איז ער קיין ביאליסטאָק מיט א „סטאזש״ — געארבעט אין דעם רייכסזיכערהייטסהויפּטאמט אין בער־לין, דערנאָך געווען פּאָליציי־לייטער אין אלענשטיין. א רעכט־דאָקטאָר, איז ער געווען אויסגעבונדן אין אלע יורידישע הריידלעך.

---

*) קאַנאַרים איז געכאַפּט געוואָרן. עס האָבן אים געכאַפּט ד׳ אַמערי-קאַנער און אַרויסגעגעבן נישט צו פּוילן נאָר צו בעלגיע, ווו ער איז אויך אַ געוויסע צייט געווען טעטיק אין דער אָקופּאַציע-צייט (מאכאל, דאָרטן, ז׳ 11). מען הערט נישט, מען זאָל אים דאָרטן שטעלן פאַר אַ משפּט.

43) פרידעל — דאָרטן.

44) ג״ע פון ב. שאַצמאַן.

45) פרידעל — דאָרטן.

46) ג״ע פון ב. שאַצמאַן.

ער האָט געשאפן דעם יידישן אָפּטייל ביי דער ביאַליסטאָקער געס־טאַפּאָ, איבער וועלכער ער איז געווען הויפּט־באַלעבאָס. ד״ר אלטענלאָה האָט אָבער גוט פארשטאנען די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון „דריטן רייך״ און פלעגט זיך ארויסזאָגן פאר אויסנוצן די יידישע ארבעט־קראַפט לטובת דער דייטשער מלחמה־אינדוסטריע, אונטערשטרייכנדיק דערביי, אז דאָס הייסט נישט, דאָס יידן דארפן געשוינט ווערן, נאָר אז עס נויטיקט זיך א שטופנווייזע פארטיליקונג פון יידישן זרע. די רעאַליזירונג פון דער דאָזיקער פּאָליטיק פון אויסנוצן און פון בהדרגהדיקער פארניכטונג האָט ד״ר אלטענלאָה צוגעזען פערזענלעך. ער האָט אָפט געפאָדערט פון זיינע מיטארבעטער, מען זאָל אים דערלאנגען גענויע באריכטן פון די לויפנ־דיקע יידישע ענינים און אין אלע וויכטיקערע פראגן האָט ער אליין דעצידירט 47). ד״ר אלטענלאָה איז איינצייטיק געווען שטענדיקער פאָר־זיצער פון דעם שטאנד־געריכט ביי דער זיכערקייט־פּאָליציי.

נאָכן פארלאָזן דעם אמט דורך ד״ר אלטענלאָה*) איז אויף זיין אָרט געקומען ד״ר צימערמאן — אן אָפּשטאמיקער פון ברעמען; ער האָט גע־האט פאר די דייטשן א ספּעציעלע פארדינסט ביים באקעמפן די פּארטי־זאנער.

ד״ר צימערמאנס פארטרעטער איז געווען ד״ר שלעגעל.

דער אמט פון דער זיכערקייט־פּאָליציי און ס.ד. האָט זיך געטיילט אויף א ריי אָפּטיילן. מיט דער ס.ד. האָבן אָנגעפירט אלפאָנס שמידט פון ברעמען און נאָך איין דייטש מיט א „סעמיטישן״ פּנים — לאַנדויער; עס זיינען ארומגעגאנגען קלאנגען, אז ער שטאמט פון געשמדטע יידן 48). נישט איין אומשולדיקער ייד, פּאָליאַק אָדער ווייסרוס, אויף וועלכן עס איז אויסגעטראכט געוואָרן א בלבול פון שפּיאָנאזש, איז דורך לאנדויערן און זיינע מענטשן פארפייניקט געוואָרן צום טויט.

דער פערטער אָפּטייל פון דער זיכערקייט־פּאָליציי איז געווען די גרויזאמע געסטאַפּאָ.

דער דאָזיקער אָרגאן, וואָס בלויז זיין נאָמען האָט געזייט שרעק און פּאניק, האָט זיך אויסגעקליבן זיין „נעסט״ דווקא הארט נעבן געטאָ, אין דער סאמע נאָענטסטער שכנות. אויף עריק־קאָך־גאס 15. די געסטאַפּאָ האָט פארנומען דאָס הויז, ווו עס האָט זיך אמאָל געפונען אָסטראָווסקיס פּאָפּולערער רעסטאָראן, ביים עק פון געסל, וואָס איז שוין אריין אין

---

47) פרידעל — דאָרטן.
*) מען זאָל אים האָבן אריבערגעפירט קיין פאריז.
48) ג״ע פון ב. שאַצמאַן.

נחום פון דעם איזאָלירטן יידן־ראַיאָן. אזוי ארום האָט די געסטאַפּאָ געהאט, אזוי צו זאָגן, שטענדיק דאָס געטאָ אונטערן סאַמע נאָז. דאָ, אין אָט דעם בנין, איז געגרייט געוואָרן די פּעטליע פאַר די יידן. דאָ האָט אין דער לופט כסדר געשוועבט די אויפגאבע, וועלכע עס האט אויף דער ערשטער קעניגסבערגער קאָנפערענץ מיט די געסטאַפּאָ־באאמטע, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן קיין ביאַליסטאָק, געשטעלט ער אליין, דער רייכספירער הימלער: „ביאַליסטאָק יודענריין!" 49)

ליטער פון געסטאַפּאָ, אָדער — ווי מ'האָט עס גערופן אין די פּאַב־מעניש־שפּיקישע קרייזן „אָפּטיילונג 4" — איז געווען דער קרימינאַלראַט און ס.ס.־הויפּטשטורמפירער לאָטאר היימבאך.

דאָס איז געווען א פערציק־יעריקער הויכגעוויקסיקער מאַן, וואָס האָט זיך באמיט נאָכצומאַכן דעם „פירער" און זיך געקעמט די האָר אַלאַ היט־לער. זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער כאַראַקטעריזירן אים ווי זייער אַן ענערגישן און א גרויסהאַלטער, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין שום קעגנ־שטעלן זיך; ער האָט זייער אסך צייט געווידמעט די געטאָ־ענינים, אָבער אַלע גרעסערע זאַכן נישט דעצידירט אָן פריערדיקן באַראַטן זיך מיטן שעף — מיטן קאָמאַנדער ד"ר אַלטענלאָה 50). גרויסהאַלטעריש און ריקזיכטלאָז לגבי קלענערע פון זיך, איז ער געווען „בידעריקער פון גראָז" אקעגן שטאַרקערע און העכערע לויט דער ראַנג 51).

היימבאַך האָט זיך אָפט פּערזענלעך פאַרנומען מיט אויספאָרשן אַרעסטירטע. דאָ איז ער דערשינען אין זיין פולער „פּראַכט"; ער האָט זיך בעת אויספאָרשונגען אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינטלעכער ראַפינירט־קייט; זיינע אינקוויזיטאָריש־טעראָריסטישע מעטאָדן האָבן געהאט א שם אין דער געגנט 52).

---

49) באַלד נאָך דער לעצטער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ זאָל האָבן פאָרגעקומען אין קעניגסבערגער געסטאַפּאָ־צענטראַלע אַ קאָנפערענץ מיט היט־לערס אָנטייל. דער ערשטער פּונקט פון דער טאָג־אָרדענונג איז געווען: „ביאַליסטאָק יודענריין און די פאָלגן" (לויט ג"ע פון זלמן קאָלעשניקאָוו, וועלכער האָט געאַרבעט אין דאָרטיקן געסטאַפּאָ־לאָקאַל ווי אַ שוואַרץ־אַרבעטער און האָט אויפן טאָוול געזען די טאָג־אָרדענונג).

50) פרידעל — דאָרטן.

51) מאכאל — דאָרטן, ז' 8.

52) ג"ע פון ב. שאַצמאַן; ווי עס גיט איבער מאַכאַל, איז היומבאַך פון ביאַ־ליסאָק איבערגעפירט געוואָרן קיין בעלגראַד.

די „אָפּטיילונג 4“ האָט זיך געטיילט אויף רעפעראַטן:

4א — קאַמף קעגן קאָמוניזם און קעגן דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג; מיט דעם רעפעראַט האָבן אָנגעפירט דער ספּעץ אויף קאָמוניזם אָבערשטורמפירער אַלפרעד קעניג פון האַנאָווער און דער מומחה אין פּוילישע ענינים הויפּטשטורמפירער וואַלדעמאַר מאַכאַל זועל מאַטשפּולאָווסקי, וועלכער איז אָפּט געווען היימבאַכס אַלגעמיינער פאַרטרעטער. דאָס איז געווען אַן עטלעכע פערציק יעריקער אינטעליגענטער דייטש פון קיסטרין; אַן אַלטער פּאָליציי־באַאַמטער און א יונגער מיטגליד פון נ.ס.ד.א.פּ.; קיין ביאַליסטאָק איז ער אָנגעקומען שוין מיט א היבשן רוצח־סטאַזש. אין דעצעמבער 1939 האָט ער אָנגעפירט אין סוואַלקער געגנט מיט א „זאָנדער־אַקציאָן“, מיט א שטראָף־עקספּעדיציע קעגן פּוילישן ווידערשטאַנד, זייענדיק אין דער געגנט פאַרניכטונג און מאָרד. אין ביאַליסטאָק האָט מען זיך שנעל אויף אים דערקענט — די באַפעלקערונג האָט אים א נאָמען געגעבן „דער קאַט פון ביאַליסטאָק“. אין די יאָרן 1942—1943 האָט ער אין פּאַציפיקאַציעס פון אַרומיקע דערפער אומגעבראַכט העכער 3000 פּויערים, געלאָזט מיטן רויך 18 דערפער און זיך באַזונדערס איזדעקעוועט איבער פּוילישער אינטעליגענץ. ער האָט אויף זיין געוויסן טויזנטער יידן פון ביאַליסטאָקער געגנט, פון יאַגוסטאָווע, סקידל, גראַבאָווקע א. א. ער האָט עס געצוואונגען יידן אויסגראָבן די פאַרפוילטע גופים פון די פריערדיקע טויזנטער הרוגים און עס פאַרברענען; דערנאָך האָט ער אויסגעשאָסן די לעבן־געבליבענע. מאַכאַל איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער געסטאַפּאָ־איינהייט צו ספּעציעלע צוועקן, פון דער א. ג. „זאָנדערקאָמאַנדאָ 1005“ 53).

די הענט פון זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער אין דעם רעפעראַט 4א פון געסטאַפּאָ זיינען אויך באַשפּריצט מיט בלוט. דאָס זיינען די קרימינאַל־סעקרעטאַרן — קאַרל פישער פון אַלדענבערג, מאַראַש פון טילזיט און פאָן גלינסקי. אין דער „זאָנדערקאָמאַנדאָ 1005“ האָבן מיט מאַכאַלן מיטגעאַרבעט אָבערלייטענאַנט קאָזיאָן, זשאַנדאַרמעריע־מייסטער

53) לויטן באַשולדיקונגס־אַקט פון וואַלדעמאַר מאַכאַלס פּראָצעס אין ביאַליסטאָק, דעם 10־טן מערץ 1949. לויטן אורטייל פון פּוילישן געריכט אין ביאַליסטאָק איז מאַכאַל פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן. אויך: ג"ע פון שמעון עמיאל אַרכ' ייה"א, פּראָט. נ' 21.

באָוצקיע, הויפּטוואַכמייסטער דאַוויד, מאַריענפעלד, גדאַנסקי, בראָוו, דעימעל 54).

אין שכנות מיטן רעפעראַט א4 האָט זיך געפונען דער רעפעראַט ב4 פון געסטאַפּאָ — דאָס איז געווען דער יידן־רעפעראַט, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען „די בעסטיע פרידל" — דאָס איז דאָס צונעמעניש, וואָס די יידן האָבן צוגעקלעבט צום 52־יאָריקן קרימינאַל־אינספּעקטאָר פריץ גוסטאַוו פרידעל, וועלכער איז געווען דער דירעקטער געסטאַפּאָ־באַלעבאָס איבערן געטאָ.

געווען איז דאָס אַן אמאָליקער סוביעקט ביי א סוחר; אין מסחר האָט ער, ווייזט אויס, נישט געקאָנט ברייט צעשפּרייטן די פליגל, איז ער אוועק אַרבעטן אין פּאָליציי. ווען ער איז אָנגעקומען פון אַללענשטיין קיין ביאַליסטאָק, האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך א סטאַזש פון 22 יאָר פּאָליציאיישער דערפאַרונג.

פרידעל איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער פירער פון דעם יידן־רעפעראַט אויף ערִיק־קאָך־גאַס 15. ער האָט — אינאיינעם מיט זיינע שעפן ד"ר אַלטענלאָה און היימבאַך — אָרגאַניזירט דעם יידן־רעפעראַט, וועלכער איז דורך אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קוואַל פון כלערליי פּורעניות און נגישות פאַר יידן.

יעדן טאָג האָט דער עלטסטער פון יודענראַט אפרים באַראַש זיך געמוזט מעלדן צו פרידעלן און איבערגעבן ביז די דינסטע פּרטים וועגן אַלץ און אַלעם, וואָס געשעט אין געטאָ. מיט וויכטיקערע פראַגן זיינען זיי געגאַנגען צו היימבאַכן. גאָר וויכטיקע זיינען דורך פרידעלן ראַפּאָרטירט געוואָרן ד"ר אַלטענלאָהן אליין 55).

דאַקעגן די עניינים פון דער אָרדנונגס־דינסט פון געטאָ האָבן געהערט דירעקט צו היימבאַכן, צו וועלכן מאַרקוס, דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, האָט געהאַט א צוטריט 56).

פרידעל האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אַן אמתע בעסטיע נישט בלויז אין גאַס, בנוגע דעם איינפאַכן ייד. ער האָט זיך אויך אויסגעקוועטשט אײ־בער באַראַשן — נישט איינמאָל איז דער לעצטער אוועק פון אים מיט א

---

54) פרידעל — ענטפער אויף דאָטנערס אַנקעטע. אויך: מאַכאַלס „אַנטוויק־לונג" — אַאַז"ו.
55) פרידעל — דאָרטן.
56) דאָרטן.

ריסוק אברים 57). דאָס האָט נישט געשטערט פרידעלן צו לויבן בפרהסיה באראשן ווי א „בראוועץ יודע“ און אפילו ווי א... „מענטש“ 58).

צו די אויפגאבעס, וועלכע עס האָבן אים אָנפארטרויט אלטענלאָה און היימבאך, איז פרידעל צוגעגאנגען מיט דער פולער פרינציפיעלקייט פון היטלערס קאָראן. דער געסטאפאָ־קאָמענדאנט פון געטאָ מיט די גראָבע, סאדיסטישע ליפּן און באנדיטישן געזיכט, האָט זעלטן ווען א ייד געזידלט מיט באליידיקנדיקע ווערטער, פארקערט — ער האָט די יידן, נישט געדוצט, ווי אנדערע היטלעריסטן האָבן עס געטאָן, נאָר זיי געאירצט; געשמיסן האָט ער די קרבנות נישט מיטן מויל, נאָר מיט א שארפער נאהייקע און אליין נישט בלויז באארבעט קאָנקרעט דעם פלאַן פון דער ליקווידאציע פון די יידן פון ביאליסטאָקער געגנט און דעם ערשטן גירוש פון ביאליסטאָק גופא, נאָר פערזענלעך אָנגעפירט מיט די כאפּערייען. „דאָס איז — האָט ער אָפט געזאָגט — נישט קיין זאך פון מיין כאראקטער, נאָר א פראגע פון א פּאָליטישן פרינציפּ“. אין די איינערלעכע דיסקוסיעס אינם שונאס לאגער וועגן דעם, צי מען דארף גלייך ליקווידירן די יידן, אָדער אויסנוצן זייער ארבעט און שטופנוויז שיקן צום טויט, איז פרידעל שטענדיק געשטאנען אויף דער זייט פון דעם „ריינסטן“ נאציאָנאל־סאָציאליסטישן פרינציפּ — ליקווידירן אָן שום אָפּלייגעניש 58א).

אָן שום קווענקלעניש האָט פרידעל „אויסגעפירט זיינע פליכטן“ בעת די עקזעקוציעס איבער יידן סיי אין דער „נאָרמאלער“ געטאָ־צייט, סיי בעתן ווידערשטאנד.

חוץ מיט יידישע ענינים האָט פרידעל אָנגעפירט מיט די פראגן פון קירכעס, קאָנצלאגערן א. א. 59).

פרידעלס אָפּאָנענט איז אָפט געווען דער רעפעראט־מיטארבעטער פאר ארבעט־ אוןווירטשאפט־פראגן פון געטאָ גערהארדט קליין, וועלכן עס האָט זייט נאָוועמבער 1942 אונטערגעלעגן די געטאָ־פארוואלטונג 60).

(57 פּסח קאַפּלאַן: „דער יודנראט אין ביאליסטאָק“, ארכ׳ ויה״א, נ׳ 65/46.
(58 פרידעלס ענטפער אויף דעם מחברס אַנקעטע.
(58א ג״ע פון ב. שאַצמאַן.
(59 פריץ פרידעל איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פוילישער דעמאָקראַטישער יוסטיץ און איז דורכן געריכט אין ביאַליסטאָק פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.
(60 מאכאל, דאָרטן, ז׳ 11.

צוליב מלחמה־ווירטשאפטלעכע מאָטיוון און אפשר נאָכמער מחמת
דעם אייגענעם קעשענע־אינטערעס איז קליין געווען פאַראינטערעסירט
אין לאָזן לעבן א געוויסע גרופּע יידישע ארבעט־ספּעציאַליסטן און אויס־
נוצן זייער שקלאַפן־האָרעוואַניע. איבעריקנס, האָט נישט ער דעצידירט
וועגן דעם. דער יודענראַט האָט תיכף געשאַפן ארום קליינען א לעגענ־
דע, אַז ער איז א גוטער דייטש. נאָך דער ערשטער ליקווידאַציע, וועל־
כע איז פראַקטיש אָנגעפירט געוואָרן דורך פרידעלן, האָט די געסטאַפּאָ
באַשטימט פארן באַלעבאָס איבערן געטאָ קליינען. עס האָט זיך נאָך
דערמלט געפאָדערט יידישע ארבעט. אָבער דער „גוטער" קליין האָט אַזוי
געפירט מיטן געטאָ, אַז ער האָט איינגעשלעפערט דעם אומרו און די
וואַכזאַמקייט פון גרויסע טיילן יידן, און ער טראָגט דעריבער אויך א גע־
וויסן חלק פון דער שולד פארן פאַרטיליקן די ביאַליסטאָקער עדה, שוין
אָפּגערעדט פון דער פּלינדערײ, וואָס איז געווען די עובדה פון דעם
ווירטשאַפט־לייטער קליין.

דאָס איז געווען א 30־יעריקער באַאַמטער פון שוץ־פּאָליציי, וועל־
כער איז אריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף ארבעט אין געסטאַפּאָ. ער האָט
געשטאַמט פון בערלין און איז פון פאַך געווען א מוזיקאַנט אין א נאַכט־
לאָקאַל. תמיד שיכור, האָט ער געשאָטן מיט יידישע ווערטלעך. אין תוך
איז דאָס געווען א באַנדיט, וואָס האָט ביי יענעם געקאָנט ארויסנעמען
די נשמה און דערנאָך דערהרגענען 61). טענענבוים־טאַמאַראָף כאַראַקטע־
ריזירט זיין באַציונג צו יידן מיט זיינע, קליינס, אייגענע ווערטער: „מיר
וועלן שטענדיק באַווייזן צו ליקווידירן די יידן אין ביאַליסטאָק, אפילו
דעם לעצטן טאָג: דערווייל זאָלן זיי ארבעטן פאר אונז" 62). און ער האָט
געהאַלטן וואָרט — אין דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע האָט דער „גו־
טער" קליין גענומען א גאַנץ טיכטיקן אָנטייל. קליין האָט געהערט צו
יענע דייטשן, וועלכע האָבן געטענהט: „אויב מיר וועלן פארשפּילן 12
אַזייגער, וועלן מיר 5 מינוט פאר 12 אויסמאָרדן די יידן ביז איינעם 63).

אין פרידעלס יידן־רעפעראַט זיינען אויך געווען באַשעפטיקט די
„זאַכבעאַרבייטער", די ספּעצן שמידט און דער 28־יעריקער ריכאַרד די־
בוס. אויפן לעצטן איז כדאי זיך א ביסל אָפּצושטעלן.

ווען דער אָבערשטורמפירער דיבוס איז אָנגעקומען אויף זיין אמט
אין ביאַליסטאָק, איז ער שוין געווען באַדעקט מיט „שלאַכט־רום"; ער

---

61) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.
62) טענענבוים, ארכ' ייה"א, נ' 49/46.
63) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.

האָט, נעמלעך, אין סוואלק אָנגעפירט מיטן דערמאָרדן דריי טויזנט יידן און דערביי אליין געוויזן די דייטשע סאָלדאטן א פערזענלעכן מוסטער, באדינענדיק מיט די אייגענע הענט א מאשין־געווער 64). געווען איז דאָס א דייטשער אינטעליגענט פון טילזיט, וועלכער האָט זיך שטארק געפּייניקט מחמת זיין „יידישן” אויסזען, און כדי צו פארווישן די שפורן, האָט ער זיך באמיט צו קעמען די האָר אלא היטלער. דעם כעס צוליבן „שלעכטן” אויסזען האָט דער טילזיטער פאשיסט אויסגעלאָזן אויף די יידישע קעפּ און אָנגעטאָן די ביאַליסטאָקער יידן געברענטע צרות 65).

צו דער זיכערקייט־פּאָליציי האָט אויך געהערט די קריפּאָ (קרימינאל־פּאָליציי), וועלכע האָט געבילדעט דעם פינפטן אָפּטייל. די קריפּאָ האָט זיך צווישן אנדערן פארנומען מיט ליקווידירן די ציגיינער, אָבער אויך די יידן האָבן געהאט צו שמעקן פון דער קרימינאל־פּאָליציי. אין איר שפּיץ איז געשטאנען דער קרימינאלראט און עס־עס־הויפּטשטורמפירער קרעבס 66).

נישט קיין קליינעם חלק ביים אונטערדריקן די יידן האָט געהאט די שופּאָ (שוץ־פּאָליציי), וועלכע האָט אויך נאָכן יאָר 1942 ענג מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ אין די ענינים פון געטאָ 67). די שופּאָ האָט די גאנצע צייט — שוין נאָכן איבערנעמען דאָס געטאָ דורך דעם געסטאַפּאָ־לייטער היימבאך אין נאָוועמבער 1942 — געהאלטן די שמירה ביי די טויערן פון דעם יידן־ראַיאָן. אויב די געסטאַפּאָ איז באשטאנען פון געניטע פּאָליציי־באאמטע, האָט זיך די שופּאָ רעקרוטירט פון אן ערב־רב פון בערלינער אונטערוועלטניקעס, צירק־אַקראָבאטן, ביר־פארקויפער און סוחרים. די יידן האָבן עס אויסגענוצט און נישט זעלטן געמאכט משא מתנס מיט די שופּאָ־לייט, אָבער אין רוב פאלן זיינען דאָס געווען רויבער, וועלכע האָבן אין זייער פארנעם געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס זייערע שעפן אין א גרויסן מאסשטאב. די שופּאָ האָט זיך באזעצט אויך אין שכנות פון געטאָ, אקעגנאיבער דעם געסטאַפּאָ־אמט. אויף דער צווייטער זייט פון שענקעוויטש־גאס, אין דעם בנין, ווו עס איז אמאָל געווען דער פּאָפּולערער פּאָלקאָוואַ־בית־מדרש. דאָ האָט זיך געפונען דער פערטער רעוויר פון דער פּאָליציי, וואָס אונטער זיין טרויעריקער השגחה איז ארונטערגעפאלן דאָס געטאָ. בראש דער שופּאָ איז געשטאנען מאַיאָר

---

64) דאָרטן.

65) דאָרטן.

66) מאַכאָל, דאָרטן.

67) פרידעל — ענטפער אויף דאַטנערס אַנקעטע.

שוואַלם. אָנגעפירט מיטן פּערטן, „יידישן" רעוויר, האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר פּרייס; זיין פּאַרטרעטער איז געווען זייפערט. די דאָזיקע צוויי פאַרשוינען זיינען געווען די דירעקטע אונטערדריקער פון געטאָ. צווישן די „קלענערע פיש" פון די יידן־פּאַרטיליקער האָבן זיך אויסגעצייכנט די פּאָליציישע וואַכמייסטער וויטעק און מוסוואַלד. דער לעצטער האָט זיך אַפילו געלאָזט „שמירן". די וואַך ביים געטאָ האָבן געהאַלטן די שוץ־פּאָליציסטן פון צוויי רעזערוו־קאָמפּאַניעס 68).

בעת גרויסצוגיקע אַקציעס קעגן די יידן איז אין דעם טויט־קאַראַהאַד ארום געטאָ אריינגענומען געוואָרן אויך די אזוי גערופענע הילפס־פּאָליציי — דאָס איז געווען אַ פּאָליציאַנישע פאָרמאַציע, וואָס איז דורך דער דייטשער מאַכט געשאַפן געוואָרן פון צווישן די געוועזענע פּוילישע גראַנאַטאָווע פּאָליציאַנטן; די הילפס־פּאָליציי איז נישט געווען מונדירט, איר הלבשה איז געווען אַ ציווילע; בלויז אַ ווייסער אָרעם־באַנד מיט אַ שוואַרצן אויפשריפט אין דייטש „הילפס־פּאָליציי" האָט געגעבן די דאָזיקע פאַרקויפטע נשמות אַ ביסל מאַכט, וועלכע זיי האָבן אויסגענוצט קודם כל קעגן דעם שוואַכסטן — קעגן דעם ייד, אונטערדריקנדיק איינצייטיק די אייגענע ברידער, די פּאָליאַקן. בראש פון דער דאָזיקער פּאָליציי, וואָס טראָגט אויך אַ טייל שולד פאַרן בלוט פון די ביאַליסטאָקער יידן, איז געשטאַנען דער געוועזענער קאָמיסאַר פון דער אַמאָליקער פּוילישער פּאָליציי אין ביאַליסטאָק סקרעטאָווסקי 69).

די יידן האָבן אויך געפילט די האַרטע האַנט פונם פאָרשטייער פון דער „ריסטונג־קאָמאַנדאָ", ד. ה. — פון דעם אינספּעקציע־לייטער פון דער באַוואָפענונג־אינדוסטריע אין ביאַליסטאָק — ראָטמייסטער פרעזע און פון זיין מיטאַרבעטער — קריגער, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צוהיטן, אויסצופּרעסן ביי די יידן וואָס מער אַרבעט פאַר דער ווערמאַכט 70).

די נ.ס.ד.א.פּ. (נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע דייטשע אַרבעטס־פּאַרטיי) איז געווען דער הויפּט־מאָטאָר פון דער יידן־פאַרעסערישער פּראָפּאַגאַנדע און איז געשטאַנען אויף דער וואַך, מען זאָל, חלילה, די יידן נישט שוינען, נישט לייזער מאַכן דעם יאָך. אין שפּיץ פון דער ביאַליסטאָקער נ.ס.ד.א.פּ. איז געשטאַנען ער אַליין, דער גאַולייטער עריך קאָך, און זיין קעניגסבערגער פאַרטרעטער גרייסהער, אָבער די טאָג־טעגלעכע

---

68) לויט פרידעל, שאַצמאַן א"א.
69) ג"ע פון י. ריווקינד.
70) פרידעל — ענטפער אויף מיין אַנקעטע.

אַרבעט האָבן געטאָן פראַנקי, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, אַ באַקאַנטער פּראָפעסאָר און זויפער, און זיין מיטאַרבעטער וואַלטער האַנק, דער שעף־רעדאַקטאָר („הויפּטשטריפּטלייטער") פון דער „ביאַליסטאָקער צייטונג" 71), וועלכע איז געווען אַ מוטאַציע פון דער „אַללענשטיינער צייטונג". די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס עס האָבן געפירט אָט די צוויי נאַציס איינעם מיט זייערע אַגיטאַטאָרן בורקערט, נענסטיל און אַנדערע, האָט געבראַכט גיפטיקע פּירות. די דאָזיקע פעדער־באַנדיטן האָבן זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז ביאַליסטאָק האָט זיך געיאָוועט אויף דער געשיכטלעכער אַרענע ווי אַ גערמאַנישע שטאָט, אָבער זי איז נעבעך, אויף 600 יאָר אַרונטערגעפאַלן אונטערן יאָך פון פרעמדע, פון פּאָליאַקן, ליטווינער, רוסן, יידן. די אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע אין ביאַליסטאָק איז געגאַנגען אין אַן ענלעכער ריכטונג, וואָס אומעטום: יידן ווילן באַהערשן די וועלט, יידן נוצן בלוט אויף פּסח, יידן און באָלשעוויקעס זיינען איינס, יידן און קאַפּיטאַל זיינען אויך איינס וכדומה אַזעלכע העץ־אַרגומענטן, געשעפּט מיט דער ברייטער האַנט פון שטרייכערס „שטירמער" 72).

און דער לעצטער יידן־אויסרייסנדיקער פאַקטאָר פון צווישן דעם דייטש־אָקופּאַנטישן עלעמענט — די פּריוואַטע דייטשע אונטערנעמער, וועלכע האָבן פאַר אַ שיבוש אָפּגעקויפט ביי דער מאַכט אַ ריי אינדוסטריע־ און האַנדלס־אונטערנעמונגען, אָדער פאַרלייגט דאָ פּיליעס. זיי האָבן אויסגעזויגט דעם קליאַק פון די ביינער ביי די יידישע אַרבעטער. צו די דאָזיקע דייטשע אינדוסטריע־אונטערנעמער האָבן געהערט: סטעפּען, וועלכער איז געווען דער האַר פון לעבן און טויט איבער די שניידער־, קאָנפעקציע־ און היטל־פאַבריקן אויף יוראָוועצער גאַס, איבער יידישע פאַבריקן פון כעמישע אַרטיקלען, זייף און אַנדערע אויסאַרבעטונגען, און בעיקר — איבער אַ פינף הונדערט יידישע לעבנס, וואָס האָבן געפּלאַטערט אין אייביקן אומרו, דערזעענדיק דאָס געזיכט פון זייער לעבן־געבער; די פירמע קירהאָף, וואָס האָט געגרייט אַן אַרבעטלאַגער אין ביאַליסטאָק און זיך פאַרנומען מיט שאָסיי־בוי; עס האָבן צעגרויבט יידיש פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעך פאַרמעגן און וואַרשטאַטן די דייטשע סוחרים — אָנגעקומענע פון דער פרעמד און אָרטיקע, בתוכם פאָלקס־דייטשן, דאָס הייסט — אויסוואורפן פון דער אָרטיקער פּוילישער

71) „דזיטשער קאַלענדאַר" — 1אַז"ו, ז' 3.

72) דאָרטן — וואַלטער האַנק: „די געשיכטע דעם בעצירקס ביאַליסטאָק" זז' 37—42; קאַרל נענסטיל: „די יודען אין דען פעריניגטען שטאַטען", זז' 60—63; און — „די יידישען פּלענע", זז' 63—64.

געזעלשאפט, וועלכע האָבן זיך פארשריבן אויף דער דייטשער פאָלקס־רשימה 73).

אין א „גויט־שעה" זיינען כמעט אלע „באלעבאטישע" סוחרים געשטאַנען צו דינסט פון דער מאכט און געהאָלפן כאפּן יידן און זיי יאָגן און אויסראָטן.

עס איז נישט מעגלעך אויסצורעכענען אלע קלענערע פיניקער. עטלעכע פון זיי האָבן זיך אָבער אזוי איינגעקריצט מיט זייער אכזריות אינם זכרון פון די לעבן־געבליבענע, אז מען קאָן נישט פארשוויגן זייערע טריפהנע נעמען. אָט איז דער אויספאָרשונג־ריכטער פון דער זיכער־קייט־פאָליציי דער אונטעראָפיציר שווארץ; אָט איז ער אָפיציר צו ספּעציעלע שליחותן אין סיפּאָ, גראנד. צווישן די שופאָ־לייט האָבן זיך מיט זייער ציניִשקייט און ברוטאלקייט אויסגעצייכנט דער שארפשיצער ווי־זאף און דער וויסגווארדייער שארפשיצער סטרעבלאָוו, וועלכע האָבן זיך געיאָוועט אין ביאליסטאָק מיט א נישט־קשהדיקער דערפארונג — זיי האָבן אָנטייל גענומען אין די שחיטות און ליקווידאציעס פון גראָדנער יידנטום 74). די דאָזיקע צוויי פארשוינען האָבן באקומען די קאָנטראָל איבער דער שמירה ביי די טויערן פון געטאָ. סטרעבלאָוו איז עס דער, וואָס האָט געצוואונגען יידישע שמוגלער אויסטרינקען דעם אומלעגאלן אייל. האָט דער דאָזיקער גראָדנער תלין געכאפּט א „פגר" — ווי מען האָט אויפן שמוגלערישן לשון גערופן א באהאלטענע סחורה — האָט ער קודם־כל גוט צעקאטעוועט דעם יידן און דערנאָך געהייסן דעם קרבן זיך שטעלן מיט צעשפּרייטע פיס, די הענט אויף די קני און דעם קערפּער אָנגעבויגן פאָרויס, און געשלאָגן אומברחמנותדיק מיט א גראָבן שטעקן ביז דער קרבן איז געפאלן אין חלשות 75). צו די „בארימטע" פיניקער געהערן אויך: דער תפיסה־באאמטער ראָדע און „מעשל דער געלער" — א סאדיסטישער וואכמאן פון מארקאָווטשיצע 76).

ביים ענדגילטיקן אויסקוילענען די ביאליסטאָקער יידן האָבן די הויפּט־ראָל געשפּילט נישט בלויז די אָרטיקע פיניקער, נאָר אויך געשיקטע מאָרד־ספּעצן פון בערלין, אָדער פון לובלין. אינם דורכפירן די ערשטע ליקווידאציע פון ביאליסטאָקער געטאָ איז געווען אנגאזשירט דער

---

73) דאָרטן — זז' 97—112.
74) פרידעל: „מיינע פאָרגעזעצטע אין ביאַליסטאָק", ג' 16.
75) קאַט, ז' 32.
76) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.

ספעציעלער שליח פון דעם רייכסזיכערהייטסהויפטאמט פון בערלין גינטער, פונקט אזוי געהערן דער גענעראל גלאָבאָטשניק און זיין געהילף מאיאָר מאגעל פון לובלין צו די הויפטמיטפאראנטוואָרטלעכע פאר דער לעצטער ליקווידאציע 77). די סאמע לעצטע שחיטה איבער די פארטריבענע ביאליסטאָקער שרידים אין מאידאנעק האָט דורכגעפירט דער ס.ס.-אָבער-שטורמפירער אנטאָן טהומאן 78). מיט דער מאקאברישער ארבעט פון אויפגראָבן די מאסן-קברים הינטער ביאליסטאָק און פון פארברענען טויזנטער בר מיננס, כדי צו פארווישן די שפורן פון פארברעכן, האָט אָנגעפירט איניינעם מיטן דערמאָנטן מאכאָל דער ס.ס.-שטורמבאנפירער הערץ — דערנאָך האָבן זיי צעשאָסן די יידן, וועלכע זיינען געצוווּנגען געוואָרן צו טאָן די דאָזיקע אומהיימלעכע ארבעט 79).

די אלע הענקער, באצווינגער און בארויבער פון די ביאליסטאָקער יידן האָבן אָבער צווישן זיך נישט געלעבט אין הארמאָניע. עס איז צווישן זיי אָנגעגאנגען א שטילער, פארביסענער קאָנקורענץ-קאמף. דער ציל פון איטלעכן פון זיי איז געווען נישט בלויז צו פארשקלאפן, אויסבלוטיקן, אויסראָטן די יידן, נאָר אויך אויסזאָגן וואָס מערביים קרבן. יעטוועדער איינער פון דער דאָזיקער כנופיא האָט געוואָלט, דער ריזיקער כאבאר און דאָס יידישע האָב און גוטס זאָל ארייננפאלן קודם-כל צו אים. עס איז צווישן זיי אָנגעגאנגען ממש א וועט-געיעג, ווער וועט מער ארויסציען אוצרות. אין דעם רויב האָבן זיך באטייליקט אלע — פון ד"ר קאנאריס ביז דעם קלענסטן באאמטן און פריוואטן אונטערנעמער. ד"ר קאנאריס האָט יעדעס מאָל — ביים אָפפאָר פון ביאליסטאָק — מיטגענומען מיט זיך וואָגאָנען מיט זאכן. זיין שלאָס אין אָסט-פרייסן איז געווען אָפגעפאקט מיט פארטעפיאנעס, קונסט-בילדער, טייערע זייגערס, דיוואנען, טעפיכער, אָנגערויבטע אין געטאָ. ער איז געווען אזוי גיריק, אז ארייננכאפן א גוטע פאָר שטיוול איז אויך געווען אן ענין 80). דער פעטלייביקער מאגוניא האָט נישט דורכגעלאָזט קיין טאָג, ער זאָל נישט ארויסציען א ווערטפולע זאך פון די יידן. א געוויסן טאָג האָט ער פאר איינמאָל געפאָדערט אכט פאָר שיך 81). דער „דיסטינגירטער" דאָרש פלעגט ספעציעל מאכן איבערפאלן

---

77) וועגן דעם — ווייטער.

78) ג"ע פון יעזשי קוויאַטקאָווסקי (ביולעטין נ' 4 פון דער פוילישער קאָמיסיע פאר פאָרשן די דייטשע רציחות אין פוילן).

79) פרידעל — ענטפער אויף דאַטנערס אַנקעטע.

80) ג"ע פון ז. קאָלעשניקאָוו.

81) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.

אין געטאָ אין דער געזעלשאַפט פון דער פרוי, טעכטער, נאָענטע און ווייטע קרובים, און רויבן אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט — פון א פּאָר פרויען־פאַנטאָפל ביז טייערע האַנט־זייגערס 82). אַזוי האָבן זיך געפירט אַלע. זיי פלעגן אַראָפּברענגען קרובים און באַקאַנטע פון קעניגסבערג, זיי אָנלאָדן מיט יידישן גוטס און שיקן אהיים מיטן אָנזאָג, זיי זאָלן למען־השם אינגיכן ווידער קומען 83). און פון ווייטן קעניגסבערג פלעגן חוץ דעם קומען אויף גאַסטראָלן „סטאַטעטשנע" פּרייסישע „קאָופּלויטע", אָנרויבן זיך אין משך פון א וואָך צוויי, פאָרן צוריק אהיים, אָפּשטעקן דאָס אָנגעפּלינדערטע און זיך ווידער אַראָפּכאַפּן אין דער געטאָ־שטאָט. ביאַליסטאָק — בעסער געזאָגט: ביאַליסטאָקער געטאָ איז געוואָרן א קוואַל פון באַרייכערונג פאַר די דייטשע סוחרים, פאַבריקאַנטן און פּאָליציי־לייט פון מזרח־פּרייסן.

פון דעם אויבן־געבראַכטן בילד קאָן מען זיך שאַפן א פאָרשטעלונג וועגן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון די דייטשן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין באַרויבן, פאַרפייניקן און אומברענגען די יידן פון ביאַליסטאָק בפרט און פון די אָקופּירטע געביטן בכלל. דאָס זיינען בדרך כלל געווען: פּאָליציי־לייט, מענטשן פונם פאַשיסטישן מלוכהשן, מיליטערישן און פּאַרטייישן אַפּאַראַט, פאָרשטייער פון די ווירטשאַפט־ספערן, סוחרים און אונטערוועלטניקעס, אויסגעלענקטע פון לעבן.

דער אָפּקלאַנג פון די רייסענישן איבערן רויב צווישן די אָקופּאַנטן פלעגט דערגיין ביז היטלערן אין בערלין. אויף דעם באָדן זיינען אויסגעבראָכן פאַרשידענע קאָנפליקטן צווישן די מענטשן פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג, פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי און דער זיכערקייט־פּאָליציי. פאַרטיידיקנדיק זייערע מענטשן, האָט אפילו קאָך געהאַט צוזאַמענשטויסן מיט הימלערן 84). עס זיינען אָבער אויך געווען צווישן די דייטש־פאַשיסטישע אָרגאַנען מיינונגס־פאַרשידנקייטן פון אַן אַנדער כאַראַקטער, קודם־כל וועגן דעם, צי מען דאַרף שוין ליקווידירן דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ, אָדער נאָך נישט; די מיינונגס־פאַרשידנקייטן האָבן זיך אָפּגעשפּילט צווישן די פאָרשטייער פון ווערמאַכט און די עס־עסיש־פּאַרטייאישע קרייזן, און צווישן דער לאָקאַלער מאַכט און דער צענטראַלער. קעניגסבערג איז א לאַנגע צייט געווען פאַר איינהאַלטן דאָס געטאָ צוליב עקאָנאָמישע סיבות. בערלין האָט זיך געוואַקלט און סוף כל סוף דעצידירט צו ליקווידירן.

---

82) דאָרטן.
83) דאָרטן.
84) מאכאל, דאָרטן.

אזוי ארום איז דער רויב נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. דאָס ערגסטע איז געקומען שפּעטער, ווען די קאָכס, קאַנאַריסעס, אלטענלאָהס און פרײ־דעלס האָבן זיך גענומען נישט בלויז צום פאַרמעגן, נאָר אויך צום נפש.

אָבער די ערשטע, וואָס זיינען צוגעטרעטן צו דער פיזישער אויסראָטונג פון די יידן אין ביאַליסטאָק, די פּיאָניערן פון דעם מאַסן־מאָרד — זיינען געווען די היטלעריסטישע חיילות, וואָס האָבן פאַרנומען די שטאָט אין 1941. דאָס זיינען דער פעלדמאַרשאַל באָק און די גענעראַלן גודעריאַן און האָט. זייער פּראָגראַם איז געווען — די באַלדיקע פאַרניכטונג פון יידן. און זיי האָבן גלייך אין די ערשטע טעג און וואָכן פון דער אָקופּאַציע געוויזן מיט מעשים, אז זיי קאָנען די מלאכה פון אָרגאַניזירן פעלקער־מאָרד.

קאַפּיטל צוויי

די ערשטע טעראָר-אַקטן ערב געטאָ

געווען איז דאָס אין יאָר 1941, אין חודש יוני, אין דער צווייטער העלפט פונם חודש. דער שטייגנדיקער לעבנס-ריטם פון פרידלעך-שעפע־רישן ביאַליסטאָק איז מיטאַמאָל אכזריותדיק געוואָרן איבערגעריסן דורך דעם אומגעריכטן אָנפאַל פון די דייטש-פאַשיסטישע חיילות. אָפּשלאָגנדיק זיך קעגן דעם שונא, האָט די רויטע אַרמיי מיט העלדישע שלאַכטן זיך געצויגן צוריק, דערלאַנגענדיק דער אַריינדרינגנדיקער פיינטלעכער אַרמיי שווערע קלעפּ.

די סאָוויעטישע אָפּטיילונגען האָבן געמוזט פאַרלאָזן אויך ביאַליס־טאָק. נאָך פינף טעג פאַרביסענע קאַמפן האָבן זיך די דייטשע טאַנקען פונם צענטראַלן פראָנט פון פעלדמאַרשאַל באָק א קייקל געטאָן צו דער שטאָט, פון איין זייט איז ביאַליסטאָק אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די פּאַנצער־אָפּטיילונגען פון גענעראַל גודעריאַן, פון דער צווייטער — פון גענעראַל האָט. די רויטאַרמייער האָבן געשטעלט אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד אין שטאָט גופא, קעמפנדיק ביזן לעצטן טראָפּן בלוט אויף נאַדזשעטשנא גאַס 1). פונקט ווי אַלע אַנדערע פּלוצים-אָנגעגריפענע שטעט נישט ווייט פון גרענעץ-פּאַס אַזוי האָט זיך אויך ביאַליסטאָק העלדיש און פאַרביסן פאַרטיידיקט, אָנווענדנדיק די טאַקטיק פון אַקטיוון פאַרטיידיקונג-קאַמף, כדי אויסצובלוטיקן דעם שונא — די טאַקטיק, וועלכע עס האָט געלערנט דער פירער פון פאָלק יאָסיף סטאַלין.

פון די ערשטע שעהן, זינט דער שונא איז אַריין אין שטאָט, האָט אין משך פון העכער א חודש צייט כמעט אָן אויפהער געבושעוועט דער בלו־

---

1) רייזנער, ז' 43.

טיקער טעראָר לגבי די פרידלעכע איינוווינער און דער יידישער באפעלקערונג בפרט. פאר די גרויזאמע טעראָר־אקטן, וואָס זייער ציל איז געווען צו ווייזן אַ מוסטער פון פארטיליקן די יידישע באפעלקערונג און אויך צו פארטויבן מיט שווערע קלעפּ די ציווילע תושבים, איבערצושרעקן אויף טויט און אָנצוואַרפן דורך דעם לשם ביישפּיל אַן אימה אויף דער נישט־יידישער, פויליש־ווייסרוסישער באפעלקערונג, פאר אָט די ערשטע טעראָר־אויפטועך טראָגן די דירעקטע אחריות די גענעראלן גודעריאן און האָט און דער פעלדמארשאל באָק, וועלכע האָבן אויפן ביאַליסטאָקער געביט רעאליזירט די באשלוסן פון דער בארעטונג פון דעם רייכסזיכערהייטסהויפּטאמט און דער הויפּט־אָנפירונג פון דער היטלעריסטישער ארמיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַי 1941 און ווו עס איז געשטאנען ווי איינער פון די הויפּט־פּונקטן די צוזאמענארבעט פון די צוויי פאקטאָרן ביי דער יידן־פארטיליקונג 1א).

אז איינער פון די צילן פון דער דייטש־פאשיסטישער ארמיי באלד ביים אריבערגיין די סאָוועטישע גרענעץ איז געווען אויסצוראָטן פיזיש אַ גרויסן טייל פון דער ציווילער באפעלקערונג און באזונדערס די יידן, ווייזט אויף דער באפעל, וועלכן היטלער האָט ארויסגעגעבן דעם 17־טן יוני 1941 וועגן דעם, אז די דייטשע סאָלדאטן און אָפיצירן האָבן די פולע רעכט און פרייהייט צו בארויבן און אויסראָטן די באפעלקערונג פון די פארכאפטע געביטן; דעם דאָזיקן באפעל האָט מען מודיע געווען די אָפיצירן און סאָלדאטן אַ טאָג ערב דעם אָנפאל אויפן ראַטנפארבאנד 1ב). אזוי ארום זיינען די ערשטע דייטש־פאשיסטישע שחיטות פון יידן אין ביאַליסטאָק געווען אַ דירעקטע אויספירונג פון באפעל פון היטלערן און פון זיין הויפּט־שטאב פון 17־טן יוני 1941.

פרייטיק, דעם 27־טן יוני 1941, 6 פארטאָג זיינען די דייטשן אריין אין ביאַליסטאָק. און שוין 8 אינדערפרי האָט זיך פאנאנדערגעגאָסן איבער די גאסן און געסלעך פון דער באצווונגענער שטאָט אַ כוואַליע פון מאסן־דערשיסונגען און איזדעקוועס זיך, וואָס גייט אריבער אין אַ פּאָגראָם מיטן טרויעריק־באקאנטן אפאגיי פון אונטערצינדן די שול און אָפּווישן פון דער אויבערפלאך אַ גאנצן ווינקל־ראיאָן, ווו עס האָט אין משך פון דורות געווימלט

1א) צאַנאַווע, ז' 51.
1ב) דאָרטן.

אן ענערגיש יידיש מאסן־לעבן. די צאָל „פּריטיקדיקע" קרבנות ווערט אָפּגעשאַצט אויף צוויי טויזנט 2).

דאָנערשטיק, דעם 3־טן יולי איז איך א גאסן־אַבלאווע געפאנגען געוואָרן א פרישע צאָל יידן; מען האָט זיי אוועקגעשטעלט אויפן פיעטראשער פעלד און דאָ ארונטערגעקאָשעט מיטן פייער פון מאשין־געווער. צום ערשטן מאָל האָט אויפגעטויכט אין ביאַליסטאָק דאָס שרעק־וואָרט „פּיעטראַשע" — פונקט ווי אין ווילנער געטאָ דער נייער אומגליק־סינאָנים „פּאָנאַר". די צאָל „דאָנערשטיקדיקע" קרבנות האָט באטראָפן צוויי הונדערט 3).

שבת, דעם 12־טן יולי, האָט אויסגעשלאָגן די שעה פאר פרישע קרבנות. ווידער איז דער עקזעקוציע־פלאץ געווען אויפן פיעטראשער פעלד. די צאָל אומגעבראכטע „שבתדיקע" ווערט געשאצט אויף פינף טויזנט 4).

אויף א צולייג האָט דער שונא תיכף אויף צומארגנס, זונטיק, דעם 13־טן יולי, ארויסגעשלעפּט פרישע 300 יידן און זיי דערמאָרדעט 5).

דער ערשטער טעראָר־ציקל איז דורך די דייטשן אין ביאַליסטאָק פארענדיקט געוואָרן מיט דער טרויעריק־בארימטער באגראבעניש פון די ביוסטן פון מארקס, ענגעלס, לענין און סטאלין. דאָס איז געווען א נייער גרויליקער מיטלאלטערלעכער ספּעקטאקל. די שוישפּילער און די קרבנות האָבן דאָ ווידער געדארפט זיין די יידן. אונטער דער סווישטשעריי פון דייטשן און ביי הילכיקע קולות פון אָרטיקע אנטיסעמיטן און פאשיסטן, וואָס האָבן געשריגן „זשידי־קאָמוניסטי", האָבן יידן געמוזט אראָפּהאקן די קעפּ פון די פיר סטאטועס. און א גרויסע מאסע יידישע מענער און פרויען, אָנגעטאָן יום־טובדיק אונטער דער דראונג פון אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן, איז געצוואונגען געוואָרן אויפצונעמען דעם טרויעריקן „פּאראד" און זינגען יידישע פאָלקס־מאָטיוון, „מיין שטעטעלע בעלז" און אנדערע לידער 6).

---

2) ג״ע פון אידע לעוויטאַנסקאַ, אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נומ׳ 1282; לויט ג״ע פון שול-וועכטער יוזעף באַרטאָשקאָ, באַטרעפט די צאָל פאַרברענטע יידן 800 (אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נומ׳ 1840).

3) דאָרטן.

4) ג״ע פון י. ריווקינד און עדוואַרד יאַנאָוויטש, אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נומ׳ 2009.

5) ג״ע פון ט. ציטראָן, אַרכ׳ ייה״א, נומ 846/1.

6) ארכ׳ ייה״א, נ׳ 8/45.

דער דאָזיקער ספּעקטאַקל האָט געדאַרפט סימבאָליזירן דעם סוף פון דער הערשאַפט פון דער „זשידאָ־קאָמונע" אין דער שטאָט.

געשען איז דאָס דעם 30־טן יולי 1941.

מיט פיר טעג פריער איז אַרויס די גזירה פון געטאָ. און די צווי טעג נאָכן גרויליקן ספּעקטאַקל, דעם 1־טן אויגוסט, איז דאָס געטאָ געשלאָסן געוואָרן.

דער באַצווינגער האָט געעפנט אַ ניי שוואַרץ בלאַט אין דער געשיכטע פון די יידן אין ביאַליסטאָק.

* * *

בדרך כלל זיינען ווי קרבנות פון די ערשטע טעראָר־אַקטן פון דער רייכסווער געפאַלן יידן פון פאַרשידענע שיכטן, פאַכן און עלטער. איבע־ריפיק מאַכן די כאַפּעריי און די עקזעקוציעס אַן איינדרוק פון כאַאָטיש־קייט און צופעליקייט. פאַקטים זעט אויס די זאַך אַנדערש.

חוץ דעם אַלגעמיינעם צוועק אויסצובלוטיקן און טעראָריזירן די באַ־פעלקערונג — די יידישע דורך דירעקטע רציחות, די נישט־יידישע דורך ווייזן אַ ביישפּיל לגבי די יידן — האָט דער שונא געהאַט נאָך איין באַזונ־דערן וויכטיקן ציל, דהיינו: אויסראָטן דעם קאָמוניסטישן אַקטיוו און דעם סאָוויעטישן און פּראָסאָוויעטישן עלעמענט באַלד ביים אָנהייב. עס איז כאַ־ראַקטעריסטיש, וואָס די דייטשע קינאָ־כראָניק, וועלכע האָט געוויזן, ווי מען פירט די קרבנות צום פּיעטראַשער פעלד, האָט אין אַן אַנטשפּרעכנדי־קער אויפשריפט דערקלערט דעם ציל פון די עקזעקוציעס: „ביאַליסטאָק אָפּגערייניקט פון קאָמוניסטן" 7). אין ביאַליסטאָק האָט דער שונא אָנגע־ווענדט אין די ערשטע טעג אַן אַנדער טאַקטיק ווי, אַ שטייגער, אין וואַרשע. אין וואַרשע האָבן מיר צו טאָן מיט מאַסן־הריגות פון רעוואָלוציאָנערן און אַנטיפאַשיסטן אין געטאָ ערשט אין דער ערשטער העלפט פון 1942 נאָכדעם ווי עס איז אַנטשטאַנען די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.) און עס איז געשאַפן געוואָרן דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק. אין ביאַליסטאָק ווערט דער בלוטיקער טעראָר לגבי דעם פּאָליטיש־געפערלעכן עלעמענט אָנגעווענדט באַלד פון אָנהייב. דער שונא האָט, ווייזט אויס, געוווסט וועגן

---

7) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ.

דעם, אז דאָ געפינט זיך אַ צאָלרייכע רעוואָלוציאָנערע גרופּע; ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דעם אומשטאַנד, וואָס ביאַליסטאָק איז אין משך פון קנאַפּע צוויי יאָר געווען סאָוויעטיש. פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם און פּראָסאָוויעטישקייט ווערן געזוכט לויט רשימות[8]. עס איז דעריבער נישט קיין צופאַל, וואָס צווישן די „שבתדיקע" געפינען מיר אַזעלכע נעמען:

משה גרינבוים, אַדער גרינבערג, געבוירן אין 1900 אין לענטשיץ, פּסעוודאָנים — „דער טויבער משה", לאַנגיעריקער קאָמוניסטישער טוער פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, אַרעסטאַנט פון קאַרטוז־בערעזע; פון פאַך אַ שניידער־אַרבעטער.

יאַנקל ביבעלאַייזער, געבוירן אין 1895 אין וואַרשע, פּסעוודאָנים „דאָס קליינע יאַנקעלע", לאַנגיעריקער קאָמוניסטישער טוער פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, אַ געוויסע צייט סעקרעטאַר פונם נאָדל־אַרבעטער־פאַריין; פון פאַך אַ היטל־מאַכער.

חיים אייכל, פּסעוודאָנים „וואַצעק", געבוירן אין 1903 אין וואַרשע, קאָמיוגישער און קאָמוניסטישער טוער פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, באַקאַנט פון זיין העלדישער האַלטונג אין תפיסה, ווו מ'האָט אים געפּייניקט און ער האָט זיך נישט געבראָכן; פון פאַך אַ שניידער־אַרבעטער.

קאַראָל אייזענבערג, לאַנגיעריקער טוער פון לינקן פאַריין פון יידישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין וואַרשע, פירער פון פּראָגרעסיווע קינדער־אָרגאַניזאַציעס; אַ קאָמוניסט, פון פאַך אַן אָנגעשטעלטער.

הערשל בורשטין, געבוירן אין 1908 אין וואַרשע, געווען אַ ישיבה־בחור, שפּעטער טוער פון פאַריין פון די לינקע מאָלער־אַרבעטער אין וואַרשע, קאָמענדאַנט פון פּראָלעטאַרישע זעלבשוצן; פון פאַך אַ מאָלער־אַרבעטער.

אברהם לוקסעמבורג, קאָמיוגישער טוער פון וואַרשע; אַן אַרבעטער פון אָפּשטאַם.

משה עפּעלבוים (משה ביאַלער), געבוירן אין 1904 אין שטעטל לאַמאַזי, פּסעוודאָנים „סאַליעק", לאַנגיעריקער טוער פון לינקן סטאָליער־פאַריין אין וואַרשע, אַ קאָמוניסט; פון פאַך אַ סטאָליער־אַרבעטער.

הערש דאַווידזאָן, קאָמוניסטישער טוער פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן; אַן אינטעליגענט פון אָפּשטאַם.

---

8) גראָסמאַן, זז' 80—83; אויך ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ און י. ריוו־קינד.

אברהם שורעק, לאנגיעריקער פּאָפּולערער קאָמוניסטישער טוער אין לאָדזש; פון פאך א סוועטער־נייער.

פּרץ אָרנשטיין, קאָמוניסטישער טוער פון לאָדזש, געהאט הינטער זיך דעם קאָנצלאגער אין קארטוז־בערעזע; פון פאך א שניידער־ארבעטער.

חיים וואָיסקאָווסקי, א געבוירענער אין וויסאָקער־ליטאָווסק, קאָמוניסטישער טוער פון לאָדזש, א פּאָפּולערער יידישער קולטור־טוער; פון פאך א ציין־טעכניקער.

משה פוקס, לינקער ארבעטער־טוער, קולטור־עסקן, איינער פון די פירער פון „געזערד"־באוועגונג אין לאָדזש.

משה בערשלינג, קאָמוניסטישער טוער, קולטור־עסקן און ליטעראַט פון לאָדזש; איינער פון די פירער פון דער „געזערד"־באוועגונג אין דער שטאָט; פון פאך א לערער.

די קאָמוניסטישע טוער:

דאלעק פאצאנאָווסקי פון לאָדזש; וויערניק, יעקב קעניגסבערג, ישראל מוראוויעץ, בורגין — פון ווארשע; ניימאן, דירעקטאָר פון דריטן טעקסטיל־קאָמבינאט אין ביאַליסטאָק; דוד זאכאריאש, לאנגיעריקער טוער פון לינקן טעקסטיל־ארבעטער־פאריין אין ווארשע; דער ווארשעווער „געזערד"־טוער משה טייבלום, די ביאַליסטאָקער פּעדאגאָגן רייפער און ראָזענבלאט, אָנפירנדיקע לערער פון די סאָוויעטישע שולן, און אנדערע, וואָס זייערע נעמען זיינען צו אונז נישט דערגאנגען.

בעת די טעראָר־טעג זיינען אומגעבראכט געוואָרן א ריי פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער, פּראָסאָוויעטישער יידישער אינטעליגענץ, צווישן אנדערע די אלטע באקאנטע פארטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן אין פארמלחמהדיקן פוילן, די אדוואָקאטן: גדאנסקי, טילעמאן, גלינקא, ווינציגער, בלאָקשטיין און אנדערע 9).

אויפפאלנדיק איז אויך דער פאקט, וואָס אין די דאָזיקע גרויל־טעג איז דערמאָרדעט געוואָרן א גאנצע פּלעיאדע יידישע זעצער און דרוקער, צווישן זיי: יאָסל זעליגמאן, ישראל בערשאדסקי, מאָטל פרידמאן, י. כאסקעל[redacted] די ברידער סאָקאָלאָווסקי, זיידל, פּאָרטנאָי 10).

די אלע פאקטן סוגערירן צוויי אויספירן: ראשית — אז די דייטשן האָבן געצילט צו פארניכטן, אָדער לכל הפחות אָפּשוואכן דעם קערן פון

---

9) דאָרטן; אויך ג"ע פון ט. ציטראָן.

10) לויטן ארטיקל פון די דרוקער הערשל קאָזאַק און יצחק ריבאַלאָווסקי: „דער ביאַליסטאָקער יידישער דרוקער-פאריין", אינם „פנקס פון יידישע דרוקער אין פוילן", ווארשע, 1939, זז' 45—47.

די אַרבעטער־ און אינטעליגענץ־טוער, וואָס וואָלט געקאָנט ווערן אַ צענטער פון מרידה־שטימונגען, און איינעם מיט אים די מענטשן, וועלכע האָבן געקאָנט אַרויסלאָזן אומלעגאַלע ליטעראַטור; צווייטנס — אַז עס האָבן זיך שוין דעמלט, אין דער ערשטער צייט, צווישן די יידן געפונען אַזעלכע פאַרשוינען, וועלכע האָבן געדינט מיט אינפאָרמאַציעס וועגן פאַרדעכטיקע, אָדער פאַרזינדיקטע מענטשן. עס איז קלאָר, אַז פון דעם טעראָר האָבן געליטן נישט נאָר פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם און פּראָסאָוויעטישקייט. דער „קאָמוניסטישער אַרגומענט" האָט געדינט דעם אָקופּאַנט אין זיינע אַגענטן צו טעראָריזירן און מאָרדן טויזנטער סתם־יידן, פּאָליאַקן, ווייסרוסן.

די ערשטע אַקטן פון מאַסן־טעראָר האָבן געהאַט עטלעכע באַגלייטשטריכן, וועלכע האָבן באַלד ביים אָנהייב דערוויזן, אַז ביאַליסטאָק וועט — בדרך־כלל — נישט זיין קיין אויסנאַם פון אַנדערע געטאָס.

ראשית — האָט די דייטשע מיליטערישע מאַכט, וועלכע האָט דאָך אָרגאַניזירט און אַדורכגעפירט די שחיטות, אונטערצינדונגען און פּליינדערייען, פון ערשטן טאָג אָן זיך באַמיט צו באַווייזן די אייגענע „אַליבי" און וואַרפן מעשה פּראָוואָקאַטאָר די שולד אויף אַנדערע. נאָכן בלוטיקן פרייטיק איז די „פּרויסישע צייטונג" פון קעניגסבערג אַרויס מיט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק, שרייבנדיק, אַז דאָס האָט די אָרטיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג, געטריבן פון שנאה־געפילן צו אַליודאַ, אונטערגעצונדן די שול און פאַרברענט די יידן, און די דייטשע סאָלדאַטן האָבן פאַרקערט, געראַטעוועט גאָר די קרבנות פון פייער 11).

אין גיכן נאָך אָן „אַליבי" זיינען די מערדער באַגאַנגען נאָך איין העסלעכן שווינדל. די דייטשע מיליטערישע מאַכט האָט אַרויסגערופן דעם אָרטיקן ראַבינער ד״ר ראָזעמאַן און, אונטער דער דראָונג פון אַ רעוואָלווער, אויסגעפּרעסט אַן אונטערשריפט אויף אַן אַקט, בכן די רוסן האָבן פאַרן אָפּטרעטן אונטערגעצונדן דעם שול־ראַיאָן. די דייטשע פּרעסע האָט דערנאָך באַשריבן די געשעענישן טאַקע אין דעם נוסח, בכן די „באָלשעוויקעס" האָבן חרוב געמאַכט דעם מאַרק־ראַיאָן פאַר זייער אָפּטרעטן 12). דאָס איז געווען אַ קליינער קאַטין־בילבול מיט קנאַפּע צוויי יאָר פאַר דער גרויסער קאַטין־פּראָוואָקאַציע.

צווייטנס — איז די פּערפידיע פון דעם שונא שוין געקומען צום אויסדרוק אויך אין פאַלשע צוזאָגן, וואָס זייער עפּילאָג איז אָבער געווען זייער

---

11) ג״ע פון ז. קאַלעשניקאָוו.
12) קאָט, ז׳ 25.

א בלוטיקער פאר די לייכטגלויביקע יידן. בעתן טרויעריקן פרייטיק האָט זיך אָפּגעשפּילט אַט אזא טראגישער פאַל: איין יינגל האָט זיך, אנטלויפנ־דיק, באהאלטן אינם הויף זאַלעוונא 10. די דייטשן האָבן אונטער דער דראָונג פון אונטערצינדן דאָס הויז איניינעם מיט די שכנים געצוווּנגען די הויז־איינוווינער ארויסצוגעבן דעם פּליט. דאָס יינגל איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אָבער די דייטשן האָבן זייער וואָרט נישט געהאַלטן. עס איז תיכף נאָך דער ערשטער עקזעקוציע אוועקגעלייגט געוואָרן טויט א גאַנצע משפּחה פון צווישן די לאָקאטאָרן פונם הויז: דוד וויסאָצקי און זיין פרוי חנה מיט זייער 6־יעריקן זונעלע, חנהס ברודער שאול מעללער, א שלאָסער פון פאַך, און זיין ווייב לאהקע, וועלכע האָט זיך נאָכן אומקום פון מאַן געבעטן רחמים ביים שונא, מען זאָל אויך זי דערהרגענען, און דער שונא האָט מיט פארגעניגן דערפילט די בקשה. בלויז דער פאָטער פון די מעללערס, דער 70־יעריקער קלמן, האָט אויסגעמיטן די קויל, מאַכנדיק זיך, א ליגנדיקער, טויט 13).

אָט אזוי האָבן די ביאַליסטאָקער יידן — אויפן ביישפּיל פון זאַלעוונא 10 — געהאַט א דאָפּלטע לעקציע: סיי פון פאַשיסטישער אכזריות, סיי פון דעם, אז מען טאָר נישט האָבן קיין שום אילוזיע און דעם מינדסטן צו־טרוי צו היטלעריסטישע צוזאָגן, אז מען דאַרף נישט גיין אויפן וועג פון ארויסגעבן איין קרבן מיט דער האָפענונג צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, ווייל נאָכן ערשטן קרבן צעעפנט דער נאַצישער מולך זיין פּיסק נאָכן צווייטן. שוין דעם ערשטן טאָג האָבן די ביאַליסטאָקער יידן באַשיינפּערלעך געזען: דער וועג צו רעטונג און ווערדע איז — נישט גלויבן אינם וואָרט פונם שונא, נאָר — האַלטן זיך איניינעם, סאָלידאַריש, מיט קעגנזייטיקער הילף און שוץ.

דריטנס — האָט זיך שוין אין דער ערשטער צייט אנטפּלעקט דער קרי־מינעלער כאראקטער און די אילוזיע־זייענדיקע פּאָליטיק פונם אָקאָרשט־אנטשטאַנענעם יודענראַט. די פירער זיינע האָבן גענומען זאַמלען געלט ביי די משפּחות פון די קרבנות, כדי אויסצוקויפן זיי פון דעם תלינס הענט. אינם דאָזיקן ערשטן שריט פונם יודענראַט האָט שוין געשטעקט דער עיקרדיקער כאראקטער־שטריך פון זיין גאַנצער ווייטערדיקער טעטיקייט. דעם דערמאָנטן שבת, דעם 12־טן יולי, פיר טעג נאָכן אנטשטיין פון דעם דאָזיקן אָרגאַן, האָבן די פירער פון יודענראַט געזאָגט די משפּחות פון די פארכאַפּטע מאַנצבילן, אז מען קאָן די קרבנות ראַטעווען, מען דאַרף

---

13) ג"ע פון א. לעווימאַנסקאַ.

נאָר געלט; אז העכסטנס פארשיקט מען זיי ערגעץ ווייט אויף ארבעט. די דייטשע מאכט האָט ארויפגעלייגט אויף דער יידישער באפעלקערונג א שווערע קאָנטריבוציע, און קיינער האָט נישט געוואָלט מיטן גוטן ווילן געבן. האָט דער יודענראט געזאָגט: פאר דער קאָנטריבוציע וועלן אויס־געלייזט ווערן די פינף טויזנט פארנומענע. אָבער אין די זעלביקע שעהן, ווען די דאָזיקע פארמיטלער האָבן געזאמלט ביי די קרובים פון די אוועק־געפירטע און ביי אנדערע יידן געלט און גאָלד, קידושין־פינגערלעך און שבתדיקע לייכטער, אין דער זעלביקער צייט איז שוין געווען נאָך אלעמען. אויף פיעטראשע האָט זיך דעמלט פארענדיקט די עקזעקוציע. די פינף טויזנט יידן האָבן שוין נישט געלעבט 14).

שוין אויף דעם טרויעריקן ביישפיל פון די „שבתדיקע” האָט די געטאָ־באפעלקערונג געהאט אן אָנשוילעכע לעקציע, אז מען טאָר דעם יודענראט נישט טרויען.

פערטנס — איז שוין דעמלט, און טאקע צוליב דעם נאָר־וואָס באַשריבענעם טראגישן שווינדל, אויפגעקומען אין ביאליסטאָק דער ערשטער כטיכישער אקט פון מאסן־פראָטעסט.

סוף חודש יולי האָט פארן בנין פון יודענראט געהאט אן אָרט א שטורמישע דעמאָנסטראציע פון די אלמנות, יתומים און משפחות פון די דערמאָרדעטע אויף פיעטראשע. זיי האָבן געפאָדערט א דין וחשבון פון די פארמיטלער, זיי האָבן אָנגענומען א דראָענדיקע פאָזיציע; די פירער פונם יודענראט האָבן זיך געמוזט אויסבאהאלטן פארן צאָרן פון המון 15). דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון ברויזונג.

און פיפטנס — דער ערשטער מוסטער פון אינטערנאציאָנאליסטישער סאָלידארישקייט. דעם בלוטיקן פרייטיק, ווען עס האָט געברענט דער שול־ראיאָן, האָט זיך ערגעץ אין דער נאָענט אָפגערופן א מענטשלעך הארץ, וואָס האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען די פיין פון לעבעדיק פאר־ברענטע. דער פשוטער פוילישער פאָלקס־מענטש, דער שוסטער וויניצקי האָט זיך צוגעשלייכט פון הינטן ארום צו דער שול און אויפגעריסן אן עפענונג ביים אריינגאנג אין דער זייט פון סוראזשער גאס, ווו די שמירה פון די דייטשן איז געווען קלענער. עטלעכע מענטשן איז דעם מוטיקן

---

14) ג"ע פון י. ריווקינד; אויך — ט. ציטראָן: „די דעמאָנסטראציע פון די „שבתדיקע” און „דאָנערשטיקדיקע”, ארכ' ייה"א, נומ' 2006.
15) דאָרטן.

שוסטער געלונגען ארויסצושלעפן פון פייער. באלד האָבן די זעלנער דער־
זען דאָס בילד און געעפנט א שיסעריי פון אויטאָמאטן. וויניצקי האָט תיכף
געמוזט אנטלויפן. געציילטע יידן זיינען פונדעסטוועגן ניצ׳ל געוואָרן פון
א שרעקלעכן טויט 16).

צי האָבן די יידן ארויסגעצויגן די געהעריקע מסקנות און געמאכט
אויספירן פון די פינף באגלייט־שטריכן פון דעם ערשטן טעראָר־ציקל?
בלויז א טייל האָט לכתחילה פארשטאנען דעם גאנצן אמת. אָבער וועגן דעם
— ווייטער.

---

16) ג״ע פון א. לעוויטאנסקאַ; דעם זעלביקן רעטונגס-פאַל באַשטעטיקט
אויך אין זיין ביכל ס. קאַט.

ק א פ י ט ל   ד ר י י

די ערשטע גזירות

ווי געזאָגט, זיינען די דייטשע פאשיסטן געקומען קיין ביאַליסטאָק באוואָפנט מיט דער אנטי־יידישער פראַקטיק פון קנאַפע צוויי יאָר אין דער גענעראַל־גובערניע, וואַרטעלאַנד און ציכענאַוער (טשעכאַנאָווער) באַ־צירק. די ערשטע פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן אויסגעשטעלט די יידן אין ביאַליסטאָק אין אן אויסנאַם־לאַגע, האָבן דאָ אַריינגעבראַכט די מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען. דעם 8־טן יולי 1941 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פאַר־אָרדענונג וועגן טראָגן א ווייסן באַנד מיט א בלויען מגן־דוד 1), אינגיכן זיינען איינגעפירט געוואָרן, לויטן מוסטער פון די שטעט, וואָס זיינען איינ־געגלידערט געוואָרן אין „רייך", עלעהיי לאָדזש — צוויי „שאַנד־צייכנס" — אויף דער לינקער ברוסט פון פאָרנט און אויף דער רעכטער פלייצע פון הינטן 2).

די דאָזיקע ערשטע דערנידערונג־גזירה האָט אָנגעטראָפן באַלד פון אָנהייב אויף א פאַסיוון ווידערשטאַנד. די ביאַליסטאָקער יידן האָבן זיך נישט געאיילט אויסצופירן די פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט און האָבן אויך נישט געוואָלט אזוי איפעריק זיך צופאַסן צו די רעקאָמענדאַציעס און עצות פון דעם יודענראַט, וועלכער האָט אין דער ערשטער מעלדונג שטרענג געוואָרנט די יידן. אין א קורצער צייט נאָך דער ערשטער מעלדונג וועגן דער לאַטע־גזירה לאָזט דער יודענראַט אַרויס — שוין נישט קיין מודעה, נאָר אן „אויפפאָדערונג און וואָרענונג דער יידישער באַפעלקערונג אין

---

1) מעלדונג נומער 1 (ביאַליסטאָקער יודענראַט־אַרכיוו אינם אַרכ' פון ייה"א).

2) ג"ע פון פישל פיינפעלד, אַרכ' ייה"א, פראָט' נומ' 972/2.

ביאַליסטאָק" און ווענדט זיך צו די יידן מיט א שפּראַך, אין וועלכער עס הילכן אָפּ טענער פון דראָונג:

„טעמענדיק אין באטראכט, אז א טייל יידישע מענער און פרויען אין ביאַליסטאָק טראָגן נאָך אלץ נישט דעם פאָרגעשריבענעם געלן צייכן פון פאָרנט אויף דער לינקער זייט און פון הינטן אויף דער פּלייצע, ווענדן מיר זיך נאָכאמאָל, אין אויפטראג פון דער מיליטער־מאכט, מיט דער דרינגלעכער פאָדערונג תיכף אָנצוטאָן די דערמאָנטע צייכנס. אין קעגנפאל, וועלן די אלע, וואָס וואַרפן זיך נישט אונטער דעם דאָזיקן באפעל, ווערן צום שטרענגסטן באשטראָפט.

„קיין ייד טאָר נישט אונטער קיין שום אומשטאנד אויסמיידן די דאָזיקע פאַראָרדענונג"[3].

אין אָט דער „אויפפאָדערונג און פאראָדענונג" ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט צוויי וויכטיקע מאָמענטן: ראשית — רעדט דער יודענהאָט אין אויפטראג פון דער מ י ל י ט ע ר ־מ א כ ט. והשנית — אויב אין דער ערשטער מעלדונג וועגן דעם שאנד־צייכן האָט דער יודענראט גערעדט מכוח שטרענגע שטראָפן פאר עובר זיין אויף דער גזירה, באנוצן איצט די דאָזיקע יידישע באפעל־אויספירער פון דער דייטשער מיליטער־מאכט אין זייער „אויפפאָדערונג און פאראָרדענונג" דעם אויסדרוק „צום שטרענגסטן באשטראָפט" לגבי די ווידערשפעניקע. אין גאָר א קורצער צייט שפעטער, דעם 26־טן יולי, פּרעציזירן די יודענראטלער אין נאָמען פון זייערע פולמאכטגעבער גענויער דעם פּשט פון די ווערטער „צום שטרענגסטן באשטראָפט". היות ווידערשפעניקע האָבן זיך — נישט געקוקט אויף די ערשטע צוויי דראָונג־דאָקומענטן — דאָך געפונען, גיט ארויס דער יודענראט דעם 26־טן יולי א פרישע מעלדונג:

„די מאכט האָט אויפמערקזאם געמאכט דעם יידנראט[4], אז א טייל יידן טראָגן נישט די געלע צייכנס אויף דער ברוסט און אויף דער פּלייצע.

דער יידנראט מאכט נאָכאמאָל אויפמערקזאם, אז די אלע פּערזאָנען, וואָס וועלן נישט טראָגן די געלע צייכנס לויט דער פאראָדענונג, וועלן שטרענג באשטראָפט ווערן, אפילו ביז דערשיסן"[5].

---

3) מעלד' נומ' 2 (דאָרטן).

4) מיר מאַכן אויפמערקזאַם: מיר באַנוצן דער טערמין „יודענראַט", בעת דער יודענראַט גופא טיטולירט זיך „יידנראַט". וועגן דעם אונטערשייד — זע ווייטער.

5) מעלד' נומ' 7 (דאָרטן).

דעם זעלביקן 26־טן יולי 1941 איז אַרויס אַ צווייטע גרויזאַמע גזירה, די גזירה פון געטאָ. אין משך פון פינף טעג האָט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג געמוזט פאַרלאָזן אירע אַלטע וווין־ערטער אין אַלע טיילן פון דער שטאָט און זיך איבערקלייבן אין אַ באַשטימטן, באַגרענעצטן וווין־ראַיאָן, וואָס איז אַריינגעקוועטשט געוואָרן צווישן דער הויפּט־אַרטעריע ליפּאָווע פון איין זייט און די דלותדיקע געסלעך, וואָס נאָך דער ביאַלקע, פון דער צווייטער; און אויך צווישן דער שענקעוויטש־גאַס און די פּאָלנע. פון אַלע אַנדערע גאַסן האָבן יידן געמוזט אַרויס. אויף זייערע ערטער האָבן זיך געדאַרפט אַריינציִען „ריין־אַרישע" משפחות. די אַרויסגעטריבענע יידן זיינען מחויב געווען איבערלאָזן פאַר די נייע באַלעבאַטים די שטוב־איינאָרדענונג אין בעסטן סדר. וועגן דעם האָט טאַקע מיטגעטיילט די צעבראָכענע יידן דער יודענראַט אין אַ „וויכטיקער מעלדונג" — דעם זעלביקן 26־טן יולי:

„אויפן גרונט פון אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט, מעלדעט דער יידנראַט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, אַז אַלע וווינונגען מוזן, ביים פאַרלאָזן זיי, בלייבן אין אַ ריינעם צושטאַנד, נישט שמוציק, געוואַשן די פּאָדלאָגעס, ריין די ווענט, טירן און פענצטער.

„דערפאַר איז פאַראַנטוואָרטלעך יעדער איינציקער פאַר זיך באַזונדער און דער יידישער כלל צוזאַמען מיטן יידנראַט. דעריבער וואָרנט דער יידנראַט נאָכאַמאָל מיט דער גאַנצער שטרענגקייט, אַז אַלע פאַרלאָזענע וווינונגען מוזן זיין אין אַ פולשטענדיק ריינעם צושטאַנד. די שליסלען פון דער דירה מוז מען אָפּגעבן אין מאַגיסטראַט" 6).

די געוויינטלעכע מיטטיילונגען פונם ביאַליסטאָקער יודענראַט טראָגן דעם לאַקאָנישן נאָמען „מעלדונג". אין דעם אַקאָרשט־ציטירטן פאַל האָט דער יודענראַט געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַקרוינען די איוב־בשורה מיט אַ טיטל „וו י כ ט י ק ע מעלדונג" און האָט זיך ווידעראַמאָל באַנוצט מיט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „וואָרענען". דער אכזריותדיקער דייטשער אונטערדריקער האָט נישט בלויז באַרויבט די יידן פון זייערע וווינונגען, נאָר זיי געצווונגען אויסצורייניקן און אויסצושייערן די פאַריתומדיקע צימערן פאַר די „יורשים", וואָס האָבן זיך אין זיי געדאַרפט באַזעצן. דער אָקופּאַנט האָט געגעבן פאַרן גירוש בסך־הכל פינף טעג. דעם ערשטן אויגוסט איז דער נייער וווין־ראַיאָן פון די אַרויסגעיאָגטע און באַרויבטע יידן, דאָס געטאָ, געוואָרן אָפּגעשלאָסן און פאַרמאַכט. אין משך פון די דאָ־

---

6) מעלד' נומ' 4 (דאָרטן).

זיקע פינף טעג זיינען די ביאַליסטאָקער געווען שטומע עדות פון גרויליקע בילדער.

נאָך דעם פאַטאַלן טאָג פון דער שול־שריפה און נאָך דעם טראַגישן שבת זיינען די דאָזיקע פינף גירוש־מעת־לעתן געווען ווייטערדיקע רינגען אין דעם מאוימדיקן בראָך. אָט ווי עס באַשרייבן דעם ערשטן גירוש אין געטאָ אַריין עדי ראיה:

פון אינדערפרי אָן האָבן זיך געצויגן רייען יידן, געבויגענע אונטער פעק בעטגעוואַנט, געשלעפּט קינדערשע וועגעלעך מיט כלערליי חפצים. זיך געצויגן פון אַלע ווייטערע גאַסן און פון דער פּעריפעריע צו דעם פירעקעדיקן ראַיאָן, וועלכן די דייטשן האָבן אָפּגעצוימט פון דער דרויסנדיקער וועלט און באַשטימט פאַר א געטאָ. לענגאויס די גאַסן, וואָס האָבן געפירט צו די אַריינגאַנגען אין דער ריזיקער תפיסה, זיינען געשטאַנען רייכס־דייטשן, פאָלקס־דייטשן, שטאַם־דייטשן, פוילישע זאַלאָגישע אַנטיסעמיטן און האָבן בלוטיק געחוזקט פון די פאַרחושכטע יידן. און כדי צוצוגעבן דער „איבערזידלונג" אַלע סימנים פון א פּאָגראָם, האָבן די כוליגאַנעס פון דער היטלער־יוגנט אין א ריי ערטער צעטרענט יידישע פעדערינעס און קישנס, גאַסן זיינען אויסגעפילט געוואָרן מיט א מבול פעדערן. אינצייטיק איז אָנגעגאַנגען א רויבעריי און שלעגעריי. קינדער האָבן געוויינט, זקנים זיינען געפאַלן, און די כוליגאַנעס האָבן געטריבן, באַגלייטנדיק די קרבנות מיט מיאוסע זידל־ווערטער; צום אָפטסטן האָט מען געהערט דאָס חוזק־געשריי: „יודי דאָ בודי" 7).

די אַרומיקע כוליגאַנישע באַגלייטער האָבן זיך נישט באַפרידיקט מיט בלויז זידלען. מען האָט געקאָנט זען אָפטע בילדער, ווי כוליגאַנעס פון דער ענדעקישער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע באַפאַלן אַלטע יידישע פרויען, וועלכע בויגן זיך אונטער דער לאַסט פון די אָרעמע פעק, און שלאָגן זיי מיט שטעקנס. מענער און פרויען פון דער פוילישער אונטערוועלט זיינען געגאַנגען איבער יידישע וווינונגען, געזוכט יידן, גערופן צו זיי געסטאַפּאָ־לייט, גערויבט, געשלאָגן און זיך איזדעקעוועט איבער די אומגליקלעכע קרבנות. גרויס פלייס אין אָט דער מנובלדיקער אַרבעט האָט אַרויסגעוויזן א געוויסע זשוקאָווסקאַ מיט איר זון, וועלכע האָבן אין דעם הויז אויף ווערסאַל־גאַס נומער דריי איינגעאָרדנט א „קליין" פּאָגראָמל איבער די יידישע שכנים 8).

---

7) ג"ע פון רבקה וואָיסקאָווסקאַ (מחברס אַרכ').
8) ג"ע פון י. ריווקינד.

טריי זייער נוסח ביי אַלע אַזעלכע פֿאַלן האָבן דייטשע אָפֿיצירן מיט גרויס הנאה און פֿלינקייט פֿילמירט די דאָזיקע גרויל־בילדער 9). עס האָט געדאַרפֿט הייסן פֿאַר דער וועלט, אַז נישט זיי, די זיגער און אָקופּאַנטן, טרייבן די ייִדן אין געטאָ אַריין, נאָר אַז דאָס איז דער ווילן און פֿאַרלאַנג פֿון דער „אַרישער" אָרטגעזעסענער באַפֿעלקערונג, וועלכע וויל איניינעם מיט די שמוציקע ייִדן נישט וווינען, נישט לעבן.

אָבער די דאָזיקע אידיליע פֿון דייטשער רייכסווער און אָרטיקע כוליגאַנעס און פֿאַשיסטן פֿון פּוילישן אָפּשטאַם איז פֿון צייט צו צייט צעשטערט געוואָרן דורך לגמרי אַנדערע גאַסן־סצענעס, דורך באַשיידענע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון מענטשלעכקייט — און דעמלט איז דער פֿילם־אַפּאַראַט אַנטשוויגן און פֿאַרלאָשן געוואָרן. אָט איז אַן אַלטער פּוילישער אַרבעט־מענטש צוגעגאַנגען צו אַ יונגער פֿרוי, אַ „באַצירטער מיט אַ געלער לאַטע, און אויפֿן קול זי באַגלייט מיט האַרציקע טרייסט־ווערטער: „טאָכטער, שעם זיך נישט; זאָלן זיי זיך שעמען, אָט אָ די, וואָס האָבן דיר די געלע לאַטע אָנגעטאָן" 10).

דעם ערשטן אויגוסט 1941 איז דאָס געטאָ אין ביאַליסטאָק געוואָרן פֿאַרמאַכט. דאָס איז געווען דעם זעלביקן טאָג, ווען דעם אַמט פֿון שעף פֿון דער ציוויל־פֿאַרוואַלטונג עס האָט איבערגענומען עריק קאָך. די ייִדן האָבן אָבער בשום אופֿן נישט געקאָנט איינערלעך מסכּים זיין מיט דעם דאָזיקן גזר־דין. אין די ערשטע צוויי טעג האָבן אַ סך געטאָ־אסורים געבראָכן די גזירה און, נישט קוקנדיק אויפֿן אסור־רוף פֿונם יודענראַט, אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם אַרויפֿגעצוווּנגענעם תחום. און ווידער האָט אַ שוועב געטאָן פֿאַר די אויגן פֿון די ווידערשפּעניקע דאָס געשפּענסט פֿון טויט. „מיר וואָרענען אין נאָמען פֿון דער מאַכט, — שרייבט אין זיין וואָרענונג פֿון דריטן אויגוסט 1941 דער יודענראַט, — די טויערן פֿון געטאָ זיינען פֿאַר ייִדן געשלאָסן. יעדער ייִד, וואָס טרעט אַרויס פֿון געטאָ־טויער אָן אַ דורכגאַנג־שיין, שטעלט איין זיין לעבן" 11). די מאַכט האָט געדענקט וועגן יעדן מעגלעכן פֿאַל, אַפֿילו וועגן... זונות. דעם צווייטן סעפּטעמבער 1941 אַ חודש נאָכן שליסן דאָס געטאָ, לאָזט אַרויס דער יודענראַט אַ פֿרישע וואָרענונג, וועלכע דראָט נאָך אַלץ מיט טויט: „די דייטשע מאַכט לאָזט וויסן דעם יידנראַט, אַז די גאַסן־פֿרויען פֿון געטאָ פֿאַרבלייבן איבער נאַכט אוי-

9) ג"ע פֿון מ. אורשאַנסקי, אַרכ' ייה"א, פּראָט נומ. 2160.
10) ג"ע פֿון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
11) מעלד' נומ' 15 (דאָרטן).

סער דעם יידישן שטאָט־טייל. די יידישע אָרדנונגס־דינסט האָט באַקומען דעם באַפעל, אַז מ'וועט כאַפּן אַזעלכע פּרוּוון, זאָל מען זיי איבערגעבן דער דייטשער מאַכט. די שולדיקע וועלן באַשטראָפט ווערן מיט טויט" 12). עס איז קלאָר, אַז דאָס איז חל געווען נישט בלויז אויף זונות.

עס איז פונדעסטוועגן געווען אַ זייער קליינע קאַטעגאָריע געטאָ־איינוווינער, וואָס האָבן געמעגט — אויפן סמך פון ספּעציעלע דערלויבע־נישן — זיך געפינען אין משך פון אַ באַשטימטן טאָג־אָפּשניט מחוץ די גרענעצן פונם יידן־ראַיאָן. דאָס זיינען געווען נישט בלויז די פאַרשידענע שפּיקעס און אַגענטן פון די דייטשע אָרגאַנען, וועמענס אויפגאַבע עס איז באַשטאַנען אין אויסשפּירן יידן אויף דער „אַרישער" זייט, און בפרט קאָמוניסטן. צו די „גליקלעכע", וואָס האָבן געמעגט אַרויסגיין, האָבן געהערט אויך די אַרבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט געווען אין פאַרשידענע געביטן מחוץ די געטאָ־פּאַרקאַנס. די דאָזיקע „בעל־מוצלחס" האָבן, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, אַריינגעפירט אין געטאָ אַריין אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן. אָבער אויך דאָס האָט פאַרויסגעזען דער באַצווינגער. דעם 15־טן אויגוסט 1941 ווערן די מויערן פון ביאַליסטאָקער געטאָ באַקלעבט מיט דער פאָלגנדיקער מעלדונג פון יודענראַט: „די אַלע, וואָס האָבן שייַנען אַרויסצוגיין פון געטאָ, ווי אויך אַלע בריגאַדירן פון אַרבעט־אָפּטייל ביים יודנראַט און די יידישע אַרבעטער, וואָס קומען אויסערן געטאָ, ווערן דערמיט געוואָרנט, אַז מאַכן וועלכע ס'איז איינקויפן אויסערן געטאָ, סיי אין די קראָמען און סיי פּריוואַט, איז פאַר יידן דורך דער דייטשער מאַכט שטרענג פאַרווערט. פאַר נישט פאָלגן דעם דאָזיקן פאַרבאָט וועלן קומען זייער שווערע שטראָפן 13).

היות דער דאָזיקער פאַרבאָט האָט ווייניק געהאָלפן, האָט די אָקופּיר־מאַכט געוואָרנט דעם יודענראַט, אַז פאַר עובר זיין אויף דער גזירה וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן נישט בלויז די דירעקטע שולדיקע, נאָר אויך די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג 14). איינער מיטן געשפּענסט פון טויט־שטראָף 15) האָט אַרויסגעטויכט אַ צווייטע געפאַר — קאָלעקטיווע אחריות.

---

12) מעלד' נומ' 83 און 84 (דאָרטן).

13) מעלד' נומ' 53 (דאָרטן).

14) מעלד' נומ' 61 פון 18־טן אויגוסט 1941.

15) אין דער מעלדונג פונם י"ר פון 30-טן סעפּטעמבער 1941 ווערט בפירוש געוואָרנט, אַז פאַר איינקויפן אויסער דעם געטאָ שפּייז קאָן מען באַשטראָפט ווערן מיט טויט.

און כדי די יחידי סגולה, וואָס זיינען מזכה געוואָרן מיט מעגן ארויסגיין אויף ארבעט מחוץ דעם געטאָ, כדי זיי זאָלן ווערן וואָס מער טעראָריזירט און אָפּגעשראָקן, האָט דער אָקופּאַנט פאַראָרדנט דורך דעם יודענראַט, אַז זיי טאָרן נישט גיין צוזאמען מער ווי זאלבענאנד; אַז זיי טאָרן זיך נישט באנוצן מיט די טראָטואַרן, אַז זיי טאָרן אויך נישט גיין איב־מיטן ברוק, נאָר נאָענט צום טראָטואַר, אַז זיי איז פארווערט צו גיין מיט די הויפּט־גאסן און זיי מעגן זיך באנוצן — נישט מיט ווארשעווער גאס, נאָר מיט סטאראָבאָיארער, נישט מיט וואשילקאָווער, נאָר מיט קאָשטשעלנע וכדומה 16).

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז דאָס יאָווען זיך אויף די פריערדיקע ווין־ערטער האָט געשמעקט מיטן ערגסטן. וואָרעם דעם אָקופּאַנט איז געגאנגען נישט בלויז אין אריינקוועטשן די יידן אין אַ אָפּגעצוימטן תחום, נאָר אויך אין בארויבן זיי פון זייער האָב און גוטס; אָבער די היטלעריסטישע מאכט האָט איינצייטיק געהיט, אַז די יידישע באוועגלעכע גיטער זאָלן נישט ארייַנפאלן אין די הענט פון פּריוואטע מענטשן, נאָר זאָלן טרעפן גלייך אין מלוכה־אוצר פון „דריטן רייך". פּאראלעל מיטן גירוש און מיט דער געטאָ־גזירה איז אָנגעגאנגען אן אקציע פון אַ פּאקטישער ריזיקער קאָנפיסקאטע פון דעם גרעסטן טייל פון יידישן פארמעגן לטובת דער דייטשער פאשיסטישער מלוכה, וועלכע האָט זיך אויך אין ביאליסטאָק אנטפּלעקט ווי דער גרעסטער און גיריקסטער רויבער אין די יאָרן 1941—1945. נאָכדעם ווי די מיליטער־מאכט האָט אדורכגעפירט די ערשטע שחיטות און גזירות, האָט די פריש־געבאקענע דייטשע ציווילע פארוואלטונג פון דער אָקופּירטער שטאָט ארויסגעלאָזט אָט אזא באקאנטמאכונג אין דריי שפּראכן — דייטש, פּויליש און ווייסרוסיש:

„1. יעדע פּערזאָן איז מחויב צו פארהאלטן יידן און אָפּצופירן זיי אין נאָענטסטן פּאָליציי־פּאָסטן, אָדער צום אמט־קאָמיסאר.

„2. יעטוועדער איז מחויב תיכף ומיד צו פארמעלדן יידיש פארמעגן, וואָס געפינט זיך ביי אים, ביים אָרטיקן בירגערמייסטער, אָדער אמט־קאָמיסאר, עווענטועל דעם קאָמיסאר פון דער שטאָט ביאליסטאָק.

„3. עס איז פארווערט:

„א) נישט בארעכטיקטע פּערזאָנען צו באזוכן דאָס געטאָ, יידישע וווינונגען און פּאָסעסיעס;

---

16) מעלדונגען נומ' 34 און נומ' 168 פון 10-טן אויגוסט און 26-טן נאָוועמבער 1941 (דאָרטן).

„ב) צוזאיגענען זיך יידישע פארמעגנס, צעטראָגן עס, אָדער העלפן אין דעם דריטע פערזאָנען;

4.” ווער עס ווירקט אקעגן דער דאָזיקער פאראָרדענונג, וועט שטרענג באשטראָפט ווערן.

אויבערפּרעזידענט

ציוויל - פארוואלטונג

פאר דעם באצירק ביאליסטאָק” 17).

די דאָזיקע פאראָרדענונג איז חל געווען נישט בלויז אויף ביאליס־טאָק דער שטאָט, נאָר אויפן גאנצן באצירק.

* * *

דער פּלאַן, וווּ עס זאָל זיך געפינען דאָס געטאָ אין ביאליסטאָק און אין וואָס פאר א גרענעצן, איז געווי באטראכט געוואָרן דורך דער דיי־טשער מאכט. לכתחילה איז געפּלאַנעוועט געוואָרן איינצואָרדענען דאָס געטאָ אין דער געגנט פון די כאנאיקעס 18). דער פּלאַן איז אָבער פאר־וואָרפן געוואָרן, צי דערפאר, ווייל די כאנאיקעס־געגנט איז צו נאָענט צום וואלד, צי דערפאר, (וואָס איז מער וואַרשיינלעך), ווייל עס האָט גע־ווירקט דער פעטער שוחד, וואָס דער יודענראט האָט דערלאנגט די נא־צישע שררות דורך דעם בירגערמייסטער ריגערט 19). אזוי, צי אזוי — פאר דעם געטאָ איז באשטימט געוואָרן דער תחום, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די פאָלגנדיקע גאסן און געסלעך: פאָלנע, טשענסטאָכאָווער, ביי־וועלט, געלדאָווע, קופּיעצקע (נישט ביזן סוף), שליאכעצקע, טשיכטע, טשיעפּלע, כמיעלנע, נאָוואָגרודזקע, לוצקע, ביאלע, רושאנסקע, ביאלאָסטאָטשאנ־סקע, יוראָווצער (טיילווייז). די אָקופּאנטישע מאכט האָט אזוי אויסגעפּלא־נירט, אז דאָס געטאָ זאָל ארומנעמען א קוואדראט פון גאסן, רעכענענדיק, אז אזוי ארום וועט גרינגער זיין צו האלטן די שמירה ארום די איזאָליר־טע יידן און צו האָבן אן אויג אויפן שמוגל. אין אָט דעם קוואדראטנעם תחום האָבן אָפיציעל געוווינט קנאפּע פופציק טויזנט יידן; נאָך א פופצן

17) אינם ביאַליסטאָקער יודענראָט-אַרכיוו (אַרכ׳ ייה”א).

18) ג”ע פון ד”ר ט. ציטראָן (מחברם אַרכ׳).

19) דאָרטן.

טויזנט האָבן דאָרטן געלעבט אומלעגאַל (די דאָזיקע ציפערן זיינען, נאַטירלעך, לפי ערכדיקע און נישט קיין אבסאָלוט פעסטגעשטעלטע). אַריינגעטריבן זיינען אהער געוואָרן אַלע יידן פון ביאַליסטאָק; די גזירה האָט — ווי אומעטום — נישט אויסגעמיטן אפילו דעם, וואָס זיין באָבע איז געווען אַ יידישע, און אַ פשיטא, אז יענעם, וואָס האָט זיין גוף שוין פון לאַנג באַשפּריצט מיטן הייליקן וואַסער פון שמד. צווישן די, וואָס האָבן זיך נאָכן ערשטן אויגוסט 1941 געפונען הינטער די פּאַרקנס פון אָפּגעשניטענעם יידן־ראַיאָן, זיינען געווען אויך עטלעכע מיסיאָנערן פון דער אַנגליקאַנישער (באַרביקאַנישער) תפלה פון דער גאַס פון הייליקן ראָך מיט פּאַסטאָרן־משומדים בראש. עס איז זיי נישט בייגעשטאַנען דער זכות פון זייער אַרבעט צו באַקערן די יידן צום „אמתן גלויבן". פאַרן שונא זיינען זיי געווען פשוטע יידעלעך גלייך מיט אַלעמען. און אפשר האָבן זיי געוואָלט כאַפּן נשמות אין די טרויעריקע באַדינגונגען פון געטאָ? עס איז זיי אָבער גאָרנישט געלונגען 20).

דאָס געטאָ איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע פּלויטן; ערטערווייז איז ער געווען פאַרמויערט, אָדער אָפּגעטיילט פון דער אויסערלעכער וועלט מיט די „באַטירלעכע" מויערן פון הייזער. טויערן זיינען געווען לכתחילה צוויי: דער הויפּט־אַריינגאַנג איז געווען נעבן הויז קופּיעצקע 3, נישט ווייט פונם עק קופּיעצקע־ליפּאָווע; דער צווייטער וויכטיקער טויער האָט זיך געפונען ביי יוראָווצער נומער פיר. ביי די דאָזיקע טויערן איז תמיד געווען אַ געדראַנג, ווייל דורך דאַנען איז מען נישט בלויז אַרויסגעגאַנגען אויף אַרבעט צו דער „אַרישער" זייט, נאָר אהער פלעגן קומען מענטשן פוןביידע וועלטן, פון דער איזאָלירטער און פון דער „פרייער", דורכצופירן אין געהיים און אין געאייל כלערליי משא ומתנס — טוישן, קויפן, פאַרקויפן 21). בפרט דורכן טויער אויף יוראָווצער גאַס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער שמוגל. יידן האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן און אַריינגעפירט אייל, בראָנפן, זייף, פעפער, פעטסן. אז מ'איז אַריינגעפאַלן,

---

20) וועגן זייער גורל זיינען פאַראַן פאַרשידענע סברות. יש אומרים, אַז זיי זיינען אומגעקומען אינאיינעם מיט אַלע געטאָ־אַסורים. ויש אומרים, אַז זיי זיינען אַ געוויסן טאָג נעלם געוואָרן, אַרויסגעצויגן געוואָרן דורך זייערע אַנגליקאַנישע אַפּוטרופּסים.

מיטן אייגענעם גוטן ווילן זיינען אַוועק אין געטאָ אַ ריי נישט־יידישע פרויען פון יידישע מענער, ווי די גרוזינישע פרוי פונם רעזשיסער בובריק, די דייטשע פרוי פונם לאָמזשער פליט נאָמבערג א"א.

21) ג"ע פון פ. פיינגאָלד.

האָט מען באַקומען אַ ביטערע שטראָף. די דייטשע וועכטער פּלעגן, אַ שטייגער, צווינגען די שמוגלער אויסצוטרינקען דעם געכאַפּטן אייל, אָדער געהייסן דעם אַרייַנגעפאַלענעם ייד אָפּרייסן אַ צווייגל פון אַ בוים, מיט דעם דאָזיקן צווייגל איז דער ייד אָפּגעשמיסן געוואָרן אויפן הוילן קערפּער מיט ווינציקסטנס פינף־און־צוואַנציק שמיץ 22). נישט געקוקט אויף די שווערע שטראָפן, האָט דער שמוגל געבליט. עס זיינען אין אים אַרייַנגעצויגן געוואָרן מענטשן פון דעם שונאס לאַגער גופא — דייטשן. דער הויפּט־מסחר איז געגאַנגען דורך דער דייטשער סאָלדאַטן־היים אויף ליפּאָווע, ד. ה. — אויף דער „אַרישער" זייט.

דער דריטער טויער האָט זיך געפונען אויף פאַבריקס־גאַס ביים עק פון פרייהייט־פּלאַץ (פּלאַץ וואָלנאָשטשי). דאָס איז געווען אַ טרויעריקער טויער, דער שפּעטערדיקער אַרויסגאַנג צום גירוש, צום טויט.

דער רעזשים אין געטאָ איז געווען זייער אַ שווערער. כדי עס זאָל ביי יעדן דערשטיקט ווערן יעדע שטים פון פּראָטעסט, איז איינגעפירט געוואָרן אַ שטרענגער פּאָליציי־אַישער רעזשים. דעם פינפטן סעפּטעמבער 1941 מעלדעט דער יודענראַט דער יידישער באַפעלקערונג אָט וואָס: „די יידישע אָרדנונג־דינסט האָט באַקומען אַ פאַראָרדנונג נישט צו לאָזן מענטשן צונויפקלייבן זיך אויף טראָטואַרן און בריקן, ווייל דאָס פאַרהאַלט די באַוועגונג אין די גאַסן און פאַרשפּאַרט דעם גאַנג צו די הייזער. די באַפעלקערונג ווערט אויפגעפאָדערט פאָלגן די דאָזיקע פאַראָרדנונג. אין קעגנפאַל וועט מען שטרענג באַשטראָפט ווערן" 23).

עס איז קלאָר, אַז די כוונה פון דעם שונא איז לחלוטין נישט געווען נישט צו פאַרשטאָפּן דעם צוקום צו די וווין־הייזער פון די יידן, וועמענס לעבן־באַקוועמלעכקייט עס איז אים זייער ווייניק אָנגעגאַנגען. דורך דער אַקאָרשט ציטירטער פאַראָרדנונג שלאָגט די מורא פאַר מענטשן־געזעמלס, פאַר געפּליסטערטער פּראָפּאַגאַנדע. כדי אָפּצוטויטן דאָס גאַסן־לעבן, וואָס קאָן ביי געוויסע אומשטענדן ווערן געפערלעך פאַרן אָקופּאַנטישן רעזשים, פאַרבאָט דער שונא דעם גאַסן־האַנדל אין געטאָ. דעם צוואַנציקסטן אָקטאָבער 1941 ווערט פאַנאַנדערגעקלעבט איבער די גאַסן און געסלעך פון געטאָ אַ נייע מודעה פונם יודענראַט וועגן דעם, אַז — „דער האַנדל אין די גאַסן איז פאַרווערט; ווער עס וועט זיך נישט אונטערוואַרפן דעם דאָזיקן פאַרבאָט, וועט אים די סחורה אָפּגענומען ווערן,

22) דאָרטן.
23) מעלד' נומ' 87 (דאָרטן).

און ער וועט פארהאלטן ווערן 24). מיט דער צייט ווערט אלץ מער און מער באגרענעצט די מעגלעכקייט פון צוזאמענטרעפן זיך אין עפנטלעכע לאָקאלן. דעם ניינטן יוני 1942 ווערן אויף א חודש צייט געשלאָסן אלע רעסטאָראנען, קאפעען, און טיי־הייזער מיטן תירוץ, אז דאָס איז א רעפּ־רעסיע־מיטל פארן אומגעזעצלעכן פארקויף פון געטראנקען; מיט א קורצער צייט פריער איז פארווערט געוואָרן צו מאכן און פארקויפן אלע מינים אייז־קרעם 25).

אזוי האָט די אָקופּאנטישע מאכט פון סאמע אָנהויב ארויסגעלאָזט כלערליי גזירות, וועלכע האָבן געשאפן פאר די יידן אן אויסנאם־לאגע, אראָפּגעגנידערט זיי צו דער מדרגה פון רעכטלאָזע פאריער, ארומגעשטעלט זייער טאָג־טעגלעך לעבן מיט שוידערלעכע פאראָרדענונגען, וואָס פאר זייער עובר זיין האָבן געדראָט די העכסטע שטראָפן ביז צונעמען דאָס לעבן איינגעשלאָסן.

אָפּגעספּארירט די יידן פון דער ארומיקער באפעלקערונג, איז דער שונא זיכער געווען, אז ער וועט פטור ווערן פון א גרויסער צאָל מורדים. דערדריקט די יידן מיט כלערליי גזירות און אויפגעהויבן איבער זייערע קעפּ דאָס כסדרדיקע געשפּענסט פון טויט, איז ער אויך זיכער געווען, אז דער רויב פון מאטעריעלע גיטער און די הפקרדיקע עקספּלאָאטאציע פון אר־בעט וועט אזוי ארום אָנגיין לייכט, אָן שטערונג.

איינייגעם מיט די פאראָרדענונגען איז געגאנגען די פּראקטיק.

---

24) מעלד׳ נומ׳ 133 (דאָרטן).

25) די מעלדונגען נומ׳ 269 און נומ׳ 284 פון 22-טן מאַי און 9-טן יוני 1942.

ק א פ י ט ל פ י ר

גירושים

איינעם פון די עטאפן צום ענד־ציל, צו דער פיזישער ליקווידירונג פון דער יידישער באפעלקערונג, האָבן אין דער היטלעריסטישער פּאָליטיק לגבי די יידן געשאַפן די גירושים, אָדער ווי דאָס האָט געקלונגען אין לעקסיקאָן פון די רוצחים „איבערזידלונגען" און „אויסזידלונגען". די יידן פון אָקופּירטן ביאַליסטאָק זיינען געטראָפן געוואָרן דורך עטלעכע מינים גירושים, וואָס איטלעכער פון זיי איז פאָרגעקומען אין א באַזונדערער פּראָנט־סיטואַציע. די ערשטע „איבערזידלונג" פון א טייל ביאַליסטאָקער יידן איז געווען דער גירוש קיין פּרוזשאַני אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1941. דעם 17־טן סעפּטעמבער 1941 האָט די ביאַליסטאָקער ידה איבערגעגעבן אויף די מויערן און סלופּעס די דאָזיקע מודעה:

מעלדונג

„דער יידנראַט האָט באַקומען פון דער דייטשער מאַכט פאָלגנדיקע שריפטלעכע פאַראָדנונג:

פּאָליצײ־פּרעזידענט אין ביאַליסטאָק — 16־טן סעפּטעמבער 1941

דעם יידנראַט אין ביאַליסטאָק

אין שייכות מיט מיין באַפעל פון 11/9 1941, פאַראָרדן איך פאָלגנדיקס בנוגע דער עוואַקואַציע פון די יידן פון ביאַליסטאָק קיין פּרוזשאַני.

1. די עוואַקואַציע הייבט זיך אָן דעם 18־טן סעפּטעמבער 1941 (דאָנערשטיק).
2. צום טראַנספּאָרט ווערן צוגעשטעלט משא־אויטאָס.

3. די נעמען פון די יידן, וואָס דאַרפן יעדן טאָג עוואַקואירט ווערן, וועלן זיין רויט אונטערגעשטראָכן אין דער ליסטע, וועלכע מען דאַרף מיר טעגלעך צושטעלן, לויט מיין שריפטלעכן באַפעל פון 11/9 1941. א קאָפּיע פון דער ליסטע וועט צוגעשטעלט ווערן דעם יידנראַט א טאָג פאַר דער עוואַקואַציע.

4. די יידן, וואָס ווערן אין דער ליסטע רויט אונטערגעשטראָכן, שטעלן זיך צו אין דעם געהעריקן טאָג 6 אזייגער אינדערפרי אויפן מזרח־טראָטואַר פון דער פאַבריטשנע גאַס אין דער ריי, לויט דער ליסטע, גרייט צום אָפּשיקן.

5. מען מעג מיטנעמען נאָר פערזענלעכע געפעק: קליידונג, וועש און בעטגעוואַנט, מיטנעמען מעבל אָדער אַנדערע גרעסערע זאַכן איז פאַרווערט.

6. בעתן אויסשטעלן און אָפּשיקן טאָר זיך קיינער פון די יידן נישט פאַרהאַלטן אין דער פאַבריטשנע גאַס, א חוץ איינצלנע מיטגלידער פון יידישן אָרדנונגס־דינסט.

7. די הוצאות פון דער עוואַקואַציע וועלן, נאָכן פעסטשטעלן זיי, אַרויפגעלייגט ווערן אויפן יידנראַט.

8. אַלע וווינונגען און הייזער, וואָס וועלן דורך דער עוואַקואַציע פריי ווערן, דאַרף מען ריייניקן און ברענגען אין אָרדנונג. די מעבל און אַנדערע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין זיי, טאָר מען נישט באַזייטיקן.

9. אין פאַל פון נישט פאָלגן די פאַראָרדנונגען, וועלן אָנגענומען ווערן האַרבע צוואַנג־מיטלען.

ביאַליסטאָק, 17־טן סעפּטעמבער 1941.

יידנראַט" 1).

דער דאָזיקער גירוש, וועלכן דער פּאָליצײ־פּרעזידענט, דער „העפּלע־כער" אויגען דאָרש האָט מילד אָנגערופן „עוואַקואַציע", האָט אין דער פּראַקטיק לגמרי נישט אויסגעזען אזוי, ווי עס ווערט פּלאַנירט און פאָרויס־געשילדערט אין דער פאַראָרדענונג פון 16־טן סעפּטעמבער. די אומגליק־לעכע, וואָס זייערע נעמען זיינען אונטערגעשטראָכן געוואָרן מיט רויטן בלייער פונם פּאָליציאישן באַאַמטן, זיינען אויף א ברוטאַלן אופן אַרויסגעשיקט געוואָרן אין מיטן נאַכט, אָנגעלאָדן ווי בהמות אויף לאַסט־אויטאָס. דער גירוש האָט זיך פאַרענדיקט אין אָקטאָבער, אזוי, אַז די קרבנות איז אויס־

1) מעלד' פון י"ר נומ' 102 (דאָרטן).

געקומען צו פאָרן שוין אין די קאַלטע און פייכטע וועטערן. דער ערשטער שעיר לעזאזל פונם גירוש איז געווען די נישט־אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג, און דער טייטש דערפון איז אַ פשוטער — זקנים, קראַנקע, חלושים, פרעמדע, היימלאָזע, אָרעמע, ווידערשפּעניקע וכדומה. דער יודענראַט האָט צוגעשטעלט רשימות לויטן לאַטייניש אלף־בית, לכתחילה האָט ער אָנגעהויבן ביים אלף; די גירוש־גזירה האָט אַזוי אַרום געטראָפן בלינדערהייט קודם־כל די יענע, וואָס זייערע פאַמיליע־נעמען האָבן זיך געפונען אויף די פאָדערשטע ערטער פונם אַלפאַבעט. אַזוי ווי עס איז געוואָרן אַ ליאַרעם, האָט דערנאָך דער יודענראַט איבערגעריסן ביים „ק" און האָט אָנגעהויבן פון סוף, פון „זעט"; שפּעטער האָט ער זיך ווידער גענומען צו די ערשטע אותיות 2).

אין געטאָ איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק, ביי די אַלע פריערדיקע שווערע קלעפּ האָט מען פונדעסטוועגן נאָך געהאַט דעם געפיל פון אַ שטיקל היים, פון אַ דאַך איבערן קאָפּ. איצט איז אָט די אילוזיע אויסגערונען. „פאַרשטייט זיך, — זאָגט פסח קאַפּלאַן אין זיין אַרבעט וועגן יודענראַט, וואָס איז געשריבן געוואָרן בעת דער שפּעטערדיקער אַרויסשיקונג אין די טויט־לאַגערן אַריין, — אַקעגן דער איצטיקער „עוואַקואַציע" קיין טרעבלינקע איז עס געווען אַ שפּאַציר־נסיעה אויף דאַטשע, אָבער בעת מעשה איז די גזירה געווען אַן אומגעהייער שרעקלעכע".

הגם די אַרויסשיקונגען קיין פּרוזשאַני זיינען פאַרענדיקט געוואָרן אין אָקטאָבער, האָט דאָך דאָס געטאָ לאַנג געלעבט אונטערן צייכן פון אָט דעם ערשטן גירוש, בפרט, אַז פון די מזרחדיקע און צפונדיקע ליטוויש־ווייסרוסישע געביטן, וואָס זיינען פאַרנומען געוואָרן דורך דער דייטשער אַרמיי, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען גרויל־ידיעות, איינע שוידערלעכער פון דער צווייטער. אין מיטן נאָוועמבער קומט אָן די שוואַרצע בשורה פון דער סלאָנימער שחיטה — דעם 14־טן נאָוועמבער זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן צען טויזנט יידן אין דער דאָזיקער עיר־ואם. אין אָט דער ריזיקער צאָל הרוגים, די אומגעבראַכטע דורך דייטשע סאָלדאַטן און ליטווישע פאַשיסטן, זיינען געווען אַ סך פליטים פון צענטראַל פּוילן און פון ביאַליסטאָק גופא. עס איז אין דער סלאָנימער שחיטה געפאַלן דער באַקאַנטער אַרבעטער־טוער און גלענצנדיקער פּובליציסט און פעליעטאָניסט דוד

---

2) בערל דזבאַנעק: „די עוואַקואַציע קיין פּרוזשאַנע פון ביאַליסטאָקער געטאָ", אַרכ' ייה"א, פּראָט' נומ' 2604. העלענע ניימאַרק: „די עוואַקואַציע פון די נישט אַרבעטנדיקע קיין פּרוזשאַנע", אַרכ' ייה"א, פּראָט' נומ' 1830.

ריכטער, אן אלטער טוער פון ס.ד.ק.פ.ל. און ק.פ.פ., וועלכער האט אין די יארן 1940—1941 רעדאגירט אין ביאליסטאק דעם „ביאליסטאקער שטערן". עס קומען אויך אן דערהדריקנדיקע נייעסן פון ווילנע. פון מינסק קומט אן א ידיעה, אז אין זעלביקן אקטאבער איז אויך דא פארגעקומען א גירוש. מענטשן פילן, אז עס שפרייט זיך א געפערלעכע כוואליע פון אויסראטונג. און ווידער טויכן אויף אין געדעכעניש פון געטא די טראגישע טעג — דער דאנערשטיק, פרייטיק, שבת און זונטיק 3).

פון דער צווייטער זייט, היות אין פארגלייך מיט די איינציקע שחיטות אין סלאנים, ווילנע און מינסק, איז דער גירוש קיין פרוזשאני געווען א מילדער גזר־דין, האבן געוויסע מענטשן פון צווישן בירגערטום און בפרט די קרייזן פונם יודענראט גענומען זיך און אנדערע איינוויגן אינם איינרעדעניש, אז מען איז שוין אפנים אריבערגעקומען דאס ערגסטע. עס האט זיך גענומען שפרייטן די געפערלעכע אילוזיע, וואס איז געשטיצט געווען דורכן יודענראט און זיינע נאענטע קרייזן, אז אזוי ווי דער באצירק ביאליסטאק געהערט צו מזרח־פרייסן, ד. ה. — צום „רייך", וועט דער גורל פון די דארטיקע יידן זיין א מילדערער אידער ערגעץ אנדערשוואו 4). פונקט אזוי האבן די בירגערלעכע קרייזן אין ווארשעווער געטא זיך און אנדערע איינגערעדט, אז די פארטיליקונג איז חל אויף די אקופירטע סאוויעטישע געביטן און איז נישט דענקבאר אין „הארץ פון אייראפע", אין דער גענעראל־גובערניע.

ווען מען שטעלט זיך אפ אויפן גירוש קיין פרוזשאני און מען באמיט זיך צו דערקענען זיינע סיבות, שווימען ארויס עטלעכע היפאטעזן. מיר מוזן זיך אין דעם פאל פארלאזן אויף השערות, ווייל קיין דייטשע דאקומענטן צום קאפיטל פרוזשאני האבן מיר נישט, ליידער, אין אונזער רשות. ווי עס איז שוין פריער געזאגט געווארן, איז דער לכתחילהדיקער פראגראם פון דער צענטראלער דייטשער מיליטערישער מאכט לגבי יידן אין די פארכאפטע געביטן אין יאר 1941 געווען — פארניכטונג; דער דאזיקער מארד־פראגראם איז באקרעפטיקט געווארן דורך קייטעלס פארזענלעכן באפעל פון 2־טן סעפטעמבער 1941. לגבי די יידן אין מזרח־אוקראינע איז דער דאזיקער פראגראם טאקע רעאליזירט געווארן אין דער ערשטער צייט אויפן באפעל פון די היטלעריסטישע פעלדמארשאלן און גענעראלן. אין ביאליסטאק האט זיך, ווי באקאנט, נאך דער ערשטער פארטיליקונג־כוואליע

---

3) ג"ע פון י. ריווקינד.
4) דארטן.

באַרויקט, און אויף דער פאַראָרדענונג פון 16־טן סעפּטעמבער 1941 איז אונטערגעחתמעט דער פּאָליציי־פּרעזידענט פון ביאַליסטאָק, וועלכער פאַרופט זיך אויף א באַפעל פון 11־טן סעפּטעמבער 1941, דאָס הייסט — אַז דער פּאָליציי־פּרעזידענט, דער קאָמאַנדער פון דער אָרדנונגס־פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל פון זיין מאַכט, פון דער אַדמיניסטראַטיווער, וואָרעם זינט דעם ערשטן אויגוסט האָט שוין זיין אַמט אין ביאַליסטאָק איבערגענומען עריך קאָך. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיר האָבן ביים קאַפּיטל פּרוזשאַני צו טאָן מיט אַן ערשטן שריט צו מאַכן ביאַליסטאָק „יודענריין" — אין הסכּם מיט קאָכס פּראָגראַם, וואָס איז אין יענער ערשטער צייט געווים געווען אין איינקלאַנג מיט די אַלגעמיינע ריכט־ליניעס. עס קאָן אויך זיין, אַז דער באַפעל, אויף וועלכן דער פּאָליציי־פּרעזידענט פאַרופט זיך, האָט אויך זיין קוואַל אין קייטעלס באַפעל פון 2־טן סעפּטעמבער 1941. אַ צווייטע השערה רוקט זיך אַרויס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינפאָרמאַציע פון ד״ר ש. דאַטנער אין זיין אַרבעט „חורבן ביאַליסטאָק און אומגעגנט" 5), דהיינו: אַז פון פּרוזשאַני האָט מען אַרויסגעשיקט גרויסע צאָלן ווייסרוסן אויף שקלאַפן־אַרבעט קיין דייטשלאַנד; עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מען האָט געוואָלט פאַרטרעטן די אָרטיקע ווייסרוסישע באַפעלקערונג מיט יידישער אַרבעט־קראַפט פון ביאַליסטאָק. די איינציקע מניעה פאַר אָננעמען אָט די השערה באַשטייט אין דעם, וואָס אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט עס געהייסן, אַז דער גירוש איז חל נאָר אויף די נישט־אַרבעטנדיקע. אָבער אין דער פּראַקטיק האָט מען אַרויסגעשיקט סתּם מענטשן אָן קריטעריע, אַחוץ די, וואָס זיינען באַזונדערס נויטיק געווען אין די אָרטיקע פאַבריקן און אַחוץ אייגענע מענטשן 6). לשם פאַרגלייך, אַז די צווייטע השערה קאָן זיין אַ ריכטיקע, קאָן מען ברענגען אַן ענלעכע פּאַסירונג אין וואַרשעווער געטאָ, פון וואַנען מ׳האָט גענומען שיקן יוגנט אויף אַרבעט אין די דערפער, כּדי צו פאַרטרעטן די פּוילישע פּויערים, וועלכע מ׳האָט געשיקט אויף שקלאַפן־אַרבעט קיין דייטשלאַנד (עס איז באַוווּסט דער קאַמף, וועלכן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין וואַרשעווער געטאָ, בפרט די גרופּע „מאָרגן־פריי", האָט געפירט קעגן דער דאָזיקער דערשיינונג).

די מעשה פּרוזשאַני קאָן אָבער אויפגעקלערט ווערן דורך נאָך איין השערה. די דייטש־פאַשיסטישע מאַכט האָט ביים ווילן אַרויסצושיקן די

---

5) ד״ר ש. דאַטנער: „חורבן ביאַליסטאָק און אומגעגנט", קאַפּ׳ 20, „די עוואַקואַציע קיין פּרוזשאַנע", אַרכ׳ ייה״א, נומ׳ 2 000.

6) ג״ע פון ז. קאַלעשניקאָוו און פון י. ריווקינד.

ווייסרוסישע אָרטיקע באַפעלקערונג פון פּרוזשאַני און פּרוזשאַנער ראַיאָן זיך גערעכנט מיט דער געפאַר פון דער פּאַרטיזאַנישער און אונטערערדי־שער באַוועגונג, וועלכע איז דאָ אַנטשטאַנען שוין אין סעפּטעמבער 1941. דער פּרוזשאַנער ראַיאָן האָט געהערט צו די סאַמע ערשטע, ווו עס איז אויפגעקומען די דאָזיקע באַוועגונג. אין סעפּטעמבער 1941 האָט שוין דאָ געווירקט אַ פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע אונטער דער אָנפירונג פון געװ. פּאָליטאַרעסטירטן פון קאַפּיטאַליסטישן פּוילן מיראָן קרישטאָפּאָוויטש. עס האָט שוין דאָ אויך געווירקט אַן אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד 6א). די אָקופּאַנטישע מאַכט וויל שטענדער מאַכן די אָרטיקע באַפעלקערונג און פאַרטרעטן זי מיט יידן, און מכוח יידן זיינען די היטלעריסטן דעמלט געווען אין דער איבערצייגונג, אַז אַזאַ דערדריקטער און לגמרי איזאָלירטער עלעמענט וועט זיך נישט קאָנען אָנ־גאַזשירן לטובת דער אונטערערדישער טעטיקייט, בפרט אויב מען וועט פון ביאַליסטאָק קיין פּרוזשאַני שיקן זקנים, קינדער, אינוואַלידן, וכדומה, הגם — ווי געזאָגט — די פּראַקטיק האָט אויסגעזען אַנדערש.

בסך הכל זיינען דורכן גירוש פּרוזשאַני אַרומגענומען געוואָרן ביי אַ 4000 ביאַליסטאָקער יידן 6ב).

אין אַ לגמרי אַנדער לאַגע האָט זיך אָפּגעשפּילט דער צווייטער — דער אָן אַן ערך ברייטערער און גרויזאַמערער סיי אין פאַרנעם, סיי אין די רעזולטאַטן — גירוש פון נאָוועמבער 1942. אויב גירוש פּרוזשאַני איז פאָרגעקומען אין אַ צייט, ווען די דייטש־פאַשיסטישע אַרמייען האָבן — אָפּגייענדיק מיט בלוט צוליבן האַרטנעקיקן סאָוויעטישן ווידערשטאַנד — דאָך זיך געדרוקט פאָרויס, איז אין נאָוועמבער 1942 געווען קלאָר, אַז דער „בליץ־קריג" האָט געפּלאַצט און באַנקראָטירט, אַז דער פראָנט אויפן מזרח האָט זיך סטאַביליזירט, אַז דער דייטשער אָנגריף איז, אין אַלגעמיין גענו־מען, פאַרהאַלטן געוואָרן. די באַדייטונג פון דעם נאָענטן הינטערלאַנד און פון די קאָמוניקאַציע־ליניעס, וועלכע האָבן פאַרבונדן, אין קאָנקרעטן פאַל, די צענטראַלע און צענטראַל־צפונדיקע פראָנטן מיט פּרייסן און זיינען גע־גאַנגען אויך דורך דעם ביאַליסטאָקער באַצירק, איז געווען באַזונדערס וויכטיק. די לאַגע איז געוואָרן נאָך מער ערנסט דערמיט, וואָס אין די וועלדער פון ביאַליסטאָקער באַצירק האָבן זיך געיאָוועט פּאַרטיזאַנישע אָפּ־טיילונגען. און אין געטאָ איז שוין געווען אַן אָנגעזעענע אונטערערדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט די אַנטיפאַ־

6א) צאַנאַוואַ, ז"ז 195 און 196.

6ב) דזבאַנעק: „די עוואַקואַציע" אַא"וו; ניימאַרק: „די עוואַקואַציע" אַא"וו.

שיסטישע כוחות פון אויסערן געטאָ. עס האָט ביי די אָקופּאַנטן אויפגעטויכט די מורא פאַר דער זיכערקייט פון די קאָמוניקאַציע־ליניעס, פון די קאַנטינגענטן וכדומה. מיט איין וואָרט: די לאַגע סוף 1942 איז געוואָרן פאַר די אָקופּאַנטן און פאַר זייערע אַרמייען אַן אַן ערך שווערער און ערנסטער ווי מיט א יאָר פריער. די היטלעריסטישע מושלים מוזן אָננעמען מיטלען. איינע פון די ערשטע קרבנות דאַרפן פאַלן די געטאָס. די שווערד פון אומקום באַוויזט זיך מיטאַמאָל פאַר די יידן אין ביאַליסטאָק.

אין א יאָר מיט צוויי חדשים נאָכן גירוש פרוזשאַני, דעם ערשטן נאָוועמבער 1942 איז פּלוצים פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער מאַכט דער הויפּטטויער פון געטאָ אויף דעם ראָג קופּיעצקע און ליפּאָווע. געהייסן האָט עס: אָפּגעשלאָסן דאָס געטאָ, לגמרי אָפּגעשניטן פון דער דרויסנדיקער וועלט. אויפּצומאָרגנס איז דערשינען אינם יידן־ראַיאָן א שטרענגע וואָרענונג פונם יודענראַט, אַז „לויט דער פאַראָרדענונג פון דער מאַכט איז פאַרווערט צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ פון היינט אָן, מאָנטיק, דעם צווייטן נאָוועמבער, ביז אָפּרופן; פאַר אַרויסגיין פון געטאָ דראָט טויט־שטראָף" 7).

בלויז איין ייד איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן — לויטן רשות פון דער מאַכט. דער דאָזיקער ייד איז אַרויסגערופן געוואָרן אויף עריק־קאָך־גאַס 15, אין דעם אמט פון געסטאַפּאָ. דאָס איז געווען דער פאָרשטייער פונם יודענראַט אפרים באַראַש. די מאַכט איבערן געטאָ איז אַרויס פון די הענט פון די ציווילע שלאָס־רעזידענטן. די שליטה איבער די יידישע לעבנס איז אַריבער צו די אָנפירער פון דער זיכערקייט־פּאָליציי, צו ד"ר אַלטענלאָה און זיינע געהילפן — היימבאַך און פרידעל. די שטימונג אין געטאָ איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע, וואָרעם דורך אומטערערדישע קאַנאַלן איז צוגעקומען אהער אַן אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס עס איז געשען אין וואַרשע, אַן עכאָ פון דעם זעלבסטמאָרד פונם וואַרשעווער יודענראַט־הויפּט טשערניאַקאָוו, פון צוגן, אָנגעפּראָפּטע מיט מענטשן, וואָס ווערן פאַרפאַלן אין אומבאַקאַנטע מקומות אָן א שפור 8). אַן עד ראיה שילדערט די דאָזיקע אומרויקע שעהן אָט אַזוי:

דער עולם האָט איבערגעלעבט עטלעכע שווערע שעהן, ביז מען האָט דערזען די באַקאַנטע דראָזשקע צוריק אין געטאָ־תחום. באַראַש איז געפאָרן א שטייענדיקער און האָט אויסגערופן אויפן קול:

---

7) מעלד' נומ' 357 (דאָרטן).

8) „וועגן זעלבסטמאָרד פון פירער פון וואַרשעווער יודענראַט אינזש. טשערניאַקאָוו", אַרכ' ייה"א נומ' 86/46.

— ײדן, ס'איז טוב מאוד! 9).

דער עולם האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. אויף קופּיעצקע, אין יודענראַט־שטיבל, האָבן געוואַרט די מיטגלידער פון דעם ראַט. בראָש האָבן אָפּגעגעבן א באַריכט, און וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ פינצטערער זײַנען געוואָרן די פּנימער.

אמת, פאַרן ביאַליסטאָקער געטאָ האָט מען געפאָדערט נאָר ערבות־לייט, דערפאַר וועט דער גירוש אָנגעווענדט ווערן לגבי דעם באַצירק; דער באַצירק וועט ווערן ײדן־ריין.

— ײדן, ס'איז טוב מאוד!

טוב מאוד — אויפן חשבון פון צוויי הונדערט טויזנט ײדן פון אַרום 10).

די ײדן האָבן נישט געוווסט וועגן דער הינטערקוליסן־שפּיל, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום דעם גורל פון ביאַליסטאָקער געטאָ. דעמלט איז דאָס געווען אומבאַקאַנט, אָבער הײַנט לייענען מיר אַרויס צווישן די שורות פון דײַטשע דאָקומענטן דעם טראַגישן אמת וועגן דעם שקלאַ ווטריא אַרום דעם לעבן פון די ײדן פון ביאַליסטאָק.

ווען עס איז אין יולי 1941 אָנגעקומען די ערשטע גרופּע אַללענשטײַנער זיכערקייט־באַאַמטע מיט אַלטענלאָה און מאַכאַל אין שפּיץ אין דער באַזיגטער שטאָט, האָבן זיי שוין דעמלט געוווסט, אַז איינע פון זייערע אויפגאַבעס וועט זײַן צו עוואַקוירן די ײדן. נאָכן צוריקקומען פון זײַן ערשטן וויזיט אין ביאַליסטאָק האָט אַלטענלאָה אין אַללענשטײַן זיך אויסגעדריקט צו זײַנע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, אַז דער רײַכסזיכערהייטס־הויפּטאַמט אין בערלין וועט הייסן עוואַקוירן די ײדן פון ביאַליסטאָקער געגנט; ער האָט אָבער צוגעגעבן, אַז אין פאַל פון עוואַקואַציע וועט דאָס געטאָ אין ביאַליסטאָק מוזן בלײַבן, ווײַל דאָ שאַפט זיך א גרויסע פאַבריקאַציע פאַר דער דײַטשער קריגס־אינדוסטריע 11).

דער גורל פון די ביאַליסטאָקער ײדן איז אָבער נישט אינגאַנצן קיין זיכערער, ווי עס דערוויזט עס דער פאַל מיטן גירוש קיין פּרוזשאַני. דער גורל פון די ביאַליסטאָקער ײדן האָט נישט געקאָנט זײַן איזאָלירט פון די בלוטיקע געשעענישן, וועלכע שפּילן זיך אָפּ אין די שכנותדיקע אָקופּירטע סאָוויעטישע געביטן פון איין זײַט און אין דער גענעראַל־גובערניע — פון

9) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.

10) דאָרטן. ש. דאַטנער שאַצט אָפּ די צאָל ײדן פון ביאַליסטאָקער אַרום (באַצירק) מער ווי אויף 200 טויזנט.

11) פרידעל — ענטפער אויף דאַטנערס אַנקעטע.

דער צווייטער. אין דעם בערלינער צענטער קומען פאַר דעבאַטן וועגן דעם, צי זאָל מען תיכף ליקווידירן די יידן־פראַגע, אָדער מען זאָל נאָך א געוויסע צייט געניסן פון דער יידישער שקלאַפן־אַרבעט. הימלער רעפּרעזענטירט דעם ערשטן שטאַנדפּונקט, דער באַוואָפענונג־מיניסטער שפּעער איז פאַרן צווייטן. אויף דער קאָנפערענץ פון די היטלעריסטישע שפּיצן, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן צוואַנציקסטן און צוויי־און־צוואַנציקסטן סעפּטעמבער 1942 אין בערלין, האָט היטלער געפּסקנט, אַז צייטווייליק מעג מען אויסנוצן יידישע אַרבעט־קראַפט — אָבער נאָר אין די ראַמען פון דער גענעראַל־גובערניע און נישט אויפן געביט פון דער אינדוסטריע אין „רייך" 12). היות ווי ביאַליסטאָק איז פאַרבונדן געוואָרן מיט מזרח־פּרייסן, האָט דאָס באַטייט, אַז די ביאַליסטאָקער יידן וועלן זיך געפינען אין אַן ערגערער לאַגע ווי די יידן פון דער גענעראַל־גובערניע. און באמת — אין דער ערשטער העלפט פון אָקטאָבער 1942 האָט די ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ דערהאַלטן א געהיימען באַפעל פון רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט וועגן ליקווידירן סיי דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ, סיי די ביאַליסטאָקער פּראָווינץ. דער דאָזיקער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן נאָר טיילווייז, נאָר לגבי דער פּראָווינץ.

אין זעלביקן חודש אָקטאָבער ברענגט יאַלטענלאָה אַראָפּ פון אַלענשטיין דעם אַלטן פּאָליציי־באַאַמטן פריץ פרידעל און הייסט אים אָרגאַניזירן א יידן־רעפעראַט ביי דער ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ. ער איז פרידעלן איינצייטיק מודיע, אַז דער רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט האָט דעצידירט צו עוואַקואירן די יידן פון ביאַליסטאָקער פּראָווינץ; דערביי דערקלערט אַל־טענלאָה דעם נייעם באַלעבאָס איבער די יידן, אַז ער, אַלטענלאָה, האָט זיך באַמיט אין רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט, אַז דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ זאָל בלייבן מחמת זיין באַדייטונג פאַר דער דייטשער פּראָדוקציע און אַז אויך ד"ר בריקס, עריך קאָכס פאַרטרעטער, האָט אויך אָט דעם אויסנאַם געגעבן זיין הסכם 13). עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען מצד דעם קאָמאַנדער פון זיכערקייט־פּאָליציי א באַרימעריי, ווייל פון זעלביקן קוואַל דערוויסן מיר זיך, אַז געדריקט דערויף, דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ זאָל בלייבן, האָט דער פאָרשטייער פון דעם באַוואָרגונג־אינספּעקטאָראַט פאַר

12) פאַרגלייך: א. אייזענבאַך — „די אויסראָטונגס־פּאָליטיק פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן אין פּעריאָד 1939—1945", ז'. 11 (אין „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד 2, העפטן 1—4).

13) פרידעל — דאָרטן.

דער אַרמיי אין ביאַליסטאָק ראַטמייסטער פריעזע, און זיין אינטערווענץ האָט אָן שום ספק געהאַט דעמלט אַ פּעולה 14).

די דירעקטע פאַראָרדענונג וועגן עוואַקוירן די יידן פון ביאַליסטאָקער פּראָווינץ קומט אָן פון בערלין. ווי נאָר עס איז אָנגעקומען די פאַראָרדע־נונג, האָט אַלטענלאָה אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט בריקסן. דער ענין ווערט געהאַלטן בסוד סודות. אין די געסטאַפּאָ־קרייזן רעדט מען וועגן אים בלשון „געהיימע רייכסזאַכע" 15).

פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דורכפירן דעם גירוש מאַכט אַלטענלאָה היימ־באַכן, דאָס הייסט — די געסטאַפּאָ. היימבאַך רופט אַרויס צו זיך אַלע לאַנדראַטן, די ציווילע שעפן פון די ראַיאָנען, און הייסט זיי צושטעלן אַ גענויע רשימה פון די געטאָס. אַ צווייטע באַראַטונג האַלט ער אָפּ מיט די קאָ־מענדאַנטן פון דער זשאַנדאַרמעריע און שוץ־פּאָליציי פון די ערטער. דעם פּלאַן פון דער אַקציע באַאַרבעט פרידעל, וועלכער האָט זיינע ערשטע שריט אויפן ביאַליסטאָקער באָדן געמאַכט אויפן געביט פון יידן־ליקווידאַציע. צום שטאַב פון דער ליקווידיר־אַקציע האָבן געהערט די געסטאַפּאָ־באַאַמטע: זימאַן, שרעדער, ערדעליס, שאָף, עדבירגער, עגנולאַט, ציילקע און קעניג 16).

די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן דעם צווייטן נאָוועמבער 1942. „צום ערשטן מאָל — פאַרצייכנט אין זיינע נאָטיצן מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף דעם 17־טן פעברואַר, — איז פאַרשפּאַרט געוואָרן דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ דעם צווייטן נאָוועמבער 1942, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע אין יעדער שטאָט און שטעטל אין גאַנצן באַצירק. פון אַלע שטעט און שטעטלעך זיינען די יידן קאָנצענטרירט געוואָרן אין זעמבראָווע, קעלבאַ־שין ביי גראָדנע, וואָלקאָוויסק, אין ביאַליסטאָק — אין די קאַזאַרמעס פון 10־טן פּולק (אולאַנער — ב. מ.), און באָגושין" (באָגושעוו — ב. מ..).

די ליקווידאַציע פון די יידישע קיבוצים אין ביאַליסטאָקער באַצירק האָבן די דייטשן דורכגעפירט מיט דער העכסטער ראַפינירטער ציל־פאַר־שטעלטקייט. זיי האָבן אַזוי כיטרע און געשיקט אָנגעווענדט כלערליי פאַר־זיכטיקייט־מיטלען צו פאַרבלענדן דעם עולם און איינוויגן אים

14) דאָרטן.
15) דאָרטן.
16) מאַכאָל — ענטפער אויף דאַטנערס אָנקעטע.

אין דעם איינדרוק, אז דאָס איז א פרידלעכע איבערזעצונג אויף נייע ארבעט־פלעצער, אז א סך מענטשן האָבן טאקע געגלויבט. כדי צו אילוסטרירן דעם דאָזיקן שווינדל, איז כדאי צו ברענגען דעם פאָלגנדיקן פאַל: ווען די יידן פון איין שטעטל האָבן זיך שוין געפונען אין וואגאָן, איז פלוצים איינער אן עלטערער מענטש געשטאָרבן; די דייטשן האָבן פארהאלטן דעם צוג, געלאָזט מאכן א לוויה און אפילו צונויפגעשטעלט א פטירה־אקט 17).

דער שונא האָט אין ערגעץ נישט געהאלטן וואָרט. אומעטום איז געלאָזט געוואָרן אין גאנג איינינעם מיט ברוטאַליטעט, אכזריות און סאדיזם, אויך אָפנארעריי און שווינדל. אפרים באראשן איז אויף עריק־קאָך־גאס 15 צוגעזאָגט געוואָרן, אז אן אויסנאם פון טאָטאלן גירוש וועט זיין נישט נאָר ביאליסטאָק, נאָר אויך די גרעסטע פראָווינץ־שטעט לאָמשע, גראָדנע, וואָלקאָוויסק. דאָס איז געווען א געמיינער ליגן. אין לאָמזשע האָט זיך דער גירוש אָנגעהויבן צוויי טעג נאָך פאר דער באשטימטער דאטע. דעם 31־טן אָקטאָבער 1942 האָבן מען גענומען ארויספירן די יידן פון לאָמזשע קיין זעמבראָווע. די ליקווידאציע פון לאָמזשער געטאָ דויערט ביז דעם 10־טן יאנואר 1943. דער אלטער יודענראט וויל נישט אָנטיילנעמען אין דער „אקציע" — איינער פון זיינע מיטגלידער ד"ר העפנער נעמט זיך דאָס לעבן; אנדערע, ווי טאָבאָליצקי, זאָגן זיך אָפּ אויסצופירן די באפעלן פונם שונא. עס געפינען זיך אָבער פארעטער, אין זייער שפיץ שטעלט זיך א לאָמזשער ייד פון דייטשלאנד, דער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראט מושינסקי, וועלכער העלפט די דייטשן דורכצופירן דעם גירוש. בלויז א קליינער טייל יידן צעלויפט זיך אין די וועלדער 18).

ענלעך איז געווען די זאך אין גראָדנע. נישט געקוקט אויפן דערמאָנטן צוזאָג, ווערט אויך דאָ דורכגעפירט די ליקווידיר־אקציע. דער פירער פון יודענראט ד"ר בראווער און דער קאָמענדאנט פון דער געטאָ־פאָליציי ב. סטרעלניק וויגן אייך דעם עולם אין דער איינרעדעניש, אז מען פארט איבער אויף א נייעם ארבעט־פלאץ. סוף כל סוף הערהרגענען די דייטשן דעם ד"ר בראווער אויך. אין גראָדנע בלייבן לעת עתה צען טויזנט יידן, וועלכע ווערן

---

17) ג"ע פון ליזע טשאַפּניק (מחברם אַרכ').

18) לויט די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען דורכן מחבר געזאַמלט געוואָרן אויפן אָרט.

ליקווידירט אין די ערשטע חדשים פון 1943. די לעצטע שרידים פון דער גרויסער קהילה וואלגערן זיך נאָך א צייט אין אונטערערדישע מליבות 19).

נאָך דעם שוידערלעכן פאָגראָם פון דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ זיינען נאָך געבליבן רעשטלעך־געטאָס אין יאשינאָווקע און פּרוזשאַני, וועלכע זיינען אָבער אויך ליקווידירט געוואָרן אָנהייב 1943. נאַטירלעך, זיינען נאָך געציילטע, קוים־באמערקלעכע אינזעלעך פון „לעגאלע" יידן דאָ און דאָרטן פאַרבליבן. דאָס זיינען אָבער געווען איינצלנע שרידים־גרופּקעס. בדרך כלל איז דעם צווייטן נאָוועמבער 1942 געקומען דער סוף פון דער יידישער פּראָווינץ ארום ביאַליסטאָק. צוזאַמען זיינען „ריין" געוואָרן פון יידן 116 שטעט און שטעטלעך, וווּ יידיש לעבן איז געווען פאַרוואָרצלט אין משך פון דורות 20).

נישט אומעטום איז דעם שונא געלונגען אויסצומיידן א ווידערשטאַנד מצד די קרבנות.

אין גראָדנע איז שוין תחילת 1942 געווען אן אונטערערדישע יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע בראש מיטן קאָמוניסט שעיה כמעלניק און מיט די שומרים אליהו טאַבקוס און מרים פּופּקאָ; אין די רייען פון דער יידישער גראָדנער זעלבשוץ האָבן זיך געפונען צווישן אנדערע ליאָווקע לוביטש, ליפּסקי, גאָלדבערג, מאַראַש, עמנואל פּלאָטקין א. א. מיט דער גראָדנער זעלבשוץ איז געשטאַנען אין פאַרבינדונגען די ביאַליסטאָקער יידישע אונטערערד. צו קיין גרעסערן קאַמף־ארויסטריט איז אין גראָדנע נישט געקומען, אָבער די דאָזיקע יידישע ווידערשטענדלער האָבן אריבערגע־טראָגן דעם קאַמף אין וואַלד. א טייל פון זיי איז געפאַלן שפּעטער אין צו־זאַמענשטויסן מיט דייטשן, א טייל איז פאַרטיליקט געוואָרן דורך א. ק. און בלויז געציילטע האָבן זיך דערשלאָגן קיין ביאַליסטאָק, וווּ זיי האָבן ממשיך געווען דעם קאַמף 21).

דער ווידערשטאַנד אין א ריי שטעטלעך פון ביאַליסטאָקער פּראָווינץ האָט זיך אויסגעדריקט קודם כל אין אָקעגנשטעלן זיך די דייטשע גירוש־גזירות דורך אַנטלויפן אין די ארומיקע וועלדער. דעם ברייטסטן פאַר־נעם האָט דאָס דאָזיקע אַנטלויפן געהאַט אין פּרוזשאַני, ווו דער רוב יידן צוזאַמען מיטן יודענראַט זיינען אַוועק אין וואַלד. אן ענלעכע דערשיינונג

19) „די טראַגעדיע פון די גראָדנער יידן", אַרכ' ייה"א נומ' 46—112; אויך — נומ' 52/46 (דאָרטן).

20) לויט די מאַטעריאַלן פון יידישן קאָמיטעט אין ביאַליסטאָק.

21) ג"ע פון ליזע טשאַפּניק און אַניע רוד (מחברס אַרכ').

לאָזט זיך באמערקן אין סופראסל און אין סאָקאָלע 22). א גרופּע ייִדישע יוגנט פון לאָמזשע, זעמבראָווע און קאָלנע איז אוועק אין די דאָרטיקע וועלדער טשערוואָני בור 23). אין קאָלנע איז געקומען בעת דעם גירוש צו אן אקט פון אָפּענעם ווידערשטאנד; דער דאָרפישער ייִד באטשקע אײדענבערג און דאָס מיידל חיה-לאה אָלעך האָבן אנטוואָפנט א דייטש, אראָפּגעשלײדערט דעם פורמאן, וואָס האָט זיי געדאַרפט אָפּפירן צום זאמל־פונקט, און זיינען אנטלאָפן אין וואלד. אָרטיקע א.ק.־לייט האָבן דערהרגעט די צוויי מוטיקע ייִדן 24). פון די אנטלאָפענע ייִדן פון בראנסקער, ביעלסקער, קרינקער געטאָס האָבן זיך שפּעטער רעקרוטירט די דאָרטיקע פּארטיזאנישע גרופּעס. בכלל האָבן אויף דער שטימונג פון א טייל פון דער ייִדישער יוגנט פון דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ געווירקט די קאמפּס־גרופּן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון די ווייסרוסישע געביטן און פון, א שטייגער, דער שכנותדיקער לאָבוזע, ווו די ייִדן האָבן אין סעפּטעמבער 1942 זיך העלדיש פארטיידיקט קעגן גירוש און פארטיליקונג נישט בלויז דורך שיצן די אייגענע באדראָטע לעבנס, נאָר אויך דורך אטאקירן דעם שונא, אונטערלייגנדיק א מינע אונטער א דייטשן עשאַלאָן (דער אויפטו פונם לאָבוזער ייִד לאַפּאטין) 25).

אנטלויפן האָבן ייִדן געקאָנט נאָר אין די וועלדער, ווייל דאָס איינציקע נישט־אָנגערירטע געטאָ פון דער געגנט, דאָס ביאַליסטאָקער, איז ווי געזאָגט, הערמעטיש פארמאכט געוואָרן. עס זיינען אין געוויסע ערטער געמאכט געוואָרן דורך ייִדן פּרוּוון צו לויפן קיין ביאַליסטאָק, אָבער דאָס איז געווען זייער א שווערער ענין. אין וואָלקאָוויסק האָבן צוויי דייטשן געהאָלפן ייִדן אנטלויפן פון אָרטיקן עמק הבכא און זיך אריינבאקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ. די זאך איז געוואָרן אויפגעדעקט. די צוויי „פארעטער” זיינען געשטעלט געוואָרן פאר א עס־עס־געריכט אין קעניגסבערג, וואָס האָט זיי פארמשפּט צום טויט. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן פּעטראשער עקזעקוציע־פעלד הינטער ביאַליסטאָק אין דער אָנוועזנהייט פון דער גאנצער זשאנדארמעריע און געשטאַפּאָ 26).

---

22) „סופראַסלע” רעפּ' 6, נומ' 16 (אַרכ' ייה”א). מ. קאָהן: „דער לעצטער וועג פון די סופראַסלער ייִדן. (”דאָס נייע לעבן” פון 15־טן אויגוסט 1949).

23) ג.”ע פון משה סטופּניק (מחברס אַרכ').

24) דאָרטן.

25) בעטטי אייזענשטיין: „די ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין די געטאָס און לאַגערן” (אין פּויליש), לאָדזש, 1946, ז”ז 94—100.

26) פרידעל — ענטפער אויפן מחברס אַנקעטע.

...און דערווייל האָט דער שונא געהאלטן דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ אין די נעגל פון שאַנטאַזש און טויט־שרעק. דאָס, וואָס אלטענלאָה האָט צוגעזאָגט תחילת נאָוועמבער, איז בקרוב אוועק אין פאַרגעסעניש, און די געסטאַפּאָ האָט באַנייס גענומען פאָדערן קרבנות פון ביאַליסטאָק גופא. מען פרוווט ווידער מיט פדיון־געלט. דער שונא פאַרלאַנגט אָבער א „סאַטיספאַקציע" און ער נעמט עס בגוואַלט: אַן אינערלעכן גירוש אין ד' אמות פון געטאָ גופא, די פאַרשמעלערונג פון אירע גרענעצן. דעם עלפטן נאָוועמבער 1942 ווערט פאַרצייכנט אין פּראָטאָקאָל פון דער יודענראַט־זיצונג דער פאָלגנדיקער באַריכט פון אפרים באַראַש: „אַזאַ טאָג ווי דעם לעצטן האָבן מיר שוין לאַנג נישט איבערגעלעבט. מיר וועלן זיך מוזן ארויסציען פון די גאַסן: זאַמענהאָף, זשידאָווסקע, א טייל ביאַלע און בראַנסקע. אין די גאַסן וועט מען אַריינזעצן פינף טויזנט פּאָליאַקן און ווייס־רוסן, וועלכע ווערן געבראַנגט פון ביאַלאָוויעזשער קאַנט" 27). עס איז דעמלט ארויסגעריסן געוואָרן ביי די יידן א וווין־שטח פון 25 טויזנט קוואַדראַט־מעטער.

די פאַרשמעלערונג פונם געטאָ־שטח שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט הימלערס פּלאַן ארויסצושטויסן די יידן פון דער פּראָדוקציע און פאַרטרעטן זיי מיט „אַרישע" אַרבעט־שקלאַפן 28). אויפן קאָנקרעטן ביאַליסטאָקער געביט האָט מען די יידישע אַרבעטער געדאַרפט פאַרטרעטן מיט ווייס־רוסישע, עריך קאָך, וועלכער האָט געדאַרפט די דאָזיקע זאַך רעאַליזירן אין זיין באַצירק, איז אויסן געווען צו שיסן צוויי האָזן מיט איין מאָל: קאָנטינואירן די שטופנווייזע ליקווידירונג פון די יידן און, ארויספירנדיק מאַסן ווייסרוסישע פּויערים פון דאָרף, פאַרשמעלערן אַזוי אַרום די באַזע פאַר דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. א ווייטערדיקע פאַרשמעלערונג פונם יידישן וווין־שטח אין ביאַליסטאָק האָבן מיר אין פעברואַר 1943; עס ווערן דעמלט די יידן ארויסגעטריבן פון א טייל הייזער און א ריי גאַסן. אָבער דער היזיקער אינערלעכער גירוש פאַלט שוין אויס אין א לגמרי אַנדער סיטואַציע, וועלכע האָט זיך געשאַפן פאַר די יידן אָנהויב 1943.

---

27) פּראָטאָקאָלן פון ביאַליסטאָקער יודענראַט נומ' 50 (אַרכ' ייהא).

28) אייזענבאך, ז' 50.

ק א פ י ט ל   פ י נ ף

די עקאָנאָמישע באַציונגען אין געטאָ

עס איז זייער שווער צו געבן א געטרײַ בילד פון די עקאָנאָמישע באַציונגען אין געטאָ. „דער מעכאַניזם פון דער קאָמפּליצירטער און גלייכצייטיק פרימיטיווער עקאָנאָמיק פון געטאָ איז אומגעהייער שווער צו אַנאַליזירן", — שרייבט דער אַנאָנימער מחבר פון איינער פון די געטאָ־כראָניקעס, וואָס זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן אין ביאַליסטאָק נאָך דער באַפרייונג 1). זייער קאָמפּליצירט און גלייכצייטיק פרימיטיוו — אָט איז די ריכטיקסטע באַצייכענונג. דערביי דאַרף מען צוגעבן, אַז די געטאָ־עקאָנאָמיק איז בכלל נישט געווען קיין באַשטענדיקע — אפילו אין צײַטווייליקן זין — דערשיינונג. הגם דער אָקופּאַנט האָט געשאַפן געוויסע (גזירותדיקע) נאָרמעס, איז דאָך שווער צו רעדן וועגן געוויסע גרונט־ליניעס פון א געטאָ־עקאָנאָמיק ווי א דויערהאַפטיקע דערשיינונג בכלל און אין קאָנקרעטן ביאַליסטאָקער פאַל בפרט.

אין אַלגעמיין האָט דער שונא געזען אין געטאָ דאָס, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין דער באַקאַנטער אינסטרוקציע פון 1939 פון רייַנהאַרד היידריך — אַן עטאַפּ צו דער פיזישער פאַרניכטונג פון די יידן. אָבער היות דער דאָזיקער עטאַפּ האָט געקאָנט אין דעם אָדער יענעם פאַל דויערן א געוויסע צייט, האָט דער שונא געזען אינם געטאָ צוויי עיקר־צילן פאַר זיך: ראשית — א קוואַל פון כסדרדיקן רויב, רויב אין די פאַרשידנסטע פאָרמען; און צווייטנס — אויך א געביט פון בחצי־חינמדיקער שקלאַפישער אַרבעט־קראַפט. אויב די ערשטע באַדייטונג פונם געטאָ

1) „צו דער געשיכטע פון די ביאַליסטאָקער יידן אין דער צייט פון דויטשיש־סאָוויעטישן קריג", אַרכ' ייה"א, נ' 104/46.

פאַרן אַקופּאַנט איז געווען אַקטועל פון סאַמע אָנהויב ביזן סוף, האָט די צווייטע באַדייטונג אַדורכגעמאַכט צוריקציונגען און אויפוואַקסן אָפּהענגיק פון דעם צושטאַנד פון די אַרבעט־קראַפט־רעזערוון אין דער דייטשער מלחמה־וויכטיקער אינדוסטריע; צוליב דעם האָבן זיך געוויגט די לעבנס־שאַנסן פון ביאַליסטאָקער געטאָ, א מאָל לחיים און א מאָל למות; און אונטער דער ווירקונג פון די בײדע אויסערלעכע קאָניונקטורעלע פאַקטאָרן — רויב און נויטיקייט פון אַרבעט־קראַפט — האָבן זיך געשטאַלטיקט און געענדערט די עקאָנאָמישע באַציונגען אין געטאָ.

קודם כל וועגן געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען פון אָט דער עקאָנאָמיק.

דאָס געטאָ און קיינער פון זיינע איינוווינער האָט נישט געקאָנט האָבן קיין לעגאַלע געשעפטלעכע און פּראָדוקציאָנעלע באַציונגען מיט וועמען נישט־איז פון אויסערן געטאָ אָן דער מיט צוואַנג אָנגעוואָרפענער פאַרמיטלונג פון דער אַזוי גערופענער געטאָ־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן ביים שטאָט־קאָמיסאַר. דער צוועק פון אָט דער אָקופּאַנטישער געטאָ־פאַרוואַלטונג איז געווען, ווי עס דריקט זיך אויס א היטלעריסטישער זאַך־קענער: „צו שאַפן א רייבונגסלאָזן ווירטשאַפטלעכן פאַרקער מיטן געטאָ״ [2]. אַזוי אַרום האָבן די דייטשן לגבי דעם ביאַליסטאָקער געטאָ נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון לאָדזשער געטאָ, וווּ עס איז אויך געווען א געטאָ־פאַרוואַלטונג מיט די ברייטסטע קאָמפּעטענצן צו קאָנטראָלירן דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע לעבן פון געטאָ. דער לייטער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג ביים שטאָט־קאָמיסאַר האָט געטראָגן דעם טיטל „דירעקטאָר״. דער דאָזיקער אַמט איז אין יאָר 1942 געווען באַזעצט דורך א געוויסן צימערמאַן [3].

זינט נאָוועמבער 1942, ווען אַלע יידישע ענינים זיינען פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג איבערגעגאַנגען צו דער זיכערקייט־פּאָליציי, איז די געטאָ־פאַרוואַלטונג פון דעם שטאָט־קאָמיסאַר אַריבער צו דער „סיפּאָ״, אין שפּיץ פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג איז דאָ געשטעלט געוואָרן דער ס.ס. אָבערשטורמפירער און פּאָליציי־אינספּעקטאָר קליין [4].

---

2) מאַכאַל, נ׳ 4, ז׳ 13.

3) בריוו פונם קרייזליייטער פון נ.ס.ד.א.פּ. פון 8־טן סעפּטעמבער 1942 צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג (אַרכ׳ ייה״א).

4) מאַכאַל, ז׳ 14.

די געטאָ־פאַרוואַלטונג — סיי די ערשטע, ביים שטאָט־קאָמיסאַר, סיי די צווייטע, ביי דער זיכערקייט־פּאָליציי — האָט רעגולירט אַלע ווירטשאַפטלעכע ענינים פון געטאָ און רעאַליזירט די צוויי הויפּט־צילן: דעם רויב און די אויסנוצונג פון שקלאַפישער אַרבעט־קראַפט. דער עיקר־דיקער רויב איז, אייגנטלעך, דורכגעפירט געוואָרן באַלד ביים אָנהייב. הערמאַן גערינגס פאַראָרדענונגען וועגן קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן פון די יידן אין די אָקופּירטע געביטן איז, פאַרשטייט זיך, הל געווען אויך אויף ביאַליסטאָק. אַלע יידישע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס זיינען צוגענומען געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער מלוכה, דורך דער א. ג. טרויהאַנדשטעלע, וועלכע האָט געדאַרפט מיט זיי פאַרוואַלטן. די טרויהענדער זיינען געווען כשרע רייכסדייטשן 5). די פאַבריקן, וועלכע זיינען געבליבן אין תחום פונם געטאָ, האָבן אויך געהערט ווי אַן אייגנטום צו דער נאַציסטישער מלוכה, דעם יודענראַט איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די פאַרוואַלטונג פון אָט די פאַבריקן, און דעריבער האָט מען זיי אין געטאָ אָנגערופן „יודענראַט־פאַבריקן". חוץ דעם האָבן באַזונדערע דייטשע פירמעס באַקומען א ריי פאַבריקן אויף דער געטאָ־טעריטאָריע; די דאָזיקע פריוואַטע דייטשע פירמעס האָבן געצויגן פון דעם געוואַלטיקע רווחים און זיינען שטאַרק באַרייכערט געוואָרן, ווי למשל די פאַבריק פון אָסקאַר סטעפּען 6).

חוץ דעם רויב פון די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס איז אָנגעגאַנגען א רויב פון געלט און זאַכן. דער דאָזיקער רויב האָט זיך אָנגעהויבן מיט „באַרמאַלע" מלחמה־קאָנטריבוציעס. צוערשט האָט דער נאַצישער וואָלף אַראָפּגעשלונגען די ריזיקע שאַנטאַזש־סומע, וואָס האָט געדאַרפט כלומרשט זיין א פּדיון הנפש פאַר די קרבנות פון בלוטיקן שבת. דערנאָך איז געקומען די גזירה פון א קאָנטריבוציע פון צוויי מיליאָן רובל. און ווען דער שונא האָט געזען, אַז אויך די סומע איז געסילוקט, האָט ער איינגיכן פאַרלאַנגט א נייע קאָנטריבוציע: פינף מיליאָן רובל, פינף קילאָ גאָלד און 300 קילאָ זילבער.

דערנאָך איז געקומען די רעגולערע געלט־אויספּרעסונג. פּונקט ווי אומעטום אַזוי איז אויך אין ביאַליסטאָק אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די יידן דער מיטלאַלטערלעכער קאָפּ־שטייער, וועלכער האָט, למשל, סוף 1941 באַטראָפן צו 12 מאַרק אָדער צו 120 רובל פון א יידישן נפש; איינ־

---

5) ארכ׳ ייה״א נומ׳ 1966.
6) ארכ׳ ייה״א, נומ׳ 1966.

ציטיק האָט יעדער ייד געמוזט צאָלן לאָקאַל־שטייער 60 רובל 7). באם לאָ — שמיץ אויפן הוילן קערפּער.

צוזאמען מיט דער כסדרדיקער געלט־אויספּרעסונג איז אָנגעגאנגען דער רויב פון מאַטעריעלע גיטער — און געטריבט האָט די נאַציסטישע מלוכה ווי אַזעלכע, יעדער אָקופּאַנטישער אמט באַזונדער, און כמעט יעדער פון דעם אָקופּאַנטישן אַפּאַראַט אויך באַזונדער, און איינצייטיק — יעדער באַאַמטער אויף דער אייגענער האַנט. און געטריבט האָט מען אַלץ — „אַלץ, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן אַלף, מוז מען צושטעלן", — פאַרצייכנט פּסח קאַפּלאַן אין זיין אַרבעט „דער יידנראַט אין ביאַליסטאָק".

דער רויב איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער. פּסח קאַפּלאַן ציטירט אַ דייטשן דאָקומענט, וואָס דערציילט, אַז די מאַכט האָט געפאָדערט, אַז אין משך פון איין טאָג זאָלן צוגעשטעלט ווערן צוויי שרייב־מאַשינקעס, באם לאָ — וועלן דערשאָסן ווערן צוויי מיטגלידער פון יודענראַט. האָט אַ געוויסע דייטשע אינסטיטוציע עפּעס איינגעאָרדנט, האָט זי נישט געדאַרפט זיך אָנטאָן די טרחה און אויסגעבן געלט, אָדער מאַכן באַמיונגען: איין בריוו — דורך דער געטאָ־פאַרוואַלטונג — אין געטאָ אַריין, און אַלץ מוז זיין גרייט און פּאַרטיק צו דער באַשטימטער צייט. מען קאָן זאָגן, אַז דער אָקופּאַנט האָט זיך אויסגעשלאָגן די גאַנצע הוצאות פון זיין אַדמיניסטראַציע אויף דער קעשענע פון די יידן. אַט טיילט מיט דער יודענראַט די איינוווינער פון געטאָ דעם ניינטן סעפּטעמבער 1941 אַ „בשורה", אַז מען מוז דער ציוויל־פאַרוואַלטונג צושטעלן אין משך פון איין טאָג אַ גאַנצע אויסשטאַטונג פאַר אַ גרויסן לאָקאַל, אָנהייבנדיק פון טעפּיכער, קלאַווירן און זשיראַנדאָלן ביז... קיך־שטשערקעס, שייער־שמאַטעס און בעזימער. באם לאָו, איז: „פאַר יעדער זאַך, וואָס וועט פעלן, וועט אַרויפגעלייגט ווערן אַ גרויסע שטראָף". די שרעק פונם יודענראַט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער גיט צו: „דער יידנראַט וואָרנט: אויב די געפאָדערטע זאַכן וועלן נישט צוגעשטעלט ווערן גענוי צו דער צייט, נעמט אַראָפּ דער יידנראַט די אחריות פאַר די שווערע קאָנסעקווענצן, וואָס וועלן קומען" 8).

מיר האָבן געבראַכט נאָר איין ביישפּיל פונם רויב־סיסטעם. אַזוי ווי אין אַנדערע געטאָס, אַזוי איז אויך געווען אין ביאַליסטאָק 9).

---

7) „צו דער געשיכטע א. א. וו.", ז' 4.

8) יודענראַט־מעלדונג, נ' 92, אַרכ' ייה"אָ.

9) למשל, די קאָנפיסקאַטע פון פוטערוואַרג האָט געהאַט אָן אָרט אין ביאַליסטאָקער געטאָ פון 12־טן ביזן 16־טן אויגוסט 1942.

חוץ דעם אָפענעם רויב פון באוועגלעכן פארמעגן איז פאָרגעקומען א סיסטעמאטישע אויספּלינדערונג פון געטאָ אונטערן דעק־מאַנטל פון „גאַר־מאלע" האנדלס־טראנזאקציעס. דייטשע פירמעס פון ביאַליסטאָק און אַנ־דערע שטעט ווענדן זיך צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג מיט באַשטעלונגען פון פאַרשידענע סחורות, למשל: פון וואַטע, טעפּיכער, שענק, פורן, רעדער, שרייבגעצייג, זייגערס, גלאָז וכדומה 10). וואָס ענגער עס ווערט אויפן דייטשן מאַרק, אַלץ אָפטער ווערן די פאָדערונגען פון געטאָ־סחורות און זאַכן, בפרט, אַז זיי זיינען בחצי חינם. עס מאַכן באַשטעלונגען אויך די נ.ס.ד.א.פ. 11), די פאַרוואַלטונג פון די קראַנקן־הייזער 12), די ווער־מאַכט 13). די אַלע באַשטעלונגען גייען לויט בוכהאַלטערישע כללים מיט געלט־חשבונות וכדומה.

צוזאַמען מיטן אָפענעם און פאַרשטעלטן רויב דירעקט מצד די אָקו־פּאַנטן גייט א שאַנטאַזש־רויב — דאָס זיינען די ריזיקע קאַבאַרן, וועלכע דער יודענראַט גיסט כסדר אין די לעכערדיקע קעשענעס פון די מאַכט־האָבער. דער יודענראַט זאַמלט ביי זיך ריזיקע אוצרות — אין געלט, גאָלד, חפצים, טייערע מלבושים, וועלכע אָדער ער שלעפּט אַרויס פון דער באַפעלקערונג אונטערן אויסרייד פון טויט־סכנות, אָדער ער קויפט איין; דער יודענראַט איז אין געטאָ געווען דער גרעסטער אויפקויפער פון ווערט־פולע זאַכן; די אַלע זאַכן וואַנדערן אַריבער צו די פאַשיסטישע שררות 14). און דער יודענראַט איז נאָך זיי דאַנקבאַר, וואָס זיי לאָזן זיך שמירן. אָבער אין גרונד גענומען איז דאָס אויך געווען א פאַקטישע אויספּלינדערונג פון געטאָ. עס איז פאַרשטענדלעך, וואָס פאַר אַן אויסווירקונג דער דאָזיקער ריזיקער רויב אין כלערליי פאָרמען האָט געהאַט אויף דער עקאָנאָמיק פון געטאָ. די יידישע באַפעלקערונג האָט דאָך ס'רוב געלעבט פון די רעזערוון, וועלכע מ'האָט געהאַט פון דער פריערדיקער צייט. דעם מאַטעריעלן צו־שטאַנד פון א געטאָ־איינוווינער האָט מען אין אַלגעמיין געאָרטיילט לויט דער צאָל זאַכן — מלבושים, חפצים — וואָס ער האָט פאַרמאָגט, כדי עס קאָנען אויסטוישן אויף שפּייז. וואָרעם פון פאַרדינסט אַליין האָט זיך גע־

---

10) די בריוו פון: פירמע פ. פינק פון 15־טן מאַי 1942, פירמע פ. רוי־בערט פון 21-טן יאַנואַר 1943, פירמע האַמפּ פון 12-טן יאַנואַר 1943 (ארכ' ויה"א).

11) אויבן, און אויך — דער בריוו פון 10-טן דעצעמבער 1942 (אַרכ' ויה"א).

12) בריוו פון 14-טן דעצעמבער 1942 (אַרכ' ויה"א).

13) בריוו פון 14-טן און 15־טן דעצעמבער 1942 (אַרכ' ויה"א).

14) „צו דער געשיכטע א. א. וו.", ז' 11.

קאַנט דערנערן זייער א דינינקער שיכט 15). איז קלאָר, אַז דאָס אויס־פּאַמפּעווען פון געטאָ די רעזערוון האָט דערפירט צו א גוואַלטיקער פאַר־ערגערונג פונם עקאָנאָמישן מצב פון איטלעכן ייד, בפרט פון די ווייניק־באַמיטלטע עלעמענטן; ממילא האָט דאָס דערפירט צו דער גוואַלדיקער ירידה פון געזונט־צושטאַנד און צום וווקס פון דער שטאַרביקייט. צוליב אַנדערע סיבות האָט צום וווקס פון שטאַרביקייט גורם געווען די צווייטע דערשיינונג — די צוואַנג־אַרבעט.

דער שונא האָט, ווי געזאָגט, געקוקט אויפן געטאָ, חוץ פונם רויב־שטאַנדפּונקט, אויך פון שטאַנדפּונקט פון שקלאַפישער אַרבעט־קראַפט. אויך דער ענין איז קאָנטראָלירט געווען דורך דער געטאָ־פאַרוואַלטונג 16). דייטשע פירמעס פלעגן זיך ווענדן צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, וועלכע פלעגט איבערשיקן די באַשטעלונג צום יודענראַט; פון דער יידישער זייט האָט די אַרבעט־שקלאַפן צוגעשטעלט דער אַרבעט־אָפּטייל ביים יודענראַט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס אַרויסגיין אויף אַרבעט מחוץ די געטאָ־גרענעצן איז אָפט געווען פאַרבונדן מיט אויסזיכט צו קאָנען זיך איינשאַפן שפּייז־פּראָדוקטן, אָדער פון מאַכן א געוויסן אויסטויש־משא־ומתן, האָט אָבער די געטאָ־באַפעלקערונג טראַקטירט די דאָזיקע צוואַנג־אַרבעט ווי א שווערע גזירה, וואָרעם אין אַלגעמיין איז דער אַרבעטער מחוצן געטאָ געווען אויסגעשטעלט אויף געפערלעכע פיזישע שיקאַנעס 17). עס זיינען געווען אַרבעט־פּלעצער, למשל, אין געסטאַפּאָ־בנין אויף שענקעוויטש־גאַס, ווו כמעט יעדער טאָג האָט געבראַכט ציען קרבנות, הרוגים, פון צווישן די יידי־שע און פּוילישע אַרבעטער 18).

די צוואַנג־אַרבעט איז חל געווען אויף מענער און פרויען ביז 55 יאָר 19). די רעגולירונג פון גאַנצן ענין איז געלעגן אין די הענט פונם

15) דאָרטן, ז׳ 6.

16) בריוו פון דער בוי־ביוראָ פ. קירהאָף צו דער געטאָ־פאַרוואַלטונג — פון 28-טן יולי 1942 (אַרכ׳ ייה״א).

17) ג״ע פון מ. אורשאַנסקי, אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נומ׳ 2260.

18) דאָרטן; עס האָבן זיך אויף דעם אַרבעטס-פּלאַץ אויסגעצייכנט מיט זייער אַכזריות סיי לגבי יידישע, סיי לגבי פּוילישע אַרבעטער די כוליגאַנישע מייסטער פעליקס פורמאַנסקי און פּראָקאָפּאָוויטש.

19) יודענראַט-מעלדונג פון 24-טן דעצעמבער 1941. דאָס געטאָ האָט אויך געמוזט צושטעלן מענטשן אויף צוואַנג-אַרבעט מחוץ ביאַליסטאָק, ווי למשל, קיין מזרח-פּרייסן (ג״ע פון זלמן קאַלעשניקאָוו, מחברס אַרכ׳), אָדער די גזירה פון שיקן 130 יונגע מיידלעך אויף אַרבעט אין א גוט הינטער וואָלקאָוויסק (ג״ע פון פאַניע ליפּינסקאַ, אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נ׳ 2124, ג״ע פון אַניע ווינציגשטערן, אַרכ׳ ייה״א פּראָט׳ 1973).

יודענראט, וועלכער האט זיך אויך דא אנטפלעקט מיט זיין קלאסן־צו־גאנג: באלעבאטישע יידן האט ער פארהאלטן אויף דער פיזיש מער זיכע־רער ארבעט אין די געטא־פאבריקן, די ארעמקייט האט ער געשיקט אויף די געפערלעכע ארבעטן אויסערן געטא. „דער ארעמער ייד" — שילדערט די דאזיקע לאגע אן עד ראיה — האט געקאנט באקומען באשעפטיקונג נאר אין די ערגסטע ארבעט־פלעצער, אים האט מען געשיקט ארבעטן צו די דייטשן און ער איז געווען אויסגעשטעלט אויף עינויים און אפילו אומקום. דאקעגן דער רייכערער טייל האט געהאט די מעגלעכקייט צו פירן א נישקשהדיק לעבן און נישט ארבעטן שווער. פאר דעם האבן שוין געזארגט די אנגעשטעלטע פון אזוי גערופענעם ארבעט־אמט (ארבעט־אפטייל). פארשטייט זיך, פארן פרייז פון גרויסע סומעס געלט [20].

די דיסקרימינאציע־פאליטיק סיי פון דער דייטשער מאכט, סיי מצד דעם יודענראט לגבי די ארעמע, ארבעטנדיקע שיכטן פון דער געטא־באפעלקערונג און די פריווילעגירנדיקע פאליטיק מצד דעם יודענראט לטובת דעם „העכערן" שיכט איז געקומען צום אויסדרוק נישט בלויז אויפן געביט פון ארבעט־ און פאסטנס־פארטיילונג, נאר אויך פון באשפייזונג.

דאס ביאליסטאקער געטא האט אין אלע ווינקעלעך פון אקופירטן פוילן, וו עס האט נאר געאטעמט א יידיש לעבן, געהאט א שם פון א גוט־איינגעארדנטער, פון א מאטעריעל בעסער סיטואירטער. דער אומשטאנד האט אויך מיטגעווירקט צו שאפן א באדן פאר די טראגישע אילוזיעס, אז טאקע געטא ביאליסטאק וועט אפשר אויסדויערן גיכער ווי אנדערע.

ווי האט זיך אבער פארגעשטעלט די זאך אין דער ווירקלעכקייט?

אין ביאליסטאק איז טאקע געווען עקאנאמיש א ביסל לייכטער ווי אין אנדערע מקומות. עס האט אין ביאליסטאקער געטא נישט געהערשט אזא מוראדיקער, אבסאלוטער, פארטיליקנדיקער הונגער ווי אין ווארשעווער יידן־ראיאן, אדער אין רומקאווסקיס מלוכה. מען האט אויף די גאסן נישט געזען קיין מענטשן געשוואלענע פון הונגער [21].

און אויב עס האט דא אזא פארטיליקנדיקער הונגער נישט געהערשט, איז עס געווען צו פארדאנקען נישט בארויש און זיינע פעיקייטן — ווי געוויסע מענטשן ווילן עס סוגערירן — נאר געשען איז עס א דאנק דעם, וואס די, וועלכע זיינען ארויס אויף די געפערלעכע ארבעטן מחוץ

---

20) ג"ע פון אברהם אסאוויצקי (מחברס ארכ').

21) „צו דער געשיכטע א. א. וו.", ז' 8; אויך — ג"ע פון טביה ציטראן, עליע בוימזאץ א. א. (מחברס ארכ').

דעם געטאָ האָבן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, אריינגעשמוגלט שפּייז־פּראָדוקטן 22). אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז אויך אין ביאַליסטאָק געווען — ביים פאָלקס־מענטש — אזוי פיל עסן, ער זאָל נישט קאָנען שטאַרבן פון הונגער, אָבער קיינמאָל נישט אויף צו זיין ווי עס איז זאַט. דער ווינטער 1941—1942, דער ערשטער געטאָ־ווינטער איז אין ביאַליסטאָקער עמק הבכא, איז אדורך אונטערן צייכן פון הונגער.23) אָבער אויך אין דער שפּעטערדיקער בעסערער צייט איז דאָס הויפּט־פּראָבלעם געבליבן: וווּ פּאַקט מען אביסל שפּייז? די קאַרטן־באַשפּייזונג האָט זיך פאָרגעשטעלט אַט אזוי:

דער דורכשניטלעכער נפש אין געטאָ האָט באַקומען סוף 1941 און תחילת 1942 — 200 גראַם ברויט א טאָג צו 25 פעניג א קילאָ. אין א צייט אַרום איז די טאָג־פּאַרציע פאַרקלענערט געוואָרן אויף 100 גראַם א טאָג צו 20 פעניג א קילאָ. אין פרילינג־צייט 1942 איז די דאָזיקע הונגער־פּאַרציע נאָך מער געקירצט געוואָרן: 75 גראַם ברויט א טאָג. אין דער זעלביקער צייט האָט דער „אַריער" באַקומען אין ביאַליסטאָק אויף ברויט־קאַרטן 215 גראַם א טאָג 24).

די אַרבעטנדיקע פון געטאָ האָבן אויף די ברויט־קאַרטן באַקומען גרעסערע פּאַרציעס, דהיינו: דער אויסערן־געטאָ־אַרבעטער פלעגט באַקומען 230 גראַם ברויט א טאָג צו 45 פעניג א קילאָ 25). עס זיינען געווען אויסנאַמען — די, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אויף די סאַמע געפערלעכסטע אַרבעטן; זיי פלעגן אמאָל באַקומען א גאַנצן קילאָ א טאָג. אָבער די דאָזיקע זעלטענע אויסנאַמען באַשטעטיקן דעם כלל פון 230 גראַם פאַרן אויסערן־געטאָ־אַרבעטער. אין דער זעלביקער צייט האָט דער אַרבעטער פון א געטאָ־פאַבריק באַקומען 500 גראַם ברויט א טאָג 26). היות אויסערן געטאָ זיינען, ווי געזאָגט, געשיקט געוואָרן מענטשן פון „פּעבל" און אינעווייניק אין געטאָ איז איינגעאָרדנט געוואָרן דער „באַלעבאַטישער" עלעמענט (חוץ, נאַטירלעך, ספּעציאַליסטן, און וועלכע דער יודענראַט האָט זיך אין די פאַבריקן נישט געקאָנט באַגיין), ווערט קלאָר די קלאַסן־פּאָליטיק פון יודענראַט אויפן געביט פון באַשפּייזונג. אָבער אויך פאַר די געטאָ־פאַבריק־אַרבעטער איז שפּעטער געקומען א פאַרערגערונג.

---

22) דאָרטן.
23) קאַט, ז"ז 31 און 32.
24) „צו דער געשיכטע א. א. וו." ז' 13.
25) דאָרטן.
26) דאָרטן, ז' 12.

זומער־צייט 1942 איז די קארטן־ברויט־פאָרציע פונם געטאָ־פאבריק־ארבעטער רעדוצירט געוואָרן ביז 375 גראם א טאָג, און זינט נאָוועמבער 1942 — ביז 300 גראם א טאָג 27). אָבער אויך אין די פריערדיקע „גוטע" צייטן האָט דער יודענראט דיסקרימינירט אין דער באשפּייזונג־הינזיכט די געטאָ־ארבעטער־פאבריקן און פריווילעגירט דעם דינעם אריסטאָקראטישן מייסטער־ און דירעקטאָרן־שיכט און אויך די העכערע יודענראט־באאמטע. אָט די צוויי קאטעגאָריעס האָבן באקומען טעגלעך טאָפּלטע ברויט־פאָרציעס און חוץ דעם ספּעציעלע געלט־גראטיפיקאציעס: די יודענראט־באאמטע פון צייט צו צייט פון 30 ביז 75 מארק, די פּאָליציי־לייט חודשלעך צו 35 מארק און די פאבריק־דירעקטאָרן צו 100 מארק א חודש; די לעצטע האָבן אויסער דעם באקומען חודש־פּענסיעס פון די דייטשע באלעבאטים, אין דער ערשטער ריי פון דער ווערמאכט, צו 60 מארק 28). אויך אין הינזיכט פון דער באשפּייזונג־פּאָליטיק איז בולט געקומען צום אויסדרוק דעם קלאסן־צוגאנג פונם יודענראט. זיין ארבעט־אָפּטייל האָט, נאטירלעך, געזאָרגט דערפאר, אז פון א משפּחה זאָל איין מענטש קריגן באשעפטיקונג אין א פאבריק; אקעגן־זשע לגבי דירעקטאָרן, מייסטער, העכערע יודענראט־באאמטע איז געווען אָנגעווענדט א פּונקט פארקערטער פּרינציפּ; ממילא זיינען די הכנסות פון די דאָזיקע משפּחות געווען אָן אן ערך גרעסער, בעת דער ארבעטער האָט נישט פארדינט אויף חיונה אפילו פאר זיך אליין, ד. ה. — אפילו פאר איין מענטש 29). דערביי האָבן די העכערע יודענראט־באאמטע, דירעקטאָרן, מייסטער א. א. באקומען פון צייט צו צייט פארשיידענע פּראָדוקטן, בתוכם פעטסן,ווייצענע מעל, וווּרשט, פּאפּיראָסן, און אויך גרעסערע קוואנטומס קארטאָפל, האָלץ, קוילן צו פעסטע מלוכהשע פּרייזן, בעת די ארבעטער האָבן עס נישט באקומען, אָדער אין זעלטענע אויסנאם־פאלן, און פון דער ברייטער מאסע איז שוין אָפּגערעדט 30).

די צאָל יודענראט־באאמטע (צוזאמען מיט די העכערע פאבריק־אָנגעשטעלטע) האָט באטראָפן ביז יולי 1942 — 2201 פּערזאָן 31). ד. ה. א נישטיקער פּראָצענט פון דער גאנצער געטאָ־באפעלקערונג. מיט אנ־

27) דאָרטן.
28) דאָרטן, ז' 13.
29) דאָרטן, ז' 11 און 13.
30) דאָרטן, ז' 12.
31) דאָרטן.

דערע וועכטער. א קלייניקער שיכט איז פּריווילעגירט געוואָרן אין באַשעפטיקונג, פּזאָרדינסט־ און באַשפּייזונג־הינזיכט.

די צאָל „גליקלעכע", וועלכע האָבן זיך אריינבאקומען אויף ארבעט אין די געטאָ־פאבריקן און אויסערן געטאָ, שטעלט זיך פאָר אין אפּריל 1943 (נאָך דער ערשטער ליקווידיר־אקציע) אָט אזוי: 32).

באשעפטיקט אין די געטאָ־פאבריקן:	12000
באשעפטיקט אין די סטעפּען-פאבריקן:	1200
באשעפטיקט אין דער באקלייד-אינדוסטריע:	700
באשעפטיקט אין דער קליידער־פאבריק:	200
באשעפטיקט אין די קריגס־ווערקע:	150
צוזאמען אין געטאָ	14380
באשעפטיקט אויסערן געטאָ	2700
צוזאמען ארבעטער	17080

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אז די דאָזיקע צאָל איז באמת געווען א קלענערע, ווייל דער יודענראַט האָט אָנגעגעבן דער מאכט גרעסערע ציפערן פון ארבעטנדיקע יידן צוליב פארשטענדלעכע טעמים. לויט אן אנדער קוואל האָט די צאָל געטאָ־פאבריק־ארבעטער ביז יולי 1942 באטראָפן איבער 8600 33). אָבער עס איז מעגלעך, אז צוליב דער פעברואר־אקציע זיינען מער מענטשן געלאָפן אין די פאבריקן אריין מיטן אויסזיכט, אז מיט דער פאבריק־ציגעניש וועט מען קאָנען גיכער זיך ראטעווען און איבערלעבן, און מחמת דעם איז פון יולי 1942 ביז אפּריל 1943 די צאָל פאבריק־ארבעטער אפשר באמת געוואקסן. עס איז אויך אינטערעסאנט, אז זינט יולי 1942 ביז אפּריל 1943 האָט די צאָל יידישע ארבעטער מחוץ די געטאָ־גרענעצן זיך פארקלענערט. זומער־צייט 1942 באטרעפט זי 6—7 טויזנט 34); אין אפּריל 1943 — 2750. דאָס נעמט זיך פון קאָכס פאראָרדענונג, וועלכע איז געקומען ווי אן אויספירונג פונם באפעל פון בערלין, אז אויף דער „ארישער" זייט זאָלן די יידישע ארבעטער פארשווינדן. ווי מיר זעען, זיינען זיי נישט פארשוונדן געוואָרן אינגאַנצן, אָבער די צאָל איז באדייטנדיק פארקלענערט געוואָרן.

32) אַרכ' ייה"א, דאק' נ' 1966.

33) „צו דער געשיכטע א. א. וו.", ז' 12.

34) דאָרטן, ז' 11.

אָבער אזוי צי אזוי, שווימט ארויס די פראגע: ווי אזוי האָט אויסגעזען דער לוין פון די יידישע ארבעטער, ד. ה. — פון העכער 15, צי 17 טויזנט משפּחה־פאַרדינער, משפּחה־אויסהאַלטער, אין פאַרגלייך מיט די גאָר נישקשהדיקע — ווי פאַר אזא צייט — פאַרדינסטן פון דעם דינעם אויבערשטן יודענראַטלעריש־דירעקטאָריש־מייסטערישן שיכט?

דער געטאָ־פאַבריק־ארבעטער האָט — א חוץ דעם האַלבן קילאָ ברויט א טאָג און שפּעטער די 375 און 300 גראם — בדרך־כלל קיין שכירות נישט באַקומען. דעם גרעסטן טייל געטאָ־פאַבריק־ארבעטער האָט די ארבעט נישט געבראַכט, ווי געזאָגט, אפילו אויף עסן פאַר זיך אליין. ס׳רוב האָט מען אין די געטאָ־פאַבריקן געאַרבעט פאַרן „לעבן־שיין". די דירעקטאָרן און מייסטער האָבן אָפט שאַנטאַזשירט דעם ארבעטער, אַז מען קאָן אים צונעמען דעם „שיין" 35). דאָס איז, הייסט עס, אין אלגעמיין געווען אומזיסטע שקלאַפן־ארבעט.

ביי די ארבעטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אויסערן געטאָ אויף דייטשע ארבעט־פּלעצער, האָט דער טאָג־לוין באַטראָפן פון א מארק ביז א מארק מיט 20 פּפעניג. אין דער זעלביקער צייט איז דער טאָג־לוין פונעם פוילישן ארבעטער אויף די זעלביקע ארבעט־פּלעצער געווען 2 מארק מיט 40 פּפעניג, דאָס הייסט — טאָפּלט; דאָס איז געווען 70 פּראָצענט פון א טאָג־לוין פון א דייטשן ארבעטער פון ענלעכע געביטן 36). אויף א ריי דייטשע ארבעט־פּלעצער האָט מען בכלל נישט געצאָלט; דאָס זיינען געווען ס׳רוב ארמייאישע און אנדערע מלוכהשע ערטער; פאַר האָרעווען פון זיבן פרי ביז זיבן אוונט האָט דער יידישער ארבעט־שקלאַף באַקומען א קילאָ גרויפּן אָדער א ביסל צוקער 37).

וואָס האָט געקאָנט דער ארבעטער איינקויפן פאַר א מארק א טאָג?

צו דער פראגע פון די פרייזן אויף שפּייז־ארטיקלען מוז מען צוגיין מיט א צייט־מאָס. די ערשטע צייט, באַלד נאָכן שליסן דאָס געטאָ (אויגוסט 1941) האָט געהערשט א געוואַלטיקער ברויט־הונגער און ממילא אן אומגעצוימטער יקרות. קויפן האָט מען געקאָנט נאָר ביי פּאָליאַקן, אָדער פאַר גאָר טייערע זאַכן 38). שפּעטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן ארויסגיין אויף

---

35) ג"ע פון יעקב כאַבראַטאָווסקי.
36) „צו דער געשיכטע א. א. וו." ז׳ 6.
37) ג"ע פון שלמה דאַלינסקי, אַרכ׳ ייה"א, פּראָט׳ 1128.
38) „צו דער געשיכטע א. א. וו.", ז׳ 2.

אַרבעט מחוץ דעם געטאָ־תחום, האָט מען שוין אויך געקראָגן צו קויפן פאַר דובלס. די לאַגע וועט ווידער נישט זיכער ביים גירוש פּרוזשאַני; אָבער דערנאָך ווערט דער מצב „סטאַביליזירט" און דער יקרות הייבט אָן צו וואַקסן מיט „נאָרמאַלע טעמפּן" און נעמלעך: נאָכן קאַפּיטל פּרוזשאַני, ד"ה סוף 1941 קאָסט א קילאָ ברויט אויפן שוואַרצן מאַרק 2—2,5 מאַרק. אין אַפּריל 1943 קאָסט ער שוין 5—6 מאַרק 39). א קילאָ פּוטער קאָסט סוף 1941 — 20 מאַרק, אין אַפּריל 1943 — 50 מאַרק 40). א פוד קאַר־טאָפל קאָסט סוף 1941 — 4—5 מאַרק, אין אַפּריל 1943 — 60 מאַרק 41).

קיין פלייש האָט מען כמעט נישט אָנגעזען, און אויב יאָ, האָט עס געקאָסט: א קילאָ פערדיש פלייש 15—20 מאַרק, א קילאָ כשר פלייש — ביי 40 מאַרק 42).

די דאָזיקע פּרייזן האָט מען געצאָלט אויף דער „אַרישער" זייט. עס איז קלאָר, אַז אויך דער פּוילישער אַרבעטער, וואָס האָט באַקומען א טאָג 2 מאַרק, האָט זיך נישט געפונען מאַטעריעל אין קיין סך בעסערער לאַגע. דער געוואַגטער יידישער אַרבעטער, וואָס האָט געפּרוווט עפּעס אַריינשמוג־לען אין געטאָ, האָט חוץ די געזאַלצענע פּרייזן געמוזט געבן כאַבאַר דעם דייטשן וועכטער ביים געטאָ־טויער און דעם יידישן פּאָליציאַנט. עס איז געווען א גליק, ווען דער דייטש האָט גענומען אין יד אַריין, הגם עס זיינען געווען פאַלן, ווען דייטשע וועכטער האָבן זיך געמאַכט נישט זען און אַדורכגעלאָזט 43). און ווען די געשמוגלטע סחורה איז אַריין אין געטאָ, איז דער פּרייז ווידער געשטיגן. ביז זומער־צייט 1942 האָט עקזיסטירט אין געטאָ א מאַרק, עס זיינען אויך געווען שפּייז־קרעמלעך. אין זומער 1942 האָט דער יודענראַט, מורא האָבנדיק פאַר א דייטשער „עין הרע", פאַרבאָטן סיי דעם מאַרק, סיי די געוועלבער, דערלאַנגענדיק דערמיט א שווערן קלאַפּ דער באַשפּייזונג פון די יידן. דער יודענראַט הייבט אויך אָן רודפן די אומלעגאַלע מילכלעך, וועלכע האָבן געמאָלן דורך פּויערים אַריינגעשמוגלטע תבואה. די יידישע פּאָליציי הייבט אויך אָן א כסדרדיקן געיעג נאָך די שמוגלער, פורמאַנעס, טרעגער א. א. דאָס אַלץ מאַכט די באַשפּייזונג־לאַגע פון געטאָ נאָך שווערער און אומדערטרעגלעכער 44).

---

39) דאָרטן, ז' 7.
40) דאָרטן.
41) דאָרטן, ז' 10.
42) דאָרטן, ז' 9.
43) דאָרטן, ז' 10.
44) דאָרטן, ז' 8.

די דאָזיקע שמוגלער זיינען געווען א פריש־אויפגעקומענער שיכט אין געטאָ. „די גרעסטע פאַרדינער — שטעלט פעסט פסח קאַפּלאַן אין זיין כראָניק, — זיינען די שמוגלערס און שפעקולאַנטן, בפרט האָט זיך אַרויסגעשלאָגן אין וווילשטאַנד־היגזיסט איבער אַלע די „אונטערוועלט". אײנס געװעג נאָך די שמוגלער אַרבעטן מיט דער יודענראַט און די געטאָ־פּאָליצײ מיט דער אַקאָפּאַנטישער מאַכט, וועלכע רעכנט זיך זייער קנאַפּ מיטן כבוד פון די יודענראַטלער און נעמט זיי פאַר ערבות־לייט אינם קאַמף קעגן דעם שמוגל. דעם 16־טן אָקטאָבער 1942 איז דער יודענראַט מודיע אין אַן עפנטלעכער מעלדונג אַט־וואָס:

„אין שייכות מיט די נעכטיקע אַרעסטן פון עטלעכע מיטגלידער פון יידנראַט, ווי אויך אַנדערע פּערזאָנען, מעלדעט דער יידנראַט, אַז דער גורל זייערער איז אָפּהענגיק פון אַרויסגעבן דער מאַכט דעם באַקאַנטן שמוגלער זאַווינסקי מיידים, פּאָלעסיער־גאַס 25, „בעזרוק" (אַן דער רעכטער האַנט), וואָס עס איז א הייליקער חוב פון יעדן געטאָ־בירגער. פאַר צושטעלן דעם אויבנדערמאָנטן, אָדער אָנגעבן נוציקע ידיעות באַשטימט דער יידנראַט א פּרעמיע פון צוויי טויזנט מאַרק" 45).

דאָס איז געווען א גרויזאַמע דראָונג, וואָרעם מיט בערך א יאָר פריער זיינען אַן א משפט דערהרגעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן פאַר שמוגלען מעל אין געטאָ אַריין דער ליכטמאַכער באָוויק און צוויי אומבאַקאַנטע מיידלעך 46).

אָבער דער דאָזיקער שמוגל האָט פאַרלייכטערט די באַשפּייזונג־לאַגע אין געטאָ. זינט די שמוגלער ווערן געראודפט און באַדראָט מיט די גרעסטע שטראָפן, ווערט די לאַגע ערגער. אָבער דער ריזיקאַנטישער שמוגל גייט אָן ווייטער. דער קליין־האַנדל אין געטאָ ווערט אַלץ מער אומלעגאַל. עס אַנטשטייט א גאַנצער שיכט פון פאַרמיטלער, וועלכע שטעלן צו קונים און פאַרקויפער 47). מיט אומלעגאַלן האַנדל פון פּאַפּיראָסן, שוועבעלעך, סאַכארין פאַרנעמען זיך קינדער. אָבער אויך דער דאָזיקער פאַרקריפּלטער קליין־האַנדל ווערט ביטער געראודפט. אין רעזולטאַט האָבן די פאַרבאָטן אַריינצופירן שפּייז, די אָפטע סחורות־קאָנפיסקאַטעס און רעוויזיעס נישט געקאָנט פאַרטיליקן די יידן, אָבער זיי האָבן דערפירט אין א ברייטער מאָס צו א דראָענדיקער פיזישער וועגעטאַציע 48).

---

45) אַרכ׳ ייה"א, מעלד׳ נ׳ 349.
46) אַרכ׳ ייה"א, מעלד׳ פון 6-טן אָקטאָבער 1941.
47) „צו דער געשיכטע א. א. וו.", ז׳ 8.
48) דאָרטן, ז׳ 9

צום ערגסטן איז געווען די לאגע פון דער אָרעמקייט, פון גרעסטן טייל ארבעטער און אינטעליגענץ. דעם לעצטן איז געווען צום שווער־סטן זיך ווי עס איז איינצואָרדענען 49), אין די פאבריקן גופא האָט גע־הערשט א שווידערלעכע עקספּלאָאטאציע. צו די טרויעריקסטע דערשיי־נונגען האָט געהערט די שקלאַפן־ארבעט פון קינדער, וועלכע האָבן, למשל, זעכצן שעה אין מעת לעת געמוזט שטריקן הענטשקעס 50).

די באדינגונגען אין דער פאבריק זיינען אין א גרויסער מאָס געווען אָפּהענגיק פונם דירעקטאָר. אין שפּיץ פון די געטאָ־פאבריקן זיינען גע־שטאנען די פאָלגנדיקע פּארוואלטערס, וואָס זיינען באשטימט געוואָרן דורכן יודענראט:

פינקעל, בער סובאָטניקס אידעם, א זון פון א פאבריקאנט, איז געווען דירעקטאָר פון דער מעבל־פאבריק און פון א שוסטער־שניידער־ווארשטאט. דאָס איז געווען איינער פון די געפערלעכסטע יודענראט־טיפּן אין געטאָ. א מענטש מיט א שלעכטן כאראקטער, אן אכזר, א דערפארע־נער פון פארמלחמהדיקע קאמפן קעגן שטרייקנדיקע ארבעטער, איז ער איצט געוואָרן א פארטרויונגס־מאן פונם שונא. ער איז געווען פאר־האסט ביי די פאבריק־ארבעטער און איז זיי פון זיין זייט נישט געבליבן שולדיק 51).

צום זעלביקן שניט ריקזיכטלאָזן אויסנוצער האָט געהערט דער די־רעקטאָר פון דער קאַרטאָנאזש־פאבריק גאָלדבערג, וועלכער האָט גערודפט די ארבעטער און זיי אָנגעטאָן צרות 52).

פארהאסט ביי די ארבעטער איז אויך געווען דער דירעקטאָר יוסף לין 53).

דער דירעקטאָר פון שניידער־פאבריק וואקסמאן, בעראשעס בוזעם־פריינט, איז געווען א הארצלאָזער עקספּלאָאטאטאָר, ער האָט געוווסט איין זאך: טרייבן די פּראָדוקציע לטובת דעם שונא אָן שום קווענקל. ער האָט גערודפט די ארבעטער און זיי אָנגעטאָן צרות 54).

---

49) דאָרטן, ז׳ 4.
50) קאַט, ז׳ 37.
51) ג״ע פון ש. גרינשטיין (מחברס אַרכ׳).
52) רויזנער, ז׳ 87.
53) ג״ע פון ש גרינשטיין.
54) דאָרטן.

עס זיינען געווען, נאטירלעך, אויסנאמען — אָבער אין ענין פון טרייבן די פּראָדוקציע, פון ארבעטן לטובת דער ווערמאכט, פון עקספּלאָאטירן די קינדער־פּראצע האָט דעצידירט דער יודענראט־סיסטעם און די מאשין האָט געמוזט גיין. אזוי האָבן זיך איינגעשפּאנט אין דעם וואָגן אלע אנדערע דירעקטאָרן: ליבערמאן פון דער שיך־פאבריק, גערץ פון דער פּוץ־לאפּן־פאבריק און אנדערע. נישט געקוקט אויף דער פּערזענלעכער בעסערער באציונג צו די ארבעטער, האָבן זיי דאָך געמוזט, פּונקט ווי פּינקעל, גאָלדבערג, וואקסמאן, העלפן דער דייטשער קריגס־פּראָדוקציע. עס זיינען געווען פאלן, ווען געוויסע שוסטער און שניידער האָבן נישט געוואָלט אָננעמען קיין ארבעט פארן שונא, האָט זיי באראש געצוווּנגען מיט זיין יודענראטישן כוח (די פאלן מיט די שניידער אגראנאָוויטש און גבאי און מיט די שוסטער ברידער ליפּסקי) 57).

באראש האָט זיך באמיט אויסצונוצן לטובת דער פאַרזאָרגונג פּנים שונא אלע פעיקייטן פון יידישע ספּעציאליסטן. ווען עמעצער האָט אין געטאָ געמאכט א טעכנישע דערפינדונג — ווי אזוי פון אלטע שמאטעס מאכן באנדאזשן, האָט עס באראש תיכף אויסגענוצט פאר פארבעסערן די צושטעלונגען פאר דער רייכסווער 58).

באראש האָט אפילו איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען פון דער געטאָ־פּראָדוקציע — שיך, טעקסטיל, אוניפאָרמען, באנדאזשן — פאר דייטשע געסט.

די סאמע קלאָגעדיקסטע לאגע איז געווען, ווי געזאָגט, ביי דער אינטעליגענץ. לערער, יוריסטן, באאמטע, ליטעראטן האָבן זיך געלערנט נייע פיזישע פאכן, געוואָרן מוליערס, שוסטער, שטריקער. ווער עס האָט זיך נישט געקאָנט צופּאסן צו די נייע גרויזאמע אומשטענדן, איז אומגעקומען — פון הונגער, צי דורך גירוש 59).

די חלוצישע יוגנט האָט זיך אויסגעלעבט אין די פערמעס, וועלכע האָבן געוואַקסן פון באראשעס שטיצע. דאָס איז אָבער געווען א קליינער ברוכטייל פון דער געטאָ־באפעלקערונג.

אזוי ארום איז די עקאָנאָמישע לאגע פון דעם גרעסטן טייל געטאָ־עולם געווען א קלאָגעדיקע, חיונה האָבן געהאט:

---

55) דאָרטן.
56) רייזנער, דאָרטן.
57) ג״ע פון ב. שאצמאן.
58) דאָרטן.
59) ג״ע י. ריווקינד.

א. די שמוגלערס און שפעקולאנטן;
ב. דער דינער אנפירנדיקער אדמיניסטראטיווער טייל פון די פאַבריקן;
ג. די באאמטע פון יודענראט און פון דער פאליציי;
ד. א טייל פון אלטן פארמעגלעכן פאבריקאנטיש־סוחרישן עלעמענט;
ה. די פארמיטלער ביי גרעסערע טראנזאקציעס פון ווערטפולע חפצים.

א גוטן טאָג האָט געלעבט די שיקע מוסרים, שאנטאזשיסטן, שפיאָנען.

די גרויסע מאסע בעלי מלאכות, פאבריק־ארבעטער, צוואנגס־ארבעטער, אָנגעשטעלטע, אינטעליגענץ, דער גרעסטער טייל פון די אמאָליקע קליינהענדלער, די פליטים, האָבן אונטערגעהונגערט, אָדער טאקע געשטאָרבן פון הונגער. די דאָזיקע קאטעגאָריע געטאָ־אסורים ווערן באַצייכנט דורך די דייטשן און דורך זייערע יידישע יוצר־משרתים מיטן נאָמען „הונגער־יודע" (60).

דער יודענראט האָט זיך נישט פארנומען ספּעציעל מיט באַקעמפן דעם הונגער אָדער מיט העלפן די הונגעריקע, קראנקע, אינוואלידן, היימלאָזע. אויב דער יודענראט האָט יאָ עפּעס געטאָן, איז דאָס געגאנגען אין דער ריכטונג פון אָפּרוקן די גזירות, וואָס האָבן באדראָט דעם סאמע באַקעטן קיום. ראטעווען פון הונגער־טויט און פון מגיפות — דאָס איז געבליבן פאר דער געזעלשאפט גופא.

האָבן יידישע פאָלקס־מענטשן און יידישע דעמאָקראטישע אינטעליגענטן אויף זיך אליין גענומען אָט די שליחות. זיי האָבן עס מיט אייגענע מי און מיט פריטות, געזאמלט צווישן דער ברייטער מאסע, אויפגעשטעלט א נעץ פון הילף־ און אליינהילף־אינסטיטוציעס.

אזוי ארום איז באניים געעפנט געוואָרן א מושב־זקנים פאר צוויי הונדערט אלטע און אינוואלידן (61). אין צוויי קינדער־היימען, אויף טשענסטאָכאָווער און פאבריק־גאס, זיינען אויסגעהאלטן געוואָרן יתומים (62). צוויי שפיטעלער — אויף פאבריק־גאס 27, וווּ עס איז אמאָל געווען דער „טאָז", און אויף יוראָווצער, דער ערשטער אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר עובדיה קאפלאן, דער צווייטער אונטער דער אויפזיכט פון ד"ר האָ־

---

60) דאָרטן.
61) „צו דער געשיכטע א. א. וו.", ז' 7.
62) דאָרטן.

לענדערסקי — האָבן געהיילט שווער־קראַנקע, אויף ראַזשאַנסקע, אינם לאָקאַל פון לינת הצדק, איז טעטיק געווען אַן אַמבולאַטאָריע פאַר אריינ־קומענדיקע חולאים; מיט דער אַרבעט האָט דאָ אָנגעפירט ד״ר ס. קאַצענעלסאָן, וועלכער איז איינציייטיק געווען לייטער פון געזונטהייטס־אַמט ביים יודענראַט 63). באַזונדערס האָט מען אויסגעדריקט אָנערקענונג דער קראַנקן־שוועסטער פון כירורגישן אָפּטייל פונם שפּיטאָל אויף פאַבריק־גאַס אבעלמאַן, דעם יונגן כירורג ד״ר טביה ציטראָן, דעם אינטענדענט פון שפּיטאָל אברהם קניאַזשעוו, וועלכע האָבן נישט איינמאָל איינגעשטעלט אפילו דאָס לעבן, בפרט אין די הייסע ליקווידאַציע־טעג, און געראַטעוועט קראַנקע, פאַרוואונדעטע, צעקאַליעטשעטע 64). די זאָרג פאַרן געזונט איז געווען פון די וויכטיקסטע זאַכן אין געטאָ. עס האָבן זיך אויך געפונען דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון פאָלק, וועלכן האָבן זיך געווידמעט דעם לעבן־ענין פון באַקעמפן דעם הונגער. דער הונגעריקער אינטעליגענט האָט באַקומען אַ בחינמדיק, אָדער וואָלוול עסן אין דער „אינטעליגענטן־קיך”, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך ד״ר סעגאַל און ציין־דאָקטאָר קאָפּעלמאַן. דער פרומער מיטלאַזער יוד האָט געקאָנט אַ קאָפּ עסן באַ־קומען אין אַ כשר׳ער קיך „מתן בסתר”, אָרגאַניזירט דורך דעם רעליגיעזן עסקן בונים פאַרבשטיין 65).

כדי די ברויט־פאַרטיילונג אויף די קאַרטלעך זאָל צוגיין מיט אַ סדר, זיינען געשאַפן געוואָרן די הויז־קאָמיטעטן, וואָס איטלעכער פון זיי איז באַשטאַנען פון אַ פאָרזיצער און סעקרעטאַר. אין ביאַליסטאָק האָבן די דאָזיקע לאָקאַטאָרן־קאָמיטעטן נישט געהאַט דעם באַדייט און נישט דער־פילט די וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע ראָל, וואָס אין וואַרשע. זייער אויפ־גאַבע איז געווען באַגרענעצט נאָר צו פאַרטיילן די הונגער־פאָרציעס ברויט.

אַ ספּעציעלער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיט זאָרגן פאַר די משפחות פון די „שבתדיקע”. בראש פון דעם דאָזיקן אַליינ־הילף־קאָמיטעט איז געשטאַנען משה קוריאַנסקי 66).

אַט אַזוי האָט זיך דאָס געטאָ גופא געראַנגלט קעגן הונגער־טויט און אָרגאַניזירט אַן אייגענע געזעלשאַפטלעכע זעלבסטהילף אויף פאַרשידענע געביטן — קעגן דעם אָנגריף פון שונא און פון זיינע אַגענטן אין געטאָ גופא.

---

63) יוה״א, אַקט, נ׳ 89; ג״ע פון ט. ציטראָן.
64) ג״ע פון א. אסאַוויצקי.
65) „צו דער געשיכטע א. א. וו.”, ז׳ 7.
66) ג״ע פון א. אָסאָוויצקי.

דער יודענראַט

„באַלד דעם ערשטן טאָג, ווען די דייטשן זיינען אריין קיין ביאַליס־טאָק, האָט דער קאָמענדאַנט, א גענעראַל, געשיקט רופן דעם ראַבינער הרב ד״ר גדליה ראָזענמאַן, אויפגענומען אין זיין ביוראָ, לאָקאַל פון געוועזענער מלוכה־באַנק, און אים געמאָלדן, אַז ער ווערט באַשטימט פאַרן „אָבמאַן״ פון די ביאַליסטאָקער יידן און דאַרף צונויפשטעלן א צוועלף־קעפּיקן יידנראַט... הרב ראָזענמאַן שיקט זיין שמש מרדכי מאָוושאָוויטש... עס מעלדן זיך: געוועזענער קהילה־דירעקטאָר אינזשיניער אפרים באַראַש, געוועזענער מיטגליד פון דעם קהילה־פּרעזידיום בער סובאָטניק, דער נאָ־ציאָנאַלער יונגער כלל־טוער יעקב גאָלדבערג, פּרנס שמואל פּוניאַנסקי, געוועזענער וויצע־פּאַרזיצער יצחק ליפשיץ א. א. עס זיינען גערופן געוואָרן עטלעכע מענטשן פון די „ביט־פּאַטענטירטע״ כלל־טוער, נאָר וואָס מ׳האָט גערעכנט, אַז גראָד אין דער איצטיקער שעה קאָנען זיי זיין נוציק צוליב זייערע געוויסע פאַרבינדונגען״.

אזוי הייבט אָן זיין כראָניק „דער יידנראַט אין ביאַליסטאָק״ פסח קאַפּלאַן, וועלכער האָט עס אָנגעשריבן אין מערץ 1943[1].

שוין פון די ערשטע טרוקענע ידיעות, וואָס עס גיט איבער פסח קאַפּלאַן, קאָן מען דרינגען אָט וואָס:

א. די דאָזיקע אינסטיטוציע קאָן בשום אופן נישט טראָגן דעם יידישן נאָמען יי ד נ ר א ט — ווי עס באַצייכנט זי דער בעל פּנקס, אָדער ווי עס האָבן זיך אליין א נאָמען געגעבן די אויסגערעכנטע מיטגלידער־ע — נאָר זי דאַרף אָנגערופן ווערן מיט דייטשן נאָמען י ו ד ע נ ־

---

1) אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 64/46 און נ׳ 43/46.

ר א ט, ווייל דאָס איז נישט קיין אָרגאַן, וואָס איז מער אָדער ווייניקער אויסגעקליבן געוואָרן, אָדער אויסגעטיילט געוואָרן דורך די יידן, אָדער האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון דער יידישער געזעלשאַפט, נאָר אַן איינ־סטאַנץ, וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן דורך דער אָקופּאַנטישער מאַכט. עס זיינען דעריבער נישט גערעכט די פאָרשער, וואָס פאַסן אויף דעם ענין אַזוי, אַז דאָס פאָלק האָט דעם יודענראַט אָנפאַרטרויט זיין קיום, נאָר דער דאָזיקער אָרגאַן האָט פאַרפירט דעם צוטרוי מיט זיין פאַלשן האַנדלען. דער אמת איז, אַז דאָס פאָלק — נישט אין ביאַליסטאָקער געטאָ, נישט ערגעץ־אַנדערש־וווּ — האָט נישט אָנפאַרטרויט דעם יודענראַט זיין גורל און האָט בכלל נישט געשאָנקען אים קיין צוטרוי און קיין אַכטונג, נאָר פאַר־קערט. פסח קאַפּלאַן, וועלכער באַציט זיך בדרך כלל מיטפילנדיק צום יודענראַט, זאָגט אַליין אין זיין כראָניק, אַז דער יודענראַט איז נישט קיין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, נאָר אַן אויספיר־אָרגאַן פון דער דייטשער מאַכט. דער ביאַליסטאָקער יודענראַטלער בער סובאָטניק האָט אַליין באַטאָנט אין אַ רעדע צו די יידן אַט וואָס: „איר זאָלט נישט קוקן אויף אונז ווי אויף יידישע מנהיגים פון נאָרמאַלע צייטן, מיט וועלכע עס ווילט זיך נישט רעכענען. מיר זיינען נאָר פאַרמיטלער״ 2). דער יודענראַט איז על־כן, נישט קיין קינד פון די יידישע געטאָ־אסורים, נאָר אַ ממזר פון דער דייטש־פאַשיסטישער אָקופּאַציע־מאַכט. „דער ביטערער אמת — שרייבט ד״ר שמעון דאַטנער אין זיינע קריטישע באַמערקונגען אויפן ראַנד פון קאַפּלאַנס דאָקומענט, — איז דער דאָזיקער: געווען איז דער יודענראַט אַן אינסטרומענט אין דייטשע הענט און געשאַפן איז ער געוואָרן נאָר כדי אים — דעם דייטש — דערלייכטערן די מאַטעריעלע אויספּליג־דערונג פון די געטאָ־יידן... און אין די טרויעריקע פעברואַר־טעג 1943 איז ער אויך געווען אַ דירעקט־באַטייליקטער אינם מאַסן־מאָרד. און ווען עס איז געקומען דער מאָמענט פון מאַסן־אומקום פאַר אַלע ביאַליסטאָקער יידן, האָט די נאַצישע חיה אַוועקגעוואָרפן איר געטרייען און געהאָרכזאַמען געצייג, ווי מען וואַרפט אַוועק אַן אומנוציקע, אָפּגעקלאַפּטע הושענא״ 3).

אַז דאָס אָקאָרשט־ציטירטע איז ריכטיק, דערווייזן די ווייטערדיקע ווערטער פון פסח קאַפּלאַנס כראָניק: „פון ערשטן טאָג אָן זיינען די פונק־ציעס פון יידנראַט באַשטאַנען אין פאַרבינדונגען מיט דער מאַכט. ראָזענ־מאַן און זיין פאַרטרעטער באַראַש פלעגן אַלע איבערפרי אַוועקגיין צום

2) אַרכ׳ ייה״א, פּראָטאָקאָלן פון יודענראַט-זיצונגען, פּראָט׳ נ׳ 47 פון 11-טן אָקטאָבער 1942.

3) אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 64/46 און 43/46.

פאַרשטייער פון דער מאכט, אויסהערן זיינע באפעלן, קומען צוריק און געבן די פאַראָרדענונג, תיכף מיט דער מעגלעכסטער פינקטלעכקייט זיי צו דערפילן". דאָס זעלביקע בעשטעטיקט דער געסטאַפּאָ־ממונה איבער יידן פרידעל 4).

געגויער באצייכנט די ראָל פונם יודענראט וואַלדעמאר מאכאל, וועל־כער שרייבט אין זיינע לעצטע נאָטיצן אָט וואָס:

„צום צוועק פון דער אומגעשטערטער און רייבונגלאָזער דורכפירונג פון אַלע אַנגעלעגנהייטן און פראגן, וואָס האָבן א שייכות מיט די יידן, איז צוזאַמען מיט דער שאפונג פון געטאָ אין יאָר 1941 אויך געבילדעט גע־וואָרן א „יודענראט", וואָס האָט געהאט דאָס רעכט צו פאַרהאַנדלען צווישן אַלע פאַראינטערעסירטע דייטשע מאכט־אָרגאַנען און די יידן. דער דאָ־זיקער „יודענראט" האָט פון איין זייט רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון די אים אונטערליגנדיקע יידן, אָבער פון דער צווייטער זייט איז זיין הויפּט־זאַך געווען צו העלפן די אינטערעסן פון די דייטשע מאכט־אָרגאַנען. בראש האָט זיך באמיט גוט אויסצופירן די דייטשע פאַראָרדענונגען" 5).

ב. די מיטגלידער און טוער פונם ביאַליסטאָקער יודענראט האָבן זיך צו זייער אמט און ארבעט געשטעלט פ ר יי וו י ל י ק. בלויז ראַ־בינער ראָזענמאַן איז ארויסגערופן געוואָרן צום פאַרשטייער פון דער אָקו־פּאַנטישער ארמיי; בלויז ער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן „אָבמאַן". אַלע אַנדערע האָבן זיך געמאָלדן אויף ראָזענמאַנס רוף מיט זייער גוטן ווילן. אויך שפּעטער, ווען דער צוזאַמענשטעל פון דעם אָרגאַן איז פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 24, זיינען די פרישע מיטגלידער געווען פרייוויליקע. עס איז חוץ דעם באוווסט, אז די יעניקע, וואָס האָבן זיך דערנאָך אָפּגעזאָגט. האָבן נישט געליטן פון קיין שום ספּעציעלע רעפּרעסיעס צוליב זייער אַוועקגיין פון יודענראט.

ג. גלייך ביים שאפן דעם דאָזיקן אָרגאַן דורך זיינע ערשטע מיט־גלידער, דאָס הייסט — דורך די יידישע צוניפשטעלער זיינע, זיינען דורך זיי איינגעלאַדן געוואָרן צו מיטארבעט „עטלעכע מענטשן פון די „נישט־פּאַטענטירטע" כלל־טוער, באַר וואָס מ'האָט גערעכנט, אז גראָד אין דער איצטיקער שעה קאָנען זיי זיין נוציק צוליב זייערע געוויסע פאַרבינ־דונגען" (קאַפּלאַן). עס איז קלאָר, אז דאָס זיינען געווען די פּאַרשוינען, וואָס האָבן געהאט פאַרבינדונגען מיט דער דייטשער מאכט. מיט אַנדערע

4) אַרכ׳ ייה"אָ, פרידעל — נ׳ 15.
5) אַרכ׳ ייה"א, מאַכאַל — ענטפער אויפן מחברס אַנקעטע.

ווערטער: מוסרים, מאכערס, קאמבינאטארן, פארקויפטע נשמות. פון דעם דרינגט ארויס, אז תיכף ביים אנהייב איז פאר די פירער פונם יודענראט קלאר געווען זייער גאנצע ווייטערדיקע ליניע.

ד. פערסאנעל — און ממילא סאציאל — שטעלט זיך פאר דער יודענראט ווי א קאנטינואירונג פון דער אמאליקער קהילה־פארוואלטונג אין די נייע באדינגונגען.

אוודאי איז די לאגע פון די פירער פונם יודענראט געווען א שווערע, אפילו א טראגישע. אוודאי זיינען זיי פארן אכזריותדיקן אקופאנט געווען נישט בלויז זיינע באפעלן־אויספירער אויפן געביט פון געטא, נאר קודם־כל נידעריקראסיקע יידן. „איינמאל — דערציילט איז זיין כראניק פסח קאפלאן — פארשפעטיקט פינף מינוט, האבן זיי (ראזענמאן און באראש — ב. מ.) פארזוכט די באהייקע אויף דער פלייצע. א צווייט מאל פאר א קליינער נישט פינקטלעכקייט געמוזט וואשן מיט הוילע הענט אן אויטאמאביל". אוודאי זיינען זיי געווען טעראריזירט און לגבי זיי איז אויך חל געווען דער גרויזאמער „באם לאו". אבער דאס ענדערט נישט דעם אויסדרוק פון די אביעקטיווע פאקטן, אז דער יודענראט איז אין ביאליסטאק — פונקט ווי אין אלע אנדערע געטאס — געווען א קאלאבאראציאניסטישע אינסטיטוציע, וועלכע האט דורכגעפירט די אקופאנטישע רדיפות און פארטיליקונג־פאליטיק לגבי דער יידישער באפעלקערונג.

די פאקטישע הויפט־פירער פון ביאליסטאקער יודענראט זיינען געווען באראש און סובאטניק. ראבינער ד"ר גדליה ראזענמאן — א מענטש מיט א שוואכן כאראקטער — האט זיך מיט דער צייט טיילווייז אליין אפגערוקט פון דער אנפירונג און טיילווייז איז ער באזייטיקט געווארן פון ממשותדיקע איינפלוסן דורך די צוויי אקארשט־אויסגערעכנטע, וועלכע האבן באשטימט פארן ראבינער די ראל פון אן ערן־רעפרעזענטאנט. ד"ר גדליה ראזענמאן — א געבוירענער אין יאר 1887 אין גאליציע, א מיטגליד פון ביאליסטאקער ראבינאט און פראפעסאר פון פילאזאפיע־געשיכטע און פון יודאיק אין די פארמלחמהדיקע פויליש־יידישע גימנאזיעס, פון אנשויונג און פון כאראקטער א שתדלן — האט די ערשטע צייט מיטגעמאכט די פאליטיק פונם יודענראט און זי באקרעפטיקט מיט זיין אויטאריטעט פון א גייסטלעכן. שוין די ערשטע שריט פונם יודענראט ווי דעם באפעלן־אויספירער פון דער אקופאנטיש־רויבערישער מאכט, ווערן באגלייט מיט חרם־דראונגען מצד דעם ראבינאט, מיט וועלכן עס

האט אָנגעפירט הרב ד״ר ראָזענמאַן. דאָס קאָן אילוסטרירט ווערן דורך אַט דעם דאָקומענט 6).

ח ר ם

דרינגענדיקע אויפפאָדערונג

צו דער ביאַליסטאָקער יידישער באַפעלקערונג

צוליב דעם, וואָס שבת אינדערפרי ענדיקט זיך דער לעצט גילטיקער טערמין פון צושטעלן די געפאָדערטע סומע פון 2 (צוויי) מיליאָן רובל, איז אין הסכם פון ראַבינאַט און יידנראַט באַשלאָסן געוואָרן פאָלגנדיקס:

1. עס ליגט א חרם פון בית־דין הגדול אויף אַלע ביאַליסטאָקער איינוווינערס צו ברענגען אין דער קהילה פרייטיק פון 7 אינדערפרי ביז 6 באַכמיטאָג די סומע פון מינימום פאַר 3 (דריי) חדשים דירה־געלט, וואָס זיי האָבן געצאָלט פאַר דער רוסישער מאַכט. דאָס מוזן אַלע איינצאָלן, חוץ די נשרפים, וועלכע דאַרפן געבן לויט זייער מעגלעכקייט.

2. דער ח ר ם איז אויך אויף אַלע פּאַרוואַלטערס און אַנדערע, וואָס ביי זיי געפינט זיך סאָוויעטישע רעגירונג־געלט אין מזומנים, וועלכע דאַרפן תיכף אַריינטראָגן די גאַנצע געלט אין דער קהילה. אין קעגנפאַל איז דער ח ר ם חל אויף זיי מיט זייערע פרויען און קינדער.

3. די אַלע, וואָס די קהילה רופט זיי פּערזענלעך אַרויס, און באַשטייערט זיי, מוזן קומען אין דער קהילה. אין קעגנפאַל איז חל דער חרם אויף זיי מיט זייערע פרויען און קינדער.

עס ליגט א חרם בי״ד הגדול מיט אַלע חומרות און האַרבקייט פון א חרם אויף די אַלע, וואָס וועלן נישט דערפילן די אַלע באַשלוסן.

מיר גלויבן, אַז אַלע ביאַליסטאָקער יידן פאַרשטייען די ערנסטקייט פון דער שעה און האַרבקייט פון חלילה וחלילה עובר זיין אויף א חרם בי״ד הגדול.

מיר האָפן, אַז אַלע וועלן זייער חוב, אין זייערע אייגענע אינטערעסן, ווי אויך אין די אינטערעסן פון גאַנצן ביאַליסטאָקער יידישן כלל, דער־פילן.

ראַבינאַט און יידנראַט.

ביאַליסטאָק, דעם 17-טן יולי 1941.

---

6) מעלד' נ' 3 פון 17־טן יוני 1941. צום ראַבינאַט האָבן אויך געהערט הרב פּיניע אייזנשטאַט, הרב ברוך־אליהו האַלפּערן א״א.

הרב ראָזענמאַן האָט פּרעזידירט אויף א ריי זיצונגען פונם יודענראַט און אויך אויף די אקטיוויסטן־פאַרזאַמלונג, וואָס דער לעצטער האָט גערופן. זיין ראָל האָט זיך אָבער באַגרענעצט צו פאַרלייענען די טאָג־אָרדענונג און צו זאָגן א פּאָר אַלגעמיינע ווערטער, מען זאָל נישט אריינפאַלן אין יאוש, באַנוצנדיק דערביי א פּאַסיקן פּסוק פון תנ״ך, אָדער א מימרא פון תלמוד. מער האָט ער זיך געווידמעט פילאַנטראָפּישער טעטיקייט, זאַמלען מעות חטין וכדומה. אָבער הגם ער האָט זיך קאָנקרעט נישט באַטייליקט אין די ארבעטן פון באַראַש, סובאָטניק א. א., האָט ער זייערע ריקצוגן טאָלערירט און געדעקט מיט זיין אויטאָריטעט. בלויז אין איין פאַל האָט ער געהאַט אן אנדערע מיינונג ווי די פאַקטישע בעל־דעהס אין יודענראַט — ביים באַהאַנדלען אויף א זיצונג די פראַגע פון די בשתיקה אריינגעקומענע אין ביאַליסטאָקער געטאָ היימלאָזע יידן פון די פאַרטיליקטע ישובים פון ארום. ראָזענמאַן האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אז מ׳טאָר נישט שטערן צו פאַרבלייבן אין ביאַליסטאָק, בעת באַראַש און זיינע אָנהענגער האָבן זיך געשטעלט מיט דער פולסטער האַרבקייט קעגן די אומגליקלעכע, טויט־גערודפטע נע־ונדניקעס, אויספירנדיק אויך אין אָט דעם פּרט די אינסטרוקציע פון דער דייטשער מאכט. ד״ר ראָזענמאַן האָט דעמלט געהאַלטן אויף דער יודענראַט־זיצונג א וואַרעמע רעדע, זאָגנדיק צווישן אנדערן אָט וואָס: „פון יידישן און מאָראַלישן שטאַנדפּונקט קאָן גאָר וועגן דעם (וועגן פאַרמאַכן די טויערן פאַר יידישע פּליטים — ב. מ.) קיין רייד נישט זיין. עס איז נישט שרעקלעך, אויב עס זאָלן צוקומען א פּאָר טויזנט מענטשן. ווי קאָנען מיר נישט אריינלאָזן קיין ביאַליסטאָק די אומגליקלעכע פּליכטלינגען? מיר זיינען אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער היסטאָריע!" 6א).

דאָס איז אָבער געווען ד״ר ראָזענמאַנס שוואַנען־ליד. קענטיק, אז צוליב אָט די דרייסטע רייד איז זיין חשיבות ביי באַראַשן און זיינע נאָענטסטע פריינד געפאַלן. ער איז מער נישט בויטיק געווען. עס קאָן זיין, אז ער האָט אַליין שוין אויך געהאַט גענוג. זיין נאָמען פאַרשווינדט פּאַמעלעך אַלץ מער פון די פּראָטאָקאָלן פון די יודענראַט־זיצונגען, און ער אַליין ציט זיך סוף כל סוף צוריק פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט 7). ער קומט אום אין מאַידאַנעק, בעת דעם בלוטיקן שניט אין נאָוועמבער 1943.

6א) אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 162/13.
7) ג״ע פון ט. ציטראָן.

די פאַקטישע פירער זיינען שוין פריער געווען — אפרים באַראַש און בער סובאָטניק; דער ערשטער — דער פאַרבינדלער מיט דער מאַכט און דער „אידעאָלאָג" פון יודענראַט; דער צווייטער — דער אַלמעכטיקער דיקטאַטאָר פון דעם דאָזיקן אָרגאַן אויפן פינאַנסיעלן און ווירטשאַפטלעכן געביט. ווען מען זאָגט — ביאַליסטאָקער יודענראַט, זיינען דאָס קודם־כל אָט די צוויי אָנפירער זייערע.

אינזשיניער אפרים באַראַש, דער זון פון אברהם, האָט געשטאַמט פון וואָלקאָוויסק, וווּ ער איז אַ געוויסע צייט געווען פאָרזיצער פון קהילה־ראַט. דערנאָך איז ער געווען ביז האַרבסט 1939 דירעקטאָר פון דער ביאַ־ליסטאָקער קהילה. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר 55, אַ טוער פון דער רעכט־ציוניסטישער פראַקציע „עת לבנות"; פון פאַך אַן אינזשיניער־טעכ־נאָלאָג איז ער געווען באַשאָנקען מיט גוטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיקייטן, אָבער אָן אַ פעסטן געזעלשאַפטלעכן רוקן־ביין. אויפן פּאָסטן פון ראַבינער ראָזענ־מאַנס פאַרטרעטער און פאַקטישן באַלעבאָס אין יודענראַט איז באַראַש געוואָרן רעקאָמענדירט דורך די קרייזן פון די דייטשע פאַבריקאַנטן, די פריערדיקע תושבים פון ביאַליסטאָק, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין 1940 דורך דער סאָוויעטישער מאַכט און האָבן זיך אומגעקערט אינאיי־נעם מיט דער דייטשער אַרמיי 8). באַראַש איז — ווי דער טיפּ באַלעבאַ־טישער שתדלן — געווען איינגעגלויבט אין דער מאַגישער קראַפט פון כאַבאַר און אין כוח פון שתדלנות. יעדער געדאַנק פון אַ וועלכן נישט איז אַנדערן וועג איז אים געווען פרעמד.

אפרים באַראַש איז געווען דער טרעגער פון דער „אַרבעט־אידעאָ־לאָגיע" אין געטאָ. ער האָט אויפגעבויט גאַנצע „פּלענער" וועגן פאַרוואַנד־לען דאָס געטאָ אין אַן אינדוסטריע־צענטער, וועגן פּראָדוקטיוויזירן די יידן (אין די באַדינגונגען פון פאַשיסטישער מלחמה־הערשאַפט), וועגן איבער־צייגן די דייטשן, אַז די יידן וועלן ווידעראויפשטעלן די צעשטערטע שטאָט, און כדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן, מוז מען ווייזן דעם אָקופּאַנט, אַז דער ביאַליסטאָקער געטאָ־מענטש געהערט צו דער „פּריווילעגירטער" קאַטעגאָריע פונם „נוץ־יודע", און אַזוי אַרום וועלן די ביאַליסטאָקער יידן דערשווימען צו אַ לעבן־ברעג נאָך דער מלחמה 9). אין הסכם מיט אָט־דער איינשטעלונג האָט באַראַש געוואָרפן דעם לאָזונג: „וואָס מער פאַבריקן עס וועלן אַנטשטיין אין געטאָ, אַלץ זיכערער איז אונזער קיום; וואָס בעסער

---

8) דאָרטן; אויך — ג"ע פון ז. קאַלעשניקאָוו.

9) „צו דער געשיכטע א. א. וו.", ז' 8. דאַטנער: „חורבן ביאַליסטאָק", קאַפּ' 31 ז"ז 4—5.

ייִדן וועלן אַרבעטן, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר זיי". פּאַראַלעל מיט דעם איז געגאַנגען באַראַשעס בלינדער גלויבן אין דעם כּוח פון געלט. ער האָט געזאָגט: „גיט מיר אין האַנט אַריין דעם גאַנצן קאָלעקטיוון פאַרמעגן פון ביאַליסטאָקער ייִדן און איך פאַרזיכער אייך די עקזיסטענץ פון געטאָ, פון די ייִדן אויף גאַנצע צען יאָר" 10).

צי האָט באַראַש און באַגאַנד מיט אים דער גאַנצער יודענראַט נישט געוווּסט וועגן די גרוילן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אַרום ביאַליסטאָק?

די פאַקטן זאָגן עדות, אַז באַראַשן איז יאָ געווען באַקאַנט דער אמת.

דעם 1־טן אָקטאָבער 1942 רעפּערירט אפרים באַראַש אויף אַ ספּעציעל־גערופענער פאַרזאַמלונג פון די יודענראַט־מיטגלידער, הויז־פאַרוואַלטונגען, קאָמיסאַרן פון אָרדנונגס־דינסט, פייער־לעשער א. א., אינם זאַל פון לינת הצדק אויף רוזשאַנער גאַס — די לאַגע און שטעלט פעסט דעם טרויעריקן מצב. ער דערקלערט: „דער פייער בושעוועט פון מזרח און פון מערב, פון מזרח־זייט ביז דרעטשין און פון מערב־זייט ביז מאַלקין, און ס'איז שוין כּמעט דערגאַנגען צו אונזער באַצירק". ער רופט אפילו אָן אין זיינע ווייטערדיקע ווערטער ביים נאָמען דאָס אָרט פון פאַרטיליקונג און אומקום: ט ר ע ב ל י נ ק ע 11).

דעם פאַקט, אַז דער פירער פונם יודענראַט האָט יאָ געוווּסט דעם אמת, באַשטעטיקן אויך די שמועסן, וועלכע עס פלעגט האָבן דער חלוצישער טוער מרדכי טענענבוים מיט באַראַשן; דער לעצטער האָט זיין יונגן מיטשמועסער אינפאָרמירט וועגן די טויט־געשפּענסטער, וואָס לויערן אויפן לעצטן ביסל ייִדן; און פאַרקערט — ער איז אַליין אויך אינפאָרמירט געוואָרן 12). אָבער די אויספירן, וואָס באַראַש האָט געמאַכט פון דער גרויליקער אומקום־פּערספּעקטיוו האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער פאָלגנדיקער פאַרפירערישער טעטיקייט: נישט אַנטלויפן, נישט אויסבאַהאַלטן זיך און אַ פּשיטא, אַז נישט ווידערשטאַנד — נאָר: אַרבעטן פלייסיקער פאַרן אָקופּאַנט און זעטיקן דעם גיריקן אַפּעטיט פון דעם שונא. באַראַש אַליין האָט געוווּסט וועגן דעם, וואָס עס קאָן דערוואַרטן די ביאַליסטאָקער ייִדן מאָרגן, אָבער די געטאָ־עפנטלעכקייט האָט ער כּסדר און אומדערמידלעך געוואָרנט קעגן „פּליאַטקעס, פּאַניק, פאַלשע אַליאַרמען" 13).

---

10) ג"ע פון י. ריווקינד.
11) אַרכ' ייה"א, יודענראַט־פּראָט' נ' 47.
12) אַרכ' ייה"א — נ' 160, נ' 174, נ' 77/46, נ' 53/46.
13) אַרכ' ייה"א, יודענראַט־פּראָט. פון 15־טן אויגוסט 1942.

— „וועגן אונזער גורל? — רופט אויס אפרים באראש אין איינער פון זיינע אָפּשאַצונגען פון דער לאַגע שוין אינמיטן 1942־טן יאָר. — יעדער וואָלט גערן געוואָלט הערן וועגן אונזערע איינדרוקן. אין געטאָ ווערן אָפט פאַרשפּרייט פאַרשידענע פּליאַטקעס. אפשר איז עמעצער פאַראינטערעסירט צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן א פּאַניק. איך שטעל פעסט, אז די פּליאַטקעס זיינען שקר וכזב. ווי זעט עס אויס מיט ביאַליסטאָק? איך בין איבערצייגט, אז אונזער וועג איז דער איינציק ריכטיקער. אמת, עס זיינען דאָ אזעלכע סיגנאַלן פון פריער, אז דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ איז צו גרויס, צופיל יידן זיינען דאָ, איבערהויפּט זאָגן ארויס אזא מיינונג די פּנים חדשות, די פריש־אָנגעקומענע, אָבער די שטענדיק היגע דייטשן זיינען פאַרן געטאָ, די אָרטיקע מאַכט שאַצט אונז אָפּ. כל זמן עס וועט נישט זיין קיין אַלגעמיינע פאַראָרדענונג פון אויבן, שטייט אונז קיין סכנה נישט פאָר" 14).

די דאָזיקע רעדע האָט געצילט נישט בלויז איינצושטילן די צעשרויפטע, אומרויקע געמיטער אין געטאָ, באָר אויך אויפצוהעצן די אָרטיקע יידן קעגן די פּליטים און קעגן די טוער פון אונטערערד, אויף וועלכע באראש טייטלט בפירוש מיטן פינגער ווי אויף די פאַרשפּרייטער פון פּאַניק און שלעכטע שטימונגען. דערביי איז כדאי צו באַמערקן, אז די גאַנצע שאַרפקייט איז אָנגעווענדט געוואָרן קעגן דער מאַסע אָרעמע פּליטים, א קעגן־זשע די רייכע, א שטייגער, דעם געוו. אגודהשן סענאַטאָר טראַקנהיים, אָדער דעם געוו. אגודהשן דעפּוטאַט מינצבערג האָט דער יודענראַט ברייט געהאָלפן 15)

אָנשטאָט שטעלן אויף דעם איין־און־איינציקן שאַנס, אויף דעם נצחון פון דער רויטער ארמיי, האָט באראש געשטעלט אויף א גוט וואָרט פון א „גוטן" דייטש. „בריקס, דער פאָרזיצער פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג איז מיין פּערזענלעכער גוטער פריינד", האָט זיך באראש געריימט 16). דער שטאָט־קאָמיסאַר פון ביאַליסטאָק האָט אונטער א גלאָז ביי זיך אין קאַבינעט אוועקגעלייגט די מוסטער־אויסאַרבעטונגען פון דער געטאָ־אינדוסטריע — און באראש איז שוין פול מיט האָפענונג, אז דאָס איז דער איינציקער וועג. א קאָמיסיע פון קעניגסבערגער האַנדלס־קאַמער און פונם „גאַו" האָט באַזוכט דאָס געטאָ און געמאַכט א קאָמפּלימענט די ביאַליס־

---

14) דאָרטן.
15) רייזנער, ז' 92.
16) טענענבוים: „האקציה בביליסטאק", נאָטיץ פון 13-טן יאַנואַר 1943.

טאָקער „נוץ־יודען" — און באַראַש איז זיכער, אַז ער וועט אויף אַט דעם אופן דערפירן די יידן צו אַ ברעג. אָבער טיף אין האַרצן האָט באַראַש געפילט אַן אומרו; טיף אין האַרצן האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז די מעשים פון יודענראַט זיינען נישט קיין ריינע; נאָך די ערשטע פאַלן, ווי די דייטשע אַרמיי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס ביי בריינסק און הינטער מאָסקווע, טויכט אויף פאַרן יודענראַט־פירער די קאָנקרעטע און נאָענטע מעגלעכקייט פון אַ דייטשער מפּלה; און ער פילט בחוש, אַז דעמלט וועלן די זיגערישע כוחות און די געטאָ־יידן גופא מאָנען ביים יודענראַט אַ דין־וחשבון. באַראַש פאַרשטייט דאָס און פרוווט לערנען זיינע מיטאַרבעטער, אַז די מידת הדין וועט נישט זיין אַזוי גרויזאַם. „אונ־זער ציל איז איינער, — דערקלערט ער אויף אַ זיצונג דעם 22־טן מערץ 1942, — דערלעבן ביזן סוף פון דער מלחמה. אונזערע מיטלען: זיין נוצ־לעך, דאָס וועט געבן אונזערע פאַרטיידיקער מאַטעריאַל לטובת אונזער צופרידנשטעלן די דייטשע מאַכט, אַזוי ווי די יידן זיינען זיך נוהג אין זייער גלות־לעבן... די מורא, אַז ביי אַן ענדערונג פון רעזשים וועט מען צוליב דעם אויף אונז שלעכט קוקן, איז אַן אומזיסטע. די באַציונג צו אונז איז שטענדיק געווענדט נישט אין אונזער הנהגה און ווערט, נאָר אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק" 17).

דעם זעלביקן געדאַנק דריקט אויס באַראַש אויף אַן אַלגעמיינער אַקטיוויסטן־פאַרזאַמלונג אין לינת הצדק דעם פינפטן אַפּריל 1942: „וואָס פאַר אַ רעזשים דאָ זאָל אַמאָל נישט זיין, וועט ער זיך נישט ריכטן מיט אונזערע מעשים, נאָר מיט זיין אייגענער פּאָליטיק" 18).

אין די דאָזיקע ווערטער הילכט אָפּ דער באַוווסטזיין פון דעם רעד־נער, אַז די מעשים פונם יודענראַט זיינען ווייט נישט קיין ריינע. דער אומרו איז געוואַקסן ביים יודענראַט־פירער אַלץ מער — סיי מיט די פאַר־שאַרפטע אָנגריפן פונם שונא, סיי מיט די וואַקסנדיקע גרויסן וועגן די נצחונות פון דער רויטער אַרמיי. ער זעט, אַז ער קאָן שוין מער נישט שטעלן בלויז אויף איין שאַנס, אויף דעם דייטשן פולמאַכט־געבער; ער זוכט פאַר זיך נאָך איין געלעגנהייט, פאַר זיך פערזענלעך — ער זוכט פאַרבינדונגען מיט דער אונטערערד, ער זוכט אַ וועג אין וואַלד אַריין, ער וויל זיך סטראַכירן אין פאַל פון היטלערס מפּלה און הייבט אָן געבן מיט דער בריטער האַנט גאָלד און געלט אויף באַוואָפענען דער ציוניסטיש־

---

17) אַרכ' ייה"א, יודענראַט־פּראָט' נ' 32.
18) דאָרטן, פּראָט' נ' 35.

סאָציאַליסטישער אונטערערד. דעם 19־טן יאַנואַר 1943 נאָטירט טענענבוים: „ב. האָט מיר איבערגעגעבן א האַלבן קילאָ גאָלד, א דרייסיק גאָלדענע זייגערלעך וכדומה". א צווייט מאָל נאָטירט טאַמאַראָף וועגן 98 גאָלדענע רינגלעך א. א. וו. די דאָזיקע הילף דינט טענענבוימען פאַר א גרונד אָפּצושאַצן באַראַשן ווי איינעם פון די אויסנאַמען אין פּאָזיציע זין פון די יידישע יודענראַט־מענטשן אין פּוילן. אָבער דער פירער פון דער חלוצישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער אונטערערד באַטאָנט דאָך אַליין אין די זעלביקע נאָטיצן זיינע, אַז באַראַש האָט געגלויבט און געשטעלט אויף די „גוטע דייטשן", אויף זיינע „פּערזענלעכע פריינד" פון דעם שונאס לאַגער. פון דעם דרינגט אַרויס, אַז דאָס גאָלד, וואָס ער האָט געגעבן דעם אונטערערד־פאָרשטייער, איז געווען א מין כופר נפש אין פאַל, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי וועט זיך דערנענטערן. ווי ווייט באַראַש איז געווען פאַלש און נישט אויפריכטיק ביים געבן טענענבוימען די מאַטעריעלע הילף אויף באַוואָפענונג, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס אין דעם לעצטן פעריאָד ערב דעם אויגוסט־אויפשטאַנד האָט דער יודענראַט־פירער געוואָלט אויסגעבן טענענבוימען דער געסטאַפּאָ 19). אין זיין באַמיונג זיך צו פאַרזיכערן ביי אַלע צדדים און אויף יעדן פאַל איז באַראַש דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט פאַרגעלייגט גאָלד אויך פאַר דער קאָמוניסטישער אונטערערד, אָבער די קאָמוניסטן האָבן די הילף פון א קאָלאַבאָראַציאָניסטישער אינסטיטוציע נישט געוואָלט אָננעמען 20). בלייבנדיק צום סאַמע סוף שטיין א הילפלאָזער פאַרן פולן באַנקראָט פון זיינע אילוזיעס, אין אָנבליק פון דער צווייטער און לעצטער ליקווידאַציע, האָט באַראַש געפּרוווט אונטערהאַנדלען מיט די פּאַרטיזאַנער, מען זאָל אים מיט דער פרוי אַריבערנעמען אין וואַלד. און אין וואַלד האָט מען זיך טאַקע געגרייט אויפצונעמען דעם יודענראַט־פירער, אָבער נישט כדי אים אָפּצוגעבן כבוד, נאָר מיטן צוועק צו שטעלן באַראַשן פאַר א שטרענגן געריכט, פאַר א פּאַרטיזאַנישן פאָלקס־טריבונאַל און אים משפטן פאַר זיינע מעשים 21). וועגן אָט די כוונות פון די יידישע וואַלד־קעמפער האָט באַראַש, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט. ער האָט אָבער פון פּלאַן צו גיין אין וואַלד אַריין רעזיגנירט. ער האָט אויך נישט געפונען ביי זיך קיין כוח מיטצומאַכן באַוווּסטזיניק דעם לעצטן ווידערשטאַנד־וועג פון די געטאָ־יידן. אויפן סאַמע ראַנד פון תהום האָט

19) גראָסמאַן, ז' 132.

20) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקי און מ. בוך (מחברס אַרכ').

21) דאָרטן.

אין אים ווידער געזיגט דער צוטרוי צו די „גוטע דייטשן". מיטן רוקזאק אויף דער פלייצע און מיט א טשעמאָדאַנטשיקל אין האנט האָט ער זיך געשטעלט צום גירוש, ווייזנדיק דערמיט די יידן א ביישפיל פון הכנעה, און איז אוועק א געהאָרכזאמער קיין מאַידאַנעק, גלויבנדיק, אז דער האַר וועט אים אויסטיילן און שענקען דאָס לעבן פאר זיינע פארדינסטן. ער האָט אפילו געהאט א צוזאָג, אז מען וועט אים אין מאַידאַנעק שטעלן אין שפיץ פון א יודענראט 22). עס איז אָבער געקומען דער ביטערע טעות, עס איז געקומען די אומברחמנותדיקע קאָנסעקווענץ פון זיין אייגענער גאנצער טעטיקייט אין יודענראט — דער שנעלער טויט אינם קרעמאַטאָריע־אויוון.

ווי אזוי האָט זיך באצויגן די געטאָ־באפעלקערונג, די מאסע, צו באַראשן און ממילא צום יודענראט? וועגן דעם דערציילט דער געסטאַפאָ־ממונה איבער דער געטאָ פריץ פרידעל. ער גיט איבער, אז תחילת אָקטאָבער 1942, בעת זיין ערשטער טרעפונג מיט באַראשן, האָט זיך דער לעצטער געקלאָגט, אז אין געטאָ הערשט קעגן אים (באַראשן) אן אָפּאָזיציע. באַראש האָט אויף דעם רעאגירט — דערציילט ווייטער פרידעל — דורך אָנלערנען די אומצופרידענע, דורך פאָדערן פון זיי דיסציפּלין 23); איבעריקנס, איז זיך באַראש אליין דערצו מודה, אויף זיצונגען און פארזאמלונגען אין געטאָ פאָדערט ער פון די יידן הונדערט־פּראָצענטיקע לאָיאַלקייט צו דער דייטשער מאכט. ער טרעט ארויס זייער שארף קעגן איינהאלטן באציונגען און קאָנטאקטן צווישן יידן מיט פּאָליאַקן. אויך דאָ אנטפּלעקט ער זיך ווי א טרייער אויספירער פון דער היטלעריסטישער טייל־און־הערש־פּאָליטיק.

דער יודענראט אונטער באַראשעס אנפירונג האָט צוזאמענגעארבעט מיטן שונא נישט בלויז אויפן פּראָדוקציע־געביט. דער יודענראט האָט ארויסגעגעבן אין די הענט פון דער דייטשער פּאָליציי־אישער מאכט יידישע מענטשן, אויסליפערנדיק זיי אזוי ארום צום טויט. דער יודענראט האָט זיך לגמרי נישט געשעמט די דאָזיקע טרויעריקע ראָל זיינע צו פארפּיקסירן אין דער פאָרם פון א בפרהסיהדיקן דאָקומענט. „לויט די פאָדערונג פון דער מאכט מוזן אלע ארבעטער, וואָס האָבן פריער געארבעט אין לאַפּי, זיך צוריקקערן צו זייער ארבעט־פּלאץ. זיי מוזן זיך שטעלן 4,30 איבערדערפרי ביים נומער 2 אויף טשיסטע גאס צום בריגאדיר ווייצמאַן. אין

22) אַרכ׳ ייה״א, פרידעל — נ׳ 17.
23) פרידעל — ענטפער אויפן מחברס אַנקעטע.

קעגנפאל וועלן קעגן די באטרעפנדע פערזאָנען אָנגעווענדט ווערן די הארבסטע שטראָפן ביז ארויסגעבן זיי דער מאכט!” מיט אָט אזא מעלדונג האָט זיך באקאנט די באפעלקערונג פון געטאָ דעם דריטן מערץ 1943 — א חודש נאָך דער ערשטער בלוטיקער ליקווידאציע 24).

צוזאמענארבעטנדיק ענג מיט דער נאציסטישער מאכט, האָבן די יודענראט־פאָרשטייער ביסלעכווייז איינגעזאַפּט אין זיך די גיפטיקע אָקופאנטישע ממשלה־אטמאָספער, וואָס איינער פון אירע יסודות איז געווען — קאָלעקטיווע אחריות. אין די פּראָטאָקאָלן פון די יודענראט־זיצונגען ווערן זיך כסדר אדורך די פאָדערונגען פון א ריי מיטגלידער ווענן פארשטארקן דעם רעזשים אין געטאָ. דעם רעקאָרד פון דעם פּאָליצייאיש־רעפּרעסיוון רעזשים האָט געשלאָגן דער יודענראט מיטן איינפירן די אחריות פון דער גאנצער משפחה פארן פארברעכן פון איינעם פון אירע מיטגלידער. דעם 7־טן יולי 1942 האָט דער יודענראט ארויסגעלאָזט אזא שטרענגע וואָרענונג: „פאר מיטהעלפן גנבענען גרינס אין די גערטנער פון יודענראט ווערן פארמשפט אויף ארבעט־לאגער משה ראָזענבלום, געבוירן אין 1895, און ראָזענבלום רבקה, 1898. מיר וואָרענען די באפעלקערונג, אז די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר גנבות אין די גערטנער וועט פאלן סיי אויף די גנבים, סיי אויף זייערע משפחות. — אונטערגעשריבן: יידנראט” 25). דעם 27־טן אויגוסט פונם זעלביקן יאָר טיילט מיט דער יודענראט דער געטאָ־באפעלקערונג, אז אברהם קרוגליאנסקי, מאיר געלבארט, שמואל פאפילאָווסקי, יודל זימעל און רבקה צאבאן האָבן זיך פארנומען מיט שמוגל, און דעריבער ווערן בישט בלויז זיי פערזענלעך, נאָר זיי אינאיינעם מיט זייערע משפחות עקסמיסירט פון זייערע וווינונגען 26).

דער יודענראט איז געווען אויסגעטאָן פון יעטווידן געפיל פון סאָלידאריטעט פאר ברידער־יידן פון אנדערע שטעט און געטאָס, אפילו פאר די קרבנות פון דער ליקווידאציע אין ביאַליסטאָקער באצירק. דער יודענראט האָט צוגעקלאפּט טיר און טויער פון „מזלדיקן” ביאַליסטאָקער געטאָ פאר די שרידים פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך. די זעלביקע באציונג איז דערנאָך ארויסגעוויזן געוואָרן לגבי די יענע אייגענע ביאַליסטאָקער תושבים, וועלכע זיינען ארונטערגעפאלן אונטער דער גזירה פון גירוש קיין פּרוזשאני. ווען עס האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבן א צוריקלויף פון

---

24) אַרכ׳ ייה”א, מעלד׳ נ׳ 415.
25) דאָרטן, מעלד׳ נ׳ 292.
26) דאָרטן, מעלד׳ נ׳ 325.

פרושאַנער עמק הבכא קיין ביאַליסטאָק, האָט דער יודענראַט פאַנאַנדער־געוויקלט אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן די אומלעגאַלע צוריקגעקומענע. אויף די קעפּ פון די לעצטע, פון זייערע קרובים און באַשיצער, האָט זיך גענומען שיטן איין דראָונג פון יודענראַט נאָך דער צווייטער, איין רעפּרעסיע נאָך דער אַנדערער.

„אַלע צוריקגעקומענע עוואַקוירטע (איינגעמעלדענע און נישט־איינגעמעלדענע) מוזן תיכף פאַרלאָזן ביאַליסטאָק!" — פאָדערט קאַטעגאָריש דער יודענראַט. היות די באַפעלקערונג איז דעם דאָזיקן פאַרלאַנג נישט נאָכגעקומען, דראָט באַראַש מיט אָפּנעמען די ברויט־קאַרטן. אין דער מעלדונג פון דריטן פעברואַר 1942 דערקלערט דער יודענראַט אָט וואָס:

„ס'זיינען פאָרגעקומען פאַלן, אַז ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע זיינען עוואַקוירט געוואָרן קיין פּרוזשאַני, האָבן זיך דורך פאַרשידענע וועגן אומגעקערט קיין ביאַליסטאָק. אַזעלכע צוריקגעקומענע וועלן נישט איינגעמאָלדן ווערן, וועלן קיין ברויט־קאַרטן נישט באַקומען, קיין אַרבעט נישט באַקומען און וועלן ווי אומלעגאַלע אַרומשלעפּערס אונטערגעוואָרפן זיין די האַרבסטע שטראָפן מצד דער דייטשער מאַכט. עס וועלן אויך באַשטראָפט ווערן יענע, וואָס וועלן אַזוינע צוריקגעקומענע איינקוואַרטירן ביי זיך. די דאָזיקע עוואַקוירטע מוזן תיכף פאַרלאָזן ביאַליסטאָק 27).

אין אָט דער אַרבעט לטובת דעם שונא מיאוסט זיך נישט דער יודענראַט אפילו מיט דער סאַמע — ווי עס דריקט זיך מילד אויס אין זיין כראָניק פסח קאַפּלאַן — דראַסטישע מיטלען. דער יודענראַט איז נישט בלויז דער אונטערשרייבער און קאָלעקטיווער מסור, ער איז אויך דער כאַפּער און דירעקטער אויספירער. „און איינמאָל — דערציילט קאַפּלאַן אין זיין פּנקס, —ווען עס איז אומגעריכט געקומען מיט אַ קורצן טערמין אַן גרויסע סטראַשונקעס אַ פאָדערונג אויף 130 מיידלעך אויף צוואַנג־אַרבעט ביי וואָלקאָוויסק, האָט דער יודענראַט געמוזט אָנווענדן דראַסטישע מיטלען: דורך אייגענער יידישער פּאָליציי באַלאַגערן דעם לאָקאַל פון די פאַך־קורסן, דאָרטן צונויפקלייבן די געפאָדערטע צאָל מיידלעך צווישן די שילערינס און אַרבעטערינס, און אָפּגעשיקט זיי קיין וואָלקאָוויסק" 28).

נאָך דער דאָזיקער מעשה נבלה האָט באַראַש אין זיין ראש־השנה־רעדע צום יובילעי פון יודענראַט געזאָגט: „אמת ס'איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אָפּטימיזם אין געטאָ, אָבער קוקנדיק אויפן וועג, וואָס מיר האָבן דורכגע־

---

27) דאָרטן, מעלד' נ' 125.
28) פאַרגלייך: ג"ע פון אַניע ווינציגשטערן, אַרכ' יוה"א, פּראָט' 1973.

מאכט און אויף אונזער באגאוש, בין איך זיכער, אז מיר וועלן דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ דערפירן צו א גליקלעכן סוף״.

דער יודענראט האָט געפירט אן אקטיווע טעטיקייט צו באקעמפן די יידישע אונטערערדישע ווידערשטאנד־באוועגונג. אויך די דאָזיקע פונקציע פון דייטשן קאָנטר־ווידערשטאנד האָט דער יודענראט אויסגעפירט אין אויפטראג פון דער אָקופאנטישער מאכט, קאָנקרעט — פון דער דייטשער זיכערקייט־פּאָליציי און אין די אינטערעסן פון דער לעצטער. אויף א פאר־זאמלונג מיטן „געזעלשאפטלעכן אקטיוו״ פון געטאָ דעם 31־טן יאנואר 1942 האָט אפרים באראש דערקלערט, אז די געסטאפּאָ קלאָגט זיך, דאָס די יידן פירן א פּראָפּאגאנדע ארום דער לאגע אויפן פראָנט; על כן — האָט באראש אין זיין אויספיר געמוסרט די יידן, — דארף מען בכלל נישט רעדן וועגן פּאָליטיק. און דער עיקר דארפן יידן נישט פירן קיין פּאָליטישע שמועסן מיט נישט־יידן 29).

אויף א צווייטער פארזאמלונג — אין חודש יוני 1942 — אויך אין זאל פון לינת הצדק, האָט באראש דערקלערט: „ווען איך בין געווען יונג, האָב איך זיך אויך פארנומען מיט פארשידענע רעוואָלוציאָנערע ארבעטן. היינט אין דאָס א שפּיל מיט פייער. אין געטאָ איז דאָ אן אונטערערדישע אָרגאַניזאציע, וועלכע פארנעמט זיך מיט געבן הילף די סאָוויעטישע קריגס־געפאנגענע. דאָס איז א שפּיל מיט פייער״. און ער וואָרנט: „דער עיקר טוען עס בעזשענצעס״, — צילנדיק אזוי ארום אויפצוהעצן די אָרטיקע תושבים נישט בלויז קעגן דער אונטערערד, נאָר אויך קעגן די אומגליקלעכע פּליטים 30).

דער ביאַליסטאָקער יודענראט האָט אויך — דירעקט, אָדער אומדירעקט — געהאָלפן דעם דייטשן שפּיאָנאזש. אויף דער יודענראט־זיצונג פון 22־טן אָקטאָבער 1941 האָט באראש מיטגעטיילט, אז דאָס פּאָליציי־פּרעזידיום פאָדערט פאר דער זיכערקייט־דינסט אינפאָרמאציעס פון יידישן לעבן אונטער דער פּוילישער און סאָוויעטישער הערשאפט. די דאָזיקע מיטטיילונג, האָט אפנים, שטארק דערשראָקן די אָנוועזנדיקע, ווייל באראש האָט גענומען בארויקן דעם עולם, אז דאָס איז צוליב ריין־וויסנשאפטלעכע צוועקן... 31).

---

29) „פּראָטאָקאָלן פון ביאַליסטאָקער יודענראַט״, ז׳ 27.
30) דאָרטן, פּראָט׳ ז׳ 39.
31) דאָרטן, פּראָט׳ ז׳ 14.

בכלל ווערט נישט אלץ אויפגעדעקט אין די פּראָטאָקאָלן פונם יודענראַט. נישט שטענדיק האָט מען אלץ פּראָטאָקאָלירט, און נישט זעלטן האָט מען אפילו דעם סטאבילן פּראָטאָקאָלאַנט נישט איינגעלאַדן. די פּראָטאָקאָלן האָט געפירט רפאל גוטמאַן, דער אלטער באאמטער פון דער יידישער קהילה אין ווארשע און פּעדאגאָג. ווי ער באמערקט צו עטלעכע פּראָטאָקאָלן, איז אים ווונדערלעך געווען, וואָס מען האָט אים וועגן דער אָדער יענער זיצונג צו וויסן געטאָן צו שפּעט; געוויסע זיצונגען זיינען בכיוון נישט געוואָרן פּראָטאָקאָלירט. אזוי ארום בלייבט פאר אונז אויך א סוד, וואָס פאר א נאָך אינפאָרמאַציעס — נישט דווקא וועגן פארגאַנגענהייט, נאָר אויך וועגן דער קעגנוואַרט — עס איז דער זיכערקייטס־דינסט צוגעשטעלט געוואָרן דורכן יודנראַט, אָדער דורך איינצעלנע מיטגלידער זיינע.

דער יודענראַט האָט זיך באזעצט אין דעם בנין אויף קופּיעצקע 32, אין דעם געוועזענעם לאָקאַל פון מושב זקנים 32). צום דאָזיקן אמט האָבן געפירט צוויי צוגענג: איינער פארן ייד — פון הינטן ארום, א צווייטער — פאר די „אריער", די פאָרשטייער פון דער דייטשער מאכט, דורך דעם הויפּט־אריינגאַנג פון דער קופּיעצקע 33). אינם צימער נומער 10 איז געזעסן דער צווייטער הויפּט־פירער פון דעם דאָזיקן אָרגאַן — דער פינאַנס־לייטער בערל סובאָטניק. דער דאָזיקער 50־יאָריקער ייד, וועלכער האָט זיך תמיד פארנומען מיט וווכער, מיט דיסקאָנטעס, איז געווען אַן אמאָליקער מיטגליד פון פּרעזידיום פון יידישן קהילה־ראַט און א טוער פון „מזרחי". דאָס איז געווען איינע פון די סאַמע פארהאסטע געשטאַלטן אין געטאָ און א מענטש מיט בפירושער אומאָראַלישער אויפפירונג 34).

איינעם פון די הויפּט־שטריכן פון בער סובאָטניק דערקענען מיר אין די ערשטע פּראָטאָקאָלן פונם יודענראַט. אויף דער זיצונג פון 14־טן אויגוסט 1941 נעמט סובאָטניק צום ערשטן מאָל א וואָרט. ער טרעט ארויס מיט דער פאָדערונג, מען זאָל באזאָרגן קודם כל די באאמטע פונם יודענראַט. דער דאָזיקער פינאַנס־דירעקטאָר פון געטאָ האָט פארשטאַנען, אז ראשית כל מוז מען זיך שאפן א פעסטע באזע דורך קאָרומפּירן די יודענ־

---

32) אַצינד טראָגט די גאַס דעם נאָמען פון יצחק מאַלמעד און דאָ געפינען זיך די יידישע אינסטיטוציעס.

33) ג"ע פון פון ט. ציטראָן.

34) דאָרטן.

ראט־אָנגעשטעלטע, דורך ארויסווייזן די גרעסטע זאָרג פאר די באאמ־
טע 35).

דער צווייטער כאראקטעריסטישער שטריך פון בער סובאָטניק איז
זיין צביעות. די רעדעס, וואָס ער האלט אויף די יודענראט־זיצונגען און
וואָס זיינען געווענדט קעגן די אינטערעסן פון דער געטאָ־באפעלקערונג,
הילט ער איין אין א ים שיין־קלינגעוודיקע מליצות וועגן מיטלייד, רחמ־
נות, יושר. אויף דער זיצונג פון 9־טן נאָוועמבער 1941 טרעט דער פי־
נאנס־ליטער ארויס מיט פאָרשלאָגן וועגן באנוצן הארבע סאנקציעס
לגבי די ווידערשפעניקע, וואָס ווילן נישט אוועקגעבן זייער פארמעגן פארן
אָקופאנט. ער הייבט אָן זיין רעדע מיט א קריטיק פון דער ביז־איצטי־
קער טעטיקייט פונם יודענראט, הלמאי מען האָט נישט געגעבן קיין הילף
די נשרפים און נישט געזאָרגט פאר יתומים און זקנים, און נאָכדעם גייט
ער אריבער צום עיקר, צום אָנגריף אויף דעם ווידערשפעניקן טייל פון
די געטאָ־אסורים. מיר האָבן צו צאָלן א דריטע ראטע — דערקלערט ער —
א דריטע ראטע דעם אָקופאנט, און היות דער עולם גיט נישט, דארף מען
אָנווענדן נייע סאנקציעס, פרישע רעפרעסיעס; און ער לייגט פאָר: ארעסט,
קאָנפיסקירן ס׳פארמעגן און גירוש קיין פרוזשאני 36).

בער סובאָטניק איז דער שווארצער כאראקטער פונם יודענראט. זיין
טאקטיק איז אויסערליך אן אנדערע ווי באראשעס. דער לעצטער מאָלט
ס׳רוב די לאגע אין ראָזע פארבן, ער איז אן אָפטימיסט און ער פארפירט
מיט זיין קאזיאָנעם אָפטימיזם די יידן. דאקעגן־זשע סובאָטניק איז א גע־
שווירענער פעסימיסט, ער ווארפט תמיד אָן א שרעק און א מרה שחורה
אויף די צוהערער, ער זעט אלץ אין טונקעלע פארבן; אָבער ער האנדלט
אזוי, נישט ווייל ער צילט צו עפענען די יידן די אויגן אויף דער נאקע־
טער ווירקלעכקייט, נישט כדי צו רופן צו וואכזאמקייט און רעטונג, נאָר
כדי דורך אָנווארפן א פחד ארויספרעסן ביי די אומגליקלעכע און פאר־
צווייפלטע וואָס מער געלט, וואָס מער נאָכגיביקייט. אויף דער יודענראט־
זיצונג פון 31־טן מאי 1942, נאָכדעם ווי באראש שילדערט די לאגע, אז
זי גייט צום בעסערן, נעמט סובאָטניק א וואָרט און דערקלערט, אז אלץ
גייט צום ערגערן, אָבער זיין אויספיר איז: איינשאפן מער מאטעריעלע
מיטלען פארן יודענראט דורך העכערן דאָס דירה־געלט, דורך פארגרע־
סערן די אָפצאָלן פון האנדל, און כדי די נייע געלט־רייסענישן דורכצו־

35) דאָרטן, פראט׳ נ׳ 4.
36) דאָרטן, פראט׳ נ׳ 17.

פירן, לייגט ער פאָר צו שאפן ביים יודענראט א שטענדיקן שטראָף־געריכט מיט א פּראָקוראָר, ארעסט, עקזעקוציע־מיטלען און מיטן גאנצן קלאפּערגעצייג, וואָס איז נויטיק צו צווינגען די באפעלקערונג צו צאָלן 37).

סובאָטניקס פינאנס־פּאָליטיק איז מיט איר גאנצער שארפקייט געווען געווענדט קעגן די אָרעמע שיכטן פון דער באפעלקערונג. אויף דער זיצונג פון ערשטן נאָוועמבער 1941 דערוויסט מען זיך, אז דער יודענראט־מיטגליד שמואל ליפשיץ, איינער פון די רייכסטע יידן אין ביאליסטאָק, האָט נישט איינגעצאָלט קיין איין גראָשן פאר די 25 טויזנט רובל, וואָס איז אים באשטימט געוואָרן אין דער אלגעמיינער סומע צו דעקן די קאָנטריבוציע. דער פּראָטאָקאָל דערציילט נישט וועגן קיין איין וואָרט מוסר מצד דעם פינאנס־לייטער קעגן שמואל ליפשיצן. דאקעגן לגבי נישט פארמעגלעכע איז סובאָטניק אומברחמנותדיק 38). רייסן מער דירה־געלט — אזא זאך איז געווען א שווערער קלאפּ קודם כל און אויסשליסלעך פאר די נישטבאמיטלטע ילאָקאטאָרן. אויף דער זיצונג פון צווייטן נאָוועמבער 1942 לייגט פאָר דער פינאנס־לייטער ארויפצולייגן נייע שטייערן אויך אויף די נשרפים און אָרעמע, און ער פּראָפּאָנירט תיכף רעפּרעסיע־מיטלען קעגן אָט די סאמע שוואכסטע — אין עקאָנאָמישן פרט — עלעמענטן: ארעסט, חרם, צונעמען די ברויט־קארטן. ווען עמיצער מאכט אים פונדעסטוועגן אויפמערקזאם, ענטפערט ער: „צייט צו פארשטיין, אז די „אקציע" גייט, און מיר זיינען נאָך נישט דערשוואומען צום סוף" 39).

בעת סובאָטניק האָט — פונקט ווי בארַאש — טיף אין הארצן זיך אָפּגעגעבן א דין וחשבון פון דער געזעלשאפטלעכער שעדלעכקייט פון זיין טעטיקייט, ער מאכט אָבער דעם אָנשטעל פון א „שטארקן מאן". אויף דער ראש־השנה־פייערונג צום ערשטן יאָרטאָג פון יודענראט ווארפט ער דעם רוף: „כל הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו!" — ווער עס האָט מורא, דער זאָל זיך אָפּזאָגן און זיצן אין דער היים! — וואָס סובאָטניק האָט פארשטאנען אונטערן אויסדרוק „ווער עס האָט מורא", איז קלאָר: ווער עס האָט מורא פאר קאָנסעקווענצן, פאר מידת הדין נאָכן נצחון פון די באפרייונג־כוחות. דאָס, וואָס איז ביי באראשן געווען אויף דער לונג, איז ביי סובאָטניקן ארויסגעשפּרונגען אויף דער צונג. זיך אליין האָט ער זיך באמיט גוט צו באזאָרגן „אויף א שווארצער שעה". ער האָט שטענדיק

---

37) דאָרטן, פּראָט' נ' 38.
38) דאָרטן, פּראָט' נ' 15.
39) דאָרטן, פּראָט' נ' 38.

געהאלטן נעבן זיך א וואליזקעלע מיט צירונג און דאס געלט פון די אומגליקלעכע מענטשן, ביי וועלכע מען האט געמאנט כופר נפש לטובת הכלל. געבליבן איז עס ביי סובאטניקן. אבער חער דאזיקער מטמון האט דעם יודענראטלער נישט געראטעוועט. זיין סוף איז געווען ווי פון אלע יידן 40).

אין גרעסטן טייל איז דער יודענראט באשטאנען פון מענטשן פונם טיפ באראש, אדער סובאטניק. אויף דער זיצונג פון ניינטן נאוועמבער 1941 קלאגט זיך דער ראט־מיטגליד יעקב ליפשי"ץ, אז אין געטא הערשט א צו שוואכער רעזשים, און דער קאמענדאנט פון דער יידישער פאליציי מארקוס איז זיך מודה, אז ער איז צו מילד. ביידע פארלאנגען א פאליטיק פון שטארקער האנט לגבי די געטא־אסורים. דער יודענראטלער סאקאלסקי לייגט פאר צוצונעמען די שיינען ביי די אלע, וועלכע וועלן זיך נאך 8,30 געפינען אין גאס, און ארויסגעבן אט די יידן דעם דייטשן ארבעטסאמט; קשי־עורפדיקע דארף מען בכלל ארויסשיקן קיין פרוזשאני 41). „פרוזשאני" איז געווען ביי אט די יודענראטלער א מין קאנצלאגער, וווהיין מען קאן פארשיקן ווי א שטראף. געטריי האבן באראשן און זיינע דייטשע פולמאכטגעבער געדינט פסח מעלניצקי און פינקעל, וועלכע זיינען געווען דעם אבמאנס יוצר משרתים אויפן געביט פון אגיטירן און צווינגען די יידן צו ארבעטן אלץ בעסער און פלייסיקער פארן אקופאנט. פסח מעלניצקי, א פארמלחמהדיקער בירגערלעכער האנטווערקער־טוער און אין געטא א מיטגליד פונם אינדוסטריע־אפטיילביים יודענראט, איז ארומגעגאנגען פון פאבריק צו פאבריק און געמונטערט דעם עולם צו שנעלער ארבעט. דערביי האט ער געהאלטן לענגערע רעדעס, וואס זייער לייט־מאטיוו איז געווען: „מיר געפינען זיך אויף א טרינקנדיקער שיף, מוז מען פאר יעדן פרייז דערשלאגן זיך צו א ברעג". די געטא־ארבעטער האבן דעם דאזיקן אומגעבעטענעם בעל יועץ זייערן א נאמען געגעבן: „דער מגיד", — „דער מגיד איז שוין ווידער דא". מעלניצקי און באראש אליין, וועלכער האט אויך אפט באזוכט די פאבריקן, האבן נישט בלויז געבעטן, זיי האבן אויך געדראט, איבערגענומען זיך מיטן אקופאנטס באם לאו 42).

---

40) ג"ע פון ב. שאצמאן.

41) דארטן, פראט' נ' 17.

42) ג"ע פון י. ריווקינד.

אויב באראש, מעלניצקי, פינקעל, סובאָטניק, סאָקאָלסקי, ליפשיץ האָבן געוואָרנט און געדראָט, האָט אן אנדער יוצר משרת פון יודענראַט, דער לייטער פון זיין ארבעט־אמט ד״ר זאַנאבענד פון גאַליציע געטאָן די סאמע פראָסטע ארבעט. ער האָט עס צונויפגעשטעלט די רשימות פאַרן דייטשן האַר, ארויסגעבנדיק אין דער ערשטער ריי די אינטעליגענץ. ער האָט אפּט געשלאָגן בידים זיינע פּעטענטן, יידישע מיידלעך און קראנקע און געמאכט זיך אזוי ארום א פארדינטן מיאוסן שם אין געטאָ. עס זיינען אין דעם היגזיכט נישט אָפּגעשטאנען די שומרי הסף אויף קופּיעצקע 32. אונטן אין קעלער איז געווען דער ארעסט פון יודענראַט און אביסל ווייטער, אויף זאמענהאָף־גאַס, האָט זיך געפונען די תפיסה פון געטאָ. דאָס ספּעץ־געריכט, וואָס איז באשטאנען פון יודענראַט־שלעגער, האָט געזייט שרעק איבערן יידן־ראיאָן. פאַר באליידיקן מיטן מויל — שוין אָפּגערעדט פיזיש — א מיטגליד, אָדער באאמטן פונם יודענראַט, האָט דאָס ספּעץ־געריכט פאַרמשפּט אויף וואָכן און חדשים ארעסט, אָדער תפיסה. אזוי איז דעם 27־טן אַפּריל 1942 פאַראורטיילט געוואָרן אויף זעקס וואָכן ארעסט פאַר באליידיקן א מיטגליד פון יודענראַט דער ביאַליסטאָקער תושב אהרן מערעמינסקי. באראשעס מענטשן האָבן געהיט דעם כבוד פון זייערע ברויטגעבער און געהערשט מיט א שטארקער האַנט איבער די טעראָריזירטע ברידער־יידן.

ס׳רוב יודענראַטלער און זייערע יוצר משרתים האָבן אויסגענוצט זייער אמט פאַר אייגן־נוצן. דער דאָזיקער אָרגאַן איז געווען אַן ארענע פאַר כלערליי קאָמבינאַציעס און אַפערעס. אפילו דער זייער פּאָזיטיקער און ליבעראַלער בנוגע דעם יודענראַט פּסח קאַפּלאַן באַטאָנט, אַז זיינע מיטגלידער האָבן זיך אין געוויסע פאַלן „אויסגעגליטשט״. די גרעסטע מיטברויכן זיינען געמאכט געוואָרן ביים צונויפשטעלן רשימות פון די פאַרמשפּטע אויף גירוש, אָדער אויף צוואנגס־ארבעט. עס איז אויף קופּיעצקע 32 אנטשטאנען אזא אטמאָספער, אַז איינער איז חושד געווען דעם צווייטן; עס האָט געהערשט א סביבה פון כסדרדיקן קעגנזייטיקן אומצוטרוי און חשד. דעם 20־טן סעפּטעמבער 1941 ווייזט אָן אויף א זיצונג דער יודענראַטלער פּוניאַנסקי, אַז עס ווערן באגאנגען טעותים אין די ליסטעס. דער יודענראַטלער שוויף פאָדערט אויפקלערונגען, ווער עס דעצידירט אין די אלע ענינים, און שטעלט די פראגע פון צוטרוי. באראש איז זיך מודה, אַז עס קומען פאָר מיסברויכן, מ׳גנבעט ליסטעס, מ׳מאכט שיינען. דער יודענראַטלער גאָלדבערג דערקלערט, אַז ער האָט צו שווייפן אויך

נישט קיין צוטרוי 43). אויף דער זיצונג פון 24־טן סעפטעמבער 1941 שטעלט פעסט דער זעלביקער גאָלדבערג, אַז אין יודענראַט הערשט פּראָטעקציאָניזם און אַז אַזאַ לאַגע קאָן ברענגען גרויסע געפאַרן 44). אויף אַן אַנדער זיצונג פאָדערט גאָלדבערג צו סאַנירן די באַציונגען אינם יודענראַט און קריטיקירט דאָס פּרעזידיום, הלמאי ער איז נישט פּאַרזיכטיק אַפילו בנוגע אייגענע מיטגלידער פונם יודענראַט. „געוויסע ראַטמענער — דערקלערט דער רעדנער, — וואַרטן, אַז דאָס פּרעזידיום זאָל זיך אויסגליטשן". בראש האָט נישט וואָס צו ענטפערן, און ראַבינער ראָזענמאַן רעדט וועגן... פּרשת קרח 45).

דער דערמאָנטער יעקב גאָלדבערג, אַ יונגער מענטש, געוועזענער פאַרזיצער פון „תרבות" אין ביאַליסטאָק און אין דער געטאָ־צייט ליטער פון אַפּראָוויזאַציע־אָפּטייל ביים יודענראַט, איז געווען איינער פון באַראַשעס נאָענטסטע מיטאַרבעטער, הגם ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַן „אָפּאָזיציע פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט". ער איז געווען אויפגעבראַכט פון אַ ריי עוולות און האָט פּראָטעסטירט. אָבער אין גרונט איז ער אַ בפירושער פאָלקס־פיינט. פאַרקערט: ער גרייפט אָן אָפּן דעם „השומר הצעיר" פאַר זייער פּראָסאָוויעטישער איינשטעלונג און שריקט אויף זיי: הא, איר וואַרט אויף דער רויטער אַרמיי?! 46). אַ סך שאַרפער טרעט אַרויס אויף די אינעווייניקסטע זיצונגען דער ליטער פון דער אָפּטייל פאַר סאָציאַלער שוץ ה. פעניצער 47). אויף דער זיצונג פון דריטן אָקטאָבער 1941 דערקלערט ער אַט וואָס: „אַזוי ווי עס גייען אַרום קלאַנגען וועגן מיסברויכן מצד באַאַמטע און מצד מיטגלידער פון יודענראַט אין שייכות מיט דער עוואַקואַציע, פאָדער איך, מ'זאָל רייניקן די רייען, אָנהייבנדיק פון אויבן". און ער גיט צו, אַז ער וויל נישט טראָגן אויף זיך די אחריות פאַר אַזעלכע מעשים 48). אויף דער זיצונג, ווו עס ווערט באַהאַנדלט די פראַגע פון די יידן פון די אַרומיקע ליקווידירטע שטעט, וועלכע זוכן אַ רעטונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ, טרעט אַרויס ה. פעניצער מיטן פאָלגנדיקן וואָרט: „מיר זאָלן באַשליסן, אַז מיר פאַרמאַכן

---

43) דאָרטן, פּראָט' נ' 10.
44) דאָרטן, פּראָט' נ' 11.
45) דאָרטן, פּראָט' נ' 12.
46) גראָסמאַן, ז' 46.
47) זיינע מיטאַרבעטער זיינען געווען דער פירער פון פּ"צ צ.ס. אין ביאַליסטאָק מ. כמעלניק און דער בונדישער טוער — דער לערער מ. רובינשטיין.
48) דאָרטן, פּראָט' נ' 12.

די טויערן פון געטאָ? יידן ווערן פארניכטעט, און מיר פארמאכן פאר זיי די טויערן? אונזער לעבן איז בכלל גאָרנישט ווערט, מיר מעגן דעריי־בער דעם פרייז צאָלן פאר ראטעווען יידן" 49).

אָבער אפילו פעצינער, וועלכער דערשיינט פאר אונז ווי א פער־זענלעך ערלעכער מענטש, ווי א נקי כפים, אפילו ער איז נישט מסוגל צו מאכן די געהעריקע אויספירן, נישט גענוג שטארק איבערצורייסן לגמרי מיטן יודענראט.

עטלעכע מיטארבעטער פון יודענראט, וועמענס נעמען עס ווארפן זיך אדורך אויף די ערשטע זיצונגען און וועלכע טרעטן ארויס אָפּאָזיציאָ־נעל לגבי דער באראש־סובאָטניק־אָנפירונג, ווערן דערנאָך נעלם פון דעם שטיבל אויף קופּיעצקע. אזוי האָט דעם 18־טן סעפּטעמבער 1941 אויף דער יודענראט־זיצונג פרוי ד"ר סעגאל פּראָטעסטירט קעגן דער אָנפי־רונג אין ענין עוואקואציע; אויף דער זעלביקער זיצונג האָט ד"ר קאָפּעל־מאן געפאָדערט מער הארץ פאר דער אינטעליגענץ 50). זייערע נעמען ווערן מער אין די פּראָטאָקאָלן נישט דערמאָנט. צי זיינען זיי אליין אוועק, אָדער צי אוחזי ביד האָבן זיי אליין באזייטיקט? אלנפאלס וועגן א בונט קעגן יודענראט מצד די צוויי דאָקטוירים הערט מען נישט. עס זיי־נען געווען בלויז צוויי מענטשן, וועלכע האָבן יאָ געמאכט ריכטיקע אויס־פירן פון דער לאגע, פון דער באראש־סובאָטניק־פּאָליטיק.

אויף דער זיצונג פון 18־טן סעפּטעמבער 1941 טרעפן מיר דעם נאָמען פון ד"ר קערשמאן. ער טרעט ארויס מיט פּאָרוואורפן צו דער אָנפירונג פון יודענראט. אָנהויב 1942 טרעט ער ארויס פון יודענראט און וויל מיט אָט דער אינסטיטוציע מער קיין שייכות נישט האָבן 51).

אויף דער זיצונג פון דריטן אויגוסט 1941 הערן מיר דעם ארויס־טריט פון ד"ר נאטאן האָלענדערסקי (פון ווילנע). ער גיט א שילדערונג פון דעם טרויעריקן סאניטארן מצב אין געטאָ. בעת דעם אויפשטאנד טרעפט מען ד"ר האָלענדערסקי צווישן די קעמפער. אין משך פון דער לאנגער צייט פון גרייטן זיך צום ווידערשטאנד איז ער א פארטרויונג־מאן פון דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע און שטעלט איר צו וויכ־טיקע ידיעות פון יודענראט.

---

49) אָרכ' ייה"א, נ' 162/13.
50) דאָרטן, פּראָט' נ' 8.
51) ג"ע פון י. ריווקינד.
52) ג"ע פון מ. בוך.

ביידע פאלן האָבן געמאכט א רושם אין געטאָ. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט געמאכט די עוואַלוציע פון דעם יודענראַט־מיטגליד אברהם לימאַן. לימאַן איז געווען א פּליט פון שטעטל רוזשאַן. געשטאַמט האָט ער פון יידן סמאָלע־טרייבער. אליין איז ער געווען אן אינטעליגענט, געענדיקט א רעאַל־שול, האָט אמאָליקע צייטן געלעבט פון שכירות פון אן אָנגעשטעלטן און האָט זיך אין זיין היים־שטאָט געווידמעט קולטור־ארבעט, געווען טעטיק אויפן געביט פון בויען דאָס יידיש־וועלטלעכע שול־וועזן; פּאָליטיש איז ער געווען א ראַדיקאַלער פאָלקיסט פון ווילנער שאַבאַד־נוסח. אין ביאַליסטאָקער יודענראַט ווערט ער צוגעצויגן ווי א מענטש, וואָס האָט א שם פון אן ענערגישן עסקן און אָרגאַניזאַטאָר, אָבער באַלד אויף דער זיצונג, אויף וועלכער ער קומט צום ערשטן מאָל, טרעט ער ארויס מיט א שאַרפער רעדע אין שוץ פון די געטאָ־ארבעטער, וועלכע באַקומען נישט פון יודענראַט די צוגעזאָגטע זיי פערטל קילאָ ברויט אויף א פּערזאָן. לימאַנען ווערט לכתחילה אָנפאַרטרויט דער אמט פון ארבעט־קראַפט. פּסח קאַפּלאַן שטרייכט אונטער: „גרויסע פאַרדינסטן אויף אָט דעם געביט האָט דער ראַט־מיטגליד לימאַן, וועלכער האָט אסך מאָל געראַטעוועט פון גרויסע צרות און אומאָנגענעמלעכקייטן. ער איז אָבער פאַרמאַטערט געוואָרן און געוואָרפן די לייטונג". עס איז א גרויסער ספק, צי לימאַן האָט געוואָרפן די ארבעט בלויז מחמת מידקייט. לויט גביות עדות איז דאָס געווען א קאָמפּעריש־געשטימטער מענטש 53). ער איז געווען איינם יודענראַט דער ערשטער, וואָס האָט נישט בלויז אָנגעגריפן די אָנפירונג, נאָר אויך געוואגט ארויסצוטרעטן אָפן קעגן די דייטשן. ער האָט זיך דער ערשטער ארויסגעזאָגט, מען זאָל נישט נאָכגעבן די פארלאַנגען פון דער אָקופּיר־מאכט 54). בעת דער מעשה בורא מיט די דריי אומשולדיק געהאָנגענע יידן פאַר גנבענען קענדלעך אין דער אייל־פאַבריק, (וועגן דעם ווייטער) איז לימאַן ארויסגעטרעטן קעגן דעם, אז יידישע פּאָליציי זאָל שפּילן די ראָל פון תּלינים און האָט זיך אויסגעדריקט: „עס איז נאָך נישט אָפּגעקילט דאָס בלוט פון די פּאָגראָמירטע און שוין זאָלן מיר זיך פארשמירן די הענט מיט פרישן בלוט? איך וועל אין דעם קיין אָנטייל נישט נעמען!". ער האָט תיכף געצויגן פּערזענלעכע קאָנסעקווענצן און זיך אָפּגעזאָגט פון דער לייטונג פון ארבעט־אָפּטייל 55). ערב

53) ג"ע פון י. ריוווקינד.
54) ג"ע פון ט. ציטראָן.
55) ג"ע פון י. ריוווקינד.

דער ערשטער ליקווידאַציע איז ער געווען דער איינציקער אינם יודענראַט, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרויסגעבן אַ רשימה מיט 6500 גירוש־פאַרמשפּטע ייִדן. אויף אָט דעם באַדן איז געקומען צום אויפרייס. באַראַש האָט אים גענומען דראָען, אָבער לימאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל. ער האָט נישט געוואָלט מיטמאַכן דעם ווייטערדיקן וועג פון יודענראַט און האָט רעזיגנירט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע בכלל. אין געטאָ האָט מען אָט די האַנדלונג באַצייכנט מיטן נאָמען: „דער בונט פון אברהם לימאַן". דער דאָזיקער בונט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק 56).

אָפּגעריסן זיך פון באַראַשן און זיין חברותא האָט לימאַן אָנגעהויבן צווישן זיינע באַקאַנטע פירן אַן אַגיטאַציע צו גיין אין וואַלד אַריין, צו די פּאַרטיזאַנער 57).

דער אומשטאַנד, וואָס אינם יודענראַט האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע ערלעכע מענטשן, קאָן אָבער בשום אופן נישט דינען ווי אַ באַווייז, אַז דער דאָזיקער אָרגאַן איז נישט געווען קיין קאָלאַבאָראַציאָניסטישער. די קאָנסעקווענץ פון די באמת ערלעכע און ווירדיקע מיטגלידער פון יודענראַט האָט געפירט צו לגמרידיקן איבעררייסן מיט אים. דער יודענראַט ווי אַזעלכער איז געווען, ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן ביים סאַמע אָנהויב, אַן אָרגאַן פון דער דייטשער אָקופּיר־אַדמיניסטראַציע, און קיין שום גוטער ווילן האָט נישט געקאָנט ענדערן דעם אַנטינאַציאָנאַלן עיקר־כאַראַקטער און די קאָלאַבאָראַציאָניסטישע פונקציע פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע. איבעריקנס גיט אויך דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פונעם יודענראַט אַ גרונט צו געוויסע באַטראַכטענישן. אָט איז די סאָציאַלע סטרוקטור און פּאָליטישער כאַראַקטער פון זיינע הויפּט־מיטגלידער:

יצחק באַראַש — געוו. דירעקטאָר פון ייִדישן קהילה־ראַט, טוער פון „עת לבנות";

בער סובאָטניק — פּראָצענטניק, פאָרזיצער פון „מזרחי";

טיקטין — געוו. אייגנטימער פון עקספּאָרט־אונטערנעמונג;

יעקב ליפּשיץ — שניט־סוחר, שטיינרייך, אַמאָליקער פאָרזיצער פון סוחרים־פאַריין;

גליקסאָן — אַמאָליקער דירעקטאָר פון סוחרים־פאַריין;

---

56) דאָרטן; אויך — ציטראָן.
57) אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2117.

ש מ ו א ל פ ו נ י א נ ס ק י — שניט־סוחר, גבאי פון דער גרויסער שול, מזרחי־טוער;

מ ש ה ש ו י ף — ליטער פון ווינ־אמט ביים יודענראט — פון א ביאליסטאָקער פאבריקאנטן־משפחה;

ש מ ו א ל פ י נ ק ע ל — פאבריקאנט;

צ י ב ו ל ק י ן — געוו. פאָרזיצער פון פייען־באנק;

פ ס ח מ ע ל נ י צ ק י — א רייכער האנטווערקער;

י ע ק ב ג אָ ל ד ב ע ר ג — לייטער פון אפראָוויזאציע־אמט — טוער פון די אלגעמיינע ציוניסטן, א מענטש, וואָס האָט זיך „קונה שם" געווען אין געטאָ מיט זיין שיכרות און זנות.

טאָפּטשענדיק אין דער בלאָטע פון טאָן דעם רצון פונם אָקופּאַנט, האָט זיך דער יודענראט אליין פארפלאָנטערט אין זיינע אייגענע בעציקע מעטאָדן און זיך געפונען אין אן אויסוועגלאָזער לאגע. נישט געקוקט אויף בעראשעס קאזיאָנעם אָפּטימיזם, שוועבט דאָך איבערן גרעסטן טייל זיי־צונגען דאָס טראגישע געשפענסט פון אומקום, פון דער אייביקער אומ־זיכערקייט, פונם כסדרדיקן פלאטער צווישן לעבן און טויט. זיין רעפע־ראט אויף דער פארזאמלונג פון די יודענראט־באאמטע מיטן יודענראט אין זאל פון לינת הצדק דעם צווייטן נאָוועמבער 1942 האָט באראש פאר־ענדיקט מיט א טיף־אומעטיקן שלוס־אקאָרד: „הלוואי זאָלן מיר דאָס צווייטע מאָל זיך טרעפן אלע, און קיינער פון אונז זאָל נישט פעלן". דאָס איז געווען אין דעם טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאציע פון דער פּראָווינץ.

און פונדעסטוועגן איז נאָך אזא טויט־פּאָרויספילנדיקער פּארענדי־קונג באראש אין א דריי וואָכן שפּעטער ווידער ארויס מיט זיין פּארפי־רערישן בטחון: „אונזער אויסזען ביים שטאָט־קאָמיסאר האָט זיך אזוי פיל געענדערט צום גוטן, אז דער קאָמיסאר האָט ביי זיך אין קאבינעט אויסגעשטעלט אונטערן גלאָז די אויסארבעטונגען פון געטאָ". און ווידער שלאָגט דער קאזיאָנער אָפּטימיזם — דער גאָולייטער קאָך אליין בכבודו ובעצמו האָט געמאכט א באשטעלונג ביי די יידן, און די ווערמאכט דאַרף האָבן נייע סחורות. אָט אזוי האָט געפלאטערט דאָס געטאָ, געקערצוועט דורך דער שטימונג פונם יודענראט־פירער, צווישן לעבן און טויט, און ווען עס האָט געשלאָגן די שעה, זיינען די, וואָס האָבן די גאנצע צייט גע־מאכט דעם אָנשטעל פון „שטארקע מענטשן", נישט געווען מיטן פּאָלק, נישט געטראָגן אפילו דאָס סאמע נעבעכדיקסטע וואָרט פון טרייסט און

אינערלעכער קרעפטיקונג אין אנגעזיכט פון אומפארמיידלעכן טויט, נאר געטראכט וועגן זיך אליין, וועגן דער אייגענער הויט.

* * *

תיכף אויף דער ערשטער זיצונג פונם יודענראט איז געשאפן גע־ווארן די יידישע געטא־פאליציי. דער אפיציעלער נאמען אירער איז גע־ווען „ארדנונגס־דינסט״, און די אנפירער פון דעם דאזיקן אויספיר־אר־גאן פון יודענראט האבן זיך אליין אנגערופן „די באשיצער פון פאלק״. אין אט דעם עפיטעט האט געשטעקט א סך ביטערער חוזק, ווייל אין דער אמתן איז די יידישע פאליציי געווען די היטערין פון דעם אקופאנטס אינ־טערעסן אין געטא.

צוויי הונדערט מאן זיינען אריינגעצויגן געווארן אין ארדנונגס־דינסט. כדי צוצוגעבן זיי חשיבות, האט מען זייער הלבשה באזונדערס אויסגעטיילט. א מיטגליד פון ארדנונגס־דינסט האט געטראגן א ספעציעלן לאמפאס אויפן היטל, א באנד אויפן ארעם און א שטעקעלע אין האנט [58].

די געטא־פאליציי איז איינגעטיילט געווען אין פיר רעווירן. דער ער־שטער האט זיך געפונען אינם זעלביקן ארט ווו די הויפט־קאמענדע, אינם לאקאל פון יודענראט אויף קופיעצקע, קאמענדאנט פון ערשטן רעוויר איז געווען פעניגשטיין. דער צווייטער רעוויר איז געווען אויף שליא־כעצקע־גאס, אין דעם בנין פון דרוזקינס גימנאזיע; קאמענדאנט פון אט דעם ראיאן איז געווען קראמאזש. דער דריטער רעוויר האט זיך געפו־נען אויף רוזשאנסקע־געסל 7; קאמענדאנט איז דא געווען דער ברודער פונם הויפט־פירער פון דער פאליציי מארקוס. דער לעצטער רעוויר האט פארנומען א לאקאל אויף יוראוועצער 25 [29].

אין שפיץ פון דער פאליציי איז אוועקגעשטעלט געווארן דער 50־יעריקער געוועזענער פאבריקאנט איסאק מארקוס. זיין איינציקע קווא־ליפיקאציע איז באשטאנען דערין, וואס פאר דער מלחמה איז ער גע־ווען דער קאמענדאנט פון די יידישע פרייוויליקע פייערלעשער („באסא״). א צווייטע מעלה זיינע האט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואס ער איז גע־ווען א ייד אן עושר. דאס איז געווען א פוסטער מענטש, וועמען עס האט אימפאנירט דער אמט, מיט וועלכן מען האט אים מזכה געווען. מארקוס האט זיך גאנץ לייכט אריינגעצויגן אין דער נעץ פונם שונא, בפרט, אז ער

---

58) ארכ׳ ייה״א, פראט׳ ג״ע נ״נ 2260, 2263, 2461.

59) דארטן.

איז געווען אַ לייכזיניקער מענטש. עס איז גענוג געווען, אַז דער דייטשער שררה זאָל אים אַ קלאַפּ טאָן גוט־ברודעריש אין פּלייצע, אָדער מכבד זיין מיט אַ ציגאַר. מאַרקוס איז דעמלט גרייט געווען אויף אַלע חזירייען (60).

אין „אַפּטייל 4״ פון דער זיכערקייט־פּאָליציי אויף עריק־קאָך־גאַס 15 האָט מען געהאַלטן פון איסאַק מאַרקוסן. דער יידן־ממונה פון געסטאַפּאָ פריץ פרידעל באַצייכנט דעם קאָמענדאַנט פון דער אָרדנונגס־דינסט ווי אַ „שטילן און באַשיידענעם מענטש״. דער זעלביקער פרידעל ווייסט אָבער צוצוגעבן, אַז מאַרקוס איז געווען פאַרהאַסט אין געטאָ (61).

מאַרקוסעס שטעלפאַרטרעטער איז אין דער שפּעטערדיקער צייט געוואָרן סרעבניק — דער פריערדיקער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי אין גראָדנע, אַן עקלדיקער פּאַרשוין, וועלכן די גראָדנער יידן האָבן פיינט געהאַט בתכלית השנאה. נאָכן ליקווידירן דאָס גראָדנער געטאָ איז ער אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק און דאָ האָט אים מאַרקוס אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און געמאַכט פאַר זיין שני למלך (62).

די געטאָ־פּאָליציי האָט זיך רעקרוטירט פון סוחרים און פון בירגער־לעכער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. דאָס איז לכתחילה געווען אַ פּאַר־שידנאַרטיקער עלעמענט פון נאַיווע מענטשן, וועלכע האָבן געגלייבט אין דעם, אַז מען וועט „יאַקאָש איבערלעבן״, ביז פאַרברעכער און מיט־אַרבעטער פון געסטאַפּאָ. צו די ערשטע האָט געהערט מאַרקוסעס פאַר־טרעטער משה בערמאַן, צו די צווייטע — אַזאַ פּאַרשוין ווי פעניגשטיין, וועלכער האָט, איבעריקנס, געהאַט הינטער זיך אַ נישקשהדיקן יחוס עצמו: דהיינו — ער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ קאָמיסאַר פון דער פּוילישער פּאָליציי אין וואַרשע, אויף דאַנילאָוויטשעווסקע־גאַס. צו פעניגשטיינס שייכע האָט געהערט אַזאַ נפש ווי דאָס פאַבריקאַנטישע זינדל זעליקאָוויטש, דער דריטער — נאָך מאַרקוסן און פעניגשטיינען — כל ולך אין אָרד־נונגס־פּאָליציי, אַן אַלט־באַקאַנטער אַפּעריסט און שאַנטאַזשיסט. דאָס זיי־נען עס געווען די „בישט־פּאַטענטירטע״ „כלל־טוער״, וועגן וועלכע עס רעדט פּסח קאַפּלאַן אין זיין יודענראַט־כראָניק, ווי וועגן אַ נייטווענדיקער דערשיינונג פון דער צייט.

די געטאָ־פּאָליציי איז געווען אונטערגעאָרדנט פון איין זייט דעם יו־דענראַט, אָבער פון דער צווייטער — די געהעריקע דייטשע פּאָליציאי־

---

60) ג״ע פון ב. שאַצמאַן.
61) פרידעל — ענטפער אויפן מחברס אַנקעטע.
62) ג״ע פון אפרים קיסלער.

שע אָרגאַנען, דעם פּערטן רעוויר פון דער אָקופּאַנטישער פּאָליציי און דער געסטאַפּאָ. די יידישע פּאָליציי האָט טאַקע געהאַט אַן אייגענע תּפיסה אין געטאָ גופא, אויף זאַמענהאָף־גאַס, וווּ עס זיינען איינגעפירט געוואָרן די היטלעריסטישע פּיין־מכשירים און אינקוויזיציע־מעטאָדן. די געטאָ־באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין די ערגסטע צייטן נישט פאַרלאָרן דעם חוש פאַר גאַליקן הומאָר, האָט די יידישע תּפיסה א נאָמען געגעבן „סינג־סינג”. אָבער דאָ זיינען געווען פּאַרשפּאַרט „לייכטע פאַרברעכער”. אין ערנסטע ענינים האָבן זיך מאַרקוסעס מענטשן לגמרי נישט זשענירט אַרויסצוגעבן די יידישע אַרעסטאַנטן דער געסטאַפּאָ, דער שופּאָ, אָדער דער קריפּאָ.

עס וואָלט אָבער געווען א טעות צו מיינען, אַז די פאַרשוינען פון אָרדנונגס־דינסט זיינען געווען הונדערט־פּראָצענטיק „ערלעך” לגבי די באַפעלקן פון די דייטשע מושלים. ס׳רוב יידישע פּאָליציי־לייט האָבן געוווּסט, ווי אַזוי יעטוועדן ענין אויסצונוצן לטובת דעם אייגענעם טייסטער. „דעם 18־טן סעפּטעמבער 1941 — דערציילט פאַניע ליפּינסקאַ, — איז געקומען צו מיר פון רעוויר דער פּאָליציי־מאַן פּאָגאָרעלסקי און מיך אַוועקגע־פירט אין קאָמאַנדאָ צו פעניגשטיינען, וועלכער האָט מיך און נאָך צוויי אַרעסטירטע פרויען, איינע ליפּאַנסקאַ, א צווייטע ליפּינסקאַ, אויפגענומען מיט א חוזק־שמייכעלע און אוועקגעפירט אין פערטן דייטשן רעוויר מחוץ דעם געטאָ. דער דייטשער באַאַמטער האָט אונז גוט אָנגעקוקט און געזאָגט: ניין, דאָס איז נישט דאָס. פעניגשטיין האָט אָבער פאַרעקשנט גע־טענהט, אַז דאָס איז איינע פון אונז די געזוכטע פאַרברעכערין. ער האָט אונז געשלעפּט אין געסטאַפּאָ אויף שענקעוויטש־גאַס 15. וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? פעניגשטיין האָט שוין דווקא יאָ געוווּסט, וועמען די גע־סטאַפּאָ זוכט, האָט ער ביי יענער פרוי אויסגעפּרעסט 50 טויזנט רובל און אונטערגערוקט אויפן אָרט פון יענער אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט ענ־לעכע פאַמיליע־נעמען צו דער געזוכטע” 63).

אַזוי אַרום האָט פעניגשטיין נישט בלויז אויסגעגעבן דעם שונא יידי־שע מענטשן, נאָר אויך אומשולדיקע אפילו לויטן אייגענעם פון די דייטשן, און אויפן בלוט פון די קרבנות געמאַכט א פאַרמעגן.

פעניגשטיין איז נישט סתם קיין איינצלנער פאַל. פעניגשטיין האָט סימבאָליזירט א סיסטעם. איינעם מיט זעליקאָוויטשן, — א פאַרמלחמה־

---

63) געלע פאַקטאָר: „ביאַליסטאָק אונטער דייטשער הערשאַפט”, ארכ׳ ייה”א, פּראָט׳ נ׳ 2133.

דיקער „ספעץ” אין אסעקוראציע־שריפות — וועלכער האָט זיך איצט ספעציאליזירט אין מסרן און אויספרעסן געלט ביי פאַרדעכטיקטע אין סאָוויעטן־סימפּאַטיעס, באַנאַנד מיטן פאַרברעכער יעקב וויעלינסקי, וועלכן מען האָט גערופן „דער קאָשמאַר פון געטאָ”, און צוזאַמען מיט די „גוטע ברידער” שלמה פין און שמחה גולאַנד, האָט ער געבילדעט דאָס אַזוי גערופענע „פינפטל”, וואָס האָט געשאַפן די געסטאַפּאָ־עקספּאָזיטור אין געטאָ און האָט אויסגענוצט דעם דאָזיקן שם, כדי אַרויסשלעפן ריזיקע סומעס געלט פון אַ סך טעראָריזירטע קרבנות. צו הילף האָבן אָט די פאַר־שוינען געהאַט „דאָס הונדערטל” — אַ גרופּע קלענערע שפּיצלעס און מוס־רים. דאָס וואָרט „הונדערטל” האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק נישט בלויז אויפן פּשוטן געטאָ־ייד, נאָר אויך אויף אַ ריי מענטשן פונם יודענראַט. דאָס „הונדערטל” האָט טעראָריזירט דאָס גאַנצע געטאָ. „ווי נאָר — האָט שפּע־טער דערציילט וועגן דעם אפרים באַראַש, — ווי נאָר זיי האָבן זיך דער־וווּסט, אַז ביי עמיצן איז פאַראַן שטאָף, אָדער גאָלד, האָבן זיי באַלד געמאַכט רעוויזיעס, אַזוי ווי די טשיקאַגער גענגסטער. דער ערגסטער באַנדיט אין געווען זעליקאָוויטש. זיי האָבן זיך געוואַלגערט איבער רעסטאָראַנען און קנייפּעס, געשיכורט אויפן חשבון פון זייערע קרבנות”. צו די הויפּט־גע־הילפן פון דער געסטאַפּאָ־עקספּאָזיטור האָבן געהערט די שאַנטאַזשיסטן גילבאַד, פּאַגאָרעלסקי, דער געלער מיעטעק 64).

אין אָט דער רויב־אַרבעט זייערער האָט זיך דאָס פינפטל מיט זיינע בוזעם־פריינט געוואָלט איינגאַנצן אַרויסדרייען פון דער אַפּוטרופּסות פונם יודענראַט. אויב ביי עמיצן ווערט געפונען אומלעגאַלע סחורה, דאַרף דאָך דאָס קאָנפיסקירטע אַריבערגיין אין רשות פונם יודענראַט — אָבער די פּאָליציי־מאַכערס האָבן ליבערשט געוואָלט עס צורויבן פאַר זיך. די יודענראַטלער האָבן אָבער מיט ציין און נעגל פאַרטיידיקט זייער פּאָזי־ציע. אַזוי אַרום האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט צווישן דעם אָפיציעלן אָר־גאַן פון געטאָ און דער באַנדע פּעניגשטיין־זעליקאָוויטש עט קאָמפּאַני אַ העפטיקער קאַמף. די אָנפירער פון יודענראַט — ביי אַלע זייערע טראַ־גישע פעלערן, קורצזיכטיקייט און אפילו פאַרברעכנס — זיינען אין די פריערדיקע צייטן געווען געבונדן מיט געוויסע געזעלשאַפטלעכע ריכטונ־גען (באַראַש, שוויף און גאָלדבערג זיינען געווען ציוניסטן, סובאָטניק אַ מזרחיסט א. א. וו.); זיי האָבן איינגעהאַלטן געוויסע פאָרמען פון כלל־אַרבעט און דער עיקר: זיי האָבן רעפּרעזענטירט אַ געוויסן, הגם דינעם

---

64) ג"ע פון ב. שאַצקאַן.

שיכט פון פאבריקאנטיש־סוחריש־שפעקולאנטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען טאקע געווען אויסגעשטעלט אויף דעם שאנטאזש פון דער שייקע פון דער געטא־פאליציי. פעניגשטיין און זעליקאוויטש האבן אבער געהאלטן, אז די אמתע מאכט דארף ליגן אין זייערע הענט. מיט כלערליי אופנים האבן זיי זיך באמיט ארויסצורייסן די הערשאפט און די מיטלעןביים ראט.

דער געראנגל פאר מאכט צווישן דעם ראט און די שאנטאזשיסטן האט זיך, נאטירלעך, נישט אנטוויקלט פאר די אויגן פון דער באפעלקערונג. דאס איז געווען א הינטערקוליסן־קאמף, וועלכער האט אנגעשפארט אין די קארידארן און קאנצעלאריעס פון די דייטשע אדמיניסטראטיווע און פאליציייאישע אמטן. די געסטאפא איז לכתחילה געשטאנען אויף דער זייט פון פעניגשטיין־זעליקאוויטש. דעם קאמף האט אבער געוונען דער יודענראט — אדאנק דעם, וואס פעניגשטיין און זעליקאוויטש האבן זיך פארדרייט און פארפלאנטערט אין דער נעץ פון די אייגענע אפערעס און שאנטאזשן. אין זייער גיריקן געיעג נאך רויב האבן זיך אט די באנדיטן גארנישט געמאכט נישט בלויז פונם יודענראט, נאר אויך אויפגעהערט אוועקצוגעבן דעם פעטסטן ביסן דעם שונא. דער שטאט־קאמיסאר שווענדאוויוס האט זיך אויך פארפלאנטערט אין זייערע אפערעס און, וועלנדיק ארויסקריכן, געמוזט פטור ווערן פון די שותפים.

אדאנק דער אנווייזונג פון די יודענראט־מענטשן האט די דייטשע מאכט אין רעזולטאט פון א רעוויזיע פארנומען ביי זעליקאוויטשן — ווי עס האט זיך שפעטער אויסגעדריקט באראש — „אזעלכע געוואלטיקע אוצרות, אז עס ווערט מיר פשוט אומבאקוועם עס אויסצורעכענען: שאמפאניער, גאלד, בריליאנטן, דאלארן". פעניגשטיין און זעליקאוויטש זיינען ארעסטירט געווארן. די דייטשע תפיסה, אין וועלכער זיי האבן אריינגעשטויסן אזוי פיל אומשולדיקע קרבנות, איז געווארן אויך זייער קבר.

באראש האט טריומפירט, און דאס געטא האט א געוויסע צייט לייכטער אפגעאטעמט. באראש האט אויף א געשיקטן אופן אויסגענוצט די מפלה פון דעם „פינפטל" מיט זיינע יוצר משרתים, אויסגענוצט עס פאר הייבן ביי דער באפעלקערונג דעם פרעסטיזש פון יודענראט. איצט האט דער פירער פון קאפיצקע 32 געקאנט זיך ארויסרוקן פאר דעם געטא ווי דער באפרייער פון דעם טעראריסטן־קאשמאר און ווי א מענטש מיט א „שטארקער האנט". דעם 16־טן יוני 1942 לאזט ארויס דער יודענראט די פאלגנדיקע מעלדונג:

„אין שייכות מיט דער סאנירונג פונם ארדנונגס־דינסט ווערן דערווייטערט פון זייער אמט פאלגנדיקע פערזאנען: 1. גבראמאוויטש נעלי, 2.

בלייבערג מרדכי, 3. בלעמער הענריק, 4. גוטמאן זעליג, 5. גולאנד שמחה, 6. האמבורג מרדכי. 7. וויעלונסקי יעקב, 8. זילבערבלאט יוסף, 9. יודעלבוים זלמן, 10. פיטאצקי אברהם, 11. פין שלמה, 12. פראַלקעס משה, 13. קאטשקא יוסף, 14. קוואטער בנימין, 15. רעוזין פנחס".

פון צווישן די דאָזיקע באַזייטיקטע פּאָליציאַנטן זיינען פאר ספּעציעלע מיסברויכן ארויסגעשיקט געוואָרן אין אן ארבעטס־לאַגער; בלייבערג, פין, גולאנד, קוואטער און וויעלונסקי — די סאמע געפערלעכסטע גענגסטער 65).

צווישן די חברה־לייט פון פעניגשטיינס שייקע זיינען געווען ס'רוב מענטשן נישט פון ביאליסטאָק גופא, נאָר פון אנדערע שטעט און אויך פון דער ארומיקער פּראָווינץ, ווי, למשל — זלמן יודעלבוים (פון לאָמזשע). זיי זיינען ספּעציעל צוגעקליבן געוואָרן דורך די דייטשן, פאר וועלכע עס זיינען ליבערשט באקוועמער געווען פרעמדע יונגען, וואָס האָבן נישט קיין קרובים אויפן אָרט און וועלן אזוי ארום זיך נישט קערעווען אין זייער האנדלונג מיט קיין שום רחמנות־געפילן.

אין דער זעלביקער צייט האָט באראש פאר איין מאָל ליקווידירט שוין אויך די באנדע יידישע שאנטאזשיסטן, וואָס האָט געלויערט ביי די געטאָטויערן אויף די יידישע ארבעטער און ביי זיי אויסגעפּרעסט — אונטער דער ה[illegible]ינג פון מסירה — בחצי חינם, אָדער אינגאַנצן אומזיסט די מסירת־נפשדיק אריינגעשמוגלטע שפּייז־פּראָדוקטן. מיט אָט דער כנופיא האָבן אָנגעפירט די פּאָליציי־לייט אטלאס און ביידאָרף, וואָס זייערע נעמען האָבן די געטאָ־אסורים נישט ארויסגעזאָגט אָן דעם צוגאָב „ימח שמם".

מיט ליקווידירן די באנדע פון „הונדערטל" און די טויער־טעראָריסטן איז נאָך אָבער דאָס געטאָ נישט פּטור געוואָרן פון דער פּלאָג פון געסטאפּאָ־אגענטן, מוסרים, שאנטאזשיסטן און ברוטאלע „אייגענע" פּאָליציאנטן. די אָרדנונגס־דינסט איז פון דער „סאנירונג" פון 16־טן יוני 1942 נאָך נישט אויסגערייניקט און אויסגעלייטערט געוואָרן. ווארעם א חוץ דער טאָג־טעגלעכער שמוציקער ארבעט איז אין איר רייען אויך געפירט געוואָרן א „פּאָליטישע אויפקלערונג". די געטאָ־פּאָליציי איז דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון אנטיבאָלשעוויזם, פון שנאה צו אלץ, וואָס שמעקט מיטן ראטנפארבאנד און מיט סאָציאלן פּראָגרעס. איינער פון די זיילן פון דער אָרדנונגס־דינסט, דער פּאָליציאנט ביאליקאמיען האָט געוואָרפן א

65) מעלד׳ נ׳ 287.

לאָזונג: „בעסער צען יאָר דייטשן אידער איין יאָר סאָוויעטן!״ 66), און אַט דאָס ווערטל איז געוואָרן דער „פּראָגראַם״ פון די אָרדנונג־היטער. און אויב אזוי, אויב אפילו דער היטלעריסטישער כף הקלע איז בעסער פון סאָוויעטישקייט, דאַרף מען דאָך אָנשטרענגען אלץ, כדי אויסצוראָטן די עלעמענטן, וואָס דערוואַרטן די ישועה דווקא פון דער רויטער אַרמיי. דעריבער האָט זיך די געסטאַפּאָ־נעץ נישט אויפגעלייזט אין געטאָ נאָך דער מפּלה פון פעניגשטיין—וועליקאָוויטש. פאַרקערט — די געסטאַפּאָ האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט איר עקספּאָזיטור אינם יידן־ראַיאָן. נייע גע־שפּענסטער האָבן זיך געיאָוועט אין געטאָ: יאַנעק צוויקליטש, וועלכער איז געווען א קאָנפידענט אין דער פאַרמלחמהדיקער פּוילישער דעפּענסיווע און איז אַצינד אַריבער אין רשות פון געסטאַפּאָ; זיין ברודער פרינט מיעטעק ראָזענבערג, א פאַרשוין מיט אן ענלעכער רייכער פאַרגאַנגענהייט פון וואַרשע; דער געלער יודקאָווסקי און זיין ברודערל, ביידע פּליטים פון סלאָנים, ווו זיי האָבן אדורכגעמאַכט א היבשע שול פון מסירה; א געווי־סער פידלער 67).

די אַלע האָבן געשאַפן די אַגענטור פון דער דייטשער געהיימער שטאַטס־פּאָליציי אויפן געביט פון געטאָ. אן ענלעכע ארבעט לטובת דער דייטשער שוץ־פּאָליציי האָט אויסגעפירט אן אַנדער שפּיצעל, שלאַפּאַק, וועל־כער איז געווען אן אַריינגייער אינם פּאָליציי־פּרעזידיום 68). די אלע מנו־ולים האָבן זיך ברייט פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש און מסירה, אָנשטאָפּנ־דיק דערביי די אייגענע קעשענעס און אָפּצאָלנדיק א געהעריקן שטייער די מאַכטגעבער. פונקט ווי זייערע פאַרגייער האָבן זיך אויך די דאָזיקע אַגענטן פונם שונא אויסגעבויט גאַנצע באַנדעס פון אונטער־מוסרים און קליינע שפּיצלעס, באַזונדערס פון צווישן די אייגנטימער און דערלאַנגער אין די קנייפּעס און רעסטאָראַנדלעך 69).

דאָס געטאָ האָט זיך מיט עקל אָפּגעשאָקלט פון די שפּיקעס און מוסרים, אַרומגערינגלט זיי מיט א פאַקטישן חרם, אויסגעשפּיגן ביים דערמאָנען זייערע נעמען און צוגעגעבן דערביי דאָס אַלטע וואָרט פון פאַר־אַכטונג פון שנאה: ימח שמם 70).

---

66) ג״ע פון י. ריווקינד.
67) ג״ע פון ז. קאָלעשניקאָוו.
68) ג״ע פון שיע באַרטנאָווסקי (מחברס ארכ׳).
69) דאָרטן.
70) ג״ע פון י. ריווקינד.

ק א פ י ט ל   ז י ב ן

דער קאמף פאר דער נשמה

דער ביטערער גוראַנגל פון געטאָ איז געגאַנגען נישט בלויז אין דער ריכטונג פון ראַטעווען און איינהאַלטן דעם פיזישן קיום אליין. די געטאָ־מאַסע האָט זיך געווערט נישט נאָר קעגן הונגער און מגיפות, נישט בלויז פאַרן ראַטעווען דעם גוף, נאָר עס איז אויך אָנגעגאַנגען א גע־ראַנגל וועגן דער נשמה. פון יודענראַטישע קרייזן און אויך פון די אַלטע מיסטישע קוואַלן זיינען געפלאָסן אַלט־נייע טעאָריעס, וועלכע האָבן גע־קאָנט ווירקן ווי סם אויפן באַוווסטזיין פון פאָלק, אויף זיין נשמה און ווירדע.

אין געטאָ איז געבוירן געוואָרן א שיטה, וואָס האָט געהאַלטן, אז גע־טאָ איז א נייטוועגדיקער שטאַפּ אין דער גייסטער יידישער געשיכטע, אז געטאָ איז נישט דורך דער היטלעריסטישער רשעות אָנגעוואָרפענער צוואַנג, נאָר אז שוין פון א צייט, פון פאַר דער מלחמה האָבן די געשעענישן אין דער וועלט געשטויסן די יידן צוריק אין געטאָ אריין; אז דאָס איז א מאָדנער, כמעט מיסטישער פועל יוצא פון דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק און פון דער וועלט[1].

צוזאמען מיט דעם האָט זיך פאַרשטאַרקט דער נאַציאָנאַליזם, און די טרעגער פון אָט דער „אידעאָלאָגיע" האָבן געפּריידיקט דעם לאָזונג: „די וועלט וויל אונז נישט, די וועלט האָט אונז פיינט, לאָמיר דעריבער זיך אויס־דרייען צו דער וועלט מיט דער פּלייצע און זיך גייסטיק אליין פאַרשפּאַרן אין געטאָ, דאָס וועט זיין ערגער פאַר דער וועלט"[2].

---

1) ג"ע פון י. ריווקינד.

2) דאַרטן.

דאָס איז געווען די אידעאָלאָגיע פון געטאָ־צושטימונג. אָבער די דאָזיקע היסטערישע רופן זיינען דורכגעפאַלן. די יידן האָבן נישט געוואָלט פרייוויליק זיך אָפּזאָגן פון דער וועלט, פון זייער רעכט אויף קולטור, אויף פריי לעבן. די אידעאָלאָגן פון דער „צוריק אין געטאָ״־מיסטיק זיינען געוואָרן אלץ בייזער און פארביסענער. זיי האָבן געטענהט, אז עס איז נישט אמת, אז דער נצחון איז נאָענט, אז ער וועט בכלל קומען. זיי האָבן געזאָגט, אז אזוי בלייבט עס שוין, אז דאָס וועט זיין דער גורל פון יידן — געטאָ 3).

קעגן די דאָזיקע טעאָריעס, וואָס זיינען געווען אין א געוויסן זין דער „אידעאָלאָגישער איבערגעבוי״ פון דער יודענראַט־ווירקלעכקייט, האָט זיך געבונטעוועט די פאָלקס־מאסע, דאָס געטאָ גופא. פון די טיפענישן פון פאָלק זיינען ארויסגעקומען די פאָלגנדיקע אומבאהאָלפענע קינסטלעריש, אָבער הארציקע און אויפריכטיקע אין זייער תוך ווערטער פון דעם פאָפולערן ליד פון אן אנאָנימען מחבר:

„מיר ארבעטן דאָך אין געטאָ־פאבריקן,
„מיר מאכן שיך, מיר בויען,
„מיר וועבן און מיר שטריקן,
„און דערפאר א פוטיאַווקע ארבעטן מיר אויס,
„אין טרעבלינקע פירט מען אונז ארויס,
„אוי, אוי, עס איז א ביטערע צייט!
„די ישועה קומט שוין אָן,
„זי איז שוין נישט ווייט,
„די רויטע ארמיי, זי וועט אונז באפרייען,
„זי איז שוין נישט ווייט.
„פלוצלינג פון געטאָ א טומל א גערודער,
„די קאָמיסיע, זי קומט שוין ווידער,
„בראש אויפן פערדל, ער פאָרט ארום איבערן געטאָ,
„ און די יידישע פאָליציי שרייט:
„צי—שא—א!
„זי באווייזט, אז זי איז —
— „צאָ טאָ יא״.

אין די דאָזיקע ווייט נישט פאָעטישע פערזן קומט אָבער צום אויסדרוק די אמתע שטימונג פון געטאָ — סיי דער באוווסטזיין, אז מען שטריקט

---

3) דאָרטן.

זיך אויס א „פּוטיאָווקע” אין דעם טרעבלינקער טויט־לאַגער, סיי דער גלויבן אין דעם, אַז די רויטע אַרמיי וועט איינגיכן ברענגען די ישועה, סיי די פאַראַכטונג צו דער אָרדנונג־דינסט און צום יודענראַט.

פון איין זייט: דער גייסט פון יודענראַט, די צוריק־אין־געטאָ־מיסטיק, דער אומגלויבן אין צעברעכן וועו־נישט־איז די געטאָ־מויערן; פון דער צווייטער: דאָס וואָרט פון נאַקעטן אמת, די שנאה צום אונטערדריקער און צו די פאַרעטער, דער באַגער צו פרייהייט, דער גלויבן, אַז — די רויטע אַרמיי, זי וועט אונז באַפרייען, זי איז שוין נישט ווייט.

צוויי דיאַמעטראַל־פאַרשידענע וועלט־אָנשויונגען און ממילא — צוויי עקסטרעם־אַנדערע וועגן פון לעבן און אָנזיבליקן פון גורל, וועלכע דריקן זיך קורץ אויס אין צוויי באַדייטונגפולע ווערטער: הכנעה צום גורל, און — גייסט פון בונט און ווידערשטאַנד.

אָט אויף וועלכער פלאַך עס איז געגאַנגען דער געראַנגל פאַר דער נשמה פון די יידן אין געטאָ.

די יידן פון ביאַליסטאָק האָבן זיך מיט אַלע אינערלעכע כוחות געראַנגלט קעגן אַראָפּזינקען, קעגן מאָראַלישער ירידה; זיי האָבן זיך דאָ געראַנגלט אַ סך שטאַרקער און מיט מער דערפאָלג ווי ערגעץ אַנדערש־ווו.

דאָס לעבן־בילד פון ביאַליסטאָקער געטאָ שטעלט זיך פאָר אַנדערש ווי פון, אַ שטייגער, איר וואַרשעווער שוועסטער לצרה. אויב אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אין משך פון אַ געוויסן גרעסערן צייט־אָפּשניט אַ רוישיק גאַסן־לעבן מיט אַלע זיינע טרויעריקע און אייגנאַרטיקע דערשיינונגען, אויב אין וואַרשעווער געטאָ איז אויך געווען אַ פאַרקריפּלט קאַפע־לעבן און, פון דער צווייטער זייט, אַן אויסגעלאַסן נאַכט־לעבן, וואָס איז געווען, נאַטירלעך, די טרויעריקע פּריווילעגיע פון דעגענערירטע יחידים, האָט דאָס אַלץ אין ביאַליסטאָק נישט געהאַט קיין אָרט, אָדער אין זייער אַ קליינער מאָס; עס זיינען טאַקע געווען אין ביאַליסטאָק עטלעכע מאָל אַנדייטונגען פון דער אָקופּיר־מאַכט וועגן עפענען אַ קינאָ און אַ טעאַטער אין געטאָ אויפן שטייגער פון וואַרשע. אָבער דאָס איז נישט מקוים געוואָרן — די ביאַליסטאָקער יידן, אין זייער רוב מנין ובנין, האָבן נישט אויסגענוצט דעם דאָזיקן אָנבאָט; פון דער ערשטער רגע אָן האָבן די ביאַליסטאָקער יידן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דערלייזונג און געהאָפט, אַז זי וועט בקרוב קומען באַנאַנד מיט דער צוריקשפּאַנענדיקער רויטער אַרמיי[4]. אין אַ סך אַ ווינציקערן פאָרעם איידער אין אַנדערע געטאָס האָט

4) אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 2602.

זיך דער ביאַליסטאָקער יידן־ראַיאָן פאַרכלינעט און פאַרזונקען אין פאַר־געסונג־מיטלען, אין שיכרות, זנות, פאַרווילוגג. אין אַ גרויסער מאָס האָבן צוויי יאָר ענגע באַרירונג מיט דער סאָוויעטישער דערציונג. עס האָבן געווירקט אויף שאַפן אַזאַ געמיט פון די ביאַליסטאָקער יידן די קנאַפּע אָבער אויך נישט געפעלט אין דעם ביאַליסטאָקער געטאָ גופא קיין דעמאַ־ראַליזירנדיקע און אַנטוואָפנדיקע פאַקטאָרן פון יידישן לאַגער. די דאָזיקע מענטשן האָבן געשאַפן ביי טייל יידן אָן אַנדער מין ספּעציפישן געמיט, וואָס האָט אויך געדאַרפט ברענגען אַ שטימונג פון „בטחון", אָבער גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער, — „בטחון" אין דעם, אַז מען וועט ווי עס איז אַרי־בערקומען אין די באַדינגונגען פון דער דייטשער אָקופּאַציע. אַ „בטחון" אַ קראַנקהאַפטיקער און שעדלעכער, בעת דער פריער־אָנגעצייכנטער בטחון איז געווען אַ געזונטער, דאָס איז געווען אַ גלויבן אין ווידערשטאַנד און נצחון, אין צעברעכן די פאַרהאַסטע אָקופּאַציע און צוריקשטעלן די ווירדע פון מענטש 5).

די פאָלקסטימלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער פון געטאָ האָבן געוווסט, אַז קודם כל מוז מען פאַרפּאַנצערן קעגן די שעדלעכע טעאָריעס און ירידה־שטימונגען די הערצער און מוחות פון דער יוגנט. דעריבער איז איינע פון זייערע ערשטע זאָרגן געווען צוריק אויפצושטעלן — זאָל זיין האַלב־לעגאַל — אַ שול־וועזן. צוויי שולן זיינען געוואָרן טעטיק אין געטאָ — איינע אויף פאַבריק־גאַס 3, די צווייטע אויף ניי־וועלט 24. בראש פון דער שול אויף פאַבריק־גאַס איז געשטאַנען דער לערער פון דער אַמאָליקער געזעלשאַפטלעכער גימנאַזיע ציפּקין. דירעקטאָר פון דער שול אויף ניי־וועלט איז געווען אַראָנאָוויטש, דער לערער פון לאַטיין אין דער פאַר־מלחמהדיקער העברעישער גימנאַזיע. עס זיינען אויך דערעפנט געוואָרן פאַך־קורסן אונטער דער ליייטונג פונם פּעדאַגאָג שלאָסער. דעם דער־ציערישן ענין האָבן זיך געווידמעט די און נאָך עטלעכע פון דער ער־שטער בראַנד־שריפה געראַטעוועטע לערער און אינסטרוקטאָרן — משה זאַבלודאָווסקי, שמשון בראַטמאַכער, לוינסקי, אַלפּערזאָן, ברוידע, ראָזענ־בערג, באַדער, סאָניע וויינשטיין, פריילן קאַנעל, פּלאָנסקי, גראַנאָוויטש, זעליגמאַן, פּרעסקי און אַנדערע. דער גרעסטער טייל לערער האָט גע־

5) מאַניע דאַווידזאָן: „דאָס לעבן אין ביאַליסטאָקער געטאָ" („דאָס נייע לעבן" פון 16־טן אויגוסט 1949).

לערנט די קינדער לויטן סאָוויעטישן סיסטעם. אזא מין לערנען האָט געמוזט זיין קאָנספּיראַטיוו 6). עס איז קלאָר, אז אזא אופן פון לערנען האָט געשטאַרקט ביי די קינדער דעם גייסט פון אויסהאַלטן און ווידערשטאַנד, דעם גלויבן אין דער רעטערישער מיסיע פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

דער אינערלעכער געראַנגל פון פאַרשידענע שטימונגען, דער געפלאָטער צווישן יאוש און גלויבן אין נצחון, איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין דעם שאַפן פון דער גרופּע ליטעראַטן, וואָס האָט זיך געפונען אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז געבליבן א קליינע גרופּע ליטעראַטן, וועלכע האָבן נישט באַוויזן זיך צו עוואַקוירן איבערנעם מיט די יידישע שרייבער פּליטים פון צענטראַל־פּוילן. די לעצטע זיינען — אַדאַנק דער הילף פון די סאָוויעטישע אָרגאַנען — באַצייטנס אוועק אין טיף רוסלאַנד, די אַנדערע זיינען געבליבן שטעקן ביים וואָלף צווישן די ציין.

אזוי אַרום האָבן זיך אין געטאָ געפונען די ביאַליסטאָקער שרייבער־תושבים: פּסח קאַפּלאַן, שמואל הערשבערג, חיים־צבי זאַבלודאָווסקי, אברהם טיקטין, אשר טשאַנאָוויטש, אהרן אַלבעק, ל. פייגין, משה קוריאַנסקי, שמשון בראָטמאַכער, י. ל. שאַצקי, אהרן בערעזינסקי, יוסף רובינליכט, משה וויסאָצקי, דזשעק גאָרדאָן. עס זיינען דאָ אויך געבליבן שטעקן די שרייבער־פּליטים זישע באַגיש, איציק רוסקאָלענקער, זבולון ריינאָוויטש, משה טייכמאַן און דער יידישער זשורנאַליסט פון מינסק ביינעש שולמאַן.

דאָס איז געווען א פאַרשידנאַרטיקע ליטעראַרישע גרופּע. פּסח קאַפּלאַן — פון עלטערן דור יידישע שריפטשטעלער, א טעטיקער און פרוכטבאַרער אויף כלערליי געביטן — פּובליציסטיק, פאָלקלאָר, איבערזעצונג, מוזיק. אידעאָלאָגיש א פאָלקיסט. שמואל הערשבערג — איינער פון די עלטסטע יידישע היסטאָריקער, א מענטש מיט קאָנסערוואַטיווע אָנשויונגען, מחבר פון מאַטעריאַלן־אָנגעזעטיקטע ווערק וועגן יידישן לעבן־שטייגער אין דער עפּאָכע פון תלמוד און פּראָפעסאָר פון דער געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין ביאַליסטאָק. חיים צבי זאַבלודאָווסקי, א זעלטענער זאַמלער פון פאַרגאַנגענעם יידישן שטייגער אין ביאַליסטאָקער קאַנט, א יידיש־העברעישער חידות־פּראָפעסאָר, א מענטש מיט א זאַפטיק פאָלקסטימלעכן לשון. אברהם טיקטין — דער אַלטער משכיל. ל. פייגין, א טיף אַלטער משכיל, א דערצויגענער אויף דער רוסישער קול־

---

6) ג״ע פון י. ריבוקינד.

טור, לויטן זשאנר — א זשורנאליסט. שמשון בראָטמאכער — א פיינער ליטעראַטור־קענער און פרעלעגענט אויף ליטעראַרישע טעמעס, י. ל. שאצקי און אהרן בערעזינסקי — פּאָפּולערע פּראָזאיקער, נאָוועליסטן. אהרן אלבעק — דער אמאָליקער סעקרעטאַר פון י. ל. פּרץ, מחבר פון אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן קלאַסיקער. משה בורשטין — פון דער יונגערער דיכטערישער גענעראַציע — א רעוואָלוציאָנערער ליריקער. דזשעק גאָרדאָן — אן אָנפאנגער, א ליריקער מיט א נייגונג צו עקספּרע־סיאָניזם. ביידע האָבן זיי דעביוטירט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און מיטגעאַרבעט דערנאָך אין „ביאַליסטאָקער שטערן". עס זיינען אויך גע־בליבן אין געטאָ די זשורנאַליסטן אשר טזשאַנאָוויטש, און די מיטאַר־בעטער פון אמאָליקן „אונזער לעבן" און אנדערע לאָקאַלע אויסגאַבעס יוסף רובינליכט, משה וויסאָצקי און אנדערע.

פון צווישן די שרייבער־פּליטים דאַרף מען קודם־כּל אויסרעכענען:

זישע באַגיש*) — דער באַקאַנטער יידישער דיכטער, איבערזעצער, אַרויסגעבער פון ליטעראַרישע זשורנאַלן אין רומעניע און לאָדזש. ער איז אויך געבליבן שטעקן ביים וואָלף אין די ציין. איניינעם מיט אים: אייזיק רוסקאָלענקער — דער מחבר פון דער ביבלישער דראַמע „ירמיהו" און פון א ווערק, געשריבן אין די יאָרן 1939—1941, אויך אויף א ביב־לישער טעמע — וועגן ברק און דבורה און זייער באַפרייונגס־קאַמף קעגן סיסראָ (אין כּתב־יד); זבולון ריינאָוויטש — א קענער פון ליטעראַטור־טעאָריע, מחבר פון א ריי שטודיעס אויף אַט דעם געביט און פון א גרע־סערער אַרבעט וועגן ראָמען ראָלאַן; משה טייכמאַן — דער באַקאַנטער אַרויסגעבער פון „קינדער־פריינט" און אויטאָר פון קינדער־ליטעראַטור און פון דערציילונגען מיט יידישן היסטאָריש־סאָציאַלן שטאָף; בייניש שולמאַן — געוועזענער רעדאַקטאָר פון „ביאַליסטאָקער שטערן", א יידיש־סאָוויעטישער זשורנאַליסט פון מינסק, א גוטער קענער פון יודאַיסטי־שער ליטעראַטור; אין געטאָ האָט ער די משפחה דערגערט פון שוסטעריי, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט דאָ אין דער שווערער שעת הדחק.

צווישן אַט די אלע פּען־מענטשן האָבן בימי הגעטאָ געהערשט פאַר־שידענע שטימונגען. געוועזן אזעלכע, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפלייצן דורך דער צוריק־איך־געטאָ־מיסטיק. געוועזן אנדערע, וואָס האָבן וויטער געשאַפן, אָבער זייערע אַרבעטן זיינען דורכגעדרונגען מיט ענדלאָזן פּע־סימיזם. אייניקע האָבן זיך לחלוטין אָפּגערוקט פון געזעלשאַפטלעכער און

*) זיין אמתער נאָמען איז געווען ב. ווייסמאַן.

ליטעראַרישער טעטיקייט, און געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן זיך נישט איינגעבראָכן, נישט אָפּגעוואָרפן די פּען און זיך נישט געלאָזט פאַרפלייצן דורכן ים פון אויסזיכטלאָזיקייט.

ביאַליסטאָק, ווי א משכּילישע שטאָט, וווּ גאָטלאָבער האָט אויסגעלעבט זיינע לעצטע יאָרן, אויסגעאיבט א ווירקונג און איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו, ביאַליסטאָק האָט תּמיד געהאַט א פיינע גרופּע ליטעראַטן און האָט אין די יאָרן, ווען היטלער האָט אָקופּירט וואַרשע און לאָדזש, צוגעצויגן פון דאָרטן א סך אָנגעזעענע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן דאָ געשאַפן א וואָגיקן שעפערישן צענטער. איצט, אין געטאָ, איז ביאַליסטאָק געווען א באשיידענער ליטעראַרישער צענטער — ווי ווייט די טרויעריקע באַדינגונגען האָבן דערלויבט.

נישט געקוקט אויפן געוואַלטיקן טעראָר, אויפן הונגער, אויף די צוריקאין־געטאָ־טעאַטריעס, וועלכע האָבן געקאָנט האָבן א באַדן דווקא צווישן א טייל אינטעליגענץ, זיינען ס׳רוב שרייבער נישט אריינגעפאַלן אין יאוש און אין וועלט־פאַרניינונג. זיי האָבן ווייטער געשאַפן, בשתיקה, פאַרשטעלט פאַרן אויג פון די פאַרקויפטע נשמות; זייער שאַפונג איז אָפט געגאַנגען פון מויל צו מויל — א מין נייע פאָלקס־ליטעראַטור בעל פּה.

ווער אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט נישט געקאָנט דאָס ליד פון זקן פסח קאַפּלאַן, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט נאָמען אונטערן איינדרוק פון דעם טראַגישן שבת, ווען פינף טויזנט זין און טעכטער פון ביאַליסטאָקער יידנטום זיינען אכזריותדיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון צווישן די לעבעדיקע! אין הארצעדיקע ווערטער זינגט אויס קאַפּלאַן דעם צער פון אַן עדה. יעדער פערז אין דעם ליד אָטעמט מיט דער טראַגיק פון געטאָ. אָט זיינען די האַרציקע ווערטער:

„רבקהלע די שבתדיקע ארבעט אין פאַבריק
„דרייט צונויף א פאָדעם,
„פלעכט צונויף א שטריק.
„אוי, דו געטאָ פינצטערע,
„דויערסט שוין צו לאַנג,
„און דאָס האַרץ אַזוי פאַרקלעמט,
„טוט אַזוי באַנג.

„איר געטרייער הערשעלע איז אוועק, ניטאָ,
„זינט פון יענעם שבת, זינט פון יענער שעה.
„איז פאַרטרויערט רבקהלע,

„יאָמערט טאָג און נאכט,
„און אצינדביים רעדעלע,
„זיצט זי זיך און טראכט:

„ווו איז איצט מיין ליבינקער, לעבט ער כאָטש נאָך ווו,
„אפשר אין א קאָנצעטלאגער,
„ארבעט שווער אָן רו.
„אוי, ווי פינצטער איז אים דאָרט,
„ביטער איז איר דאָ,
„זינט פון יענעם שבת אָן,
„זינט פון יענער שעה".

אין מויל פון פאָלק האָט מען דאָס ליד אביסל געענדערט, צוגעגעבן דעם אקאָרד, וואָס איז ביי קאפלאנען נישט געווען — אז רבקהלע שפינט א שטריק פארן תלין, וואָס האָט איר מאַן דעם אומשולדיקן אומגעבראכט 7).

דאָס ליד וועגן „רבקהלע דער שבתדיקער" איז געוואָרן א באליבטער מאָטיוו פון געטאָ. די מעלאָדיע, וואָס איז פארפאסט געוואָרן דורכן זעלביקן פסח קאפלאן, פארמאָגט אין זיך א שטילן, באַגנדיקן ווי מיט א פאַרטוי־אויסגעשריי נאָך דעם לכתילהדיקן, וויינענדיקן פיאַנאָ. נישט געקוקט אויפן מאנגל ביי קאפלאנען פון דעם קאמף־רופנדיקן אקאָרד, האָבן אפילו אָט די שטיל־לירישע ווייכע פערזן געווירקט און געוועקט נישט בלויז א טענה, נאָר אויך א פראָטעסט צו די אכזריותדיקע אויסראָטער.

פסח קאפלאן האָט אין געטאָ געלעבט פון דעם, וואָס ער האָט סטיליזירט, שפראכלעך אויסגעגלעטיקט די מעלדונגען פונם יודענראט. אזוי ארום האָט ער געהאט א צוגאנג צוס א סך ענינים, וועלכע זיינען געווען פארבאָרגן פארן ברייטערן עולם. אלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט, האָט ער פארצייכנט, און האָט אונז איבערגעלאָזט צוויי וויכטיקע דאָקומענטן, צוויי פנקסים: איינער וועגן דער געשיכטע פון יודענראט, דער צווייטער — „חורבן ביאליסטאָק", וועגן דער ערשטער ליקווידאציע פון פעברואר 1943. אויב דאָס ערשטע איז געהאלטן אין א זאכלעך־טרוקענעם, אינפאָרמאטיוון נוסח, הייבט זיך אָן „חורבן ביאליסטאָק" מיט אן איכה־טאָן: „ווו נעמט מען דעם איכה־קלאָגער אויפן חורבן ביאליסטאָק?" און דער פארפאסער גייט איבער צו שילדערן די גרויליקע געשעענישן,

7) ג"ע פון י. ריווקינד

כדי א שלאָג צו טאָן ביים סוף אין שטאַרקע אַנטי־היטלעריסטישע שלוס־אַקאָרדן, שוין גאָרנישט מעשה „רבקהלע די שבתדיקע". דער מחבר טרעט אַרויס אָפן קעגן „דעם הויפּט פון די תלינים, דעם שולדיקן אין דעם דאָזיקן מאַסן־מאָרד!" צווישן די פּנקסים, וואָס קאַפּלאַן האָט איבער־געלאָזט, איז קענטיק א בולטער אונטערשיד. שרייבנדיק וועגן יודענראַט, האָט קאַפּלאַן צו אים א מילדע און „זאַכלעכע" באַציִונג. שרייבנדיק וועגן חורבן, קאָן ער זיך שוין נישט באַהערשן, ער רעוואָלטירט, ער איז אַנ־טוישט און פאַרביטערט און שרייט אויס זיין פּראָטעסט.

דער שוידערלעכער גורל פון געטאָ, דאָס וויטיקן מיט די צרות פון פאָלק, האָט דעם אַלטן שרייבער צעבראָכן פיזיש, אַרונטערגעריסן זיין געזונט. בעת דער ליקווידאַציע אין פעברואַר 1943 איז ער שוין געווען א חולה מסוכן. פריינט באַהאַלטן אים דעמלט אין סטעפענס פאַבריק. קאַפּ־לאַן קאָן נישט איינזיצן רויק. ער בלוטיקט פון זיך אַרויס: „יידן, נקמה, נקמה! כ'וועל עס נישט אויסהאַלטן!" 8).

דעם אַלטן קאַפּלאַן איז באַשערט געווען דאָס גליק צו שטאַרבן מיט א נאַטירלעכן טויט. ער איז געשטאָרבן אין דער צייט צווישן די צוויי ליקווידאַציעס, מען האָט אים געמאַכט א גרויסע לוויה און מקבר געווען אויפן נייעם געטאָ־בית־עולם אויף זשאַביע גאַס.

אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט מען א סך געשריבן, דער עיקר פּנקסים. אָן ענלעכע דערשיינונג לאָזט זיך אָבסערווירן אויך אין אַנדערע געטאָס. עס איז צו באַוווּנדערן די ענערגיע פון הונגעריקע און אייביק אומרויִקע מענטשן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַראייביקן די שוידער־לעכע צייט און איבערצוגעבן עס בירושה די וויטערדיקע דורות מיטן גלויבן, אַז היטלער וועט פאַרשפּילן, די מלכות הרשעה וועט פאַלן, און דאָס יידישע פאָלק וועט אויסדויערן, דער יושר וועט מנצח זיין. ווען נישט אָט דער גלויבן, וואָס איז געווען א פאַרלייקענונג פון דער צוריק־אין־געטאָ־מיסטיק, וואָלט נישט געווען ביי די מענטשן קיין כוח און קיין זין צו שרייבן און איבערצולאָזן א באַשולדיקונג־אַקט.

א חוץ קאַפּלאַנען האָט געשריבן א טאָג־בוך אין געטאָ אשר טשאַ־נאָוויטש, וועלכער איז געפאַלן אין דער צווייטער ליקווידאַציע 9). דאָס טאָג־בוך האָט זיך, ליידער, ביז היינט נישט אָפּגעפונען.

א פּנקס האָט אויך געשריבן ירוחם באַסראַך, אַליין נישט קיין אָנער־

---

8) רייזנער, ז"ז 155—158.

9) ג"ע פון ש. גרינשטיין.

קענטער פען־מענטש, אָבער א ייד א יודע ספר, א משכיל, וואָס האָט גע־קאָנט האלטן א פעדער אין האנט. באַראך האָט געארבעט ווי דער אר־כיוויסט פון יודענראַט. באַנאַנד מיטן מחבר, וואָס איז אוועק מיט דער ערשטער ליקווידאציע, איז אויך פארלוירן געגאַנגען זיין טאָג־בוך, וועלכן ער האָט באַוויזן ערגעץ געבן צו באַגראָבן, ער האָט נאָך באַוויזן ביים אוועקגיין צום גירוש איבערצוגעבן עמיצן זיינע כתבים 10).

א טאָג־בוך פון געטאָ זאָל אויך האָבן געפירט דער פּאָפּולערער וואַרשעווער גראַפיקער און קאריקאטוריסט ח. גאָלדבערג (חגי), וועלכער האָט זיך, ווי אנדערע, געפונען אין ביאַליסטאָק. אויך אין דעם פאַל איז אומגעקומען דער פארפאסער באַנאַנד מיט זיין חיבור 11).

א כראָניק וועגן די קריגס־אָפּעראַציעס און די העלדישע קאַמפן פון דער רויטער ארמיי האָט בשתיקה געשריבן דער זשורנאַליסט משה וויסאָצקי, אַמאָליקער רעדאַקטאָר פון „ביאַליסטאָקער שטימע“, וועל־כער האָט געלעבט אין געטאָ אין גרויס נויט. אויך די דאָזיקע כראָניק איז נישט דערגאַנגען ביז אונזערע טעג 12).

אינם פּאַרגעפיל, אַז א גאַנץ לעבן ווערט פארשניטן, האָבן יידן גע־שטרעבט צו פארפיקסירן אין כתב די פאַרגייענדיקע עפּאָכע. אַזוי האָט דער אַלטער עסקן יהושע העשל קלעמענטינאָווסקי געשריבן מעמוארן פון זיין לעבן — און אויך דאָס איז אוועק מיטן פייער! 13).

נישט פעסטגעשטעלט ביז איצט איז דער נאָמען פונם מחבר פון דער 16־זייטיקער ארבעט „צו דער געשיכטע פון די ביאַליסטאָקער יידן אין דער צייט פון דייטש־סאָוויעטישן קריג“, וועלכע איז געפונען געוואָרן צווישן די אויסגעגראָבענע מאַטעריאַלן פונם יודנעראַט־ארכיוו 14). די ארבעט פארנעמט זיך קודם כל מיט עקאָנאָמישע פראַגן פון געטאָ־לעבן, אָבער אויף א ריי זייטן ברענגט זי ארויס שטעלונגען פון מחבר און פון דער געטאָ־מאַסע. די ארבעט איז געשריבן אין א שיינער ליטעראַרישער פאָרם, אין א דיאַלעקט פון ביאַליסטאָקער פּראָווינץ. דער מחבר איז —

---

10) ג"ע פון ז. קאָלעשניקאָוו. לויט א געוויסער סברה, זאָל ירוחם באַב־ראַך האָבן ארויסגעגעבן א פוילישער פרוי צו באַהאַלטן זיין ארכיוו.

11) רייזנער, ז' 139.

12) רייזנער, ז"ז 61, 130, 157.

13) קלעמענטינאָווסקי — דאָרטן.

14) ארכ' ייה"א, נ' 1941.

ווי עס דרינגט ארויס פון טעקסט — נישט קיין חושב פון דער שטאָט ביאַליסטאָק. געשריבן איז די זאַך געוואָרן אין חודש אפריל 1943[15].

דער מחבר פאַלט אָפּט אַריין אין א יאוש־שטימונג: פאַר וועמען שרייבט ער, בעת אַלץ איז פאַרמשפט אויף אומקום. אָבער עס איז גובר דער גלויבן אין דער צוקונפט, אין ענדגילטיקן זיג איבערן היטלעריזם; עס קלינגען ממש נביאיש אַזעלכע ווערטער:

„ווער ווייס, אפשר וועט אַמאָל קומען א צייט, ווען אונזערע איצטיקע שטום־פאַרשעמטע ריזן־בית־עולמס וועלן אָנהייבן רעדן... אפשר וועט קומען א נייער ירמיהו, וועלכער וועט פאַר גאָט און וועלט פאַנאַנדערוויקלען די שוידערלעכסטע מגילה פון מענטשלעכער רשעות און טראַגיק, די גרעסטע טראַגעדיע, וועלכע די וועלט האָט ווען עס איז געזען?

„אפשר וועלן אויף די קברים פון אונזערע קדושים אַמאָל פאַרבויגן די קעפּ מיט אמתן טרויער און פּיין יענע פעלקער, וואָס זייערע פאַרברעכערישע זין און פירער האָבן צוגעלייגט א האַנט צו אונזער פאַרניכטונג?"

דער מחבר פאַלט ווידער אַריין אין יאוש און רופט אויס: „נאַיווע מחשבות!... א פאַרפייניקטער יאוש־געפיל פרעסט כסדר דאָס האַרץ"... אָבער דערנאָך קומט ווידער אויף ביי אים דער באַוווסטזיין פון דער נויטיקייט צו פאַרשרייבן אַלץ, כדי עס איבערגעבן די קינפטיקע דורות, וועלכע וועלן זיין געוויס פריי, וואָרעם: „מען טאָר אונזער גרויליקע געשיכטע נישט פאַרשווייגן, מען טאָר נישט לאָזן אַראָפּזינקען אין תהום פון פאַרגעסנקייט אונזער בלוט און טרערן. מיר מוזן אויפדעקן אונזער טראַגעדיע אין איר גאַנצער קאָנקרעטער גרוילקייט, אין איר גאַנצער בלוטיקער פילפאַרביקייט. אַלץ פאָדערט א זכר. אונזער פאָלק האָט שטענדיק געזאַמלט און אויפגעהיט זיינע פאַרגאָסענע טרערן אין א געשיכטלעכן לאָגל". און דער מחבר וואַרפט פאָר די יודענראַטן, פאַרוואָס זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט זאַמלען די דאָקומענטן פון גרויל[16].

צו דער פנקסים־ליטעראַטור פון ביאַליסטאָקער געטאָ דאַרף אויך פאַרעכנט ווערן די קורצע אַרבעט פון מ. קין: „די שטימונג אין געטאָ", וועלכע איז אויך געפונען געוואָרן צווישן די אויסגעגראָבענע מאַטעריאַלן[17]. עס איז א סברה, אַז מ. קין איז נישט קיין אמתער נאָמען,

---

15) דאָרטן, ז' 13—14.
16) דאָרטן, ז' 4—5.
17) אַרכ' ייה"א, נ' 1465.

נאָר א פסעוודאָנים פונם פארפאסער, וועלכער זאָל אמאָל האָבן געווען א מיטארבעטער פון דער יידישער סאָציאליסטישער פרעסע אין פוילן. אין א פיינער ליטערארישער שפראך שילדערט מ. קין די שטימונגען פון די געטאָ־יידן אין דער צייט נאָך דער ערשטער ליקווידאציע; דער מחבר פאר־צייכנט די שטימונג ווי פון טויט־פאראורטיילטע; קיין ווידערשטאנד־טאָן איז אין מ. קינס כראָניק נישטאָ.

מ. קין שילדערט צווישן אנדערן דעם אומקום פון אלטן יידישן היס־טאָריקער א. ש. הערשבערג.

אויף א בוידעם־שטיבל אויף געלדאָווע־גאס איז געלעגן דער זקן, דער אלטער יידישער היסטאָריקער און רעדאקטאָר פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין ביאליסטאָק א. ש. הערשבערג. די לעצטע חדשים און טעג פון זיין מיזאמען לעבן האָט ער געווידמעט אויף פארענדיקן בהפזון זיינע זכרונות, וואָס האָבן געדארפט ברענגען צום אויסדרוק א גרויסע תקופה אין דער געשיכטע פון פאָלק. ער האָט פלייסיק געארבעט אן ארומגעלייגטער מיט דיקע כתב ידן, וואָס האָבן אומזיסט געווארט אויף זייער תיקון, אויף א פארלעגער, צווישן זיי — די געשיכטע פון די יידן אין ביאליסטאָק, די געשיכטע, וואָס האָט געהאט אזא טראגישן פינאל.

דער אלטיטשקער האָט שוין דעמלט געהאט 85 יאָר.

דער סוף פון שמואל הערשבערגס וואנדערונג איז געווען א טראגי־שער. אָט ווי עס שילדערט דעם לעצטן וועג פון אָט דעם גרייז־גראָען יידישן היסטאָריקער א יידישער פאָליציאנט, וועלכער האָט זיך באטייליקט אין דורכפירן די ערשטע ליקווידאציע פון דער ביאליסטאָקער עדה אָנהייב פעברואר 1943:

„די מענטשן־ראקערס זיינען אריין צום זקן, געהייסן אים זיך אָנטאָן און גיין מיט זיי. איבער פרעגט אים זיין באשעפטיקונג. הערשבערג ענט־פערט: א שריפטשטעלער. א צווייטער הענקער שטעלט די פראגע, וואָס ער שרייבט. אויף דעם גיט הערשבערג א שטאָלצן ענטפער: „דו ביזט צו דום, זאָלסט עס קאָנען פארשטייך”. האָט מען אים אָנגעהויבן שלאָגן.

„הערשבערגס טאָכטער האָט זיך אָפגעזאָגט צו גייך, און געפאָדערט מען זאָל זיי אויפן אָרט דערשיסן, אָדער הענגען, איז צוגעגאנגען א ראָ־קער, ארויפגעוואָרפן א שליף און אזוי ארויסגעשלעפט די טאָכטער מיטן אלטן אויף דער גאס. נעבן דער יודענראט־פאבריק אויף קופיעצקע 48 ראָג יורעווער האָט מען אלעמען אויסגעשטעלט. הערשבערג, אן אָפגע־שוואכטער פון אלטקייט און פון דער אדורכגעמאכטער שווערער לונגען־אָנצינדונג, איז אנידערגעפאלן אויף דער ערד. ער איז געבליבן ליגן אויפן

ברוק, איבערן רינשטאָק. די טאָכטער איז געווען מיט אים. בעת מען האָט געבראַכט נאָך קרבנות האָט מען אָנגעהויבן צונויפדריקן די מענטשן. הערשבערג, וועלכן מ'האָט געהאַט אויפגעהויבן, האָט זיך צונויפגעקאָר־טשעט צו פאַרנעמען ווייניקער פּלאַץ. מ'האָט אים צו דער באַן אָפּגעפירט אויף א פור 17א).

אויך א. ש. הערשבערגס כתבים זיינען געבליבן ערגעץ אונטער דער ערד, אונטער די חורבות פון גילדאָווע־גאַס נומ׳ 7. דאָרטן זאָל עמע־צער זיי האָבן באַגראָבן 18).

דער צווייטער זקן, דער אלטער משכּיל און פאָלקלאָריסט חיים צבי זאבלודאָווסקי האָט זיך געשלעפּט איבער די פאַרוואָרלאָזטע געטאָ־געס־לעך. ער האָט ווייטער געשפּרודלט מיט ווערטלעך און פאָלקס־מעשׂיות — אויף נייע טעמעס. יעדעס ווערטל — א שטאָך אין דעם דייטש, אין זיינע יוצר משרתים. אזוי איז ער ארומגעגאַנגען א לעבעדיקער מת, ביז די צווייי־טע ליקווידאַציע האָט א סוף געמאַכט צו זיין לעבן 19).

און זאָל שוין דאָ דערמאָנט ווערן א צווייטער זאבלודאָווסקי, אויך א זקן און אויך מיט א קינסטלערישער נשמה, פּונקט ווי דער ערשטער אן אייגנאַרטיקע געשטאַלט פון ביאַליסטאָקער קולטור־וועלט — אלטער זאַ־בלודאָווסקי, דער פּאָפּולערער און אייגנאַרטיקער לייענער־אינטערפּרעטאַטאָר פון שלום־עליכמען. ער האָט זיך באַוועגט איבער פאַרחושכטע געסלעך פון געטאָ ווי א שטיק לעבעדיקע מאָנונג און רוף צו אויסדויער און נקמה. ארומגעבונדן מיט א שטריק, מיט א טעפּל נאָך אביסל געקעכטס איז ער געשטאַנען אין דער ריי און נישט געשוויגן, נאָר דערציילט וועגן דע־סאַנטן, וואָס לאָזן זיך אראָפּ אין רוקן פון די דייטשע חיילות, וועגן רויטע דיוויזיעס, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער נאָענט — ידיעות, אויסגע־חלומטע אין זיין פאַנטאַזיע, אָבער לעבן־נויטיקע פאַרן נידערגעשלאָגע־נעם פאָלק.

אוועק איז ער מיטן אומקום־שטראָם פון דער צווייטער ליקווידאַ־ציע 20).

דערהויבן זיינען געווען די לעצטע טריט פון דעם דיכטער זישע באַ־גיש.

17א) אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נ׳ 2119.
18) ג״ע פון ש. גרינשטיין.
19) דאָרטן.
20) דאָרטן.

אוועקגענומען האָט מען אים בעת דער ערשטער פאַרטיליקונג־אַקציע. אַרויסגעריסן פון געטאָ און אָפּגעשיקט אין אַ לאַגער. און אָט איז זיין לעצטער מענטשלעכער אויפטו און אַליין־קרבן, ווי עס דערציילט אַן עד ראיה:

„דער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן סאָקאָלאָוויטש, וועלכער האָט געזאָלט אָפּגעפירט ווערן אין גאַז־קאַמער, איז אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענער הין און צוריק איבערן באַראַק. דער באַקאַנטער שרייבער זישע באַגיש, דערזעענדיק סאָקאָלאָוויטשן אין אַזאַ מצב, האָט אים צוגערופן און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: „דו ביזט נאָך יונג און געזונטער פון מיר, איך בין שוין שוואַך און וועל דעם גיהנום נישט אויסהאַלטן, וועל איך דיר געבן אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך. איך וועל מיט אַ פרייערן געמיט גיין אָנשטאָט דיר אין גאַז־קאַמער, אין דעם באַוווּסטזיין, אַז דורך מיין קרבן ראַטעווע איך אַ צווייטן ייד". סאָקאָלאָוויטש האָט באַגישן קיין תשובה נישט געגעבן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַוועק אויף זיין נאַרע. ביינאַכט, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויספירן פון בלאָק די קרבנות, וואָס דאַרפן גיין צו פאַרגאַזונג, גייט־צו באַגיש צו סאָקאָלאָוויטשן, געזעגנט זיך מיט אים, ווינטשט אים צו דערלעבן די באַפרייונג און — גייט אַוועק מיט דער גרופּע 21).

די יונגע דיכטער, וואָס זיי איז באַשערט געווען נאָך בלייבן אַ געוויסע צייט אין געטאָ נאָכן אַרויספירן זייער עלטערן חבר, זיינען געווען באַקאַנט אין די יידישע קולטור־קרייזן מיט נייע לידער, געשאַפן אין דער צייט פון גרויל. לידער איז צו אונז אין אַ געשריבענער פאָרם נישט דערגאַנגען קיין איין ליד פון דער שרייבערישער יוגנט. מיר קאָנען זיך שאַפן אַ שטיקל בילד נאָר פון דערציילונגען פון עדי ראיה, וועלכע געדענקען אָפּט אויף אויסענווייניק פראַגמענטן פון יענע ליטעראַרישע שאַפונגען.

אין די יוגנט־רייען זיינען געווען באַקאַנט די צוויי ווילנער ברידער לייבל און קאָפּל וויינשטיין, דער ערשטער אַ דיכטער, דער צווייטער אַ מוזיקער. לייבל וויינשטיינס מאָטיוון זיינען געווען אַ געמיש פון טרויער און גלויבן; אין אַ ריי לידער האָט ער גערופן צום קאַמף און אויך געשפּיגלט אַ וויזיע פון צוקונפט. ער האָט אויך געשריבן טאָג־נאָטיצן און געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר אַן אָקופּאַציע־אַרכיוו. קאָפּל וויינשטיין האָט געשריבן מוזיק צו זיין ברודערס מאָטיוון, צווישן אַנדערע אַ מאַרש צום מאָטיוו „סטאַלינגראַד". לייבל וויינשטיין איז אומגעקומען אין וואַלד, געפאַלן אין

21) רייזנער ז"ז. 270—271.

פארטיזאנישן קאמף. זיינע כתבים זיינען ערגעץ באגראָבן געוואָרן, אָבער מ׳האָט זיי נישט געפונען 22).

דער ווידערשטאנד־אקטיוויסט משה בוך געדענקט דעם אינהאלט פון לייבל ווײַנשטיינס א ריי שאפונגען. ער גיט איבער זיינע לידער. די לידער זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אן אינערלעכן געראנגל, עס האָבן אין דעם דיכטערס הארץ געקעמפט צוויי געפילן: די זעלבסטשפּירונג פון אייגענער שוואכקייט, דער באוווסטזיין, אז אלץ איז פארלאָרן, און — דער דראנג צו נקמה, צו טאט. דער לייט־מאָטיוו פון ווײַנשטיינס לידער דריקט זיך אויס אין דעם געבעט־פערז זיינעם: „גאָט, מאך שטארק מיין נשמה". אָפּט רייסן זיך פון דעם דיכטערס פען ארויס אזעלכע לײַדנשאפטלעכע אויסגעשרייען:

„און עס וועט מיך רופן: שטיי אויף, קום אהער,
„קום, נעם מיין נוקם־ונוטר־שווערד!"

אָבער באלד פאלט ער אריין אין דער שפּירונג פון אייגענער מאכט־לאָזיקייט. לייבל ווײַנשטיינס לידער — זאָגט מ. בוך, — זיינען געווען אן אויסדרוק פון דעם אינערלעכן געראנגל ביי דער אינטעליגענטישער יוגנט, וועלכע האָט זיך געפּייניקט אין איר אָנמעכטיקייט לגבי דעם באַוואָפנטן שונא און דאָך האָט זי זיך געריסן צו מעשים. די ברידער ווײַנשטיין האָבן זיך געפונען אין די ווידערשטאנד־רייען און דערנאָך געקעמפט אין וואלד, ווו זיי זיינען אומגעקומען.

שעפעריש איז געווען דער ליריקער משה („שלמהקע") בורשטין. בורשטין, אן ארבעטער בן ארבעטער, א שטעפּער פון פאך, א קאָמיוגישער אקטיוויסט פון פאר דער מלחמה און א טעטיקער אין דער אנטי־פאשיסטישער אונטערערדישער באוועגונג אין געטאָ, איז געווען באשאָנקען מיט אן עכטער פּאָעטישער נאטור. זיין טאלאנט האָט אויפגעגלאנצט אין דער סאָוויעטישער תקופה פון ביאליסטאָק, ער האָט דעמלט א סך געשריבן און געדרוקט. ער איז געווען א רעוואָלוציאָנערער ליריקער. אין דער געטאָ־צייט האָט ער א סך געשריבן. זיינע לידער האָבן אויסגעדריקט די שטימונג פון געטאָ. אין מאָג־טעגלעכן לעבן איז ער געווען אקטיוו, זיין דירה אויף טשעפּלע איז געווען א טרעף־פונקט פון די קאָנספּיראטיווע קאָמוניסטישע טוער, וועלכע האָבן קריטיקירט בורשטינס יאוש־מאָטיוו אין זיין נייעסטער דיכטונג 23).

---

22) גראָסמאַן ז׳ 107 און 374; אויך: ג"ע פון קלמן באראַקין.
23) ג"ע פון מ. בוך.

אין געטאָ זיינען אויך געווען די יונגע דיכטער דזשעק גאָרדאָן און מייזלער. עס איז באַוווּסט אַז זיי האָבן געשריבן, אָבער קיין ממשותדיקע שפּורן פון זייערע געטאָ־לידער זיינען צו אונז נישט דערגאַנגען.

אַז אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז געווען אַ ליטעראַריש לעבן, זאָגט עדות כאַטשבי דער פאַקט, וואָס עס זיינען אויפגעקומען נייע טאַלאַנטן און וואָס מ׳האָט אויף קרייזלעך געלייענט זייערע שאַפונגען. אַ ניי געוויקס איז געווען דער יונגער הערשל פלוימענבוים, ער האָט געשריבן בונטאַרע לידער, געשאַפן מאָטיוון פון קאַמף און עס אָפט פאָרגעלייענט פאַר חברים. עס איז ביי אָט דעם דיכטער־אָנפאַנגער נישט געווען קיין ווידערשפּרוך צווישן אייגענעם פּאַקטישן מאָטיוו און אייגענע מעשׂים. ער האָט זיך באַטייליקט אינם אויפשטאַנד און איז געפאַלן אין קאַמף 24).

אַן עד ראיה 25) גיט אויך איבער וועגן אַ יונגן דיכטער פון ביאַליסטאָקער געטאָ שלמה בורשטיק. לויטן עד ראיה האָט ער אַריינגעטריפט טרייסט אין די הערצער פון זיינע אחים לצרה אין געטאָ און דערנאָך אין בליזשינער לאַגער מיט זיינע טרעפלעכע און שאַרפע אַנטידייטשע סאַטירעס און לידער וועגן דער באַפרייערישער ראָל פון דער רויטער אַרמיי. גרויס פרייד האָט ביי זיינע צוהערער אַרויסגערופן דאָס פאָלקסטימלעכע ליד „כאַשע־לאַה״, וווּ שלמה בורשטיק האָט זיך באַמיט צוריקאויפשטעלן אין פערזן דעם אָקאָרשט פאַרשניטענעם שטייגער, דעם ווייבערישן מענה־לשון און פאָלקס־בטחון. דער יונגער סאַטיריקער איז אומגעקומען אין לאַגער.

עס קאָן זיין, אַז דאָס מיינט דער עד ראיה דעם פריער דערמאָנטן משה בורשטין.

וועגן דעם לעבן און די שאַפונגען פון אַנדערע שרייבער געטאָ־אַסירים איזיק רוסקאַלענקער, משה טייכמאַן, זבולון רייבאָוויטש איז נישט באַוווּסט. עס איז נעלם געוואָרן נאָך זיי יעדער שפּור, און עס איז אויך גאָרנישט געבליבן נאָך זייער לעצטן שרייבערישן פּרק.

צו די שאַפונגען פון געטאָ־אונטערערד דאַרף מען אויך פאַררעכענען די הייס־בלוטיק געשריבענע כראָניק־נאָטיצן פון מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף, וועלכע דערהייבן זיך אָפטמאָל צו קינסטלעריש־אויסגעדריקטן מאַטעריאַל. אַ קינסטלערישע נשמה פילט זיך אויך אין די שריפטן פון דער יונגער צפורה בירמאַן. די כתבים פון אָט די צוויי האָבן געהאַט

---

24) ג״ע פון א. אָסאָוויצקי און ב. שאַצמאַן.
25) ג״ע פון לערער משה קוואַטער.

מער מזל ווי וויינשטיינס, בורשטינס, פלוימענבוימס און זיינען דערגאנגען צו אונז.

עס וועט נאָך ווייטער אויסקומען ציטירן טענעבוימען און בירמאַן און צו באקענען מיט דעם אָטעם פון זייער ארט שרייבן און אינהאלט פון זייערע ליטעראַרישע צוואות 26).

* * *

עס האָט אין ביאַליסטאָקער געטאָ געלעבט אַ גרעסערע גרופּע טאַלענטירטע יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער, אַרטיקע און פּליטים פון וואַרשע און לאָדזש. צי האָבן זיי געקאָנט אין דעם געטאָ־תהום פירן אַ שטיקל קינסטלערישע טעטיקייט? עס איז דאָ בלויז איין שפּור, עטלעכע בילדער פון דער מאָלערין סטאַניסלאַווא צענטנערשווער 27), אָבער עס איז שווער צו זאָגן אויף דעם סמך, אַז אַ קינסטלעריש לעבן איז דאָרטן יאָ געווען. די פּלאַסטיקער־גרופּע פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז אומגעקומען אינאיינעם מיט אַלע יידן. דאָס זיינען:

די ברידער זיידענבייטל, אברהם פרידמאַן און זיין פרוי, אויך אַ מאָלערין, יצחק קשעטשאַנאָווסקי, נאַטאַליע לאַנדוי, חיים טיבער, ראָל־ניצקי, זיגמונט האַבער, ראָזאַנעצקי, פרוי צענטנערשווער אינאיינעם מיט איר מאַן סמוגלאַ, די ברידער שאַפּראַן, מאַן, באַרענשטיין, די ברידער ציט־רין, די סקולפּטאָרן — מעסער און אברהם סקורניק, די גראַפיקער טי־נאָוויצקי, ח. גאָלדבערג 28), ראַפּאַפּאָרט (אַ געשמדטער), דער קונסט־קרי־טיקער סטראַקון 29).

עטלעכע פון די קינסטלער האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי קעמפער אין

---

26) אין די אויסגעגראָבענע מאַטעריאַלן פון ביאַליסטאָקער אַרכיוו געפינט זיך אַ צעטעלע מיט אַן אויפשריפט וועגן דעם, אַז דער אַדוואָקאַט ווינצענטי פירשטענבערג האָט איבערגעלאָזט אַ מאָנאָגראַפיע וועגן גראָדנער געטאָ אויף 240 זייטן מאַשין־שריפט; די מאָנאָגראַפיע איז געשריבן געוואָרן ביי דער מיטהילף פון ה. ברוידע און זאָל זיך געפינען ביי אַ געוויסן ניעמטשענאָוויטש אין גראָדנע (אַרכ׳ ויה״א, נ׳ 173).

27) די דאָזיקע בילדער שטאַמען אָבער, ווייזט אויס, פון דער ערשטער העלפט 1941.

28) גאָלדבערג־חגי האָט געלעבט פון דעם, וואָס ער האָט גראַפיש אויסגעפאַרטיקט די מעלדונגען פונם יודענראַט, וועלכער האָט אין זיין רשות קיין דרוקעריי נישט געהאַט.

29) אינפאָרמאַציע פון קינסטלער פּאַצאַנאָווסקי א״א.

די פּאַרטיזאַנישע רייען: דער האַלץ־שניצער זלמן כאַלעף, אַברהם סקורניק, סמוגלאַ. די אַנדערע זיינען אַוועק מיט די טויזנטער מאַרטירער צום טויט.

אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז אויך געווען דער לאָדזשער פּראַגרע־סיווער רעזשיסער גרישא סעגאַלאָוויטש, דער אינסצעניזאַטאָר פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַס בוך „אָבליטשע דניא" 30).

דאָס געטאָ האָט געזונגען נישט בלויז לידער פון באַקאַנטע, קוואַליפיצירטע דיכטער. דעם געטאָ־טרויער און פּראָטעסט האָבן אויסגעזונגען אויך פּשוטע יידישע פאָלקס־מענטשן אין פּראָסטע, אָפטמאָל אומגעלומפּערטע, האַמעטנע, ווייט נישט פּאָעטישע פערזן, וואָס האָבן אָבער געשטראָמט פון טיפן האַרצן און האָבן אויסגעדריקט נישט בלויז די בייזע צייט, נאָר אויך די שטימונגען פון פאָלק.

אין די דאָזיקע פאָלקס־לידער זינגט זיך וועגן די כאַפּערייען פון דעם אויסוואָרף פּרידעל („גיי מיין קינד שלאָפן") 31); עס ווערט אויך געשילדערט דאָס טרויעריקע לעבן אין געטאָ און עס ווערן אַטאַקירט די נייע יודענראַטישע און פּאָליציאַנטישע תקיפים:

„אוי, פרויען לויפן פון דער אַרבעט,
גייען אין יודענראַט אַריין,
און זיי פרעגן אויף די „שבתדיקע" מענער,
ווען וועלן זיי שוין זיין...

„מאַרקוס האָט געהאַט פאַבריקן,
געווען איז ער א פאַבריקאַנט,
און ווי דער דייטש איז געקומען
געוואָרן איז ער א געטאָ־קאָמענדאַנט".

(„אין ביאַליסטאָקער געטאָ") 32).

דאָס פאָלק האָט געשאַפן צו די אייגענע לידער מעלאָדיעס, ס'רוב באַקאַנטע ניגונים פון סאָוויעטישע געזאַנגען. אַזוי האָט מען די מעלאָדיע פון „נאַ ריבאַלקע" צוגעפּאַסט צום ליד „א גאָלדענע צייט". אָט זיינען עטלעכע פראַגמענטן:

---

30) ג"ע פון קוציקעוויטש, אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2120.
31) אַרכ' ייה"א, נ' 74/47.
32) אַרכ' ייה"א, נ' 73/47.

„אַ גאָלדענע צייט"

ליד, געזונגען אין ביאַליסטאָקער געטאָ אויף דער מעלאָדיע פון סאָ־וויעטישן ליד „נאַ ריבאַלקע" איבערגעגעבן דורך בערל דזשאַניעק 33).

מיר האלטן אלע אויך אין זכרון,
אין געטאָ איז א קאָמיסיע אריינגעפאָרן,
טשיכאָ שא, טשיכאָ שא,
אָרדענונגס־דינסט באַוויזט צאָ טאָ יא.

רעפריין:

אוי, אוי, אוי,
א גאָלדענע צייט,
די ישועה איז שוין אויכעט ניט ווייט,
ברידערלעך, נישט געפאלן זייט,
ס'וועט נאָך זיין אָל־רייט.

מיר ארבעטן אין געטאָ־בעטריבן
מיר נייען און מיר צירעווען, מיר נייען און מיר שטריקן,
און א פוטיאָווקע שרייבט מען אונז אויס,
נאָך טרעבלינקע שיקט מען אונז ארויס.

רעפריין:

דאָנערשטיק אינדערפרי גיי איך מיר ארויס פון געטאָ,
איך גיב א קוק ווי יעדער איינער טראָגט זיך א פעקל,
פרעג איך אים: וואָס פאר א געדודער,
ענטפערט מען מיר: פארשטעק זיך, גוטער ברודער.

רעפריין:

פרייטיק אינדערפרי, ווען די באנדיטן זיינען אריינגעקומען,
און זיי האָבן אלע יידן נאָך אוישוויץ צוגענומען,
און דער יודענראט האָט אונז געגעבן צו ברויט
און מען האָט אונז אלעמען אוועקגעפירט צום טויט.

---

38) ארכ' יוה"א, נ' 72/47.

שטארק פאָפולער איז געווען דאָס ליד וועגן דעם עבודת־פרך־לאגער אין דעם הינטערשטאָטישן גוט פון היטלערישן גענעראל העללוויג — מאַר־קאָוושטשיזנע. דאָס ליד האָט זיך — טראָץ דעם טרויעריקן מאָטיוו — פאַר־ענדיקט מיט א האָפענונג־אקאָרד. דאָס ליד איז געשאפן געוואָרן ווארשיינ־לעך דורך דעם לערער צוקערמאן אין יוני 1943 (34.

עס זיינען אין מויל פון פאָלק געבוירן געוואָרן לידער אויך אין דער פוילישער שפראך, לידער קעגן די יודענראטלער, סאטירישע מאָטיוון, וואָס האָבן דערציילט וועגן דעם זנות און אויסגעלאסנקייט פון די „שטאָט־טאטעס", לידער וועגן גורל פון יידישן פאָלק, וועגן דער רויטער ארמיי.

נישט געקוקט אויפן טרויער־טאָן, וואָס ליגט אין אָט די אלע פאָלקס־מאָטיוון, שלאָגט זיך פונדעסטוועגן אדורך אין זיי דער געפיל פון גלויבן און פון אויסדויער.

אָט דער געפיל האָט אין געטאָ באקומען א ממשותדיקן אויסדרוק און א תיקון — אין דער ווידערשטאנד־באוועגונג, וועלכע איז אויפגע־קומען כמעט צוזאמען מיטן אנטשטיין פון געטאָ. אינאיינעם מיט אָט דער צוואנג־איזאָלאציע פון יידן פון דער ארומיקער וועלט איז אויפגעקומען די שטרעבונג צו באקעמפן דעם אנגעוואָרפענעם תחום, די שטרעבונג קעגנצושטעלן זיך סיי דעם פאשיזם, סיי דעם גייסט פון יודענראט.

(34 ג"ע פון אניע ווינציגשטערן, ארכ' ייה"א, פראָט' נ' 1973.

צווייטער טייל

דער אויפקום פונם ווידערשטאַנד

קאפיטל איינס

די פיאָנערן פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג

די ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וואָס איז אויפגעקומען אין ביאַליס-טאָקער געטאָ, איז געווען א טייל פון דער גאַנצער קאמף־באַוועגונג, וועל־כע האָט זיך אויפגעהויבן אין די אָקופּירטע געביטן אויפן רוף פון דעם פירער פון דער גרויסער פּאטריאָטישער מלחמה קעגן דעם דייטש־פאשיס־טישן אריינדרינגער — פון יאָסיף וויסאריאָנאָוויטש סטאלין.

אין זיין ערשטן ארויסטריט נאָכן אָנפאל פון דער היטלעריסטישער ארמיי אויפן ראטנפארבאנד, אין זיין בארימטער ראדיאָ־רעדע דעם דריטן יולי 1941, האָט סטאלין געווענדט די פאָלגנדיקע ווערטער צו די אנטי־פאשיסטישע עלעמענטן אין די פארכאפטע דורכן שונא ראיאָנען:

„אין די פארנומענע דורך דעם שונא ראיאָנען דארף מען שאפן פאר־טיזאנישע אָפּטיילונגען פון רייטער און פוס־גייער, אָרגאניזירן דיווערסיע־גרופּעס צום קאמף קעגן די פאָרמאציעס פון דער פיינטלעכער ארמיי, צום אויפפלאקערן אומעטום א פארטיזאנישע מלחמה, אויפצורייסן בריקן און צו צעשטערן וועגן, קאליע צו מאכן די טעלעפאָנישע און טעלעגראפישע קאָמוניקאציע, אונטערצוצינדן וועלדער, מאגאזינען און לאגערן. אין די פארכאפטע דורכן שונא ראיאָנען דארף מען שאפן פאר אים און פאר זיינע באהעלפער אומדערטרעגלעכע באדינגונגען, רודפן און אויסראָטן זיי אויף יעדן שריט, צונישט־מאכן אלע זייערע אונטערנעמונגען” 1).

דעם דאָזיקן קאָנקרעטן האנדלונג־פּראָגראם פון דעם פירער פון ראטנ־פארבאנד האָבן אויפגענומען נישט בלויז די סאָוויעטישע פאטריאָטן פון

---

1) י. סטאַלין: „וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה פון ראַטנ-פאַרבאַנד”, פאַרלאַג „פּראַסאַ וואָיסקאָוואַ” (פּויליש), ז' 11.

די צייטווייליק אָקופּירטע סאָוויעטישע געביטן, נאָר אויך די פרייהייט־ליבנדיקע עלעמענטן פון אלע אנדערע דורכן היטלעריזם אונטערייאָכטע פעלקער אין אייראָפּע.

ביאַליסטאָק ליגט באַנט צו די ווייסרוסישע געביטן, אין וועלכע די אונטערערדישע ווידערשטאנד־באוועגונג איז אויפגעקומען באלד אין די ערשטע וואָכן פון דעם דייטש־פאשיסטישן אָנפאל. אין ווייסרוסלאנד איז די פאטריאָטיש־אנטיפאשיסטישע באוועגונג פון ערשטן מאָמענט אָן אָר־גאניזירט געוואָרן דורכן צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי (באָלשעוויקעס) פון ווייסרוסלאנד אויף די אָנווייזונגען פון יאָסיף סטאלין 2). שוין דעם 26־טן יוני 1941 זיינען פון מאָהילעוו, וווּ עס האָט זיך נאָך געפונען די סאָוויעטישע מאַכט, אַרויסגעשיקט געוואָרן אינם שונאס הינטערלאנד די ערשטע פערצן פארטיזאנישע גרופּעס 3). אין יולי 1941 זיינען שוין פאראַן אונטערערדישע פאטריאָטישע קרייזן און פארטיזאנישע אָטריאַדן אין סלוצקער ראַיאָן, אין אויגוסט 1941 — אין אלע אנדערע ראַיאָנען פון מינסקער געגנט 4). פון דאנען רוקט זיך די ווידערשטאנד־באוועגונג אלץ מער אויף מערב און אויף דרום. ארום 15־טן אויגוסט 1941 ווירקן שוין אויפן געביט פון פינסקער געגנט זיבן פארטיזאנישע גרו־פּעס 5). סוף אויגוסט 1941 זיינען שוין טעטיק אין מאָלאָדעטשנער געגנט די פּיאָנערן פון ווידערשטאנד בראש מיטן דעפּוטאט פיאָדאָר מארקאָוו, א געוועזענער פּאָליטארעסטירטער פון קאפּיטאליסטישן פּוילן 6). אין סעפּ־טעמבער 1941 ווירקן שוין אין בריסקער געגנט שטאָטישע און פארטיזא־נישע גרופּעס 7). סוף זומער 1941 אָפּערירן שוין אין גראָדנער געגנט, וועלכע ליגט הארט נעבן דער ביאַליסטאָקער, זיבן פארטיזאנישע אָטריאַדן, צווישן אנדערע די מחנה פון אפאנאסעוויטש, וועלכע ווירקט אין די מערב־טיילן פון גראָדנער געגנט און גייט שפּעטער אַריבער אין די ביאַליסטאָקער וועלדער 8).

מיט דער פארטיזאנישער באוועגונג פירן אָן די אונטערערדישע אָרגא־ניזאציעס פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ווייסרוסלאנד, וועלכע שאפט

---

2) צאנאווא, ז' 20.
3) דאָרטן, ז' 44.
4) דאָרטן, ז"ז 60—61.
5) דאָרטן, ז' 142.
6) דאָרטן, ז' 189.
7) דאָרטן, ז' 199.
8) דאָרטן, ז' 200.

צוגלייך מיט די פּאַרטיזאַנישע מחנות אויך אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט. אַזעלכע אונטערערדישע אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אַנטשטייען אין בריסק, באַראַנאָוויטש, סלאָנים, וואָלקאָוויסק, סוויסלאָטש, סקידל 9). „די אַנטיפאַשיסטישע קאָמיטעטן — שרייבט דער היסטאָריקער פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד ל. צאַנאַווא, — ווערן געבוירן קודם כל אין די ערטער, וווּ עס האָבן זיך אין דער צייט פון אַמאָליקן קאַפּיטאַליסטישן פּוילן קאָנצענטרירט רעוואָלוציאָנער געשטימטע עלעמענטן" 10).

די אַנטיפאַסשיסטישע קאָמיטעטן שטעלן זיך פאַר אַ ציל: רופן און אָרגאַניזירן די פאָלקס־מאַסן צום קאַמף קעגן היטלעריסטישן שונא; שאַפן קאַדרען פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון צווישן דעם פּראָסאָוויעטישן עלעמענט; זאַמלען געווער און מעדיקאַמענטן; העלפן דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג 11).

ווי מיר זעען, זייַנען די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון פאַרבינדן דעם קאַמף פון וואַלד מיטן קאַמף אין שטאָט.

פון דער מערב־ווייסרוסישער אַנטי־היטלעריסטישער סאָוויעטישער אונטערערד איז דער געדאַנק וועגן שאַפן אַן אַנטי־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע מיטן אָקאָרשט־אָנגעצייכנטן פּראָגראַם אַריבער קיין ביאַליסטאָק און אויך אין ביאַליסטאָקער געטאָ. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אַריבערגעבראַכט די אונטערערדישע גרופּע פון אַלקפּ(ב), וואָס האָט זיך געפונען אין ביאַליסטאָק און מיט וועלכער די ווידערשטאַנד־גרייטע עלעמענטן פון געטאָ האָבן געפונען אַ פאַרבינדונג.

דער פּיאָנער פון אַקטיוון קאַמף קעגן די דייטש־פאַשיסטישע אָקופּאַנטן אין ביאַליסטאָקער געגנט איז געווען די אָקאָרשט־דערמאָנטע גרופּע סאָוויעטישע קאָמוניסטן און די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. דעם 9־טן סעפּטעמבער 1941 טיילט מיט די סאָוויעטישע אינפאָרם־ביוראָ וועגן שטאַרקע קאַמפן פון די פּאַרטיזאַנער קעגן די היטלעריסטן אין באַראַנאָוויטשער, ווילייקער, וויטעבסקער, מאָזירער, בריסקער און אויך ביאַליסטאָקער ראַיאָנען; וועגן ביאַליסטאָקער געגנט ווערט דאָרט געזאָגט, אַז די דאָרטיקע

---

9) דאָרטן, ז' 191.
10) דאָרטן.
11) דאָרטן.

פּאַרטיזאַנער האָבן אונטערגעצונדן און פאַרניכטעט דריי דייטשע מיליטערישע סקלאַדן 12).

אין ביאַליסטאָקער געגנט איז באַלד פון אָנהייב אָן געווען אַ גינסטיקער באָדן פאַר אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די באַפעלקערונג — סיי די פּוילישע, סיי די ווייסרוסישע, סיי די יידישע — איז פייַנטלעך געשטימט צום אָקופּאַנט (מיט די קליינע, נישטיקע אויסנאַמען פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן). וועגן דעם טיילט מיט די וואַרשעווער יידיש־פּוילישע אונטערערדישע צייטשריפט „זאַ נאַשאָן אי וואַשאָן וואָלנאָשטש" פון 9־טן דעצעמבער 1941 איר קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק:

„אין דער ביאַליסטאָקער געגנט הערשט ווייטער אַ מיש־מאַש סיי אין געביט פון אַדמיניסטראַציע, סיי אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן. דאָס מיליטער אין די באַנען רעספּעקטירן נישט די פאַראָרדענונגען פון די ציווילע מאַכט־אָרגאַנען. עס פונקציאָנירט נישט די פּאָסט, דער טעלעגראַף, דאָס שול־וועזן. די אָקופּאַנטישע מאַכט קאָן זיך נישט קיין עצה געבן און באַהערשן די געביטן. די שטעלונג פון דער באַפעלקערונג לגבי דעם אָקופּאַנט איז אַ פייַנטלעכע און דעצידירטע. עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעפּרעסיעס זיינען אויף דער טאָג־אָרדענונג".

אָבער עס האָט געפעלט דער אָנפירנדיקער און סטימולירנדיקער כוח, וואָס זאָל ווייזן אַ וועג און אַ קאָנקרעטן פּראָגראַם פון קאַמף. דעם דאָזיקן וועג האָט געוויזן יאָסיף סטאַלין; סטאַלינס קאַמף־פּראָגראַם האָבן די ערשטע אָנגעהויבן רעאַליזירן אויפן ביאַליסטאָקער באָדן די פאַרקאָנספּירירטע סאָוויעטישע גרופּע אין שטאָט און די ערשטע פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

פּונקט ווי אין די בריסקער, גראָדנער און באַראַנאָוויטשער געגנטן, אַזוי זיינען אויך אין ביאַליסטאָק דער הויפּט־אָנשפּאַר פאַר פאַרווירקלעכן סטאַלינס קאַמף־פּראָגראַם געווען די געוועזענע פּאָליטאַרעסטירטע פון פּריערדיקן קאַפּיטאַליסטישן פּוילן. אַזוי איז עס געווען אין דער פּוילישער און ווייסרוסישער געזעלשאַפט. אַזוי איז עס אויך געווען אין געטאָ.

אין געטאָ האָט די שחיטה פון טראַגישן שבת נישט אַרויסגעריסן פון צווישן די לעבעדיקע אַלע אַלטע רעוואָלוציאָנערע טוער. אַ נישקשהדיקן טייל איז געלונגען אויסצומיידן דעם טויט. אויסגעמיטן דעם גורל פון די „שבתדיקע", האָבן זיי זיך נישט פאַרשטעקט אין די לעכער, נאָר צוגעטרעטן צו אָרגאַניזיר־אַרבעט.

---

12) די מיטטיילונגען פון סאָוואינפאָרמביוראָ, I טייל, ז"ז 219—220, דערשיינען אין 1944 (רוסיש).

די פאַרקאָנספּירירטע גרופּע פון די מיטגלידער פון אלקפּ(ב), וועלכע איז פאַרבליבן אין ארומרינגלונג און האָט זיך תיכף אָרגאַניזירט, האָט זיך פאַרינטערעסירט מיטן גורל פון די יידן און געטראַכט וועגן אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט יידישע אַנטיפאַשיסטן. דער קאָנטאַקט איז אָנגעקניפּט געוואָרן אַ דאַנק דער יידישער לערערין שיינע פאַט, וועלכע האָט צווישן די סאָוויעטישע קאָמוניסטן געהאַט באַקאַנטע, און אַ דאַנק אַ יידישן דיל־אַרבעטער, וואָס האָט געוווינט אין געטאָ און האָט אויך געהאַט פון אַמאָל באַקאַנטע צווישן די סאָוויעטישע מענטשן 13).

די פאַרבינדונג מיט די סאָוויעטישע פריינט איז אָבער צייטנווייז געווען זייער אַ באַשווערטע מחמת דעם, וואָס די טוער פון אלקפּ(ב) האָבן זיך געמוזט קאָנספּירירן מער ווי אַנדערע. היות אָבער די רוסישע ווידער־שטאַנדלער זיינען שוין דעמלט געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער גרופּע פּוילישע רעוואָלוציאָנערן אין ביאַליסטאָק, האָט די פאַרבינדונג פון די יידן מיט די לעצטע געקאָנט פאַרטרעטן די פעדים מיט די רוסישע מיט־קעמפער. בראש דער פּויליש־קאָמוניסטישער גרופּע איז אין ביאַליסטאָקער אונטערערד אין דער ערשטער תקופה געשטאַנען אַנטאָני יאַקובאָווסקי. דאָס איז געווען אַ פּוילישער רעוואָלוציאָנער, אַ מיטגליד פון ק.פּ.פּ., אַ פאַרהאַרטעוועטער אין קאַמף. דרייצן יאָר שווערע תפיסה האָט ער געהאַט הינטער זיך, און סך־הכל איז ער אין 1941 אַלט געווען 35 יאָר. אַ געבוירענער אין ראַדאָם, אַ שוסטער־אַרבעטער פון פאַך, האָט ער זיך אַ גאַנץ לעבן געווידמעט דער זאַך פון פּראָלעטאַריאַט. אין סעפּטעמבער 1939 האָט ער זיך — ווי אַ סך זיינע אידעישע חברים — געראַטעוועט אין ביאַ־ליסטאָק, ווו ער איז דורך דער פּוילישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג דעלעגירט געוואָרן אין שטאָט־ראַט. איצט, ווען די האַקנקרייץ־ריטער האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָט זיך יאַקובאָווסקי — זיין קאָנספּיראַטיווער נאָמען איז געווען „טאַדעוש“ — מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן אַן אַנטיפאַשיסטישע אינטערנאַציאָנאַליסטישע ווי־דערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע.

דעם פאָדים צווישן דעם פּוילישן רעוואָלוציאָנער יאַקובאָווסקי און די אַנטיפאַשיסטן פון געטאָ האָט צונויפגעפלאָכטן מלכה (מאַרילע) רו־זשיצקאַ.

דאָס דאָזיקע לאָדזשער מיידל, אַ טאָכטער פון אַ יידישן שוסטער, איז פון קינדווייז אָן דערצויגן געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און

---

13) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ און מ. בוך (מחברס ארכ').

זייער יונג דערקענט די טרויעריק־בארימטע פרויען־תפיסה פּאַרדאָן, ווו עס איז איר אויסגעקומען צו „פאַרברענגען" שיינע עטלעכע יאָר. און אויסזען האָט זי געהאט א „גלענצנדיקס", און „אריש"ס", האָט זי זיך געלאָזט אויף דער צווייטער זייט געטאָ־פלויט אויסצווזוכן פארבינדונגען. אין איינעם אן אָקטאָבער־טאָג האָט מלכה רוזשיצקא געבראכט אין געטאָ אריין אנטאָני יאקובאָווסקין 14). די ערשטע טרעפונג פון יידישן אקטיוו מיט „טאדעושן" איז פאָרגעקומען אין א קעלער פונם געטאָ־שפּיטאָל, אויף פאבריק־גאס 27. דאָ האָט זיך געפונען די וועשעריי פון דעם הייל־אנשטאלט.

די דאָזיקע טרעפונג האָט צוגעגרייט די חברטע האנקע לעווינסאָן, וועלכע האָט געארבעט אלס וועשין אין שפּיטאָל. צווישן באליעס וועש איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג. דעם יידישן אקטיוו האָט רעפּרעזענטירט רבקה שינדער־וואָיסקאָווסקא 15) — א באקאנטע ארבעטער־טוערין פון לאָדזש, פון פאך א לערערין, אן אָפּשטאמיקע פון קרינעק און אן איינגעבירגערטע אין לאָדזש.

נישט געקוקט אויפן פערזענלעכן אומגליק — איר מאן חיים וואָיסקאָווסקי איז געווען איינער פון די „שבתדיקע" קרבנות — האָט זיך רבקה נישט איינגעבראָכן און זיך אריינגעוואָרפן בלב ונפש אין דער אונטערערדישער טעטיקייט. איינינעם מיט שינדער־וואָיסקאָווסקא האָבן אין יענער זיצונג אָנטייל גענומען: אדעלא הערץ, די פרוי פון אומגעקומענעם „שבתדיקן" משה גרינבוים, א פּראָלעטארישע אקטיוויסטקע פון אמאָליקן ווארשע, בלומע לאקס (פּסעוודאָנים „קוויעטא"), מיעטעק יאקובאָוויטש, עווא שוואַרץ16), אַלע געוו. מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון פּוילן. דאָס איז געווען דער ערשטער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט פון דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע אין געטאָ. אָבער די אָרגאניזאציע איז באשטאנען נישט בלויז פון יידן און איז געווען נישט נאָר אין געטאָ. זי איז פון ערשטן אויפקום אירן געווען אן אינטערנאציאָנאַליסטישע — נישט בלויז אין דער אידעע, נאָר אויך אין איר באשטאנד. זי האָט אירע קרייזן געהאט אין דער שטאָט בכלל. עס האָבן געווירקט אויך א ווייסרוסישע גרופּע און א פּוילישע גרופּע. בראש פון די ווייסרוסישע

14) דאָרטן: אויך — ג"ע פון עליע בוימאַץ (מחברם ארכ׳).
15) ארכ׳ ייה"א, פּראָט׳ נ׳ 1249 — "די דערקלערונגען פון רוזשיצקאָ וועגן דער ייד׳ זעלבשוץ אין ביאליסטאָקער געטאָ".
16) דאָרטן; אויך — ג"ע פון מ. בוך.

אנטיפאשיסטן האָט זיך אין ביאַליסטאָקער אונטערערד ארויסגערוקט די קאָמוניסטין אננא טשערוויאַקאָווסקא („ניורא״). אין שפּיץ פון דער פּוילישער גרופּע איז געשטאַנען דער קאָמוניסט פעליקס לאַרעק. מיט דער גאַנצער ארבעט האָט אָנגעפירט אנטאָני יאַקובאָווסקי. דער לעצטער האָט אפילו באַשלאָסן א געוויסע צייט צו פאַרברענגען אין געטאָ, צווישן די יידישע חברים, כדי צו הייבן דעם מוט ביי די איזאָלירטע און כדי אויפן אָרט זיי העלפן. מ'האָט דעם פּוילישן טוער איינגעשאַפט א פּאַס אויף א יידישן נאָמען — אברהם לעווין 17) — און אים אָנגעטאָן אויפן בגד דעם מגן־דוד פון פאָרנט און פון הינטן „כדת היטלער״. זיין קאָנספּיראַטיווע דירה האָט זיך געפונען אויף טשענסטאָכאָווער גאַס אין דער וווינונג פון א חבר טאַראַנטשיק, וועלכער איז פריער געווען פאַרוואַלטער פון א געזעלשאַפטלעכן מאַגאַזין. עס האָט געהייסן לפנים, אַז „אברהם לעווין״ ארבעט אויפן דייטשן פלי־פּלאַץ. ער האָט אָפט געמוזט צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים טוישן זיין מקום מנוחה און א צייט געוווינט ביי עליע בוימאַץ, א חבר פון דער באַוועגונג, אויף טשעפּלע גאַס 17 18).

די פאַרדינסטן פונם פּוילישן אנטיפאַשיסט יאַקובאָווסקי פאַר הייבן דעם גייסט און פאַר העלפן דער יידישער אונטערערד זיינען אין לשער. שוין זיין עצם געפינען זיך צווישן די יידישע חברים האָט דערמוטיקט און סימבאָליזירט פאַר די דאָרטיקע געטאָ־אסורים דעם פאַקט, אַז ערגעץ קלאַפּט נאָך א מענטשלעך הארץ איינעם מיט די אומרויקע הערצער פון די, וואָס זיינען איזאָלירט געוואָרן ווי מצורעים פון ארום. יאַקובאָווסקי האָט אויף א צייט איבערגעטראָגן דעם צענטער פון אנטיפאַשיסטישן אונטערערד אין געטאָ אריין. פון דאַנען האָבן זיך געצויגן די קאָנספּיראַטיווע פעדים אין פאַרשידענע זייטן. און אזוי איז אויפגעקומען די וווּנדערלעכע דערשיינונג, וואָס דאָס געטאָ, וואָס האָט זיך אליין אזוי שטאַרק גענויטיקט אין ווארעמקייט און הילף, איז גאָר געוואָרן — יעדנפאַלס אויף א געוויסער צייט — א צענטער פון הילף פאַר די קעמפערישע עלעמענטן פון אויסן, פון דער „ארישער״ זייט 19).

יאַקובאָווסקי איז אָבער נישט לאַנג געבליבן צווישן זיינע יידישע חברים. תחילת 1942, אין שייכות מיטן שאַפן די פּוילישע ארבעטער־פּאַר־

---

17) יש אומרים, אַז אויפן נאָמען — שמעון לעווין

18) ג״ע פון ע. בוימאַץ.

19) דאָרטן.

טיי (פ.פ.ר.) אין ווארשע, ווערט ער אהין ארויסגעפאָדערט דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ניי־אנטשטאנענער פארטיי.

מיט זיין נסיעה פארבינדן די חברים גרויסע האָפענונגען, קודם־כל — די איינשטעלונג פון א שטענדיקן קאָנטאקט מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג אין ווארשעווער געטאָ. שוין דעמאָלט, ווען עס האָט אין ווארשע געהאַלטן ביי דער פאר־פּאַרישער תקופה פון אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָבן די יידישע אנטיפאשיסטן געוווסט שוין פון לאנג וועגן דעם, אז עס זיינען דאָרטן, אין ווארשעווער געטאָ, פאראן לינק־פּראָלעטארישע קרייזן, וועלכע לעבן און פירן אן ארבעט. נאָך פאר דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, זומער־צייט 1941, איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק א ווארשעווער חבר אווערבוך, א שליח פון דעם פירער פון דער לינקער יוגנט אין ווארשעווער געטאָ איגנאץ פייל. אווערבוך האָט איבערגעגעבן א גרוס וועגן דער טעטיקייט פון די „ספּארטאקוס"־קרייזן אין ווארשעווער יידישן ווין־ראיאָן. מיט אָט די חברים האָבן די טוער פון ביאַליסטאָקער אנטיפאשיסטישער געטאָ־אונטערערד געוואָלט פארקניפּן א קאָנטאקט דורך יאקובאָווסקין. עס איז דעריבער פאר די ביאַליסטאָקער חברים געוועזן א באזונדער שווערער קלאַפּ, ווען מ'האָט זיך דערוווסט, אז אויפן ווילנער וואָקזאַל אין ווארשע איז „טאדעוש" אנטפלעקט געוואָרן דורך דעם פּראָוואָקאטאָר און שפּיאָן וואָוושיניאַק. יאקובאָווסקי איז ארייַנגעפאלן אין די הענט פונם שונא און אומגעקומען מיט א מארטירער־טויט.

אינגיכן האָט ווידער אויפגעטויכט די האָפענונג אָנצוקניפּן א קאָנטאקט מיט דער אונטערערד פון ווארשעווער געטאָ. דאָס איז געווען א קורצע צייט נאָכן אנטשטיין פון פּ. פּ. ר. א גרופּע אַלטע קאָמוניסטישע טוער, וועלכע האָבן זיך אויך געפונען אין ביאַליסטאָקער געטאָ, מיט יוסף לעוואַרטאָווסקי, שמואל מערעטיק און יעקב דרייער בראש, ווערן ארויסגערופן קיין ווארשע. זיי פארלאָזן ביאַליסטאָק און דערשלאָגן זיך מיט מזל אין פוילנס אַלטער הויפּט־שטאָט. אין א צייט ארום וועלן זיי טאקע שיקן אין א שיפרירטער שפּראַך אָנווייזונגען פאר די חברים פון ביאַליסטאָקער געטאָ־אונטערערד.

און דערווייל זיינען די פּיאָנערן פון דער אָרגאניזאציע אין ביאַליסטאָק נישט געזעסן מיט פארלייגטע הענט. „טאדעוש" איז געפאלן, אָבער די זאך, וועלכע ער האָט געבויט, איז נישט אומגעקומען.

ביים מאכן דעם סך־הכל פון דעם באגין־פּעריאָד פון ווידערשטאנד־אויפקום אין געטאָ דארף מען געדענקען, אז די אקטן פון קעגנשטעלן זיך זיינען לכתחילה נאָך נישט געווען קאָאָרדינירט. דאָס זיינען גיכער געווען

אינדיווידועלע שריט פון אנטי־היטלעריסטישער און אנטי־יודענראטישער אגיטאציע. אָבער נישט בלויז אגיטאציע — עס קומען שוין דעמלט צום אויסדרוק אויך מעשים. אזוי האָט דער אנטי־פאשיסט וועלוול עפשטיין אויסגעקלעבט אויף דער וואנט פון יודענראט־בנין אן אייגהאנטיק אָנגע־שריבענעם לאָזונג צו די יידן, זיי זאָלן נישט טראָגן קיין קידושין־פינגער־לעך און זילבערנע לייכטער לשם קאָנטריבוציע, ווייל סיי ווי ווערט קומען פארניכטונג, נאָר זיי זאָלן ליבערשט זיך גרייטן צו שטעלן א ווידער־שטאנד 20). וועלוול עפשטיין, פון פאך א סטאָליער־ארבעטער, אן אָרטיקער תושב, א מענטש פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, טרעפן מיר שפּעטער אין די פארטיזאנישע רייען. ער איז געפאלן מיט א העלדן־טויט אין יאָר 1944 בעת די קאמפן מיט די דייטשן אין וואלד 21).

גאנץ שנעל גיסן זיך צונויף דער ווילן פון יחידים און די אינדיווי־דועלע ווידערשטאנד־שטרעבונג אין איין קאָלעקטיוון קאמף־חשק, אין א באוועגונג.

---

20) קאָט׳ ז׳ 26.

21) ג״ע פון ק. באראקין (מחברס ארכ׳).

די אָרגאַניזאַציע צו העלפן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר

ווי וווּנדערלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, איז עס דאָך א פאקט: די אי־זאָלירטע, דערהדריקטע און טאָפּלט פארהעצטע יידישע אנטיפאשיסטן פון ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן די ערשטע אקטיוויטעט זייערע פארבונדן מיט העלפן אזא קאטעגאָריע מענטשן, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין א נאָך ערגערער לאַגע ווי די יידן. דער ערשטער אָביעקט פון דער הילף מצד די יידישע אנטיפאשיסטישע ווידערשטענד־לער זיינען געווען די רויטארמייאישע קריגס־געפאנגענע, וועלכע זיינען דורכן אָקופּאַנט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ לאַגער און געצוווּנגען געווען צו עבודת פרך ביי באדינגונגען פון הונגער, קעלט און חולאתן. די ערשטע ארבעט פון דער אנטיפאשיסטישער אונטערערד איז געווען צו זאמלען מיטלען און מאטעריאלן צו העלפן די סאָוויעטישע מלחמה־געפאנגענע. איינ־צייטיק איז פאנאנדערגעוויקלט געוואָרן א הילף־אקציע פאר די משפחות פון די קרבנות פונם פאשיסטישן טעראָר, פאר די יתומים און אלמנות פון די פריטיקדיקע, שבתדיקע און אנדערע הרוגים. צוליב אָט די צווייגן פון דער בכורהשער טעטיקייט פון אַנטיפאַשיסטן האָט מען אין געטאָ-אונטערערד זייער אָרגאניזאציע אָנגערופן די ערשטע צייט מיטן נאָמען: „אָרגאניזאציע צו העלפן די סאָוויעטישע קריגס־געפאנגענע און די קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר”. די מענטשן פון דער אָרגאניזאציע, וועלכע זיינען געווען באשעפטיקט אינם פינפטן טעקסטיל־קאָמבינאט 1) אויף מיצ־

1) לכתחילה האָט מען די יידישע פאַכלייט געלאָזט אַרבעטן אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע, ערשט שפּעטער, ווען די נייע באַלעבאַטים האָבן גוט באַ-הערשט די פאַבריקן און דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס, האָט מען די יידן באַזייטיקט.

קעוויטש־גאס ביים אויספארטיקן אויערן־פארשטעלער פאר די דייטשן, האבן ארויסגעשלעפט די דאזיקע זאכן און עס איבערגעשיקט דורך געהיימע וועגן אין די לאגערן, פאר די רויט־ארמייער 2). אין דער געגנט פונם געפאנגען־לאגער, וואס האט זיך געפונען אויפן געביט פון די קאזארמעס פון צענטן אולאנער־פולק אין זוויערזיניעץ, האבן געוווינט רוסישע פרויען, האט מען דורך זיי איבערגעגעבן די מתנות. מען האט אויך איבערגעשיקט דורך דעם זעלביקן וועג ברויט, רפואות, מעדיצינישע ליטעראטור, אינפארמאטיווע מאטעריאלן וועגן דער פאליטישער לאגע און ידיעות פון פראנט. האבן די אנטיפאשיסטן דערלאנגט די רויטארמייער דורך א צווייטן וועג: אויף מיצקעוויטש־גאס האט זיך געפונען די בעקעריי פונם לאגער, דא האבן געארבעט א סך געפאנגענע, האט מען דורך זיי קאלפארטירט די ידיעות. אן אנדערע גרופע רויטארמייער האט געארבעט אויף די כאניקעס ביים פאנאנדערנעמען חרובע הייזער, האט מען דא ארגאניזירט דאס אנטלויפן פון א סך געפאנגענע, באזארגט זיי מיט „ליבקע" פעסער, מיט שפייז, און זיי דערמעגלעכט צו אנטלויפן אין די וועלדער 3). די פאלשע דאקומענטן האבן איינגעשאפן די מענטשן פון דער ארגאניזאציע, וואס האבן געטאן פיזישע ארבעט אין די געסטאפא־לאקאלן. ביים ארגאניזירן דאס אנטלויפן פון סאוויעטישע קריגס־געפאנגענע, בפרט פון אפיצירן, האבן געהאלפן יידישע דאקטוירים, וואס זיינען געווען באשעפטיקט אין דעם לאגער־לאזארעט, וו מ'האט געהאלטן פארוואונדעטע רוסן. היות די דייטשן האבן דעמלט נישט געהאלטן פינקטלעך דעם חשבון, און זיי זיינען געווען צופרידן, ווען א סאוויעטישער אפיצער איז אויסגעגאנגען פון די וואונדן, האבן די דרייסטע יידישע דאקטוירים געקאנט אפנארן זייערע היטלעריסטישע באלעבאטים און לאזן די „מתים" אנטלויפן 4). ארויסגעשיקט די אנטלאפענע רויטארמייער האט מען נישט סתם אויף גאטס בארא̈ט, נאר אין א באשטימטער ריכטונג. עס האט שוין דעמלט, ווי געזאגט, עקזיסטירט א פארטיזאנישע גרופע אין די ביאליסטאקער וועלדער. די גרופע האט זיך לכתחילה רעקרוטירט פון סאוויעטישע מענטשן, וואס זיינען געבליבן שטעקן אין ארומרינגלונג, ארום זיי האבן זיך געקליבן אנטלאפענע קריגס־געפאנגענע. בראש פון דער גרופע איז געשטאנען דער שרעקלאזער פארטיזאן מישקע סיביראק. שוין דעמלט זיינען די יידישע אנטיפאשיסטן פון געטא־אונטערערד געשטאנען אין

---

2) ג"ע פון מ. בוך (מחברס ארכ').
3) דארטן.
4) ג"ע פון ט. ציטראן (מחברס ארכ').

פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע פּיאָנערן פון דער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג 5).

די דאָזיקע ערשטע ווירדיקע טעטיקייט פון דער אנטיפאשיסטישער אונטערערד איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך אויסגעפלאסטערט א וועג אין שווערן קאַמף קעגן די קאַפּיטולאַנטישע און שאָוויניסטישע עלעמענטן פון דער יידישער געזעלשאַפט גופא. „די ארבעט אין געפאנגען־לאַגער — דערציילט אין זיינע זכרונות איינער פון אירע אָנטיילנעמער אבראשע גערשוני 6)—האָט געפאָדערט פיל קאָנספּיראַציע, אָריענטאַציע און א שטאַרקן ווילן. מיר האָבן זיך געמוזט היטן פאַר דער דייטשער דעפענסיווע, פאַר רוסישע פאַרעטער און אין דער ערשטער ריי פאַר די יעניקע יידן, וועלכע האָבן מיט אונז צוזאַמען געאַרבעט אויף דער בוי־שטעלע און וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט אַן אָפּגעשטאַנענע מיינונג פון א געוויסן טייל פון דער באַפעלקערונג. דאָס זיינען געווען כלערליי יידישע שאָוויניסטן. מיר האָבן ריזיקירט מיט דעם אייגענעם „איך", אָפּגעגעבן אונזער צייט, מי און הארץ פאַר די געפּלאָגטע ברידער, און די לומפּן פון דער יידישער געזעלשאַפט האָבן אונז געטראָטן מיט די פיס, געלייגט שטיינער אין וועג, שרייענדיק צו אונז: „איר שטעלט דאָך דאָס גאַנצע יידישע געטאָ אין געפאַר! וואָס פאַר אן אומגליק ווילט איר ברענגען דעם כלל־ישראל!" דאָס זיינען געווען די, וועלכע האָבן געזען די רעטונג פאַר די יידישע מאסן נישט אין קאַמף מיטן פיינט, נאָר אין דער מיטאַרבעט מיט אים, אין שאָפּן פאַבריקן, וואַרשטאַטן, קורץ — אין ארבעטן פאַרן טייוול".

שוין דעמלט, אין די ערשטע חדשים פון געטאָ, האָט זיך באַלד אַנטפּלעקט די טיפע שייד־ליניע צווישן די טרעגער פון יודענראַט־גייסט און צווישן די וועקער צום ווידערשטאַנד. ביידע כוחות האָבן פאַרבונדן זייער טעטיקייט און בטחון מיט אויסערלעכע פאַקטאָרן, אָבער בעת די ערשטע האָבן זייערע פאַרבינדעטע געזען אין די „גוטע" דייטשן, וואָס לאָזן זיך „שמירן", האָבן די צווייטע געזען זייער שטיץ־פּונקט אין די כוחות פון ווידערשטאַנד. „די פאַרבינדונג מיטן געפאַנגען־לאַגער — דערציילט ווייטער גערשוני, — האָבן מיר געהאַלטן מיטן הייצער פון שפּיטאָל־בנין אינזשיניער איוואַנאָוו און מיטן הויפּט־דאָקטאָר, קאַפּיטאַן וואָלקאָוו, ביידע פּאַרטיי־לייט, מיטגלידער פון אַלקפּ(ב)". די יידישע אַנטיפאַשיסטן און זייערע פריינט און אָנהענגער אין געטאָ האָבן ארויסגעוויזן א געוואַלטיק

---

5) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקא (מחברם ארכ').
6) ארכ' יוה"א, ג' 1253.

היוכן גראד פון ליבשאפט צו די רויטארמייער. „עס איז נישט געווען די זאך, וועלכע זיי זאָלן פון אונז האָבן געבעטן, און מיר זאָלן זיי נישט האָבן אנטקעגנגעקומען" — שטעלט פעסט גערשוני.

אין דער מסירת־נפשדיקער ארבעט פון העלפן די קריגס־געפאנגענע האָבן זיך ארויסגערוקט אויבנאָן נישט בלויז אלטע פראָלעטארישע אקטיוויסטן, ווי די באקאנטע פעדאגאָגין פון די ציש״אָ־שולן אין בריסק און אין ווארשע חיה מענדעלסאָן, ווי אדעלא הערץ, עווא שווארץ, יוזשעק מארגאָליס, לייב מאנדעלבליט 7), נאָר אויך פרישע מענטשן, ס'רוב יוגנט און אויך פשוטע פאָלקס־יידן, וועלכע האָבן זיך געריסן צו מעשים. ביי די יוגנט-אקטיוויסטן האָבן זיך ארויסגעשלאָגן זאָליע דוואָרעצקי (פסעוודאָ „דער געלער", „רודי"), אבראשע גערשוני, תנחום פאָגאָרעלסקי („טאָליע"); א סך האָט אויפגעטאָן עטל ביטענסקי, א געוועזענע קרעמערקע און דערנאָך אַ טעטיקע מיטארבעטערין פון אונטערערד 8). די בויער פון דער אָרגאניזאציע, וועלכע האָבן געהאט פון די פארמלחמהדיקע יאָרן א טראדיציע און אַ דערפארונג פון קאָנספּיראטיווער ארבעט, האָבן אויפגעשטעלט אונטערערדישע קרייזן און איינגעפירט א פארבינדונג, א פארבאָרגענע פאר א בייז אויג. די אָרגאניזאציע האָט אירע טרעף־פונקטן געהאט אויף די גאסן גורנע, כמיעלנע, סמאָלנע, אויף פאבריק־גאס. אָפטמאָל האָט מען אין די קאָנטאקטן באנוצט קינדער, א שטייגער דאָס מיידעלע לאָליע לערמאן, די טאָכטער פונם ארבעטער־אקטיוויסט ישראל לערמאן. סיי די קאָנספּיראטיווע ארבעט, סיי דאָס אויספירן די שליחות, דאָס איבערגעבן די הילף צו די קריגס-געפאנגענע — זיינען געווען אַקטן פון גרויסער גבורה. נישט איין יידישער אקטיוויסט האָט דערביי באצאָלט מיטן לעבן. איינעם א מיטליד פון דער אָרגאניזאציע אברהמל כאוועס האָבן דייטשע וועכטער געכאפט ביים אריבערוואַרפן ברויט, זיי האָבן אים אזוי לאנג און אכזריותדיק געפייניקט, ביז ער איז אויסגעגאנגען אונטער די הענט פון די תליינים און נישט געעפנט דאָס מויל עמעצן אויסצוגעבן 9). דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשראָקן די העלדישע בחורים און מיידלעך, און זיי האָבן זיך נישט מיאש געווען פון דער מסירת־נפשדיקער טעטיקייט. אינגיכן איז אין די הענט פון די הענקער אריינגעפאלן א צווייטער אקטיוויסט — זעליג איגלעוויטש.

---

7) „די איבערלעבונגען פון ישראל לערמאן און זיין אָנטייל אין דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ", ארכ' יה"א, נ' 2950.

8) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ.

9) דאָרטן.

דאָס איז געווען אַ מענטש אַן איבערגעגעבענער מיט לייב און לעבן דער זאַך. ער האָט געשטאַמט פון אַ רעליגיעזער היים פון שטעטל שטוטשין, דער פאָטער זיינער איז געווען אַ מגיד. אין זיין היים־שטעטל האָט איגלעוויטש געשווירן אייביקע נקמה די דייטשן, וועלכע האָבן אומגעבראַכט זיין טאַטן, זיין פרוי און קינדער. אין ביאַליסטאָק איז ער געווען אַזוי אַקטיוו, אַז ער איז אײַנגיכן אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן סעקרעטאַר פון דעם אַנטיפאַשיסטישן קעמערל אויפן געביט פון די קאַזאַרמעס פון צענטן אולאַנער־פּולק. איגלעוויטש איז שנעל פאַרדעכטיקט געוואָרן ביי דער יידישער פּאָליצײ, וועלכע האָט אים אַרעסטירט, מוראַדיק צעקאַטעוועט, אָבער גאָרנישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. די חברים האָבן איגלעוויטשן אַרויסגעראַטעוועט און אים אויסבאַהאַלטן אין קאָנספּיראַטיווע דירות אין געטאָ. דערנאָך איז ער אומגעקומען 10).

די ברייט־פאַנאַנדערגעוויקלטע טעטיקייט צו העלפן די סאָוויעטישע געפאַנגענע און די קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר, דער שטאַרקער אימפּעט, מיט וועלכן דער אונטערערדישער געטאָ־אַקטיוו האָט זיך אַרייַנגעוואָרפן אין דער אַנטיהיטלעריסטישער אַרבעט, דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן ביים שונא אַ פאַרשטענדלעכע רעאַקציע. די געסטאַפּאָ באַשליסט צו פּאַראַליזירן די אויפקומענדיקע ווידערשטאַנד־אַקטן דורך אַרעסטירן דעם אַקטיוו פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. די ערשטע אַרעסט־כוואַליע פאַלט אויס עטלעכע טעג באַלד נאָכן שליסן דאָס געטאָ. אַ גרופּע יידישע קאָמוניסטן, וועלכע זיינען פאַרמסרט געוואָרן דורך געסטאַפּאָ־אַגענטן, ווערט אַוועקגעפירט אויף שענקעוויטש־גאַס 15. אַלע זיינען דאָ דערשאָסן געוואָרן אויפן הויף דורך דיבוסן — חוץ איינעם 11). שפּעטער, ווען די אָרגאַניזאַציע אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט, טרעט צו די אָקופּאַנטישע פּאָליצײאישע מאַכט צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ די מורדים. פאַרן חודש פון דער ליקווידיר־אַקציע ווערט דורך דער דייטשער פּאָליטישער געהיים־פּאָליצײ באַשטימט דעצעמבער פון 1941. עס פאַלן אויף דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע שווערע קלעפּ פון אַרעסטן. עס ווערט פאַרנומען דורך דער דייטשער פּאָליצײ איינער פון די פּיאָנערן און פירער פון דער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ, דער לאָדזשער קאָמוניסט און געוועזענער אַרעסטאַנט פון קאַרטוז־בערעזער קאָנצ־

---

10) ג״ע פון ק. באַראַקין, אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נ׳ 3766.

11) ג״ע פון י. כאַבאַרשאַווסקי (דער איינציקער אַרויסגעראַטעוועטער איז געווען דער שוסטער בעריל שאַצמאַן).

לאגער אברהם מיזלער („מיכאל"), א לערער פון פאך 12). עס ווערט אין דער זעלביקער צייט ארעסטירט די קאמוניסטישע און סאוויעטישע טוערין זשעניע קאפלאן, וועלכע איז אין די יארן 1939—1941 געווען מיטגליד פון ביאליסטאקער שטאט־ראט און דירעקטאר פון דער מלוכהשער פאבריק נומער 25 (געוו. טרילינג) 13). אין די לאפעס פון געסטאפא פאלט אריין מאניע זיסמאן („די שטייפע מאניע"), אן ארבעטער־טוערין פון לאדזש. דער שפיצעל זעליקאוויטש קויפט זיך איין אין יחוס ביי דער זיכערקייט־פאליציי דורך פארמסרן און אויסגעבן דעם אלטן ביאליסטאקער קאמוניסט איינזשי־ניער פיידקין, וועלכער „ווערט נעלם" און עס פארשווינדט נאך אים יעדער שפור. אין דער זעלביקער לפי ערך צייט ווערט ארעסטירט א צווייטער אלטער ביאליסטאקער ארבעטער־אקטיוויסט הערשל ראטשילד, אויך פון אים בלייבט נישט קיין שום זכר. עס פאלן נאך א ריי קרבנות. דער שונא האט פארנומען אין חודש דעצעמבער א גרעסערע צאל אקטיוויסטן פון דער אנטיפאשיסטישער געטא־אונטערערד 14).

די אלע מוטיקע קעמפער האבן זיך מער נישט צוריקגעקערט, זיי זענען קו־מען אום מיט א מארטירער־טויט פון דעם שונאס האנט.

די ערשטע רעפרעסיעס, ארעסטן און עקזעקוציעס האבן בלויז אויף זייער א קורצער צייט פארהאמעוועט די אנטוויקלונג פון דער טעטיקייט ביי די אנטיפאשיסטן. תחילת 1942 טרעטן זיי שוין ארויס אין געטא־אונ־טערערד ווי א קאנסאלידירטער כוח אונטערן נאמען: „אנטיפאשיסטישע ארגאניזאציע".

12) ג"ע פון שלום קאזשעץ (מחברס ארכ').

13) ג"ע פון ק. באראקין, איר ברודער עדעק קאפלאן, א קאמוניסט, א קראנ־קער מענטש, איז אומגעקומען אין די ערשטע טעג פון די דייטשע לופט-אנגריפן אויפן וועג פון ביאליסטאק אויף מזרח (דארטן).

14) ג"ע פון פאניע הערמאן (מחברס ארכ').

די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע

תחילת 1942 זיינען שוין צונויפגעזאמלט געוואָרן כמעט אלע אלטע רעוואָלוציאָנערע און לינקפּראָפּאַריינישע טוער, וואָס האָבן זיך געפונען אין ביאַליסטאָקער געטאָ. עס זיינען דעמלט שוין געהאט צוגעטרעטן צו דער אָרגאַניזאַציע א סך נייע, יונגע מענטשן. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן א קאָנספּיראַטיווע נעץ פון קרייזן און קעמערלעך, געבויטע לויטן טעריטאָריאַלן פּרינציפּ — גאַסן־גרופּן, הויז־קרייזן און פאַבריק־קעמערלעך, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון קאָמוניסטן און אומפּאַרטייאישע אַנטי־פאַשיסטן.

אין שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען אַן אָנפירונג, א קאָמיטעט, וועלכער האָט אין יאָר 1942 געהאַט דעם פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: סעקרעטאַרן — יאָשקע קאַווע און רבקה שינדער־וואָיסקאָווסקאָ, מיטגלידער — דניאל מאָשקאָוויטש, לייב מאַנדעלבליט, אהרן אָסקאָלאָ, חיה (העלאַ מענדעלסאָן 1). די איינציקע לעבנגעבליבענע איז רבקה וואָיסקאָווסקאָ. ווער זיינען עס אָט די פירער פון דער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ?

י אָ ש ק ע ק א ו ו ע — געבוירן אין 1897 אין וואָהין, ראַדזינער פּאָוויאַט, א טעקסטיל־אַרבעטער אין לאָדזש, אַן אַלטער טוער פון דער קאָמ. פּאַרטיי פון פוילן, א מענטש מיט א סך פּאָליטישער דערפאַרונג, געהאַט באַזוכט מאָסקווע און זיך דאָרט געלערנט. פון די פאַרשידענע צרות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין די אַלטע פּוילישע תפיסות, איז ער געוואָרן א שטיקל בעל־מום, טויבלעך אויף די אויערן און קראַנק

1) ג״ע פון מ. בוך און פ. קאָזשעץ (מחברים אָרכ׳).

אויף די נירן. דאָס האָט אים פונדעסטוועגן נישט געשטערט צו ווערן איינער פון די סאַמע אַקטיווסטע אין געטאָ־אונטערערד. אַן עקשן, אַ קאָנ־טיקער מענטש, — וואָס איז אים געקומען פון שווערן לעבן — האָט ער זיך פאַנאַטיש אַריינגעוואָרפן אין דער הייליקער אַרבעט. ער איז געווען אַ איינער פון די אָנגעזעענסטע פּאָליטישע אויטאָריטעטן אין אונטער־ערד, אַ אַ פּראַקטישער טוער. מיטן גרעסטן אייפער האָט ער זיך געגעבן צו דער אַרבעט פון מיליטערישער אויסשולונג און געווער־פּאַרגריי־טונג. פּערזענלעך זייער אַ דרייסטער, איז ער אָפט אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ און זיך געטראָפן מיט די פּוילישע חברים. בעת איינעם אַזאַ מסירת־נפשדיקן אויספלוג — געווען איז דאָס אין דער שווערער צייט צווישן די צוויי ליקווידיר־אַקציעס — איז קאַווע אַריינגעפאַלן אין די הענט פונם שונא. היות ער איז געווען שוין אַ ייד אין די יאָרן און האָט טאַקע גע־מאַכט אַזאַ איינדרוק, האָבן די דייטשן אים אָנגענומען פאַר אַ פּשוטן שמוגלער און זיך באַגנוגנט מיט פאַרשיקן אים אין אַ לאַגער. פון דאַנען איז אים געלונגען עוקר צו זיין אַוועק דער הילף פון אַ פּוילישן חבר גוזשינסקי, וועלכער האָט געהאַט קאָנטשאַפט אין דער פּאָליציי און גע־בראַכט דורך דעם אַ סך נוצן דער אָרגאַניזאַציע.

קאַווע האָט זיך באַטייליקט אינם אויגוסט־אויפשטאַנד און איז דער־נאָך אַנטלאָפן און ווידער אַריינגעפאַלן אין די הענט פונם שונא. ער האָט זיך שוין געפונען אין אַ צוג, וואָס האָט געפירט די קרבנות קיין טרעב־לינקע. איז ער געשפרונגען פונם צוג און אַוועק אין וואַלד. דאָ האָט ער ממשיך געווען דעם קאַמף אין די פּאַרטיזאַנישע רייען און איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט אין שלאַכט.

יאָשקע קאַווע האָט באַוווסטזיניק געטראָגן זיין שליחות, די שליחות פון אַ רעוואָלוציאָנער. זיין באַליבטער לאָזונג איז געווען: „מיר זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געשיכטע". ער האָט טיף באַנומען דעם היס־טאָרישן באַדייט פאַר דעם אָנשטרענג און פון דעם קרבן פון די ווידער־שטאַנד־טרעגער אין געטאָ. ער האָט אויף קיין איין מינוט, אַפילו אין דער ערגסטער לאַגע, נישט אַראָפּגעלאָזט די הענט 2).

דניאל מאַשקאָוויטש (פּסעוודאָ: „דאַניעל", „יעזשי"), דער שפּעטערדיקער מיליטערישער קאָמאַנדיר פונם אויפשטאַנד, איז גע־בוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1905. אַן אויסגעדינטער אונטעראָפיציר פון

2) ג"ע פון מ. דאַווידסאָן, ר. וואַיסקאָווסקאַ, מ. בוך און ע. בוימאַץ (מחברים אַרכ').

דער פּוילישער אַרמיי, איז ער געווען צוגעפּאַסט צו זיין דער אָנפירער פון דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון די ייִדן אין ביאַליסטאָק, וווּ ער האָט זיך געראַטעוועט אין סעפּטעמבער 1939, אַנטלויפנדיק פון דער אָקופּירטער פּוילישער הויפּטשטאָט. פון פאַך א האַנדלס־אָנגעשטעלטער האָט ער אין די צייטן פון רידז־שמיגליס רעזשים, ווי אַן אַקטיוויסט פון ק.פּ.פּ. געפירט א רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט צווישן דעם פּוילישן מיליטער. אין יאָר 1931 האָט ער אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון אָנגעזעענע פּוילישע קאָמוניסטן פונם תפיסה־שפּיטאָל. און הגם ער איז געווען קראַנק אויף די לונגען, איז ער אין ביאַליסטאָקער געטאָ געווען איינער פון די לעבעדיקסטע נערוון פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. אָט ווי עס כאַראַקטעריזירט דניאלן פון דער תקופה פון ביאַליסטאָקער אונטערערד זיין נאָענטע קאַמפס־מיטאַרבעטערין רבקה וואָיסקאָווסקאַ:

„דער ח׳ דניאל איז געווען ענערגיש און אונטערנעמונגס־פעיק, דיסציפּלינירט, ווי עס קאָן נאָר זיין א מיליטער־מאַן, אָבער גלייכצייטיק פאַרמאָגט ער אַזוי פיל האַרץ פאַר חברים. ס׳דערמאָנט זיך מיר דער פאָלגנדיקער מאָמענט: דאָס איז געווען סוף 1942 י. כ׳האָב שוין דאַן געהאַט פאַרלוירן מיין מאַן און מיין גאַנצע משפחה. אין א שמועס האָבן חברים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך האָב פונדעסטוועגן זיך נישט געענדערט. דער ח׳ דניאל האָט דאַן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מען דאַרף קאָנען אַריינקוקן אין דער נשמה פון חברים. אָבער ער, דניאל, דער מענטש פון לאָגיק, האָט געוווּסט, אַז יענע טעג, די טעג פון פאַשיסטישן טעראָר, זיינען נישט קיין צייט פאַר נשמה־גריבלענישן. כ׳דערמאָן זיך, ווי אין א פינצטערן פעברואַר־אָוונט, א פּאָר טעג נאָך דער ערשטער אַקציע, האָב איך זיך געגרייט אַרויסגיין אין וואַלד מיט א גרופּע חברים. ס׳האָט געשאָטן א שניי, געמישט מיט רעגן. ס׳איז מיר געווען זייער שווער זיך צו שיידן מיט די חברים פון געטאָ, כ׳האָב גוט געוווּסט, אַז מיר וועלן זיך שוין אפילו קיינמאָל נישט טרעפן. אין דעם אָוונט בין איך געגאַנגען מיטן ח׳ דניאל און די ח׳טע מאַרילע רוזשיצקאַ. זי האָט אַרויסגעפילט מיין שטימונג און מיך שטאַרק אַרומגענומען. דער ח׳ דניאל האָט דאַן געזאָגט: „לאָז איר אָפּ, זי וועט אויסהאַלטן, מיר זיינען נישט פון אייזן, נאָר פון שטאָל". ער א׳ז געווען גערעכט, דער ח׳ דניאל, פון שטאָל און מיט א שטאָלענעם ווילן זיינען געווען די אַלע מענטשן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן אָקופּאַנט און אים באַזיגט. אַזאַ איז אויך געווען דער ח׳ דניאל. א קראַנקער, א לונגנליידנדיקער, קומט אים אָפּ אויס צו בלייבן אין בעט. אָבער ער גיט זיך נישט אונטער. ער ווערט דורך דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע באַ־

דניאל מאָשקאָוויטש

שטימט אלס פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַצ־ע אין געטאָ, פון זעלבשוץ".

אין געטאָ האָט דניאל מאָשקאָוויטש געאַרבעט ווי א שוסטער און דער־נאָך אין א בעקעריי. די גאַנצע צייט האָט ער געהאַט אויסצושטיין קאַלט און וואָרעם מצד דער פּאָליציי און די געשטאַפּאָ־שפּיאָנען. האָט ער באַקע־געמוזט כסדר טוישן די וווינונג. א צייט האָט ער געוווינט אויף פּאָליע־סער גאַס, דער פענצטער איז אַרויס צום פּלויט פון געטאָ, און דורך דאָ־נען איז טאַקע געגאַנגען די פאַרבינדונג מיט די חברים פון יענער זייט. דערנאָך האָט ער א צייטווייליקן מקום מנוחה געפונען ביים קאָמוניסט יר־דזשעק מאַרגאָליס. שפּעטער געוווינט ערגעץ אנדערש. א צייט האָט ער גע־וווינט אינאיינעם מיטן קאָמיטעט־מיטגליד לייביש מאַנדעלבליט. ווען רבקה, אָדער קאַוועזינגען נישט געווען אויפן אָרט, האָט זיי דניאל פאַרטרעטן אלס סעקרעטאַר פון קאָמיטעט 3).

ל ײ ב י ש מ א נ ד ע ל ב ל י ט — געבוירן אין 1903, אָדער 1904, א וואַרשעווער שפּילקאָווער שוסטער בן שוסטער, לאַנגיעריקער מיט־גליד פון דער פאַרוואַלטונג פונם ליגקן לעדער־פאַריין און פּאָפּולערער אַרבעטער־טוער פון סמאָטשער ראַיאָן, אַן אַקטיוויסט פון ק.פּ.פּ. אַן אויטאָ־דידאַקט, וואָס האָט זיין שווער דערוואָרבעט וויסן און ס'גאַנצע לעבן געווידמעט דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס. א פירער פון א סך שטרייקן, וועלכע האָבן זיך פאַר אים ס'רוב געענדיקט מיט אַרעסטן און תפיסה, וואָס האָט אונטערגעגראָבן זיין געזונט. א מענטש מיט א זעלטענעם האַרציקן כאַ־ראַקטער, וואָס האָט געקאָנט א חבר אוועקגעבן די נשמה. א פלאַמיקער מאַסן־רעדנער, וואָס איז מסוגל געווען מיטרייסן די אוידיטאָריע.

אין די קריטישע צייטן אין געטאָ איז מאַנדעלבליט געווען ערנסט קראַנק, אָבער ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון דער מסירת־נפשדיקער אַר־בעט און פונם קאַמף. ער איז געווען זייער רירעוודיק און מיטרייסנדיק. לייבוש האָט געפונען א העלדן־טויט בעתן אויפשטאַנד 4).

א ה ר ן (אַרטור) אָ ס ק אָ ל א האָט געשטאַמט פון א וואַרשעווער חסידיש־בגידישער היים. אין די גאָר יונגע יאָרן האָט ער איבערגעריסן מיטן אַלטן שטייגער און איז אַוועק אין די קאָמיוגישע רייען. דאָס איז גע־ווען אַן אַלזייטיק־געבילדעטער מענטש, אַן ערנסטער קענער פון מאַרקסיס־טישער ליטעראַטור און א באַגאַבטער לעקטאָר און פּרעלעגענט. חוץ דער

3) דאָרטן.
4) דאָרטן.

ווארשעווער הויכשול האָט ער אויך דורכגעמאַכט דעם תפיסה־אוניווערסי־טעט. ער האָט זיך זיבנ יאָרן א סך אָפּגעגעבן דער שטודיע פון מיליטע־רישער פאַך־ליטעראַטור, בפרט פון די קאַפּיטלען פון גאַסן־קאַמף. אָט די שטודיעס זיינען אים שטאַרק צו נוץ געקומען אין געטאָ. ער האָט אָנגע־פירט מיט דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט פונם אַנטיפאַשיסטישן קאָ־מיטעט.

אין געטאָ האָט זיך דער אינטעליגענט אַסקאָלאַ געמוזט אויסזוכן א וועלכע־עס איז באַשעפטיקונג צו קאָנען דערנערן זיך און דער פרוי מיטן קינד. האָט ער אָנגענומען אַן אַרבעט, וואָס איז געלעגן מחוץ זיינע קוואַ־ליפיקאַציעס און זיין אינטערעסן־קרייז — ער איז געווען דער לייטער פון דער עפנטלעכער באָד אין געטאָ. אָבער אין אָט דער — פשוט גערעדט — מקווה האָט זיך אַסקאָלאַ איינגעאָרדנט בסודי סודות א גאַנצן שטודיר־קאַ־בינעט. דאָ האָט ער געליינט זיינע באַליבטע מאַרקסיסטישע ביכער, דאָ האָט ער געשריבן די אויפרופן און איבערזיכטן, דאָ איז אויך געווען אַן אָרט פאַר געהיימע פאַרזאַמלונגען פון דער אָנפירונג.

אַסקאָלאַ איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט ד"ר נאַטאַן האָלענדער־סקי (געוווינט אויף יוראַווצער 24), וועלכער האָט — טראָץ זיין איבער־רייסן מיטן יודענראַט — דאָך געהאַט דאָרטן זיינע אַלטע קאַנטשאַפטן און אַרויסבאַקומען וויכטיקע ידיעות, וועלכע ער פלעגט איבערגעבן דעם באָד־פאַרוואַלטער. אזוי אַרום איז דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט געווען איב־פאָרמירט וועגן אַ ריי גזירות און סכנות, וואָס האָבן באַדראָט דאָס געטאָ אָדער די אונטערערדישע טוער. ד"ר האָלענדערסקי האָט אויך צוגעשטעלט וויכטיקע ידיעות פון דער „אַרישער" זייט, וווּ ער איז א געוויסע צייט געווען באַשעפטיקט באַנאַנד מיט זיין פאַך־קאָלעגע דעם אָקוליסט ד"ר קערשמאַן.

אהרן אסקאָלאַ האָט זיך באַטייליקט אינם אויפשטאַנד און איז געפאַלן אויפן פאָסטן 5).

חיה מענדעלסאָן („העלא") — א באַגאַבטע פּעדאַגאָגין, אַן אָפּשטאַמיקע פון בריסק און א לערערין פון די ווארשעווער ציש"אָ־שולן, אין די יאָרן 1939—1941 אין ביאַליסטאָק — אַן אינספּעקטאָרין פון די יידי־שע מלוכהשע לערן־אַנשטאַלטן. אַן אַלטע רעוואָלוציאָנערקע, מיטגליד פון ק.פּ.פּ. אויסערלעך א באַהערשטע און רואיקע, אָבער מיט אַן אינערלעכן גלי. די חברים האָבן זי געקענט ווי אַן אויסערגעוויינלעך האַרציקן מענטש. זי איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך תיכף גענומען צו אונטער־

---

5) דאָרטן.

ערדישער ווידערשטאנד־ארבעט. א פאנאטישע קעמפערין פאר אן אײנהײט־לעכן אנטיפאשיסטישן נאציאנאלן קאמפּס־פראָנט. געארבעט האָט זי אין געטאָ ווי א סאניטארקע אין דעם געטאָ־אָפּטײל פון רויטן קרײץ. געווידמעט האָט זי זיך די פארוואָרלאָזטע יידישע קינדער. דאָס איז געווען די מאמע פון די יתומים פון געטאָ. זי האָט זיי דערצויגן און געזאָרגט פאר אלע זייערע באדערפעניש.

חיה מענדעלסאָן איז געפאלן מיט א העלדן־טויט אינם אויפשטאנד 6).

ארום דעם קאָמיטעט האָט זיך קאָנצענטרירט א גרופע טרייע טוער, וואָס האָבן אויסגעפירט די ארבעט אויף פארשידענע געביטן, צו וועלכע זיי זיינען באשטימט געוואָרן.

איינער פון די וויכטיקסטע און נאָענטסטע מיטארבעטער פונם קאָמיטעט איז געווען י ו ס ף ד ר יי ע ר.

יוסף דרייער — א געבוירענער אין גריצע אין יאָר 1900 — האָט געשטאַמט פון א פאראָרעמטער קליינבירגערלעכער פאַמיליע. צו 16 יאָר הייבט ער אָן אין געהיים צו שטודירן די מארקסיסטישע ליטעראטור. ער איז איינער פון די גרינדער פון די פראָפעסיאָנעלע פאריינען אין זיין שטעטל, דערנאָך שאפט ער די גריצער פאָלקס־ביבליאָטעק א. נ. פון י. ל. פרץ און א יידישע פאָלקס־שול. זינט 1928 ווערט ער — ווי א קאָמוניסט — אויסגעוויילט אין גריצער שטאָט־ראט; ער ווערט בארימט מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע רעדעס. בעת איינעם פון אָט די ארויסטריטן באקומט ער א הארץ־אטאק און בלייבט שוין קראנק א גאנץ לעבן. די ווייטערדיקע ביאָגראפיע פון יוסף דרייער געשטאלטיקט זיך ווי דער גורל פון יעדן פראָלעטארישן טוער. ער גיט אוועק דאָס לעבן רעשטלאָז דער באוועגונג. ער איז טעטיק אין ווארשע און אין גאליציע. אין די יאָרן 1936—1937 אָרגאניזירט ער אין גריצע דעם קאמף קעגן די סאנאטאָריש־ענדעקישע פאָגראָמשטשיקעס. א געוויסע צייט פארברענגט ער אין תפיסה. צוגלייך מיט א סך אנדערע פאָליטיש פארפאָלגטע קומט ער אָן סוף 1939 קיין ביאליסטאָק 7).

דאָס איז געווען א מענטש מיט א זעלטענעם כאראקטער — א הארמאָנישער סינטעז פון גוטסקייט און שטאָלענער פעסטקייט. א מסוכן קראנקער און דאָך אן אייביק מונטערער און אקטיווער. לכתחילה האָט ער אין געטאָ זיך געפּרווט דערנערן ווי א פיזישער ארבעטער אין א בעקעריי. אָבער

---

6) דאָרטן.

7) לויט די אָנגאָבן פון פרוי צ. דרייער.

ער האָט צוליב זיין קראַנקהייט געמוזט וואַרפן די שווערע אַרבעט. אַ צו־געשמידעטער צום קראַנקן־בעט, האָט יוסף דרייער פון אָנהייב אָן געפריי־דיקט די אידעע פון דירעקטן קאַמף. ער האָט אין זיינע שלאָפע הענט גע־האַלטן אַ בישקשהדיקן טייל פון די אינערלעכע פעדים פון דער אומלע־גאַלער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָקאָרשט גענומען אויספּיקן. זיין וווינונג אויף קופּיעצקע 11 איז געווען דער טרעף־פונקט פאַר די אָנפירנדיקע אַק־טיוויסטן פון דער אַרומיקער פּראָווינץ. דרייער איז טאַקע געווען דער, וואָס האָט געהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די חברים פון גראָדנע און אפילו פון ווייטן סלאָנים, וווהין עס זיינען אין די ערשטע טעג אוועק און שפּעטער אומגעקומען אזעלכע וויכטיקע טוער ווי משה באָוואַגרודזקי („מאָניעק"), דוד ריכטער, געלער און אַנדערע אָנפירנדיקע קאָמוניסטישע אַקטיוויסטן.

יוסף דרייער איז געווען די נשמה פון דער אָרגאַניזאַציע, דער שטענ־דיקער בעל יועץ אירער, אַ מענטש מיט אַ קלאָרן, לאָגישן אַרט דענקען. אפילו פון וואַלד, פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג איז מען געקומען צום שווער־קראַנקן אָפּטימיסט זיך שואל עצה זיין וועגן וויכטיקע פּאָליטישע און שלאַכט־פראַגן.8)

איינער פון די באַוואוסטסטע מיטאַרבעטער פונם קאָמיטעט און שפּעטער אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פון דער דאָזיקער צענטראַלער אינסטאַנץ פון דער באַוועגונג איז געווען ש ל מ ה ־ ל אָ ז ע ר י אַ ק ו ב אָ ־ ו י ט ש („מיטעק", „מיטעקעוויטש"). יאַקובאָוויטש האָט געשטאַמט פון טשענסטאָכאָוו, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1888 ביי אַ טאַטן אַ דרוקסלער־אַרבעטער. יאַקובאָוויטש האָט אדורכגעמאַכט אַ לעבן פון אַ פּראָלעטאַרישן וואָגלער אין די צייטן פון קאַפּיטאַליזם. ער האָט געאַר־בעט אין שלעזיע אין אַ קוילן־גרוב, דערנאָך אוועקגעוואַנדערט קיין וועסט־פאַליע, ווו ער איז אין שטורמישן יאָר 1923 אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אַרבעט פאַר אָרגאַניזירן שטרייקן. מיר טרעפן אים דערנאָך אין בער־לין ווי אַן אַרבעטער אין אַ זייגער־פאַבריק, ווו ער באַהערשט דעם פאַך פון אַ מעכאַניקער פון פּרעציזע מאַשין־טיילן. אין יאָר 1930 קערט ער זיך אום קיין פּוילן. ער וואַרפט זיך אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער טעטי־קייט. ער בויט אויס די צענטראַלע טעכניק פון דער אומלעגאַלער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, צווישן אַנדערע — די באַרימטע טעכניק אויף לעשנאָ. ער באַזוכט מאָסקווע. אומעטום לערנט ער זיך. ער האָט נאָך פריער געענדיקט אין בערלין די הומבאָלד־הויכשול און אַרבעט איבער זיך ווייטער. אין

---

8) ג"ע פון ל. טשאַפּניק (מחברס אַרכ׳).

סעפּטעמבער 1939 ראַטעוועט ער זיך — ווי אַ סך אַנדערע פון זיין שניט — אין ביאַליסטאָק. ער אַרבעט אין אַ מעטאַל־פאַבריק און בילדעט זיך כסדר. אין געטאָ שטייט ער צו צו אַקטיווער טעטיקייט לפי ערך שפּעטער, נאָך דער ערשטער ליקווידאַציע, מחמת אַ ריי פּערזענלעכע סיבות. אָבער איינמאָל צוגעטרעטן, ווערט ער וואָס ווייטער אַלץ אַקטיווער און רוקט זיך אַרויס אין די פאָדערשטע רייען. ער ווערט באַשטימט פאַרן פאָרשטייער פון אַנטישפּאַשיסטישן קאָמיטעט אין דער קאָאָרדינירקאָמיסיע מיט אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען אין געטאָ־אונטערערד און פירט אויס די אָנפאַרטרויטע וויכטיקע שליחות בשלימות [9].

ער איז געפאַלן אינעם אויפשטאַנד. — צוזאַמען מיט אים האָט געקעמפט זיין חברטע זאַשיע יאַסקאָוויטש, אַ באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע טוערין פון לאָדזש. ביידע זיינען זיי געפאַלן אין קאַמף בעתן אויפשטאַנד צוזאַמען מיטן פּערצניאַריקן זון [10].

דער נאָענטסטער מיטקעמפער פון יאַשקע קאָווע און דניאל מאָשקאָוויטש אויפן געביט פון געווער־פאַרגרייטונג איז געווען וועלוול וואָלקאָוויסקי.

וועלוול וואָלקאָוויסקי איז אַ קינד פון ביאַליסטאָקער יידישן טעקסטיל־פּראָלעטאַריאַט און ער האָט אַדורכגעמאַכט דעם טיפּישן וועג פון אַ באַוווּסטזיניקן יידישן וועבער־אַרבעטער. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, איז אים אָפּגעשטאָרבן דער פאָטער. פון די יונגסטע יאָרן מוז ער דעריבער שווער אַרבעטן אין אַ פאַבריק, כדי צו דערנערן זיך און די מוטער. אַן אָנגעלייענטער אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור וואַרפט ער זיך אַריין אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער איז איינער פון די פּירער פונם קלאַסן־פאַריין פון די טעקסטיל־אַרבעטער אין ביאַליסטאָק. ער רוקט זיך אַרויס ווי אַן אַקטיווער קאָמוניסטישער טוער אין די יאָרן 1932—1933 בעת די גרויסע שטרייקן פון טעקסטיל־פּראָלעטאַריאַט. ער געהערט צום שטרייק־קאָמיטעט און נעמט אָנטייל אין דעם גאַסן־קאַמף פון די סופּראַסלער וועבער קעגן דער פּאָליציי. דאָס קאַפּיטאַליסטישע געריכט באַשטראָפט אים דערפאַר מיט פיר יאָר שווערער טורמע. אָפּגעזעסן דעם אורטייל און אַרויס אויף דער פריי, וואַרפט זיך וואָלקאָוויסקי ווידער אַריין אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער ווערט באַנייס אַרעסטירט, דאָס מאָל וואַרט אויף אים נישט דער תפיסה־קאַמער, נאָר דער קאָנצלאַגער אין קאַר־

---

9) לויט די אָנגאַבן פון פרוי לעוואַרטאָווסקאַ און ג״ע פון מ. בוך.
10) ג״ע פון מ. בוך.

טוז־בערעזע, וווּ ער שמאַכט אַפּ 17 חדשים. א הערלייכטערנדיקע אָטעמפּויזע אין זיין שווערן לעבנס־וועג איז דער צייט־אָפּשניט 1939—1941, אונטער די שפּעטערדיקע אָקופּאַציע־באַדינגונגען שטעלט זיך וואָלקאָוויסקי פון ערשטן מאָמענט צו דער אַרבעט. ער איז איינער פון די ערשטע, וועלכע וואַרפן דעם געדאַנק פון ווידערשטאַנד, באַוואָפענונג און זעלבשוץ.

וואָלקאָוויסקי איז אַ מוסטער פון דרייסטקייט. ער נעמט אָנטייל אין באַרימטן איבערפאַל אויפן געווער־מאַגאַזין פון ס.ס. אויף מאַנאַפּאָל־גאַס. אַדאַנק דער קאַמף־אַקציע האָט די אָרגאַניזאַציע דערגאָבערט א גרעסערע צאָל הייס געווער (וועגן דעם — ווייטער). ער באַטייליקט זיך מסירת־נפשדיק אין אויפשטאַנד, האַלט זיך געניג לאַנג און פירט אויס זיין חוב ביזן סוף [11].

אַן אַרטיקער ביאַליסטאָקער איז אויך דער אַקטיווער טוער פון דער אַנטיפאַשיסטישער געטאָ־אָרגאַניזאַציע ז ל מ ן פ ע ל ד ע ר — א מעטאַל־אַרבעטער. פעלדער איז אויך געקומען צו דער געטאָ־אונטערערד א דערפאַרענער מיט יאָרן קאַמף קעגן דעם סאַנאַציע־רעזשים און אַנטיסעמיטיזם אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. א קענער פון קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט איז ער איינצייטיק געווען פאַרהאַרטעוועט דורך יאָרן סאַנאַציע־תפיסה, וווּ ער איז פאַרשפאַרט געוואָרן פאַר זיין קאָמוניסטישער טעטיקייט. אין דער געטאָ־תקופה איז ער אַקטיוו סיי אין שטאָט, סיי אין וואַלד, פירט אויס גאַנץ אָפט די פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות פון א פאַרבינדלער צווישן דער געטאָ־אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיזאַנער. ער איז געפאַלן אינעם אויפשטאַנד [12].

דער דריטער אַרטיקער ביאַליסטאָקער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט אין דער פאָדערשטער ריי פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, איז געווען ה ע נ ע ך פ א ר ב ע ר, א טוער פון די לינקע סטודענטן־קרייזן אין ביאַליסטאָק אין די יאָרן 1925—1930. א גערודפטער דורך דעם סאַנאַציע־רעזשים און — מחמת ווי א ייד קאָן ער נישט שטודירן דאָס, צו וואָס ער שטרעבט, — מוז פאַרבער פאַרלאָזן פוילן אויף א לענגערער צייט. ער לערנט אין פּראָג און ענדיקט אויף אן אינזשיניער־עלעקטריקער. אין דער געטאָ־תקופה שטעלט ער זיין וויסן אין רשות פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און ווידמעט זיך דער זאַך פון פּראָדוצירן געווער. ער באַטייליקט זיך אינעם אויפשטאַנד און איז ממשיך דעם

---

11) ג"ע פון ק. באַראַקין און וו. יאַשינאָווסקי.

12) דאָרטן; אויך: ג"ע פון מרדכי יאַניש, אַרכ' ייה"א, פּראָט' 1838.

קאמף אין וואלד, ביז ער פאלט מיט א העלדן־טויט אין סעפטעמבער 1943 (13.

דער פערטער אנטיפאשיסטישער געטא־אקטיוויסט — דער לערער גרישע לונסקי איז געווען פאפולער אין די קרייזן פון דער יידישער פראגרעסיווער אינטעליגענץ. ער איז אן אגיטאטאר, אן אונטערערדישער זשורנאליסט, אן ארגאניזאטאר פון הילף פאר סאוויעטישע קריגס־געפאנגענע, א פארטיזאן. גרישע לונסקי איז געפאלן אויפן פאסטן. (14

אין נאמען פון דעם אנטיפאשיסטישן קאמיטעט קאארדינירט די ארבעט פון דער יוגנט־ארגאניזאציע, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן פאראלעל מיט די קרייזן פון די עלטערע, יהודית נאוואגרודזקא („יודיטא״) — די פרוי פון אומגעקומענעם קאמוניסטישן טוער משה נאוואגרודזקי („מאניעק״). יהודית האט געשטאמט פון ווארשע, פון אן אינטעליגענטישער היים. פון די יונגע יארן איז זי געווען געזעלשאפטלעך טעטיק — צוערשט אין „ז.מ.ס״, אין דעם לינקן פארבאנד פון דער שול־יוגנט; יודיטא איז געווען איינע פון די אקטיווסטע אינם קאנספיראטיוון „ז.מ.ס.״־קרייז אין דער גימנאזיע פון פרוי קאלעצקא, ווו זי האט זיך געלערנט. פון דעם דאזיקן שילער־קרייזל האט געפירט א גלייכער וועג אין די רייען פון קאמיוג און פון דאנען אין דער קאמוניסטישער פארטיי. זי איז געווען א פעיקע ארגאניזאטארין און האט פארמאגט דעם כוח צו באגייסטערן און מיטצורייסן. א מענטש מיט א פעסטן כאראקטער און שטארקן ווילן, הגם שוואכן געזונט, האט זי אייפעריק און מיט עקשנות געקעמפט פאר אירע פרינציפן. אין דער געטא־תקופה איז זי געווען ערנסט קראנק אויפן הארץ און דאך נישט אפגעשטאנען פון דער ארבעט. אלט איז זי דעמלט געווען א יאר 35. זי איז געפאלן אין אויפשטאנד 15).

דירעקט בראש פון דער אנטיפאשיסטישער יוגנט־ארגאניזאציע איז געשטאנען די 20־יעריקע ביאליסטאקערין שרהלע ראזענבלאט, א טאכטער פון א באקאנטן פעדאגאג, געוועזענעם פארוואלטער פונם לערן־טייל אין דער אלטער יידישער גימנאזיע. שרהלע האט געהאט איר באזונדערן חשבון מיט די דייטשע רוצחים. איר טאטע איז פארשניטן געווארן יענעם טראגישן שבת. זי האט זיך געשטעלט אין רשות פון דער

---

13) דארטן.
14) דארטן.
15) ג״ע פון ר. וואיסקאווסקא.

באַוועגונג און מיטגעריסן די יוגנט מיט איר שטענדיקער שלאַכט־גרייטקייט 16).

די צוויי ענערגישע חברטעס — יהודית נאָוואָגרודזקי און שׂרהלע ראָזענבלאַט — האָבן פאַנאַנדערגעוויגט דעם יוגנט־געביט.

צו די שענסטע פרויען־געשטאַלטן אין דעם אַקטיוו פון דער אָרגאַניזאַציע האָט געהערט סאָניע רוזשאַנסקאַ, אַן אַפּשטאַמיקע פון שטעטל לאַכווע, א לערערין פון פאַך. זי האָט זיך פאַרנומען מיט צוויי געביטן: מיט דער טעכניק און מיט מיליטערישער אויסשולונג. אָנהויב 1942 האָט זי גרופּירט אַרום זיך חברים אויסגעדינטע זעלנער און געשאַפן דעם קערן פון דער שפּעטערדיקער זעלבשוץ איניציאַטיוו מיט די אַקטיוויסטן נחמן שטעפער, ליאַלעק מינץ, פּתחיה מאַלער און עליע בוימאַץ. זי איז געווען א נאָענטע מיטאַרבעטערין פון דניאל מאָשקאָוויטש. סאָניע האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן פון דער ערשטער זעלבשוץ. איר ווייטערדיקער דערנער־וועג האָט געפירט דורך אָשוויענטשים. זי האָט דערלעבט די טעג פון באַפרייונג 17).

צווישן דער יוגנט איז טאַקע געפירט געוואָרן א ברייטע טעטיקייט. די ערשטע אַנטיפאַשיסטישע קרייזלעך ביי דער יוגנט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן שוין ווינטער־צייט 1941. „אין משך פון עטלעכע וואָכן — טיילט מיט דער ביאַליסטאָקער יוגנט־אַקטיוויסט ב. וואַסערשטיין, — זיינען אַנטשטאַנען אַזוי פיל קרייזלעך, אַז עס האָט געמוזט געשאַפן ווערן א גאַנצע אָרגאַניזאַציע מיט א יוגנט־קאָמיטעט בראש” 18).

די ווידערשטאַנד־לאָזונגען האָבן שנעל געטראָפן צו די הערצער פון דער יוגנט. פון אירע רייען זיינען אַרויסגעקומען אַזעלכע העלדישע מיידלעך און בחורים ווי די גאָר יינגינקע לערמאַן, ווי בירא שוריק, די טאָכטער פון „שבתדיקן” אַברהם שוריק (דער פאָטער, אַן אַקטיווער קאָמוניסט און „געזערד”־טוער, האָט זיין בת יחידקע געהאַט א נאָמען געגעבן בירא ווי אַ סימן פון ליבשאַפט צו ביראָבידזשאַן), ווי מיקא דאָטנער, טאָנע לעוו („סטאַשיעק”), ווי נתן (טאָטעק) גאָלדשטיין, ווי תנחום פּאָגאָרעלסקי און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט סיי אין דער באַוועגונג, סיי אין קאַמף — אינם אויפשטאַנד, אָדער אין וואַלד 19).

16) דאָרטן.
17) ג”ע פון פ. בוימאַץ און ר. וואַיסקאָווסקאַ.
18) ג”ע פון ב. וואַסערשטיין, אַרכ’ ייה”א, פּראָט. נ’ 19.
19) ג”ע פון ליזע טשאַפּניק און אַניע רוד.

אין דער פראפאגאנדע־ארבעט פון דער ארגאניזאציע האבן זיך אויסגעצייכנט — באנאנד מיט אהרן אסקאלא, יוסף דרייער און גרישע לונסקי — די אקטיוויסטן פרידע פעל, סאלמאן, קאפלאן, די ברידער קאזשעץ.

פרידע פעל איז געווען איינע פון די זעלטנסטע געשטאלטן אין געטא — זי האט תמיד אריינגעבראכט אין דער סביבה זוניקן שמייכל. און איז געווען א טרעגערין פון אפטימיזם. די לעבנגעבליבענע חברים קאנען ביז היינט נישט פארגעסן אירע לייכטנדיקע אויגן, מיט א שמייכל האט זי געטראגן דעם בייטל מיט די אומלעגאלע קאמוניקאטן. זי האט אנגעפירט מיט דער טעכניק פון דער קאנספיראטיווער ארגאניזאציע; מיטן זעלביקן שמייכל האט זי אריינגעקוקט אין די בעטלעך פון די וויינענדיקע קינדער — זי האט געארבעט ווי א דערציערין אין א יתומים־היים — און דער שמייכל האט תיכף געווירקט, דאס קינד האט אויפגעהערט וויינען, זיך צעשייכלט, ווי זעענדיק פאר זיך א גוטע, טייערע מאמע 20).

די טעכניק פון דער ארגאניזאציע האט פארמאגט אן אייגענעם ראדיא־אפאראט, וועלכער איז אינסטאלירט געווארן בסודי סודות אין דער דירה פון די ברידער שלום און פאוועל קאזשעץ אויף פאבריק־גאס 39. די דאזיקע ברידער מיט דעם עלטערנס פרוי ריגינע האבן פארנומען א פארטער־דירה און אין א גוט־פארקאנספירירטן אונטערערדישן בונקער האבן זיי באהאלטן דעם ראדיא. די דייטשע מאכט האט עפעס געוווסט וועגן א ראדיא־אפאראט אין געטא, דער יודענראט האט אפילו וועגן דער סכנה געווארנט די באפעלקערונג, האט מען דעריבער געמוזט זיין זייער פארזיכטיק 21). מחמת דעם זיינען די העקטאגראפירטע ביולעטינען — לויט די ראדיא־ידיעות — די ערשטע צייט ארויסגעלאזט געווארן אין רוסיש און נישט אין יידיש, כדי נישט ארויסצורופן קיין חשד לגבי דעם געטא. די קאמוניקאטן פלעגן אויפנעמען קאפלאן און אינזשיניער אשר סאלמאן — דער לעצטער האט געקענט א סך שפראכן. דערנאך האט מען אין פרידע פעלס וווינונג אויף טשעפלע 1 רעדאגירט און העקטאגראפירט די ביולעטינען. דער ביולעטין איז געווען כמעט א טעגלעכער. פון געטא זיינען זיך די ביולעטינען און די ידיעות צעגאנגען איבערן גאנצן ארום. איינער פון די בעסטע און טרייסטע קאלפארטערן פון דער אומלעגאלער ליטעראטור איז געווען דער יוגנטלעכער יהושעק מארגאליס 22).

---

20) ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא.
21) עס זיינען געווען אין געטא נאך ראדיאס, וועגן דעם — ווייטער.
22) ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא, מ. בוך און פ. קאזשעץ.

פון ערשטן טריט אירן האט די אנטיפאשיסטישע ארגאניזאציע גענומען טראכטן וועגן צוגרייטן א זעלבשוץ 23). מיט אט דעם ענין האבן זיך פון דער ערשטער צייט אן אינטערעסירט — א חוץ דעם אנפירנדיקן קאמיטעט און זיינע נאענטסטע מיטארבעטער — אויך די אקטיוויסטן פון דער ארגאניזאציע, צווישן וועלכע עס האבן זיך אויסגעטיילט א ריי געשטאלטן, וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א באזונדערער מסירת נפשדיקייט, דינענדיק ווי א מוסטער פאר דער יוגנט. אט זיינען עטלעכע פון זיי:

פתחיה מאלער (פסעודא „מאדעק") — געבוירן אין יאר 1912 אין ניי־סאנטש אין א פרומער, סוחרישער היים. פון די ערשטע יארן פירט ער א רעוואלוציאנערע טעטיקייט, ווי אן אקטיוויסט פון דער קאמוניסטישער באוועגונג, פארוואס ער ווערט ארויסגעווארפן פון גימנאזיע. אין יאר 1930 איז ער געצוווּנגען צו עמיגרירן קיין פראנקרייך, וווּ ער שטודירט די דעקאראטיווע קונסט. נאכן צוריקקומען פון פאריז פירט ער א רעוואלוציאנערע אגיטאציע צווישן די ארבעטער אין זאגלעמביער קוילן־ראיאן און ווערט דעפאר באזייטיקט פון פאסטן. ער מוז ווייטער וואנדערן, באזעצט זיך אין ווארשע, אנטלויפט אין סעפטעמבער 1939 קיין ביאליסטאק. דא געהערט ער צו די אקטיווסטע צוגרייטער פון באוואפנטן ווידערשטאנד 24).

ריווע ווארשאווסקי, א לערערין פון פאך. נישט געקוקט דערויף, וואס זי האט געהאט א פיצל קינד, האט זי בשום אופן נישט געוואלט רעזיגנירן פון אקטיווער טעטיקייט. אויף אלע טענות פון די חברים, אז אפילו אין די געפערלעכסטע מלחמה־סיטואציעס ווערט א מוטער פון א קליין קינד באפרייט פון מיליטער־דינסט, האט זי כסדר דערווידערט מיטן פאלגנדיקן ארגומענט: „מיין קינד קאן איך באשיצן נאר אין קאמף, פארטיידיקנדיק אנדערע קינדער!". דאס דאזיקע ווארט אירס איז באקאנט געווען צווישן דער אקטיוויסטן־מאסע און האט געדינט ווי א באגייסטערנדיקער לאזונג צו מסירת נפש אין קאמף 25).

איר נאענטסטע קאמף־חברטע איז געווען די לאדזשער לערערין טאניע סעגאל, א שלאכט־גרייטע און קעמפערישע, די אלמנה נאכן „שבתדיקן" בערשלינג 26).

---

23) דארטן.

24) לויט די אנגאבן פון מאלערס שוועסטער העלענע שפילמאן און ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא, מ. בוך א. א.; פתחיה מאלער איז א ברודער פונם היסטאריקער ד"ר רפאל מאלער.

25) ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא.

26) דארטן.

אין איין ריי מיט די צוויי אַקטיוויסטינס איז געשטאַנען די קאָמוניסטקע פּאַצאַנאָווסקי. צוזאַמען געאַרבעט אין אונטערערד און צוזאַמען געפאַלן אינם אויפשטאַנד 27).

צו דער לאָדזשער גרופּע אַקטיוויסטן, וואָס זיינען געוואָרן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע, דאַרף מען אויך פאַררעכענען האַנקע לעווינסאָן, די געוועזענע פאַרשטייערין פון דער לינקער ריכטונג אין לאָדזשער שטאָטראַט; אין געטאָ האָט זי געזאָרגט וועגן קאָנספּיראַטיווע טרעף־ערטער פאַר די חברים; ווייטער: די אלמנה נאָך אברהם שוריק — העלא שוריק, אַ מיטגליד פון ק.פּ.פּ., העפטערין פון פאַך. אין דער וואַרשעווער גרופּע פון די אַנטיפאַשיסטישע אַקטיוויסטן האָבן זיך אויסגעצייכנט האַנקע עלסנער, אַ קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט טאַקע אירע קוואַליפיקאַציעס און וויסן אויף דעם געביט אויסגענוצט פאַר דער באַוועגונג, אָרגאַניזירנדיק זייער פרי אַ קורס פון סאַניטאַרקעס פאַר דער געטאָ־זעלבשוץ און פאַר די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד; מיטן זעלביקן ענין האָט זיך פאַרנומען אויך רעניאַ וויערניק, אַ פּרעבל־דרעציערין פון וואַרשע, אַ געבוירענע אין קראַסניסטאַוו, אויך אַן אלמנה נאָך אַ שבתדיקן, אַן איבערגעגעבענע חברטע, וועלכע איז דורכן וואַלד גערופן געוואָרן „די פּאַרטיזאַנישע מאַמע". מען דאַרף באַטאָנען די ראָל פון אַבראַשע פּאָגעלמאַן („קאָליא") — אַ טוער פון די לינקע האַנדלס־אָנגעשטעלטע פון וואַרשע, אליין אַ ווילנער — ער האָט זיך מאַטעריעל זייער געפּייניקט איינגעם מיט דער פאַמיליע אין ביאַליסטאָקער געטאָ; ווייטער די קאָמוניסטן: קראָמאַזש, די קליינע פראַנקע פון טעקסטיל, די צוויי אלמנות נאָך „שבתדיקע" חנה קעניגסבערג, אַ מאָדיסטקע פון פאַך, און אַניעלאַ מוראַוויעץ, אַ שניידערין; זייער חברטע עדזשיע אייזענשטיין, אַ שניידערין; פראַנקע פרענקעל, אַמאָל אַן אָנגעשטעלטע אין אַ וווּרשט־געשעפט אין וואַרשע, איינע פון די סאַמע שרעקלאָזע קעמפער פון ביאַליסטאָקער געטאָ; גערשטענקאָרן — פון די וואַרשעווער לינקע האַנדלס־אָנגעשטעלטע. צו די, וואָס האָבן די ערשטע געוויזן אַ פּערזענלעכן ביישפּיל פון אַקטיוון קאַמף, דאַרף קודם־כל פאַררעכנט ווערן די ביאַליסטאָקער חברטע רחל ראָזענשטיין 27א).

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די קרבנותפולע טעטיקייט פון די חברטעס, וואָס האָבן גענומען אויף זיך די שליחות איינצוהאַלטן די קאָנטאַקטן מיט

---

27) דאָרטן.

27א) לויט די אויבן־ציטירטע גביות עדות.

דער אויסערלעכער וועלט, מיט די פריינט און פארבינדעטע אויף יענער זייט לעבן. אויף דעם דאָזיקן אומגעהייער וויכטיקן געביט רוקט זיך ארויס אין דער ערשטער ריי ב ל י ו מ ע ל א ק ס (פסעוודאָ: „קוויע־טא”) איינע פון די שטארקסטע כאראקטערן אין דער פלעיאדע אונטער־ערדישע געטאָ־קעמפער. די דאָזיקע זאָקן־ארבעטערין פון לאָדזש, וועלכע האָט געהאט א שווער, געמאטערט לעבן פון א פראָלעטארקע, האָט אימ־פּאָנירט דעם ארום מיט איר גרענעצלאָזער ערלעכקייט און איבערגע־געבנקייט. א 34־יאָריקע אין יענער גרויליקער צייט, א מענטש מיט א לאנגן סטאזש פון קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָט זי זיך געווידמעט דעמלט דער סאמע געפערלעכסטער פונקציע פון ארויסגיין אויף דער „ארישער” זייט, ווי די פארשטייער פון אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט פון געטאָ, נישט געקוקט דערויף, וואָס איר אויסזען איז געווען ווייט נישט קיין „גוטער”. פונדעסטוועגן האָט זי קיין דורכפאלן נישט געהאט און דערפילט אלע שליחותן בשלימות. בליומע לאקס האָט פארמאָגט א מאָדנעם כוח פון איג־סטינקט פאָרויסצוזען, ווען די זאך וועט אדורכגיין בשלום און ווען עס וועט קומען אן אומגליק. ערב דער ערשטער ליקווידאציע האָט זי געזאָגט צו אי־רע חברטעס: „איך וועל מאָרגן אומקומען, פאר מיר זאָלט איר מער קיין מיטאָג נישט צוגרייטן. די שווארצע פאָרויסזאָגונג איז — צום טרויער פון די חברים — מקוים געוואָרן 28).

לפי־ערך אין דער זעלביקער צייט איז אומגעקומען אויך די צווייטע מסירת־נפשדיקע פארבינדלערין מיט דער „ארישער” זייט ח ו ה ש ו א ר ץ („עווא”). דאָס איז געווען א 40־יעריקע אקטיוויסטקע פון לינקן האנדלס־אָנגעשטעלטן־פאריין פון ווארשע. אין אויסזען האָט זי שוין דווקא געהאט א „גוטן”, זי האָט זיך תמיד אזוי צוגעקעמט און צורעכט געמאכט, אז מענטשן האָבן אין איר געזען אן אלטע קריסטלעכע פּאָלקס־פרוי, וועלכע גייט דערליידיקן שטוב־ענינים. עווא שווארץ איז געווען זייער א דרייסטע. נישט געקוקט אויף אירע פערציק יאָר, איז זי לייכט און פלינק געשפרונגען איבער פּלויטן און זיך ארויסגעגליטשט פון די הענט פון די שפּיאָנען. בעת דער ערשטער ליקווידאציע אין פעברואר 1943 איז זי אריינגעפאלן אין די הענט פון געסטאפּאָ און האָט זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט 29).

די פארבינדונג מיטן וואלד האָט א לענגערע צייט דורכגעפירט א ד ע ל א ה ע ר ץ, די אלמנה נאָכן „שבתדיקן” משה גרינבוים. דאָס

---

28) ג״ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ.
29) דאָרטן.

איז געווען א מיטל־יעריקע ארבעטער־פרוי מיט א סטאַזש פון קאָמוניסטישער און לינק־פּראָפֿאַריינישער טעטיקייט הינטער זיך. א סך מאָל איז זי געזעסן הינטער די קראַטן. איז זי געווען היין און צוריק פון וואַלד אין געטאָ. אומגעקומען איז זי אינאיינעם מיט אירע נאָענטע חברים בעתן אויפשטאַנד 30).

צו די פלינקסטע און זיכערסטע פאַרבינדלער מיטן וואַלד האָט געהערט משה בוך („מאַרעק"), א וואַרשעווער חבר מיט אן אויסזען פון א כוואַטסקן „שגץ" 31). אינם געטאָ־פּעריאָד איז דער הויפּט־געביט פון בוכס רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט געווען די געוועזענע קאַזאַרמע פון צענטן פּולק אולאַנער, וווּ עס איז א דאַנק די בוכס געשאַפן געוואָרן א צענטער פון ווידערשטאַנד־ און געווער־ פאַרגרייטונג.

אינאיינעם מיט משה בוכן איז געווען אקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע זיין פרוי רוזשקע אסיאַש פון וואַרשע, א האַנדלס־אָנגעשטעלטע פון פאַך, א טוערין פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון פּוילן און א מיטגלידערין אין דער לאַנד־אָנפירונג פון דער רעוואָלוציאָנערער קינדער־אָרגאַניזאַציע „פּיאָניער". נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט געהאַט א צוויי־יאָריק קינד, האָט זי בעת דער ערשטער ליקווידאַציע געשטעלט א ווידערשטאַנד. זי איז געפאַלן אין גערהאַנגל (אויף אָגראָדאָווע גאַס) 32).

צו די קרבנות־גרייטע אקטיוויסטן פון דער אָרגאַניזאַציע האָט געהערט שמחה בוימאַץ (דער ברודער פונם שפּעטערדיקן פּאַרטיזאַנישן קאָמאַנדיר עליע בוימאַץ), א טעקסטיל־ארבעטער פון זדונסקע וואָליע מיט יאָרן קאַפּיטאַליסטישע תפיסה הינטער זיך. שמחה בוימאַץ, א שווער קראַנקער, האָט זיך — נישט געקוקט אויף דעם — גלייך אָנגעשלאָסן אין דער אלט־נייער אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען א לעבעדיקע צייטונג פאַר די חברים, פלעגט אויסגראָבן ידיעות פון אונטער דער ערד און געהאַט די פעיקייט ארויסצולייענען צווישן די שורות פון די דייטשע בלעטער. דאָס איז געווען א נשמהדיקער חבר, וועלכער האָט געזאָרגט וועגן דער באַוועגונג אפילו ליגנדיק צוגעשמידט צום בעט. ער איז געפאַלן בעת דעם ערשטן ווידערשטאַנד 33).

די אנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע איז נישט באַשטאַנען פון בלויז אַלטע רעוואָלוציאָנערן. די לעצטע האָבן געבילדעט דעם אידעאָלאָגישן

---

30) דאָרטן.
31) מ. בוך האָט דערלעבט די באַפרייונג.
32) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ.
33) ג"ע פון פ. קאָזשעץ און ק. באַראַקין.

קערן פון די קרייזן. אָבער די מיטגלידערשאַפט און דער אַקטיוו האָט געהאַט א סך א ברייטערן פאַרנעם. אין דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפונען א מאַסע פון אומפּאַרטייאישע יידישע מענער און פרויען, וועלכע זיינען אַהערגעקומען, געפירט דורכן דורשט צו ווידערשטאַנד, נקמה, אָנשלוס אינם אַלגעמיינעם קאַמף־אָנשטרענג פון דער פרייהייט־ליבנדיקער מענטשהייט קעגן היטלעריזם. פון די אומפּאַרטייאישע אַנטיפאַשיסטן זיינען אַרויסגעקומען א ריי דרייסטע קעמפער. צו די שענסטע געשטאַלטן פון געטאָ־אונטערערד האָט געהערט פּ אָ ל י ע ד ל ו ג א ט ש, א שפּיטאָל־פלעגערין פון לאָדזש, וועלכע איז דורך די פירער פון דער באַוועגונג נישט איינמאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר א מוסטער פון איבערגעגעבנקייט. פּאָליע דלוגאַטש האָט געוווּסט פון איין זאַך: העלפן אַנדערע! האָט מען זי טאַקע אין די אונטערערדישע רייען א נאָמען געגעבן „מלאך".

ווי מיר זעען, האָט זיך אין דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע געפונען א נישט קליינע צאָל קראַנקן־שוועסטער. בכלל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז איינע פון די צענטערן פון דער באַוועגונג איז געווען דער שפּיטאָל, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען ד"ר עובדיה קאַפּלאַן. דאָ האָט זיך טאַקע קאָנצענטרירט א גרופּע אומפּאַרטייאישע דאָקטוירים און פלעגערינס, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט און שטאַרק געהאָלפן דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. חוץ פּאָליע דלוגאַטש האָבן צו דער דאָזיקער גרופּע געהערט איר שוועסטער סאָניע דלוגאַטש, אויך א קראַנקן־שוועסטער, דער כירורג ד"ר טוביה ציטראָן, דער געוו. סטודענט פון ליווערפּולער אוניווערסיטעט סיאָמע האַלפּערן, וועלכער איז דאָ געווען באַשעפטיקט ווי א קעסל־הייצער, דער אינזשעניער־כעמיקער סאַרעוויטש, וועלכער האָט דאָ געאַרבעט ווי א וועכטער, און זיין פרוי, א דאָקטאָרין. אין אָט דעם שפּיטאָל איז געשלאָפן בשעתו אַנטאָני יאַקובאָווסקי, אין דעם דאָזיקן בנין האָט מען געמאַכט געהיימע זיצונגען. די דערמאָנטע סימפּאַטיקער זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך. וועגן דעם אַלעמען האָט געוווּסט דער שפּיטאָל־דירעקטאָר ד"ר קאַפּלאַן, ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און זיך גוט באַצויגן צום גאַנצן ענין. איבעריקנס, איז דער שפּיטאָל נישט געווען פאַרדעכטיקט. חולאים פלעגן גיין אַריין און אַרויס, און קיין קראַנקע האָט נישט געפעלט. דער פּונקט איז געווען זייער א באַקוועמער, ווייל אַרום האָבן געוווינט ס'רוב טוער פון דער באַוועגונג. נישט

34) ג"ע פון טשאַפּניק און אַניע רוד.

קיין ווונדער אויך, וואָס דאָ איז שפּעטער געווען אַ צענטער פונם אויפשטאַנד 35).

די אומפּאַרטייאישע מיטאַרבעטער פון דער באַוועגונג האָבן אַרויסגעוויזן אַ קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפט צו פּראָדוקטיווער מי לטובת דעם שונא. אַזוי האָט דער אינזשעניר סאָרעוויטש געוויזן אַ פּערזענלעכן מוסטער פון מסירת נפשדיק באַיקאָטירן יעטוועדע אַרבעט, וואָס קאָן גיין לטובת דעם פיינט. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין אַרבעטן ביי זיין הויך־קוואַליפיצירטן פאַך. ער האָט געזאָגט: „איך זאָל אפילו שטאַרבן פון הונגער, וועל איך נישט אַרבעטן פאַר די דייטשן; איך וויל אַלע מיינע כוחות אַוועקגעבן נאָר פאַר די ליידנדיקע יידן". ער האָט זיין וואָרט מקיים געווען און האָט אָנגענומען דעם דלותדיקן פּאָסטן פון אַ וועכטער אינעם יידישן שפּיטאָל, דינענדיק אײַנציִיטיק דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג 36).

אין די ערשטע חדשים פון 1942 האָט די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע געציילט עטלעכע הונדערט יידישע און פּוילישע מיטגלידער. סיי די געטאָ־אָרגאַניזאַציע, סיי די פּוילישע איז באַשטאַנען פון קרייזן. אַזוי זיינען אין געטאָ געווען קרייזן: אויף ניי־וועלט 16 (סעקרעטאַר פון קרייז: ישראל לערמאַן); אויף ניי־וועלט 5 (סעקרעטאַר: בראָניע מאַרגאָליס, די פרוי פון פּאַרטיזאַן יוזשעק מאַגאָליס); אויף רוזשאַנער 4 (סעקרעטאַר: יאָסל ליכטענשטיין, געוו. מיטגליד פון ק.פּ.פּ., דאָס איז געווען דער אַלטער באַקאַנטער פּאָרזיצער פון לינקן האָלץ־פאַריין אין וואַרשע); אינאיינעם מיט ליכטענשטיינען איז געווען טעטיק אין ביאַליסטאָקער געטאָ־אונטערערד זיין חבר ישראל סטאָליער, אָדער „דער ווייסער ישראל"; יאָסל ליכטענשטיין האָט געוווינט אויף קופּיעצקע 1; ווייטער — אויף ניי־וועלט 22 (סעקרעטאַר פון קרייז: מרים קאַפּלאַן); אויף טשענסטאָכאָווער 6 (סעקרעטאַר העניעק גאָלדשטיין); אויף קופּיעצקע 31 (סעקרעטאַר: מרדכי אָקון) 37). דאָס איז בלויז איין טייל פון די קרייזן, וואָס עס געדענקט איין מענטש. קעמערלעך פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געפונען אויך אין דער פילץ־פאַבריק, אין ערשטן קאָמבינאַט, אויפן געביט פון די קאַזאַרמעס פון 10־טן און 42־טן פּולק, פון 14־טן ד.אָ.ק., אין דער כעמישער וועשעריי 38). וואָס שייך דער צאָל מיטגלידער פון אַ קרייז, קאָן מען זיך

---

35) ג"ע פון ט. ציטראָן און מ. בוך.
36) ג"ע פון ע. בוימאַץ.
37) ג"ע פון י. לערמאַן אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2950.
38) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ און מ. בוך.

משער זיין פון דעם , וואָס למשל, דאָס אנטיפאַשיסטישע קעמערל אויפן געביט פון דער כעמישער וועשעריי האָט געציילט אכצן פּערזאָן; פון די אקטיוויסטן־אָנפירער פונם דאָזיקן קעמערל קאָן מען אויסרעכענען מרדכי יאַניש („מיעטעק"), דוד פיין („דיידוס") פון סופראסל און א חבר פון אָסטראָווע, וועמענס נאָמען עס איז געבליבן אומבאַקאַנט 39).

וועגן דעם פאַרנעם פון דער אָרגאַניזאַציע קאָן עדות זאָגן די גרויס פון די קרייזן אויפן געביט פונם ערשטן טעקסטיל־קאָמבינאַט. תחילת 1942 זיינען דאָ געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע ארומגענומען כמעט אַלע יידישע אַרבעטער און א געוויסע צאָל פוילישע (אינם קאָמבינאַט זיינען דעמאָלט געווען באַשעפטיקט אן ערך 400 יידישע אַרבעטער). די אָרגאַניזאַציע האָט זיך דאָ פאַרנומען נישט בלויז מיט זאַמלען געלט פאַר די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע (עס פלעגן זיך באַשטייערן כמעט אַלע אַרבעטער, אראָפּנעמענדיק גליך פון די שכירות), נאָר אויך אָנגע־הויבן מאכן און צוגרייטן געצייג ארויסצודרייען באַן־שינעס. דער עיקר האָבן זיך דער דאָזיקער זאַך געווידמעט די חברים, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער שלאָסעריי פונם קאָמבינאַט, אונטער דער אָנפירונג פון ראובן קראַמאַזש, מוליע „קאַטשעמאַך", דוד דער הויכער, עליע בוימאַץ, א געוו. אַרעסטירטער פון קאַרטוז־בערעזע. צווישן די אַקטיוויסטן פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אינם ערשטן טעקסטיל־קאָמבינאַט האָבן זיך ארויסגערוקט בייע, יונגע כוחות, ווי, למשל, דער 18־יעריקער יעקב מלמד (פּסעוודאָ „איוואַן"). נאָך באַראַשעס באַקאַנטן ארויסטריט קעגן דער אונטערערד און די „פרעמדע" (זע אויבן), האָט מען זיך אויפן ערשטן קאָמבינאַט גענומען שטאַרק קאָנספּירירן, אָבער קיינער איז נישט אָפּ־געפאַלן פון דער אָרגאַניזאַציע. נישט געקוקט אויף באַראַשעס העצע און טראָץ דער מאַסנהאַפטיקייט פון דער באַוועגונג אינם קאָמבינאַט, האָט דאָ נישט געטראָפן קיין איין פאַל פון מסירה 40). איבעריקנס, האָט אַזוינס נישט פּאַסירט אויכעט אויף אַנדערע געביטן.

איינער פון די רירעוודיקסטע קרייזן פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָר־גאַניזאַציע איז געווען דער קרייז פון די רימער־אַרבעטער. סעקרעטאַר פונם קרייז איז דאָ געווען דער לאָדזשער יוריסט אַרנאָלד גאָלדשטיין, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלער אָנפירונג דורך גרישע לונסקי. אינם קרייז האָבן זיך אויסגעצייכנט סראָלקע פעלדער,

---

39) ג"ע פון מ. יאַניש אַרכ' ייה"א, פּראָט. נ. 1838.
40) ג"ע פון ע. בוימאַץ.

יוסף דרייער

סיאַמקע בערקמאַן, חיים גוטמאַן, קלמן באַראַקין. אויפֿן קרייז האָט מען זיך פֿאַרנומען נישט בלויז מיט פּאָליטישער טעטיקייט, נאָר אויך מיט גרייטן געווער 41).

איינע פֿון די, וואָס האָבן דורכגעפֿירט די קאָנטאַקטן צווישן די קרייז־סעקרעטאַרן און דעם קאָמיטעט, איז געווען עווא שוואַרץ. דעם קאָנטאַקט צווישן איין טייל קרייזן און א צווייטן, א שטייגער צווישן די קרייזן פֿון ניי־וועלט און די קעמערלעך אויף רוזשאַנער, האָט געהאַט סעוועק פּעלץ 42).

די אויפֿגאַבעס פֿון די קרייזן זיינען געווען אין דער ערשטער ריי: זאַמלען געווער, קלויבן ידיעות פֿון די פֿראָנטן און זיי פֿאַרשפּרייטן, פֿירן אַן אייפֿקלער־אַרבעט צווישן דער באַפֿעלקערונג 43).

אויף אָט די קרייזן זיינען דערצויגן געוואָרן נייע קאַדרען פֿון דער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען פֿון די קעמערלעך אַרויסגעקומען א סך שפּע־טערדיקע מוטיקע קעמפֿער הן פֿונם אויפֿשטאַנד, הן פֿון פּאַרטיזאַנישן קאַמף: חוץ די פֿריער דערמאָנטע, אויך — לילקע מאַלאַרעוויטש, מילע ראָזען, יאַנקל מלמד, שרה דערעטשינסקי (פֿון לאָדזש), סאַלע ראָזענפֿעלד (פֿון וואַרשע), שטערן און צענדליקער און הונדערטער אַנדערע בחורים און מיידלעך 44).

די אַנטיפֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע פֿון געטאָ איז נישט געווען אָפּגע־ריסן פֿון דער גאַנצער פֿרייהייט־באַוועגונג אין שטאָט און אין אַרום. עס איז געווען אַן ענגער קאָנטאַקט מיט דער אָרגאַניזאַציע מחוץ די געטאָ־מויערן. חוץ דעם קאָנטאַקט מיט די חברים פֿון דער „אַרישער" זייט און מיטן וואַלד האָט מען זיך אָנגעשטרענגט צו האָבן א פֿאַרבינדונג מיט וואַרשע, בפֿרט מיט דער אונטערערד פֿון וואַרשעווער געטאָ. אויף אָט דעם געביט האָבן גרויסע פֿאַרדינסטן א ריי פּוילישע באַן־אַרבעטער. שפּעטער האָט זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט א פֿורמאַן ראָמעק, א זון פֿון א טאַטן א ייד און פֿון א מוטער א פּוילישע. ער האָט נישט בלויז פֿאַר־מיטלט אין פּרט פֿון בריוו צווישן געטאָ ביאַליסטאָק און געטאָ וואַרשע, נאָר האָט אויך אַריבערגעשמוגלט מענטשן. ווינטער־צייט 1942 איז ראָמעק

---

41) ג"ע פֿון ק. באַראַקין.
42) ג"ע פֿון מ. יאַניש, דאָרטן.
43) ג"ע פֿון ר. וואָיסקאָווסקא.
44) ג"ע פֿון ע. בוימאַן.

אריינגעפאלן און איז שוין קיין לעבעדיקער פון דעם שונאס האנט נישט ארויס 45).

א דאנק אט די קאנטאקטן איז אנהייב זומער 1942 דערגאנגען אין די קרייזן די בשורה, אז עס האט זיך געשאפן אין ווארשע די פוילישע ארבעטער־פארטיי, די פ. פ. ר. איינגיכן האבן די זעלביקע דרייסטע פאר־בינדלער געבראכט אן ערשטמאיקן אויפרוף פון דער נייער פויליש־פראָ־לעטארישער פארטיי 46). זיי האבן אויך — איינײנעם מיט אט דעם דער־מוטיקנדיקן רוף — געבראכט פון ווארשע נאך איין דאקומענט, א טרויער־ריקן, אזא, וואס האט געמאכט פארגליווערן דאס בלוט אין די אדערן — די איוב־בשורה וועגן טרעבלינקע 47).

אבער הגם ביז דעמלט, ביזן זומער פון 42־טן יאר, האט די אנטי־פאשיסטישע אונטערערד אין ביאליסטאק נאך נישט געהאט אין איר רשות קיין דאקומענטאלע באווייזן פון דעם גרויליקן אמת וועגן טרעב־לינקע, האבן פונדעסטוועגן די פירער פון אט דער באוועגונג זינט דער ערשטער רגע אן געווארנט און גערופן די יידן זיך נישט לאזן איינוויגן דורך קיין שום הבטחות, זיך נישט רירן פון ארט און נישט אוועקגיין אין גירוש .

אין דער צייט פון דער פרוזשאנער אקציע האבן די אנטיפאשיסטן אפן און דרייסט גערופן די יידן נישט צו פארן און האבן געפירט אן אגי־טאציע קעגן דעם יודענראט, וועלכער פארשיקט אין אויפטראג פון דער דייטשער מאכט טייל יידן קיין פרוזשאני 48). די אנטיפאשיסטישע אר־גאניזאציע האט זיך נישט באגרענעצט צו אגיטאציע. זי האט זיך באמיט צו געפינען אן עצה, אן אויסוועג פאר די באדראטע יידן. פון סלאנים, ערב דער שוידערלעכער שחיטה, האט דער אנטיפאשיסטישער קאמיטעט באקומען א ידיעה פון דעם חבר סאנע ראזענבלום, אז עס איז שלעכט. דער קאמיטעט האט תיכף געשיקט צו די סלאנימער חברים א בריוו מיט אן אנווייזונג: רייסט זיך אדורך קיין ביאליסטאק, נעמט מיט זיך וואס מער יידן! 49). אבער עס איז שוין געווען צו שפעט.

---

45) ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא, ל. טשאפניק און א. רוד.
46) ג"ע פון י. לערמאן, ארכ' ייה"א, דארטן.
47) ג"ע פון מ. בוך; פארגלייך אויך אין ארכ' ייה"א, די מאטעריאלן 53/46 און 77/46.
48) ג"ע פון י. לערמאן (מחברס ארכ').
49) דארטן.

אזוי ארום האָט זיך אַלץ שטאַרקער אַרויסגערוקט פאַרן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט די פראַגע פון ממשותדיקער פאַרטיידיקונג. אָבער צוגלייך מיט אַט דער לעבן-נויטווענדיקייט האָט אַרויסגעטויכט ווי איינער פון אירע פאַרבאַדינגונגען דאָס אויסברייטערן די רייען פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג, דאָס אויסזוכן אין געטאָ פאַרבינדעטע און מיטקעמפער, דאָס שאַפן אַן אַנטיפאַשיסטישן נאַציאָנאַלן געאייניקטן קאַמף-פראָנט. אין יענער צייט זיינען אין ביאַליסטאָקער געטאָ-אונטערערד געווען נאָך עטלעכע ריכטונגען, אויף וועלכע דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט האָט געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט.

ווי עס איז צו זען פונם אויבנגעזאָגטן, זיינען די איינפלוסן פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע געווען גרויס. אין לפי-ערכדיקע ציפערן קאָנען זיך די איינפלוסן אויסדריקן אַט ווי אַזוי: די ענגע אָרגאַניזאַציע גופא, וועלכע איז באַשטאַנען פון מאַרקסיסטן, האָט געציילט עטלעכע הונדערט מיטגלידער; די ברייטערע אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער עס האָבן געהערט סיי אידעאָלאָגיש רייפע מאַרקסיסטן און סיי אומפּאַרטייאישע אַנטיפאַשיסטן, האָט אַרומגענומען מער מענטשן; די זעלבשוץ האָט אויך געהאַט אַ ברייטערע מאַסן-באַזע. די איינפלוסן פון דער אָרגאַניזאַציע און פון אירע אַרומיקע קרייזן האָבן אַרומגעכאַפּט אַנגעזעענע טיילן פון די אַרבעטנדיקע עלעמענטן אין געטאָ. 50).

50) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ, מ' בוך, ק. באַראַקין, פּ. קאָזשעץ.

קאַפּיטל פיר

דער געראַנגל פאַרן איינהייטלעכן קאַמף־פראָנט

די ערשטע, מיט וועלכע די טוער פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָבן זיך פאַרבונדן, זיינען געווען די שומרים, וועלכע האָבן זיך געיאָוועט אין ביאַליסטאָקער געטאָ סוף 1941. סוף 1941 קומט אָן קיין ביאַליסטאָק די ערשטע גרופּע שומרים פון ווילנע, גראָדנע און סלאָנים 1), ווו די לאַגע פאַר די יידן איז שוין דעמלט סכנות־נפשותדיק. דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ, וועלכע האָט, ווי געזאָגט, געהאַט אַ שם פון אַן אָרט מיט אַ פאַר־העלטנישמעסיקער רו, איז געווען א צוצי־קראַפט פאַר יידן. חוץ דעם האָט ביאַליסטאָק פאַרמאָגט פאַר יידישע אונטערערדישע טוער א באַזונדערן באַטייט ווי א שטאָט, וואָס ליגט אויפן שליאַך וואַרשע—ווילנע און וואָס קאָן אַזוי אַרום דינען ווי א בריק צווישן די ווידערשטאַנד־באַוועגונגען אין די דאָזיקע צוויי גרויסע געטאָס.

אין דער ערשטער שומרישער גרופּע, וואָס איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, האָבן זיך געפונען: די ווילנער יעקב לעביעד (אַנדזשעי), דיווע מאַדייסקער, שרה דעוועלטאָוו און דער קאַלישער זרח זיסקינד זילבערבערג (אויך געקומען פון ווילנע) 2). אינגיכן זיינען צוגעקומען נאָך — דער ווילנער דוד, די גראָדנער באַסיע ביעליצקאַ, ליאָנטשיק, סיאָמע קושניער, יונה קוואַרט, לייבל וויינשטיין, יוכבד טאוב, ציליע שאַכנעס, אליהו וואַראַט, אברהם ווידערמאַן, אמנון פּאַט, לאָבזאָווסקי, יענטל און העניע סיוואָוויטש, חיהקע ריבאַק, צפּורה גרובלאַק, דער מינסק־מאַזאָ־

---

1) „פּראָטאָקאָל פון די דערקלערונגען פון חיה גראָסמאַן וועגן דער זעלבשוץ פון ביאַליסטאָקער געטאָ", אַרכ' ייה"א, אַקט פון 25-טן דעצעמבער 1944; אויך — קאָרטשאַק ז"ז ל און לב.

2) דאָרטן.

וויעצקער גדליהו 3). אין פרילינג 1942 קומען צופאָרן, אויך פון ווילנע, אליהו באַראַקס („עדעק") און חיהקע גראָסמאַן („האַלינא"). עס האָט זיך אין די דאָזיקע רייען געפונען דער פּאָליציאַנט שיע, וועלכער איז ספּעציעל געוואָרן אריינגעשיקט אין דער אָרדנונגס־דינסט. די שומרים האָבן איינגעאָרדנט א קיבוץ אויף קופּיעצקע 11 און אויפגעשטעלט א קיך אויף טשענסטאָכאָווער. אויף טשעפּלע האָבן זיי געגרינדעט א הכשרה־פּונקט, וו זיי האָבן געאַרבעט אין א ירקות־גאָרטן און געפירט אַן אַליינבילדונג־ און קולטור־אַרבעט. דער שומרישער אקטיוו האָט זיך געפונען אויף ביי־וועלט 16 4). דער שומרישער גדוד האָט געטראָגן דעם נאָמען „תל עמל" 5).

פון אָט דער אָפּגעזונדערטקייט האָט ארויסגעריסן די שומרישע גרופּע אליהו באַראַקס („עדעק"), וועלכער איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק פון ווילנע א באַוואָפנטער מיטן פּראָגראַם פון דער אָקאָרשט־אַנטשטאַנענער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע (פ.פ.אָ.), בראָש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער אַלטער קאָמוניסטישער טוער איציק וויטענבערג. באַראַקס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך צו זיינע חברים אין ביאַליסטאָק די צוויי הויפּט־לאָזונגען פון פ.פ.אָ.: אַקטיווער קאַמף קעגן אָקופּאַנט אויף אַלע אָפּשניטן און — אַנטיפאַשיסטישע איינהייט 6). איבערגעפלאַנצט אויפן ביאַליסטאָקער באָדן האָט דאָס באַטייט: ארויסגיין פון די ד' אמות פון הכשרה, פאַרגרייטונג פון געווער און, בעיקר, פאַרשטענדיקונג מיט דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט די קאָמוניסטן, מיט די אי־דעישע חברים פון איציק וויטענבערג.

אליהו באַראַקס איז געבוירן געוואָרן אין קאַליש אין יאָר 1918 ביי א פּאָטער אַן אייגנטימער פון א טריקאָטאַזש־פאַבריקל. געענדיקט די העברעישע גימנאַזיע אין קאַליש, איז באַראַקס געוואָרן אַן אַקטיוויסט פון „השומר הצעיר" און זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. די מלחמה האָט א סוף געמאַכט צו זיינע טרוימען. ער דינט אין פוילישן מיליטער אין ראַנג פון א קאַפּראַל און באַטייליקט זיך אין דער באַרימטער שלאַכט הינטער מלאַווע אין סעפּטעמבער 1939. אַנטלויפנדיק קעגן דער היטלער־ריסטישער אָקופּאַציע, באַזעצט ער זיך אין ווילנע. נאָכן אַנפאַל פון דייטש־

---

3) לויט קאָרטשאַק איז ער געבוירן אין לוויוויטש.

4) אהרן ליאַך: „די שומרישע יוגנט אין ביאַליסטאָקער ווידערשטאַנד־באַוועגונג", אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2131.

5) גראָסמאַן, ז' 70.

6) קאָרטשאַק, ז' רקו.

לאנד אויפן ראטנפארבאנד, ווען ווילנע ווערט אָקופירט, איז „עדעק" איינער פון די מיטאָרגאניזאטאָרן פון דער „פארייניקטער פארטיזאנער־אָרגאניזאציע" אין ווילנער געטאָ. באראקס האָט זיך דאָ אויסגעצייכנט ווי א דרייסטער פארבינדלער פון די יידישע קעמפער מיט די פוילישע און ליטווישע ווידערשטענדלער אויף דער „ארישער" זייט. אין דעצעמבער 1941 ווערט ער ארויסגעשיקט אין א דעלעגאציע פון ווילנער געטאָ־אונ־טערערד קיין ווארשע; די דאָזיקע דעלעגאציע גיט דאָרטן איבער די איוב־בשורה פון פאָנאר. אָנהייב 1942 ווערט באראקס געשיקט קיין ביאליס־טאָק, און דאָ אנטוויקלט ער א ברייטע אונטערערדישע טעטיקייט 7).

„עדעקס" נאָענטסטע מיטארבעטער אין ביאליסטאָקער געטאָ־אונ־טערערד זיינען געווען זרח זיסקינד־זילבערבערג, יוכבד טאוב, ציליע שאבנעס, כאסיע ביעליצקא, חיהקע גראָסמאן. חוץ די לעצטע צוויי זיינען אלע אומגעקומען אין קאמף.

זרח זיסקינד־זילבערבערג איז געווען באראקסעס א בן־עיר, א גע־בוירענער אין קאליש, נאָר עלטער פון זיין חבר מיט צוויי יאָר. א מענטש מיט א שפרודלדיקער ענערגיע, איז ער געווען איינער פון די קעמפער פארן ווידערשטאנד־געדאנק. קיין ביאליסטאָק איז ער אָנגעקומען א דורכ־גענומענער מיט גרויל און נקמה־לעכצונג, נאָך דעם ווי ער איז געווען א דירעקטער עדות פון די שווידערלעכע שחיטות אין ווילנע און סלאָנים. אין שליחות פון דער אונטערערד באזוכט זרח אין יאנואר 1942 גראָדנע 8).

די 28־יעריקע יוכבד טאוב, א געבוירענע אין טשעכאנאָוו 9), האָט מען אין די אונטערערדישע קרייזן גערופן „די שומרישע מאמע". דאָס איז געווען א טרייע און שרעקלאָזע חברטע, א גרייטע אויף אלע קר־בנות 10). ענלעך צו איר אין כאראקטער איז געווען די גראָדנערין ציליע שאבנעס, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר „ארישן" אויסזען. ציליע האָט געקאָנט אדאנק דעם לייכט זיך ראטעווען דאָס לעבן און רויק אויסדויערן אויף דער קריסטלעכער זייט. זי האָט אָבער געזאָגט: „ווו אלע, דאָרטן וועל איך אויך זיין" 11).

די שומרים האָבן לכתחילה געפּרוּווט זיך פארשטענדיקן פון איין זייט מיטן יודענראט, פאָדערנדיק פון אים הילף ביי גרייטן א ווידערשטאנד,

---

7) ג"ע פון ליזע טשאַפּניק און אַניע רוד.
8) דאָרטן.
9) דאָרטן. לויט א. ליאַך, איז זי געבוירן אין וולאָצלאַוועק.
10) דאָרטן.
11) דאָרטן.

פון דער צווייטער — מיט דער אנטיפאשיסטישער אָרגאַניזאַציע. דער פּרוּוו מיטן יודענראַט ברענגט תיכּף א ביטערע אַנטוישונג. „דער יודענראַט טראָגט דער דעליקאַטער ווענדונג דורך ח. גראָסמאַן און נישט אָפענעם אופן פון רעדן, האָט דעם געדאַנק (פון ווידערשטאַנד — ב .מ.) צו זיך נישט צוגעלאָזט" 12). עס פאַרשטייט זיך, אַז לגמרי אַנדערש איז געווען דער ענטפער פון דעם אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט.

דער קאָנטאַקט צווישן דעם גוט-פאַרקאָנספּירירטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און די שומרים איז לכתחילה געגאַנגען דורך דער לערערין שיינע לעווין-פּאַט. די שומרים פון ווילנע האָבן געהאַט א בריוו פון אי־ציק וויטענבערג צום ביאַליסטאָקער קאָמוניסט ליאָלעק מינץ 13). מיט דער שומרישער דעלעגאַציע האָט אָנגעפירט אליהו באָראַקס. דעם אַנ־טיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָט פאַרטרעטן חיה מענדעלסאָן און פרידע פעל. די טרעפונג איז פאָרגעקומען אין א דירה אויף פאַבריק-גאַס אַנטקעגן דעם יתומים-הויז. „די קאָמוניסטן — דערציילט חיהקע גראָסמאַן, דער איינציק-לעבן-פאַרבליבענער עד-ראיה — האָבן אונז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס" 14). דער קאָנטאַקט ווערט איינגעשטעלט און פאַרקניפּט. "די פּלאַטפאָרם פון דער דערנענטערונג איז — ווידערשטאַנד. מען האָט זיך, באַטירלעך, נישט באַלד צונויפגערעדט וועגן אַלע פּראָבלעמען און ענינים; עס איז קלאָר, אַז עס זיינען געווען אויך ערנסטע שייד-ליניעס; בפרט די פראַגע פון דער באַציונג צו די אַנדערע ציוניסטישע גרופּעס, וועלכע הייבן זיך אָן יאַווען אין געטאָ. די מיינונג-פאַרשידנהייט אַרום די אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען, בפרט בנוגע די רעכטע פּועלי-ציון: דריקט זיך אויס אָט אין וואָס: פירנדיקע מענטשן פון די רעכטע פּועלי־ציון, למשל — כמיעלניק, באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פון יודענראַט. און דער חלוץ יצחק ענגעלמאַן איז דער שומר הסף פון באַראַשן אַליין; פון דעם האָט זיך גענומען דער אומצוטרוי פון די קאָמוניסטן, סיי דער פּאָליטישער, סיי אין הינזיכט פון קאָנספּיראַציע 15). אויב אין ענין יו־דענראַט איז גלייך געקומען צו אַן איינהייטלעכער שטעלונג, האָט די צווייטע פראַגע נאָך נישט באַקומען קיין לייזונג. בפרט האָבן זיך די אַנ־טיפאַשיסטן מיט אומצוטרוי באַצויגן צו יצחק ענגעלמאַן, וועגן וועלכן

---

12) „פּראָטאָקאָל פון די דערקלערונגען א. א. וו.".
13) גראָסמאַן, ז' 61.
14) „פּראָטאָקאָל פון די דערקלערונגען א. א. וו.".
15) ג"ע פון מ. בוך און י. ריווקינד (מחברים אַרכ').

מען האָט גערעדט, אַז ער נעמט אָנטייל אין עקזעקוציעס איבער יידן 16). אַזוי אַרום איז אין דער צווייטער פּראַגע — מיטאַרבעט מיט אַלע אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען — דערווייל נישט געקומען צו קיין הסכּם, ביז עס וועלן נישט באַזייטיקט ווערן אַזעלכע מניעות ווי זייער מיטאַרבעט מיטן יודענראַט, ענגעלמאַן וכדומה. די אַנטיפאַשיסטן האָבן געוויזן אַ וועג פון פשרהלאָזער שטעלונג צו די מיטאַרבעטער פונם יודענראַט.

אגב, האָבן די שומרים אויך מורא געהאַט פאַר דעקאָנספּיראַציע; און הגם זייער שליח האָט זיך פון צייט צו צייט געזען מיט באַראַשן (דער שליח איז געווען חיהקע גראָסמאַן, ווי זי דערציילט עס אַליין אין איר בוך „אנשי המחתרת"), האָט די שומרישע גרופּע אַזוי רעאָרגאַניזירט איר אַרבעט, אַז זי איז באַשטאַנען פון צוויי קעמערלעך: איינס — דער אויסערלעכער קן פון „השומר הצעיר" און אַ צווייטס — דאָס אונטערערדישע קעמערל; נישט אַלע פון ערשטן קעמערל האָט מען צוגעלאָזט צום צווייטן 17).

אין מערץ 1942 איז דער פאַרייניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק פון די קאָמוניסטן, שומרים און לינקע בונדיסטן געווען אַ פאַקט 18). דער דאָזיקער בלאָק האָט אָנגעהויבן פירן אַ פּרוכטבאַרע אַרבעט הן אויפן פּאָליטישן, הן אויפן באַוואָפענונג־געביט. עס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָאָרדינירן־קאָמיסיע, וועלכע זאָל אָנפירן מיט די ענינים פון געווער־פאַרגרייטונג און שלאַכט־אויסשולונג. אין דער קאָמיסיע זיינען דעלעגירט געוואָרן: מצד דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט — די קאָמוניסטן יאַשקע קאָווע, אָדער לייבוש מאַנדעלבליט, מצד די שומרים — אליהו באָראַקס, מצד די לינקע בונדיסטן — שלום פּראַפּאָרץ 19). וועגן דער שאַפונג פון דעם פאַרייניקטן אַנטיפאַשיסטישן פראָנט האָט באָראַקס תיכף מודיע געווען די פ.פ.אָ. אין ווילנע, שרייבנדיק צו זיי: „אין מערץ 1942 איז אַנטשטאַנען אין געטאָ ביאַליסטאָק אַ פאַרייניקטע גרופּע פון

---

16) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד; יצחק ענגעלמאַן זאָל האָבן שפּעטער, ערב ניי-יאָר 1943 אויפגעשטעלט אַ תליה פאַר דריי אומשולדיק-פאַרמשפּטע יידן (וועגן דעם — ווייטער).

17) גראָסמאַן, ז' 108.

18) צווישן אַנדערע האָט דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט באַקומען אַ שיפרירט בריוול פון יוסף לעוואַרטאָווסקי פון וואַרשע וועגן אַן אייגהייטלעכן קאַמף-פראָנט; דאָס בריוול האָט געבראַכט חיהקע, וועלכע איז גראָד געווען אויף אַ נסיעה אין וואַרשע; זי איז פאַרבונדן געוואָרן מיט לעוואַרטאָווסקין דורך מרדכי אַניעלעוויטשן (לויט „אנשי המחתרת").

19) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ, ל. טשאַפּניק און אַ. רוד. (מחברס אַרכ').

השומר הצעיר און קאָמוניסטן, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר א ציל צו פירן אַן אויפקלער־אַרבעט אין דער געזעלשאַפט, צו אָרגאַניזירן די יוגנט, צו קומען אין פאַרבינדונג מיט קאַמף־אָרגאַניזאַציעס מחוץ דעם געטאָ און זיך גרייטן צו ווידערשטאַנד מיט געווער. עס איז געשאַפן געוואָרן א הויפּט־קאָמענדאַנטור, אין וועלכער עס זיינען אריין: עדעק באָראַקס, יוסף קאַווע און דער בונדיסט פראָפּאָרץ״ 20).

און ווייטער שרייבט באָראַקס אין זעלביקן בריוו וועגן דער שטעלונג פון „דרור״ צו דעם פאַראייניקטן אַנטיפאַשיסטישן קאַמף־בלאָק:

„דער „דרור״ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון א געמיינזאַמקייט פון אַקציע מיט די קאָמוניסטן, ער איז אויך ווייט געווען פון דער אידעע פון אַן אָרגאַניזאַציע פאַר באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אויך די קאָמוניסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַקציע־שותפות מיט די חברים פון אָרטיקן „דרור״ (עם חברי הדרור שבמקום)״ 21).

אין אָט די עטלעכע שורות גיט באָראַקס א קורצע כאַראַקטעריסטיק פון דער שטעלונג פון „דרור״, אָבער ווען ער רעדט וועגן דער שטעלונג פון די קאָמוניסטן (אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע) צום „דרור״, שטרייכט ער אונטער, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט די אָרטיקע „דרור״־טוער. צו די אָרטיקע „דרור״־טוער האָט געהערט יצחק ענגעלמאַן; צו די אַפּוטרופּסים פון אָרטיקן „דרור״ האָבן געהערט די רעכטע פועלי־ציון־טוער, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיטן יודענראַט. אָבער נישט צו אַלע אָרטיקע דרורניקעס האָבן די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס געהאַט די זעלביקע נעגאַטיווע באַציונג. פאַרקערט: מיט א טייל אָרטיקע דרורניקעס האָבן די קאָמוניסטן איינגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט און זיי באַאיינפלוסט. די דאָזיקע דרורניקעס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער טעטיקייט צו העלפן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. אין נאָמען פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע פלעגט צו דער דאָזיקער גרופּע קומען חוה בלום. צו די אַקטיוויסטן פון אָט דער „דרור״־גרופּע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן געהערט ליפשיץ, לייבל בורשטין א״א 22). אָבער די שפּיצן פון אָרטיקן „דרור״ און רעכטע פועלי־ציון זיינען צום פאַראייניקטן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק נישט צוגעשטאַנען און געבליבן מחוץ אים. מחוץ דעם פאַראייניקטן

---

20) קאַרטשאַק, ז׳ קדה.
21) דאָרטן.
22) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און ב. פּערעץ.

אנטיפאשיסטישן בלאָק זיינען אויך פארבליבן די קלענערע גרופעס פון „הנוער הציוני", „ביתר" און רעכטע בונדיסטן. די דאָזיקע גרופן האָבן געשאפן אונטער דער אָנפירונג פון די רעכטע פועלי־ציון אַן אייגענעם קאָאַליציע־בלאָק. דער „השומר הצעיר" איז צוגעטראָטן אויך צו דער דאָזיקער קאָאַליציע, מיטארבעטנדיק איינצייטיק מיטן פאריייניקטן אנטי־פאַשיסטישן בלאָק. בראש פון דעם א. ג. „צווייטן בלאָק" זיינען געשטאַנען: מערסיק (פון „דרור"), באַראַקס („השומר־הצעיר"), פליישער („ביתר"), קוס־טין („בונד"), סאַניע („הנוער הציוני") 23).

ווער זיינען געווען און וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט איטלעכע פון אָט די ריכטונגען אין ביאַליסטאָקער געטאָ־אונטערערד?

דער „דרור" איז געוואָרן אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַן אָרגאַניזאַציע און האָט גענומען אַנטוויקלען א טעטיקייט ערשט דעמלט, ווען עס האָט זיך אהער אריבערגעפירט די אָפּגעראַטעוועטע גרופּע פון אָקופּירטן ווילנע 24). „ביאַליסטאָקער געטאָ איז געווען א גן־עדן" — שטעלט פעסט צפּורה בירמאַן. די פאָרשטייער פון ווארשעווער „דרור"־צענטער טעמע שניידער־מאַן און אנקע קאזשיבראָדזקא האָבן אָרגאַניזירט, דאָס אריבערפירן דעם „דרור"־קיבוץ פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק. נישט אַלע מיטגלידער פון דער דאָזיקער „דרור"־גרופּע האָבן זיך לכתחילה געפילט גוט אין דער אטמאָספער פון בארעשעס מלוכה, וועלכע האָט זיי געגעבן א מעגלעכקייט „רואיק" צו לעבן אין די קיבוצים. „א מורא האָט אונז ארומגענומען פון אזא רואיקייט", דערציילט אין אירע נאָטיצן צפּורה בירמאַן. גלייך פון אָנהייב האָבן זיך אזוי ארום אויסגעשיילט אין דער „דרור"־גרופּע — סיי דער אָרטיקער, סיי דער אָנגעקומענער — צוויי שיטות: איינע, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז מען דארף איבערלעבן, כדי עס זאָלן פאַר דער צוקונפט בלייבן לעבעדיקע עדות פון דער אויסגעראָטענער חלוצישער באוועגונג; און א צווייטע, וועלכע האָט געאָטעמט מיט דורשט צו נקמה און באַלדיקן קאמף 25).

ביים שמוגלען די „דרור"־גרופּע פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק האָט גע־האָלפן אַן עסטרייכער, דער פעלדפעבל פון דער דייטשער ארמיי אנטאָן שמידט, א קאָמוניסט פון ווין 26). אנטאָן שמידט האָט אריבערגעפירט

---

23) אַרכ' ייה"א, נ' 164/46.
24) צפורה בירמאַן: „געטאָ ביאַליסטאָק", אַרכ' ייה"א, נ' 1969.
25) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
26) דאַטנער, „חורבן ביאַליסטאָק", ז' 35.

די „דרור"־מיטגלידער אין זיין מאשין. אויסבאהאלטנדיק זיי פריער א געוויסע צייט ביי זיך אין שטוב אין ווילנע, ער האָט אויך געהאט אַריבערגעפירט שומרים און א סך סתם־יידן. בעת איינעם פון די פרווון אויסצופירן אן ענלעכע ארבעט איז אנטאָן שמידט אדורכגעפאלן; ער איז דורך די היטלעריסטן אויף אן אכזריותדיקן אופן אומגעבראכט געוואָרן.

אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט די ניי־אָנגעקומענע „דרור"־גרופע דורך דער פארמיטלונג פון דעם רעכט־פועלי־ציוניסטישן טוער כמיעלניק געפאָסן פון דער מאטעריעלער שטיצע פון אפרים באראש. עס איז געגרינדעט געוואָרן א קיבוץ אויף סמאָלנע 6 אונטערן נאָמען „תל חי" 27). שפעטער איז געשאפן געוואָרן דורך דער ווארשעווער פאַרשטייערין טעמע שניידערמאן א סניף, א פארטייאישע אָרגאניזאציע (פועלי־ציון צ.ס.). דער קיבוץ האָט געפירט א טעטיקייט אויף די אלטע הכשרה־יסודות 28).

עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף עטלעכע געשטאלטן פון „דרור" — הירש מערסיק, צפורה בירמאַן, חנוך זשעלאָזנאָגורא, יוכבד וויינשטיין, הערשל ראָזענטאל, ישראל מארגאָליס, בראָניע וויניצקי. חוץ דער לעצטער זיינען אַלע אומגעקומען.

הירש, אָדער צבי מערסיק איז געווען דער פירער פון דער גרופע. ער האָט געשטאמט פון וואָלין, פון שטעטל מעלניצע, און איז פון די יונגסטע יאָרן געווען א מיטגליד פון דער חלוצישער באוועגונג; אין יאָר 1938 איז ער אפילו אויסגעקליבן געוואָרן אינם מרכז, אין דער צענטראַלער אָנפירונג פון „החלוץ־הצעיר". קיין ביאַליסטאָק איז ער אָנגעקומען נאָך לאנגע וואָגלענישן איבער די אָקופירטע געביטן. דאָ האָט ער זיך געווידמעט דער אָרגאניזירונג פון הכשרה און דער הילף־ארבעט צווישן פליטים, און אויך געזאמלט מאטעריאלן וועגן די אכזריותן פון אָקופאנט, לייגנדיק דעם גרונט־שטיין פאר אן אונטערערדישן ארכיוו אין ביאַליסטאָקער געטאָ 29). פארקערנדיק אָפט צווישן פליטים, האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט פלעק־טיפוס און איז געשטאָרבן פון אָט דער קראנקהייט. די חברים האָבן אים געמאכט אן עפנטלעכע לוויה מיט קלעפסידרעס און הספדים.

---

27) לעאָן ברוק: „מיין לעבנס-וועג פון אָנהויב קריג", אַרכ' ייה"א, נ' 2590.

28) גראָסמאַן, ז' 169.

29) דאַטנער, „חורבן ביאַליסטאָק", ז' 32 — 41.

צבי מערסיק איז געווען א דרייסטער מענטש. צוויי מאָל איז ער אין ווילנע אריינגעפאלן אין די הענט פון די דייטשן און זיך ארויסגעדרייט. ער איז געווען א גוטער רעדנער, איז א סך ארומגעפאָרן אומלעגאַל איבערן ביאַליסטאָקער ראַיאָן און האָט געהאלטן רעדעס פאר זיינע אידעישע חברים. מען האָט אים אין די אייגענע קרייזן גערופן — מיט די בעסטע כוונות — „דער פיעכאָטנער מגיד", ווייל אָפטמאָל איז אים אויסגעקומען אדורכצומאכן גרויסע שטחים צופוס.

אָבער צבי מערסיק האָט נישט געהאט קיין ריכטיקן בליק אויף דער לאַגע און אויף דער נאָענטסטער צוקונפט. „אַן אומגליקלעכער גלויביקער מענטש" — אזוי כאראקטעריזירט אים זיין נאָענטער אידעען־חבר מרדכי טענענבוים, וועלכער גיט צו צו מערסיקס חלומות, וועלכער האָט געהאלטן, אז עס איז מעגלעך אין דער מלחמה־צייט א חלוצישע עליה קיין ארץ־ישראל, די ווערטער: „ס'וועט העלפן ווי א טויטן באנקעס; נאָך צוויי יאָר געטאָ גלויבט ער נאָך אין עליה און בפרט אין עליה פון חלוצים. א מענטש, וואָס איז נישט צוגעפאסט צו דער שטורמישער צייט" 30). צבי מערסיק איז געווען דער אויסדריקער פונם „אלטן סטיל" אין „דרור". צוליב זיין נישט רעאַליסטישן בליק אויף דערווירקלעכקייט האָבן אים די אייגענע חברים גערופן — מערסיק מקובל.

נאָך זיין טויט האָט די ארבעט פון זאמלען די גרויל־דאָקומענטן אי־בערגענומען דער ווילנער דרורניק גדליה פעטלוק 31).

מערסיקס פרוי, כאסיע, איז אויך געווען א טעטיקע מיטגלידערין פונם חלוצישן קיבוץ „תל חי".

די עוואָלוציע פון אלט צו ניי לאָזט זיך באמערקן ביי א צווייטן גע־שטאלט פונם קיבוץ „תל חי", ביי צפורה בירמאַן. א מיידל מיט ליטעראַ־רישער באגאבונג, האָט זי איבערגעלאָזט א מערקווירדיקן דאָקומענט סיי פון די שטימונגען אין געטאָ־אונטערערד, סיי פון דער געשיכטע פון דעם קיבוץ „תל חי". זי האָט אויך איבערגעלאָזט די גענויע רשימה פון די קיבוץ־מיטגלידער 32).

---

30) טענענבוים, נאָטיץ פון 21־טן יאַנואַר 1943, אַרכ' ייה"א.

31) דאָרטן, נאָטיץ פון 25-טן יאַנואר 1943.

32) זי האָט איבערגעלאָזט די פאָלגנדיקע רשימה פון די מיטגלידער פונם קיבוץ: כאַסיע מערסיק, א געבוירענע אין מעלניצע, צפורה בירמאַן פון ווילנע, נחמה מאַנדעל פון לוצק, נחמה ליוונט פון לאָדזש, ישראל מאַרגאָליס פון פינסק, אריה שניידער פון לאָדזש, שרה קנאָפּינסקאַ פון יעזשאָרי, משהל ראָטבאָרד פון מלאַווע, יצחק ענגעלמאַן פון וואַרשע, נערא קאָן פון סטאַניסלאַוו,

צפורה איז געווען א לענגערע צייט אן אנהענגערין פון ראטעווען דעם קערן פון דער פארבליבענער חלוצישער באוועגונג פאר דער צוקונפט און וויטערדיקער ארבעט. אזוי ארום איז זי — אביעקטיוו גענומען — געווען קעגן אקטיוון ווידערשטאנד. שפעטער האט זי דורכגעמאכט אן ערנסטע עוואלוציע. זי איז געווארן א ליידנשאפטלעכע טרעגערין פון געדאנק: „תמות נפשי עם פלשתים". זי גיט זיך סוף כל סוף אפ א דין וחשבון, אז קיין אנדער וועג, ווי אקטיווער קאמף, איז נישטא. די דעציזיע איז ביי איר געקומען נאך א לאנגן אינערלעכן געראנגל און א דאנק דער צודרינגלעכער דערציערישער מעטיקייט פון די אנטיפאשיסטן 33). זי שרייבט אין אירע נאטיצן, וואס זי האט פארצייכנט פארן אומקום און וואס האבן זיך אפגעראטעוועט איינעם מיטן ביאליסטאקער געטא־אר־כיוו, אט וואס: „פארפאלן. דאס איז אונזער גורל. אפקומען די זינד פאר אלע פריערדיקע דורות. אפילו צו קבר־ישראל נישט קומען. נישטא קיין אנדער אויסוועג, ווי שטארבן מיט א ווירדיקן טויט. מיר ווייסן — דאס יידישע פאלק וועט נישט אונטערגיין. עס וועט נאך צוריק אויפשטיין. עס וועט נאך וואקסן און נקמה נעמען פאר אונזער אומשולדיק פארגאסן בלוט. יא, מיט דעם ווענד איך זיך צו אייך, חברים ווו איר זענט דארט:

„פארשאלטן זאל ווערן דער, וואס וועט זיך באגנוגענען מיט גיסן טרערן און וויינען נאך אונזערע נשמות. נישט דאס ווילן מיר! אויך אונ־זערע עלטערן האבן מיר נישט באוויינט. שטיל, פארשטיקט האבן מיר געקוקט אויף די טויטע קערפערס פון דערשאסענע ווי הינט פריינט.

„צו נקמה רופן מיר אייך. נקמה אן רחמנות, אן סענטימענטן, אן „גוטע" דייטשן: א „גוטן" דייטש — א לייכטן טויט...

חנוך זשעלאזנאגורא פון ווארשע, ראובן ראזענבערג פון סוכאוואליע, הערשל ראזענטאל פון יאשינאווקע, מנוחה פלאסקאווסקא פון יאשינאווקע, יוכבד וויינ־שטיין, גדליה פיטלוק, רויזע סעגאל, רחל פאליאק, פייטשע דראגאי און יפה — אלע פון קנישין, סימע זשעלאזא פון הוראדאק, עטל סאבאל, יאסל וואנאגינסקי, טאניע זאפאטשקאווסקא און יהודית — אלע פון ביאליסטאק, יחזקאל גלאטשטיין פון ראדזשילאווע, איידל גוטמאן און חיים גוטמאן פון ווארשע, אסתר קוראזא, איטקע בוראקאווא, רחל ניימאן, נעמי בלומענצווייג, פרידע, פראדל, טאניע, לייזער רייזנער, משהל גאלדבערג, בראניע וויניצקא, יוכבד וויצמאן — אלע פון גראד־נע, פנינה — פון שטוטשין.

33) ג"ע פון ל. טשאפניק און א. רוד.

„דאָס איז אונזער אלעמענס פארלאנג. דאָס איז דער באַגער פון מענטשן, וועלכע וועלן מאָרגן אפשר פאלן. ווירדיק קעמפן און ווירדיק פאלן.

„נקמה! צו דעם רופן מיר איך, נישט געליטענע פון היטלער־גיהנום.

„נישט רוען וועלן אונזערע צעשמעטערטע ביינער אין אלע עקן פון אייראָפּע. נישט רוען וועט דאָס צעזייטע אש פון קרעמאטאָריעס, ביז דער נקמה־אקט וועט דורך אייך נישט אויסגעפירט ווערן.

„געדענקט און פילט אויס אונזער ווונטש און אייער פליכט" 34).

דער ליידנשאפטלעכער רוף פון צפורה בירמאַן קעגן די „גוטע" דייטשן איז געווען געווענדט נישט קעגן די אנטאָן שמידטס און די דייטשע אנטיפאשיסטן, וועגן וועלכע עס וועט זיין א רייד שפּעטער, נאָר בפירוש קעגן דער פּאָליטיק פון יודענראט און זיינע אילוזיעס, אז אין געסטאַפּאָ און בראָניצקי־פּאלאץ זיצן אויך פיינע דייטשן, וועלכע מיינען די טובה פון די יידן.

דער ווארשעווער חלוץ חנוך זשעלאזנאָגורא, א געמיטלעכער, א פיזישקרעפטיקער, האָט איינער פון די ערשטע באהערשט די מלאכה פון שיסן. פונקט ווי צפורה בירמאַן האָט אויך חנוך אדורכגעמאכט די אויבן־אָנגעצייכנטע עוואָלוציע און גענומען פריידיקן אקטיוון ווידערשטאנד. זיין לאָזונג איז געווען: „קיין אנדער וועג איז פאר אונז היינט נישטאָ. עס איז געבליבן בלויז קאמף" 35).

מיט די עניינים פון פראָנט־אינפאָרמאציעס האָט זיך אין די רייען פון „דרור" פארנומען ראובן („ראובטשאק"), וועלכער האָט באדינט דעם ראדיאָ־אָפּנעמער און ארויסגעלאָזט ביולעטינען, אָפּגעקלאפּטע אויף א העקטאָגראף 36).

די פארבינדונגען מיט די חברים פון פּראָווינץ האָט אויף זיך גענומען יוכבד ווינשטיין, ווייל זי האָט געהאט א „גוטן" אויסזען. אויך זי האָט געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט ארויסגערוקט די נייטווענדיקייט פון אקטיוון ווידערשטאנד 37). דעם זעלבן שטאנדפּונקט האָבן הייס פארטיידיקט הערשל ראָזענטאל פון שטעטל יאשינאָווקע (די חברים האָבן אים געקענט אונטער נאָמען „הערשל יאשינקאָווער") און דאָס העלדישע

---

34) אַרכ׳ ייה"א, בירמאַן, דאָרטן.
35) ג"ע פון ב. פערעי.
36) דאָרטן.
37) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

מיידל פון גראָדנע בראָניע וויניצקי, די איינציקע פון אַט דער גאַנצער קאַמף־דורשטיקער גרופּע, וואָס איז געבליבןביים לעבן 38).

צו די קעמפער פאַר דער ווידערשטאַנד־אידעע אין די רייען פון „דרור" האָט געהערט דער חלוץ ישראל מאַרגאָליס („סראָלקע"), אַן אָפּשטאַמיקער פון שטעטלווישאָגרודעק (אָדער פון פּינסק). קיין ביאַליסטאָק איז ער געקומען פון לידע, וווּ ער איז געווען אַן עד ראיה פון דעם שוידער פון דער געטאָ־ליקווידאַציע. דאָס איז געווען אַ יונג אַ ריז מיט אַ גרויסן פיזישן כוח און אויסדויער און מיט נאָך אַ גרעסערער מאָראַלישער פעסטקייט 39).

צפורה בירמאַן, הערשל ראָזענטאַל, חנוך זשעלאַזנאָגורא, ישראל מאַרגאָליס האָבן רעפּרעזענטירט אין דעם קיבוץ די ליניע פון מיליטערישער אויסשולונג און באַוואָפענונג, בעת אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַר דער הויפּט־אַרבעט דאָס קאָנטינואירן די אַלטע, פאַרמלחמהדיקע ליניע פון חלוציזם, האַבנדיק אויפן אויג קודם־כל די עליה קיין ארץ־ישראל. צפורה, הערשל, חנוך, ישראל, יוכבד פאַרשטייען די טיף־געענדערטע סיטואַציע, וועלכע רוקט אַרויס נייע באַלדיקע אויפגאַבן 40).

מיט פיינפולע טענער באַשרייבט צפורה בירמאַן אין אירע נאָטיצן דעם סדר אין קיבוץ, פּסח 1942, אויף וועלכן עס איז איינגעלאַדן געוואָרן — חוץ דער ראַבינער ראָזענמאַן, כמיעלניק און גאָלדבערג פונם יודענראַט — אויך אפרים באַראַש (אויף דעם סדר איז אויך אַנוועזנדיק געווען די חלוצישע טוערין פרומקע פּלאָטניצקא פון וואַרשע). פאַרן רייך־הכשרה־עלעמענט פון קיבוץ איז גענוג געווען דאָס, וואָס באַראַש איז אַ ציוניסט. אָבער דער שלום מיט באַראַשן האָט טאָרמאָזירט די ווידערשטאַנד־באַגערן פון נקמה־לעכצנדיקן עלעמענט פון „תל חי" און געשטערט אים אָנשליסן זיך אין דעם פאַרייניקטן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. אַן ערנסטע שטערונג קעגן דעם אַרויספירן די „דרור"־מענטשן אויפן וועג פון אַקטיוון קאַמף איז געווען די „פּראָדוקטיוויזאַציע־אידעאָלאָגיע", בכן עס איז מעגלעך אין געטאָ אַ פּראָדוקטיוויזאַציע פון יידן.

---

38) דאָרטן.
39) דאָרטן.
40) דאָרטן.
41) גראָסמאַן 8 ז' 115.

דעם 1־טן נאָוועמבער 1942 איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק מרדכי טענענבוים 42).

מרדכי טענענבוים איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, אויף לעשנאָ 27, פּורים 1916, ביי אַ פּאָטער אַ הויז־אַדמיניסטראַטאָר, אַ רעליגיעזן ייד. מרדכי האָט געענדיקט די תרבות־שול אויף נאָוואָליפּקי 68. ער האָט זייער אַ סך געלייענט און שטודירט מזרח־קולטורן און אַסטראָנאָמיע; בפרט האָט ער בישקשהדיק באַהערשט טערקיש. ער האָט אויך געהאַט אַ נטיה צו ליטעראַרישער שאַפונג, געשריבן אין יידיש, העברעיש און פּויליש און געשיקט זיינע ערשטע פּרוּוון אין רעדאַקציעס.

די היטלער־אָקופּאַציע האָט טענענבוימען צום ערשטן מאָל פאַרכאַפּט אין וואַרשע און צום צווייטן מאָל אין ווילנע. אויסנוצנדיק זיינע קענטעניש פון מזרח־שפּראַכן, האָט זיך מרדכי אויסגעאַרבעט אַ דאָקומענט אויף דעם נאָמען יוסף טאַמאַראָף (זיין פּרוויס נאָמען איז געווען — טעמע) און זיך אָנגעבן פאַר אַ טאָטער. ער האָט קורסירט צווישן ווילנע און וואַרשע, באַזוכט די אונטערערד פון טשענסטאָכאָוו, בענדין און קראָקע, ברענגענדיק נוצן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין וואַרשע ווערט ער אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פאַר מיליטערישע ענינים ביים אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. ער אַרבעט מיט מיט יוסף לעוואַרטאָווסקי אין „רוף“, דעם אָרגאַן פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ. ער ווערט אויך געשיקט אויף דער „אַרישער“ זייט צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט פּ. פּ. ר. און מיט דער פאָרשטייערשאַפט פון דער לאָנדאָנער רעגירונג וועגן געווער און צוזאַמענאַרבעט. אין לויף פון אָט די אונטערהאַנדלונגען איבערצייגט זיך טאַמאַראָף, ווער עס איז דער אויפריכטיקער פאַרביטערטער פון יידישן פאָלק. ער ברענגט זיינע געפילן און איבערצייגונגען צום אויסדרוק אין זיינע שריפטן, וואָס זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן צוזאַמען מיטן ביאַליסטאָקער געטאָ־אַרכיוו. אַ טיף אַנטוישטער אין דער עקספּאָזיטור פון לאָנדאָן, אין דער אַ. ק. און אפילו אין די מענטשן פון גענעראַל שיקאָרסקי, זעט טענענבוים אַן אמתן פריינט אין דעם לינקן, אַנטיפאַשיסטישן פליגל פון דער פּוילישער אונטערערד, קודם כל אין דער פּ. פּ. ר. ער קומט קיין ביאַליסטאָק, באַוואָפנט מיט דער דערפאַרונג פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ.

---

42) ג"ע פון בראָניע ווינ־יצקאַ. ער איז אין יענער צייט געווען אין גראָדנע, ווו עס איז דעמלט פאָרגעקומען די ליקווידיר־אַקציע. מיט אַ פאַרוואונדעטן פוס קומט ער קיין ביאַליסטאָק (דאַטנער, דאָרטן).

מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף

אין ביאַליסטאָק איז טאַמאַראָף שוין פריער געווען עטלעכע מאָל, אָבער דאָס זיינען געווען קורצע באַזוכן. פון נאָוועמבער 1942 באַזעצט ער זיך אין ביאַליסטאָקער געטאָ אויף סטאַביל ווי דער שליח פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע. ער קומט איצט קיין ביאַליסטאָק מיט דער דערפאַרונג פון דריי ווידערשטאַנד־באַוועגונגען: פון ווילנע, וואַרשע און קראָקע, און מיט דעם געפיל אין דער נייטווענדיקייט פון אַ פאָלקס־פראָנט אין געטאָ 43).

ער איז אָבער אַהערגעקומען אויך אַ באַלאָדענער מיט דער אילוזיע, אַז באַראַש געהערט צו די בעסערע יודענראַט־פירער, אַז באַראַש איז אַן אויסנאַם און מען קאָן אים אויסנוצן. די דאָזיקע מיינונג ברענגט טענענבוים צום אויסדרוק אין זיינע כתבים. ער שרייבט: „באַראַש איז אַן אָרנטלעכער מענטש. דאָס איז זייער אַ גרויסער קאָמפּלימענט פאַר אַ פאָרזיצער פון אַ יידנראַט. איך האָב באַקענט דריי אַזעלכע אָרנטלעכע מענטשן: איינזש, טשערניאַקאָוו, ד״ר בראַווער אין גראָדנע און באַראַש. די איבעריקע זיינען מנובלים און צוליב דעם זיינען זיי געוואָרן אָבמענער, אָדער זיי זיינען געווען אָבמענער און אַזוי אַרום געוואָרן מנובלים און משרתים פון געסטאַפּאָ״ 44). עס איז קלאָר, אַז טענענבוים איז זיך טועה אויך בנוגע טשערניאַקאָוון. אָט ווי עס האָבן אָפּגעשאַצט טענענבוימס אידעיִשע חברים פון וואַרשע דעם פאָרזיצער פון וואַרשעווער יודענראַט; עס שרייבט וועגן דעם די חלוצישע טוערין פון וואַרשעווער געטאָ צביה לובעטקין: „איך וועל נישט זאָגן, אַז טשערניאַקאָוו איז געווען אַ געסטאַפּאָמענטש. אָבער זיין פונקציע, שוין זיין עצם אין דעם דאָזיקן יודענראַט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן אַלע באַקאַנטמאַכונגען און גזירות, וואָס די דייטשן האָבן פאַראָרדנט און דער „יודענראַט״ האָט דורכגעפירט. און אַפילו דאָס, וואָס ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן, אַפילו דאָס איז נישט געווען קיין אויסקויפונג פון זיינע מעשים. פאַרוואָס האָט ער נישט מודיע געווען די יידן און נישט געוואָרנט קעגן די געפאַרן מצד די דייטשן?״ און זי פירט אויס: „אַזוי אַרום האָט דערפילט יעדער יודענראַט, אָן אויסנאַם, אין יעטוועדער שטאָט אַ פאַרעטערישע ראָל 45).

אָט די אילוזיע ביי טענענבוימען לגבי „גוטע״ יודענראַטן איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער אבן־נגף אויפן וועג צו דערגרייכן שנעל אן איינ־

---

43) טענענבוים: „לחברים בארץ״, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 51/46.
44) טענענבוים: „האקציה בביליסטוק״, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 49/46.
45) צביה לובעטקין: „אחרונים על החומה״, עין חרוד, 1946, ז׳ 5.

הייטלעכן פראָנט מיטן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט, וועלכער האָט נישט געקאָנט איינגיין אויף א קאָאָרדינירונג פון דעם צווייטן שפיץ פון דער געמיינזאמער טעטיקייט מיט אזא עלעמענט ווי באראש 46). די דאָזיקע שעדלעכע קאָאָרדינירונג איז צום בולטסטן און דראַסטישסטן געקומען צום אויסדרוק, ווי עס איז שוין אויבן באמערקט געוואָרן, אין דער פּערזאָן פון חלוץ יצחק ענגעלמאן, וועלכער איז איין און דער זעלביקער צייט געווען א משרת ביי באראשן, זיין „דובינע", זיין לייב־וועכטער, און א מיטגליד פון דעם רעכט־פועלי־ציוניסטישן סניף. ערשט ווען דער „דרור" גיט נאָך דעם ריכטיקן באדינג פון די אנטיפאשיסטן און ענגעלמאן רייסט איבער מיט באראשן, ווערט באזייטיקט איינע פון די וויכטיקסטע שטערונגען צו דער צוזאמענשליסונג פון אלע כוחות פון ביידע אונטערערדישע בלאָקן. עס איז אָבער כדאי צו באמערקן, אז די באוואָרעניש לגבי ענגעלמאנען האָבן זיך באשטעטיקט. בעת דעם אויגוסט־אויפשטאנד האָט ער — ווי עס גיבן איבער גביות־עדות — פארפירט דעם צוטריט פון דער קאָמענדאנטור, די ארויפגעלייגטע שלאכט־אויפגאבעס נישט אויסגעפירט און איז נעלם געוואָרן 47).

טענענבוים איז אין ביאליסטאָק אריינגעפאלן פּונקט אין דער טראגישער צייט פון ליקווידירן די פּראָווינץ. אין אכט שעה נאָך זיין אָנקום האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טרויעריקע קאפיטל פון אויסראָטן פון יידן דעם ביאליסטאָקער באצירק. דער גאסט האָט נישט באוויזן קומען צו זיך, און ער האָט זיך תיכף געמוזט אריינווארפן אין דער ארבעט. יעדן אָוונט, נאָך א מיפולן טאָג פון אונטערהאנדלונגען, האָט טאמאראָף געשריבן זיינע זכרונות, די נאָטיצן און איינדרוקן. אזוי ארום איז אויסגעוואקסן אן אינטערעסאנטער דאָקומענט פון יענער גרויליקער צייט, הגם נישט אומעטום ווייזט טענענבוים ארויס די פולע אָביעקטיוויטעט, ערטערווייז איז ער זייער איינזייטיק — פונדעסטוועגן געפינען מיר דאָרטן א שלל מאטעריאלן, און דאָס נישט בלויז צושטייערס צו דער געשיכטע פון יידישן ווידערשטאנד אין ווארשע און ביאליסטאָק, נאָר אויך קאפיטלעך, וועלכע זיינען א כאראקטעריסטישע אילוסטראציע פאר די שטימונגען, וואָס האָבן גענערוועוועט אי דעם פארפאסער, אי א סך פון זיינע אידעישע חברים. אין זיינע כתבים איז אויך פאראן אן אינטערעסאנטער מאטעריאל, וואָס ווארפט א שיין אויף דער גענעזע פון דער

46) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ.
47) ג"ע פון ל. טשאפּניק און אָניע רוד.

ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ, בפרט אויף דער ראָל פון פ.פ.ר. ביים געבורט פון אָט דער באַוועגונג.

איינער פון זיינע הויפּט־געפילן איז די פאַרביטערונג לגבי דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, די זעלביקע, וואָס שפּריצט אַרויס אויך פון צפורה בירמאַנס שורות. „אָפטמאָל טראַכט איך48): דער ישוב אין ארץ, די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, די אַמעריקאַנער קאָנגרעסן, דער דאָזיקער גאַנצער גרויסער טאַראַראַם — דאָס אַלץ איז נישט פעיק אַרויסצונעמען אין מענטש, א לעבעדיקן דאָקומענט, אַרויסצוציען אין חלוץ, א זכר לחורבן, אַן עדות פון געראַנגל, אַרויסציען אים פאַר דער אַרבעט פון דער באַוועגונג... שוואַכקייט? קליינלעכקייט? פאַרלוירן דעם קאָפּ?... אַנשטאָט דעם אָרדנט מען איין כלערליי אַסיפות און אַקאַדע־מיעס, מען רעדט, מען רעדט און די צוהערער: צעקלאַפּט די מאָרדע אַלע די, וואָס פראַוון הספדים נאָך אונז — א דאַנק, עס איז נישט נויטיק — ווען איר וואָלט געוווסט מיט וואָס פאַרא עקל און אומגעדולד, מיט וואָס פאַרא שנאה און פאַראַכטונג מיר נעמען אויף יעדע ידיעה וועגן פּראָטעסט און אַקאַדעמיעס — דאָס דענערווירט נאָר, נישט מער, וואָס פאַרא דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם גרויסן טראַסק און דעם מאַנגל אין מעשים!" 49). ווייטער ציטירט טענענבוים איינעם פון זיינע ביאַליס־טאָקער חברים, וויזנט אויס — א דיכטער, וועלכן עס רייסן זיך אַרויס אַזוינע ווערטער: „איך וויל נישט, אַז א סטיפּען ווייז, אָדער אַן אַנדערער ייד זאָל גיסן נאָך מיר קראָקאָדיל־טרערן; איך וויל אים נישט צושטעלן קיין מאַטעריאַל צו רעפעראַטן און דעקלאַמאַציעס"... 50). און טאַמאַראָף גיט צו: „באמת, דאָס איז אונזער אַלעמענס געפיל".

עס קומט אויף ביי אים דער האַס און פאַראַכטונג צו די אַלע אין אויסלאַנד, וואָס שפּילן זיך אין דיפּלאָמאַטיע מיט דער עמיגראַנטישער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן און פאַרטושן די גרויל־זאַכן, וואָס קומען פאָר מיט די יידן אין די אָקופּירטע געביטן. ער אַטאַקירט שטאַרק דעם רעוויזיאָניסטישן „המשקיף", וועלכער זינגט הנותן תשועה׳ס פאַר

---

48) די נאָטיצן זיינען געשריבן אין העברעיש, דורכגעפלאָכטן מיט יידישע אויסדרוקן און ווערטלעך.

49) טענענבוים, נאָטיצן פון 21־טן יאַנואַר 1943 און ווייטערדיקע.

50) דאָרטן.

די „לאָנדאָנער". טענענבוים האָט פאַרן „המשקיף" איין עפּעס: „אַ פאַלנער אידיאָט" 51).

נאָך מערסיקס טויט האָט טאַמאַראָף איבערגענומען די אָנפירונג פון „דרור". (זיינע קאָנספּיראַטיווע ווויך־ערטער זיינען געווען צו־ערשט אויף פאַלנע 9, דערנאָך אין שכנות מיט דער „פרייער" שענקעוויטש־גאַס). ער איז צוגעטרעטן צו צעמענטירן דעם „צווייטן בלאָק" און איינציטיק געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. טענענבוים האָט אין די אייגענע רייען געפירט אַ קאַמף קעגן אָפּאַרטוניזם און וואַקלדיקייט, קעגן די, וואָס זוכן אַ באַקוועם לעבן 52).

צו דעם „צווייטן בלאָק" האָבן, ווי געזאָגט, געהערט — אַ חוץ דעם „השומר הצעיר" און דעם „דרור" — אויך די קליינע גרופּן פון „הנוער הציוני", פון ביתר און די רעכטע בונדיסטן. אין „הנוער הציוני" זיינען ס'רוב געווען שילער פון דער געוועזענער העברעיִשער גימנאַזיע. צו די אַקטיוויסטן פון דער דאָזיקער גרופּע, האָבן געהערט דער העברעיִשער לערער דוד וואָראַנאַק, דער אַביטוריענט פון דער העברעיִשער גימנאַזיע מאָטל טאַרטאַצקי, דער אַדוואָקאַט משה האַלפּערין, יחיאל זייפמאַן, סאָנע 53). דורך דעם „הנוער הציוני" האָט דער „צווייטער בלאָק" געהאַט ידיעות פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער פּאָליציי, און נישט זעלטן אַפילו, וואָס עס גרייט זיך ביים לאַגער פונם שונא. אַדוואָקאַט האַלפּערין, למשל, איז אַ צייט געווען אָנגעשטעלט אין פּאָליציי־פּרעזידיום און האָט פון דאַנען געבראַכט זייער נייטיקע אינפאָרמאַציעס 54).

אין די רייען פון „הנוער הציוני" זיינען לכתחילה פאָרגעקומען הייסע דיסקוסיעס: ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, אָדער זיך שטעלן אין רשות פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין אַ ריי פאַרזאַמלונגען פון דער דאָזיקער ציוניסטישער יוגנט האָט זיך באַטייליקט מרדכי טענענבוים, וועלכער האָט אַ היבשן חלק פון דעם פאַרדינסט, וואָס די גרופּע פון „הנוער הציוני" האָט זיך דעצידירט צו גיין אויפן צווייטן, ווירדיקן וועג 55). אַ נאָך גרעסערן חלק ביים אויסשמידן די דאָזיקע שטעלונג פון אָט דער גרופּע האָבן געהאַט די יוגנט־טוער פון דער אַנטי־פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. ממש אַ סוגעסטיוון איינפלוס אויף אַ טייל

(51 דאָרטן.

(52 גראָסמאַן, ז' 169.

(53 אַרכ' ייה"א, נ' 185/46.

(54 ג"ע פון ב. שאַצמאַן.

(55 טענענבוים, נאָטיצן פון 19-טן פעברואַר 1943.

יוגנט פון „הנוער הציוני" האָט געהאַט די קאָמוניסטישע טוערין יהודית נאָוואָגרודזקאַ 56).

די צווייטע ציוניסטישע ריכטונג, די בית״ר־גרופּע, האָט זיך שטאַרק קאָנספּירירט. איר׳ע פירער זיינען געווען פליישער און מאַטוס. לגבי דער רעוויזיאָניסטישער יוגנט האָט אין די לינק־ציוניסטישע קרייזן געהערשט אַ פּאָליטישער אומצוטרוי. דער „השומר הצעיר" האָט אין די ראַמען פון „צווייטן בלאָק" לכתחילה באַקעמפט דעם געדאַנק וועגן צולאָזן די רעוויזיאָניסטן. אויך טענענבוים האָט געהאַלטן, אַז „אין פּאָליטישע פראגן נעמען מיר זיי נישט אריין" 57). די רעוויזיאָניסטן האָבן אין אַ געוויסער מאָס איבערגעחזרט די טעטיקייט פון אַ ריי זייערע חברים אין ווארשע און אויף אייגענער האַנט דורכגעפירט „עקסן" 58). נישט געקוקט אויף די פאַרבאַהאַלטן פון די שומרים איז די בית״ר־גרופּע צוגעלאָזט געוואָרן צו די טעכנישע ענינים פונם „צווייטן בלאָק".

טענענבוים האָט געהאַט טענות צו די שומרים, הלמאי זיי האָבן אַזאַ אומצוטרוי צו די רעוויזיאָניסטן*). אָבער די שומרים, וועלכע זיינען געווען ס׳רוב פון ווילנע, האָבן דאָרטן געזען, ווי דער רוב רעוויזיאָניסטן, ביתרים און ברית־החיל־ניקעס פילן אויס די רייען פון דער געטאָ־פּאָליציי און בלויז יחידים, ווי יוסף גלאַזמאַן און יצחק קאָוואַלסקי, זיינען ערלעך אריבער אין לאַגער פון ווידערשטאַנד**). אַזוי ארום איז קיין שלום בית אין „צווייטן בלאָק" נישט געווען.

אין דער בונדישער גרופּע האָבן לכתחילה, פון סאַמע אָנהויב, געהערשט צוויי שטרעבונגען: איין שיטה, בראש מיטן גארבער־מייסטער שלום פּראַפּאַרץ, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון די אַנטיפאַשיסטן, האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר אַ פאַרבינדונג מיטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און פאַר אַ פּראָסאָוויעטישער פּלאַטפאָרם; די צווייטע, אונטער דער אָנפירונג פון דעם טעקסטיל־שערער קוסטין און פונם פּעדאַגאָג רובינשטיין, וועלכער איז געזעסן אין יודענראַט 59), האָט זיך געהאַלטן אין דער ליניע פון די רעכטע בונדישע פירער פון ווארשע, מיט וועלכער זי איז געווען פון צייט צו צייט אין קאָנטאַקט 60).

---

56) נאָטיצן פון מ. בוך (מחברס אַרכ׳).
57) טענענבוים, נאָטיץ פון 18־טן יאַנואַר 1943.
58) גראָסמאַן, ז׳ 102.
*) טענענבוים, נאָטיץ פון 1־טן פעברואַר 1943.
**) קאַרטשאַק ז׳ שכ.
59) גראָסמאַן, ז׳ 116.
60) דאָרטן.

טענענבוים כאַראַקטעריזירט זיי ווי מענטשן פון זעלביקן שניט, וואָס מוירישי אָזשעך. קוסטינס אָנהענגער זיינען גוטה געווען צום „צוויטן בלאָק”, מיט וועלכן זיי האָבן זיך טאַקע פאַרבונדן. הגם טענענבוים ווייזט זיי ארויס א גרינגשעצונג און רופט זיי אָן „צעשראָקענע מענטשן”. צווישן די דאָזיקע צוויי אָריענטאַציעס איז סוף כל סוף אין דער בונדישער גרופּע געקומען צו א שפּאַלטונג 61). די רעכט־בונדישע קרייזן האָבן געפירט א „טראַדיציאָנעלע” טעטיקייט. געווען זיינען אין ביאליסטאָקער געטאָ עטלעכע געצײלטע בונדישע קרייזן. עס האָבן געהערט צו זיי שלמה און דאָבע עטינגאָלד, ער א סטאָליער, זי א שניידערקע; יוסף ריבקא, א קאָלדרע־מאַכער, זייער אן אקטיווער; אונטערן איינפלוס פון די אנטיפאַשיסטן איז ער געוואָרן א זאמלער פון זאכן און געלט פאַר די קריגס־געפאַנגענע און פאַר די פּאַרטיזאַנער; דער שוסטער יאַנקל גאָלדמאַן, דער וועבער אברהם אָסאָוויצקי, דער געוועזענער סעקרעטאַר פון פאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין ביאליסטאָק איטשע סטרעבלאַנסקי, משה פערעלשטיין און חיים בולגאַר, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבאָרגענע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און צוגעשטעלט אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן; די אַלטע בונדיסטקע שיינע ריאַל; עס פלעגן אויך קומען אויף די קרייזן דער זיסוואַרג־קרעמער פּאַשקאָ און אברהמל „עופהלע”, וועלכע האָבן געהאַט ראַדיאָס, און אויך דער קאַמאַשן־מאַכער פּאַראַזאָווסקי 62). די קרייזן פלעגן זיך טרעפן כמעט יעדע וואָך אין דער דירה פון די עטינגאָלדס אויף ביאלאָסטאָטשאַנער 5, א מאָל אויך ביי חיים בולגאַר אויף קופּיעצקע 62; מען האָט געפירט פּאָליטישע שמועסן, מען האָט אויך פּאָלעמיזירט ארום די שטרייט־פראַגן צווישן דער שיטה פּראָפּאָרץ און דער ליניע קוסטין 63). מ'האָט אין די לינק־בונדישע קרייזן וועגן זאכן און געלט־זאמלונגען פאַר קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר. די דיסקוסיעס וויקלען זיך ס'רוב ארום דער פראַגע פון דער באַציונג צום ראַטנפאַרבאַנד. קוסטין האָט אן אנטיסאָוויעטישע איינשטעלונג, פּראָפּאָרץ — א פּראָסאָוויעטישע 64).

---

61) טענענבוים, נאָטיצן פון 23-טן יאַנואַר 1943, פון 29-טן יאַנואַר 1943 און פון 31-טן יאַנואַר 1943.

62) ג"ע פון א. אָסאָוויצקי (מחברס ארכ').

63) דאָרטן.

64) „פּראָטאָקאָל פון די דערקלערונגען א. א. ווי.”

אויב קוסטין האָט אויסגעאיבט א גרעסערן איינפלוס אויף די על־טערע בונדיסטן, האָט די שיטה פראַפּאַרץ געהאַט מער דערפאָלג אין די קרייזן פון די ייִנגערע, דער עיקר ביי די סקיפיסטן. די גרופּע פון „סקיף" האָט זיך רעקרוטירט ס'רוב פון שילער פון דער אמאָליקער צישא־גימנאַזיע. עס האָבן צו אָט דער גרופּע געהערט: תאוול רובינאָוויטש, משהל נאָוואָדוואָרסקי, יאַנקל וואַלטשיק, שלמה רעזניק, אהרן רובינשטיין, אבראַשע לעווין, ניוניע בראָדזקי (דעם לערערס זון), הערשל פלוימענבוים. צוזאַמען האָט די סקיפיסטן־גרופּע גערעכנט צען פּערזאָן. די אַקטיווסטע קעמפער פאַרן ווידערשטאַנד־געדאַנק זיינען געווען הערשל פלוימענבוים און ניוניע בראָדזקי, דער עיקר דער ערשטער, וועלכער האָט געלייענט אויפן קרייז זיינע בונטאַרע לידער, וואָס האָבן געוועקט און גערופן צום קאַמף 65).

די סקיפיסטן־גרופּע האָט ס'רוב געפירט א קולטור־טעטיקייט. סוף זומער 1942 ווערט דורך איר געשאַפן אַן אומלעגאַלע יידישע ביבליאָטעק. די חברים זאַמלען צונויף ביכער, וואָס זיינען געבליבן נאָך דער גרויסער שלום־עליכם־ביבליאָטעק און פון פאַרשידענע שולן; די סקיפיסטן האָבן אַפּגעראַטעוועט א ביסל פון די ביכער, וועלכע די דייטשן האָבן באַשטימט צו פאַרברענען. די איינגעשאַפענע ביכער־זאַמלונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א וואַנדער־ביבליאָטעק. ביבליאָטעקאַר איז געווען שלמה רעזניק, וועלכער האָט די ביכער־זאַמלונג געהאַלטן ביי זיך אין דער היים אויף טשעפּלע 66.9).

עס איז חוץ דעם „סקיף" געווען א קלייניקאַליקער „צוקונפט"־קרייז, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט דאָווקע דאַווידאָוויטש און יאָסל אַלטערווין; אויך דאָ זיינען געקומען צום אויסדרוק די שטרייט־פראַגן צווישן קעסטינס איינשטעלונג און פראָפּאַרצס; די פראָסאָוויעטישע שטעלונג האָט אין „צוקונפט" רעפּרעזענטירט יאַנקל גאָלדמאַן 67).

מיט די רעכטע בונדיסטן האָבן זיך געחברט די דריי טראָצקיסטן פון געטאָ — די ברידער גוויאַזדא און שפרה יאַשינאָווסקאַ, וועלכע האָבן געפירט אַן אַנטיסאָוויעטישע אגיטאַציע. ווען מען האָט זיך צו מאַטעס גוויאַזדא געווענדט ווegn באַשטייערן זיך אויף באַוואָפענונג, האָט ער אָפּגעזאָגט, ענטפערנדיק: „גענוג שוין געליטן פון די רויטע מחבלים. צוליב דער פּאָליטיק פון די קאָמוניסטן ליידן מיר איצט אין

65) ג"ע פון אבראַשאַ לעווין (מחברס אַרכ'), ל. טשאַפּניק און א. רוד.
66) ג"ע פון א. אָסאָוויצקי און א. לעווין.
67) ג"ע פון יחיאל שעדלער, אַרכ' ייִה"א, פראָט' נ' 2247.

געטאָ״. דאָס געטאָ האָט זיך אָפּגעקערט פון די דאָזיקע אַנטיסאָוויעטישע העצער, וועלכע זיינען געווען איזאָלירט. קיין שום ראָל האָבן זיי נישט געשפּילט 68).

די בונדיסטן, „הנוער הציוני״, ביתראָווצעס האָבן רעפּרעזענטירט זייער קליינע צאָל מענטשן. דעם קערן פון „צווייטן בלאָק״ האָבן גע־שאַפן דער „דרור״ און די שומרים. די קאָמוניסטן האָבן געפירט א טעטיקייט צווישן די מענטשן פון „צווייטן בלאָק״ און מיטגעריסן דעם בעסערן עלעמענט אין דער קאָנקרעטער אַנטיפאַשיסטישער טעטיקייט. דער אַקטיווער ווידערשטענדלערישער און מאָביליזירנדיקער כוח איז געווען דער פּאַרייניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק, וועלכער האָט גע־פונען א פּאַסיקן באָדן ביי דער אַרבעטנדיקער מאַסע אין געטאָ 69).

68) ג״ע פון י. ריווקינד.
69) דאָרטן.

קאפיטל פינף

דער פאראייניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אין שפּיץ פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין געטאָ

מיט גרויס ברען און התלהבות האָט די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פון געטאָ אויסגעפירט דעם באַפעל פון דער אָקופּאַציע־מאַכט פון 7־טן אויגוסט 1942 צו גרייטן זאַמד אויף לעשן שׂרפות, וואָס קאָנען אויסברעכן פון באָמבעס, וועלכע די סאָוויעטישע אַוויאַציע וועט א ליאַדע טאָג א שליידער טאָן אויף דער שטאָט 1).

אין יעטלעכע טעג אַרום איז טאַקע ביאַליסטאָק אויפגעטרייסלט געוואָרן פון א מעכטיקן סאָוויעטישן לופט־אַנפאַל, רויט־באַשטערנטע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען האָבן געקרייזט איבער די גאַסן און אַראָפּגעלאָזט טויט־ און חורבן־ברענגענדיקן דינאַמיט אויף די דייטשע שטאַב־ און גאַרניזאָן־בלאָקן. בעת־מעשׂה זיינען באָמבעס געפאַלן אין זייטיקע ערטער אויך, און איין באָמבע האָט זיך על פּי צופאַל אַראָפּגעקאַלערט אויף דעם געטאָ 2).

נישט געקוקט דערויף, וואָס דעם געטאָ האָט עס געקאָסט 30 קרבנות, האָט קיינער פון די יידן נישט געקלאָגט. פאַרקערט. די שטימונג איז געווען א דערהויבענע, א הייטערע. דער אויסלייזער האָט זיך בפירוש באַוויזן אין די הויכענישן; דער שׂונא, א דערציטערטער פון די אַליאַרמען, האָט זיך פאַרשטעקט אין די לעכער, 38 סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, באַשעפטיקטע ביים פאַנאַנדערנעמען די חורבות אויף

1) אַרכ׳ ייה״א, מעלדונגען פון ביאַליסטאָקער יודענראַט, מעלד׳ נ׳ 314; אויך: ג״ע פון י. ריוזקינד.
2) ג״ע פון מ. בוך און פון י. ריוזקינד.

סוראזער גאס, האָבן אויסגענוצט די בהלה און זיינען נעלם געוואָרן. אין געטאָ איז אריינגעטרעטן א נייע נשמה 3).

עס איז קלאָר, אז די געשעענישן פון אויגוסט האָט געווירקט אויפ־מונטערנדיק אויף די אקטיוויסטן פון דער אונטערערדישער ווידער־שטאַנד־באוועגונג.

דער פאראייניקטער אנטיפאשיסטישער בלאָק האָט זיך נאָך דער געשעעניש שטאַרקער צעמענטירט. עס איז אָנגענומען געוואָרן א טעטיקייט־פּראָגראַם, וועלכער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין קורצן אָט אזוי:

1. הייבן דעם באוווסטזיין פון די געטאָ־איינוווינער און אינפאָר־מירן זיי וועגן דעם, אז איטלעכער ייד, וואָס ווערט כלומרשט ארויסגע־פירט אויף אַרבעט, פאָרט פאַקטיש אויף א זיכערן טויט, אַז אַלע צוזאָגן פון די דייטשן זיינען באמת נישט מער ווי א שווינדל; דער גרויל וועגן טרעבלינקע איז שוין אין די אונטערערדישע קרייזן געווען באוווסט.

2. שטאַרקן דעם גלויבן אין מענטשן אין זיך, אין דער רויטער אר־מיי, אין די דעמאָקראטישע פרייהייטלעכע כוחות פון דער וועלט, פאַר־שפּרייטן פּאָליטישע ידיעות, פּראָפּאַגירן דעם לאָזונג: „נישט ארבעטן פּלייסיק", „ארבעטן פּאַמעלעך".

3. דעמאַסקירן די ראָל פון די יודענראַטן און פון דער געטאָ־פּאָלי־ציי, אויפווייזן די יידישע פּאָליציאַנטן זייער מיאוסע — סוביעקטיווע, אָדער אָביעקטיווע — ראָל ביים דינען און צוזאַמענאַרבעטן מיט דעם שונא פון יידישן פאָלק.

4. פּאָפּולאַריזירן דעם געדאַנק, אז עס איז נישטאָ קיין אנדער אויס־וועג ווי נאָר קאַמף קעגן די דייטשע מערדער 4).

די אַלע ענינים זיינען געווען זייער וויכטיק, וואָרעם עס האָט זיך געהאַנדלט נישט בלויז אין אליין זיין גרייט און אין איינשאַפן געווער. מען האָט געדאַרפט איינברעכן די איינשטעלונג פון גרויסע מאַסן, וועל־כע האָבן געזאָגט: אויב מען וועט, חלילה, אוועקנעמען איין גאַס, שוין־זשע וועט זיין צוועקמעסיק ארויסצוגיין אין קאַמף? אנדערע האָבן פּשוט, אָן חשבון הנפש, געפּסקנט: לאָמיר מקריב זיין פינף טויזנט, כדי צו ראַטעווען אַלעמען! — דער יודענראַט האָט נישט בלויז געפּלעגט אזעל־כע שטימונגען, נאָר זיי בפירוש געפּרידיקט. דער פאראייניקטער אנטי־

---

3) דאָרטן.

4) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ; אַרטיקל פון ח. גראָסמאַן צום פערטן יאָר־טאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק (אין דער יידישער פרעסע־אַגענטור, אויגוסט 1947).

פאַשיסטישער בלאָק האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אויסצוראָטן קודם־כל אָט די ווילדגראַז־שטימונגען, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגנבעט אַפילו אין געוויסע קרייזן פון „צווייטן בלאָק” פון דער אונטערערד 5).

אַזוי זיינען אַריבער אַ פּאָר חדשים פון שווערער יסודותדיקער אויפקלער־אַרבעט, ביז עס האָט זיך מיטאַמאָל אונטערגערוקט דער קריטישער חודש נאָוועמבער 1942, ווען עס איז אַראָפּגעפאַלן דער ביטערער קלאַפּ פון דער פּולשטענדיקער פּראָווינץ־פּאַרטיליקונג.

די פּראָפּאַגאַנדע האָט שוין מער נישט געקאָנט באַפרידיקן די נסיונותדיקע אויפגאַבן פון טאָג. עס האָט אַרויסגעטויכט די האַרטע פּראַגע פון זעלבשוץ; די לאַגע האָט פאַרלאַנגט און געמאָנט אַ באַלדיקן ענטפער, אַ דעצידירטע לייזונג. העלפן ממשותדיק די ווייטע שטעט און שטעטלעך האָט מען נישט געקאָנט. אָבער די סכנה האָט געקאָנט אַ קלאַפּ טאָן יעדע רגע אין די טויערן פון ביאַליסטאָק אויך 6).

די גאַנצע באַוועגונג איז שנעל איבערגעבויט געוואָרן אין אַ זעלבשוץ. אומעטום, אויף אַלע פאַבריקן, הייזער, גאַסן זיינען אַנטשטאַנען קאַמף־דרייליגען, באַוואָפנטע לעת עתה גאַנץ שוואַך מיט פלעשער שוועבל־שטאָף, מיט אַ ביסל הייס געווער, וועלכע איז ס׳רוב געווען מאַגאַזינירט 7). אין וויכטיקע פונקטן זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן קאַמף־פינפטלעך, אַ שטייגער אויף ביי־וועלט 8). אין שפּיץ פון דער גאַנצער זעלבשוץ, צו קאָאָרדינירן איר טעטיקייט, איז, ווי געזאָגט, געשטאַנען אַ צענטראַלער דרייליג: דניאל מאָשקאָוויטש, אָדער לייביש מאַנדעלבליט, אָדער יאַשקע קאַווע (קאָמוניסטן), אליהו באָראַקס (שומרים) און שלום פּראָפּאָרץ (לינקער בונדיסט). עס איז דערקלערט געוואָרן אַן אַליאַרם־צושטאַנד פון די חברים, וועלכע האָבן געמוזט דיזשורירן יעדן אָוונט צוויי שעה און אין פאַל פון אַן אַקציע אויפוועקן אַלעמען. די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע האָט גערופן אַ באַראַטונג פון די סעקרעטאַרן פון די קרייזן, אויף וועלכער עס איז געפאַלן דער וויכטיקער באַשלוס: אויב די סכנה וועט זיך אַריינרייסן אויך קיין ביאַליסטאָק, וועט מען אַרויסגיין אין קאַמף און שטעלן אַ ווידערשטאַנד 9).

---

5) דאָרטן; אויך: ג״ע פון י. ריווקינד.
6) י. לערמאַן, דאָרטן.
7) ג״ע פון מ. בוך.
8) ב. וואַסערשטיין: „די אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ”, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 19.
9) ג״ע פון י. לערמאַן.

די בלוטיקע כוואליע האָט אָבער דעמלט, אין נאָוועמבער 1942, אויסגעמיטן דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ; דער גזר איז פאַר די ביאַליסטאָקער יידן אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ געווויסער צייט.

די אָנפירונג פונם פאַרייניקטן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק האָט באַשלאָסן צו בלייבן וואַכזאַם און זיך גרייטן שטאַרקער ווי פריער צו דעם, וואָס וועט אומפאַרמיידלעך קומען.

קודם כל האָט דער שטאַב פון דער באַוועגונג, געמוזט האָבן אַ קלאָרן באַגריף, ווי, אויף וועלכן פלאַצדאַרם אָרגאַניזירן דעם אָנטייל פון די יידן אינעם קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער חיה.

אַרום אָט דעם גרונט־פּראָבלעם האָבן זיך אַנטוויקלט אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט ערנסטע חלוקי־דעות. [די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשידנקייטן זיינען נישט געווען אַרום פּרינציפּיעלע פראַגן, נאָר אַרום ענינים פון טאַקטיק. עס האָבן זיך אויסגעשיילט דריי שטאַנדפּונקטן: אַלע האָבן געהאַלטן, אַז קאַמף איז דער געבאָט פון דער שעה און אַז דאָס איז נישט קיין אָפּגעזונדערטער יידישער קאַמף, נאָר אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם געראַנגל פון דער פרייהייט־ליבנדיקער מענטשהייט אונטער דער אָנפירונג פון ראַטנפאַרבאַנד פאַר באַפרייונג 10).

יהודית נאָוואָגרודזקאַ איז געווען אין דער מיינונג, אַז דאָס געטאָ קאָן נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין קיין פלאַצדאַרם פאַרן קאַמף; זי האָט דאָ געזען פאַר זיך קודם כל דעם טייל יידן, וואָס איז געווען טויט־דערשראָקן. פון דעם האָט זי געמאַכט דעם אויספיר, אַז אין אַזאַ סביבה איז בכלל נישט מעגלעך צו פירן אַ שלאַכט קעגן שונא. דאָס איינציקע אָרט, ווו יידן דאַרפן און קאָנען קעמפן, איז — לויט יודיטאַן — געווען דאָס וואַלד. פון דעם איז אַרויסגעדרונגען איר שטעלונג, אַז אַלע פעיקע כוחות דאַרפן פאַרלאָזן דאָס געטאָ און זיך לאָזן אין די וועלדער, כדי דאָ אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג.

נאָוואָגרודזקאַ האָט אַרום זיך געזאַמלט דער עיקר די יוגנט, די אומגעדולדיקע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך באַלדיקער נקמה, נאָך תכלית־דיקע מעשים, געוואָלט ראַדיקאַל פּטור ווערן פון דער דערנידעריקנדיקער אַטמאָספער פון געטאָ און אָפּעטעמען פריי אין וואַלד 11).

---

10) דאָרטן.
11) ג״ע פון מ. בוך, ר. וואָיסקאָווסקאַ, ע. בוימאַן.

די צווייטע קאָנצעפּציע, וועלכע איז רעפּרעזענטירט געוואָרן דורך דניאל מאָשקאָוויטש און חיה מענדעלסאָן, איז געגאַנגען אין א פּונקט פאַרקערטער ריכטונג. די דאָזיקע חברים האָבן געזאָגט: אונזער אויפ־גאַבע איז צו קעמפן נאָר אין געטאָ. מיר האָבן נישט קיין רעכט צו לאָזן 50 טויזנט יידן אויף הפקר. און אויב אפילו שיקן מענטשן אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, איז דאָס אויך מיטן ציל, אז זיי זאָלן זיך דאָרטן אויסשולן מיליטעריש און צוריקקומען אין געטאָ, כדי דאָ צו קעמפן ביזן סוף 12).

יאשקע קאָוועי רבקה וואָיסקאָווסקא און די מערהייט חברים האָבן פאַרטיידיקט א דריטע שטעלונג, וועלכע איז געווען א סינטעז פון די צוויי פריערדיקע און וועלכע איז איבערגעשיקט געוואָרן צו זיי אין אָק־טאָבער 1942 ווי אן אינסטרוקציע פון דער פּוילישער ארבעטער־פּאַרטיי פון וואַרשע 13). די דאָזיקע אינסטרוקציע האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָלגנדיקער איינשטעלונג: די אויפגאַבע פון יידישן אַנטיפאַשיסט איז צו קעמפן אויף אַלע פּאָזיציעס פון דער מלחמה קעגן היטלעריזם. געטאָ און וואַלד זיינען נישט קיין סתירהדיקע פּלאַצדאַרמען, וואָס שליסן זיך אויס איינער דעם צווייטן. געטאָ און וואַלד זיינען צוויי אַפּשניטן פון איין פראָנט. אין געטאָ וועלן מיר קעמפן כדי אַרונטערצורייסן דעם מלחמה־פּאָטענציאַל פונם שונא און כדי צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד, אין וואַלד — כדי איינינעם מיט די בעסטע זין פון אַנדערע פעל־קער צו פאַרפאָלגן דעם שונא אומעטום, ווו עס לאָזט זיך. אָבער אויף ביידע אַפּשניטן איז אונזער אַנשטרענג אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם אַל־געמיינעם קאַמף קעגן דייטשן פּאַשיזם 14).

די דאָזיקע ערנסטע דיסקוסיע האָט ארומגעכאַפּט אויך די קרייזן פון „השומר הצעיר”. אין שפּיץ פון דער וואַלד־אָפּאָזיציע אין די שומ־רישע קרייזן איז געשטאַנען יעקב לעביעד (יענדזשיי) 15). די דיסקוסיע האָט געהאַט א אַנזעעוודיקן ווידערקול אויך מחוץ די ד׳ אמות פונם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. די יוגנט פון „הנוער הציוני”, צווישן וועלכער די השפּעות פון דער אַנטיפאַשיסטישער יוגנט זיינען געוואָרן אַלץ גרע־סער, איז געווען געניגט צו דער קאָנצעפּציע צו גיין אין וואַלד אריין 16).

---

12) דאָרטן.
13) דאָרטן.
14) דאָרטן; אויך: ג”ע פון ל. טשאַפּניק און פ. קאָזשעץ.
15) גראָסמאַן, ז׳ 108.
16) ג”ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

דאקעגן־זשע מרדכי טענענבוים האָט שאַרף באַקעמפט אין די רייען פונם „צווייטן בלאָק" די דאָזיקע מיינונגען און אין היץ פון פּאָלעמיק אפילו באַצייכנט די וואַלד־טענדענץ ווי דעזערציע. טענענבוים האָט לכתחילה געקוקט אויף דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג בכלל ווי אויף מאַראָדערן, זעענדיק אַ נאָרמאַלן שלאַכט־פעלד נאָר אויפן פראָנט, וואָס האָט זיך געפונען ווייט אויף מזרח 17).

די עיקר־דיסקוסיע וועגן פּלאַצדאַרם, וואָס איז געפירט געוואָרן אין דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך געענדיקט מיטן זיג פון דער גרופּע, וואָס האָט געוואָלט פאַרייניקן די פּלאַצדאַרמס פון געטאָ און וואַלד. די מערהייט פון די חברים האָט געטיילט די מיינונג: געטאָ און וואַלד זיינען צוויי אָפּשניטן פון איין פראָנט 18).

די שאַרפסטע דיסקוסיעס איז אויסגעקומען צו פירן מיט דער קאָנצעפּציע פון יהודית נאָוואָגרודזקאַ, וועלכע האָט בכלל נעגירט דעם פּלאַצדאַרם פון געטאָ. עס איז אפילו אויף אַ געוויסער צייט געקומען צו אַ שפּאַלטונג. יודיטא האָט געשאַפן אַן אייגענע גרופּע, וועלכע איז געווען דעצידירט איבערצוטראָגן דעם גאַנצן קאַמף אין וואַלד אַריין. צו דער דאָזיקער גרופּע זיינען צוגעשטאַנען נישט בלויז אַ טייל קאָמיוניסטן, נאָר אויך ציוניסטן, ס׳רוב פון „הנוער הציוני" און יידישע פּאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן געשטרעבט צו באַלדיקער אַקציע. יודיטאַס גרופּע איז פאַקטיש אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך דער ערשטער זעלבשוץ, אין מערץ 1943 (וועגן דעם ווייטער) 19).

נישט געקוקט אויף דער שפּאַלטונג, וועלכע איז געווען אַ נעגאַטיווע דערשיינונג, האָט אָבער יהודית נאָוואָגרודזקאַ דעם פאַרדינסט, וואָס זי האָט אָרגאַניזירט און מיטגעריסן צום ווידערשטאַנד אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע וואָלטן אָן אַ געהעריקער אַגיטאַציע געקאָנט אַוועק אינגאַנצן אויף פאַלשע וועגן. כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם פאַרשידנפאַרביקן מענטשלעכן און סאָציאַלן באַשטאַנד פון יודיטאַס גרופּע, וועלן מיר ברענגען עטלעכע געשטאַלטן: באַנאַנד מיטן קאָמיוניסט מאַרעק שלענגער האָט צו איר געהערט דער העברעישער לערער ד״ר שמעון דאַטנער; איינעם מיטן אומפּאַרטייאישן ספּאָרטלער גאַלאַנד — דער אַמאָליקער אונטערוועלט־מענטש און קאַטאָרזשניק פון פינפטן יאָר נחום אבעלעוויטש, וועלכן מ׳האָט צוליב זיין פיזישן כוח גערופן „ריז", אָדער

---

17) טענענבוים, נאָטיץ פון 17 פעברואַר 1943.
18) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקא, מ. בוך, י. ריווקינד.
19) ב. וואַסערשטיין, דאָרטן.

„ריס"; צוזאמען מיט די באוווסטזיניקע אנטיפאשיסטישע יוגנטלעכע סאשע קוכארעווסקי, סיאמע גאלדבערג, אפרים קיסלער — די פשוטע פאלקס־מענטשן יואל קיסלער (אפרימס פאטער), וועלכן מ'האט גערופן „דער בארוועסער" מחמת ער פלעגט קומען פון וואלד בארוויס מעשה פויער, א מענטש מיט א גאלדן הארץ (ער האט איינמאל צעטיילט 360 קילא ברויט צווישן הונגעריקע קינדער אין געטא), די ברידער ברוך און לייבל באשעפקין, זין פון א שוסטער (דער ערשטער, ברוך, האט מחמת זיין ריזיקן כוח באקומען א נאמען „הערקולעס"), שייקע דער טשעכענאווצער, די גרופע פארטיזאנער פון תלמוד־תורה־געסל (פיענקנע), וועלכע זיינען געווען באקאנט אונטערן צונאמען „די זשוליקעס". ביי אט דעם עלעמענט איז יודיטא אויסגעוואקסן צו א ממש לעגענדארער פיגור. זי האט אין זיי אריינגעפירט דעם אטעם פון ווירדע און קאמף.

יודיטא, זייער אן אימפולסיווע אין אקטיווע נאטור, איז צוגעטרעטן גלייך צו מעשים. זי האט זיך איינגעשאפן אן אייגענעם קאנטאקט מיט דער סאוויעטישער פארטיזאנישער באוועגונג, מיטן פארטיזאנישן קאמאנדיר אפאנאסיעוויטש, און געזאמלט געווער.

צו דער אנפירונג פון דער גרופע האבן געהערט: יהודית נאוואגרודזקא, מארעק שלענגער, סיאמע קוכארעווסקי און פאניע סיטש (ארגאניזאציאנעלע פראגן), שמעון דאטנער (מיליטערישער אינסטרוקטאר), מאיר מוטשניק (ראדיא), שלמה גערשוני, יוזשיק[20].

עטלעכע חדשים צייט האט געדויערט אזא לאגע. די גאנצע צייט זיינען אנגעגאנגען אונטערהאנדלונגען וועגן צוריקקערן זיך אין דער אלגעמיינער מוטער־ארגאניזאציע. מצד דעם אנטיפאשיסטישן קאמיטעט האט געפירט די שמועסן לייביש מאנדעלבליט, דערנאך משה בוך. די אונטערהאנדלונגען האבן זיך געצויגן פון מערץ 1943 אן. ארום חודש מאי האט זיך יודיטאס גרופע צוריקגעקערט אין דער ארגאניזאציע און די ארבעט איז ווידער געגאנגען געמיינזאם[21].

אין משך פון דער צייט האט דער פאראייניקטער אנטיפאשיסטישער בלאק געפירט א רירעוודיקע, פרוכטבארע ארבעט און האט געגעבן דעם אנהויב פאר די צוויי יסודותדיקע צילן: פאר גרייטן געווער און

---

20) ג"ע פון ב. וואסערשטיין, דארטן; „די פארטיזאנישע מאטעריאלן פון טאלק" (דאטנער), ארכ' ייה"א, נ' 2117 און 1852; ג"ע פון אפרים קיסלער און ש. גרינשטיין.

21) ג"ע פון מ. בוך און י. ריווקינד.

פאר שיקן גרופן צו דער פארטיזאַנישער באוועגונג, רעאַליזירנדיק דערמיט דעם שטאַנדפונקט, אז געטאָ און וואַלד זיינען צוויי אַפּשניטן פון איין און דעם זעלבן פראָנט.

זינט די שווערע טעג פון דעצעמבער 1942, ווען דער חלף איז אָט־אָט געלעגן אויפן האַלז, האָט דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט צו זאַמלען געווער.

אַ ביסל כלי־זין האָט דער בלאָק פאַרמאָגט שוין פון לאַנג, פון דער ערשטער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. וואָרעם דער געדאַנק פון גרייטן געווער איז רייף געוואָרן ביי אַ טייל ביאַליסטאָקער אַרבעטער באַלד אין די ערשטע וואָכן פון דער דייטשער ממשלה, ווען עס האָט גענומען ווירקן די אָרגאַניזאַציע צו העלפן די קריגס־געפאַנגענע.

גרויסע גרופּעס יידן זיינען דעמלט טאָג־טעגלעך געפירט געוואָרן מחוץ דעם געטאָ אויף אַרבעט הינטער דער שטאָט, אויף פעלדער זיינען געלעגן טויזנטער דערהרגעטע זעלנער, חמרים געווער, גאַנצע און צעקלאַפּטע, מעטאַל־שפּליטערס, צעטראַסקעטע מאַשינעס. די יידן האָבן געדאַרפט אָפּרייניקן די פעלדער, צונויפקלייבן די מעטאַל־שטיקער, סאָרטירן און טראָגן צו לאַסט־אויטאָס דאָס געווער.

צווישן די צו אַרבעט־געטריבענע יידן איז געווען אַ גרופּע ווירדיקע יונגעלייט, וועלכע האָבן באַשלאָסן: נישט אוועקשלעפּן גאַנצע ביקסן, דאָס קאָן זיין פאַרדעכטיק, נאָר אַרויסציען די ליופעס, אַרויסשלעפּן אַ שלאָס פון אַ ביקס, צענעמען אויף עטלעכע טיילן, עס פאַרשטעקן אין קעשענעס, אין שטיוול, אין זעק. אַזוי האָבן די פּיאָנערן פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אַריינגעשמוגלט אין געטאָ, צורקגייענדיק יעדן אָוונט פון דער אַרבעט, אַן עטלעכע און דרייסיק צענומענע געווער־טיילן. אינדערהיים האָט מען בסוד־סודות צוגעמייסטערעוועט די הילצערנע טיילן און צונויפמאָנטירט די ביקסן. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער אַרסענאַל אין געטאָ 22).

דער דאָזיקער איינפאַל האָט געדינט דניאל מאָשקאָוויטשן און זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער אַרויסצושלעפּן אין די שפּעטערדיקע צייטן געווער פון דייטשע אַרסענאַלן. די חברים, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אויף פּלאַצוווקעס מחוץ דעם געטאָ, באַקומען אינסטרוקציעס אַריינצוגנבענען גאַנצע שטיקער, אָדער טיילן פון כלי־זין און עס ברענגען אין

---

22) דאָרטן.



וועלוול וואלקאוויסקי

געטאָ. גאַשקאָוויטש לאָזט זיך אליין אויף דער „ארישער" זייט אַנטייל־צונעמען אין אָנפירן מיט אזעלכע געפערלעכע עקספעדיציעס 23).

איינצייטיק אָרגאַניזירט דער פאַריניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק א וואָפן־פּראָדוקציע אין געטאָ. די דאָזיקע פּראָדוקציע איז נאָך לעת־עתה זייער פּרימיטיוו און שטעלט נאָך נישט צו קיין היים געווער. די פּשוטע יידישע פאָלקס־פרוי עטל ביטענסקא טראָגט ארויס פון פאַבריק, וווּ זי ארבעט, צינדליקער ליטער שוועבל־קוואַס; ער ווערט צעגאָסן אין פלעשער, וועלכע דינען אַנשטאָט גראַנאַטן. שוועבל־זייער שטעלט צו אויך דער בונדישער חבר שלום פּראַפּאָרץ 24).

אָט אזוי ווערן אויסגעפּילט די ערשטע ארסענאַלן פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ. די זאַפּאַסן זיינען דער־ווייל מער ווי באַשיידן און קאָנען נאָך נישט סטאַיען פאַר א לענגערער זעלבשוץ־אַקציע 25).

דער פאַריניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אַנטוויקלט אויך א בריי־טע פּראָפּאַגאַנדע־ארבעט. עס קומט צו נאָך א ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וועלכער ווערט אינסטאַלירט ביים גראַיעווער מאַטעמאַטיק־לערער עזרא אַביע־דזשינסקי אויף טשעפּלע 13, 26).

צוגלייך מיט דער אַגיטאַציע־ און מאָביליזיר־אַקציע צווישן דער געטאָ־באַפעלקערונג ווערן געמאַכט די ערשטע שריט אויפן געביט פון שיקן מענטשן אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. טאַקע אין דעם קריטישן נאָוועמבער־חודש 1942 הייבט זיך אָן די באַוועגונג צו גיין פון געטאָ אין וואַלד אריין, כדי זיך צו אָרגאַניזירן אין פּאַרטיזאַנישע גרופּעס. אין דעצעמבער גייט ארויס די ערשטע גרופּע. תחילת 1943 לאָזט זיך אין וואַלד א צווייטע און דריטע גרופּע 27). עס גייען ארויס אין וואַלד 17 יונגנטלעכע אונטער דער אָנפירונג פון יוזשעק מאַרגאָליס. אין דער גרופּע געפינט זיך דער זון פון אלטן וואַרשעווער לינק־פּראָפּאַ־ריינישן טוער יאָסל ליכטענשטיין — מנשה 28). די מאָביליזאַציע אין וואַלד אריין ווערט קאָאָרדינירט מיט דער פּוילישער גרופּע, וואָס ווירקט

---

23) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקא.
24) דאָרטן.
25 דאָרטן.
26) ג"ע פון י. ריווקינד.
27) ג"ע פון פ. קאָזשעץ.
28) ג־ע פון י. לערמאַן.

אויף דער „אַרישער” זייט. די פּוילישע טויער שטעלן אין רשות פון די יידישע חברים זייער פּאַספּאָרטן־פאַבריקאַציע 29).

אזוי אַרום דערשיינט דער פּאַרייניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק ווי דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ווידערשטאַנד־טעטיקייט סיי אין געטאָ, סיי אין וואַלד.

די הויפּט־אַרבעט פונם בלאָק באַשטייט לעת־עתה אין דעם שווערן אָנשטרענג צו עפענען די אויגן פון דער געטאָ־מאַסע אויף דער מויט־געפאַר, וואָס לויערט אויפן עצם קיום פון די ביאַליסטאָקער יידן. דער דאָזיקער אָנשטרענג איז במילא געווען א שאַרפער קאַמף קעגן דעם דייטשן אָקופּאַנט, קעגן דעם „יודענראַט” און קעגן דעם פאַרפירערישן גלייכגילט פון א גרויסן טייל פון די געטאָ־אסורים גופא 30).

דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק און זיינע לאָזונגען האָבן אויסגעאיבט א שטאַרקע השפּעה אויף דער אַרבעטנדיקער מאַסע אין געטאָ. דעם באָדן האָט צוגעקערט נאָך פריער די אָרגאַניזאַציע צו העלפן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און די קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר. שוין אין יענער ערשטער צייט איז געקומען צום אויסדרוק א פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון דער פאָלקס־מאַסע אין געטאָ קעגן די דייטשע פאַראָרדענונגען.

דער ווילן צו ווידערשטאַנד האָט טיף געשטעקט ביי דער יידישער מאַסע אין געטאָ. נישט דאָס טרייבן אין דער איזאָלאַציע אַריין, נישט די געלע לאַטע זיינען נישט אויסגענומען געוואָרן גוטוויליק. וועגן דעם עקשנותדיקן אַרויסדרייען זיך פונם שאַנד־צייכן פון פאָרנט און פון הינטן קומט ווידער און ווידער צו רייד. א יאָר נאָכן איינפירן א געטאָ גייט נאָך אָן דאָס געראַנגל פון דער מאַכט פאַר די געלע צייכנס, די מאַסע סאַבאָטירט, ווו אָנך ווי זי קאָן, די דאָזיקע גזרה 31). אויף די זיצונגען פונם יודענראַט איז געקומען צום אויסדרוק דער אומרו פון די פירער פון אָט דעם אָרגאַן אין אָנבליק פון דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון די יידן. אויף נישט איין זיצונג הערט מען, אַז דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט מאַרקוס קלאָגט זיך, בכן מ׳היט נישט אין געטאָ די פּאָליציייאישע שעה. דעם בריקסטן פאַרנעם האָט אַרומגעכאַפּט דאָס אַרויסדרייען זיך פון שטעלן זיך צו צוואַנגס־אַרבעט. דאָס איז געוואָרן ממש א באַוועגונג, וואָס האָט געטראָגן די סימנים פון פּאַסיוון ווידער־

---

29) ג״ע פון ב. קאָזשעץ.
30) ג״ע פון י. ריוווקינד.
31) מעלדונג פון י״ר פון 15-טן יולי 1942, אַרכ״ יוה״א, נ׳ 302.

שטאנד. דער יודענראט האט א באפולמעכטיקטער דורך דער דייטשער מאכט, געפירט א קאמף קעגן אט דעם מאסן־סאבאטאזש. זייער אפט האבן די מודעות אויף די גאסן געטאדלט די „שולדיקע" און אנגערופן זיי ביים נאמען, מיטגעטיילט וועגן שטראפן און געדראט מיט בלערליי קאנ־סעקווענצן.

דעם 18־טן נאוועמבער 1941 טיילט מיט דער יודענראט, אז די ווייטער־אויסגערעכנטע יידן האבן א דערלויבעניש אליין פארלאזט דעם ארבעטס־פלאץ: משה נאוואקאלסקי, יוסף לעוו, יעקב ראצקי, משה סטופניק, בן־ציון ליפקין, חיים טאלינסקי, בנימין האלפערן און בייקל קלאס.

די דאזיקע ווידערשפעניקע האבן באקומען א שווערן פסק 32).

דאס האט אבער, אפנים, קנאפ וואס געהאלפן. ווארעם אין א וואך ארום, דעם 25־טן נאוועמבער 1941 איז מודיע א פרישע באקאנטמא־כונג פונם יודענראט אונטערן ווארנונגפולן קעפל „היט אייער לעבן!" אט וואס:

„ווידער האבן באקומען א שווערע קערפערלעכע שטראף פאר ארויס־דרייען זיך פון צוואנג־ארבעט: קאגאן ישראל, סאפירשטיין משה, קרא־וויעץ, גראבאווסקי הירש, פעדער שיע, מלמד יצחק, נאוויק נחום, שווע־בער שמעון" 33).

די פעולה איז באנייס געווען נישט אזא, ווי די מאכט האט זיך געווונטשן. דער טעראר, די שווערע שמיץ, די דראונג מיט טויט האבן נישט אפגעשראקן די דרייסטערע יידן, און דעם 3־טן דעצעמבער, דאס הייסט מיט אכט טעג שפעטער, מוז דער יודענראט נאכאמאל ארויס־טרעטן מיט אן עפנטלעכער מעלדונג: עס זיינען ווידער קערפערלעך באַ־שטראפט געווארן געטא־אסורים פאר ארויסדרייען זיך פון צוואנג־אר־בעט, דאס זיינען: יוסף קארען, מרדכי גאלאנט, משה ריצאק, אהרן בערנ־שטיין, לייב גאלאנט, הירש בערעזאווסקי, הלל פורמאן, לייב און פייוול ווינשטיין 34).

דער פאסיווער ווידערשטאנד קומט צום אויסדרוק נישט בלויז אין נישט־שטעלן זיך, אדער אין אנטלויפן פונם ארבעטס־פלאץ; ער אנטפלעקט זיך אויך אין שלעכט אויספירן די ארבעט און אין נישט

32) מעלד' נ' 136.

33) מעלד' נ' 166.

34) מעלד' נ' 173. עס קען זיין, אז דאס איז געווען דער דיכטער־ווידערשטענדלער לייבל ווינשטיין.

היטן די דיסציפלין בעת חער עבודת פרך. די דייטשע מושלים געטרויען נישט די יידישע נוגשים און זיי זוכן מיטלען, ווי אזוי צו צווינגען די יידן צו דיסציפלינירטער ארבעט. דעם 14־טן מערץ 1942 ווערט דאָס געטאָ באַשאַנקען מיט דער פאָלגנדיקער מעלדונג:

„דער דייטשער ארבעט־אמט איז מודיע:

„ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז די ארבעט־דיסציפלין ביי די יידישע ארבעטער איז זייער שוואך.

„דעריבער זיינען אין אלע אונטערנעמונגען איינגעפירט געוואָרן גענויע וואָכנטלעכע רשימות, וויפל ארבעט־שעהן די יידן גיבן דאָרט יעדן טאָג. עס ווייזט זיך ארויס, אז אין פארשידענע טעג קומען א טייל יידן איינגאנצן נישט צו דער ארבעט, אָדער ארבעטן קנאפ שעהן אין טאָג. קיין גרונטיקע סיבות פאר אַט די פארברעכנס איז נישטאָ.

„דער ארבעט־אמט האָט שוין אין א סך פאלן איבער די ארומשלעפערישע יידן געלאָזט אדורכפירן שטראָף־מיטלען דורך דער געסטאפּאָ.

אויך ווייטער וועלן אלע, וועלכע דערפילן נישט בשלמות זייער ארבעט־חוב, אויפן גרונט פון דער באקומענער רשימה ווערן איבערגעגעבן דער געסטאפּאָ צו באשטראָפן זיי שטרענג".

אונטערגעשריבן: „יידנראט" 35).

ווען עס העלפט נישט תמיד אויך דאָס שרעקן מיט געסטאפּאָ, הייבט אָן די מאכט צו דראָען מיט פארשיקן אין שטראָף־לאגער.

דעם 2־טן יולי 1942 האָט דאָס געטאָ געהאט א געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט אַט דער ווארנונג פון יודענראט:

„פאר נישט קומען צו דער ארבעט האָט די מאכט ארייגעזעצט אין שטראָף־לאגער די פאָלגנדיקע ארבעטער:

„1. לעוו לייב, געבוירן 1925;

„2. לעוו אברהם, געבוירן 1923;

„3. שוסטער יהודה, געבוירן 1926;

„4. סיבירסקי חיים, געבוירן 1920;

„5. זארכין נחום, געב. 1924" 36).

דאָס ספּעציעל־אכזריותדיקע דערביי באשטייט אין דעם זייער יונגן עלטער פון די פארמשפּטע. א שטייגער, יהודה שוסטער איז אלט בסך הכל 16 יאָר, לייב לעוו — 17 יאָר; דאָס הייסט — יינגעלעך.

---

35) מעלד׳ נ׳ 235.

36) מעלד׳ נ׳ 296.

באַלד אויפֿצומאַרגנס, דעם 3-טן יולי, האָט זיך ווידער עמעצער פֿון געטאָ נישט געשטעלט צום אַרבעט־פּלאַץ. דאָס איז געווען מרדכי עפּשטיין פֿון ניי־וועלט 21; ער איז באַשטראָפֿט געוואָרן מיט פֿיר וואָכן אַרבעט־לאַגער 37).

אויף דער זעלביקער שטראָף זיינען געוואָרן אויסגעשטעלט אויך די, וואָס העלפֿן די דירעקט־שולדיקע. אין הסכם מיטן פּרינציפּ פֿון קאָלעקטיווער און משפּחה־אחריות ווערן עלטערן פֿאַרמשפּט פֿאַר ווידערשפּעניקע קינדער, און עס טרעפֿט אויך פֿאַרקערט. דעם 20־טן סעפּטעמבער 1942 איז דער יודענראַט מודיע דער געטאָ־באַפֿעלקערונג, אַז —

„פֿאַר אויסבאַהאַלטן זייערע טעכטער פֿון שטעלן זיך צו אַרבעט זיינען די אונטן־אויסגערעכנטע עלטערן באַשראָפֿט געוואָרן מיט איינשפּאַרן אין שטראָף־לאַגער אויף אַ לענגערער צייט: פֿייגע צאַלעוויטש, מירע אַנטמאַן, רחל קוכאַרעווסקי, איטקע ליפּאָווסקי, אריה־לייב אָגורעק, שמואל אַפּעלבוים, פּעשע סיבירסקי" 38).

די אַלע שווערע רעפּרעסיע־מיטלען זיינען אָבער נישט געווען אומשטאַנד צו דערשטיקן די נעגאַטיווע שטעלונג פֿון דער מאַסע צו די פֿאַראָרדענונגען פֿון דער דייטשער מאַכט, היות די פֿאַלן פֿון נישט אויספֿירן די צוואַנג־אַרבעט־באַפֿעלן מערן זיך, ווענדט אָן דער שונא די סאַמע שאַרפֿסטע דראָונג — דאָס געשפּענסט פֿון טויט.

דעם 25־טן סעפּטעמבער 1942, פֿינף טעג נאָכן פֿאַרשפּאַרן אין אַרבעט־לאַגער די גרופּע עלטערן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אויסליפֿערן זייערע טעכטער אויף שאַנד און אומקום, ווערן אויסגעהאָנגען אין געטאָ פּלאַקאַטן, וועלכע טראָגן דעם טיטל: „וואָרנונג"; דער אינהאַלט זייער איז אַזאַ:

„די מאַכט האָט פֿאַראָרדנט דעם יודענראַט צו מעלדן דער באַפֿעלקערונג אין געטאָ פֿאָלגנדיקס: מענער אין אַרבעטס־עלטער, פֿון 16 ביז 60 יאָר, און פֿרויען פֿון 16 ביז 50 יאָר, וועלכע דרייען זיך אויס פֿון אַרבעט אויף דער פֿאָדערונג פֿון דער מאַכט, וועלן דערשאָסן ווערן" 39).

און דאָך, נישט געקוקט אויף אַלעמען, טראָץ דער דאָזיקער סאַמע שאַרפֿסטער דראָונג, מוז באַראַש מעלדן אויף דער פֿאַרזאַמלונג אין זאַל

37. מעלד' נ' 297.
38) מעלד' נ' 336.
39) מעלד' נ' 338.

פון לינת הצדק דעם 11־טן אָקטאָבער 1942, דאָס הייסט — צוויי וואָכן נאָך דער אָקאָרשט־ציטירטער, טויט־דראָענדיקער וואָרנונג — אז ווען די מאכט האָט געפאָדערט צו ארבעט צוויי הונדערט יידישע פרויען, האָט זיך קיין איינע נישט געשטעלט. די יידישע פאָליציי האָט געמוזט אויסשטעלן אלע ארבעטלאָזע אויפן פלאַץ און מיט געוואלט ארויסנעמען צוויי הונדערט מיידלעך. און דעמלט איז געשען דאָס, צו וואָס דער אָקופאַנט איז — יעדנפאלס פ.ן יידישן צד — נישט געווינט געווען און זיך נישט געריכט: ווען מ׳האָט געפירט די מיידלעך, האָט זיך צונויפגענומען דאָס גאנצע געטאָ, נאָכגעלאָפן נאָך דעם שופּאָ־קאָנוואָי און די ארויסגעריסענע יידישע טעכטער און געמאכט הילכיקע אויסרופן 40).

דאָס איז געווען די צווייטע אָפענע מאסן־דעמאָנסטראציע אין געטאָ. (די ערשטע איז געווען פון די „שבתדיקע" אלמנות, זע אויבן). דאָס איז נישט געווען קיין קאָמפּעדישע דעמאָנסטראציע, אָבער שוין דער פאקט, וואָס א המון האָט זיך צונויפגעזאמלט — טראָץ אלע פארבאָטן — אין גאס און האָט באגלייט די מאכט־פאָרשטייער מיט פארביטערטע אויסגעשרייען, שוין דער עצם־פאקט איז געווען א בולטער באוויז אויף די אָפּאָזיציאָנעלע און אויך מרידה־שטימונגען, וואָס האָבן געגורטעוועט די געטאָ־מאסע.

פון די ערשטע חדשים ביז דער ערשטער ליקווידיר־אקציע, דאָס הייסט, פון יענעם טראַגישן שבת ביז פעברואַר 1943, ווען עס וועט קומען צו אן אָפענעם, באוואָפנטן ארויסטריט — איז דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ געווען אן ארענע פון כסדרדיקע דערשיינונגען פון פאסיוון ווידערשטאנד. נישט געקוקט אויף די טויט־דראָונגען, גייט די דערשיינונג פון נישט שטעלן זיך צו צוואנג־ארבעט ווייטער אָן. דעם 28־טן יאנואר 1943 טיילט מיט דער ארבעט־אָפּטייל ביים יודענראט אין א ספּעציעלן נאָסן־קאָמוניקאט, אז פאר נישט גיין צו דער ארבעט זיינען געשמיסן געוואָרן ישראל נאשעלסקי, פאָלנע 19, מלך הינערשטיין, ניי־וועלט 12, הירש ביסענבוים, פאבריק־גאס 39, אברהם פּאָלאָנסקי, ביאַליסטאָטשאנער 16, לודוויק ציטראָנבערג, פאבריק־גאס 13, גרשון קאנטאָראָוויטש, כמיעלנע 19, יצחק קאדיש, קופּיעצקע 22 און פישל ראָזענבערג, געלדאָווע 1 41).

---

40) „פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון ביאַליסטאָקער יודענראַט", ז׳ 47; אויך: ג"ע פון י. ריווקינד.
41) מעלד׳ ז׳ 383.

דעם זעלביקן טאָג זיינען געשמיסן געוואָרן פאַר אַרויסגיין מחוץ דעם געטאָ אָן פּערזענלעכע דערלויבענישן: יצחק באַטעס, כמיעלנע 10, און מרדכי נוסבוים, סמאָלנע 12 42).

און ווייזט אויס, אַז די קשי־עורף־באַוועגונג האָט זיך אויסגעשפּרייט אַלץ מער און אַז די מאַכט איז נישט געווען אימשטאַנד זי לגמרי צו דער־שטיקן און ליקווידירן, ווי באַלד דעם זעלביקן טאָג ווענדט זיך דער אַר־בעט־אָפּטייל ביים יודענראַט צו דער באַפעלקערונג אָט מיט וואָס פאַראַ ווערטער, וועלכע שמעקן ווידער מיט קאָלעקטיווער אחריות:

„מיר וואָרענען, אַז צוליב אַזעלכע פאַרברעכנס קאָנען אָנגענומען ווערן סאַנקציעס לגבי דעם גאַנצן געטאָ" 43).

אויפן סמך פון אַזעלכע שטימונגען האָט די אַנטיפאַשיסטישע אָר־גאַניזאַציע געקאָנט צעאַקערן דעם געטאָ־באָדן און פאַרזייען קערנדלעך פון העכערע ווידערשטאַנד־פאָרמען. די אַנטיפאַשיסטישע טוער האָבן געוואָרפן אין דער אַרבעטער־מאַסע דעם געדאַנק פון סאַבאָטאַזש אין דער פּראָדוקציע. דער דאָזיקער געדאַנק איז בקרוב געקרוינט געוואָרן מיט ממשותדיקע מעשים. דעם 1־טן אָקטאָבער 1942 האָט דער יודענראַט באַ־קומען אָט אַזאַ „ידידי־בריוועלע" פון דער דייטשער ציווילער מאַכט:

„דער שטאָט־קאָמיסאַר פון שטאָט־קרייז ביאַליסטאָק.
געטאָ־פאַרוואַלטונג.
ביאַליסטאָק, 1־טן אָקט. 1942.
צום יודענראַט —

וועגן: פּאַרטיק מאַכן וואַטירטע קעלט־שוץ־באַקליידונג און ווינטער־באַקליידונג פון די וואַרשטאַטן פון געטאָ.

„דער מיליטער באַקלייד־אַמט קעניגסבערג (פּר) האָט אין זיין אָפּנעם־באַריכט פון 21־טן סעפּטעמבער 1942 וועגן ווינטער־באַקלייד־זאַכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין געטאָ, אָנגעוויזן אַזעלכע חסרונות פון שווערן כאַראַקטער, אַז זיי זעען אויס ווי סאַבאָטאַזש לגבי דער אַמוניציע־אַרבעט פון דער מיליטערישער מאַכט. הגם די פּראָבעס זיינען געווען באַפרידי־קנדיקע, זיינען אָבער די אַרבעטן אינגאַנצן אויסגעפירט געוואָרן אַזוי שלעכט און נישט שטאַרק, אַז אויב דאָס זאָל זיך איבערחזרן, וועט די מיליטער־מאַכט מוזן זיך אָפּזאָגן פון ווייטערדיקע באַשטעלונגען.

---

42) דאָרטן.
43) דאָרטן.

„איך האב היינט דעם י. ר. שוין פערזענלעך זייער שטרענג געווארנט און איך מאך אים אליין פאראנטווארטלעך פאר אלע ווייטערדיקע געשעענישן. א חוץ די שטרענגע באשטראפונגען, וועלן די יידן, דורך זייערע אומפאראנטווארטלעכע מעשים, דארפן זיך אליין באשולדיקן, אויב דורך דעם וועלן ארויסקומען אויך אנדערע קאנסעקווענצן פון שווערער וואג״ 44).

א ברייטערע סאבאטאזש־אקציע איז געפירט געווארן — לויט דער איניציאטיוו פון די קעמערלעך פון דער אנטיפאשיסטישער ארגאניזאציע — אויך אין די ווינטער־שיך־פאבריקן. א גרויסע באשטעלונג פון וואילאקעס, פוטער־שטיוול און שיך פארן מיליטער איז אזוי אויסגעפירט געווארן דורך די יידישע ארבעטער, אז פון פראנט זיינען אנגעקומען ידיעות, דאס די סחורה, בעיקר די פאדעשוועס, זיינען זיך צעקראכן באלד נאך עטלעכע טעג טראגן און האבן נישט אויסגעהאלטן דעם שווערן רוסישן ווינטער־קלימאט 45).

חוץ סאבאטאזש האט די אנטיפאשיסטישע ארגאניזאציע צוגעגרייט — ווו עס איז געווען מעגלעך און צוועקמעסיק — שטרייקן. דעם 31־טן מאי 1942 טיילט מיט באראש, אינגאנצן אן אויפגעציטערטער, אויף א יודענראט־אסיפה, וועגן א שטרייק פון פורמאנעס אין געטא. דער אבמאן קוואליפיצירט עס ווי „הפקרות״ 46).

ביי די ווידערשטאנד־אקטן איז נישט זעלטן געקומען צו צוזאמענשטויסן צווישן די ווידערשפעניקע און דער געטא־פאליציי, וועלכע האט געטריי אויסגעפירט די באפעלן און דראונגען פון דער דייטשער מאכט. פארן ארויסטרעטן אקטיוו קעגן דער פאליציי האט זיך די לעצטע ביטער נוקם געווען. אין שוץ פון די ברוטאלע יידישע פאליציאנטן האט זיך תמיד געשטעלט זייער אפוטרופוס דער יודענראט. אט מאכט באקאנט דער יודענראט דעם 26־טן יוני 1942, אז פאר באליידיקן און שטעלן א ווידערשטאנד דער ארדנונגס־דינסט זיינען פארמשפט געווארן: דער 17־יעריקער אברהם קלאטשקא צו אנטערמיניקן ארבעט־לאגער, דער 32־יעריקער מיכאל ניעוויאדאמסקי און דער 16־יעריקער נאטע גאלדשטיין צו 2 וואכן פארשארפטן ארעסט, דער 41־יעריקער שמחה פעלער און דער 17־יעריקער זלמן געלבארט צו 75 מארק געלט־שטראף איטלעכער 47). געשלעגן פון

---

44) פראט. פון י״ר־זיצונג נ׳ 47.
45) ג״ע פון י. ריווקינד.
46) פראט׳ פון י״ר־זיצונג נ׳ 38.
47) מעלד׳ נ׳ 376.

פאָלקס־מענטשן מיט דער „אייגענער“ פאָליציי האָבן געהערט צו די נישט זעלטענע דערשיינונגען אין געטאָ. עס זיינען באַקאַנט פאַלן, ווען פרויען האָבן זיך געוואָרפן שלאָגן די לייט פון אָרדנונגס־דינסט 48).

אזוי האָט אינערלעך געקאָכט און געזידט אין דעם געטאָ גופא. נישט געקוקט דערויף, וואָס אויסערלעך האָט דער ביאַליסטאָקער יידן־ראַיאָן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ באַהערשטן און רויקן, האָבן אָבער די דערשיינונגען פון פאַסיוון ווידערשטאַנד אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ באַוועגונג און די דאָזיקע באַוועגונג האָט אָפטמאָל געהאַט אירע זיד־פונקטן — סאַבאָטאַזש־אַקטן, אַ שטרייק, צוזאַמענשטויסן מיט דער געטאָ־פאָליציי, אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע.

באַנאַנד מיט די אויסערלעכע אַקטן פון פאַסיוון ווידערשטאַנד איז שוין פון דער ערשטער תקופה אויפגעקומען דער אינערלעכער פאַרלאַנג צו אַקטיוון קאַמף.

וועלנדיק דערשטיקן די שטימונגען פון פאַסיוון ווידערשטאַנד האָט דער שונא דורך בלוטיקן טעראָר געצילט אָנצוואַרפן אַ שרעק איבער דער געטאָ־באַפעלקערונג. צו אַזאַ מין טעראָר געהערן די דריי תליות אין דער ניי־יאָר־נאַכט פון 1943.

דאָס דאָזיקע נייע יאָר האָט זיך פאַר די ביאַליסטאָקער יידן גע־עפנט מיט אַ זייער טרויעריקער מודעה. באַלד אינדערפרי האָט אַ מעל־דונג פון יודענראַט אָנגעזאָגט די צום טויט דערשטויסטע געטאָ־אסורים די פאָלגנדיקע שוואַרצע בשורה: „לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער מאַכט זיינען נעכטן אויפגעהאָנגען געוואָרן אין געטאָ פאַר גנבענען פראָדוקטן פון דער אייל־מיל פאָלגנדיקע פערזאָנען: ליפּא שטשעדראָווסקי, אלי דוואָרסקי, יעקב יאַבלאָנסקי. די זעלבע שטראָף דערוואַרט יעדן איינעם, וואָס וועט גנבענען סיי אויסערן געטאָ, סיי אין די בעטריבן פון דער ווערמאַכט אין געטאָ“.

די דאָזיקע דריי הונגעריקע יידן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער תליה דעם 31־טן דעצעמבער האַלב אַכט אין אָונט. די עקזעקוציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין סאַמע האַרץ פון געטאָ, אויף קופּיעצקע־גאַס, נישט ווייט פונעם הויז פון יודענראַט.

---

48) ג״ע פון פאַניע ליפּינסקא.

עס איז אָבער דאָ א גרונט צו מיינען, אז דאָס איז נישט געווען מחמת דעם שונאס צאָרן צוליב דער וויניק־וויכטיקער גנבה פון יאַנדרעס אין דער אָלעיארניע, נאָר אז דער גרויזאמער אקט האָט געדארפט זיין א מיטל אָפצושרעקן די אויפוואכנדיקע און וואקסנדיקע ווידערשטאנד־באוועגונג אין אונטערערד פון געטאָ און בפרט קעגנצווירקן די סאבאָטאזש־אקטן אין דער געטאָ־אינדוסטריע. די אונטערערדישע אָרגאניזאציעס פון געטאָ האָבן באשלאָסן אויסצונוצן דעם אָוונט פון 31־טן דעצעמבער אויף דורכפירן אונטערן צודעק פון ניי־יאָר־פייערונגען געהיימע מאסן־פארזאמלונגען און ברענגען דעם נידערגעשלאָגענעם עולם א וואָרט פון טרייסט[49]. אז די דאָזיקע השערה קאָן זיין א ריכטיקע, באקרעפטיקט דער פאקט, וואָס אין דער עקזעקוציע האָט זיך באטייליקט א פאָרשטייער פונם געסטאפּאָ־אָפּטייל צו באקעמפן „באנדעס" (פארטיזאנער).

דער פארלויף פון אָט דעם טעראָר־אקט שטעלט זיך פאָר אזוי:

די אָקופּאנטן האָבן ארעסטירט צען יידן אונטער דער באַשולדיקונג פון גנבענען 25 פונט באָניקערן אין דער אייל־פאבריק, וועלכע האָט געאַרבעט פאר דער אָקופּיר־מאכט. פון די צען האָבן זיי אויסגעקליבן דריי און זיי געמשפּט הינטער די אויגן. דער משפט איז פאָרגעקומען אין געסטאפּאָ־בנין אויף עריק־קאָך־גאס 15. דאָס איז געווען א שטאנד־געריכט אונטער דעם פאָרזיץ פון ד"ר אלטענלאָה אליין; עס זיינען אָנוועזנדיק געווען דריי בייזיצער, איין איבערזעצער און... א פארטיידיקער. דער אורטייל איז געווען: טויט־שטראָף. די תליה האָט געמוזט צוגרייטן דער יודענראט. דעם אורטייל האָט אויסגעפירט דער געסטאפּאָ־לייטער היימבאך און דער אָנוועזנקייט פון פריץ פרידעל, דיבוס, קרימינאל־סעקרעטאר פלאומאן (פונם באנדעס־אָפּטייל פון געסטאפּאָ) און אנדערע פּאָליציישע באאמטע. די עקזעקוציע האָט געמוזט אויספירן די יידישע אָרדנונגס־דינסט; יידישע פּאָליציאנטן האָבן אָנגעשמירט דעם שטריק מיט זייף, „די קרבנות זאָלן זיך לאנג נישט מאטערן" — אזוי האָט פארלאנגט דער „הומאניטארער" געפּיל פון די הענקער. צו דער תליה זיינען געבראכט געוואָרן אלע צען יידן. היימבאך האָט צו זיי געהאלטן א רעדע, אין וועלכער ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז זיי ווערן פארמשפּט פאר „סאבאָטאזש לגבי דער דייטשער ווירטשאפט". א יידישער פּאָליציאנט — זיין נאָמען איז נישט באקאנט — האָט אויסגעפירט די פונקציע פונם תלין. ווען מ'האָט אלע דריי אויפגעהאָנגען, האָט פרידעל דורך א שטויס מיט דעם פוס ארויסגערוקט

49) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאָ און י. ריווקינד.

דאָס בענקל פון אונטער די פיס פון די געהאָנגענע, א שעה צייט האָבן זיי געהאָנגען. דעמלט האָט מען די זיבן „גליקלעכע" געהייסן גיין אהיים, און די יודענראט־מענטשן זיינען געצוואונגען געוואָרן אראָפצונעמען די בר־מיננס 50).

די דריי תליות פון ניי־יאָר 1943 האָבן נאָך מער פארשטארקט די אנ־טיפאשיסטן אין זייער פעסטקייט, אז מ'דארף זיין גרייט אויף ווייטער־דיקע און נאָך ערגערע אָנגריפן פונם שונא 51).

50) קאַפּלאַן: "דער יודנראט אין ביאליסטאָק". דאַטנער: "חורבן ביא־ליסטאָק", ז"ז 20—24.

51) ג"ע פון י. ריווקינד.

ק א פ י ט ל   ז ע ק ס

ערב דער ערשטער קאַטאַסטראָפע

נישט געקוקט דערויף, וואָס די פולשטענדיקע פיזישע פאַרטיליקונג פון די יידן האָט זיך מיט צוויי בלוטיקע כוואַליעס דערנענטערט סיי פון מזרח־זייט, סיי פון מערב, האָבן ס׳רוב ביאַליסטאָקער געטאָ־אסורים נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז אויך זייער גורל איז אַ געחתמעטער. לפנים האָט די טאַקטיק פונם שונא נישט געטראָגן קיין ערנסטע חשד־סימנים 1).

די אונטערערדישע־ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט ארויסגעריסן די יידן פון דער טראַגישער אומוויסנקייט.

אין דער צווייטער העלפט יאַנואַר 1943 האָט זיך צו חברים פון אונ־טערערד געמאָלדן אַן אָפּגעריסענער ייד מיט אַ געוואַלדיק־מידן אויסזען און אַ פנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אי גרענעצלאָזע ליידן, אי פאַנישע שרעק. מען האָט אין דעם דאָזיקן שטערבלעך־אויסגעמאַטערטן מענטשן קוים דערקענט דעם גראָדנער בוכהאַלטער ברוידע, אַ מיטגליד פון דער גראָדנער בונדישער גרופע. דאָס, וואָס ברוידע האָט גענומען דערציילן, האָט זיך אויסגעוויזן די מענטשן ווי אַ גרויליק־פאַנטאַסטישע פלוידעריי פון איינעם, וואָס איז אַראָפּ פון זינען. אָבער נאָכן באַקענען זיך מיט דעם ענין, האָט מען זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז וואָר. דאָס איז געווען אַן אַנט־לאָפענער פון טרעבלינקער גיהנום 2).

אויפן סמך פון ברוידעס דערציילונג האָבן צוויי אַקטי־וויסטן פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע — די וואַרשעווער לערערין העלענקע נירענבערג און דער גראָדנער יו־

1) ג״ע פון י. ריווקינד.
2) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

ריסט גרישע טשאפניק — אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן דעם טרעבלינ־קער גיהנום 3). די בראָשור האָט געהאַלטן זעקס זייטן און איז אָפּגעקלאַפּט געוואָרן אויף אַ העקטאָגראַף אין אַ קאָנספּירירטן לאָקאַל אויף ביאַלע־געסל אונטער דער השגחה פון שלום קאַזשעץ. איידער די בראָשור איז אָפּגעדרוקט געוואָרן איז געשען אַ טראַגישער פאַל: די אַקטיוויסטן פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, ביַנע קאַטשאַלסקאַ, האָט געדאַרפט איבערשרייבן דעם כתב־יד אויף ריין. ביים איבערשרייבן האָט זי זיך אַזוי איבערגענומען מיטן גרויליקן אינהאַלט, אַז נאָכן אָפּגעבן דעם ריינעם מאַ־נוסקריפּט, האָט זי זיך גענומען דאָס לעבן 4).

די בראָשור האָט געטראָגן דעם טיטל „דער אמת וועגן טרעבלינקע". זי איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די איינוווינער פון געטאָ.

ביאַליסטאָק האָט זיך דערוווּסט. דער איינדרוק איז געווען אַ שוי־דערלעכער 5).

איצט האָבן אפילו די יעניקע ביאַליסטאָקער, וואָס זיינען זיכער גע־ווען, אַז ביאַליסטאָק איז אַן אייביק־מזלדיקע שטאָט, אויפגעהערט גלויבן דעם יודענראַט.

בפרט, אַז עס זיינען אונטערגעקומען ווייטערדיקע באַווייזן, וואָס האָבן אַריינגעוואָרפן אפילו די עקשנותדיקסטע אָפּטימיסטן אין אַ ווייטיקפולן צווייפל. פון מויל צו מויל האָט מען זיך איבערגעגעבן, וואָס עס האָבן דער־ציילט סאָקאָלאָווער און וואָלאָמינער פליטים וועגן דער טויט־פאַבריק הינטער מאַלקין. אַלץ, וואָס די דאָזיקע פליטים האָבן איבערגעגעבן, האָט געשטימט מיט די באַשריבענע פאַקטן אין דער דערמאָנטער בראָשור. „איצט — האָט פאַרצייכנט אַן אומבאַקאַנטער ייד אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, — איצט האָט דאָס פלוג־בלאַט, וועלכע שטאַמט פון אַן אָרגאַניזאַציע אַ גוט־אינפאָרמירטע, אויפגעדעקט דעם אמת פון טרעבלינקע אין איר גאַנ־צער סאַדיסטישער שוידערלעכקייט" 6).

דעם 22־טן יאַנואַר 1943 קומט אָן פון טרעבלינקע קיין ביאַליסטאָק דורך מאַלקין אַ מערקווירדיקער טראַנספּאָרט, 7 וואַגאָנען, אָנגעלאָדענע מיט קליידונג. דאָס זיינען געווען פאַרשידענע מענערישע און פרויען־בגדים, וואָס מ'האָט אַראָפּגעצויגן פון די קרבנות און נאָכן דעזינפעקירן זיי, געשיקט קיין ביאַליסטאָק ווי אַ שמאַטעס־טראַנספּאָרט פאַר דער טעקס־

---

3) דאָרטן.
4) ג"ע פון מ. בוך.
5) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
6) אַרכ' יה"א, נ' 50/46.

טיל־אינדוסטריע. דאָס איז געווען דער לעצטער שפור נאָך די גרופּעס פון ביאַליסטאָקער פּראָווינץ, וועלכע מ׳האָט „פאַרענדיקט״ אין יאַנואַר 1943 אין די קרעמאַטאָריע־אויוונס נאָך דער ערשטער ליקווידאַציע פון נאָוועמבער 1942. אין מרדכי טענענבוימס הענט פאַלט אַריין אַ פּעקל פּער־זענלעכע דאָקומענטן, וועלכע עמעצער אַן אייגענער מענטש האָט געפונען נישטערנדיק אין די קעשענעס פון די פאַריתומטע בגדים. אָט זיינען די דאָזיקע לעצטע זכרס נאָך די פאַרברענטע מענטשן; אַ רוסישער פּאַס אויפן נאָמען פון מאָזעס גאָלדבערג, געבוירן אין 1926 אין גראָדנע; אַן אַלטער פּוילישער פּאַס אויפן נאָמען פון ראובן לאַזניק, פון פאַך אַ ביוראַליסט; אַ דאָקומענט פון רחל גרינבערג, אַ האַנט־שטריקערין; אויף צוויי רוסישע פּעסער — מיט די נעמען פוןביילע מאָרדקאָוונאַ פּישמאַן, געבוירן 1903 אין וויטקאָוו און צוגעשריבן אין רוזשאַן, און פון ריווא נאָוועליעוונאַ גאָלדשטיין, געבוירן אין 1909 אין גראָדנע — אויף אָט די צוויי דאָקומענטן פיגורירן צושריפטן „טרעבלינקאַ״ 7).

אָבער איינעם מיט די שוואַרצע ידיעות פון אומקום דערגייען סוף יאַנואַר 1943 אין ביאַליסטאָקער געטאָ דערמוטיקנדיקע בשורות פון יידישן ווידערשטאַנד, דער עיקר פון צוויי ווייט־אָפּגערוקטע פון זיך ערטער. ווען דער שונא איז צוגעטרעטן אין גראָדנע אין חודש יאַנואַר אַרויסצופירן און ליקווידירן די פאַרבליבענע צען טויזנט יידן, האָט די דאָרטיקע אונ־טערערדישע באַוועגונג געענטפערט מיט אַן אַטענטאַט אויפן בלוטיקן תליין און אַקציע־פירער סטרעבלאָוו. דעם אַטענטאַט האָבן אויסגעפירט קאַפּלאַן און האָרוויץ, אָבער ער איז נישט געלונגען. דעם 27־טן יאַנואַר רופן אַרויס די גראָדנער קאָמוניסטן אַ בונט אין צוג, וואָס גייט קיין טרעבלינקע און קומען אַלע אום 8).

אין אַ קורצער צייט שפּעטער דרינגט אַריין אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַ פּוילישער אויפרוף, וואָס שטאַמט פון וואַרשעווער אונטערערד; אינם אויפרוף ווערט דערציילט וועגן דעם יידישן ווידערשטאַנד אינם טאָג פון 19־טן יאַנואַר 1943 אין וואַרשעווער געטאָ 9).

די צוויי ווידערשטאַנד־בשורות האָבן געהויבן דעם מוט. די אונטער־ערדישע באַוועגונג פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג ביידע מינים אינ־פאָרמאַציעס — דעם אמת וועגן טרעבלינקע און די בשורה פון גראָדנע

---

7) ארכ׳ ייה״א, דאָק׳ נ׳ 1743 און 160.
8) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רודי.
9) ארכ׳ ייה״א, נ׳ 53/46; אויך: ביי דאַטנערן אין „חורבן ביאַליסטאָק״, קאַפּ. 4.

און וואַרשע. דעם יודענראַט און מאַרקוסעס פּאָליציי שמעקן נישט די ערשטע נייעס, נישט די צווייטע. עס הייבט זיך אָן א געיעג נאָך די, וואָס דערוועגן זיך צו דערציילן דעם אמת אין געטאָ. איינער פון די ווירדיקע קאָלפּאָרטערן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג ליפּא שלומיאל (יונ־ראָווצער 30) פאַלט אַריין אין די הענט פון דער אָרדנונגס־דינסט, וועלכע כאַפּט ביי אים א באַהאַלטענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און גיט אויס דעם דאָזיקן ווידערשטענדלער אין די גיריקע לאַפּעס פון געסטאַפּאָ. ליפּא שלומיאל קומט שוין מער נישט צוריק. עס פאַרשווינדט נאָך אים יעדע שפּור 10).

אָט אזוי וואַרפן זיך די נשמות פון די יידן צווישן אײן געפיל און צווייטן, צווישן באַוווסטזיין פון זיכערן אומקום און האָפענונג אויף א ווונ־דערלעכן טויט. „מיר זיינען אַלע בר־מינבס אויף אורלויב“, — אויף אזא אייגנ־אַרטיקן אופן האָט אויסגעדריקט אָט די רעיונות, אָט דעם נשמה־צושטאַנד פון א סך, דער באַקאַנטער מאַטעמאַטיקער יעקב ריווקינד, א מיטגליד פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע.

די גאַרונג אָקעגנצושטעלן זיך פאַר יעדן פּרייז די רוצחים האָט אייג־גיכן באַקומען א תיקון.

אָבער נישט ווייניקער שטאַרק האָט זיך נאָך אַלץ אַרויסגעוויזן די פאַרפירערישע אילוזיע, אַז אפשר וועט ביאַליסטאָק אָפּשפּילן מיט מער מזל, און די מורא, אַז א באַוואָפנטער ווידערשטאַנד וועט אַרויסרופן דעם גרעסטן גרימצאָרן פונם שונא און וועט צואיילן די ענדגילטיקע ליקווי־דאַציע פון געטאָ.

און דאָך האָבן די „בר־מינבס אויף אורלויב“ בקרוב דערוויזן, אַז זיי זיינען פעיק צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פונם ייד.

---

10) ג״ע פון י. לערמאַן.

דריטער טייל

די ערשטע זעלבשוץ

דער כאַראַקטער און דער פאַרנעם פון דער ערשטער באַוואָפנטער זעלבשוץ

די ערשטע זעלבשוץ פון די יידן אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז אויפגעקומען אויף דער אלגעמיינער קאמפס־קוואליע פון די פּיאָנערישע פּארטיזאנישע גרופּעס אין די ארומיקע וועלדער. די סאָוויעטישע פּארטיזאנישע אָטריאדן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן ווערן אקטיוו אין דער געגנט ארום ביאַליסטאָק, האָבן געשאַפן אַ גינסטיקע אַטמאָספער פאַרן פאַרשטאַרקן זיך פון די קאמף־שטימונגען און בעיקר פאַר דער באַקרעפטיקונג פון דער פּערספּעקטיוו פונם אקטיוון ווידערשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ 1). פון דער צווייטער זייט איז דאָס אונטערערדישע געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינער פון די שטאָטישע באַזעס פאַר דער סאָוויעטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג בכלל און פאַר די פּאַרטיזאַנער בפרט. אַזוי אַרום האָבן זיך אָט די צוויי אָפּשניטן פון קאַמף קעגן פאַשיסטישן אָקופּאַנט אין ביאַליסטאָק און ראַיאָן ארויסגעוויזן פאַר אומצעטיילבאַרע.

דער צווייטער וואָגיקער פאַקטאָר, וואָס האָט סטימולירט די יידישע זעלבשוץ, איז געווען די פּוילישע ארבעטער־פּאַרטיי און איר צענטראַלע אין וואַרשע. אויף איינער פון די זיצונגען פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, פאַר זיין ארויספאָר קיין וואַרשע, האָט אַנטאָני יאַקובאָווסקי געבראַכט די חברים אַ קאָנקרעטע קאַמפס־פּלאַטפאָרם פון דעם צענטער פון פּ.פּ.ר.; די פּלאַטפאָרם האָט זיך פאָרגעשטעלט אַזוי: די, וועלכע די דייטשן פירן ארויס מיט צוואַנג פון ביאַליסטאָק און אומגעגנט, אַזוי יידן, ווי ווייסרוסן, דאַרפן אַנטלויפן פון די גירוש־פּלעצער און זיך לאָזן אין וואַלד אַריין,

---

1) פאַרגלייך ביים ל. צאַנאַוואַ, אינם ציטירטן בוך.

גרופּירנדיק זיך דאָרטן אין פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן; די, וואָס בלייבן אין געטאָ, זיינען מחויב תיכף צוצוטרעטן צו אָרגאַניזירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די פֿאַבריקן און צו אָן אָפּענעם קאַמף קעגן די דייטשע פֿאַרטיליקער. די דאָזיקע פּלאַטפֿאָרם איז אָנגענומען געוואָרן דורכן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין געטאָ ווי א יסוד פֿאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט 2).

אין דער צייט, ווען די דאָזיקע פּלאַטפֿאָרם איז פֿון דער צענטראַלע פֿון פּ.פּ.ר. געשיקט געוואָרן צום ביאַליסטאָקער אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, האָט שוין אין די אַרום־ביאַליסטאָקער וועלדער געווימלט מיט אַקטיוויזירטע סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. אמת, אין יענעם ערשטן פּעריאָד איז נאָך די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין די אָקופּירטע געגענטן געווען נישט אינגאַנצן א קאָאָרדינירטע, אָבער זי האָט עקזיסטירט און געשאַפֿן א געהעריקע אַטמאָספֿער פֿון קאַמף קעגן די דייטשן. עס האָבן שוין אין דער צייט ערב דער ערשטער ליקווידאַציע און ערשטער זעלבשוץ אין ביאַליסטאָקער געטאָ (פֿעברואַר 1943) געווירקט אין די אַרומיקע וועלדער און דערפֿער די פֿאָלגנדיקע סאָוויעטיש־פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן: דער אָפּטייל אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַפֿאַנאַסעוויטשן, וועלכע האָט אויסגעפֿירט אָנפֿאַלן אויף דייטשע גאַרניזאָנען און אַמטן אין דערפֿער האַרט ביי ביאַליסטאָק; די גרופּע פֿון די א. ג. „דריי טאַנקיסטן", אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דריי ברידער, וועלכע האָט אָפּערירט ביים שטעטל גרודעק; די גרופּע פֿון די גאַלימאָווער וועלדער בראש מיטן קאָמאַנדיר זאַכאַראָוו; א גרופּע, וועלכע האָט זיך פֿאַרנומען ספּעציעל מיט ליקווידירן ווייסרוסיש־פּוילישע קאָלאַבאָראַציאָניסטן און אַנדערע פֿאַרקויפֿטע שקורעס; די שטאַרקסטע גרופּע איז געווען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מישקע סיביראַק — אין דער ביאַלאָוויעזשער פּושטשע — מיט וועלכער עס האָבן פֿאַרקניפּט באַזונדערס האַרציקע און ענגע באַציונגען די אַנטיפֿאַשיסטן פֿון ביאַליסטאָק, בתוכם אויך דער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט פֿון געטאָ: אויף א ספּעציעלער באַראַטונג איז מען געקומען צו א הסכם, אז אין פֿאַל פֿון ליקווידיר־אַקציעס וועט סיביראַק אויפֿנעמען ביי זיך אין אָטריאַד די אַנטלאָפֿענע ייִדן — אין הסכם מיט דער איינשטעלונג פֿון פּ.פּ.ר.; דאָס איז נאָך געווען אין דער אומרויִקער צייט פֿון „אויסריינִיקן" די פּראָווינץ (נאָוועמבער 1942), און מען האָט מורא געהאַט, אז אויך אויף ביאַליסטאָק גופֿא קומט די ריי 3).

2) ג"ע פֿון ר. וואָיסקאָווסקא.

3) ג"ע פֿון ע. בוימאַץ און פּ. קאָזשעץ.

אלע גרעסערע קאמף־ארויסטריטן אין געטאָ זיינען געווען קאָאָרדינירט מיט די סאָוויעטישע פארטיזאנער. די ערשטע זעלבשוץ אין ביאליסטאָקער געטאָ איז אויסגעבראָכן נישט סטיכיש, נאָר איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן שטאב פון דעם פאראייניקטן אנטיפאשיסטישן בלאָק. דעם ווידערשטאנד־פלאן האָט א געוויסע צייט פאר דער ליקווידיר־אקציע, פאר פעברואר 1943, אויסגעארבעט לויטן אויפטראג פון אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט דניאל מאָשקאָוויטש. לויט אָט דעם פלאן האָט די זעלבשוץ געדארפט באפעסטיקן א קוילנווארפער אויף א דאך אויף יוראָווצער־גאס און פון דאנען באשיסן די אריינדרינגנדיקע דייטשן. אין געטאָ איז קיין פולעמיאָט נישט געווען און עס האָבן אים געדארפט צושיקן פון וואלד די ערשטע ארויסגעגאנגענע יידישע פארטיזאנער אונטער דער אָנפירונג פון משה סלאפאק („מאקסים"), די אזוי גערופענע „קרינקאָווצעס". אָנהויב פעברואר האָט סלאפאק טאקע ארויסגעשיקט די פארטיזאנער פון זיין גרופע: פנחס קאָזשעץ, דעם מאָלער רודי און פאָזנאנסקי אין געטאָ־אריין מיט א מאשין־געווער און ביקסן; מען האָט זיך געריכט אויף געשעענישן אין געטאָ, און די פארטיזאנער האָבן געדארפט, לויטן פלאן, ארויסהעלפן ביים געווער 4). עס איז שוין אָבער געווען צו שפעט, די שטאָט און בפרט דאָס געטאָ איז שוין געווען ארומגעשטעלט, און די שליחים פון וואלד האָבן זיך נישט געקאָנט אריינבאקומען. מאקסים און זיינע פארטיזאנער האָבן זיך דערווייל א רוק געטאָן אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. דעם 5־טן פעברואר איז אויסגעבראָכן די ערשטע זעלבשוץ אין געטאָ. דעם 19־טן פעברואר איז אין וואלד פאָרגעקומען די ערשטע שלאכט פון די יידישע פארטיזאנער קעגן די דייטשן 5). דאָס איז געווען אין קייט פון ווידערשטאנד.

תיכף נאָכן איינשטילן זיך פון דער ערשטער ליקווידיר־אַקציע אין געטאָ זיינען דורך דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע ארויסגעשיקט געוואָרן די אויספירער אדעלא הערץ און פעדקא אין וואלד אריין אָנצוקניפן ווייטער די קאָנטאקטן 6).

אָט אזוי שטעלט זיך פאר דער ווידערשטאנד פון געטאָ ווי אן אָרגאנישער טייל פון דער קאָנקרעטער ווידערשטאנד־באוועגונג אין דער געגנט. בכלל באמערקט זיך אין יענער צייט א ווידערשטאנד־אויפשטייג

---

4) דאָרטן.
5) דאָרטן, אויך ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקא.
6) דאָרטן.

אין די אינזעלעך, וווּ יידן זיינען נאָך פאַרבליבן. עס איז נאָכן באַוואָפנטן יאַנואַר־אַרויסטריט אין וואַרשעווער געטאָ; דער דאָזיקער אַרויסטריט, וואָס איז דורך דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע פאַרגעשטעלט געוואָרן אין אַ פּילפאַכיק פאַרגרעסערטן פאַרנעם, האָט — דורך די אָפּגעריסענע גרוסן, וואָס זיינען דערגאַנגען אין ביאַליסטאָקער אונטערערד — געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם 7). אין דער געגעבענער זייטן ביי די פאַרבליבענע פאַר־תּוּמטע ישובים אויסגערונען די פריע־דיקע אילוזיעס. לפּי ערך אין דער זעלביקער צייט קומט פאָר אַ ליקווידיר־אַקציע אין פּרוזשאַני; אַבער ווען דער שונא טרעט צו צו דער אַקציע, געפינט ער אויפן אָרט בלויז אַלטע פרויען און אַביסל קינדער — קיין איין דערוואַקסענעם יידישן מאַן אָדער פרוי. אַלע זיינען זיך צעלאָפן אין אַרומיקע וועלדער 8), ווי עס איז שוין געווען, ווי געזאָגט, אַ ברייטע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג.

די געטאָ־זעלבשוץ פון פעברואַר און די ערשטע שלאַכטן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער פאַלן זיך צונויף מיט דעם האַסטיקן פאַרויסמאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. אין די טעג פון 5־טן ביזן 12־טן פעברואַר 1943 ליידן די דייטשן אויפן מזרח־פראָנט שטאַרקע מפּלות, די סאָוויעטישע אַרמייען נעמען אָפּ די שטעט כאַרקאָוו, ראָסטאָוו, נאָוואָראָסיסק, קורסק, קראַסנאָדאַר, וואָראָשילאָווגראַד. פאַר די שטימונגען אין געטאָ־אונטערערד און אין וואַלד האָבן די דאָזיקע ידיעות געהאַט אַ געוואַלטיקן באַטייט.

אָבער דער פאַרנעם פון דער ערשטער באַוואָפנטער זעלבשוץ אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז געווען נישט קיין גרויסער. איין סיבה דערפון איז שוין אויפגעקלערט געוואָרן: דער פאַקט, וואָס דער קיילנוואַרפער איז נישט אָנגעקומען צו דער צייט. די צווייטע סיבה וועט אַרומגערעדט ווערן שפּעטער (דער צוטרוי פון „צווייטן בלאָק" צו די יודענראַטישע אילוזיעס און ממילא זיין באַציונג צום באַלדיקן אַרויסטריט). אָבער דאָס הייסט נישט, אַז עס זיינען גערעכט די, וועלכע שאַצן אָנטער די פעברואַר־געשעענישן און האַלטן, אַז עס איז כמעט ווי נישט געווען קיין קאַמף. בכלל איז באַוווּסט דער העלדישער אַקט פון יצחק מלמד. אַנדערע קאַמף־אַרויסטריטן ווערן אָפּט פאַרשוויגן, בעת אין דער אמתן איז די צאָל ווידערשטאַנד־אַקטן געווען אַ גרעסערע. אפילו מרדכי טענענבוים, וועלכער באַמיט זיך צו פאַרקלענערן די חשיבות פון דעם פעברואַר־ווידערשטאַנד צוליב סיבות, וועגן וועלכע עס וועט נאָך זיין אַ רייד, אפילו ער פאַרצייכנט ביי זיך אין דער

---

7) דאַטנער, „חורבן ביאַליסטאָק", ז"ז 24—32.

8) ג"ע פון ע. בוימאַץ און פ. קאָזשעץ.

גאָטיץ, אין וועלכער ער מאכט א סך הכל פון די געשעענישן: „די קאָמוניסטן זיינען נישט מסכים געווען צו אן אקציע־שותפות מיט אונז. זיי האָבן אפילו נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער אין באצוג צו אן ארבעט־קאָאָרדינאציע. זיי זיינען אוועק אין בונקערס. אין איין אָרט האָבן זייערע מענטשן געוואָרפן — פון א באהעלטעניש — א גראנאט. נישט עקספּלאָדירט... עס ווייזט אויס, אז זיי האָבן געשאָסן אין א יידישן פּאָליציאַנט" 9).
טענענבוים קלערט נישט אויף, פארוואָס די קאָמוניסטן זיינען נישט מסכים געווען צו אן אקציע־שותפות מיטן „צווייטן בלאָק". ווי עס דרינגט ארויס פון אנדערע נאָטיצן זיינע, איז די איינשטעלונג פון „דרור" געווען זיך צו באהאלטן אין די פאבריקן, אויף וועלכע דער גירוש איז נישט חל געווען 10). דאָס האָט באטייט — זיך אויסצובאהאלטן און רעזיגנירן פון קאַמף. דער פאריניקטער אנטיפאשיסטישער בלאָק האָט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון אנטלויפן אין די פאבריקן און ארויסגערוקט דעם לאָזונג פון אקטיווער זעלבשוץ און פון באפעסטיקן זיך אין בונקערס. אזוי ארום האָט נישט געקאָנט זיין קיין געמיינזאמע שפראך צווישן די צוויי זיך אויסשליסנדיקע שטעלונגען, צווישן די אנטיפאשיסטן און דעם „צווייטן בלאָק". אָבער נישט דאָס זיינען מיר אויסן אין איצטיקן פאל. צו דעם ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. דאָ איז כדאי צו באטאָנען, אז אפילו טענענבוים רעכנט אויס צוויי אקטן פון באוואָפנטן ווידערשטאנד מצד די קאָמוניסטן. דרך אגב, האָט דער גראנאט יאָ אויפגעריסן, נאָר וועגן דעם שפּעטער.

טענענבוים פארנאָטירט ביי זיך אויך פאלן פון אקטיוון ווידערשטאנד מצד דער יידישער מאסע. שוין דעם 5־טן פעברואר פארשרייבט ער: „אויף קופּיעצקע 10 האָבן די איינוווינער אויפגעשטעלט א באריקאדע". ער באמערקט אויך וועגן אויפגעריסענע בונקערס, וואָס זאָגט עדות, אז די באהאלטענע יידן האָבן געשטעלט א ווידערשטאנד 11).

אויך אינם בריוו, וואָס זרח זילבערבערג האָט פון ביאַליסטאָק ארויסגעשיקט קיין ווילנע, צו די חברים פון דער פאריניקטער פארטיזאנישער אָרגאניזאציע און וועלכער איז אָנגעקומען אהין דעם 11־טן מערץ 1943, רעדט זיך וועגן א באוואָפנטן ווידערשטאנד און וועגן געפאלענע קעמפער 12).

---

9) טענענבוים, „האקציה ביביאליסטאָק", ארכ' ויה"א, נ' 49/46.
10) דאָרטן.
11) דאָרטן.
12) קאָרטשאַק, ז' קנט.

אַ באַריכט וועגן דער ביאַליסטאָקער פעברואַר־זעלבשוץ האָט אין אַן עַנלעכן גייסט און מיט אינפאָרמאַציעס וועגן באַוואָפנטע קאַמפן איבער־געגעבן די פוילישע אונטערערדישע באַוועגונג קיין אויסלאַנד. דער אינער־לעכער ביולעטין „אינפאָרמאַציאַ ביעזשאָנצאַ" פון א. ק., נומער 8 (81) פון 30־טן פעברואַר 1943, גיט איבער, אַז אין דער צייט פון דער ערשטער ליקווידאַציע אין ביאַליסטאָק איז געקומען צו קאַמפן: ביידע צדדים האָבן באַנוצט הייס געווער און מאַשין־געווער; די דייטשן האָבן געליטן גרויסע פאַרלוסטן 13). אַזוי אַרום זיינען פאַראַן אַ ריי דאָקומענטאַרישע באַווייזן חוץ גבית עדות וועגן דעם, אַז אין פעברואַר 1943 בעת דער ערשטער ליק־ווידיר־אַקציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז יאָ געקומען צו קאַמף־אַרויס־טריטן מצד די יידישע אַנטיפאַשיסטן. די פעברואַר־קאַמפן זיינען אין געטאָ אָנגערופן געוואָרן — די ערשטע זעלבשוץ 14). אונטער דעם דאָזיקן נאָמען גייען אָט די ביאַליסטאָקער קאַמף־אַרויסטריטן אַריין אין דער געשיכטע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון דער אָקופּאַציע־צייט.

---

13) אַרכ׳ פון אינסטיטוט פאַר נייסטער געשיכטע, וואַרשע.
14) ג״ע פון י. ריווקינד, ל. טשאַפּניק און א. רודי.

קאפיטל צוויי

די הינטערקוליסן-שפיל אַרום דעם גורל פון ביאַליסטאָקער געטאָ

די גרעסטע געפאר, וואָס האָט זיך אָנהייב נאָוועמבער 1942 אָפּגע־שטעלט ביי די טויערן פון ביאַליסטאָקער געטאָ, איז אין אַ חודש אַרום ווידער געוואָרן ברענענדיק און באַנייס באַדראָט די דאָרטיקע יידן.

נאָר איידער מיר גייען צו צו שילדערן די וויטערדיקע געשעענישן, לאָמיר זיך דערמאָנען, פאַרוואָס האָט תחילת נאָוועמבער 1942 די געפאַר אויסגעמיטן ביאַליסטאָק:

דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן סעפּטעמבער 1942 איז פאָרגעקומען ביי היטלערן אַ קאָנפערענץ וועגן דער וויטערדיקער פּאָליטיק לגבי די יידן; די ווירטשאַפט־מומחים פון „דריטן רייך" שפּעער און זאַוקעל האָבן פאַר־לאַנגט, אַז ביים „לייזן" די פּראַגע זאָל מען געדענקען וועגן דער אַרבעט־קראַפט־נויט אין דער דייטשער אינדוסטריע און איבערלאָזן דערווייל די פּראָצע־פעיקע יידישע מענער און פרויען, ווייל מען וועט צו יעדער צייט זיי קאָנען פאַרטיליקן. דער „פירער" האָט זיך טיילווייז געבויגט צו זייער שטאַנדפונקט, ווייל די דייטשע אַרמיי איז געשטאַנען ערב אַ נייער אָפענ־סיווע און די פּראַגע פון אַרבעט־קראַפט פאַר דער מלחמה־נויטיקער אינ־דוסטריע איז געווען אַ ברענענדיקע; ער האָט דעריבער געפּסקנט: יידישע אַרבעטער־פאַכמענער זאָלן צייטווייליק בלייבן. נאַטירלך איז אויך בנוגע די יידן, וואָס פאַרבלייבן לעת עתה לעבן, אָנגעווענדט געוואָרן די טאַקטיק פון פאַרטיליקן דורך עבודת פרך [1].

---

[1] א. אייזענבאַך, „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד 2, העפטן 1—4.

אין הסכם דערמיט האָט היינריך הימלער, דער רייכספירער פון פּאָליציי און ס.ס., פּאַנאַנדערגעשיקט צו זיינע עקספּאָזיטורן אין די אָקופּירטע געביטן דעם 29־טן אָקטאָבער 1942 אַן אינסטרוקציע וועגן דער דערלאַזבאַרקייט פון עקספּלאָאַטירן יידישע קראַפט־אַרבעטער אין דער גענעראַל־גובערניע. די דאָזיקע אינסטרוקציע איז מסתמא געווען אומדירעקט חל אויך לגבי די יידן פון ביאַליסטאָק 2).

דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס בעת די פּראָווינץ איז אין איר רוב מנין ובנין אין חודש נאָוועמבער ליקווידירט געוואָרן, האָט מען דאָך ביאַליסטאָק געלאָזט צו רו. ביאַליסטאָק איז געווען א צענטער פון טויזנטער יידישע פּאַבליט.

אָבער דעם 14־טן דעצעמבער 1942 רוקט ארויס איינער פון הימלערס פאַרטרעטער מיללער א פּלאַן ארויסצושיקן קיין אָשוויענטשים עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, כדי צו פאַרגרעסערן די ארבעטס־קראַפט פון די דאָרטיקע באַוואָפענונג־פאַבריקן. לויטן פּלאַן דאַרף מען אהין ארויסשיקן אין דער צייט פון 11־טן ביזן 31־טן יאַנואַר 1943 45 טויזנט יידן. אין דער צאָל דאַרפן דאָס גרעסטע אָרט פאַרנעמען די ביאַליסטאָקער יידן, דהיינו — 30 טויזנט. פאַקטיש איז דאָס געווען נישט קיין גירוש אויף ארבעט, נאָר אויף טויט, וואָרעם אין זיין באַפעל פון 17־טן דעצעמבער 1942 שטרייכט אונטער מיללער, אז די 30 טויזנט דאַרפן ווערן אזוי אדורכגעזיפּט, אז בלויז 8—10 טויזנט פון זיי זאָלן פאַרבלייבן ביי ארבעט 3).

געווירקט אויפן באַשלוס צוצוטרעטן צו דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ האָט נישט בלויז דער פּלאַן צו פאַרגרעסערן די שקלאַפישע ארבעט־קראַפט אין אָשוויענטשים, נאָר אויך די מורא פאַר דער אויסשפּרייטונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דער באַוואָפנטער ארויסטריט פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע דעם 17־טן יאַנואַר 1943 רופט ארויס אין דעם רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט א מורא פאַר דער אויסברייטערונג פון דער ווידערשטאַנד־כוואַליע. און הימלער טרעט צו צו ליקווידירן א ריי יידישע ישובים, וועלכע קאָנען ווערן אָנגעשטעקט דורך די מרידה־שטימונגען. דעם 20־טן יאַנואַר ווענדט זיך הימלער צום רייכס־מיניסטער פאַר קאָמוניקאַציע גאַנצמיללער מיט א ביטע צוצושטעלן וואַגאָנען ארויסצופירן לכל הפחות 30 טויזנט ביאַליס־

2) דאָרטן.

3) א. אייזענבאַך, „בלעטער פאַר געשיכטע", באַנד 3, העפטן 3—4.

טאָקער יידן אויף מזרח. און אָט ווי הימלער מאָטיווירט אין דעם בריוו די נויטווענדיקייט צו ליקווידירן דעם רוב פון די ביאַליסטאָקער יידן:

„אַ גרונד־באַדינג פאַר דער עס־עס פון ביאַליסטאָק און פון די רוסישע געביטן איז דאָס ארויספירן אַלע די, וואָס העלפן די באַנדעס, און אַלע פאַרדעכטיקטע אין סימפּאַטיזירן מיט די באַנדעס. דאָ דאַרף מען אין דער ערשטער ריי ארויספירן די יידן. מיר איז נויטיק צו דעם ציל אייער הילף. אויב איך דאַרף די ענינים שנעל דערליידיקן, מוז איך באַקומען מער טראַנספּאָרט־מיטלען. איך ווייס ווי אָנגעשטרענגט עס איז די לאַגע אין באַן־וועזן און וואָס פאַר א מין פאָדערונג עס ווערט ארויסגערוקט לגבי אייך. טראָץ דעם ווענד איך זיך צו אייך, איר זאָלט מיר העלפן און ביטע מיר צושטעלן מער צוגן — הימלער” 4).

אויפן אָרט פון די יידן האָט מען אין ביאַליסטאָק געוואָלט באַזעצן ווייסרוסישע פויערים, כדי אָפּצושוואַכן דערמיט אין די אַרומיקע ווייסרוסישע דערפער, קודם־כל אין דער ביאַלאָוויעזשער פּושטשע, די באַזע פאַר דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. דאָס דרינגט ארויס פון דעם בריוו, וועלכן עס האָט געשריבן דער רייכס־באַוואָפענונג־מיניסטער שפּעער צו הימלערן דעם 1־טן פעברואַר 1943, ווו עס זאָגט זיך צווישן אַנדערן אָט וואָס:

„...איך בין געוואָרן אינפאָרמירט, אַז אין דער ביאַליסטאָקער געגנט ווערט צוגעגרייט א גרעסערע איבערזידלונג־אַקציע. אַרום 40 טויזנט יידן דאַרפן ווערן עוואַקוירט פון ביאַליסטאָקער געטאָ, כדי צוצונעמען ביי די פּאַרטיזאַנער, וועלכע אָפּערירן אין ביאַלאָוויעזשער פּושטשע, די לעצטע אָנשפּאַר־פּונקטן, דאַרפן ווערן ארויסגעזעצט די דאָרט לעבנדיקע ווייסרוסן און באַזעצט אין ביאַליסטאָק, אין די קוואַרטאַלן, וועלכע וועלן ארויסגעליידיקט ווערן פון יידן” 5).

אין הסכם מיט דעם באַפעלט דער גאַולייטער און דער שעף פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג עריך קאָך צו באַזייטיקן די יידישע אַרבעטער און פאַרטרעטן זיי דורך „רוטענישע” (ווייסרוסישע) 6).

אַזוי אַרום האָט אין יאַנואַר 1943 די געפאַר ליקווידירט צו ווערן ארויסגעטויכט פאַרן ביאַליסטאָקער געטאָ מיט דער פולער בולטקייט. קאָך האָט בפירוש באַפוילן צו ליקווידירן די געטאָ־פאַבריקן, און דאָס האָט באַטייט — דער אָנהייב פון סוף.

---

4) ארכ׳ ייה״א, דאָק׳ נ׳ 330.
5) ארכ׳ ייה״א, דאָק׳ נ׳ 341.
6) ”צווישנדייטשע קאָרעספּאָנדענץ”, ארכ׳ ייה״א, נ׳ 79/46.

אָבער ווי עס דרינגט ארויס פונם בריוו פון 21־טן יאַנואַר 1943, געשריבן דורך דעם ביאַליסטאָקער שטאָט־קאָמיסאַר, וועלכער איז גע־וואָרן באַאויפטראַגט דורכצופירן דעם עוויק, צו ערייק קאָבן — זייגען ארויסגעשווומען שוועריקייטן. דער שטאָט־קאָמיסאַר טיילט מיט דעם שעף פון דער ציוויל־פאַרוואַלטונג, אַז דער קאָמאַנדער פון דער זיכערקייט־פּאָ־ליציי אַלטענלאָה איז אין דער מיינונג, דאָס א געוואַלטזאַמע און פּלוצים־דיקער „לייזונג פון דער יידישער אַרבעט־קראַפט" קאָן ברענגען שאָדן דעם ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס 7). קעגן אַזאַ־ליקער רעזיגנירן פון יידישער אַרבעט־קראַפט זאָגן זיך אויך ארויס דער פאַרשטייער פון דער באַוואָ־פענונג־אינספּעקציע ראַטמייסטער פרעזע און אפילו קאָכס פאַרטרעטער ד"ר בריקס 8).

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז אויב דעם פאָרשטייער פון דער באַוואָפע־נונג־אינספעקציע האָט באַוויזן צו פאַרנעמען אזא שטעלונג א ווירטשאַפט־לעכער מאָטיוו, האָט ביי דעם קאָמאַנדער פון זיכערקייט־פּאָליציי געוויס דעצידירט קודם־כל די מורא, טאָמער די יידן וועלן שטעלן א ווידער־שטאַנד, ווי א נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע אין וואַרשעווער געטאָ.

אַלטענלאָה זאָל זיך אפילו האָבן געווענדט צו ד"ר קאַנאַריס אין קעניגסבערג, און די זאַך זאָל האָבן אָנגעשפאַרט קיין בערלין 9).

וועגן די דאָזיקע חלוקי דעות איז בּאַראַש געווען אינפאָרמירט 10). ער האָט געלאָזט אין גאַנג דעם — לויט זיין מיינונג — ווירקזאַמסטן מיטל: כאַבאַר. דער ראַש פונם יודענראַט האָט אָבער נישט געהאַלטן פאַר נייטיק מודיע צו זיין — כאָטש דורך א רמז, דורך אַן אָנצוהערעניש — די יידי־שע מאַסע וועגן די סכנות, וואָס לויערן, און אָנצורעגן דעם געדאַנק פון אַליינרעטונג.

אויב געוויסע קרייזן אין געטאָ האָבן זיך עפּעס דערוווּסט וועגן דעם, אַז עס ציט זיך אַן אומגליק, איז דאָס בשום אופן נישט געווען באַראַשעס

7) דאָרטן.
8) פרידעל — ענטפער אויף דאַטנערס אַנקעטע.
9) דאָרטן.
10) די „צוויישנדיטשע קאָרעספּאָנדענץ" איז געפונען געוואָרן אין די אויסגעגראָבענע מאַטעריאַלן פון ביאַליסטאָקער יודענראַט. ביי דעם איז פאַראַן דער פאָלגנדיקער צושריפט: „צושריפט פון קאָנסערוואַטאָר פון די דאָקומענטן: אויסצוגן פון בריוו און פּראָטאָקאָלן פון געסטאַפּאָ אין ביאַליסטאָק וועגן געטאָ („צוויישנדיטשע קאָרעספּאָנדענץ")".

פארדינסט. דורך פשוטע, איבערגעגעבענע מענטשן איז מען דערגאנגען וועגן דער געפאר, בעת דער יודענראט האט עקשנותדיק געשוויגן.

איגענע מענטשן פון דער אונטערערדישער ווידערשטאנד־באוועגונג, וועלכע זיינען באשעפטיקט געווען אין די געסטאפא־לאקאלן ווי קעכינס, רוימעריגס וכדומה, האבן איבערגעגעבן די חברים אין געטא, אז עס גרייט זיך עפעס שרעקלעכעס 11).

דאס יידישע מיידל זנאמיראווסקא פון ווארשע, וועלכע האט געארבעט אין געסטאפא ווי א טעכנישע סעקרעטארין און אויסגענוצט אט דעם פאסטן אירן אויף צו העלפן מיט אינפארמאציעס די ברידער אין געטא, האט געווארנט די יידן וועגן דעם אנקומענדיקן אומגליק 12).

א געוויסער קעניגסבערגער דייטש האט געהאט אויף ליפאווע 84 אן אונטערנעמונג פון וואסער־ליי'טונג־ און קאנאליזאציע־אינסטלאציעס; ער האט באשעפטיקט ביי זיך 55 יידן. דער דאזיקער דייטשער אונטערנעמער, אליין א מיטגליד פון נ.ס.ד.א.פ., האט זיך ארויסגעוויזן פאר א זעלטענעם אויסנאם. ער האט געווארנט זיינע יידישע מיטארבעטער, אז עס גרייט זיך א ליקווידיר־אקציע פון ברייטן פארנעם. זיין פארטרוילעכע אינפארמאציע איז אריינגעדרונגען אין געטא, אבער זי איז אויך דערגאנגען צום יידישן געסטאפא־שפיאן יודקאווסקי, וועלכער האט עס תיכף איבערגעגעבן „ווו מען דארף".ביים דייטש איז פארגעקומען א רעוויזיע, דורכגעפירט דורך געסטאפא מיט דיבוס בראש. פיר יידן און איין פאליאק, א שאפער, זיינען ארעסטירט געווארן. נישט געקוקט דערויף, וואס מען האט זיי אנגעטאן גענברענטע צרות, האבן די ארעסטירטע נישט פאראטן זייער בעל־טובה. נאך שווערע עינויים זיינען זיי אומגעבראכט געווארן. אט זיינען זייערע נעמען: מענדל ראזענבלום, א בלעכער, חיים בעצונער, א בלעכער, סוכאוואלסקי, א שלאסער, און אסטראווסקי. דער נאמען פונם פוילישן שאפער איז געבליבן אומבאקאנט. אויף דעם דייטשן באלעבאס האט נישט אויסגעמיטן די שטראף. היות עס איז אים נישט הערוויזן געווארן בפירוש קיין „פארברעך", איז די געסטאפא יוצא געווען דערמיט, וואס ער האט געמוזט מיט דער פאמיליע אין משך פון 24 שעה פארלאזן ביאליסטאק; חוץ דעם האט ער געהאט א פארטיי־געריכט פאר מיטפילן די יידן און איז ארויסגעווארפן געווארן פון נ.ס.ד.א.פ. 13).

---

11) ג"ע פון מ. בוך.
12) ג"ע פון ל. טשאפניק און א. רוד.
13) ג"ע פון העלענע ניימארק, ארכ' ייה"א, פראט' נ' 1830.

אזוי ארום האָט מען פון פאַרשידענע קוואַלן געוווּסט אין געטאָ, אַז די געפאַר איז גרויס.

בינו לבינו איז אויפגעקלערט געוואָרן די לאַגע אין די „הויכע פענצטער". עס איז געפאַלן דער באַשלוס וועגן אַ ליקווידיר־אַקציע, וועגן די יודענראַט־לייט האָבן געבעטן ביי די „געשמירטע" דייטשן אָן אויפקלערונג, האָבן די „גוטע דייטשן" געענטפערט, אַז קעגן דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם קאָן מען נישט גיין און אַז אָן אַ „טייל־ווייזער רייניקונג" וועט מען זיך שוין נישט באַגיין 14). געהייסן האָט עס, אַז די ליקווידאַציע איז חל נאָר אויף די, וואָס אַרבעטן נישט אין די פאַבריקן. אָבער דאָס איז געווען אַ ליגן, ווייל שוין אויפן צווייטן טאָג פון דער אַקציע האָט מען גענומען שלעפּן אויך פון די געטאָ־פאַבריקן 15).

אינם רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט האָט מען שוין נישט געהאַט קיין פולן צוטרוי צו די פירער פון דער פּאָליציי און עס־עס פון ביאַליסטאָק. היות דער אָרטיקער קאָמאַנדער אַלטענלאָה אַליין איז געווען קעגן דער ליקווידאַציע און האָט זיך אַפילו אָפּגערופן צו קאָנאַריסן קיין קעניגסבערג, האָט מען פון הימלערס שטאַב אַראָפּגעשיקט קיין ביאַליסטאָק אַ ספּעציעלן מענטש דורכצופירן די אַקציע.

דער דאָזיקער שליח איז געווען דער שטורמבאַנפירער גינטער, אַ מיטאַרבעטער פונם הויפּט־אַמט, אַ פאַרשוין, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין מאַסן־מאָרד. מיר ווייסן נישט, ווען גינטער האָט אָנגעהויבן זיין פעלקער־מערדערישע קאַריערע. דאַקעגן־זשע איז באַקאַנט, אַז אין יאָר 1944 האָט ער באַקומען די אויפגאַבע אויסצוראָטן מיט גיפטיקע קוואַסן מיליאָנען מענטשן. דאָס האָט געדאַרפט זיין „דער לעצטער קלאַפּ מיט דער טיר" פון דער היטלעריסטישער כנופיא אין אָנגעזיכט פון זייער פולשטענדיקער מפּלה 16).

אָט דעם „זיכערן מענטש" האָט הימלערס הויפּט־שטאַב אָנפאַרטרויט די ערשטע ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

תחילת פעברואַר 1943 איז גינטער געקומען קיין ביאַליסטאָק. ער האָט זיך געמאָלדן צו ד"ר אַלטענלאָה און געוויזן אים אַ באַפעל פון ד"ר קאַלטענברונער, הימלערס פאַרטרעטער; אינם באַפעל איז געווען אַ רייד וועגן דעם, אַז אין ביאַליסטאָקער געטאָ שטעקן באַנדעס פון סאַבאָטאַ־

---

14) קאַפּלאַן — „חורבן ביאַליסטאָק".
15) גראָסמאַן, ז' 234.
16) סטאַניסלאַוו פּיאָטראָווסקי: „די מיסיע פון „אָדיל גלאָבאָצניק" (פּויליש), ז' 12.

זשיסטן און פאבריקן פון געלט־פעלשער. גינטער האט געווארנט, אז די אקציע זאל זיין שטרענג געהיים. ער האט מיטגעבראכט מיט זיך ביי א צווי הונדערט שופא־לייט און סיפא־באאמטע, וועלכע זיינען געווען געניט אין הלכות גירוש און מארד 17).

איצט הייבט זיך אן די צווייטע פאזע פון אומהיימלעכן היינטערקר־ליסן־האנדל, דאס מאל צווישן דער דייטשער מאכט און דעם יודענראט, צווישן היימבאכן און בעראשן.

די דייטשן האבן געפאדערט פון בעראשן, ער זאל מקריב זיין 17.000 יידן פון די 42 טויזנט, וואס געפינען זיך אפיציעל אין ביאליסטאקער געטא. דער שונא איז באשטאנען דערנאך אויף פארקלענערן די צאל ביז 6300. עס איז אויסגעארבעט געווארן א פלאן: עס וועלן ארויסגעפירט ווערן דריי טראנספארטן צו 2.100 יעדער, גענומען וועלן ווערן מענטשן וועדליק רשימות, וואס דער יודענראט שטעלט צו. דער גירוש צום טויט וועט אנרירן דעם „נישט־ארבעטנדיקן" און „זאציאלן" עלעמענט 18).

בעראש האט ווידער געקענט איבער־חזרן זיך „טוב מאוד". מיט די אייגענע הענט האט דער יודענראט מקריב געווען 6300 נפשות, כדי צו „ראטעווען" — לעת עתה — פון טויט די אנדערע.

דעם צווייטן פעברואר איז שוין דער פאראטעדישער מסחר געווען ציגעקלאפט. אין געטא האט זיך באוויזן א גאסט: דער מערדער דיבוס פון געסטאפא. אין דער באגלייטונג פונם פאליציי־קאמענדאנט מארקוס האט ער געניי באטראכט דעם געטא־פארקאן. עס זיינען פארשטאפט און פארקלאפט געווארן אלע לעכער און אלע שמוגל־ערטער. דאס געטא איז הערמעטיש פארמאכט געווארן 19).

אין די שמאלע יידישע געסלעך איז אויסגעבראכן א בהלה. אין געטא איז געווארן ח ו ש ך ו א פ י ל ה 20).

און די באלעבאטים פון קופיעצקע 30 האבן פינקטלעך אויסגעפירט דעם שוידערלעכן אפמאך.

די רשימות פון די צום גירוש פארמשפטע יידן מיט דער חתימה פון די יודענראט־פירער זיינען שוין געלעגן אין געסטאפא.

אין מוסטערהאפטן סדר האבן די יודענראטניקעס דערלאנגט די ליסטעס. איטלעכער פאראורטיילטער איז געווען אויף זיין ארט. די רשימות

---

17) פרידעל, ענטפער אויף דאטנערס אנקעטע.
18) טענענבוים, נאטיץ פון 4-טן פעברואר 1943.
19) דארטן.
20) קאפלאן, דארטן.

זיינען אויסגעשטעלט געווען לויט די גאסן, אזוי, אז דער גירוש זאָל קלאַפּן אָן שום מכשולים 21). אָבער אויך דאָ איז געקומען בולט צום אויסדרוק דער בפירושער קלאַסן־צוגאַנג פון דעם יודענראַט מיט באַראַשן בראש. די ליסטעס צום גירוש און טויט זיינען צוגעגרייט געוואָרן לגמרי נישט צופעליק — ווי עס זיינען זיך משער א סך לעבן־געבליבענע עדות — נאָר לויט א באַשימטער איינשטעלונג. אויף די רשימות זיינען ארויפגעשטעלט געוואָרן: די יידישע אָרעמקייט און די דלותדיקע פליטים פון דער פּראָווינץ. על פי צופאַל האָבן זיך אַריינגעכאַפּט עטלעכע נעמען פון רייכע משפחות, איז אָבער דער „טעות" תיכף אויפגעקלערט געוואָרן, און מ'האָט זיי פאַרמאַישט אויף די אַרבעטער פון דעפּאָ און פון די קאַזאַרמעס פון 14־טן ד.אָ.ק. 22).

21) יעקב פאַבריצקי: „כראָנאָלאָגיע פון ביאַליסטאָקער געטאָ" ארכ' ייה"א, נ' 2594.

22) ג"ע פון ק. באַראַקין.

די פעברואַר-ליקווידאַציע און דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד

די אויסרעכענונג פונם שונא, אַז יידן וועלן זיך שטעלן צום גירדש מיטן גוטן ווילן, האָט תיכף ביים אָנהייב געפּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז. פרייוויליק האָבן זיך געמאָלדן עטלעכע זקנים, וועלכע זיינען איינע אליין געבליבן שטיין אויפן פּלאַץ 1). די מאַסע האָט מען געמוזט נעמען מיט כוח. עס האָט אויך נישט געהאָלפן דער שווינדל, וועלכן מ'האָט אָנגעווענדט דעם לעצטן טאָג, דאָנערשטיק, דעם 4־טן פעברואַר, סאַמע ערב דער אַקציע. עס איז, נעמלעך, אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע מיט אַ גענעראַל. וואָס האָט שטאַרק געלויבט די אַרבעט אין די פאַבריקן 2). ס'האָט געזאָלט הייסן: די אַרבעטנדיקע נוץ־יידן וועט מען נישט טשעפּען. עס האָט אָבער נישט געהאַט קיין פּעולה, וואָרעם אויף צומאָרגנס האָבן זיך אין באַהעלטענישן פאַרשטעקט אַלע, הגם ביי נישט איינעם איז ווידער אויפגעקומען די פאַלשע אילוזיע: „נישט מיך מיינט מען" 3).

פרייטיק, דעם 5־טן פעברואַר 1943 פאַרטאָג האָט זיך די ליקווידיר־אַקציע אָנגעהויבן. דאָס געטאָ איז אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט דייטשע שמירות, אין גאַס האָט זיך באַוויזן בראַש דער געטאָ־פּאָליציי, וועלכע האָט געהאַלטן די רשימות, און אין באַגלייטונג פון געס־

---

1) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.
2) קאַפּלאַן, „חורבן ביאַליסטאָק".
3) ג"ע פון י. לערמאַן.

טאפּאָ־פאַרשטייער מיט פרידעל בראש, געגומען ארויסרופן די פאַרמשפּטע יידן 4).

די „פרידלעכע" אקציע האָט תיכף אָנגענומען א בלוטיקן כאַראַקטער. די כאַפּונעס האָבן זיך קודם־כל גענומען צו די פאַבריקן, נישטערנדיק דאָרטן מענטשן אָן ארבעט־צייגענישן. אויפן ערשטן פייער איז געגאַנגען די נייַ־פאַבריק, ווו עס איז דירעקטאָר געווען וואַקסמאַן. די געכאַפּטע „טריפה" יידן האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט 5). דערנאָך איז געקומען די ריי אויף דער קאָנפעקציע־פאַבריק.

אין משך פון די ערשטע צוויי טעג האָט מען געפאַנגען 1500 יידן 6). „די צונויפגעקליבענע קרבנות — גיט איבער פּסח קאַפּלאַן, — האָט מען אָפּגעפירט דורך יוראָווצער גאַס צום זאַמל־פּונקט אויסער דעם געטאָ און אויפן טויער האָט מען מיט קרייד אָנגעשריבן די צאָל געבראַכטע. דער־ביי האָט מען די הרוגים נישט גערעכנט אין מספּר. דאָס האָט דאָס יידישע פאָלק געגעבן דעם תּלין א צולייג" 7).

די כאַפּערייען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן מיט א „סדר און טאַלק". אין משך פון די זעקס גרויליקע טעג, פון דעם פינפטן ביזן צוועלפטן פעברואַר (זונטיק, דעם 7־טן, האָבן די פאַרטייליקער זיך געמאַכט אָן אָפּ־רו) האָט זיך די אקציע אָנגעהויבן 8 איינדערפרי און האָט געדויערט ביז 4—5 מיטאָג־צייט. דעמלט האָבן זיך די רוצחים צונויפגענומען אין לאָקאַל פון יודענראַט אויף קופּיעצקע און געפּראַוועט הוליאַנקעס ביזן אָוונט 8).

נאָך דעם ערשטן טאָג פון אומגליק איז די ארבעט פון די מענטשן ראַקערס געוואָרן נאָך מער באַשווערט. צוהערנדיק זיך צום רוף פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, האָט זיך קינד און קייט פאַרשטעקט אין לעכער, ס'רוב אונטער דער ערד. אונטערערדישע בונקערס האָבן זיך א סך ביאַ־ליסטאָקער יידן געגרייט שוין פון פריער. זינט א געוויסער צייט איז ארומגעגאַנגען א קלאַנג, אַז פון וואַרשע איז אָנגעקומען א בריוועלע, אין וועלכן עס שטייט געשריבן, אַז דער בעסטער פריינט איז פאַן קעלעראָווסקי

---

4) יעקב פאַבריצקי: „די ערשטע אַקציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ", ארב., ייה"א, נ' 396/2 און „די ליקווידיר־אַקציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ", ארב' ייה"א, נ' 73.

5) דאָרטן.

6) דאָרטן.

7) קאַפּלאַן, דאָרטן.

8) פאַבריצקי, דאָרטן.

און פאַן בוידימאַווסקי און דער ערגסטער — פאַן שיינאַווסקי 9). דער טייטש פון אָט דעם סגי־נהור־לשון איז געווען אַ פשוטער: פאַרלאָזט זיך נישט אויף שיינען און צייגער־נישן, באַהאַלט זיך אין קעלערס און בוידעמס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלטיקער אימפּעט צו בויען בונקערס און דאָ זיך באַהאַלטן. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אפילו אַזעלכע אונטערערדישע מליונות, וואָס זיינען באַזאָרגט געווען מיט עלעקטרע און גרויסע שפּייז־זאַפּאַסן. די קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַקטיוו געהאָלפן אין דער בונקער־אַקציע. עס זיינען אַנטשטאַנען בריגאַדעס פון מויערער, מוליער און טעסלער צו דעם דאָזיקן צוועק. מיט אַ באַזונדערער פלייסיקייט און הילף־גרייטקייט האָבן זיך אויסגעצייכנט די ברידער יודל און שעפּסל באַראַוויק, דער ערשטער אַ טעסלער, דער צווייטער אַ מוליער, דער אינטעליגענט יעקב ריווקינד, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט דעם מוליער־פאַך ערשט אין געטאָ, דער מוליער משה סיבירסקי 10), דער איינוווינער פון קופּיעצקע 34 יונה ווינאָגראַד. דער מאַסן־דראַנג זיך צו פאַרשטעקן אין געהיימע באַהעלטענישן איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד בעת דער ליקווידיר־אַקציע 11).

דער מצב אין די בונקערס און מליונות איז געווען זייער אַ שווערער. אין אַן אָרט, וואָס איז געווען פאַרויסגעזען קוים פאַר צען, האָבן זיך אַריינגעקוועטשט פופציק. עס האָבן געטראָפן טראַגישע פאַלן פון דערשטיקן אייגענע עופהלעך, זיי זאָלן מיט זייער געוויין נישט אויסגעבן דעם מקום־מקלט 12).

מען האָט זיך באַהאַלטן נישט בלויז אין קעלערס, אין סכראָנעס. געווען פאַלן, ווען מ'האָט זיך אַריינגעשאַרט אין קוימענס און דאָ געוואָלט איבערוואַרטן די צייט פון סאַפּעררייען. „אַכט טעג, — דערציילט אַן עדות־ראיה, — בין איך געזעסן אין אַ קוימען אויף סמאָלנע 18. יעדן טאָג ביז איך פיר נאָכמיטאָג אַרויס פון קוימען און גענומען עסן און פינף פאַר־טאָג ווידער אַריין אין קוימען 13).

---

9) קאַפּלאַן, דאָרטן.
10) ג"ע פון י. ריווקינד.
11) משה קוליראָווסקי: „מיינע איבערלעבונגען בעת דער ערשטער אַקציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ", אַרכ' ייה"א, נ' 2589.
12) ראָזע פאַקטאָר: „דער לעבן אין בונקער", אַרכ' ייה"א, 3143.
13) ג"ע פון חיים זאַכאַרעוויטש.

די אַגיטאַציע פון די אַנטיפאַשיסטן האָט געבראַכט פּירות. די ייִדן זיי־נען געווען דעצידירט נישט צושטעלן זיך מיטן גוטן ווילן צום גירוש. עס האָבן נישט געהאָלפן די ביטערע שטיק פון יידישע פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן אין די הויפן געזוכט די פאַרבאַהאַלטענע אַרויסצוגיין, שרייענדיק, אַז די געפאַר איז שוין אַדורך און עס איז שוין ווידער רויק. טייל אָרדע־נונגס־לייט האָבן אָפּגעשפּילט אַ מיאוסע מוסרים־ראָל, אַנווייזנדיק די דייַ־טשן דאָס באַהאַלט־אָרט פון יידן 14).

זעענדיק, אַז די ייִדישע פּאָליציי קאָן נישט העלפן, האָבן גיענטער און פרידעל געשיקט אַהיים בּאַראַשן, וועלכער האָט זיך פונדעסטוועגן מאָנטיק, דעם פערטן טאָג פון אומגליק, ווייטער געמאָלדן צו דער „אַרבעט”; זיי האָבן איבערגעגעבן די איניציאַטיוו אין די הענט פון די סאַמע זיכער־סטע מענטשן, די אייגענע עס־עס־לייט, געסטאַפּאָוצעס און שופּאָ. ווי אַרויסשפּירער האָבן געדינט ייִדישע מוסרים, אָט די נייע נגע צרעת פון געטאָ.

די דייטשן אַליין האָבן אָדער נישט געוווּסט, וווּ אַריין און וווּ אַרויס אין די מליצות־לאַבירינטן, אָדער זיי האָבן געציטערט פאַר דער אייגענער שקו־רע. זייענדיק זיי צוהילף־געקומען ייִדישע אַרויסוואַרפן. אַ טייל פון די דאָזיקע מנוּבלים האָבן זיך אַליין פרייוויליק געשטעלט, עלעהיי בערל זבאַר אָדער רויטע קבישינסקאַ, אַ בריגאַדירערין פון די ביאַליסטאָקער פאַרשלעפּטע פרויען אין וואָלקאָוויסק 15). אָדער די טאָכטער פון אונטערוועלטניק יאַנ־קעטשקע, אַ זונה פון קראָקעווער געסל 16). אַ טייל האָבן זיך געלאָזט פאַר־מאַכיעווען דורך די שיינע צוזאָגן פונעם שונא: „אויב דו וועסט ווייזן אַ בונקער, וועסטו בלייבן אין געטאָ”... באַוואָפנטע מיט דייטשע צייכנישן, אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבן „יודענפערטעטער”, „דיזער יודע־פערטעטער איזט באַפרייט פאָם טראַנספּאָרט”, זייַנען די מוסרים געגאַנגען פאָרויס און געוויזן דעם שונא דעם וועג צו די באַהאַלט־ערטער 17).

ווי גרויס איז געווען די גבורה פון די יענע פשוטע ייִדישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן — פאַרפייניקטע דורך די שרעקלעכסטע עינויים — נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט און נישט אַנגעוויזן אויף זייערע באַהאַל־

---

14) פרידעל: „די באַשרייבונג פון די קאַמפן און פון דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ”, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 14.

15) ג״ע פון פ. ליפּינסקאַ און י. לערמאַן.

16) קלמן באַראַקין: „די געשעענישן אין ביאַליסטאָקער געטאָ”, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 3766.

17) ג״ע פון פ. ליפּינסקאַ.

טענג ברידער! איינער פון אָט די העלדן, דער טעסלער יודל באַראַוויק, אַליין אַ בויער פון אונטערערדישע מלינות, איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און האָט איבערגעטראָגן אַלע עִנוּיים און איז ביגעשטאַנען אַלע נסיונות. ער איז אומגעקומען אונטער די הענט פון זיינע פּייניקער און האָט נישט אויסגעגעבן זיינע אומגליקלעכע ברידער, מקריב זייענדיק ליבערשט דאָס אייגענע לעבן 18).

אָבער אין אַ סך ערטער האָבן די באַהאַלטענע יידן, זייענדיק שוין אַנטפּלעקט דורך די כאַפּונעס, פונדעסטוועגן זיך געהאַלטן אַזוי פעטס און ווירדיק, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם בונקער און זיך איבערגעבן לעבעדיקערהייט דעם שונא. די דייטשן האָבן דעמלט געהאַט איין עצה: דינאַמיט און גראַנאַטן! מורא האָבנדיק אַיינצושטעלן די אייגענע הויט און אַריינדרינגען אין די פינצטערע לעכער, האָבן גיכטערס און היימבאַכס מענטשן אויפגעריסן די בונקערס אינאיינעם מיט די באַהאַלטענע פאַרעקשנטע יידן. די דאָזיקע אויפרייסן האָבן זיך אָנגעהויבן גלייך שבת, דעם צווייטן טאָג פון דער אַקציע. די אומגליקלעכע קרבנות, וואָס זיינען געלעגן אין די סכראָנעס, האָבן געהערט ווי אַלץ ווערט אויפגעריסן און רעוודירט 19). אין די חורוב־געוואָרענע באַהאַלט־ערטער האָט די ערשטע געמוזט אַראָפּגיין די יידישע פּאָליצײ, ערשט הינטער זיי האָבן זיך אַריינגעשאַרט פּאַרזיכטיק און פּאַוואָליע די דייטשן.

ווי געזאָגט, האָט די יידישע פּאָליציי בעת דער דאָזיקער עדשטער ליקווידיר־אַקציע אָפּגעשפּילט אַ שענדלעכע ראָל. מיט עקלדיקן פלייס האָט זיך אויסגעצייכנט דער סאַמעראָדנער קאָמענדאַנט מאַרקוס, וועלכער האָט באַשטראָפט די יעניקע יידישע פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער מלאכה בזויה צו פּייניקן די אייגענע ברידער. מאַרקוס האָט דעם אייגענעם זון, זיין מיזשינעק, וואָס האָט אויך געדינט אין דער פּאָליציי, געשיקט צו דער „אַרבעט", און דער דאָזיקער „תכשיט", וואָס איז געראָטן געווען אין זיין טאַטן, איז געגאַנגען אין שפּיץ פון אַ גרופּע עס־עס־לייט און זיי געוויזן, ווו זיי קאָנען האָבן אַ פּעטן ביסן פון רויב 20).

בעת דער פעברואַר־אַקציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אינגאַנצן בולט דער פאַרעטערישער כאַראַקטער פון דער יידישער פּאָליציי. בלויז אַ קליינע

---

18) ג"ע פון י. ריווקינד.

19) פּאַבריצקי, דאָרטן; פּאַקטאָר, דאָרטן.

20) קורילאָווסקי, דאָרטן. ג

צאָל האָט נישט געוואָלט מיטמאַכן דעם שאַנדפולן וועג פון דעם קאָמענ־דאַנט מאַרקוס. אַזוי איז דער פּאָליציאַנט יודקע גרינצווייג אַראָפּ אין אַ קעלער, אַ פולער מיט יידן, און איז תיכף אַרויס, דערקלערנדיק די עס־עס־לייט, אַז דאָרט איז קיינער נישט פאַראַן; די זאַך איז אויסגעגעבן גע־וואָרן, און די היטלעריסטן האָבן גרינצווייגן דערשאָסן 21). דער פּאָלי־ציאַנט פּסח בירנבוים איז בכלל נישט אַרויס צו דער „אַרבעט". אויפצו־מאַרגנס האָט אים אַרויסגערופן מאַרקוס און געהייסן אָפּגעבן די פּאָליציי־אישע היטל. בירנבוים האָט אויף דעם געענטפערט בקול רם: „אַזאַ היטל איז אַ שאַנד פאַרן ייד!" 22). דער פּאָליציאַנט פלאַשען האָט געוואָרנט, ווו ער האָט געקאָנט, די באַהאַלטענע יידן וועגן יעדער געפאַר און אפילו גערופן צו ווידערשטאַנד 23). אַן ענלעכער פאַל גיט אויך אָן אין זיינע נאָטיצן מרדכי טענענבוים.

דאָס זיינען אָבער געווען אויסנאַמען. דער רוב פון דער יידישער פּאָליציי האָט טריי אויסגעפירט די באַפעלן פון די דייטשע שררות. און ווען די באַאַמטע גופא פונם יודענראַט מיט זייערע משפחות ווילן זיך אַריינקריגן אין בנין פון זייער אַרבעט־פּלאַץ מיט דער האָפענונג, אַז דאָס וועט זיי ראַטעווען, און איבערנעם מיט זיי באַמיען זיך אַהער אַריינצוכאַפּן נאָך אַביסל יידן, וועלכע זוכן אַ רעטונג, שטעלט זיך די יידישע פּאָליציי אַוועק דיבאָם און לאָזט נישט אַריין. אומעטום ווייזן זיי אַרויס גרויס פלייס, באַמיענדיק זיך נושא חן צו זיין ביים באַלעבאָס 24).

אין משך פון אַ וואָך צייט שפּילן זיך אָפּ אין געטאָ דאַנטעישע סצע־נעס. „די שוחטים האָבן געשאָכטן — שילדערט יענע טעג פּסח קאַפּלאַן, — און די חברה־קדישא־לייט האָבן נאָך זיי געראַמט 25), צונויפגעקליבן אויף אַ וועגעלע הורבעסווייז און אָפּגעפירט אין מתים־שטיבל אויף זשאַביע־גאַס.

„מוראדיק איז געווען דאָס בילד פון די אַראָפּהענגענדיקע הענט און פיס און אויף הינטן פאַרוואָרפענע קעפּ, פאַרבלוטיקטע, צעשפּאָלטענע, צעריסענע ווי געשאָכטענע קעלבער. דאָרט אין מתים־שטיבל האָבן חברה־

---

21) ג"ע פון י. לערמאַן.

22) ג"ע פון ד"ר פּעטי וועליאַן. פּסח בירנבוים איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּאָליציי. ער איז אומגעקומען בעת דער צווייטער ליקווידאַציע.

23) ג"ע פון ח. זאַכאַרעווימש.

24) ג"ע פון י. ריווקינד.

25) אויף דער חברה-קדישא איז דער גירוש נישט חל געווען. זיי האָבן געטראָגן גרינע היטלען מיט ספּעציעלע קאָקאַרדעס.

לייט באזוכט די הרוגים, ווו מען האָט געפונען דאָקומענטן, האָט מען פאַרצייכנט די נעמען, און ווו נישט, האָט מען געוואָרפן אין הורבע אַריין, מענער באַזונדער, קינדער באַזונדער, פרויען באַזונדער און נאָך דעם אַריינגעוואָרפן, פאַרשאָטן און אַזוי האָט די ערד פאַרדעקט איינעם פון די גרעסטע שוידערלעכסטע פאַרברעכנס...

„...אין אָוונט איז ווידער שטיל, מען גייט אהיים פון די פאַבריקן. זיי האָבן געפונען אומעטום די טירן אויפגעריסן, די זאַכן איבערגעוואָרפן, די ווענט צעשאָסן, צעבראָכן. ווו נישט ווו האָבן גנבים באַוויזן עפּעס צו־נעמען.

„איינצלנע דייטשן, ציווילע און מיליטערישע, זיינען געקומען ווי נאָרמאַל מאַכן באַשטעלונגען, אָדער אָפּנעמען צוריק — זיי האָבן אליין געזען נישט געוווּסט...

„...און אַז דינסטיק האָט זיך אָנגעהויבן די וויטערדיקע גרוילהאַפטע שחיטה, איז זי באַגלייט געוואָרן מיט אַ טרויעריקער שענדלעכער דער־שיינונג, וואָס האָט זיך געליגט ווי אַ בלאָטיקער שמוציקער פלעק אויפן געוויסן פון ביאַליסטאָק און פאַרשוואַרצט איר נאָמען ביי זיך און ביים אכזריותדיקן שונא. דאָס איז געווען די מסירה".

„...אָט אַזוי האָט אין משך פון איבער אַ וואָך צייט געשטורעמט ביי אונז די בלוטיקע מהומה, וועלכע האָט אויסגעראָטן ביי אונז כמעט צען טויזנט צאַפּלדיקע לעבנס, אָן שום שולד, אָן שום סיבה, נאָר דערפאַר, וואָס מיר זיינען יידן"... (פּ. קאַפּלאַן: „חורבן ביאַליסטאָק").

פון 5־טן ביזן 12־טן פעברואַר האָט געדויערט די גירוש־אַקציע קיין טרעבלינקע. צען טויזנט יידן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן 26). דער „קאָנטינגענט", אויף וועלכן באַראַש האָט געגעבן זיין הסכם, איז, הייסט עס' איבערגעשטיגן געוואָרן. פון אַכט ביז ניין הונדערט זיינען דערשאָסן גע־וואָרן אויפן אָרט. די הרוגים האָבן זיך געוואַלגערט אויפן ברוק, אידער די חברה־קדישה האָט באַוויזן זיי צוצונעמען, און צוליבן פרעסטל זיינען אַ סך מתים צוגעפרוירן געוואָרן; מיט לאָמעס האָט מען געמוזט האַקן, כדי אָפּצורייסן איין גוף פון צווייטן 27).

צווישן די אַרויסגעפירטע זיינען געווען דער אַלטער היסטאָריקער ש. א. הערשבערג, א. טיקטין און אפילו אַ ריי באַאַמטע פון יודענראַט.

---

26) אַזאַ ציפער גיט אָן אין זיינע דערקלערונגען פרידעל. לויט די מיי־נונגען פון יידישע עדות האָט די צאָל דערגרייכט צוועלף טויזנט.

27) פאַבריצקי, דאָרטן.

צווישן די דערהרגעטע איז געווען דער פאפולערער אלטער צייטונג־פארשפרייטער בישקע מיט זיין ווייב 28).

עטלעכע באקאנטע מענטשן פון געטא האבן נישט געוואלט אריינפאלן אין די הענט פון די ראקערס און זיך גענומען באצייטנס דאס לעבן. ערב דער ליקווידאציע איז באגאנגען זעלבסטמארד דער געוועזענער האנטווערקער־טוער, דער בעקער־מייסטער צבי ווידער, איבערלאזנדיק דעם פאלגנדיקן לעצטן בריוו: „איך קאן נישט מער לעבן און צוקוקן וואס מע, מאכט מיט די יידן און מיטן יידישן פאלק, און מיין איינציקער אויסוועג איז זעלבסטמארד” 29).

לויט ווי עס גיט איבער אן עד ראיה, האט צבי ווידער אין זיין געזעגן־בריוו געשריבן אט וואס: „מיין גורל קאן איך נישט איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן. איך וויל אליין זיין באלעבאס איבער זיך. ווער עס האט מער מוט פון מיר, דער זאל קעמפן קעגן די דייטשן. איך בין שוין צו שוואך” 30).

דעם זעלביקן אקט איז באגאנגען ד״ר פראנקע הארוויטש, די טעכנישע סעקרעטארין פון יודענראט, פריער א לערערין פון דער העברעיִשער גימנאזיע, אן אפשטאמיקע פון סטאניסלאוו. זי האט זיך גענומען דאס לעבן באלד נאך דער אקציע, דערזעענדיק דעם שרעקלעכן חורבן 31).

דאס לעבן האט זיך אויך גענומען, נישט וועלנדיק אריינפאלן אין די הענט פונם שונא, דער שרייבער שלמה יאנקעלעוו 32).

אין דער צייט פון דער בלוטיקער מהומה איז פון ערשטן שטאק געשפרונגען טאניע טאט, איר מיידלשער פאמיליע־נאמען איז געווען פעקער, א טאכטער פון א באקאנטן אפטייקער 33).

עס זיינען געווען נאך פאלן פון זעלבסטמארד.

אין דעם היזיקן מיטל פון פאסיוון ווידערשטאנד, פון שטומען טראגישן פראטעסט האבן זיך אויך געקלאמערט קינדער. דריי יתומים פונם קינדער־היים אויף טשענסטאכאווער 7 האבן זיך אויפגעהאנגען, כדי נישט אריינצופאלן אין די הענט פונם שונא 34).

---

28) קאפלאן, דארטן.
29) ארכ׳ ייה״א, נ׳ 1991.
30) ג״ע פון ק. באראקין.
31) דארטן.
32) ג״ע פון ז. קאלעשניקאוו.
33) ג״ע פון י. ריווקינד.
34) רייזנער, ז׳ 134.

דאָס גטטאָ האָט געזען נאָך אַנדערע, אויפטרייסלדיקע בילדער.

אַט פירט אַ דייטשישער זעלנער אַ יידישע פרוי מיט אַ קינד. די פרוי בעט זיך, ער זאָל זיי דערשיסן, דער דייטש דערפילט מיט גרויס חשק איר בקשה. דערנאָך לויפט אַרויס אַ הינטל. דער זעלנער נעמט עס אויף דער האַנט, גלעט עס און זאָגט מיט רחמנות: „טירכען, האָסט נאָך היינט נישט געפרעסען“ 35).

...עס איז שוין נאָך דער „אַרבעט“. אויפן זאַמל־פּלאַץ פּאַלט צו אַ טויטע שטילקייט. די גאַסן פּוסטעווען. מיטאַמאָל יאָווען זיך דריי דייטשן, זיי פירן צוויי פרויען. „מיר האָבן זיך פּאַ־שפּעטיקט, — זאָגט איינער צום צווייטן, — איצט איז אַ קאָפּ־פאַרדרייעניש מיט די ווייבער“. „נו, וואָס, — רופט זיך אָפּ דער צווייטער, — עפּעס דאַרף מען באַשליסן“. „סוף־כל־סוף קאָנען מיר זיי אָפּלאָזן“, — זאָגט פאַרזיכטיק דער ערשטער. יענער איז אָבער נישט מסכים. דאָס פּאַסט נישט. צוויי שאָסן און געענדיקט 36).

מאָרדנדיק די ווידערשפּעניקע יידן, האָבן די פאַשיסטן באַנוצט דום־דום־קוילן 37).

דעם זיבעטן טאָג פון דער שחיטה, פרייטיק דעם 12־טן, איז די אַקציע אָפּגעשטעלט געוואָרן. די קרייזן פון יודענראַט האָבן זיך געריימט, אַז דאָס איז געקומען ווי אַ פּועל יוצא פון זייער סטאַרען זיך ביי די „גוטע דייטשן“ קליין פון געסטאַפּאָ און פרעדע פון ווערמאַכט,ביידע ווירטשאַפט־לייטער, וועלכע זאָלן האָבן אינטערווענירט ביי קאָנאַריסן אין קעניגסבערג. בער לעצטער איז טאַקע דעם פרייטיק געקומען קיין ביאַליסטאָק און האָט באַפוילן איבערצורייסן די ליקווידאַציע. ער האָט עס, נאַטירלעך, געטאָן אין הסכם מיט אַן אינסטרוקציע פון בערלין. דער „גוטער“ קליין איז אַראָפּגעקומען אין געטאָ און איז מודיע געווען, אַז דער גירוש איז אָפּגעשטעלט. דער געסטאַפּאָ־לייטער היימבאַך האָט געהייסן באַראַשן ווירקן אויף די יידן, זיי זאָלן זיך באַרויקן, ווייל קיין ווייטערדיקע עוואַקואַציע וועט נישט זיין. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די יידן זאָלן ווייטער אַרבעטן אַזוי ווי פריער 38). פון וואַנען נעמט זיך היימבאַכס ווענדונג צום ראש פון יודענראַט, ער זאָל באַרויקן די יידן?

---

35) ג״ע פון פ. ליפּינסקאַ.

36) פונם פּאַרטיזאַנישן אַרכיוו פון טאָלק (ד״ר ש. דאַטנער).

37) אַרכ׳ ייה״א, אַקט נ׳ 1837.

38) דאָרטן; אויך — פון ג״ע ב. שאַצמאַן.

עס זיינען פאראַן באַווייזן, אַז נישט מחמת דעם כאַבאַר און דעם בלאַפּאַטשען מצד דעם יודענראַט האָבן זיך די „גוטע דייטשן" דערבאַרעמט נאָכן שטילן דעם וועלפּישן אַפּעטיט פון די שלעכטע קאַץ, גיכער און דיבוס. די דייטשן זיינען אין אַט דער ערשטער פּאַרטיזאַנער־אַקציע געבליבן שטיין פאַר אַ דערשיינונג, אויף וועלכער זיי האָבן זיך צומווייניקסטן געריכט: פאַר אַ פּאַסיוון מאַסן־ווידערשטאַנד און אין אַ טייל ערטער אויך פאַר אַן אַקטיוון, באַוואָפנטן אַקעגנשטעלן זיך מצד די „נידעריקראַסיקע" יידן.

דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד, דאָס נישט שטעלן זיך אויפן רוף פון דער אָקופּיר־מאַכט, דאָס פאַרשטעקן זיך אין באַהאַלט־ערטער האָט אַרומגעכאַפּט דעם גרעסטן טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט אויפגענומען די ווערטער פונם אויפרוף, מיט וועלכן עס האָט זיך צו איר געווענדט די אונטערערדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

„אַרויסגעפירט ווערן — באַדייט טויט,
„גיי נישט פריוויליק צום טויט!
„פאַרטיידיק דיין קינד, נעם נקמה פאַר דיין מוטער.
„דעמאָליר די פאַבריקן!
„גייסטו אַרויס פון שטוב, צינד אונטער די ווירטשאַפט.
„לאָזט נישט די רוצחים קיין ירושה! גיי נישט קיין טרעבלינקע!
„יידישער פּאָליציאַנט! העלף נישט די תּלינים!" 39).

די יידן האָבן זיך טאַקע מיטן גוטן ווילן נישט געשטעלט. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין פאַרשידענע באַהאַלט־ערטער. ביי צוואַנציק טויזנט יידן האָבן זיך פאַרקלאַפּט אין כלעווניי סכראָנעס 40). טויזנטער אַנדערע האָבן זיך פאַרגראָבן ערגעץ אַנדערש. און ווען די מלינות זיינען אַנטדעקט געוואָרן, איז אין אַ סך פאַלן געווען דער ענטפער: „הרגעט אונז דאָ; צו וואָס נעמט מען אונז אַרויס?" „מאַכט אַ סוף מיט אונז אויפן אָרט; קיין טרעבלינקע וועלן מיר נישט גיין 41). די זיבן־אַכט הונדערט דערהרגעטע אין געטאָ גופא זיינען ס'רוב יענע, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין צום טראַנספּאָרט, וואָס האָבן זיך פאַקטיש אַקעגנגעשטעלט. ביישפּילן פון אַזאַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד האָבן געוויזן פּשוטע, ווירדיקע פאָלקס־מענטשן. אַט

39) ציטירט לויט טענענבוימס נאָטיצן פון 29-טן יאַנואַר 1943, אויך — ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ און י. ריווקינד.
40) טענענבוים, נאָטיץ פון 9-טן פעברואַר 1943.
41) ג"ע פון מ. בוך. און י. לערמאַן.

זיינען די מענטשן־יעגער אריין דעם ערשטן טאג צום ייד פון א גאנץ יאר יואל פוקסמאן אויף פאלנע 17. זיי האבן געטראפן דעם דאזיקן ייד מיט זיין פרוי און קינד. פוקסמאנס מאמע און שוועסטער זיינען דעם זעלביקן טאג דערהרגעט געווארן ביים פארקאן. אן אויפגערעגטער און פארבי־טערטער שרייט אויס פוקסמאן: „פון דעם ארט וועל איך נישט גיין! וואס איר ווילט מאכן מיט מיר דא, קאנט איר מאכן. פון דעם ארט ריר איך זיך נישט: אייער סוף וועט שפעטער נישט זיין בעסער ווי אונזערער. איר וועט פאר אלץ קריגן באצאלט, איר זענט מערדער!" די עס־עס־לייט האבן, פארשטייט זיך, דעם צעבונטעוועטן, שרייענדיקן ייד דערשאסן אויפן ארט און זיין פרוי און קינד אוועקגעטריבן צום טראנספארט 42).

עס זיינען געווען מער פאלן פון מאכן אויסרופן קעגן די דייטשן, שוין אין די צונויפגעדרענגטע רייען, וואס זיינען געיאגט געווארן צום גירוש־פלאץ. נישט בלויז יונגע מענטשן, נאר אויך מענטשן פון עלטערן דור האבן געווארפן דעם שונא אין פנים אריין נביאישע ווערטער. אין די ערשטע טעג פון דער פארטיליקונג האט זיך פאנאנדערגעשפרייט דער גרוס פון סטאלינגראד. די דאזיקע בשורה האט אינערלעך געקרעפטיקט די יידן אויף זייער לעצטן וועג. אן אלטער ייד אין א חסידישער הלבשה, אן אונטערגעשטופטער און געשלאגענער האט מיטאמאל אויסגערופן: „אונזערע געווינען אין סטאלינגראד!" 43). דער פאפולערער פאלקס־מענטש שמעון פיינגאלד, וועלכער איז אריינגעפאלן אין דער נעץ פון די מענטשן־ראקערס, האט געזאגט בקול רם צו א דייטשן אפיציר: „מיך האט איר גענומען, אבער סטאלינגראד — א קרענק!" דאס דאזיקע דרייסטע ווארט איז כהרף עין באקאנט געווארן אין דעם גאנצן געטא און איז געווארן א שלאג־לאזונג 44).

די דייטשע געהיימע פאליציי האט געוווסט וועגן דעם פאסיוון ווידערשטאנד פון דער געטא־מאסע און זי האט עס אפגעשאצט ווי א פאליטישן דורכפאל פון דער דייטשער פראפאגאנדע און טאקטיק. א געוויסע צייט נאך דער פעברואר־אקציע איז אין די הענט פון אנטי־פאשיסטישן קאמיטעט אריינגעפאלן א געסטאפא־דאקומענט, אין וועלכן עס ווערט געבראכט די אפשאצונג פון דער ערשטער יידן־ליקווידאציע אין ביאליסטאק, לויט ווי עס גיט איבער אן עד ראיה, וועלכער האט

---

42) פאבריצקי, דארטן.
43) ג"ע פון מ. בוך.
44) ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא.

געזען דעם דאָזיקן דאָקומענט, איז די געסטאַפּאָ־אָנפירונג מודה געווען, אַז ביאַליסטאָק איז די ערשטע שטאָט (אין דער גאַנצער געגנט), וווּ די אַקציע אַרויסצופירן די יידן קיין טרעבלינקע איז דער אָקופּיר־מאַכט פּאָליטיש נישט געלונגען, ווייל די ביאַליסטאָקער געטאָ־איינוווינער גלויבן נישט, אַז מען פירט זיי אַרויס אויף אַרבעט און ווייל קיינער שטעלט זיך נישט פריי־וויליק צום אַרויספאָר. אַפילו אַלטע פרויען ווילן נישט נעמען קיין ברויט מיט מאַרמאַלאַד. פערציק פּראָצענט געכאַפּטע יידן אין געטאָ און אויף דער „אַרישער" זייט, — קלאָגט זיך דער ראַפּאָרט, ווי עס גיט איבער דער עד ראיה, — זיינען אין דעם צייט־אָפּשניט פונעם 5־טן פעברואַר ביזן 5־טן מערץ אַנטלאָפן, אָדער גלייך פון גאַס, אָדער אויפן וועג פון די וואַגאָנען. די געסטאַפּאָ האָט דעריבער געהאַלטן, אַז אין ביאַליסטאָק האָט זי אין פעברואַר 1943 געליטן אַ דורכפאַל 45).

אויך אין די קרייזן פון דער ציווילער פאַרוואַלטונג און פון דער אָרדנונג־פּאָליציי איז געווען אַ שטיקל קאַצנ־יאָמער; מען האָט געהאַלטן, אַז די גאַנצע אַקציע האָט געבראַכט שאָדן דער דייטשער אַרמיי 46).

דער דאָזיקער דורכפאַל איז געוואָרן פאַר דער אָקופּיר־מאַכט נאָך מער געפערלעך דורך דעם, וואָס דער ווידערשטאַנד פון די יידן האָט זיך נישט געענדיקט מיטן פּאַסיוון אָקעגנשטעלן זיך. עס זיינען אויך געווען פאַקטן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. די קליינע, אָבער פאַרביסענע פאַלן פון אַק־טיוון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין לויף פון דער ליקווידיר־אַקציע האָבן שטאַרק באַאומרויקט די מושלים הן צוליב זייער אָנשטעקעדיקייט לגבי דער פּויליש־ווייסרוסישער באַפעלקערונג, הן מחמת דער סכנה פון זייער צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, הן צוליב פּרעסטיזש־מאָמענטן. די דייטשן האָבן לחלוטין דעמלט נישט געוואָלט פאַנאַנדער־בלאָזן די אַקטן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין געטאָ 47). בפרט, וואָס אין די טעג פון 5־טן ביזן 12־טן פעברואַר זיינען אָנגעקומען די ידיעות, אַז די דייטשע אַרמיי האָט פאַרלאָרן כאַרקאָוו, קיעוו, נאָוואָראָסיסק, קורסק, קראַסנאָדאַר, וואָראָשילאָווגראַד 48). עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס הימבאַך האָט אין ד"ר אַלטענלאָהס נאָמען נאָך אַ וואָך צייט אַרויס־גערופן באַראַשן און אים דערקלערט: „אויב דאָס געשעענע וועט נישט

---

45) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ.
46) פרידעל, דאָרטן.
47) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.
48) דאָרטן.

ווירקן אויף פאַרערגערן די אַרבעט אין די געטאָ־פאַבריקן, רייס איך גלייך איבער די אַקציע" 49). דער שעף פון ביאַליסטאָקער זיכערקייט־פאָליציי האָט געוויס געהאַנדלט מיטן הסכם פון ד"ר קאַנאַריס, וועלכער איז טאַקע דעם 12־טן פעברואַר אַראָפּגעקומען פון קעניגסבערג.

דער באַשיידענער, אָבער פאַרביסענער אַקטיוויער ווידערשטאַנד האָט אין דעם געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל 50).

49) דאָרטן.

50) אַ טייל פון די קרבנות פון דעם פעברואַר-גירוש האָט מען אָפּגעפירט אין דער ריכטונג צו מערב, דורך לאָדזש. וועגן דעם גיט איבער דער לאָדזשער שריפטשטעלער יוסף זעליקאָוויטש אין זיין טאָג-בוך פון לאָדזשער געטאָ — דעם 9-טן פעברואַר 1943 (ארב' ייה"א). וועדליק זיין דעמלטיקן איינדרוק, איז ביאַליסטאָק אין פעברואַר געוואָרן יודנריין.

די פעברואַר-געשעענישן אין ביאַליסטאָק האָבן אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער דעמלטיקער וואַרשעווער געטאָ-אונטערערד. שמואל ווינטער האָט פאַרציכנט אין זיינע נאָטיצן: — „אין יענער וואָך איז אין ביאַליסטאָק פאָרגעקומען אַן אַקציע. ביז אַהער איז דאָרט דאָס נישט געווען".

ק א פּ י ט ל   פ י ר

יצחק מאַלמעד

דער פֿאַרייניקטער אַנטיפֿאַשיסטישער בלאָק איז פֿון ערשטן מאָמענט אָן געווען אַנטשלאָסן צו רופֿן און צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד[1]. דעם ערשטן טאָג פֿון די געשעענישן, דעם 5־טן פֿעברואַר, איז פֿאָרגעקומען אַ צווישנפּאַרטייאישע טרעפֿונג, אויף וועלכער עס איז מצד דעם אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט געווען יאַשקע קאַווע; עס זיינען געקומען פֿאָרשטייער פֿון „השומר הצעיר", „דרור", „ביתר" און „בונד". אויף אָט דעם צוזאַמענטרעף, וואָס האָט געדאַרפֿט דעצידירן וועגן דעם ענטפֿער, וואָס די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפֿן געבן דעם שונא, האָט דער בלאָק פֿון די קאָמוניסטן, שומרים און לינקע בונדיסטן זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר צוגרייטן אַ באַלדיקן ווידערשטאַנד־אַרויסטריט, און די דאָזיקע גרופּעס האָבן זיך טאַקע צום קאַמף געשטעלט. די אַנדערע האָבן אין הער זעלבשוץ־אַקציע פֿון פֿעברואַר 1943 זיך נישט באַטייליקט[2].

מיטן צוועק צו קאָאָרדינירן די קאַמפֿס־טעטיקייט זיינען אויסגעטיילט געוואָרן דניאל מאָשקאָוויטש פֿון אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט און אליהו באָראַקס פֿון די שומרים. דעם פּלאַן פֿון אַרויסטריט האָט פֿאַרגעשטעלט דניאל מאָשקאָוויטש. דער פּלאַן האָט פֿאָרויסגעזען נישט קיין פֿאַרטיידיקונג־שטעלונג פֿון די זעלבשוץ־גרופּעס, נאָר אַן אָנגריף־טאַקטיק; די ייִדן האָבן — לויט דניאלן — געדאַרפֿט אַטאַקירן די עס־עס־לייט באַלד ביי זייער אַריינמאַרשירן אין געטאָ אַריין[3]. אָבער פֿון דעם דאָזיקן פּלאַן, וועלכן די חברים האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ ריכ־

---

1) ג"ע פֿון ר. וואָיסקאָווסקאַ און י. ריוווקינד.

2) ג"ע פֿון מ. בוך און ח. גראָסמאַן.

3) ג"ע פֿון ר. וואָיסקאָווסקאַ.

נ

טיקן, האָט מען שוין דעם ערשטן טאָג זיך געמוזט אָפּזאָגן, ווייל דער בלאָק האָט נישט באַקומען דאָס צוגעזאָגטע הייסע געווער. מאָשקאָוויטש שאַפט תיכף אַ פרישן פּלאַן; ער האָט געמוזט רעזיגנירן פונם געדאַנק פון אַ קאָנצענטרירטער אַטאַקע און פאַרלייגן קאַמפן אויף באַזונדערע אָפּשניטן, פון באַזונדערע גרופּעס. דער דאָזיקער פּלאַן איז באַשטעטיקט געוואָרן, און מ׳האָט אים אין אַ געוויסער מאָס פאַרווירקלעכט. דניאל האָט זיך נישט באַפרידיקט מיט אויסאַרבעטן פּלענער, נאָר אויף זיך גענומען די פונקציע פון קאָאָרדינירן די קאַמף־טעטיקייט פון די באַזונדערע פּאָזיציעס. ער האָט די גאַנצע צייט ווי ווייט מעגלעך איינגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די חברים 4).

דער פאַראייניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק האָט קודם־כּל געוואָרפן צווישן זיינע אָנהענגער און סימפּאַטיקער דעם לאָזונג: נישט באַהאַלטן זיך, נאָר שטעלן אַ ווידערשטאַנד! 5). עס זיינען געשטעלט געוואָרן אויף די פיס די קאַמף־דרייערלעך, אָבער צוליב דער פּלוצימדיקייט פון דער אַקציע איז די פאַרבינדונג צווישן זיי געווען אַ שווערע 6). עס איז נישט געווען קיין באַוואָפענונג. און דעריבער האָט דער בלאָק געוואָרפן דעם פּאַראָל: טרעט אַרויס אין קאַמף מיט וואָס איינער קאָן! איטלעכער גרייט זיך צו שוועבל־זויער! 7). די דאָזיקע לאָזונגען האָבן אין אַ ריי ערטער באַקומען זייער תיקון דורך אַ ריי ווידערשטאַנד־אַקטן הן פון אָרגאַניזירטע גרופּעס, הן סטיכיש ביי דער מאַסע. דער ערשער שטאַרקער, העלדישער אַקט פון ווידערשטאַנד, דער ערשטער דרייסטער אָפּרוף אויף דער אַגיטאַציע פון פאַראייניקטן אַנטיפאַשיסטישן בלאָק איז געווען דער גבורה־אויפטו פון יידישן פאָלקס־מענטש יצחק מאַלמעד 8).

יצחק מאַלמעד, אַ געבוירענער אין יאָר 1903 אין בריסק, פאַר דער מלחמה אַ פאַרבער־אַרבעטער אין ביאַליסטאָק, איז די ערשטע מלחמה־צייט פאַרוואָגלט געוואָרן קיין סלאָנים און האָט דאָ איבערגעלעבט צוויי שווידערלעכע שחיטות. פאַר זיינע אויגן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן זיינע עלטערן און די פרוי מיט צוויי קינדער (די פרוי האָט פון דער היים געהייסן פּוכאַטשעווסקי; איר גאַנצע משפּחה איז געווען קאַמען־אַרבעטער)9).

---

4) דאָרטן.
5) ג״ע פון י. לערמאַן.
6) דאָרטן.
7) ג״ע פון מ. בוך.
8) טענעבוים גיט נישט ריכטיק אָן אין זיינע נאָטיצן מאַלמעדס נאָמען און רופט אים טעותדיק אָן — אברהם.
9) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

אין ביאַליסטאָק האָט ער געאַרבעט אין דער פאַבריק פונם דייטש מילער אין דער סעקציע פון קאַמען־פּראָדוקציע 10).

מאַלמעד איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער מענטש. אָבער אויף מילערס פאַבריק איז געווען טעטיק אַ שטאַרקער קריַיז פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָ האָט געאַרבעט און איז געווען טעטיק פאַ־ליטיש די אָנגעזעענע טוערין פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט רבקה שינדער־וואָיסקאָווסקאַ. טאָג־איין טאָג־אויס האָט רבקה צונויפגעזאַמלט די אַרבעטער אינדערפרי אין דעם קעסל־אָפּטייל און דאָ פאַר זיי רעפערירט די לעצטע נייעסן פון די געהיימע ביולעטינען 11). בפרט האָבן אויף די אַר־בעטער דעם גרעסטן רושם געמאַכט די ידיעות פון די געשעענישן ביי סטאַלינגראַד. יצחק מאַלמעד האָט געהערט צו די פלייסיקסטע אָנטיילנע־מער פון אָט די געהיימע פרימאָרגן־פאַרזאַמלונגען. ער פלעגט אויס־הערן און גאָרנישט רעדן. אָבער אין זיין גאַנצער באַנעמונג האָט מען געפילט, ווי עס ווערט רייף ביי אים די דעציזיע. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אָפּרופן צו רבקהן: „שוואַרצע חברטע, קומט, דערציילט עפּעס נייעס״ 12).

פון ווערטער איז מען אַריבער צו מעשים. אויף דער אינסטרוקציע פון די אַנטיפאַשיסטן האָבן די אַרבעטער גענומען זאַמלען זאַלץ־זויער. עס האָט זיי דערין געהאָלפן אַ פּוילישער אינזשיניער, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער פאַבריק 13).

דאָס לעצטע מאָל ערב די פעברואַר־געשעענישן האָט מאַלמעד גע־נומען זאַלץ־זויער אין פאַרבערס סמאַרע־פאַבריק אויף יוראָווצער 21 אינאיינעם מיט נאָך ייִדן, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו דער אויפקלע־רונג פון די אַנטיפאַשיסטן און נישט געוואָלט גיין ווי שאָף צו דער שחי־טה 14).

יצחק מאַלמעדס העלדישער אַקט איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער אַגי־טאַציע פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע.

געשען איז דאָס באַלד דעם ערשטן טאָג פון דער אַקציע. מאַלמעד האָט געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט געשיצט דאָס הויז אויף קופּיעצ־

---

10) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
11) דאָרטן
12) דאָרטן.
13) דאָרטן.
14) ג״ע פון ז. קאַלעשניקאָוו.

קע 29. ווען די עס־עס־לייט און די יידישע פּאָליציאַנטן זיינען אריין אין די קאָרידאָרן, האָבן זיך די יידן אקעגנגעשטעלט. אין דער ערשטער ריי איז געשטאַנען מאלמעד. ער האָט אויסגעצויגן די הענט מיט דער פלאש און באַגאָסן דעם נאָענטסטן דייטש מיט וויטריאָל. יענער האָט ארויסגע־כאַפּט דעם רעוואָלווער, אָבער — משוגע פון ווייטיק און בלינד — האָט ער, אויסשיסנדיק, געטראָפן אַן אייגענעם, דייטשן פּאָליציי־באאמטן, וועל־כער איז געפאַלן א דערשאָסענער.

ווי עס גיבן איבער אנדערע, זאָל מאלמעד האָבן ארויסגעריסן ביים באַ־גאָסענעם דייטש דעם שפּייער און אליין געשאָסן צום אָפיציר און אים אוועקגעלייגט 15). אָבער די ווערסיע ווערט נישט באַשטעטיקט. מאלמעד איז אין דער מהומה אנטלאָפן. די צוויי דייטשע קרבנות זיינען געווען דער קרימינאַל־אסיסטענט ווילהעלם פּריטש פון קעניגסבערג און דער קרימי־נאַל־אַנגעשטעלטער מינטער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַק־ציע 16). מינטער איז באַגאָסן געוואָרן דורך מאלמעדן מיט וויטריאָל און איז געבליבן ליגן אויפן פּאָל מיט א שוואַרץ פארשרפהעט פּנים. ער האָט עס אויסגעשאָסן און געטראָפן ווילהעלם פּריטשן, וועלכער האָט געקראָגן א קויל אין קאָפּ און איז אויסגעגאַנגען אויפן אָרט. דעם שווער־פארווונ־דעטן מינטערן האָט מען צוגענומען אין לאַזאַרעט 17).

דער שליח מיוחד פון בערלין גינטער און דער געסטאַפּאָ־לייטער היימבאַך, וועלכע זיינען די גאַנצע צייט געווען אין געטאָ און געקערע־ווערט מיט דער אַקציע, זיינען תיכף אוועק צום קאָמאַנדער פון דער זי־כערקייט־פּאָליציי ד״ר אלטעלאָה און אָפּגעהאַלטן א באַראַטונג 18). אין רעזולטאַט פון אַט דער אסיפה דערקלערט פּרידעל באַראשן: „מיר האָבן גאָרנישט געשפּראָכן״ 19). דאָס הייסט — היות יידן שטעלן א ווידער־שטאַנד, איז אונזער אָפּמאַך קיין אָפּמאַך נישט. דער זעלביקער פּרידעל מעלדעט אויך באַראשן, אַז אויב דער יודענראַט וועט אין משך פון 8 ביז 10 שעה נישט צושטעלן, אָדער נישט ביהילפיק זיין צו כאַפּן דעם אטענטאַט־אויספירער, וועלן הונדערט ערובניקעס ווערן דערשאָסן. צוויי

---

15) ג״ע פון ב. שאַצמאַן.

16) באַריכט פון דעם לאַנד־פאָרשטייער פון דער פּויליש־עמיגראַנטישער רעגירונג קיין לאָנדאָן, געהיימער מיליטערישער ארכיוו, כ׳ 43|15, ז׳ 19.

17) פרידעל, דאָרטן.

18) דאָרטן.

19) . ג״ע פון ב. שאַצמאַן.

אזייגער בייטאָג הייסט היימבאך פרידעלן כאַפּן הונדערט מענטשן. אָן חקירה ודרישה האָבן די נאַצישע רוצחים געפאַנגען צופעליקע הונדערט ייִדן, כלומרשט ערבות־לייט. ס׳רוב פונם הויף קופּיעצקע 39, וווּ מאַל־מעד האָט געוווינט, און זיי אויסגעמאָרדעט אינם פּראַגעס גאָרטן ביי דער נײַ־וועלט־גאַס. מיט דער דערשיסונג פירט אָן פּערזענלעך גינטער[20]. עס העלפט אים פרידעל. צווישן די הונדערט קרבנות זיינען געווען די קאָמוניסטישע טוערין בליומע לאַקס, וועלכע האָט אויף א מערקווירדיקן אופן פאַרויסגעפילט איר טויט[21], די מיטגלידערין פון „דרור" יאַ־נדזשאַ[22], דער פּאָפּולערער בעקער זאַבלודאָווסקי מיט זיין גאנצער פאַ־מיליע, די צוויי באַקאַנטע שניידערינס די שוועסטער מילער, וואָס איינע פון זיי האָט אפילו געהאַט א נאָמענטלעכן שוץ־בריוו פון פּאָליציי־פּרע־זידענט אויגען דאַרש, און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן[23]; מאַלמעדס פרוי מיטן קינד, דער דרוקער נפתלי פעלדמאַן מיט דער פרוי[24]. ווי עס איז צו זען פון דעם צוזאַמענשטעל פון די דערהרגעטע, האָט דער שונא געכאַפּט מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן און קרייזן, בעמענדיק אויף בלינד יעדן, וואָס איז על פּי צופאַל אריינגעפאַלן אין זיינע הענט. דאָס איז געווען קודם־כל א מיטל אָנצושרעקן די ייִדן, כדי דער העלדישער ביישפּיל פון יצחק מאַלמעד זאָל נישט ארויסרופן קיין ווייטערדיקע ווידערשטאַנד־אַקטן.

איינצייטיק איז אָרגאַניזירט געוואָרן א געיעג נאָך דעם העלד אליין. שבת, דעם 6־טן פעברואַר, ווערט אויסגעהאָנגען א מעלדונג, אַז פאַר מאַלמעדס קאָפּ ווערט געגעבן דער פּרייז פון צען טויזנט מאַרק[25].

דאָס געטאָ האָט פאַרביסן געשוויגן. קיינער האָט דעם נקמה־נעמער נישט אויסגעגעבן.

די געסטאַפּאָ שיקט ארויס איר ייִדישן שפּיאָן יודקאָווסקין, א סלאָני־מער פּליט, כדי צו זוכן מאַלמעדס שפּורן[26].

די געסטאַפּאָ האָט געדראָט מיט א פילפאַכיק גרעסערער שחיטה ווי דאָס אויסשיסן די הונדערט ערובניקעס. זי האָט דערקלערט, אַז פינף טוי־

---

20) פרידעל, דאָרטן.
21) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ (זע אויבן).
22) טענענבוים, נאָטיץ פון 14-טן פעברואַר 1943.
23) קאַפּלאַן, דאָרטן.
24) רייזנער, ז' 121—123.
25) אין דער מעלדונג ווערט טאָקע מאַלמעד אָנגערופן — אברהם.
26) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.

זנט יידן וועלן מיט זייערע קעפ באַצאָלן פאַרן אַקט פון דעם יחיד. דעמלט האָט זיך מאַלמעד דעצידירט — ער האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די רוצחים. אַזוי גיבן איבער די יידישע לעבן־פאַרבליבענע עדי־ראיה.

אַנדערש גיבן איבער די דייטשע עדות, למשל פריץ פרידעל: ער דערציילט, אַז בּאַראַש איז אַ דענערווירטער געקומען צו פרידעלן און אים געמאָלדן, אַז מ׳האָט דעם טעראָריסט געפונען 27). לויט פריץ פרידעלס דערקלערונג קומט אויס, אַז נישט מאַלמעד האָט זיך אַליין געשטעלט, נאָר אַ יידישער מסור האָט אים אויסגעגעבן. דאָס איז געווען — זאָגט פרידעל, — אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק. על פי דעם דייטשן צוזאָג האָט אים געקומען צען טויזנט מאַרק פאַרן קאָפּ פון יצחק מאַלמעד. היימבאַך האָט זיך אָבער פאַרשטענדיקט מיט ד״ר אַלטענלאָה, און מ׳האָט דעם פאַרעטער באַצאָלט נישט מער ווי זיבן טויזנט 28).

היימבאַך באַפעלט דעם יודענראַט צו האַלטן דעם געפאַנגענעם קעמ־פער אין אַ זיכערן אָרט. עס ווערט באַשטימט אַ צוזאַמענשטעל פונם שטאַנד־געריכט אונטער היימבאַכס לייטונג צו משפטן מאַלמעדן 29).

דאָס איז אויסגעפאַלן זונטיק, דעם זיבעטן פעברואַר. אין דער אויס־ראַט־אַקציע איז געווען אַן איבעררייס.

די געסטאַפּאָ־גדולים האָבן געווידמעט דעם טאָג אויף אויספאָרשן דעם געפאַנגענעם העלד. „פאַרוואָס האָסטו געהרגעט אַ דייטש?״ — האָבן זיי געפרעגט. מאַלמעד האָט געגעבן אַ פעסטן און שטאָלצן ענטפער:

— „איך האָב אייך פיינט, איך באַדויער, וואָס איך האָב דערהרגעט בלויז איינעם. פאַר מיינע אויגן זיינען געפאַלן מיינע עלטערן. פאַר מיינע אויגן האָט איר אין סלאָנים דערמאָרדעט צען טויזנט יידן. איך האָב נישט קיין חרטה״ 30).

אַ גאַנצן טאָג זיינען געמאַכט געוואָרן באַמיונגען איבערצוגעבן אים ציאַנקאַלי, אָבער עס האָט זיך נישט איינגעגעבן 31).

דער שטאַנד־געריכט האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל: טויט דורך הענגען.

---

27) פרידעל, דאָרטן.
28) דאָרטן.
29) דאָרטן.
30) ג״ע פון י. ריווקינד, ל. טשאַפּניק און א. רוד.
31) טענענבוים, נאָטיץ פון 7-טן פעברואַר 1943.

אויף צומאָרגנס, מאָנטיק, דעם 8־טן פעברואר, אכט אינדערפרי איז שוין געשטאַנען די תליה גרייט פאַר דעם הויז קופּיעצקע 28. אין געטאָ האָבן אריינגעמאַרשירט דייטשע זשאַנדאַרן, שוץ־פּאָליציאַנטן, געסטאַפּאָ־לייט, קריפּאָ. דעם פאַראורטיילטן האָט געבראַכט די יידישע אָרדנונגס־פּאָליציי. א האַלבע שעה האָט דער פאַרמשפּטער געמוזט שטיין פאַר דער תליה און וואַרטן אויפן אָנקום פון דעם „הויפּט־צערעמאָניע־מייסטער", דעם געסטאַפּאָ־לייטער היימבאַך, דעם געסטאַפּאָ־רעפערענט פאַר דעם געטאָ פרידעל און דעם קרימינאַל־סעקרעטאַר היינץ לאַנגע, וועלכע האָבן געדאַרפט אָפיציעל אסיסטירן בעת דער עקזעקוציע 32). די גאַנצע צייט האָבן די דייטשן געשלאָגן מאַלמעדן מכות רצח און זיך איזדעקוועט איבער אים. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן ווירדיק. ער האָט נישט געבעטן קיין רחמנות. איינמאָל בלויז האָט ער זיך געווענדט נאָך א טרונק וואַסער, אָבער אויך די דאָזיקע לעצטע בקשה פון פאַרמשפּטן האָבן די תליינים נישט געוואָלט נאָכגעבן. „האָסט שוין נישט קיין נויטווענדיקייט אין וואַסער", האָבן זיי געחוזקט פון אים 33).

די דייטשן האָבן זיך געהאַלטן ביים אָפיציעלן „צערעמאָניאַל". היימבאַך האָט פאָרגעלייענט דעם אורטייל און געפרעגט מאַלמעדן, וואָס ער האָט צו זאָגן. מאַלמעד האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט, מען זאָל אים דערלויבן ארויפגיין אויף א דאַך פון א הויכן בנין און זיך אראָפּוואַרפן אויף דער ערד. היימבאַך האָט אָפּגעזאָגט 34).

רויק איז ער געגאַנגען צום טויט. צוויי מאָל האָט מען אים אויפגעהאַנגען. צום ערשטן מאָל האָט זיך דאָס שטריקל אָפּגעריסן 35). ער האָט נאָך באַוויזן אויסצורופן: „איר, דייטשע מערדער, איר וועט דעם קריג פאַרלירן! נידער מיט היטלערן! זאָל לעבן רוסלאַנד!" 36). אין דער לעצטער מינוט האָט ער אָנגעשפּיגן דעם תלין אין פּנים. ווען דער שלייף איז שוין ארויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן האַלדז, האָט מאַלמעד אויסגערופן מיטן לעצטן כוח, אויפן קול, אַז די גאַנצע גאַס האָט געהערט:

— „באַנדיטן, איר וועט באַצאָלן פאַר דעם, אייער סוף איז שוין נישט ווייט!" 37).

---

32) פרידעל, דאָרטן.
33) טענענבוים, נאָטיץ פון 9-טן פעברואר 1943.
34) פרידעל, דאָרטן.
35) טענענבוים, דאָרטן.
36) ג"ע פון ז. קאַלעשניקאָוו.
37) פאַבריצקי, דאָרטן.

דער קערפּער האָט נאָך געצאַפּלט מיט די לעצטע רעשטלעך לעבן. היימבאַך האָט באַפוילן דעם באַאַמטן הייגץ לאַנגע מיט א שאָס אין קאָפּ פאַרענדיקן דאָס, וואָס דער תּליה־שטריק האָט אָנגעהויבן 38).

דער איינדרוק נישט בלויז אין געטאָ, נאָר אין דער גאַנצער שטאָט איז געווען א קאָלאָסאַלער. מען האָט אין דער שטיל חוזק געמאַכט פון די דייטשע „העלדן", וועלכע אַנטלויפן פאַר א ייד, א באַוואָפנטן מיט א ביסל וויטריאָל. אין משך פון דריי טעג האָבן זיך איבערגעחזרט געהיימע מאַני־פעסטאַציעס אין שכנות פון דער תּליה 39).

דעם מסור יודקאָווסקי האָט נישט אויסגעמיטן דער מידת־הדין פון דער רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט. אין א צייט שפּעטער האָבן יידישע נקמה־נעמער, די מיטגלידער פון דער אַנטיפאַשיסטישער זעלבשוץ אברהם לייזער רובין און נאַטעק גאָלדשטיין אויסגעפירט א טויט־אורטייל איבערן העסלעכן מנובל 40).

די חברים פון אונטערערד האָבן באַערט מאַלמעדס אָנדענק אויף נאָך איין אופן: זיי האָבן אויפן געטאָ־בית־עלמין, אויף דער זשאַביע־גאַס, אוועקגעשטעלט א הילצערנע מצבה מיט מאַלמעדס בילד און אָנגעשריבן די ווערטער: „דעם העלד — כבוד!". די דייטשן און די געטאָ־פּאָליציי האָבן זיך לכתּחילה נישט געכאַפּט. ערשט שפּעטער איז דער דאָזיקער באַשיידענער, אָבער מערקווירדיקער דענקמאָל באַזייטיקט געוואָרן 41).

מאַלמעדס אַקט האָט אַרויסגערופן אינעם לאַגער פון שונא א שטאַרקע באַאומרויקונג. די מאַכט האָט גענומען וואָרענען די פּאָליציי־באַאַמטע, זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיקער אין כלערליי אונטערנעמונגען 42).

דער העלדישער אַקט פון יצחק מאַלמעד האָט געהאַט א שטאַרקן אָפּ־קלאַנג צווישן די ווידערשפּעניקע עלעמענטן פון געטאָ. דער רוף און די דורכאַקערונג פונם באָדן מצד דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק פון איין זייט און דער ביישפּיל פון יצחק מאַלמעד פון דער צווייטער — האָבן מיט־געריסן נאָך אַנדערע און געשטויסן צו א ריי ווידערשטאַנד־אַקטן.

---

38) פרידעל, דאָרטן.
39) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
40) ג"ע פון ט. ציטראָן און קוציקעוויטש, ארכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2006.
41) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
42) פרידעל, דאָרטן.

ק א פ י ט ל   פ י נ ף

דער המשך פון אַקטיוון ווידערשטאַנד
און די נאַכט פון מידת־הדין

די גרעסטע שוועריקייט, וואָס די קאַמף־גרייטע גרופּעס האָבן געפילט, איז געווען דער געוואַלטיקער מאַנגל אין הייס געווער. אויף צוואַנציק מענטשן זיינען געווען צוויי רעוואָלווערן און זעלטן א ביקס 1). די הויפּט־באוואָפענונג איז באשטאַנען פון קוואַסן, אַנגעגאָסענע אין פלעשער און אין אויסגעברענטע עלעקטרישע לעמפּלעך, פּראָדוצירט געהיים דורך די אַרבעטער פון דער פאבריק אויף יוראַוועצער 10, און אויך פון קאַלט געווער און העק. אויפן באָדן פונם געווער־מאַנגל האָט זיך ביי א טייל קעמפער אריינגעגבעט דער ספק, צי עס איז נישט צוועקלאָז דער ווידערשטאַנד. אָבער א צווייטער טייל איז — נישט געקוקט אויף אַלע מניעות — געווען דעצידירט זיך אקעגנצושטעלן דעם שונא פאר יעדן פּרייז 2). די עלטערע חברים האָבן געמונטערט די ייִנגערע, די דערפאַרענע האָבן געוועקט די אומפּאַרטייאישע. א וואָגיקע ראָל האָט אין דעם אָנשטרענג אונטערצוהאַלטן דעם קאַמף־גייסט ביי די חברים אָפּגעשפּילט דער אַלטער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַריינישער טוער יאָסל ליכטענשטייִק, דער אמאָליקער פאָרזיצער פונם לינקן סטאָליער־ארבעטער־פאריין אין ווארשע, און זיין פרוי פייגע. זייער דירה אויף רושאַנער 4 איז געווען א היים פאר די מיטגלידער פון די שכנותדיקע קאַמף־גרופּן, וועלכע פלעגן זיך דאָ זאַמלען יעדן אָוונט און זיך בארא‌טן: וואָס ווייטער? פייגע ליכטענשטיין האָט זיך פארנומען מיט דער אפּראָוויזאציע פון די קעמפער,

1) ג"ע פון ב. וואַסערשטיין.
2) ג"ע פון י. לערמאַן.

געקאָכט פאַר זיי און מכבד געווען איטלעכן חבר מיט א טעלער זופּ. יאָסל ליכטענשטיין האָט עקשנותדיק גערופן די חברים ממשיך צו זיין דעם ווידערשטאַנד און זיך אַקעגנשטעלן פאַר יעדן פּרייז 3).

צו קאַמף־אַרויסטריטן איז געקומען אין א ריי ערטער.

דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג האָט געהאַט דער העלדישער אויפטו פון דער אַקטיוויסטין פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע פרידע פעל. די דאָזיקע אייביק־שמייכלדיקע חברטע האָט די ערשטע געשליידערט אויף טשעפּלע אין די דייטשן א גראַנאַט. דער שונא האָט תיכף געעפנט א מערדערישן פייער, און די העלדישע קעמפערין איז געפאַלן אויפן אָרט 4).

גראַנאַטן האָט די זעלבשוץ אין יענער צייט כמעט ווי נישט געהאַט. משה בוך, וועלכער האָט זיך געפונען אין א קאַמף־דריילינג אויף פאַבריק־גאַס, האָט געהאַט אין זיין רשות צוויי גראַנאַטן, און דאָס האָט געהייסן א גלענצנדיקע באַוואָפענונג. ער האָט געוואָרפן אין די דייטשן איין גראַנאַט, וועלכער האָט אָבער נישט אויפגעריסן 5).

אָן הייס געווער, בלויז מיט שוועבל־זויער, האָט זיך פאַרביסן פאַרטיידיקט דאָס ראַגאָווע הויז אויף כמיעלנע, וווּ עס האָט געשטעלט א ווידערשטאַנד א גרופּע יוגנטלעכע בראש מיט רחל ראָזענשטיין, שרהלע ראָזענבלאַט און העלא מאַנעלא (א קעלצערין), אַלע פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט אומגעווייינלעכער העלדישקייט האָט זיך אויסגעצייכנט רחל ראָזענשטיין, וועלכע האָט איר אייגן קינד געלאָזט אונטער דער השגחה פון שכנטעס און אַליין זיך די ערשטע געוואָרפן קעגן די אַריינדרינגנדיקע דייטשן. יידישע מיידלעך האָבן באַגאָסן דעם שונא מיט שוועבל־זויער־שטאָף. די דייטשן רינגלען אַרום דאָס הויז און פאָדערן אויף די פאַרטיידיקער, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן. די קאַמף־גרופּע זאָגט זיך אָפּ צו קאַפּיטולירן. די דייטשן האָבן איין ענטפער — זיי באַוואַרפן דאָס הויז מיט גראַנאַטן. אין אומגלייכן קאַמף קומען אום די יידישע קעמפער. מיט העלדן־טויט פאַלן רחל ראָזענשטיין און העלא מאַנעלא. דאָס הויז ווערט אַרומגענומען מיט פלאַמען. די לעצטע פון דער גרופּע,

---

3) דאָרטן.

4) ג״ע פון פּ. קאָזשעץ און ח. גראָסמאַן; זע אויך — ש. דאַטנער (אַרכ׳ ייה״א).

5) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ און מ. בוך.

שרהלע ראָזענבלאַט, שפרינגט פון ברענענדיקן מויער און רייסט זיך אדורך 6).

נישט ווייניקער העלדישקייט ווייזט ארויס אַן אנדערע אַקטיוויסט־קע פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, לילקע מאַלאַרעוויטש פון טיקטין, וועלכע קערעוועט מיט דער זעלבשוץ אויף דער קאָנפעקציע־פאַבריק פונם יודענראַט, ווו עס רייסן זיך אריין די כאַפּונעס, זוכנדיק באַהאַלטענע יידן אַן ארבעטס־צייגנישן. זי קומט אום מיט חדשים שפעטער בעת דער צווייטער זעלבשוץ 7).

א ביטערן קבלת פנים האָט מען געמאַכט די דייטשן אויף קו־פּיעצקע 10. די דריי שוועסטער רבקה, אסנע און דבורה קאָריאַנסקי באַ־נאַנד מיט זייערע נאָענטסטע, צוזאַמען א פאַמיליע פון זיבן מאַן נעמען אויף די אריינדרינגנדיקע שונאים מיט קאָכעדיק וואַסער. די דייטשן ציען זיך צוריק. זיי שליידערן אריין אין דעם הויז גראַנאַטן. די העל־דישע משפחה קומט אום אין אומגליכן פאַרמעסט 8).

אויף סמאָלנע־גאַס אָרגאַניזירט א ווידערשטאַנד דער שומר אליהו באָראַקס („עדעק”). זיין גרופּע ציילט עטלעכע און צוואַנציק מסירת נפשדיקע בחורים און מיידלעך. די צוויי בונקערס, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַפעסטיקט, ווערן אָבער אויסגעגעבן דורך א מסור. די שומרים פאַרטיידיקן זיך. ווי עס גיבן איבער קלאַנגען, זאָלן דאָ האָבן געפאַלן אכט דייטשן 9). עס קומען דאָ אום אין קאַמף ציליע שאַכנעס, אפרים טריקאָווסקי, משה פייערמאַן, חייקע ריבאַק. אליהו באָראַקס פאַרטיי־דיקט די פּאָזיציע מיט א רעוואָלווער אין האַנט 10). א טייל פון די ווידערשטענדלער ווערט פאַרכאַפּט דורכן שונא און אָפּגעפירט קיין טרעבלינקע. עס גייען ארום קלאַנגען, אז דער זעלבשוץ־קאָמאַנדיר באָראַקס איז אוועק אין באַן מיט געווער אין די קעשענעס, אז פאַר די טויערן פון טרעבלינקע האָט ער געשטעלט א ווידערשטאַנד און איז געפאַלן אין קאַמף 11). זיינע לעצטע ווערטער זאָלן זיין: „שטאַרקט די

---

6) דאָרטן.
7) ג"ע פון ק. באַראַקין און ר. וואַיסקאָווסקאַ.
8) ג"ע פון פּ. קאָזשעץ.
9) קאַרטשאַק, ז' קס.
10) גראָסמאַן, ז"ז 235 און 237.
11) ג"ע פון א. ליאַך און ח. גראָסמאַן.

פּאָזיציע, חברים, קאָנטינויִרט אײַער אַרבעט. איר וועט נאָך פון מיר הערן 12).

אויף סמאָלנע האָט אויך געקעמפט א גרופּע פון צען קאָמוניסטן אין שפּיץ מיט עליע גאָלדבערג 13).

א צווייטע גרופּע שומרים האָט געשטעלט א ווידערשטאַנד אויף פּאַבריטשנע גאַס; אָנגעפירט מיטן ווידערשטאַנד האָט דאָ פראַנעק (פּאָמיליע־נאָמען אומבאַקאַנט 14).

א ווידערשטאַנד זאָל אויך האָבן געשטעלט א גרופּע יידן אין דער שול אויף פּאָלנע, ווו עס איז געווען א הקדש פאַר פּליטים פון די צעפּאַגראָמירטע קהילות אין די אַרומיקע שטעטלעך. אין א צווייטן אָרט זאָל דער אַמאָליקער פּאָרטיער פון כאָר־שול זיך האָבן געוואָרפן אויף די באַפּוּנעס מיט א האַק 15).

צו א דרייסטער דעמאָנסטראַציע אין אָנבליק פון טויט איז געקומען אין דער פאַבריק פון די פאַר־קורסן. די אַרבעטערין עדלמאַן האָט — ווען מ'האָט זי אַרויסגעפירט צום גירוש — געגומען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". דער דייטשער וועכטער האָט זי דערשאָסן ביים געטאָ־פאַרקאַן 16).

אָט גיט איבער אן עד ראיה, ווי אזוי עס האָט אויסגעזען די שטימונג און דער ווידערשטאַנד פון א סכראָן־גרופּע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען עטלעכע קעמפער:

„די באַנדיטן גייען אַרום אויף אונזער הויף, זוכן ווי די שפּירהינט. זיי האָבן אונז אָבער, נישט דערווישט. דער פרייטיקדיקער טאָג איז אַריבער, זיי האָבן שוין דעם קאָנטיגענט פאַרכאַפּט און געמאַכט פייעראָוונט.

„די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת, אַלץ איז אויף. די נאַכט דויערט אן אייביקייט. מען דערלעבט טאָגן. אין געטאָ איז ווידער טומלדיק. די

12) קאָרטשאַק, דאָרטן.
13) גראָסמאַן, ז' 235.
14) דאָרטן. ווי עס גיט איבער ח. גראָסמאַן אין איר בוך „אַנשי־המהתרת" אויף ז' 229, האָט זי באַקומען — זייענדיק אויף דער „אַרישער" זייט — א בריוועלע פון געטאָ מיטן פאָלגנדיקן אינהאַלט: „אונזערע חברים האָבן געפּרוווט זיך פאַרטיידיקן, עס זיינען געפאַלן: פראַנעק, יאשקע, ישראליק, צבית, רוזשקע, יענטל, סענדער, 19 מאַן". אונטערגעשריבן: „עדעק".
15) ג"ע פון ז. קאָלעשניקאָוו.
16) קאַפּלאַן, „חורבן ביאַליסטאָק".

הינט האָבן זיך אויף דאָסניי צעווילדעוועט. אויף אונזער גאס הערן זיך אלץ מער פעסטערע טריט. אָט זיינען זיי אנטקעגן ביי די שכנים, אָט זיינען זיי ביי אונז. א טויטע שטילקייט ארום. א שאַרפער קול פון א זשאַנדאַרם רייסט דורך די לופט: „וויר וואַרן שוין געסטערן היר". „נו, יאָ, — ענטפערט אים א יידישער פאָליציאַנט, — היר אָבער וואַרן וויר ניכט". ווען א ייד, א טרייער דינער פון היטלערן, זאָגט, איז עס קודש. די זשאַנדאַרמען האָבן אים געהאָרכט און די טרעפּ האָבן זיך געטרייסלט פון די שטיוול־טריט. אין דעם מאָמענט האָט יעדער איינער פון אונזער גרופּע גענומען אין האַנט א פון פריער צוגעגרייטע פלאַש מיט וויטריאָל, זויערס, העק, אייזנס, גרייט צום ווידערשטאַנד. די באַנדיטן גייען דורך די וווינונגען פון אויבער־שטיבל, קוקן זיך ארום און פאַלן אויף א פאַר־דאַכט. די טיר אין בוידעם האָט געמסורט. און ווידער האָבן זיך „אויס־געצייכנט" די טרייע יוצר משרתים מיט העק און לאָמען אין די הענט. אייניקע באַנדיטן דערנענטערן זיך צום טיר פון בוידעם, און פון אויבן הייבט אָן פליסן גיפט. איין באַנדיט ווערט באַלוינט מיט א שמעק־„פערפום" אויפן געזיכט. די באַנדיטן ווערן נאָך מער צעקאָכט. „פאַרפלוכטע יודען שלאָגן אונזערע קאַמעראַדן, צום דאָנער וועטער נאָך איין מאָל!" די טרעפּ טרייסלען זיך שוין פון צענדליקער חיהשע טריט. מען הייבט אָן צו באַשיסן דעם בוידעם פון אלע זייטן. די קוילן רייסן דורך דעם פוס־באָדן פון בוידעם אלץ מעד, די מערדער ווילן אויפרייסן די טיר, אָבער מוזן זיך צוריקציען. יידישע פּאָליציאַנטן ברענגען צו טראָגן א לייטער און ברעכן די טיר מיט העק און לאָמען. עס געלינגט זיי צו עפענען, אין דעם מאָמענט וואַרפט א חבר א האַק אַרונטער און טרעפט א זשאַנדאַרם אין קאָפּ. א געשריי, א פאַרשטאַרקטע שיסעריי. אונזער וואָפן גייט אויס. עס ווערט באַשלאָסן צווישן זיך בלייבן אויפן בוידעם. די באַנדיטן רופן אונז, מען זאָל אַראָפּגיין. „ניין, מיר וועלן ניט אַרונטער!" קלינגען שטימען. אך! רופט זיך אָפּ איינער פון די צוגעקומענע. ברידער, לאָמיר אַראָפּגיין, וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין. — דער בוידעם ווערט אלץ געדיכטער באַשאָסן, מיר אלץ ענגער געדריקט. די באַנדיטן רייסן סוף־כל־סוף אויף דעם בוידעם און פירן אונז אַראָפּ. מען באַזוכט אונז שטרענג און איינציקווייז פירט מען אונז אַראָפּ אויפן הויף. מיר ווערן אויסגעשטעלט אין איין ריי לענג־אויס דער וואַנט פון טויער. דער הויף איז באַלאַגערט דורך צענדליקער באַנדיטן מיט פאַרשידענע געווער. איינער פון זיי ווענדט זיך צו אונז, מיר זאָלן אַרויסגעבן די „פאַרברעכער", וואָס האָבן פאַרוווּנדעט זייערע קאַמעראַדן,

וועז נישט, ווערן מיר אלע דערשאָסן. א טויטע שטילקייט הערשט צווישן אונז. די וואנט ענטפערט, אזוי ענטפערן מיר. די אקציע הייבט זיך אָן: „ווער האָט עס געמאכט?" — שרייט אויס דער באנדיטן־פירער צום ערשטן אין דער ריי. דער חבר חיים, אַן עלטערער וועבער־ארבעטער, פארבייסט מיט די ליפּן. עס פאַלט א שאָס. חיים פאַלט טויט. די זעלבע פראגע ווערט געווענדט צום צווייטן אין דער ריי — חבר סראָלקע 17), א ווילער איבערגעגעבענער יאט, א לאָמער אויף א פוס, ער ווערט רויט, ענטפערט נישט קיין וואָרט. עס פאַלט א צווייטער שאָס. סראָלקע איז טויט. דער דריטער אין דער ריי, צופעליק דער ברודער פון דעם אומגעקומענעם. „ווער האָט עס געמאכט"? רופט זיך אָפּ צו אים דער גענגסטער. דער ייִנגל קוקט זיך ארום און ווייזט אָן אויף דעם טויטן קערפּער פון סראָלקען: „דיזער האָט עס געמאכט". אין דעם מאָמענט האָבן די באנדיטן אויפגעהערט צו שיסן. באַזוכן אונז נאָך איין מאָל. „הענדע האָך!" און מען פירט אונז לענג־אויס דעם געטאָ־קווארטאל צום זאמל־פונקט. דאָרט שטייען שוין אונטער שטרענגער וואך א פּאָר טויזנט ייִדן פארמשפּטע צום טויט. די איין־און־איינציקע גרופּע פּאַרברעכער זיינען מיר 18).

אין דער גרופּע איז אויך אומגעקומען דער אקטיווער קעמפער ליאָלעק מינץ 19).

דער ווידערקול פון דער זעלבשוץ איז אריינגעדרונגען אין די רייען פון די דערשלאָגענע, צעטומלטע און פארצווייפלטע ייִדן אויפן גירוש־פּלאַץ ביי דער באַן־סטאַציע. אין מיטן דעם יאוש און דעם געדראַנג איז ארויפגעקראָכן אויפן דאַך פון וואגאָן דער קאָמוניסט אבראשע פייגעלמאן („קאָליא") און, האלטנדיק זיין צוויי־יאָריק קינד אויף די הענט, האָט ער גענומען וואַרפן לאָזונגען: „אין סטאלינגראד האָבן די דייטשן פארשפּילט!" און ווענדנדיק זיך צו די פּוילישע באַן־ארבעטער האָט ער אויסגערופן: „מיר קומען אום, אָבער אויך אייער לעבן איז נישט זיכער! גייט ארויס אין קאַמף! די רויטע ארמיי גייט פאָרויס!" אונטן איז געשטאנען זיין פרוי און האָט אונטערגעכאַפּט זיינע לאָזונגען. א 'ביקסן־שאָס האָט א סוף געמאכט צו פייגעלמאנס לעבן 20).

---

17) וואַרשעווינלעך — סראָלקע שטערנפעלד (לויט ר. וואָיסקאָווסקאָס אינפאָרמאַציע).

18) א. גערשוני: „דער ווידערשטאַנד אין געטאָ", אַרכ' יוה"א, נ' 1253.

19) ג"ע פון י. ריוווקינד; אויך — גראָסמאַן, ז' 236.

20) ג"ע פון מ. בוך, ל. טשאַפּניק און א. רוד.

אין צוזאמענשטויסן מיט די דייטשן זיינען העלדיש אומגעקומען די זעלבשוץ־מיטגלידער: שלום פראפארץ אויף טשעפלע, סטעללא פייער־שטיין (זי האט זיך אין פארמלחמהדיקן פוילן קונה שם געווען ווי א מיט־באשולדיקטע אינם פאליטישן פראצעס פון די קאמוניסטישע געריכטס־באאמטע אין ווארשע), מאיר ווייס, חיים גלאז, לעווינסקא (דער נאמען איז נישט באקאנט); אן אומבאקאנטע 60־יעריקע פרוי מיטן נאמען באשע האט באגאסן די דייטשן מיט וויטריאל 21). נאך אנדערע אומבאקאנטע העלדן איז פארלארן געגאנגען יעדער שפור אינם געדעכעניש פון די לעבן־גע־בליבענע. בלויז אין איין טאג פון זעלבשוץ זיינען אין צוזאמענשטויסן געפאלן 28 יידן 22). מען האט געשמועסט אין די ווידערשטאנד־קרייזן, אז דער שונא האט קארלארן צען סאלדאטן און אפיצירן; לויט דעם באריכט פון דעם לאנד־דעלעגאט פון דער פויליש־עמיגראנטישער רעגירונג אין לאנדאן האבן די דייטשע פארלוסטן באטראפן 13 דערהרגעטע און דריי פארוואונדעטע. לויט דעם אינערלעכן ביולעטין פון „ז.וו.ז." האבן די דייטשן געהאט גרויסע פארלוסטן 23). אויפן דייטשן צמענטאר אין זוויעזשיניעץ האט א דייטשע אפטיילונג פייערלעך באגלייט די טרומנעס פון אכט שלאכט־קאמעראדן, וועלכע זיינען געפאלן פון יידישע הענט 24).

די באוועגונג גופא איז געווען ברייטער ווי די רעאליזירטע קאמף־ארויסטריטן. צוליב פארשידענע סיבות און אומשטענדן איז נישט אומעטום, וווּ זעלבשוץ־גרופן זיינען געשטאנען גרייט, זיי באשערט געווען זיך אנצוטרעפן פנים אל פנים מיטן שונא. עס איז געשטאנען גרייט א זעלבשוץ־גרופע אין דער גאלאנטעריע־פאבריק; אין אירע רייען האט די גרופע געציילט פשוטע פאלקס־מענטשן, פון צווישן וועלכע עס האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מסירת נפש דער פורמאן יאנקעלע 25). צוויי זעלבשוץ־גרופעס זיינען געווען גרייט אויף ניי־וועלט — איינע א קאמוניסטישע, די צווייטע פון שומרים און אומפארטייאישע אנטיפאשיסטן, די ערשטע גרופע האט געדארפט שיצן א הויז מיט פרויען און קינדער

---

21) דארטן; דער מאן פון סטעללא פייערשטיין — שמעון פייערשטיין האט אויך אנטייל גענומען אין די קאמפן און איז ארויס גאנץ (ג"ע פון ק. באראקין).
22) ג"ע פון ח. גראסמאן.
23) געהיימער מיליטערישער ארכיוו 5/43, ז' 19.
24) „אינפארמאציא ביעזשאנצא" נ' 8 (81) פון 29-טן פעברואר 1943 — ארכ' פון אינסטיטוט פון נייעסטער געשיכטע.
25) ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא.

און האָט צוגעגרייט כלי־זין, וואָס איז באַשטאַנען פון אײַזנס, ציגל, וויטריאָל 26). די צווייטע גרופּע איז געווען באַוואָפנט מיט שוועבל־זויערשטאָף־פלעשער און האָט פאַרבאַריקאַדירט דעם אַרײַנגאַנג פון בונקער מיט מעבל 27). אָבער צו קיין ברייטע אַרויסטריטן איז נישט געקומען מחמת חער נישט־קאָאָרדינירטקייט פון דער קעגן־אַקציע 28).

דער ווידערשטאַנד איז געקומען צום אויסדרוק נישט בלויז אין געטאָ גופא. ער האָט זיך אויסגעשפּרייט מחוץ זײַן תחום און איז אויסגעבראָכן אין פאַרשידענע אָקצן, ווי געזאָגט, אַפילו אין באַן. די יידישע יוגנט האָט זיך נישט מיאש געווען פון אַנטלויפן אויך אין די געדיכט־געפּאַקטע וואַגאָנען, וואָס האָבן געפירט צום טויט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די דערשיינונג פון שפּרינגען פון באַן אין מיטן לויפן פון צוג, הגם דאָס איז געווען ס׳רוב א שפּרונג דעם טויט אין די אָרעמס אַרײַן, וואָרעם די היטערס מיט אויסגעשטרעקטע אויטאָמאַטן האָבן געוואַכט אויף די וואַגאָנדעכער. אַזוי האָט זיך, אַ שטייגער, טראַגיש געענדיקט דער שפּרונג פון דער טעקסטיל־אַרבעטערין, דער אַרבעטער־טוערין עטל מיקלעווסקא, וועלכע האָט זיך געפּרוווט ראַטעווען אײַנײַנעם מיטן צוויי־יאָריקן זינדל פונם טויט־וואַגאָן און איז צוזאַמען מיט אים דערשאָסן געוואָרן דורך די רוצחים, וואָס האָבן געלויערט פון אויבן. עטלס מאַן, דער געוועזענער בערעזע־פאַרשיקטער יאַנקל סעגאַל, איז אומגעקומען פריער, תחילת מלחמה, הינטער וואָלקאָוויסק 29).

דער גייסט ביי די ווידערשטענדלער, וועלכע זײַנען געפירט געוואָרן מיטן טויט־צוג, איז אָפט געווען נישט קיין געבראָכענער. זיי האָבן ס׳רוב געטראַכט נישט וועגן זיך, נאָר וועגן דער הייליקער זאַך, וועגן דעם קאַמף. צווישן א גרופּע שומרים, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין צוג, האָט זיך אַנטוויקלט אַזא דיסקוסיע: ווער זאָל שפּרינגען פריער, די מיידלעך, צי די בחורים? די ערשטע האָבן געטענהט: ראַטעווען דאַרפן זיך פריער די בחורים, ווייל זיי וועלן מער צונוץ־קומען אינם וויטערדיקן קאַמף אין געטאָ. די בחורים ווידער האָבן געהאַלטן: פריער דאַרפן שפּרינגען די מיידלעך, ווייל זיי נויטיקן זיך גיכער אין הילף 30).

26) ג״ע פון י. לערמאַן.
27) ג״ע פון א. ליאַך.
28) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקא, מ. בוך, ל. טשאַפּניק און א. רוד.
29) דאָרטן.
30) טענענבוים, נאָטיץ פון 19-טן פעברואַר 1943.

עטלעכע פון אַט דער גרופּע האָבן זיך טאַקע געראַטעוועט, שפּרינ־גענדיק פון צוג, און זיבן צוריקגעקומען אין געטאָ ממשיך צו זיין דעם ווידערשטאַנד — יענטל סיוואָוויטש און אַנדערע 31).

א וויכטיקע ראָל האָבן געשפּילט בעת די טראַגיש־העראָישע טעג פון 5—12־טן פעברואַר די יעניקע חברים, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די שליחות צו ברענגען געווער אין געטאָ אַריין. דער דרייסטער יונגטלעכער תנחום (טאָליע) פּאָגאָרעלסקי מיט נאָך צוויי חברים דערפילן די שלי־חות און פירן אין געטאָ־אַריין געווער. די מסירת־נפשדיקע וואָפן־פאַר־זאָרגער האָבן אָבער ביים געטאָ־אַריינגאַנג אָנגעטראָפן אויף דייטשן. פּאָ־גאָרעלסקין איז געלונגען זיך צו ראַטעווען 32).

די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזט באַקאַנטמאַכונגען מיט א צוזאָג צו באַלוינען מיט 5000 מאַרק דעם, וואָס וועט אָנווייזן ווו פּאָגאָרעלסקי, געבוירן אין יאָר 1923, געפינט זיך. דער פּרייז פאַר פּאָגאָרעלסקיס קאָפּ איז דערנאָך געהעכערט געוואָרן אויף 10 טויזנט 33). מען האָט צעשיקט נאָך פּאָגאָרעלסקין שטעק־בריוו. דער העלדישער יאַט איז שוין אָבער געווען אין וואַלד 34).

מיט א צווייטן אָפּצווייג פון הילף האָט זיך פאַרנומען די 22־יעריקע אַנטיפאַשיסטישע אַקטיוויסטין חנה לעווין. זי האָט זיך אײַנגעם קריסטלעכן ווין־ראַיאָן פון ביאַליסטאָק געווידמעט דער וויכטיקער אַרבעט פון פאַ־בריצירן פאַלשע „אַרישע" דאָקומענטן. זי האָט דעראָבערט שטעמפּלען פון דרוקעניקער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פּראָדוצירט פּעסער און שיינען. חנהקע לעווין האָט געאַרבעט אַלס „אַריערין" ווי א רוימערין אין דייטשן אַרבעטס־אַמט און אײַנצייטיק אויסגעפירט וויכטיקע שליחותן פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג. אין דער צייט פון דער ערשטער זעלבשוץ איז זי אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון שונא. לאַנג האָט מען חנהען געפייניקט אין דער געסטאַפּאָ מיט כלערליי ענויים; די פּייניקער האָבן פאַרלאַנגט, זי זאָל אַרויסגעבן אירע שותפים און פאַרבינדונגען. דאָס מיידל האָט פאַרביסן געשוויגן. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן געפּרוווט אַן אַנדער מיטל, זיי האָבן אונטערגעוואָרפן חנהקען א פאַלשן בריוול כלומרשט פון איר מוטער, די לערערין שיינע לעווין־פּאַט; אין בריוול בעט די מאַ־מע, די טאָכטער זאָל זיך מודה זיין. חנהקע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס

31) ג"ע פון א. ליאַך.
32) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
33) מעלדונג פון י"ר פון 14-טן פעברואַר 1942, נ' 338.
34) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.

איז א פּראָוואָקאַציע; זי האָט געוווּסט: די מוטער איז אויך טעטיק אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און פירט אויס אַן אחריותפולע אַרבעט, זי איז איינע פון די פאַרבינדלערינס מיט סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, און די דייטשן האָבן וועגן דעם קיין אַנונג נישט געהאַט. חנהקע האָט ווייטער געשוויגן.

א פאַרפּייניקטע האָט מען חנהקען געפירט צום טויט. מענטשן, וועלכע האָבן דורך די קאַמער־קראַטעס אַרויסגעקוקט אויפן תפיסה־הויף, האָבן שפּעטער דערציילט, אַז דאָס העלדישע מיידל איז צום טויט געגאַנגען מיט אומגעוויינלעכער ווירדע, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. זי האָט אָפּגעשטויסן פון זיך די וועכטער. דער לעצטער האָט איר דערלאַנגט א שטאַרקן קלאַפּ. מיט די לעצטע כוחות האָט דאָס יידישע מיידל אויסגערופן צו די תליינים, אַז אַלע אַרעסטאַנטן זאָלן הערן:

— ס'איז גאָרנישט. אייער טויט וועט אויך קומען! איך האָס אייך! 35).

אין יענער צייט זיינען געווען אויף דער „אַרישער" זייט עטלעכע ענלעכע דורכפאַלן. חוץ חנהקע לעווין זיינען אַריינגעפאַלן די פאַרבינדלערינס שרה דעוועלטאָוו, חנה יעזשעווסקא און נאָך זיבצן יונגע חברים פון גראָדנע, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק אויף קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן, וועלכע זיינען שוין געווען „פאַרשיט" 36).

דער שלום־אַקאָרד פון דער פעברואַר־אַקציע האָט זיך אָבער נישט פאַרענדיקט מיט די אַכזריותדיקע רעפּרעסיעס פון די דייטשן. דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאַט די פאַרביטערטע מאַסע פון געטאָ. נאָך איידער די פאַרטיליקונג־אַקציע איז אָפיציעל איבערגעריסן געוואָרן, אין דער נאַכט פון 11־טן אויפן 12־טן פעברואַר, האָט זיך די יידישע מאַסע נוקם געווען אין די מוסרים, וועלכע האָבן אויסגעגעבן סכראָנעס, און זיי אויסגעמאָסטן דעם פולן מידת־הדין. דאָס איז געווען א נאַכט פון פאָלקס־גערעכטיקייט, וועלכע די מאַסע האָט זיך אַליין גענומען און מיט די אייגענע הענט באַלד אויפן אָרט אויסגעפירט. בראש פון דער מידת־הדין־אַקציע זיינען געשטאַנען חברים פון זעלבשוץ. די מאַסע האָט געכאַפּט די מוסרים און זיי דערהרגעט אין גאַס. מען האָט אַזוי אַרום מקיים פּסק געווען די מוסרים, וואָס האָבן אויסגעגעבן די אייגענע ברידער: בערל יעלין, דעם ביטע־שרייבער פון פאַבריק־גאַס 6, דעם שניידער שעוואַך,

---

35) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד; אויך — גראָסמאַן ז' 246; לויט ח. גראָסמאַן האָט די ווערטער: „איך האָס אייך!" אַרויסגעזאָגט א צווייטע געכאַפּטע פאַרבינדלערין — חנה יעזשעווסקא, דאָרטן.

36) גראָסמאַן, דאָרטן.

דעם שניידער פּיעניאָנזשעק 37), דעם א. ג. זאבלודאָווער מסור 38), דעם א. ג. אינטעליגענטן פורמאַן 39) און אנדערע. מען האָט אויך מקיים־פּסק געווען די אונטערוועלט־מענטשן, די גנבים, וועלכע האָבן זיך ווי שאקאלן געוואָרפן — נאָכן אַרויספירן די קרבנות — אויף די פאריתומטע דירות און זיי צעפּלינדערט. בראש פון דער נקמה־נעמענדיקער מאסע זיינען געשטאנען די זעלבשוץ־אקטיוויסטן: אברהמל זילבערשטיין, וועלכער האָט אליין אומגעבראַכט מיט א מעסער דאָס מיידל, וואָס האָט אויסגעגעבן זיין משפּחה 40), און — משה בוך אויף אַגראַדאָווע 5, וועלכער האָט זיך נוקם געווען אין דעם זאבלודאָווער מסור, וואָס האָט אויסגעגעבן דעם בונקער פון זיין פרוי און קינד 41) — זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן הויף; מ. בוכס פרוי אַסיאַש האָט זיך אקעגנגעשטעלט, זיך געווערט און נישט געוואָלט גיין 42). עס איז אין יענער נאכט פון באַרעכטיקטן פאָלקס־צאָרן כמעט נישט געווען קיין גאס, וווּ די מאסע זאָל נישט אַפּרוימען א מסור. שטארק אקטיוו זיינען אין דעם דאָזיקן גערעכטיקייט־אויסברוך פון פאָלק געווען די פורמאנעס, וועלכע האָבן צוגעענדיקט די מנובלים, וואָס האָבן נאָך געלעבט און איבערגעפּאַרן זייערע קערפּערס מיט וועגענער 43).

די נקמה־באוועגונג איז געווען אזוי גרויס, אַז ווי נאָר מ'האָט אָנגעוויזן אויף א מסור, איז באלד ארויס די גאנצע גאס און אים כמעט געלינטשט. די גופים פון די פאָלקס־פארעטער האָבן זיך געוואלגערט אזוי ווי שטשאַפּעס האָלץ אויפן ברוק — אויף טשעפּלע, פאבריק־גאס, פּאָלנע, אַגראָדאָווע און אנדערע ערטער 44). אויף דער פּאָליציי איז אָנגעפאלן א שרעקלעכער פּחד. אויך די דאָזיקע אויסוורפן האָט מען נישט געשוינט. דער פּאָליציאנט בערל זבאר, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף אַ סך יידישע באהאלט־ערטער, איז אומגעקומען ווי א הונט 45).

א ריי צעממיתטע מוסרים האָט מען געבראכט אין יידישן שפּיטאָל אריין. אָבער דאָ זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן מיט עקל און שנאה אזוי

37) ג״ע פון י. לערמאַן און ק. באַראַקין.
38) ג״ע פון מ. בוך.
39) ג״ע פון א. אָסאָוויצקי.
40) ג״ע פון י. לערמאַן.
41) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
42) דאָרטן.
43) ג״ע פון ס. ציטראָן און מ. בוך.
44) דאָרטן.
45) ג״ע פון פּ. ליפּינסקאַ.

שרהלע ראָזענבלאַט

ווי זיי האָבן פאַרדינט. אַזוי האָבן די דאָקטוירים נישט געוואָלט היילן דעם טויט־פאַרוווּנדעטן מסור בערל יעלין, און די קראַנקן־שוועסטער האָבן זיך נישט געוואָלט צורירן צו דעם נבזה. ווען ער איז אַרויסגעקראָכן פון די מכות און האָט זיך ווידער באַוויזן אין גאַס, האָט מען אים געלינטשט צום צווייטן מאָל; אויך איצט האָבן די קראַנקן־שוועסטער נישט געוואָלט היילן. עד איז געשטאָרבן פון די ווונדן 46). די זעלביקע באַציונג איז אין שפּיטאָל אַרויסגעוויזן געוואָרן צו אַלע ענלעכע מנוּבלים. די קראַנקע, דער־ווייסנדיק זיך, וועמען מען לייגט אַוועק אין צימער, האָבן פּראָטעסטירט און נישט געוואָלט אַזאַ נפש האָבן פאַר אַ שכן. דער אויפברויז פון פאָלק קעגן די פאַררעטער איז געווען זייער גרויס 47).

אויפצומאָרגנס האָט די חברה קדישא צונויפגענומען די דערהרגעטע מוסרים און זיי באַגראָבן צוזאַמען אויפן זשאַביער בית־עולם ביים פּלויט — קבורת חמור 48).

נישט אין אַלע מוסרים האָט מען באַוויזן זיך נוקם צו זיין 49).

דער יודענראַט, ציטערנדיק פאַר זיין אייגענער הויט, האָט אויף אַ גאַנץ כיטרען אופן געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער פילט מיט דער דאָזיקער מידת־הדין־אַקציע פון פאָלק. דעם 19־טן פעברואַר זיינען די געטאָ־מויערן באַקלעפּט געוואָרן מיט באַקאַנטמאַכונגען אונטערן טיטל „צום שאַנד־סלופּ", אונטערגעשריבענע דורכן יודענראַט. דאָס איז געווען די „רשימה נומער איינס" פון 35 פּערזאָן, וועלכע „האָבן אין די טרויעריקע טעג באַראַבעוועט די וווינונגען פון עוואַקוירטע". מיט קיין איין וואָרט ווערט אין דער באַקאַנטמאַכונג נישט דערמאָנט, אַז דאָס זיינען געווען מוסרים, וואָס האָבן אויסגעגעבן בונקערס, און די גירוש־פאַרמשפּטע ווערן דעליקאַט אָנגערופן בלשון „עוואַקואירטע". דערביי איז דער יודענראַט באַגאַנגען אַ פּראָוואָקאַציע לגבי דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אויף דער שאַנד־סלופּ־רשימה האָט ער אויך אַרויפגעצויגן עטלעכע זעלבשוץ־מיטגלידער 50).

דער מאַנעוור פונם יודענראַט האָט אָבער קנאַפּ וואָס נושא חן געווען ביי דער פאַרביטערטער מאַסע. כדי צו באַרויקן די געמיטער און ...יטן

---

46) ג"ע פון ט. ציטראַן און פ. קאָזשעץ.

47) ג"ע פון א. אָסאָוויצקי.

48) ג"ע פון ט. ציטראָן.

49) „דערקלערונג פון י. מייזעל וועגן דער אויפפירונג פון רוטאַ קני־שיסקאַ בעת דער ערשטער אַקציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ", אַרכ' ייה"א, נ' 2949.

50) ג"ע פון מ. בוך און י. ריווקינד.

ציל אויסצומיידן וויטערדיקע אומרוען און אליינגעריכטן פון פאלק איבער פארטײער, האט די דייטשע מאכט אויפ־געהאנגען דריי באשולדיקטע אין ראבירן די הייזער פון די ארויסגעפירטע פאמיליעס. דער יודענראט האט אין א ספעציעלער מעלדונג איבערגעגעבן די נעמען פון די דריי: מאיר טשאפ־ניק פון קופיצקע 21, מרדכי בירגער פון ניי־וועלט 16 און חיים שטיין פון ניי־וועלט 16. לויט דער מיינונג פון א ריי לעבנגעבליבענע עדות זיינען דאס געווען אומשולדיקע מענטשן, בעת די באמת שולדיקע יידישע פא־ליציאנטן, וועלכע האבן געגזלט און ראבירט, האט מען געשוינט (51).

די תליה איז אויפגעשטעלט געווארן ביים טייכל ביאלקע אקעגן דעם בנין פונם יודענראט.

אבער אויך דאס האט שוין ווייניק געהאלפן. די רעפוטאציע פונם יו־דענראט איז געווען ארונטערגעריסן. די מאסע האט שוין נישט בלויז פאר־לוירן יעטוועדע אילוזיע לגבי דעם דייטש, נאר אויפגעהערט זיך צוצוהערן צו דעם, וואס עס זאגן די באלעבאטים (52).

---

(51) טענענבוים, נאטיץ פון 12-טן פעברואר 1943.

(52) ג"ע פון מ. בוך און י. ריווקינד.

קאפיטל זעקס

חשבון־הנפש

„...און מאַנטיק אינדערפרי האָבן מיר זיך ווידער אומגעקערט צום „נאָרמאַלן" לעבן, צו דער כסדרדיקער צאַפּלעניש אין פויסט פון רוצח, אין שטענדיקן אומאויפהערלעכן פּחד פאַרן נאָענטן טויט, וואָס שטייט אונז פאַר די אויגן.

„עס שליידערן זיך אונזערע נשמות ווי אין כף הקלע, אין דער פּיינלעכער פראַגע: אויף ווי לאַנג האָבן מיר איצט באַקומען א פּראָלאָנגאַציע — אויף טעג, צי אויף וואָכן. אָפּטימיסטן גלויבן, אז מען וועט אונז נאָך לאָזן לעבן א חודש, און פּעסימיסטן וואַרפן דאָס אָפּ.

„מענטשן גייען אַרום ווי שאָטנס, פיזיש און גייסטיק געבראָכענע, מיט אַן אויסגעלאָשענער האָפענונג אין די בליקן, מיט אויטאָמאַטישע באַוועגונגען פון אינערציע ווי לונאַטיקער.

„און אונזער לייכטגלויביקע און אויפציטערנדיקע אַנטענע נעמט שוין אויף פרישע קלאַנגען וועגן וויסטערדיקע רייבונגען אין וואַרשע, ווילנע און לאָדזש".

אזוי האָט כאַראַקטעריזירט פּסח קאַפּלאַן אין זיין כראָניק „חורבן ביאַליסטאָק" דעם געבראָכענעם געמיט פונם רוב פון די לעבנגעבליבענע נאָכן גרויסן בראָך פון חודש פעברואַר. ביי א טייל מענטשן האָבן די געשעענישן אַרויסגערופן א שטימונג פון יאוש, ביי אַנדערע רייסן זיך אַרויס פון מויל און פון אונטער דער פּען ווערטער פון פאַרביטערנג, פאַרביטערונג נישט בלויז אויפן אַדרעס פון יודענראַט, נאָר אויך אויפן חשבון פון די, מיט וועלכע מען האָט פאַרבונדן האָפענונגען פון ווידערשטאַנד און זעלבשוץ. זיצנדיק אין אַן אונטערערדישער מלינה און צוקוקנדיק זיך מיט ברוּיזנדיקע, אָבער אָנמעכטיקע געפילן צו דער שאַנד,

וואָס האָט געהוליעט אין דרויסן, האָט אַן אומבאַקאַנטער ייִד אויסגעגאָסן זיין פאַרביטערטע נשמה אויף פּאַפּיר און אונדז איבערגעלאָזט א דאָקומענט, וואָס איז א שפּיגל פון דער שטימונג ביי א טייל געטאָ־אסורים אין לויף פון דער אויסראָט־אקציע. אין דעם דאָקומענט שרייבט דער ייִד צווישן אַנדערן אַט וואָס:

„דערדריקט, דערשראָקן, אויפגערעגט נורעט זיך איין יעדער אין זיין ווינקל, יעדער ביי זיין נאָענטן שכן און קלאַמערט זיך מיט זיינע געדאַנקען... ביי אַלעמען וואַקסט אויס די גרויסע מוראַדיקע פראַגע: ווו זיינען אונדזערע יאַטן? פאַרוואָס שלאָפן זיי? אויף וועמען און אויף וואָס וואַרטן זיי? ווו איז דאָס דער גרויסער דונער, וועלכער האָט געדאַרפט מאַכן אויפציטערן דאָס גאַנצע געטאָ און צעברעכן דאָס ביסל מערדער? און א יאוש, א יאוש אויסגעמישט מיט פאַרביטערונג. און חרפּה האָט זיך צעגאָסן ווי א לאַווע איבער דעם געטאָ... ווי שעמען זיי זיך נישט פאַר די אמתע העלדן אויפן מזרח־פראָנט?

„נאָך א לאַנגן שווייגן, נאָך א שאַרפן קריץ מיט די ציין, נאָך א לאַנגער ריי פון שווערע מחשבות שוועבט דאָך אויף דער געדאַנק, אַז... אפשר, אפשר זיינען זיי דאָך גערעכט! אפשר ווייסן זיי דאָך, וואָס זיי טוען? אפשר דאַרף מען אָפּוואַרטן? אפשר וועלן זיי באַווייזן זייערס? אפשר?" 1).

די דאָזיקע ווערטער זיינען וואַרשיינלעך אָנגעשריבן געוואָרן באַלד דעם ערשטן טאָג, נאָך ערב דעם גבורה־אקט פון יצחק מאַלמעד, ווארעם עס איז נישט מעגלעך, אַז מאַלמעדס אויפטו, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע געטאָ, זאָל נישט ווערן באַמערקט דורך דער מחבר פון די ציטירטע שורות, בפרט אַז דער פּראָפעסער זייערער אַנטפּלעקט זיך ווי א מענטש, וואָס לעכצט צו ווידערשטאַנד און דריקט אויס זיין אַנטציקונג פאַר דער רויטער אַרמיי, וועלכע קעמפט אויפן מזרח־פראָנט. אין די ווייטערדיקע טעג פון דער פאַרטיליקונג־אקציע זיינען די נקמה־באַגערן פון דעם אַנאָנימען מחבר טיילווייז באַפרידיקט געוואָרן. עס איז געקומען צו א ריי זעלבשוץ־אַקטן, וועגן וועלכע מען האָט ברייט גערעדט אין געטאָ. אַזוי איז, למשל, דער גראַנאַט, וואָס עס האָט געוואָרפן די קאָמוניסטקע

1) דאָס דאָזיקע שרייבן איז אויסגעגראָבן געוואָרן איינעם מיטן גאַנצן אַרכיוו פון געטאָ; אויפן פּאַפּיר איז אָנגעשריבן מיט א צווייטן כתב־יד דער נאָמען „דאַוויד" (אַרכ' ייה"א, נ' 42/46).

פרידע פעל, געוואָרן אין געוויסע קרייזן אַ שם דבר פונקט ווי מאַלמעדס ערשטער ווידערשטאַנד־אַרויסטריט 2).

דער אַנאָנימער מחבר, וועלכער דריקט אויס זיין פאַרביטערונג לגבי דער אונטערערדישער באַוועגונג, איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געחלומט וועגן ווידערשטאַנד און נקמה. און נישט בלויז אין די פאַרקאָנספּירירטע מלינות איז אָט דער טרוים געוועבט געוואָרן. אויך צווישן די שוצלאָזע ייִדן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אונטער אַן אָפּשפּאָ־טנדיקן קאָנוואָי צו די טויט־צוגן, האָט געגורטעוועט אַ שטימונג פון נקמה־לעכצונג. אויף די מויערן פון די גאַסן, דורך וועלכע עס האָט גע־פירט דער וועג צום טויט, זיינען מיט פלעקיקע, רויטע, בלוטיקע אותיות געווען איינגעשריבן לאָזונגען, וואָס האָבן געוועקט און געמאָנט: „מיטן אייגענעם בלוט פון צעקלאַפּטן פּנים שרייב איך — דאָ האָט מען פאַר־פייניקט טויזנטער ייִדן, נקמה! נקמה! 3).

לאַנג נאָך די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן האָבן פון די ווענט אַראָפּ־געשריען די דאָזיקע רופן און נישט געלאָזט רוען די לעבנגעבליבענע געטאָ־איינוווינער. אַ סך ייִדן, קרבנות פון ערשטן ליקווידאַציע־גירוש האָבן איבערגעלאָזט, אין אָנגעזיכט פון טויט, צוואות, אָפט אין דער פאָרם פון לעצטע געזעגענונג־בריוו צו די נאָענטסטע און טייערסטע.

אַזאַ בריוו האָט איבערגעלאָזט פאַר איר מאַן, וואָס האָט זיך געפינען אין טיף ראַטנפאַרבאַנד, די פרוי זלאַטע גליקסמאַן־בריש, געוועזענע קולטור־טוערין פון לאָדזש און סעקרעטאַרין פון דער דאָרטיקער איוואָ־אָפּטיילונג און פון דער עספּעראַנטיסטן־געזעלשאַפט; זי איז אין 1939 יאָר פון אָקופּירטן לאָדזש אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק.

זלאַטע גליקסמאַן־בריש האָט אויף אַ טראַגישן אופן פּראָטעסטירט קעגן דער אויסראָט־אַקציע. איר איינציקער זון, יאָסל (יוזשעק) איז צוגענומען גע־וואָרן דורך די עס־עס־לייט. ער איז געווען איינער פון די קרבנות פון דייטשן טעראָר, וואָס איז געקומען ווי אַן ענטפער אויף דער ייִדישער ווי־דערשטאַנד־אַקציע. די מוטער האָט ווי אַ פּראָטעסט זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז. וועגן דעם האָט מען זיך גלייך דערוווּסט אין געסטאַפּאָ. עס איז ביי די דייטשן געבוירן געוואָרן אַ חשד, און מען האָט די פרוי, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ האָפענונגסלאָזן צושטאַנד, גענומען אין אַ שפּי־טאָל אויף היילונג מיטן ציל אַרויסצופּרעסן דערנאָך פון איר ייִדי־

---

2) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
3) ג"ע פון י. ריווקינד.

עות. די יידישע קולטור־טוערין האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. זי האָט זיך נאָכאמאָל צוגעגרייט צו זעלבסטמאָרד, און די לעצטע ווערטער געווענדט צום מאַן, וועגן וועלכן זי האָט קיין גענויערע ידיעות נישט געהאַט, אָבער געוווסט, אז ער איז אוועק אויף מזרח.

„טייערער! — שרייבט זי אין דעם געזעגענונגס־בריוו, — היינט שרייב איך דיר צום לעצטן מאָל. ווי מאָדנע איז דאָס לעבן, איך בין דאָך שוין אַזוי לאַנג אָן אונזער יאָסעלען. מען האָט מיר אים אוועקגענומען. ער איז געגאַנגען צום טויט ווי אַן אמתער העלד. ער האָט מיך איינגעשטילט, געקושט אין די ליפּן. ער האָט געאַרבעט זייער שווער אויף בויאונגען, אָבער שטענדיק אין די אָוונטן א סך געלייענט און געלייזט מאַטעמאַטישע אויפגאַבן. שיין איז ער געווען ווי דער טרוים. דעם זעלביקן טאָג, ווען מען האָט אים גענומען, האָב איך זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז. די דייטשן האָבן מיך גענומען אין שפּיטאָל און אויסגעהיילט. היינט גיי איך אליין צו אונזער יאָסעלען. טייערער! איך וויל, אז דו זאָלסט געדענקען, ווער עס זיינען געווען אונזערע תּלינים. געדענק דעם נאָמען קאַטענקא 4). אפשר וועסטו אים טרעפן אין לעבן, זאָלסטו געדענקען וועגן אים אלץ! איך האָב יאָסעלען געלערנט שיין צו שטאַרבן. אָבער פון דיר פאָדער איך קאַטעגאָריש, דו זאָלסט לעבן!

זיי געזונט. איך קוש דיך.

דיין זלאַטע".

דעם בריוו האָט באַהאַלטן ביי זיך א פּשוטע ביאַליסטאָקער פּוילישע פרוי יאַנינא קאָשוטאָווא, וועלכע האָט נאָך דער באַפרייונג אויפגעזוכט זלאַטעס מאַן און אים איבערגעגעבן די דאָזיקע מערקווירדיקע צוואה, אין וועלכער עס ווערן אויסגעדריקט צוויי הייסע פאַרלאַנגען: די לעבנגעבליבענע זאָלן נקמה נעמען און ווייטער ציען דעם פאָדים פון לעבן, זיי זאָלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם עמלק פון אונזער צייט, דעם היטלעריזם, און זיי זאָלן ווייטער בויען דאָס לעבן פון יחיד און כלל, נישט אַריינפאַלנדיק אין אייביקער אבלות.

אין אָט דער שווערער, אויסזיכטסלאָזער צייט האָבן זיך די בליקן פון די פאַראַבלטע יידן געווענדט אויף מזרח, צום לאַנד, וווּ א סך פון זייערע נאָענטסטע און טייערסטע האָבן זיך געראַטעוועט און געשמידט — אינאיינעם מיט די פעלקער פון גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד — דאָס געווער פון

---

4) קאַטענקא — א יידישער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אויסגעגעבן יידישע אונטערערד-אַקטיוויסטן.

נצחון איבערן פאשיזם. די דאָזיקע האָפענונג שלעגלט זיך אדורך ווי דער איינציקער ליכטיקער שטראַל אין דעם טראגישן טאָן פון די בריוו, וואָס טויט־אורלאָפירטע יידן פון געטאָ האָבן נאָך דעם פעברואַר־אומגליק איבערגעלאָזט. אָט שרייבט די ביאַליסטאָקערין פרוי ג. טוראָן צו איר ער א ווייסרוסישער פריינדין וואסילעווסקאיא נאָך יענע גרויליקע טעג 5):

„ליבער פריינד!

„דריי חדשים נאָך דעם מאַנס טויט האָט מען פון מיר אוועקגעריסן מיינע טייערע שוועסטער, שוואָגערס, פלימעניק און פלימעניצע. איך בין פארבליבן איינע, אייניקע אליין, מיט די אלטע, קראַנקע עלטערן, מיט וועלכע איך דארף זיך מטפל זיין. די גאַנצע צייט האָבן די שוועסטער געטרייט וועגן מיר. אויף דעם קבר פון מיין מאַן האָבן די קינדער ביי־געלייגט א נדר: „פעטער, ווען מיר וועלן אויסוואַקסן, וועלן מיר זיך באַמיען צו זיין אַזעלכע ערלעכע ווי דו און אונזער גאַנץ לעבן וועלן מיר זאָרגן פאַר דער מומען".

„איצט האָב איך זיי אויך פארלאָרן. שוין זעקס חדשים ווי איך זע נישט און הער נישט קיין גוט וואָרט. איר ווייסט דאָך, טייערע, ווי צארטעכ איז געווען צו מיר שטענדיק די באַציונג פון מיין אומפארגעסלעכן מאַן, פון מיינע קרובים און פון אלע ארום. אונזערע סלאָנימער פריינד זיינען אויך אומגעקומען. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך בין שוין לגמרי פארלאָזט און פארגעסן. מיטאַמאָל א בריוו, וואָס איז געווען פאַר מיר אומדערוואַרט. איר שרייבט: „טייערע פרוי טוראָן!".

„נישט שוין־זשע איז עס אדרעסירט צו מיר? איז נאָך דאָ א מענטש, וואָס אינטערעסירט זיך מיט מיר? וואָס וויל ווייסן, ווי עס לעבט זיך מיר מאַטעריעל און מאָראַליש? עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, וואָס פאַר א באַדייטונג עס האָט פאַר מיר אייער בריוו!

„און אויב איך וועל בלייבן לעבן, טאָ מיט וואָס וועל איך קאָנען אייך אָפּצאָלן פאַר אייער ליבער און גוטער באַציונג צו מיר? איך פערזענלעך בין מאָראַליש און פיזיש אָפּגעשוואַכט. ד י א יי נ צ י ק ע ה א ָ פ ע־ נ ו נ ג — ד אָ ס ז יי נ ע ן מ יי נ ע ק י נ ד ע ר. זיי פארנעמען דאָרטן הויכע ערטער און איך טראַכט מיט זייער הילף אָפּצודינען ווען עס איז מיינע פריינד.

„ווי איך פארברענג די צייט? איך אַרבעט די גאַנצע צייט אין דער

---

5) דער בריוו איז געשריבן אין רוסיש.

קארטאָן־פאַבריק. שטענדיק די ערשטע שיכט פון פינף פאַרטאָג ביז איינס בייטאָג. יעדן טאָג גיי איך אויפן בית־עולם.

„ווי עס גייט מיר מאַטעריעל? איך פאַרקויף אויס אַלע זאַכן".

די איינציקע האָפענונג — שרייבט פרוי טוראַן, — זיינען מיינע קינ־דער; זיי פאַרנעמען דאָרטן הויכע ערטער. ד אָ ר ט ן — אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

דעם דאָזיקע בריוו — אַ דאָקומענט פון אונטערגאַנג פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער פאַמיליע, פונם אַרט לעבן אין געטאָ און פון דער איינציקער האָפענונג, אַז דער המשך און די באַצאָלונג, סיי דער עונש, סיי דער שכר, וועט קומען פון מזרח — אַט דעם בריוו האָט די וואַסילעווסקאַיאַ, פרוי טוראַנס פריינדין, באַהאַלטן ביי זיך ביז דער באַפרייונג און עס דער־נאָך איבערגעגעבן דער יידישער געזעלשאַפט 6).

און — אַ דריטער בריוו וואָס זאָגט אויך עדות אויף די דאָזיקע גע־פילן פון דער איינציקער האָפענונג, וואָס זיינען פאַרבונדן געווען מיטן נצחון פון דער רויטער אַרמיי. דעם דריטן בריוו האָט געשריבן דער ייד ליכטענשטיין, וועלכער האָט אַמאָל געהאַט אַן אַפטייק־סקלאַד אין ביאַ־ליסטאָק אויף דאָמבראָווסקי־גאַס. דער אַלטער ליכטענשטיין האָט בכיוון אויסגעמיטן אַרויסצוגיין אין גאַס, נישט וועלנדיק איבערלעבן די דער־נידעריקונג פון אָנטאָן די געלע לאַטע. דעם בריוו האָט ער אַרויסגעשיקט צו אַ פוילישן פריינד ד״ר דראָזדאָווסקי, וועלכער האָט געוווינט אויף מיצקעוויטש־גאַס. אין אַט דעם בריוו דריקט ליכטענשטיין אויס די האָ־פענונג, אַז זיין זון, וואָס איז אין ראַטנפאַרבאַנד, וועט צוריקקומען און נעמען נקמה 7).

דער טרוים פון אַלטן יידישן אַפטייקער איז אין אַ געוויסער מאָס מקוים געוואָרן. זיין זון האָט זיך צוריקגעקערט ווי אַן עכטער נקמה־נעמער — אין דער ראַנג פון אַ לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי. דער אַלטער פוילישער דאָקטאָר האָט דעם בריוו געהאַלטן ביי זיך, דערפילט די בקשה פון זיין אַמאָליקן יידישן שכן און איבערגעגעבן די דאָזיקע צוואָה דעם יונגן ליכטענשטיין.

* * *

דער דאָזיקער גאַנצער קנויל פון פאַרשידענע, אָפטמאָל סתירהדיקע שטימונגען — פאַרצווייפלונג און האָפענונג, פאַרביטערונג און אַליינקריי־

---

6) אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 45/47.

7) דער בריוו איז געשריבן אין פויליש (אַרכ׳ ייה״א, דאָרטן).

טיק, אבלות און נקמה־דורשט — איז נישט געווען פרעמד אויך אין די רייען פון דער ווידערשטאנד־באַוועגונג. די טויער פון אונטערערד האָבן זיך אָפּגעגעבן א דין וחשבון פון דעם גרויסן באַטייט פון ערשטן, הגם נאָך שוואַכן, באַוואָפנטן אַרויסטריט, פון זיין ווענדפונקט־אַרטיקייט. שטאַרק געהויבן דעם מוט ביי די אַנטיפאַשיסטישע זעלבשוץ־אַקטיוויסטן האָט דער פאַקט, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען א האַרציקע באַגריסונג פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.) פון וואַרשע צו דעם ערשטן אָפּענעם ווידערשטאַנד[8]. די דאָזיקע באַגריסונג, וועלכע איז אָנגעקומען דורך אונטערערדישע קאַנאַלן, האָט איבערצייגט די געטאָ־קעמפער, אַז זייער געראַנגל איז נישט איזאָלירט און נישט פאַריתומט. געקרעפטיקט האָט אויך די זעלבשוץ־חברים דער דערמאָנטער שוין דאָקומענט פון געסטאַפּאָ מיט איר אָפּשאַצונג, אַז די ערשטע ליקווידיר־אַקציע אין ביאַליסטאָק איז פּאַקטיש געווען א פּאָליטישער דורכפאַל פאַר דער געהיימער שטאַטס־פּאָליציי. אין דער זעלביקער צייט זיינען אָנגעקומען די פריידיקע גרוסן פון מזרח־פראָנט, דאָס קייקלען זיך פון די דייטשע חיילות צוריק — נאָך דער וויסטער מפּלה אין סטאַלינגראַד. ווי א רעזולטאַט פון דעם איז געקומען די פאַרשטאַרקונג פון דער טעטיקייט ביי די פּוילישע און סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער אין דער געגנט[9].

אָבער די אַלע דערמוטיקונגען האָבן נישט באַפרייט די פירער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק פון דעם חוב אָפּצושאַצן ניכטער די ערשטע זעלבשוץ און מאַכן א חשבון הנפש פון די אייגענע שוואַכקייטן. זיי האָבן איינגעזען, אַז איין גרונט־פעלער איז באַשטאַנען אין דעם שוואַכן קאָנטאַקט מיטן וואַלד, צוליב וואָס דאָס געווער פון דאָרטן האָט נישט געטראָפן צו דער צייט צו די געטאָ־קעמפער[10]; א צווייטער פעלער איז געווען דאָס, וואָס די אָנפירונג איז נישט אומעטום געשטאַנען אויף דער הויך פון דער אויפגאַבע[11]; מען האָט אָנערקענט, אַז די קאָאָרדינירונג פון די קאַמף־גרופּעס אין געטאָ איז געווען א לויזע[12]; און דער עיקר:

---

8) עס גיט וועגן דעם איבער ר. וואָיסקאָווסקאַ, וועלכע געדענקט לפי ערך דעם אינהאַלט פון דער באַגריסונג.

9) מאַכאַל, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 1282.

10) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.

11) ב. וואַסערשטיין: „די אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ״, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 19.

12) ג״ע פון מ. בוך.

דאָס טראַגישע אין דעם אַלעמען איז געווען קודם־כל דאָס, וואָס די אונ־טערערדישע כוחות האָבן באַגעגנט דאָס אומגליק אין אַ צושטאַנד פון צעשפּליטערונג. דאָס, וואָס נישט אַלע אין אונטערערד האָבן פאַרשטאַנען אַריינצופירן אין לעבן דעם ברענענדיקן רוף, וועלכער איז געקומען פון וואַרשע, פון יוסף לעוואַרטאָווסקין. דער „צווייטער בלאָק" — מיטן אויס־נאַם פון די שומרים, וועלכע האָבן דאָך געשאַפן אייגנצייטיק אַ טייל פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק — דער דאָזיקער „צווייטער בלאָק" האָט זיך אין דער פעברואַר־זעלבשוץ נישט באַטייליקט 13).

מיט וואָס קלערט זיך אויף דער פאַקט, וואָס דער „צווייטער בלאָק" איז אין דער ערשטער פאַרטיידיקונג נישט געווען? איז דאָך מרדכי טענענבוים געקומען נאָך מיט דריי חדשים צוריק אין ביאַליסטאָ־קער געטאָ אַריין אַן אײַנערלעך גרייטער צום קאַמף און מיט דער מיסיע צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד אין די ציוניסטישע רייען. דרינגט דאָך אַרויס פון זיינע נאָטיצן, אַז נאָך פאַרן פאַטאַלן פעברואַר האָט ער און אַ טייל פון זיינע נאָענטע חברים געטראַכט וועגן באַוואָפענונג און ממשות־דיק געגרייט און מאַגאַזינירט געווער. האָט דאָך טאַמאַראָפס אַרסענאַל פאַרמאָגט דעם 29־טן יאַנואַר בלויז פון אייגענער געווער־פּראָדוקציע 30 גראַנאַטן, חוץ אַנדערע. האָט ער דאָך בעת אַ טרעפונג מיט די חברים פון „השומר־הצעיר" זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז דער פאַרייניקטער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק וועט אַרויסטרעטן, און איז אַפילו באַקאַנט געווען — דורך די שומרים — מיטן לכתחילהדיקן פּלאַן אָנצוגרייפן מיט אַ קאָנצענטרירטן כוח די דייטשן ביים טויער און דערנאָך צו שיצן דורך איינצלנע גרופּן די עוונטועל־אַטאַקירטע פאַבריקן 14). האָט דאָך טענענ־בוים דעם 4־טן פעברואַר, סאַמע ערב דעם אומגליק, געדראָט באַראַשן, אַז עס קאָן קומען אַ ספּאָנטאַנער ווידערשטאַנד און אַז דעמלט וועט אויך דער „דרור" אַרויסטרעטן 15). און אין דער נאַכט פון פערטן אויפן פינפטן פעברואַר האָט דאָך טאַמאַראָף אַליאַרמירט די שומרים און די בית״ר־גרופּע און זיי גערופן צו קאַמף־גרייטקייט 16). ביי טענענבוימען איז אַזוי אַרום געווען די דעציזיע און די גרייטקייט אַרויסצוטרעטן. טאָ

---

13) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ, מ. בוך און י. ריווקינד.
14) טענענבוים, נאָטיץ פון 19-טן פעברואַר 1943.
15) טענענבוים, נאָטיץ פון 4-טן פעברואַר 1943.
16) דאָרטן.

וווּ שטעקן די סיבות פון דער אָפּוועזנקייט פונם „צווייטן בלאָק" בעת דער פעברואַר־זעלבשוץ?

מרדכי טענענבוים און זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער זיינען געווען דעצידירט צום באַלדיקן קאַמף און זיי האָבן דעם געדאַנק פּאַרטיידיקט. אָבער אין די רייען פון „צווייטן בלאָק" זיינען די ספיקות און וואַקלענישן געווען זייער גרויס. אין זיינע נאָטיצן פון 14־טן יאַנואַר 1943 גיט איבער טאַמאַראַף וועגן דער פאַרזאַמלונג פונם אַקטיוו פון „דרור". אויף דער פאַרזאַמלונג שטייט טאַקע די פראַגע פון גראַנאַטן; באַלד אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע: „צי דאַרפן מיר אָנהייבן אַ קאָנטער־אַקציע נאָר דעמלט, ווען דאָס געטאָ וועט בלייבן שטיין פּנים אל פּנים מיט איר פולשטענדיקער פאַרניכטונג און נישט רעאַגירן ביים אַרויספירן די ערשטע צען טויזנט, אָדער — אָנהייבן באַלד ביים ערשטן (אַרויסגעפירטן) ייד?" „די מענטשן פון „השומר־הצעיר" — שרייבט טענענבוים, — האָבן אַ מער קלאָרע שטעלונג איידער אונזערע מענטשן. ביי אונזערע מענטשן איז אַלץ פאַרנעפּלט. זיי האָבן ווייניק געלערנט פון דער דערפאַרונג אין די אַנדערע שטעט. אין אַלגעמיין איז די שטימונג אָנצוהייבן מיטן ערשטן ייד, וואָס איז אין אַרבעט־עלטער. דער באַשלוס וועט, פאַרשטייט זיך, פאַלן אין דער צייט פון דער אַקציע, צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען, צו דער טאַקטיק פון פאָלקס־אויפשטאַנד וכדומה".

דעם 29־טן יאַנואַר האָט שוין די אָנפירונג פון „צווייטן בלאָק" געוווּסט, אַז דעם צווייטן פעברואַר הייבט זיך אָן די גירוש־אַקציע אין ביאַליסטאָק. טענענבוים פאַרצייכנט דעמלט: „וואָס אונזערע מענטשן וועלן נישט טאָן, וועט נישט זיין". און פונדעסטוועגן — די אַקציע בושעוועט אין געטאָ, און דעם אַכטן פעברואַר (דריי טעג נאָכן אָנהייב פון דער ערשטער ליקווידאַציע) לייענען מיר אין טאַמאַראַפס נאָטיצן: „נאָך מיטאָג — די זיצונג פון אונזער אָנפירונג. מען באַשליסט, אַז אויב די אַקציע וועט זיך נישט ענדיקן, אויב זיי וועלן נישט עובר זיין אויף זייער קאָנטיגענט (6.300 מאַן), וועלן מיר אַרויסטרעטן". דער „צווייטער בלאָק" איז — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די גאַנצע צייט פאַרגרייט ער געווען 17), — מסכים געווען נישט אַרויסצוטרעטן, כל־זמן דער גירוש און די ליקווידאַציע איז נוגע דעם קאָנטיגענט, אויף וועלכן עס איז מסכים געווען דער יודענראַט. די דייטשן באַפרידיקן זיך נישט, ווי באַקאַנט, מיט דעם דאָזיקן קאָנטיגענט, זיי שטייגן איבער די אָפּגערעדטע צאָל, זיי נעמען

---

17) טענענבוים, נאָטיץ פון 18-טן יאַנואַר 1943 א"א.

זיך אויך צו די פאבריקן, און נאָך דעם, דעם 9־טן פעברואַר, פרייטיק אין אוונט קומט ווידער פאָר א זיצונג פון אקטיוו פון פועלי־ציון צ. ס. און עס ווערט באַנייס באשלאָסן אפּצולייגן די דעציזיע אויף מאָרגן, שבת; אויב שבת וועט נישט אָפּגעשטעלט ווערן די אקציע, טרעט מען ארויס 18).

דאָס זעלביקע, וואָס עס פאַרצייכנט ביי זיך טענענבוים, חזרט איבער די „דרור"־אקטיוויסטקע בראַניע וויניצקא, וועלכע גיט איבער: 19).

„מיטן אָנהייב פון דער אקציע, ווען עס איז געוואָרן באַוווסט, אז די אקציע נעמט ארום פינף טויזנט יידן נישט ארבעטנדיקע, איז אָנגענו־מען געוואָרן א באשלוס נישט צו שטעלן קיין ווידערשטאנד, נאָר צו פאַר־זיכערן אזוי, אז עס זאָלן אין דער אקציע נישט אריינפאלן קיין מיט־גלידער פון דער זעלבשוץ. צו דעם צוועק האָט מען געזאָרגט, אז אלע חברים פון זעלבשוץ זאָלן זיך געפינען אין דער צייט פון דער אקציע אין די פאבריקן, וועלכע זיינען געווען געשיצט פון דער אקציע. נאָר איינצלנע חברים פון „השומר־הצעיר", פאקטיש די פירער, זיינען נישט אוועק אין די פאבריקן, נאָר געבליבן אין סכראָן אנטשלאָסן צו שטעלן א ווידער־שטאנד". ווי עס איז קענטיק פון טענענבוימס נאָטיצן פון 8־טן פעברואַר 1943, פאלט ער אליין ארונטער אונטער דער שטימונג זיך צו באַ־האלטן אין די פאבריקן; ער שרייבט דאָרטן:

„פּרעזע — ווי־מאכט־באשאפונגס־אמט — ריסטונגס־קאָמאנדאָ (פון די „גוטע") באַזוכט דאָס געטאָ און פאַרזיכערט, אז מען וועט נישט טשע־פּען די פאבריקן. אין פאָדער פון „השומר־הצעיר", זיי זאָלן שיקן זייערע מענטשן אין די פאבריקן, מען דאַרף נישט שטעלן די מענטשן אין גע־פאַר, אויב עס איז מעגלעך זיי צו פאַרזיכערן ביזן טערמין, וואָס איז באַ־שטימט צום אָנהייב זייער שטעלונג (פון די שומרים — ב. מ.) איז נישט קיין קלאָרע. זיי ענטפערן, אז אין בונקער איז שטאַרקער דער „דוך באַ־יאָווי" (קאַמפּס־גייסט — ב. מ.) פון די מענטשן. איך זאָג צו זיי: „וועגן וועלכן „דוך באַיאָווי" רעדט איר, ווען די מענטשן שלאָפן נישט, הונגערן, זיינען אין שטענדיקן געפאַר? זאָלן זיי אריבערגיין אין די פאבריקן. אויב מען וועט דאַרפן, וועלן מיר זיי פון דאָרט נעמען, מיטרייסן נאָך זיך טויזנטער".

די וואקלענישן אין די רייען פון „צווייטן בלאָק" ווערן אויסגע־טייטשט דורך צוויי פאַרשידענע סיבות. איין סיבה קלערט עס אויף דער־

---

18) דאָרטן.

19) ג"ע פון בראַניע וויניצקא. ארכ' יה"א.

מיט, וואָס די דאָזיקע יוגנט איז נאָך נישט געווען גרייט. „אונזער יוגנט — זאָגט אין זיין גבית־עדות דער חלוץ בער פעריי, — איז נישט געווען צוגעגרייט”. א צווייטער שטאַנדפּונקט זעט די סיבה אין דער פאַרבינדונג, וואָס דער „צווייטער בלאָק” האָט כסדר געהאַט מיטן יודענראַט, און אין דעם צוטרוי, וועלכן געוויסע עלעמענטן פון אָט דעם בלאָק האָבן נאָך טיילווייז געהאַט צו די אילוזיעס און צו די אליין־איינרעדענישן פון באַראַש און זיינע מיטהעלפער. „דער „חלוץ” — דערקלערט די שומרת חיהקע גראָסמאַן, — האָט געגלויבט די פאַרזיכערונגען פון די געטאָ־פאָרשטייער, אַז עס האַנדלט זיך בלויז אין א קליינעם טייל פון געטאָ”[20].

ווי עס איז שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען באַטאָנט געוואָרן, איז טאַקע די אילוזיע לגבי באַראַשן און זיינע הבטחות געווען איינער פון די שטרויכל־שטיינער אויפן וועג פון דערגרייכן א פולשטענדיקע פאַראייניקונג פוןביידע בלאָקן אין געטאָ־אונטערערד. אין רעזולטאַט האָבן זיך די מענטשן פון „צווייטן בלאָק” באַהאַלטן אין די פאַבריקן און אין דעם קאַמף זיך נישט באַטייליקט.

אין די „דרור”־רייען און אין די ראַמען פון „צווייטן בלאָק” בכלל האָט מרדכי טענענבוים — און באַנאַנד מיט אים זיינע נאָענטע חברים — געפירט אן ענערגישן קאַמף פאַר א באַשלוס צו גיין אין ווידערשטאַנד. טענענבוים האָט פיינלעך איבערגעלעבט דעם פאַקט פון נישט אָנטיילנעמען אינם ערשטן קאַמף־אַרויסטריט. אין די נאָטיצן פון 14־טן פעברואַר 1943 באַשרייבט ער מיט ביטערניש די שטימונג אין דעם קיבוץ נאָך די טראַגישע געשעענישן: „14 פעברואַר. א פאַרזאַמלונג פונם קיבוץ. אין עסצימער פון קיבוץ — פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. וואַרעם. ליכטיק. געלעכטער. געפיל פון זיכערקייט און צופרידנקייט. ס'דענערווירט אזש”. אָבער עס הייבט זיך אויף אן ערנסטער חשבון הנפש. בפרט, אַז אין געטאָ זיינען ווידער אַריינגעדרונגען באַאומרויקנדיקע קלאַנגען מכוח דעם, אַז עס גרייט זיך א פרישע גירוש־אַקציע. די דאָזיקע קלאַנגען האָבן א געוויסע באַשטעטיקונג באַקומען דורך די געהיימע ידיעות, אַז דעם 19־טן פעברואַר (זיבן טעג נאָך דער אָקאָרשט־פאָרגעקומענער קאַטאַסטראָפע) האָט געהאַט אן אָרט ביים שעף פון דער זיכערקייט־פּאָליצײַ ד"ר אלטענלאָה א באַראַטונג, אויף וועלכער עס איז אויך געווען דער פירער פון

[20]) „פּראָטאָקאָל פון די דערקלערונגען פון גראָסמאַן חיה וועגן דער זעלבשוץ פון ביאַליסטאָקער געטאָ” — אַרכ' ייה"א, פּראָט' פון 15-טן דעצעמבער 1944.

דער שופּאַ אַבערשט הירשפעלד, ווו עס איז באַנייס געשטאַנען די פראַגע פון א ליקווידיר־אַקציע אין געטאָ און פון א פרישער ארומשניידונג פון איר תחום 21). עס הייבן אָן ווידער קורסירן קלאַנגען, אז דעם 28־טן פעברואר וועט זיך באַנייס אָנהייבן אין ביאַליסטאָקער געטאָ די גירוש־אַקציע. עס האָט ווידער ארויסגעטויכט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און ברענענדיקייט די פראַגע פון זעלבשוץ 22).

דעם 27־טן פעברואר קומט פאָר אינם „תל־חי"־קיבוץ אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אונטער דער פאָרזיץ פון מרדכי טענענבוים, וועלכער האָט איבערגעלאָזט א פולן פּראָטאָקאָל פון אָט דער תשבון־הנפשדיקער דיסקוסיע. אָט איז דער פאַרלויף פון דעם גורלדיקן מיינונגס־אויסטויש:

מרדכי 23): דאָס איז גוט, וואָס לכל־הפּחות די שטימונג איז א גוטע. ליידער וועט די דאָזיקע פאַרזאַמלונג נישט זיין אזא פריילעכע. די פאַרזאַמלונג איז — אויב איר ווילט — א היסטאָרישע, אָבער געוויס אַן אומעטיקע. דאָס הייפל מענטשן, וואָס זיצן דאָ, זיינען די לעצטע חלוצים אין פוילן, ארום אונז זיינען פאַראַן בלויז טויטע. איר ווייסט, וואָס עס האָט געהאַט אָן אָרט אין וואַרשע. קיינער איז נישט געבליבן 24). דאָס זעלביקע אין בענדין, טשענסטאָכאָוו 24א) און וואַרשיינלעך אומעטום. מיר זיינען עס די לעצטע; עס איז נישט קיין איבעריק אָנגענעמער געפיל צו זיין דער לעצטער, דאָס איז א באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר מוזן היינט דעצידירן, וואָס וועלן מיר טאָן מאָרגן. זיצן צוזאַמען אין א שטילינקער אַטמאָספער פון זכרונות האָט נישט קיין זין!

צוזאַמען און דווקא בציבור וואַרטן אויפן טויט — אויך נישט. טאָ וואָס טוען מיר?

מיר קאָנען טאָן צוויי זאַכן. באַשליסן, אז מיטן ערשטן ייד, וועלכן מען וועט איצטער ארויספירן פון ביאַליסטאָק, וועלן מיר אָנהייבן א ווידערשטאַנד־אַקציע, אז פון מאָרגן גייט נישט קיינער אין די פאַבריקן, אז מען

21) „צווישנדייטשע קאָרעספּאָנדענץ", אַרכ' ייה"א; פּראָט' פון דער יודענראַט־זיצונג פון 20־טן פעברואַר 1943.

22) ג"ע פון י. ריווקינד.

23) טענענבוים־טאַמאַראָף.

24) עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה קיין ביאַליסטאָק, אַז אין דעם קאַמף־ארויסטריט פון יאַנואַר אין וואַרשעווער געטאָ זיינען אומגעקומען אַלע חלוצישע טוער, בתוכם יצחק צוקערמאַן א"א.

24אַ) אין בענדין האָט געהאַט אַן אָרט אַ ווידערשטאַנד אין אַ בונקער. עס איז דאָ אומגעקומען פרומקע פּלאָטניצקאַ פון „החלוץ". אין טשענסטאָכאָוו האָט זיך די יוגנט געגרייט צו אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד.

וועט נישט טאָרן אין דער צייט פון אקציע זיך באהאלטן. אלע מענטשן וועלן זיין מאָביליזירט צו אונזער ארבעט. מיר קאָנען באווייזן, אז קיין דייטש זאָל פון געטאָ נישט ארויסגיין, אז קיין אין פאבריק זאָל נישט בלייבן גאנץ. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אז נאָכן דערפילן די אויפגאבע קאָן מען צופעליק בלייבןביים לעבן.

אָבער שלאָגן זיך ביזן סוף׳ ביז צום טויט.

מיר קאָנען דעצידירן, אז מיר גייען ארויס אין וואלד. לאָמיר רעאל באטראכטן די מעגלעכקייטן.

היינט זיינען צוויי מענטשן געגאנגען צוגרייטן אן אָרט. אזוי צי אנ־דערש וועט נאָך דער פארזאמלונג איינגעפירט ווערן א מיליטערישע דיס־ציפלין. מיר דארפן איצט דעצידירן, אונזערע טאטעס וועלן זיך וועגן אונז נישט זאָרגן. מיר זיינען יתומים. איין תנאי — די באציונג מוז זיין אן אי־דעישע, דער געדאנק — א דינאמישער. ווער עס וויל, אָדער עס דאכט זיך אים אויס, אָדער ער טראכט, אז ער האָט רעאלע מעגלעכקייטן צו בלייבן לעבן און וויל עס אויסנוצן — גוט, וועלן מיר אים העלפן, מיט וואָס מיר וועלן קאָנען.

זאָל איטלעכער אליין דעצידירן וועגן זיין לעבן און טויט. אָבער מיר צו־זאמען מוזן אין דער געמיינזאמער זאך געפינען א קאָלעקטיוון ענטפער. איך וויל קיינעם נישט אָנוואָרפן מיין מיינונג. איך זאָג זיך לעת עתה נישט ארויס אין דעם ענין.

י צ ח ק: מיר באהאנדלען היינט צוויי וועגן צום טויט. די ווידער־שטאנד־אקציע איז פאר אונז א זיכערער טויט. דער צווייטער — דאָס איז א טויט אין צוויי טעג שפעטער.

מען דארף אנאליזירן ביידע וועגן, אפשר וועט זיך לאָזן עפעס מאכן. איך קען נישט די פרטים און דעריבער וויל איך גענויערע ידיעות פון מער באוווסטזיניקע חברים. אויב די חברים מיינען, אז זיי וואָלטן געקאָנט בליי־בן, דארף מען זיך אויף דעם פארטראכטן.

ה ע ר ש ל 25): עס איז נאָך נישט די צייט אָפצושאצן דאָס אלץ, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין משך פון די לעצטע אנדערטהאלבן יאָר. אָבער אין אָנבליק פון דער לעצטער דעציזיע׳ וועלכע מיר דארפן אָננעמען, מוזן מיר זיך אָפגעבן א דין וחשבון דערפון, וואָס מיר האָבן אי־בערגעלעבט. הונדערטער טויזנטער יידן זיינען אומגעקומען אין משך פון

---

25) וואַרשעווינלעך — ראָזענטאַל פון יאַשינאָווקע; פּאָפּולער ווערט ער אָנגערופן: הערשל יאַשינאָווקער.

לעצטן יאָר. דעם שונא׳ וואָס איז אויפן העכסטן שטייגער ראַפינירט, איז געלונגען אונז צו דעזאָריענטירן און ער טרייבט אונז ווי שאָף צום א־מקום־אָרט, קיין פּאָנאַר, כעלמנאָ, בעלזשעץ און טרעבלינקע! דער קאַפּיטל פון די מאָרדן איבער די יידישע מאַסן אין פּוילן וועט זיין נישט נאָר דער סאַמע טראַגישער, נאָר אויך דער שענדלעכסטער אין דער יידישער געשיכטע, א קאַפּיטל פון יידישער אָנמעכטיקייט און פּחדנות. אויך די באַוועגונג איז נישט שטענדיק געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך פון דער אויפגאַבע. אָנשטאָט צו געבן א סיגנאַל צום ברייטסטן ווידערשטאַנד, האָבן מיר אומעטום אָפּגעשלעפּט די דעציזיע. אויך אין וואַרשע וואָלט די ווידערשטאַנד־אַקציע אַנדערש אויסגעזען, ווען זי וואָלט זיך אָנגעהויבן נישט ביים סוף, נאָר ביים אָנהייב פון דער ליקווידאַציע. דאָ אין ביאַליסטאָק איז באַשערט אַדורכצומאַכן דעם לעצטן אַקט פון דער טראַגעדיע. וואָס קאָנען מיר, וואָס זיינען מיר מחויב צו טאָן? לויט מיין מיינונג איז די אָביעקטיווע לאַגע אַזאַ: דער איבערוויגנדיקער טייל פון געטאָ — און אויך פון אונזערע משפּחות — איז פאַרמשפּט צום טויט. מיר זיינען פאַראורטיילט. מיר האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן וואַלד ווי וועגן אן אָרט זיך צו באַהאַלטן. מיר האָבן געזען דעם וואַלד ווי אן אָרט פון קאַמף און נקמה. צענדליקער יונגנטלעכע, וועלכע געפינען זיך איצט אין וואַלד, זוכן נישט קיין קאַמף־פּלאַץ; די מערהייט זייערע וועט דאָרטן פירן א לעבן פון בעטלער און וועט וואַרשיינלעך אויך געפינען א בעטלערישן טויט. אין די איצטיקע באַדינגונגען איז אונזער קיום פאַרבונדן מיט אַזאַ בעטלערישן און וואָגלערישן גורל.

עס איז פאַר אונז געבליבן איין אויסוועג. אָרגאַניזירן זיך צום קאָלעקטיוון ווידערשטאַנד אין געטאָ פאַר יעטוועדן פּרייז, זען אין געטאָ אונזער מוסאַ־דאַג, אריינשרייבן א ווירדיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן ביאַליסטאָק און פון אונזער באַוועגונג.

איך שטעל זיך פאָר, ווי וואָלט געווען די נאַטירלעכע רעאַקציע פון יעדן אַנדערן מענטש, נישט קיין ייד, ווען עס וואָלט מיט זיין משפּחה געשען דאָס, וואָס מיט אונזערע — דער מינדסטער וואָלט א שפּיי געטאָן אויפן לעבן און אריינגעזעצט א מעסער דעם תלין. דער איינציקער געפיל, וואָס וואָלט אין אים געלעבט, וואָלט געווען דער באַגער פון נקמה.

פאַר אונז איז קלאָר: ביים ערשטן ארויסגעפירטן ייד אָנהייבן די ווידערשטאַנד־אַקציע. אויב עמעצן וועט געלונגען צונעמען געווער ביים מערדער און גיין אין וואַלד, איז גוט. א יונגער, באַוואָפנטער מענטש

וועט געפינען אין וואלד פאר זיך אן אָרט. עס איז אונז נאָך געבליבן צייט צוצוגרייטן דעם וואלד, זען איך אים אן אָרט פון קאמף און נקמה.

איך האָב אלץ פארלאָרן, אלע נאָענטע, און נישט געקוקט אויף דעם, איז אונטערבאוווסטזיניק ווילט זיך לעבן, אָבער עס איז נישטאָ קיין אויסוועג.

ווען איך וואָלט געוווּסט, אז ראטעווען קאָנען זיך נישט בלויז יחידים, נאָר 50—60 פראָצענט יידן, וואָלט איך געזאָגט, אז אונזער וועג מוז זיין — בלייבן לעבן פאר יעדן פרייז.

מיר זיינען אָבער פארמשפט צום טויט.

שרה: חברים! אויב עס גייט אין ווירדע, האָבן מיר זי שוין פון לאנג פארלאָרן. אין רוב שטעט זיינען די אקציעס אדורך גלאטיק, אָן ווידערשטאנד.

עס איז וויכטיקער בלייבן לעבן, איידער הרגענען פינף דייטשן.

אין דער ווידערשטאנד־אקציע וועלן געוויס אלע אומקומען. דאַקעגן אין וואלד וועט זיך ראטעווען ארום 40—50 פראָצענט פון אונזערע מענטשן. דאָס וועט זיין אונזער ווערט אין אונזער געשיכטע. מיר זיינען נאָך נויטיק, מיר וועלן נאָך צונוץ קומען, ווייל קיין ערע האָבן מיר שוין סיי ווי סיי נישט. בלייבן לעבן וועט זיין אונזער אויפגאבע.

חנוך[26]: עס איז נישטאָ קיין שום אילוזיעס. עס וואַרט אונז דאָ א ליקווידאציע ביזן לעצטן ייד. מיר האָבן פאר זיך צוויי מעגלעכקייטן פון טויט. דער וואלד איז נישט קיין רעטונג, און אויף זיכער וועט נישט זיין קיין רעטונג אונזער ארויסטריט אין געטאָ. עס איז אונז געבליבן ווירדיק צו שטארבן. די פערספעקטיוון פון אונזער אויפשטאנד זיינען קליינע: איך ווייס נישט, צי מיר האָבן גענוג מיטלען צום קאמף. עס איז די שולד פון אונז אלעמען, וואָס די מיטלען זיינען אזוי קליין, אָבער — פארפאלן: מיר מוזן אזוי אויך גיין.

ביאליסטאָק וועט ווערן אינגאנצן ליקווידירט, אזוי ווי אלע אנדערע יידישע שטעט.

אויב אין דער צייט פון דער ערשטער אקציע זיינען רעספעקטירט געוואָרן די צייגנישן פון די פאבריקן, גלויבט נישט, אז דאָס מאָל וועט זיין דאָס זעלביקע. עס איז פארשטענדלעך, אז אין וואלד איז דאָ מער נקמה־מעגלעכקייטן, אָבער מיר טאָרן אהין נישט גיין, כדי צו לעבן אויפן חסד פון פויער, קויפן זיך עסן און לעבן־מיטל פאר געלט.

---

26) זשעלאַזנאָגורא.

גיין אין וואלד אריין הייסט גיין צו אקטיווער פארטיזאנקע. צו דעם זיינען אומבאדינגט נויטיק געהעריקע כלי־זין. אונזער געווער איז נישט צוגעפאסט צום וואלד. אויב עס וועט אונז בלייבן א געוויסע צייט, דארף מען געפינען וואפן און גיין אין וואלד. אויב עס וועט אויסברעכן אן אק־ציע, זיינען מיר מחויב צו ענטפערןביים ערשטן ארויסגעפירטן ייד.

חיים: 27). עס זיינען שוין נישטא קיין יידן. — עס זיינען געבליבן נאר רעשטלעך. עס איז נישטא קיין זין צו רעדן וועגן ווירדע; אויב מען קאן, דארף מען זיך ראטעווען. עס איז נישט וויכטיק, ווי מען וועט אונז משפטן. באהאלטן זיך אין וואלד (כסדרדיקע פראטעסט־אויסגעשרייען אין זאל).

מרדכי: ווען מיר וואלטן זייער געוואלט און געזען דאס ווי אונזער אויפגאבע, וואלטן מיר געקאנט פארזיכערן אונזערע מענטשן ביזן סוף, ביז דער צייט, וואס עס וועלן בלייבן יידן אין ביאליסטאק. איך שטעל א דראסטישע פראגע: צי האלטן די „וואלד"־חברים, אז מען דארף זיך באהאלטן און נישט רעאגירן אין דער צייט פון דער נאענטסטער אקציע, כדי שפעטער אומקומען אין וואלד? (קולות פון אלע זייטן: ניין, דאס נישט). עס זיינען דא צוויי מיינונגען: פון איין זייט שרה און חיים, פון דער צווייטער — הערשל און חנוך. קלייבט אויס, איין זאך איז זיכער: מיר וועלן נישט גיין אין די פאבריקן און מיר וועלן נישט בעטן דארטן גאט, אז די מענטשן אין די סכראנעס זאלן געפאנגען ווערן, כדי מיר זאלן בלייבן לעבן. מיר וועלן אויך נישט זען פון די פאבריק־פענצטער, ווי מען פירט ארויס אונזערע חברים פון אן אנדער פאבריק.

מיר קאנען אדורכפירן א אפשטימונג: הערשל, צי חיים.

פאניע: (פון דעם ארטיקן סניף 28): איך בין מסכם מיט חנוכן. מיר האבן אויסצוקלויבן אדער אן איינמאליקן גרויסן אויפטו דא, אויפן ארט, אדער א סך קלענערע מעשים, וועלכע וועלן אין סך־הכל געבן א סך מער — דאס איז דער וועג צום וואלד. צוליב דעם, וואס ארויסצוגיין אין וואלד האבן מיר נאך נישט קיין מעגלעכקייטן, און די סיטואציע איז זייער באדראט, מוזן מיר דעם שווער־פונקט לייגן אויף דער ווידער־שטאנד־אקציע דא אויפן ארט, און ביים ארויספירן דעם ערשטן ייד ארויסטרעטן מיט דער גאנצער קאנסעקווענץ. אויב דער איבערייס וועט

---

27) פרידמאן (לויט די באמערקונגען צו טענענבוימס אויסגאבע „דפים מן הדלקה" אין ישראל).

28) פארטיי־ארגאניזאציע.

דזיערן עטלעכע טעג, וועלן מיר מאכן אלע אָנשטרענגונגען, כדי ארויסצוגיין.

אלעזר סוכאָדניצקי (פון דעם אָרטיקן סניף): חברים! לויט מיין מיינונג דארפן מיר נישט האנדלען אין צוויי ריכטונגען. וואלד איז א שיינע אידעע, דער וואלד גיט אונז געוויסע מעגלעכקייטן צו בלייבן לעבן, אָבער אין דער מינוט, ווען די אַקציע איז אזוי נאָענט, איז דאָס פאר אונז אן אילוזיע. אויב מיר האָבן אפילו דריי צי פיר וואָכן צייט, וועלן מיר נישט באוויזן צו דערגאָבערן דעם גאנצן נויטיקן מאטעריאַל און גיין מיטו אים אין וואלד אריין.

איך מיין, אז עס איז אונז געבליבן איין אויסוועג — אויף אן אַקציע ענטפערן מיט א קאָנטראקציע.

איך האלט, אז מיר מוזן ווירקן נאָר אין דער ריכטונג. מיר זאָלן קאָנען ביי די סאמע שוואכע מיטלען געבן א געהעריקן ענטפער.

יוכבד: פארוואָס רעדט איר אזוי פיל וועגן טויט? דאָס איז איבעריק. א זעלנער אויפן פראָנט און א פארטיזאן אין וואלד טראכטן אָפילו אין אָנבליק פון דער גרעסטער סכנה נאָר וועגן לעבן.

מיר ווייסן, ווי עס איז אונזער לאגע. אָבער פארוואָס סטראשען אזוי מיטן טויט? גיין אין וואלד אריין; אויב מען דארף — אָנהייבן די קאָנטראקציע אָט אָ דאָ! אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אז מען מוז ווערן דערהרגעט, דאָס, וואָס מיר רעדן דאָ, איז קעגן דעם סאמע פרימיטיווסטן איבסטינקט פון לעבן, וועלכער שטעקט אין אונז.

חיים: איך קעגן יוכבדס שטאנדפונקט. מען דארף זיין קאָנסעקווענט. מען טאָר קיינעם נישט געבן קיין מאָראלישן תירוץ צו אנטלויפן. עס איז נישט קיין „אקאָרד־ארבעט". שלאָגן זיך ביזן לעצטן, שלאָגן זיך, הייסט — פאלן. איך האלט, אז א גרעסערער אויפטו וועט זיין צו בלייבן און גיין אין וואלד. איך לייג פאָר צו געפינען א באהעלטעניש אויסער דעם געטאָ, כדי פון דאָרטן קאָנטינוּאירן אויך נאָך דער אקציע די סאבאָטאזש־טעטיקייט.

משה: צוטרעטן צום קאמף מיטן ארויספירן דעם ערשטן ייד. אויב ס'איז מעגלעך, צוגרייטן דעם וואלד. יעדער איינער מוז זיך אומבאדינגט ארויסזאָגן. פון דער פארזאמלונג איז אָפּהענגיק דאָס לעבן און טויט פון די חברים. זאָל אפילו אָט די פארזאמלונג דויערן ביז מאָרגן.

חיים: דו צווינגסט אלע צו נעמען א וואָרט, כדי די פארזאמלונג זאָלן געבן א בעגאטיוון ענטפער. אליין זאָגסטו — און אזוי ווילסטו, אז אלע זאָלן ענטפערן — ניין (געשרייען אויפן זאל).

ד אָ ר ק ע (פון דעם אָרטיקן סניף): איך מיין, אז אונזער שטעלונג איז די שטעלונג פון די מענטשן פון דער באַוועגונג, פון באַוווסטזיניקע מענטשן, וועלכע ווייסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט זייערע נאָענטסטע.

מיר ווילן שטאַרבן ווירדיק. די נקמה־מעגלעכקייטן זיינען אָבער אין וואַלד גרעסערע. מיר קאָנען נישט אהין קומען ווי בעטלער, נאָר ווי אַק־טיווע פּאַרטיזאַנער.

א געהעריקע צוגרייטונג דערצו איז אין איצטיקן מאָמענט נישט מעג־לעך, דעריבער מוזן מיר די גאַנצע ענערגיע ווירמען דער זאַך פון ווידער־שטאַנד־אַקציע.

צ פּ ו ר ה 29): עס איז שווער עפּעס צו זאָגן, עס איז שווער זיך אליין אויסקלייבן דעם טויט. איך פיל ביי זיך א צעשטרייטונג, א געראַנגל צווישן לעבן און טויט. עס איז פאַר מיר נישט וויכטיק, צי איך, אָדער אן אנדערער וועט בלייבן לעבן. נאָך דעם, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און געזען מיט די אייגענע אויגן, גייט דאָס אונז שוין נישט אָן. איך באַ־טראַכט זיך אָבער טיפער אויף די פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג.

מיר זיינען שטאָלץ דערפון, וואָס אונזער באַוועגונג האָט געלעבט אין די שווערסטע מינוטן פון פּוילישן יידנטום. מען האָט מיך און א סך אנדערע געבראַכט פון ווילנע. מען איז געווען זיכער, אז עס וועלן גע־ראַטעוועט ווערן די סאַמע ווערטפולסטע מענטשן.

מען האָט נישט געבראַכט מיך, און נישט דיך, מען האָט געבראַכט די באַוועגונג. איצט שטייט די פראַגע: צי דאַרף די באַוועגונג לגמרי אונ־טערגיין? צי האָט זי דערצו דאָס רעכט?

מיר זיינען א באַוועגונג פון יידישן פאָלק. מיר דאַרפן זיין מיט אים אינאיינעם אין די דאגות און יסורים, אויב עס גייט אָבער אינם רעכט צו פאַרבלייבן, זאָג איך: יאָ, מיר האָבן די פולע רעכט אויף דעם. עס קאָן זיין, אז אונזער באַוועגונג וועט זיין די איינציקע, וועלכע וועט נעמען א וואָרט, אויב מען וועט דאַרפן. א ביישפּיל איז וואַרשע. אמת, א העלדישער, שיינער, מענטשלעכער טויט, אָבער קיינמאָל נישט קיין טאַט פון א באַווע־גונג. דער אויפגאַבע פון דער באַוועגונג וועט זיין — בלייבן.

בלייב נישט אין נאָמען פון פאַרבלייבן, נאָר אין נאָמען פון אונזער ווייטערדיקער אַרבעט. ווייטער וועבן דעם פאָדים, וואָס איז נאָך אויף קיין איין מאָמענט נישט געוואָרן איבערגעריסן אין די פינצטערע טעג.

---

29) בירמאַן פון ווילנע.

ש מ ו א ל י ק: צום ערשטן מאָל אין לעבן א פאַרזאַמלונג וועגן טויט. מיר טרעטן צו צו דער ווידערשטאַנד־אַקציע נישט דערפאַר, כדי צו שאַפן געשיכטע, נאָר כדי צו שטאַרבן מיט א באַוווּסטזיניקן טויט, אזוי ווי עס פּאַסט דער יידישער יוגנט אין דער צייט. און אויב עמעצן וועט זיך איינגעבן צו שרייבן די געשיכטע, וועט זי זיין אן אנדערע, איידער די געשיכטע פון די שפּאַנישע יידן, וועלכע זיינען געשפּרונגען אין פייער מיט א תפילה אויף די ליפּן. — און איצט וועגן דער אַקציע גופא. פון אַלע אונזערע דערפאַרונגען ווייסן מיר, אז מיר טאָרן נישט האָבן קיין צוטרוי צו די דייטשן, נישט געקוקט אויף אַלע הבטחות, אז די וואַרשטאַטן וועלן ווערן געשאָנעוועט, אז נאָר די נישטאַרבעטנדיקע וועלן אַרויסגעפירט ווערן א. א. וו. דורך אזא איינשלעפערן און דעזאָריענטירן איז זיי געלונגען אַרויסצופירן טויזנטער יידן צו דער שחיטה.

אָבער טראָץ אַלעמען האָבן מיר שאַנסן אַרויסצוגיין פון דער לעצטער אַקציע גאַנץ.

אַלע ווילן אויסשפּילן אויף דער צייט. דאַרפן מיר אויך האַנדלען אין דער ריכטונג. דורך דער קורצער צייט, וואָס בלייבט אונז, קאָנען מיר אַרבעטן און באַרייכערן אונזער געווער, וועלכע איז קליין אין צאָל און אָרעם. אויך אין דער ריכטונג פון וואַלד, ווו מיר קאָנען דערפילן א צווייפאַכיקע אויפגאַבע, דאַרפן מיר טאָן.

איך וויל נישט, מען זאָל מיך שלעכט פאַרשטיין און אורטיילן דאָס איצטיקע באַהאַלטן זיך אין דער צייט פון אַקציע ווי א פּחדנות.

ניין און נאָכאַמאָל ניין!

דער אינסטינקט פון לעבן איז ביים מענטש אזוי שטאַרק, און דאָ מוז מען זיין עגאָאיסטיש. עס גייט מיך נישט אָן, אז אויף אונזער חשבון וועלן גיין אַנדערע. מיר פּרעטענדירן צום לעבן א סך מער ווי אַנדערע, מיר זיינען דערצו באַרעכטיקט. מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר א ציל פאַר יעדן פּרייז צו בלייבן לעבן. מען האָט אונז געבראַכט פון ווילנע, ווייל דאָרטן האָט מען געפילט אין דער לופט די ליקווידאַציע, און עדות מוזן פאַרבלייבן. און דעריבער דאַרף מען מיט אַלע כוחות זיך באַמיען, אויב איצט וועט נישט זיין קיין אַקציע, וואַרטן און אויסשפּילן די צייט. און אויב מיר שטייען ערב א ליקווידאַציע, דאַרפן מיר אַלע ווי איינער זיך שטעלן צו דער ווידערשטאַנד־אַקציע.

ש ר ה: איך וויל, אז די חברים זאָלן וויסן. וואָס מען וועט באַשליסן, וועל איך טאָן. מיר וווּנדערט נאָר די רויקייט, מיט וועלכער מען רעדט וועגן דעם.

ווען איך זע א דייטש, ציטער איך אינגאנצן.

איך ווייס נישט, צי די חברים, בפרט די מיידלעך וועלן האָבן גענוג כוח צו דעם, איך האָב פריער געזאָגט, וואָס איך טראכט, אָבער איך גלויב אליין נישט אין די אייגענע כוחות.

י ח ז ק א ל: איך בין נישט איינשטימיק מיט שרהן. אין אָנבליק פון טויט קאָן מען ווערן זייער שוואך און מאכטלאָז. אָבער מען קאָן אויך ווערן זייער שטארק. עס איז נישטאָ וואָס צו פארלירן. איך בין מיט אומעט מסכים, אז מען דארף אָנהייבן א ווידערשטאנד־אקציע, אָבער נאָר אין אָנבליק פון ענדגילטיקער ליקווידאציע.

ע ט ל: קאָנקרעט. אויב די אקציע וועט אויסברעכן אין די נאָענטסטע טעג, דעמלט בלייבט אונז איין אויסוועג — אָנהייבן דעם קאמף. אָבער אויב מיר וועלן האָבן מער צייט, דארפן מיר ארבעטן אין דער ריכטונג ארויסצוגיין אין וואלד.

הלוואי זאָל איך קאָנען ארויספירן דאָס, וואָס איז אויף אונז ארויפגעלייגט. עס קאָן זיין, אז אין לויף פון די געשעענישן וועל איך זיך שטארקן. יעדנפאלס בין איך דעצידירט צו טאָן אלץ, וואָס וועט זיין נויטיק.

ריכטיק האָט געזאָגט הערשל — אונזער טעטיקייט וועט זיין א פארצווייגטע. מיר ווילן יאָ, אָדער נישט — אונזער גורל איז א געחתמעטער. עס איז אונז נאָר געבליבן אויסצוקלויבן אזא, אָדער אנדער טויט. איך בין רויק און באהערשט.

מ ר ד כ י: די שטעלונג פון די חברים איז קלאָר. מיר וועלן אלץ טאָן ארויסצופירן וואָס מער מענטשן צום פארטיזאנישן קאמף אין וואלד. איטלעכער פון אונז, וואָס וועט זיך אין דער צייט פון אקציע געפינען אין געטאָ, מוז רעאגירן ביים ערשטן ארויסגעפירטן ייד. מיר מוזן זיך נישט צווישן זיך דינגען וועגן לעבן. מען דארף פארשטיין די אָביעקטיווע באדינגונגען.

די וויכטיקסטע זאך: ביז דער לעצטער רגע איינהאלטן דעם כאראקטער און דעם שטאָלץ פון דער באוועגונג".

* * *

צו די דאָקומענטן פון דעם חשבון הנפש געהערט אויך די ברייטערע באמערקונג, וואָס טענענבוים גיט צו זיינע נאָטיצן און אין וועלכער ער שרייבט אָט וואָס:

„פארוואָס האָבן מיר נישט אָנגעהויבן קיין קאָנטראקציע? מיר האָבן געוווסט, אז דער סוף פון יידנטום אין ביאליסטאָק איז — פארטיליקונג. א פולשטענדיקע פארטיליקונג, ביזן לעצטן. מיר האָבן ארויסגעגעבן דעם מולך די ערשטע טויזנטער, כדי (נישט צו ראטעווען! — דאָס איז אוממעג־

לעד) צו פארלענגערן דאָס לעבן פון א צענט חלק פון פוילישן יידנטום אויף נאָך א חודש, אויף נאָך חדשים. יעדער טאָג — אין דער איצטיקער סיטואציע אויפן פראָנט און אין לאנד — האָט געקאָנט ברענגען די גאולה. יעדער טאָג אלץ נאָענטער צו פרילינג, צו זון, — דאָס זאָגט: נאָך הונדערטער יידן, וואָס באהאלטן זיך אין די וועלדער, נאָך יידישע יוגנט, וואָס פירט אן אקטיווע פארטיזאנישע מלחמה און טוט נקמה־נעמען קעגן שונא. דעם „ניין" האָבן מיר געזאָגט. מיר זיינען פאראנטוואָרטלעך, ווען נישט, וואָלט שוין נישט געווען אפילו קיין איין ייד".

* * *

אָט אזוי האָבן זיך געראנגלט אין די רייען פון דעם קערן פון „צווייטן בלאָק" צוויי צוגאנגען: איינער, וואָס איז רעפּרעזענטירט אין דעד דיסקוסיע דורך טענענבוימען, הערשל ראָזענטאל, חנוך זשאלאזנאָגורא, יוכבד, עטל, וועלכע פאָדערן א קלאָרע שטעלונג פאר באלדיקן קאמף; א צווייטער, פאר וועלכן עס ראנגלט זיך חיים, וועלכער פאָדערט: בלייבן לעבן. טייל מיטגלידער וואקלען זיך. עס איז אינטערעסאנט, אז צפורה בירמאן האָט שפּעטער רעווידירט איר מיינונג און איז געוואָרן איינע פון די ליידנשאפטלעכסטע קעמפער פאר דער אידעע פון באלדיקן און קאָמפּראָמיסלאָזן ווידערשטאנד 30). אין לויף פון דער דיסקוסיע בויגן זיך צו מרדכיס, הערשלס, חנוכס שטאנדפונקט א ריי וואקלדיקע, ווי שרה. דער זאל סימפּאטיזירט מיט טאמאראָפס קאמף־לאָזונג און רעאגירט מיט צווישנרופן אויף חיימס אויספירן.

אן ענלעכע דיסקוסיע — הגם אין א קלענערן פארנעם — קומט פאָר אויך אין די רייען פון שומרישן קיבוץ „תל עמל". אויף אן אלגעמיינער פארזאמלונג טרעטן ארויס יענדזשעי (יעקב לעביעד) און אריה (לייבל וויינשטיין) מיט דער מיינונג, אז די הויפּט־אויפגאבע איז איצט דער קיום פון דער באוועגונג און דאָס ראטעווען די שרידים פאר דער געשיכטע און פאר דער עליה נאָך דער באפרייונג; זיי לייגן פאָר צו זוכן וועגן אין וואלד אריין און צו רעטונג 31). די מערהייט פון השומר הצעיר באקעמפט די דאָזיקע שטעלונג 32).

לפי ערך אין דער זעלביקער צייט קומט פאָר אן ענלעכער חשבון הנפש־פּראָצעס אין די בונדישע רייען. די דיסקוסיעס אנטוויקלען זיך דאָ

---

30) זע אויבן.
31) גראָסמאַן, ז' 287.
32) דאָרטן.

ביז אפריל־מאי. א שטארקן רושם האָט דאָ געמאכט די ידיעה וועגן דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. די ידיעה האָט געבראכט און פארשפרייט דער יונגער הערשל פלוימענבוים, וועלכער האָט די גאנצע צייט געהאט א ווידערשטאנד־שטעלונג און פאר איר געקעמפט. עס קומט פאָר א זיצונג פון דער גרופע און עס פאלט דער ענדגילטיקער באשלוס: אָנשליסן זיך אין דער זעלבשוץ און ענטפערן אויף א גירוש־אקציע מיט א ווידערשטאנד־קאָנטראַקציע 33).

דער פארהעלטנישמעסיק קליינער פארנעם פון דער ערשטער זעלבשוץ האָט פארשטארקט ביי די יעניקע אנטיפאשיסטן, וועלכע זיינען געשטאנען אויפן שטאנדפונקט, אז דאָס געטאָ קאָן נישט פארוואנדלט ווערן אין א פלאצדארם פון קאמף (יהודית נאָוואָגרודזקא און אנדערע), די נישט ריכטיקע מיינונג, אז מען דארף דעם קאמף אריבערטראָגן נאָר אין וואלד 34). די טעטיקייט פון אָט דער גרופע ווערט ענערגישער טאקע נאָך די פעברואר־געשעענישן 35).

אָבער די מערהייט פון דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע און איר אָנפירונג האָט ריכטיק אָפגעשאצט די פאָזיטיווע און נעגאטיווע מאָמענטן אין דער ערשטער זעלבשוץ און געשטויסן די געטאָ־אונטערערד צו באזייטיקן די הויפט־מניעה: די צעשפליטערטקייט און נישט־קאָאָרדינירטקייט 36).

33) ג"ע פון א. אָסאָוויצקי.
34) ב. וואַסערשטיין, דאָרטן.
35) דאָרטן.
36) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ, מ. בוך און י. ריווקינד.

קאפיטל זיבן

איינִיקייט אין קאמף

איצט זיינען שוין די אונטערהאנדלונגען צווישן די צוויי אונטערערדישע בלאָקן געגאנגען ענערגישער. אין די שמועסן האָט מען גערעדט שוין נישט בלויז וועגן קאָאָרדינאציע, נאָר וועגן געמיינזאמער ארבעט, וועגן געאייניקטן נאציאָנאלן אנטיפאשיסטישן ווידערשטאנד־פראָנט.

אין זיינע נאָטיצן, אין וועלכע עס איז דאָ א רייד וועגן אָט די אונטערהאנדלונגען, קלאָגט זיך טאמאראָף, אז די פאָרשטייער פון דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע רעדן אין א טאָן פון אזעלכע, וואָס פילן זיך ווי די באלעבאטים פון אונטערערד. דער דאָזיקער זיכערער טאָן איז געווען א פארשטענדלעכע זאך. די פירער פון דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע האָבן אָפּגעשאצט דעם אייגענעם כּוח ווי דעם גרעסטן אין צאָל אין דער גאנצער אונטערערד. דאָס זיינען געווען מענטשן מיט א יאָרנלאנגער דערפארונג פון קאמף קעגן די פאשיסטישע און פאשיזירנדיקע פאקטאָרן אין אמאָליקן פוילן. חוץ דעם האָט זיך דער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט געפילט ווי דער אָנפירנדיקער און ווידערשטאנד־שטויסנדיקער פאקטאָר פון סאמע אָנהויב אָן. די אנטיפאשיסטישע טוער, ווי די איניציאטאָרן און אָרגאניזאטאָרן פון דער ערשטער הילף־אקציע פאר די סאָוויעטישע מלחמה־געפאנגענע און קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר, האָבן זיך באטראכט ווי די, וואָס האָבן צעוויגט דאָס געטאָ און אריינגעצויגן אין אקטיווער ארבעט קעגן דעם אָקופאנט באדייטנדיקע שיכטן פון דער יידישער באפעל־

קערונג 1). דער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט — ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אַן אַלגעמיינער, נישט בלויז יידישער באַוועגונג — האָט געהאַט די ווילטיקסטע פאַבינדונגען מיט דער „אַרישער" זייט און מיטן וואַלד. און לסוף דער עיקר: דער פאַראייניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק ווי אַ גאַנצער איז געקומען צו די נאָכפעברואַר־אונטערהאַנדלונגען מיטן „צווייטן בלאָק" מיט דער דערפאַרונג פון דער ערשטער זעלבשוץ, מיט אויפטועון און קרבנות. איבעריקנס, האָבן זיך אַלע אין געטאָ אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דער באַדייטונג פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע 2). ווען טענענבוים טרעפט זיך דעם 23־טן יאַנואַר מיט די פאָרשטייער פון „בונד" קוסטין און גאָלדבערג, גייט אַרויף דער שמועס קודם כל אויף דער טעמע: ווי האַלט עס מיט דער פאַבינדונג מיט די קאָמוניסטן. ווען דעם 29־טן יאַנואַר זעט זיך טענענבוים מיט בעראַשן און אַנדערע טוער סיי פונם יודענראַט, סיי מיט אַ ריי ציוניסטישע און בונדישע עסקנים, שטעלן ווידער אַלע דעם פאָרשטייער פון „החלוץ" די פראַגע: פאַרוואָס איז נישטאָ קיין קאָנטאַקט מיט די קאָמוניסטן! 3). אייניקע פראַגן, ווייל זיי האַלטן, אַז אָן דער שותפות מיט דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע וועט צו קיין ממשותדיקע מעשים נישט קומען. אַנדערע — אַ שטייגער, בעראַש — ווילן האָבן אַזאַ פאַרבינדונג, ווייל: „זיי (די קאָמוניסטן — ב. מ.) קאָנען דאָך באַשליסן, נישט פרעגנדיק אונז" 4).

עס איז קלאָר, אַז מחמת די אַלע אומשטענדן איז דער טאָן פון די אַנטיפאַשיסטן בעת די טרעפונגען מיט טענענבוימען און זיינע חברים געווען אַ זיכערער און אַ פאַרויסשטויסנדיקער.

אָבער נישט דער טאָן האָט גורם געווען דערצו, וואָס עס איז נישט תיכף און דירעקט נאָך דעם טראַגישן פעברואַר געקומען צו דער פאַראייניקונג פון ביידע בלאָקן. עס איז געווען אַן ערנסטע שייד־ליניע צווישן אָט די צוויי אונטערהאַנדלדיקע כוחות. די שייד־ליניע איז קודם כל נאָך אַלץ באַשטאַנען אין דער אונטערשייד פון דער שטעלונג לגבי דעם יודענראַט. אפילו נאָך דעם, ווי יצחק ענגעלמאַן, בעראַשעס פריערדיקער שומר הסף און לייב־וועכטער, איז אַוועק פון אָט דעם פאָסטן, זיינען נאָך פונדעסטוועגן די פעדים צווישן דעם „צווייטן

1) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ און י. ריווקינד.
2) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
3) טענענבוים, נאָטיצן פון 23-טן און 29-טן יאַנואַר 1943.
4) דאָרטן.

בלאָק" און די יודענראַט־פירער נישט פאַרשווונדן, בעת דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק האָט מיט בעראשן נישט געוואָלט האָבן קיין שום מגע ומשא. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז חוץ דער פּרינציפּיעלער אַנטי־יודענראַט־איינשטעלונג, האָט שוין דער עצם קאָנטאַקט און ישוב מיט בעראשן געקאָנט זיין נישט מער ווי אַ שטערונג פאַר אמתער ווידער־שטאַנד־אַרבעט. אין דער טענה, וואָס דער יודענראַט־פירער האָט גע־האַט צו טענענבוימען, אַז „זיי, (די קאָמוניסטן) קאָנען דאָך באַשליסן נישט פרעגנדיק אונז" איז געלעגן די מורא פאַר אַ קאַמף־אַרויס־טריט, פונקט אַזוי האָט אין זיינע אָנבאָטן צו די אַנטיפאַשיסטן (דורך ענגעלמאַנען), זיי זאָלן נעמען ביי אים געלט און גאָלד אויף זייער אַר־בעט, געשטעקט בעראַשעס חשק אַריינצונעמען אונטער זיינע פליגל אַלע ריכטונגען פון דער געטאָ־אונטערערד, בתוכם אויך די עקסטרעם־לינקע. אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען. דער אַנטיפאַ־שיסטישער קאָמיטעט האָט דעם אָנבאָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן 5). חוץ דעם האָבן די קאָמוניסטן מורא געהאַט זיך צו דעקאָנספּירירן פאַר באַ־ראַשעס יוצר משרתים. אין זיינע באַטיצן פון 2־טן פעברואַר 1943 גיט איבער טענענבוים דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געהאַט דער פירער פון די רעכטע פּועלי־ציון כמיעלניק פון זיין טרעפונג מיט די קאָמוניס־טישע פאָרשטייער: „זייער טאַקטיק איז אַזוי ווי בעת דער טרעפונג מיט מיר (מיט טענענבוימען — ב. מ.) — אַ סך פרעגן, ווייניק זאָגן". די קאָמוניסטן זיינען געווען פאָרזיכטיק, דעריבער האָבן זיי זיך גע־האַלטן ביי אָט דער טאַקטיק 6).

...דערווייל האָט איטלעכער פון די בלאָקן געזאַמלט כוחות, כדי קומען צו זיך נאָך די שווערע קלעפּ פון די פעברואַר־געשעענישן. מיט פאַרשטאַרקטער ענערגיע טרעטן צו ווידער אויפצושטעלן די רייען און זיי צו קרעפטיקן די חברים פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. אַ חודש נאָכן פעברואַר־אומגליק — אין מערץ 1943 — שטייט שוין די אָרגאַניזאַציע ווידער אויף די פיס. עס קומט אין אָט דעם חודש פאָר אַ דעלעגאַטן־קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציע אין אַ קאָנספּירא־טיוון לאָקאַל אויף ניי־וועלט. דעם פאָרזיץ האָט געפירט רבקה שינדער־וואָיסקאָווסקאַ; מיט רעדעס זיינען אַרויסגעטרעטן דניאל מאָשקאָוויטש, יאַשקע קאַווע, יאַקובאָוויטש; אַ באַריכט פון די פאַרבינדונגען מיט דער באַוועגונג אויף דער „אַרישער" זייט גיט אָפּ מלכה (מאַליע) רוזשיצקאַ;

---

5) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ און מ. בוך.
6) דאָרטן.

מיט א דין־וחשבון פון דעם צושטאנד פון די געווער־מאגאזינען טרעט ארויס וועלוול וואָלקאָוויסקי. אויף אָט דער קאָנפערענץ פאלן גורלדיקע באשלוסן: שאפן א יידישע פארטיזאנישע מחנה אונטערן נאָמען „פאָרויס" אין די ביאַליסטאָקער וועלדער; פארשפרייטן די אומלעגאלע פרעסע סיי אין געטאָ, סיי אין וואלד; דערפירן צו א פאראייניקונג פון אלע ווידערשטאנד־גרייטע כוחות אין געטאָ־אונטערערד. עס ווערן פאָנאנדערגעטיילט די פונקציעס צווישן די אָנפירנדיקע חברים. מאָשקאָוויטש וועט זיך ווידמען די ענינים פון מיליטערישער אויסשולונג. גרישע לונסקי וועט זיך פארנעמען מיט דער פרעסע, וואָלקאָוויסקי — מיט דער געווער־פאָרגרייטונג. אויף דורכצופירן ביזן סוף די אונטערהאנדלונגען מיטן „צווייטן בלאָק" ווערן באשטימט מאָשקאָוויטש, קאָווע, יאַקובאָוויטש און מאנדעלבליט 7). די קאָנפערענץ גייט אדורך אונטערן גייסט און פארענדיקט זיך מיטן שלוס־אקאָרד: נאָך ווארשע מוז נעמען א וואָרט ביאַליסטאָק! מיר טאָרן נישט פארשעמען די טראַדיציעס פון דער ביאַליסטאָקער ארבעטערשאפט! 8). — נאָך ווארשע — דאָס האָט געמיינט: נאָך דעם באוואָפנטן ארויסטריט פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע אין ווארשעווער געטאָ אין יאנואר 1943, וועגן וואָס די ביאַליסטאָקער געטאָ־אונטערערד האָט געוווסט פון א פוילישער פלוג־בלעטל 9).

די דאָזיקע שלאָג־לאָזונגען ווערן אינגיכן א קנין פון דער גאנצער אונטערערד. אָנהייב חודש יוני איז שוין די פאראייניקטע ווידערשטאנד־באוועגונג א פאקט און די געאייניקטע זעלבשוץ — א יש. די שותפות פון אקציע איז אָבער פארווירקלעכט געוואָרן א שפאָר ביסל פריער. די פלאטפאָרם פון דער געמיינזאמקייט און פאראייניקונג איז — זעלבשוץ 10). אין משך פון זומער ציילט די איינהייטלעכע זעלבשוץ־אָרגאניזאציע, אין וועלכער עס שליסן זיך אָן אלע: קאָמוניסטן, שומרים, „דרור"־חברים, די יוגנט פון „הנוער־הציוני", בונדיסטן, די פארבליבענע בית״ר־יוגנטלעכע — ארום פינף הונדערט מיטגלידער 11). דער אָרגאניזאַציאָנעלער יסוד פון דער זעלבשוץ איז א דאָפּלטער: הן לויטן ארבעטס־

---

7) נאָטיצן פון מ. בוך (מחברם אַרכ').
8) דאָרטן.
9) אַרכ' ייה"א, נומ' 77/69: „א פויליש פלוג־בלעטל וועגן די קאַמפן פון יידישן זעלבשוץ אין ווארשע".
10) ג"ע פון ח. גראָסמאַן.
11) דאָרטן.

געבית (פאבריקן, ווארשטאטן), הן לויטן טעריטאָריעלן פּרינציפּ (גאסן, הייזער). נישטאָ קיין געביט אין געטאָ, וווּ עס זאָל זיך נישט געפינען א קאָמערל פון זעלבשוץ; דאָס גרונד־קאָמערל ציילט פינף מענטשן. די „פינפטלעך" זיינען ארומגענומען דורך גרעסערע איינהייטן, און דער גאנצער שטח פון געטאָ ווערט איינגעטיילט אין דריי געביטן, אין דריי זעלבשוץ־אָפּטיילונגען: 1) קופּיעצקע גאס; 2) ביאַליסטאָקשאנער און ניי־וועלט; און 3) יוראָווצער מיט אַלע אָפּצווייגונגען. בראש פון די דריי אָפּטיילונגען שטייען: דער קאָמוניסט דניאל מאָשקאָוויטש; דער שומר זרח זיסקינד־זילבערבערג, דער דרורניק מרדכי מענענבוים 12). די דריי חברים בילדן די אָנפירונג פון דעם שטאב פון דער זעלבשוץ. היות מרדכי טענענבוים מוז זיך האלטן אין שטארקער קאָנספּיראציע, פאר־טרעט אים אָפּט אין דער פּראקטישער שטאב־ארבעט ישראל מארגאַליס (סראָליק דער ווייסער) 13).

מיט דער גאנצער ארבעט פון די פאריייניקטע כוחות פירט אָן א צווישנפּארטייאישע עקזעקוטיוו, אָדער א קאָאָרדינאציע, אין וועלכער עס גייען אריין פאָרשטייער פון אלע גרופּירונגען, וואָס האָבן זיך אָנגע־שלאָסן אין דעם געאייניקטן ווידערשטאנד־פראָנט. די עקזעקוטיוו האָט נישט קיין סטאבילן באשטאנד. יעדע גרופּע שיקט אויף אירע זיצונגען אמאָל דעם אָנפירנדיקן חבר, אמאָל א צווייטן; דאָך קומען ס'רוב די זעלביקע מענטשן. מצד דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע זיינען עס: דניאל מאָשקאָוויטש, יאשקע קאווע, מיעטעק יאקובאָוויטש, חיה מענדעלסאָן. די שומרים ווערן פארטרעטן דורך זרח זיסקינד־זילבער־בערג און חיהקע גראָסמאן. די פאָרשטייער פון די חלוצים זיינען מרדכי טענענבוים, הערשל ראָזענטאל („יאשינאָווקער"), ראובן ראָזענבערג. די בונדישע גרופּע פארטרעט קוסטין, אָדער בערקנער, די בית״ר־יוגנט — פליישער. עס קומט אויך א פאָרשטייער פון „הנוער הציוני" דוד דער ווילנער 14). א ברייטערע דיסקוסיע אנטוויקלט זיך ארום דער פראגע פון דעם קאנדידאט אויפן קאָמאנדיר פון דער זעלבשוץ. די קאָמו־

---

12) דאָרטן; אויך ג"ע פון י. ריווקינד, ל. טשאַפּניק און א. רוד.

13) ג"ע פון ב. וויניצקאַ.

די אָפיציעלע פאַרייניקונג פון ביידע בלאָקן איז פאָרגעקומען פייערלעך ביי געדעקטע טישן. די אָנוועזנדיקע האָבן געטרונקען לחיים און געמאַכט א „שהחיינו והגענו לזמן הזה" (גראָסמאַן, ז' 310).

14) ג"ע פון י. ריווקינד און מ. בוך, און אויך — פון ה. גראָסמאַן און א. ליאַך.

ניסטן רוקן ארויס די פערזאָן פון דניאל מאָשקאָוויטש. אין די חדשים מערץ־אפּריל זיינען די פאָרשטייער פון „צווייטן בלאָק" קעגן דער קאָמוניסטישער קאַנדידאַטור. כדי צו דערגרייכן א הסכמה, זיינען די קאָמוניסטן גרייט צו רעזיגנירן פון זייער קאַנדידאַט און רוקן ארויס אויף דעם קאָמאַנדיר א שומר. אָבער אויך אויף דעם איז דער „צווייטער בלאָק" נישט מסכים. אין משך פון דריי זיצונגען האָט מען נישט געקאָנט קומען צו קיין איינשטימיקייט. דער „דרור" האָט פארלאַנגט די דאָזיקע פּאָזיציע פאר זיך, לסוף איז געקומען צו א פשרה: עס ווערן באַשטימט צוויי גלייכע קאָמאַנדירן: דניאל מאָשקאָוויטש און מרדכי טענענבוים 15).

אין דער פּראַקטיק איז די ארבעט צווישן די צוויי קאָמאַנדירן איינגעטיילט געוואָרן אזוי, אז מרדכי טענענבוים האָט געפירט די זיצונגען פון דער עקזעקוטיוו, און דניאל מאָשקאָוויטש האָט זיך געווידמעט דער אָנפירונג מיט דער מיליטערישער אויסשולונג פון דער זעלבשוץ 16). מאָשקאָוויטש האָט געגעבן די גרופּן־פירער לעקציעס פון שלאַכט־טאַקטיק און באַארבעט מיט זיי די פּלענער פון קאַמף־ארויסטריטן און פּאָזיציע־פארטיידיקונגען. א שטאַרקע הילף האָט ער אויף דעם געביט געהאַט מצד דעם שומר זרח זיסקינד־זילבערבערג און דעם חלוץ ישראל מארגאָליס 17).

דאָס צוזאַמענשליסן די רייען, די שותפותדיקייט פון אקציע, די פארברידערונג האָט אריינגעגאָסן א נייעם גייסט אין די געמיטער, וואָס זיינען נאָך דעם פעברואר־גירוש געווען צעבראָכן פון די איבערלעבענישן און שווידערלעכע אבדות. די ערשטע צייט נאָכן אומגליק האָט זיך נישט איינעם געדאַכט, אז אלץ איז געענדיקט, אָבער די איינציקייט און די דורך איר באַגייסטיקטע אקטיוויקייט האָט ארויסגערופן פרישן ענטוזיאַזם 18). די פארברידערונג איז געווען א פאַקט. עס האָבן זיך קעגנזייטיק געהאָלפן פארשידענע פאַרייניקטע אונטערערד־אקטיוויסטן, זיך איינער דעם צווייטן אויסגעהאָלפן מיט קאָנספּיראַטיווע דירות, מיט מאַטעריעלע מיטלען און שלאַכט־לערע 19). די פארברידערונג פון די אונטערערדישע אקטיוויסטן האָט געווירקט אויף סתם־יידן, וועלכע

---

15) נאָטיצן פון מ. בוך.
16) דאָרטן.
17) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
18) ג"ע פון ת. גראָסמאַן.
19) ג"ע פון מ. בוך.

האָבן שטיל אין הארצן געחלומט וועגן נקמה, אז זיי זאָלן זיך אויך אריינציען אין דער הייליקער ארבעט. די ערשטע האָבן זיך געשטעלט אין רשות פון דער זעלבשוץ די פורמאַנעס, וועלכע האָבן געהאָלפן סיי מיט גרויסע געלט־מיטלען, סיי ווי פארבינדלער מיט דער דרויסנדיקער וועלט 20). אויף רוזשאַנער געסל האָט געוווינט די אלטע פרוי אסתר בראַמזאָן. איר אייניקל האָט געארבעט ווי אַן עלעקטראָטעכניקער אין א דייטשער פירמע מחוץ דעם געטאָ. יעדן אָוונט פלעגט ער ברענגען ידיעות, וואָס ער פלעגט בסוד־סודות אויפכאַפּן מאָסקווע און לאָנדאָן. די אלטיטשקע האָט אַלץ פארשריבן, און פרייטיק ביינאַכט, ווען עס זיינען געקומען די שכנים און באַקאַנטע, האָט זי אויסגעשפּרייט אויפן טיש אָנשטאָט א שבתדיקן טישטעך א קארטע און איבערגעגעבן גענוי אַלץ, וואָס דער אייניקל האָט געבראַכט אין משך פון דער גאַנצער וואָך. דאָס הויז אויף רוזשאַנסקע איז געוואָרן א קוואַל פון טרייסט, אַן אמתע קאָנספּיראַטיווע דירה, פון וואַנען מענטשן פלעגן אוועקגיין אין א געהויבענער, שטאַרקער שטימונג 21).

צווישן אַזעלכע פּשוטע פאָלקס־מענטשן האָט די פאַרייניקטע זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע געפירט א ברייטע טעטיקייט, און נישט בלויז געגעבן אויפקלערונג, נאָר אויך גענומען, געזאַמלט געלט־מיטלען אויף באַוואָפענונג. אין די חדשים מאַי און יוני איז דורכגעפירט געוואָרן א גרויסע געלט־זאַמלונג אין געטאָ 22). עס ווערן אין דער זעלביקער צייט געקליבן מעדיקאַמענטן, וועש, מונדירן פאַר די פּאַרטיזאַנער. אין אָט דער אַקציע האָט זיך קונה־שם געווען די אַנטיפאַשיסטישע אַקטיוויסטקע רעניע ווערניק, וועלכע מען האָט דערפאַר גערופן „די מאַמע פון די פּאַרטיזאַנער” 23).

מיט א באַזונדערער אינטענסיווקייט צייכנט זיך אויס די אינפאָרמיר־ארבעט. דער מיטגליד פון זעלבשוץ אינזשיניער סאַלמאַן, וועלכער האָט, כידוע, פאַרמאָגט אין א באַהעלטעניש א ראַדיאָ־אַפּאַראַט, האָט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין ראַדיאָ־אוידיציע פון מאָסקווע און לאָנדאָן. א געהיימען ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט אויך באַדינט עזרא אַבעדזשינסקי, א מאַטעמאַטיק־לערער, דער שכ־

20) דאָרטן.
21) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
22) ג"ע פון ש. קאָזשעץ און ט. ציטראָן (אַרכ' פון ייה"א, פּראָט' נומ' 1473).
23) ג"ע פון מ. בוך.

נותדיקער גראַיעווע. א פאַרקאָנספּירירטן ראַדיאָ האָט אויך באַדינט דער מיטגליד פון נאָוואָגרודזקאס גרופּע מאיר מוטשניק 24), און אויך דער שוסטער אהרן געלטשינסקי 25). א דאנק דער מסירת־נפשדיקער אַרבעט האָט דער שטאב פון דער אָרגאַניזאַציע געקאָנט טאָג־אײַן, טאָג־אויס ארויסלאָזן קאָמוניקאַטן וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן. מיט דער צייט איז דער שטאב צוגעטראָטן ארויסצוגעבן העקטאָגראַפירטע קאָמוניקאַטן, און נישט בלויז אין יידיש, נאָר אויך אין פּויליש פאַר דער באַפעלקערונג אויף דער „אַרישער” זייט. די קאָמוניקאַטן האָבן געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט אויף די פאַבריקן, זיי האָבן געטראָפן אין די וועלדער, צו די פאַרטיזאַנער. אין קאָנספּיראַטיווע דירות פלעגן די זעלבשוץ־אַקטיוויסטן אײַנאָרדענען בציבורדיקע לייענונגען פון די קאָמוניקאַטן. דאָס איז געווען איינע פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער טעטיקייט פון דער זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע. דער ייד איז ארויס נאָך אַזאַ לייענונג געמונטערט, ער האָט דערפילט, אַז זיין גורל איז געבונדן מיט א גרויסן געראַנגל, אַז ער איז נישט אליין, דאָס געטאָ האָט אַזוי אַרום געוווּסט וועגן יעדן זיג פון דער רויטער אַרמיי, וועגן יעדן דערפאָלג פון די פאַרבינדעטע 26). בײַם פאַרשפּרייטן די דאָזיקע קאָמוניקאַטן זיינען טעטיק געווען: חנן אפרת, דער דערמאָנטער מאיר מוטשניק, לייזער וויסאָצקי, לייבל שעוויץ, אברהם ניימאַן 27).

א באַזונדער אָרט אין די אויפרופן און איבערזיכטן האָט פאַרנומען די אינפאָרמאַציע וועגן וואַרשע. עס איז שוין געווען נאָך אַפּריל 1943 און דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט שוין אויסגעהאַלטן דעם צווייטן שלאַכט־אַרויסטריט. אין וואַרשע האָט זיך געפונען יוסף דרייעוס א ברודער, יעקב (קובא) — איינער פון די אַקטיוויסטן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין געטאָ. קובא האָט רעגולער געשיקט אינפאָרמאַטיווע מאַטעריאַלן דעם ברודער אין ביאַליסטאָק דורך א זעכצן־יאָריקן יאַט, א פאַרבינדלער מיטן נאָמען יוזשעק 28). אינפאָרמאַציעס פון וואַרשע פלעגט אויך ברענגען דער 18־יאָריקער שמוגלער מיעטעק 29).

---

24) ג"ע פון ש. דאַטנער.
25) ג"ע פון ק. באַראַקין.
26) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
27) ג"ע פון י. ריווקינד.
28) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
29) ג"ע פון י. ריווקינד און ר. וואַיסקאָווסקאַ.

יאָסל ליכטענשטיין

די זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע האָט איינגעשטעלט אָפּטערע און פעסטערע פאַרבינדונגען מיט ווארשע. עס פלעגט קומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ דער פאַרבינדלער פון דער ווארשעווער פוילישער ארבעטער־פּאַרטיי און פון איר יידישער אָפּטיילונג „סטאַשעק” (30). דער דאָזיקער ענערגישער בחור, וואָס איז לויט זיין באַרוף געווען אן אקטיאָר, האָט אויסגעצייכנט געשפּילט די ראָל פון א דייטשן באַן־קאָנדוקטאָר און געבראַכט פון מאָל צו מאָל „אַרישע” דאָקומענטן, אינסטרוקציעס, אומלעגאַלע ליטעראַטור. גוטע פאַרבינדלער צווישן דעם ביאַליסטאָקער געטאָ און די אָנפירנדיקע יידישע אנטיפאַשיסטן פון ווארשע זיינען געווען דאָס ווייסרוסישע מיידל מאַלאַשקאַ און א געוויסער יידישער פורמאַן מיטן פּסעוודאָ „ראָמעק” (31).

די ביאַליסטאָקער יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט א פאַבריקל פון פאַלשע קריסטלעכע דאָקומענטן, וועלכע האָבן געהאָלפן אירע אַקטיוויסטן זיך צו באַוועגן אויף דער „אַרישער” זייט. אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער וויכטיקער און געפערלעכער ארבעט האָט העליא זילבערשטיין, א געבוירענע אין דער שכנותדיקער שטאָט גראַיעווע, אן אינזשיניער־ליטאָגראַף לויט דער אויסבילדונג. זי האָט געלעבט אויף דאָקומענטן פון א פאָלקס־דייטשקע און געאַרבעט אלס סעקרעטארין אין א דייטשער פירמע (32).

די ביאַליסטאָקער געטאָ־זעלבשוץ האָט געפירט א שטרענג קאָנספּיראַטיוו לעבן — אַלנפאַלס אין דעם ערשטן פּעריאָד פון איר אַנטשטיין, וואָס האָט בישט געשטערט איר מאַסן־טעטיקייט. אָפטמאָל האָבן די קעמפער געקענט בלויז די נאָענטסטע דריי־פיר חברים. פאַרשטענדיקט האָט מען זיך אויף א ספּעציעל־אויסגעאַרבעטן קאָנספּיראַטיוון לשון, א שטייגער: „חנהקע איז געווען אין טעאַטער אכט א זייגער?” „ניין, זי איז געווען צען א זייגער”. דער טייטש איז געווען: אין געהיימען אַרסענאַל האָט מען געבראַכט אכט, צי צען שפּייערס? (33). פון די קאָנספּירירטע קעמערלעך האָבן זיך געצויגן די פעדים צו דער מאַסע, וועלכע האָט געקענט א סך פון די אונטערערדישע קעמפער, זיי אַרומגערינגלט מיט אכטונג, ליבע און זאָרג (34).

---

30) ג”ע פון מ. בוך.
31) ג”ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
32) ג”ע פון פון ר. וואָיסקאָסווסקאָ און מ. בוך.
33) ג”ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
34) דאָרטן.

א חוץ א פּאָליטישער און מיליטערישער ארבעט האָט די זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע געפירט אויך א קולטור־טעטיקייט. אירע קרייזן האָבן איינגעאָרדנט ליטעראַרישע שמועסן און פּאָעזיע־אָוונטן; מען האָט דיסקוטירט איבער די פאָרגעלייענטע זאכן, מען האָט פארלאנגט א דיכטונג, וואָס זאָל וועקן צום קאמף און שטארקן דעם גייסט 35).

אָט די גאנצע, פארצווייגטע טעטיקייט איז געווען געווענדט אין איין ציל: ווידערשטאנד, באוואָפענונג, סאבאָטאזש. שוין סוף מערץ רעדט זיך אויף א פארטרויליכער קאָנפערענץ פון ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ און שופּאָ וועגן דער נויטיקייט צו פארשטארקן די וואכזאמקייט לגבי דעם געטאָ מחמת די סאבאָטאזש־אקציעס פון די יידן 36). א קורצע צייט שפּעטער לאָזט ארויס דער יודענראט א מעלדונג, אין וועלכער עס זאָגט זיך אָט וואָס: „לויט א פאראָרדענונג פון דער מאכט דארף מען די לופט־פלוגבלעטלעך, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין געטאָ, תיכף ברענגען אין יודענראט, צימער דריי. פאר באהאלטן אזא פלוג־בלעטל דראָט די גרעסטע שטראָף" 37). די אקטיווע טעטיקייט פון דער זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע האָט שטארק באאומרויקט די דייטשע באלעבאטים פון שטאָט.

איינער פון די מיטלען פון דער דייטשער מאכט, וואָס האָבן געדארפט נאָך מער טעראָריזירן די לעבנגעבליבענע יידן, איז געווען דאָס איינפירן א קאזארמע־רעזשים לגבי די, וואָס זיינען נאָך ארויס אויף ארבעט מחוץ דעם געטאָ־תחום. איטלעכער האָט באקומען א נומער, געגאנגען צו דער ארבעט איז מען גרופּעסווייז, אין א מיליטערישן סדר און אונטער כסדרדיקער שמירה פון באוואָפנטע זעלנער 38).

איינצייטיק האָט זיך די געסטאַפּאָ ענערגישער גענומען צו דערדריקן די יידן מאָראַליש און פּסיכיש, צו האַלטן זיי אין כסדרדיקן פּחד און בישטחיכערקייט. ציווילע פּאָלקס־ און שטאם־דייטשן האָט איינגערוימט באקאנטע און צופעליקע יידן אויפן אויער א סוד: „איר וועט לעבן ביזן ערשטן מאי, נישט מער, דערנאָך וועט זיין מיט אייך קאַפּוט" 39).

די רעזולטאטן זיינען אָבער פאר די דייטשן געווען נישט קיין געהויבענע. פון א צווייטן צד זיינען צו די יידן דערגאנגען ידיעות, וואָס האָבן פארקערט, געמוטיקט און אָנגעגורט מיט בטחון.

---

35) ג"ע פון מ. בוך.
36) „צווישנדייטשע קאָרעספּאָנדענץ".
37) מעלדונג פון י"ר פון 20-טן מערץ 1943.
38) ג"ע פון י. ריווקינד.
39) דאָרטן.

פון פראַנט זיינען געקומען ידיעות וועגן די ווייטערדיקע נצחונות פון דער רויטער ארמיי. סטאַלינגראַד! — דאָס וואָרט האָט אַנגעוואָרפן אן אימה אויף יעדן דייטש, האָט געהויבן דעם מוט פון די געטאָ־אַרעסטאַנטן. אין ביאַליסטאָק האָבן זיך באוויזן די ערשטע גרופּעס דייטשן מיט שווארצע בענדער „סטאַלינגראַד" אויף די אָרעמס. די לעגענדע וועגן דער אומבאַזיגלעכקייט פון דער דייטשער ארמיי האָט געפּלאַצט 40).

פון וואַרשע זיינען די נייעס געווען אי טרויעריק, אי דערמוטיקנדיק. די גרעסטע יידישע קהילה אין אייראָפּע האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם־צוג, אָבער איר שטאַרבן איז געווען א העלדיש אומקומען אין קאַמף, אין אויפשטאַנד. איר ביישפּיל האָט גערופן, האָט אָנגעפילט מיט שטאָלץ 41). דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק אויך אין דער ביאַליסטאָקער זיכערקייט־פּאָליציי. מען איז דאָ געווען אין דער מיינונג, אז פאַר דער דייטשער מאַכט איז דאָס געווען א דורכפאַל 41א).

צווישן די פערציק טויזנט ביים לעבן איבערגעבליבענע ביאַליסטאָקער יידן זיינען געוואַקסן די השפּעות פון דער זעלבשוץ. אָט די זעלבשוץ האָט עס באוויזן, אז דער ערשטער מאַי איז אַנשטאָט „קאַפּוט" געוואָרן א טאָג פון מוט און קאַמף. נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן ארבעט־לאַגער, האָט די געטאָ־אונטערערד דורכגעפירט דעם ערשטן מאַי א מערקווירדיקע דעמאָנסטראַציע. לכבוד דעם דאָזיקן פרייהייט־יום־טוב האָט יוסף דרייער אָנגעשריבן א פלאַמיקן אויפרוף, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין די פאַבריקן און הייזער 42). דעם ערשטן מאַי גופא זיינען אלע געקומען אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, אָבער קיינער האָט זיך נישט צוגערירט צו דער ארבעט. די אנטי־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע האָט פּראָקלאַמירט א גענעראַל־שטרייק 43). ווען דאָס איז דערגאַנגען צו באַראַשן, האָט ער גענומען ארומלויפן איבער די ארבעטס־פּלעצער און א טויט־בלאַסער זיך געבעטן ביים עולם, מען זאָל נישט אומגליקלעך מאַכן דאָס געטאָ. „איך נעם אראָפּ פון זיך יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט", — האָט ער געשריגן 44). שטאַרק געטומלט האָט אויך

---

40) ג"ע פון י. ריווקינד.
40) דאָרטן.
41) ארכ' ייה"א, נומ' 86/46.
41א) ענטפער פון פרידעל אויף ש. דאַטנערס אַנקעטע, ארכ' ייה"א.
42) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און אָ. רוד.
43) דאָרטן, אויך — ג"ע פון י. ריווקינד, מ. בוך און א. אָפּאָוויצקי.
44) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.

דער דירעקטאָר פון א יודענראט־פאבריק וואקסמאן, וועלכער האָט פאר זיינע ארבעטער דעם ערשטן מאי געהאלטן אזא רעדע: „נישט די, וואָס גייען אין וואלד זיינען העלדן; פון דעם וועט נאָר ליידן די יידישע באפעלקערונג; העלדן זיינען די, וואָס האלטן אויס; וואָס בעסער מען וועט ארבעטן פארן דייטש, אלץ בעסער וועט זיין פאר די יידן. עס קאָן זיין, אז נאָך דער מלחמה וועט מען מיך אויספהענגען, אָבער איך וויל שוין דערלעבן ביז נאָכן קריג און זאָל מען מיך דעמלט אויפהענגען" 45).

די קאָנטראגיטאציע האָט נישט געהאט קיין פעולה. אויף באראשעס און וואקסמאנס רעדעס האָבן די ארבעטער אין די פאבריקן געענטפערט מיטן געזאנג פון „אינטערנאציאָנאל" 46). אויף די פאבריקן האָט מען געטיילט דרייערס אויפרוף און סאלמאנס ראדיאָ־ביולעטינען. אין אוונט האָבן די ארבעטער פון פארשידענע פאכן — שוסטער, שניידער, בעקער, טריקאָטאזשניקעס — געפראוועט יום־טובדיקע מאָלצייטן און אונטערן שלייער פון סעודות אָפגעהאלטן פאָליטישע פארזאמלונגען 47).

די שטרייקנדיקע האָבן ארויסגעשיקט אן ערשטמאיקן גרוס צו די פארטיזאנער אין די וועלדער 48).

דער יודענראט איז געווען זייער באאומרויקט מיט דער מאי־דעמאָנסטראציע, בפרט, אז דער ניי־אויפגעקומענער הויפט־מסור, דער אלפאָנס שעפעטאָווסקי, האָט גענומען סקאנדאליעווען און סטראשען, אז ער גייט מסר׳ן. מורא האָבנדיק פאר א נייער צרה, האָט באראש עפנטלעך באשולדיקט שעפעטאָווסקין אין גנבענען דייטש געלט. די קרימינאל־פאָליציי האָט דעם חברה־מאן ארעסטירט, און דער ענין ערשטער מאי איז פארטושט געוואָרן 49).

באראש האָט געהאלטן פון דעם מעטאָד צו באקעמפן זיינע שונאים און קאָנקורענטן מיט זייער אייגענעם געווער, צו ענטפערן אויף מסירה מיט מסירה. אנדערע מיטלען האָבן אנגעווענדט די חברים פון זעלבשוץ. זיי האָבן דערקלערט א קאמף די שפיאָנען און מוסרים.

די גרעסטע צרות האָט דאָס געטאָ און בפרט די אונטערערד געהאט אויסצושטיין פון די חברה־לייט די ברידער יודקאָווסקי און זייער שותף צוויקליטש. זיי זיינען עס געווען די אויגן און אויערן פון געסטאפאָ אין דעם יידן־ראיאָן.

45) ג"ע פון י. לערמאַן.
46) ג"ע פון א. רוד און ל. טשאַפניק.
47) דאָרטן.
48) ג"ע פון מ. בוך.
49) ג"ע פון ל. טשאַפניק און א. רוד.

אין חודש מאי האָט דער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט ארויסגעגעבן א טויט־אורטייל אויף די אויסווורפן 50). מען האָט גענומען נאָכשפּיאָנירן די געסטאַפּאָ־שפּיאָנען און צוגרייטן דאָס אויספירן דעם משפּט. אין חודש יוני איז דאָס מקוים געוואָרן.

דער ערשטער איז „דערליידיקט" געוואָרן דער עלטערער יודקאָווסקי. דער דאָזיקער פּארשוין האָט באַזוכט פון צייט צו צייט א זונה, וואָס אין איר שכנות האָט געוווינט א חברטע פון דער אָרגאניזאציע. מען האָט דעם מנובל אויסגעשפּירט. אָבער בעלנים אויף נקמה נעמען זיינען געווען א סך; נישט בלויז דער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט, אויך די פורמאנעס האָבן געהאט זייער חשבון מיט יודקאָווסקין, וועלכער האָט געהאט געמסרט א שמוגלער. אויף לוצקער געסל האָבן די פורמאנעס אוועקגעלייגט מיט מעסערס דעם עלטערן יודקאָווסקי 51).

דער מסור איז נאָר שווער פארוואונדעט געוואָרן און געבליבן ליגן אין שפּיטאָל אויף פאבריק־גאַס. זיינע צוויי ברידער און צוויקליטש, וועל־כע האָבן אָנגעהויבן זיך אויסבאהאלטן אויסער דעם געטאָ, זיינען איינמאָל אים געקומען מבקר חולה זיין; אָבער דאָ האָבן שוין געלויערט די קעמפער פון דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע. די צוויי יונגינקע חברטעס מיקאַ דאַטנער און באַסיע קאָטשאַלסקאַ האָבן אויסגעשפּירט, ווו די מוסרים גייען. צו דער קאמף־גרופּע, וואָס האָט געדארפט אויספירן דעם טויט־אורטייל, האָבן געהערט: נתן (נאַטעק) גאָלדשטיין, ראובן לעווין, משה (מאָרעק) בוך, יודל פון קרינעק, פּתחיה (טאַדעק) מאַלער און נחמן שטעפער. די נקמה־נעמער האָבן זיך פארטאַיעט אויף עק אָגראָ־דאָווע און פאבריק־גאַס. ווען די שפּיקעס זיינען אדורכגעגאנגען, זיינען געפאלן עטלעכע שאָסן. צוויקליטש איז געפאלן טויט, איינער פון די יודקאָווסקיס איז אָפּגעקומען מיט א וווּנד 52).

אויף צומאָרגנס זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן דורך צוויקליטשעס גוטע ברידער קלעפּסידרעס: „צוויקליטש טראגיש אומגעקומען". יידן זיינען פארבייגעגאנגען און געזאָגט: — א שיינע, ריינע כפּרה! 53).

---

50) ג"ע פון מ. בוך און י. ריווקינד.
51) דאָרטן.
52) ג"ע פון ש. קאַזשען, ש. דאַטנער און מ. בוך.
53) ג"ע פון ש. דאַטנער.

די יודקאָווסקיס, וואָס האָבן זיך ארויסגעדרייט פון דעם גערעכטיקן מידת הדין, זיינען אין א צייט שפּעטער אומגעבראכט געוואָרן דורך זייערע אייגענע אפּוטרופּסים — דורך דער געסטאַפּאָ.

דער אויטאָריטעט פון דער זעלבשוץ איז אין געטאָ שטארק איינגעוואקסן 54).

54) ד״ר טביה ציטראָן: „די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ", ארכ׳ ייה״א, נומ׳ 828/48.

באוואָפענונג

די וויכטיקסטע און ברענענדיקסטע אויפגאבע, וואָס די פאַרייניקטע זעלבשוץ האָט זיך געשטעלט, איז געווען: געווער! מיטן געדאנק פון איינשאפן כלי־זין האָט געלעבט די גאנצע אָרגאניזאציע פון אונטן ביז אויבן 1). אז די פוילישע גוט־באוואָפנטע רעכטע אונטערערדישע מיליטער־פאָרמאציעס וועלן בישט קומען דעם געטאָ צו הילף מיט אָט דער טייערסטער זאך, וואָס וועגן איר האָט געחלומט די קאמף־גרייטע יידישע יוגנט, מכוח דעם האָבן זיך די פירער פון זעלבשוץ נאָכאמאָל דער־ווּסט באלד אין די חדשים מערץ און אפריל. ווען אויף טאמאראָפס פאַר־צווייפלטע ווענדונגען זיינען געקומען מצד יענע זייער קאלטע תשובות. די זעלבשוץ האָט גענאָסן פון דער הילף בלויז פון דער צוויטער אנטיפא־שיסטישער קראפט, וואָס האָט געווירקט אין דער פוילישער אונטערערד. די פוילישע אנטיפאשיסטן זיינען אָבער נאָך דעמלט געווען זייער אָרעם אין כלי־זין־אוצרות.

די זעלבשוץ האָט געמוזט אליין טראכטן וועגן איינשאפן געווער. און געשאפן האָט מען אויף עטלעכע אופנים.

איין אופן איז באשטאנען אין באגנבענען די דייטשע ארסענאלן. דאָס איז געווען דע׳ סאמע ריזיקאלסטער און געפערלעכסטער וועג. די ערשטע גנבות זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין די אמוניציע־מאגאזינען אויפן געביט פון די קאזארמעס פונם 42־טן פולק. דאָ זיינען באשעפטיקט געווען ביי פיזישער עבודת פרך א סך יידן, בתוכם מיטגלידער פון דער זעלב־שוץ. לכתחילה האָט מען געשלעפט פון דאנען רויך־ליכט און אָנצינדערס

---

1) ג"ע פון מ. בוך.

צו גראנאטן 2). דאָס זיינען געווען קליינע חפצים נישט צו באמערקן מיטן אויג, וואָס מ׳האָט זיי געקאָנט לייכט ערגעץ פארשטעקן. דערנאָך האָט מען גענומען ארויסטראָגן אונטער די מאנטלען גאנצע גראנאטן, טיילן פין ביקסן און אפילו גאנצע ביקסן. אין דער זעלביקער צייט האָט מען די קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט קוילן 3). די געגנבעטע געווער־טיילן זיינען אין דער ערשטער צייט מאגאזינירט געוואָרן אין צוויי ערטער, סיי איפן געביט פון 42־טן פּולק גופא, אין א פארמאסקירטן קעלער, — דער מאגאזיניער איז דאָ געווען דער 14־יעריקער פארטיזאן פון די סלאָנימער וועלדער כאצקל; סיי אין געטאָ, ווו עס האָט אָרגאניזירט דאָס איבערנעמען די כלי־זין וועלוול וואָלקאָוויסקי, וועלכער שאפט אויך געהיימע ארסע־נאלן 4). ארויסגעטראָגן געווער האָט מען אויך פון די קאזארמעס פון 14־טן ד.אָ.ק.; דאָ זיינען אויף דעם געביט טעטיק געווען: דער געוו. ביבליאָ־טעקאר פון דער שלום־עליכם־ביבליאָטעק לעווינסקי און זיין פרוי, הערש שעדלער, שמואל באשעוקין 5).

דאָס איינברעכן זיך אין די דייטשע ארסענאלן און דאָס גנבענען געווער ווערט אן אָפטע דערשיינונג אין דער טעטיקייט פון דער זעלבשוץ־אָרגא־ניזאציע. אָט די געפערלעכע עקספּעדיציעס האָבן אויף זיך גענומען די קעמפער ראובן לעווין („סערגיי״), נתן גאָלדשטיין („באטעק״), וועלוול וואָל־קאָוויסקי, הערשל ראָזענטאל (יאשינאָווקער), אברהם־לייזער רובין, אברהם נחמן ריבא, יולעק יאקובאָוויטש, יודל קרינסקי, מאיר ליאך, חנוך זשע־לאזנאָגורא, ישראל מארגאָליס, מאָטל טשערעמאשנע, פאניע האלפערין, ריבאק, שלום קאָזשעץ, משה בוך 6). איינברוכן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין די דייטשע ארסענאלן אויף דעם דרום־שאָסיי (פּאָלודניאָווע), אינם גע־ווער־מאגאזין פון 14־טן באצירק אויף ליפּאָווע 127, אינם מאגאזין פון בויטען־לאגער אויף שענקעוויטש־גאס 61, אינם רעמאָנט־ווארשטאט אויף קראשעווסקי־גאס 17. די סאמע דרייסטע און גרעסטע גנבה איז דורכגע־פירט געוואָרן אינם ארסענאל פון געסטאפּאָ אויף שענקעוויטש־גאס 15. דער ווארשעווער פּליט אברהם־לייזער רובין און דער לאָדזשער פּליט נתן גאָלדשטיין, וועלכע זיינען געווען באשעפטיקט אויף דער „ארישער״

---

2) ג״ע פון א. גערשוני.

3) נאָטיצן פון מ. בוך.

4) דאָרטן.

5) יחיאל שעדלער: „מיינע איבערלעבונגען״, אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נומ׳ 2247.

6) ג״ע פון מ. בוך, ח. גראָסמאַן, ש. קאָזשעץ, מ. רוזשיצקאַ, י. קאָט.

זייט, האָבן זיך א געוויסע באַכט אריינגעגנבעט אין דעם דאָזיקן ארסענאַל און ארויסגענומען פון דאָרטן פיר און פערציק שטיק פארשידענע מינים געווער. די דאָזיקע געוואגטע עקספּעדיציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי דער מיטהילף פון די זעלבשוץ־חברים סערגיי לעווין, וועלוול וואָלקאָוויסקי און משה בוך. די דייטשע באַלעבאַטים האָבן זיך גאַנץ שפּעט געכאַפּט און זיינען שוין נישט דערגאַנגען, ווער עס איז דער שולדיקער 7). דער דאָזיקער אויפטו האָט געמאַכט אַן אומגעוויינלעכן איינדרוק אין די אונטערערדישע קרייזן און שטאַרק דערמוטיקט די מיטגלידער פון דער זעלבשוץ 8).

דער צווייטער אופן פון איינשאפן געווער איז געוועזן דאָס איינקויפן פארשידענע רעוואָלווערן, ביקסן און טיילן צו זיי ביי פּויערים, וועלכע האָבן געהאַט באַגראָבן נאָך פון דער מלחמה־צייט אונטער דער ערד כלערליי כלי־זין, און אפילו ביי דייטשן גופא. א דריטער געווער־איינקויפער איז געוועזן דער באַקאַנטער פוטבאָליסט פון „מכבי״ גאָלאַנד, א מיטגליד פון דער קאַמף־גרופּע פון יהודית נאָוואָגרודזקא. גאָלאַנד האָט געאַרבעט מחוץ דעם געטאָ און געהאַט א דייטש, וואָס פלעגט אים פאַרקויפן געווער. דערמוטיקט פון די ערשטע דערפאָלגן האָט גאָלאַנד פאַרגעלייגט דעם זעלביקן מסחר א צווייטן דייטש; דער האָט אָבער דעם יידישן קעמפער פאַרשאָטן. אין געסטאַפּאָ האָט מען געלאַבן אָנגעטאָן כלערליי עינויים, ער האָט אָבער קיינעם נישט אויסגעגעבן און איז דערשאָסן געוואָרן 9).

מער מזל אין איינקויפן געווער האָט געהאַט שמעון ציבולסקי פון מיכאַלאָווע, א סטאַליער פון פאַך. ער האָט געאַרבעט אין דער דייטשער קאַסינאָ „פּאָסטהיים״, ווו עס האָבן אויך געוווינט אכציק דייטשע אָנגעשטעלטע, נישט קיין מיטגלידער פון נ. ס. ד. א. פּ. דאָ האָט ציבולסקי מיט עטלעכע פון זיי אָנגעבונדן א מגע ומשא און פאַר גוט געלט איינגעקויפט פון צייט צו צייט פאַרשידענע געווער־שטיקלעך. די ערשטע קניה איז באַשטאַנען פון פיר גראַנאַטן, דערנאָך האָט ער געמאַכט א מסחר אויף זעכציק כלי־זין־טיילן, וואָס א חלק פון זיי איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין וואַלד אריין צו די פּאַרטיזאַנער. אָרגאַניזירט דעם גאַנצן מסחר און דאָס אָנבעמען די סחורה האָט וועלוול וואָלקאָוויסקי 10).

מיט איינקויפן געווער ביי א דייטשן זעלנער, וואָס האָט מיטגע־

---

7) דאָרטן.
8) ג״ע פון ל. טשאַפּיק און א. רוד.
9) ג״ע פון ש. דאַטנער.
10) ג״ע פון י. לערמאַן און ח. גראָסמאַן.

פילט מיט די יידן, האָט זיך פאַרנומען אויך אברהם מאַנעליס, וועלכער האָט געבראַכט אין געטאָ אַריין אַ פּיסטאָלעט, פּאַטראָנען וכדומה 11).

די סאַמע שרעקלאָזע סיי אינם קויפן געווער, סיי אין אַריבער־שמוגלען די אייגעשאַפנע כלי־זין אין געטאָ אַריין, איז געווען אַ גרופּע יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך באַוועגט אויף דער „אַרישער" זייט אַדאַנק זייער „גוטן אויסזען" און אויסערגעוויינלעכער דרייסטקייט.

אַריבערפּעקלען די געפערלעכע טראַנספּאָרטן אין דעם יידן־ראַיאָן פלעגט מען דורך פאַרשידענע אופנים און וועגן. ליזע, מלכה, אַניע, כאַסיע, בראָניע, חיהקע, איבערגעטוענע, פאַרגרימירטע פאַר פּוילישע אַרבעטער־מיידלעך, האָבן געטראָגן אין געטאָ אַריין רערן צו אייזערנע אויוועלעך: אין די רערן זיינען געלעגן ביקסן. גראַנאַטן און מעדיקאַמענטן האָט מען געטראָגן אין אָנשטענדיקע לעדערנע פּאָרטפעלן. אַזוי גייען די מיידלעך צו פאַרנאַכט ביזן געטאָ־טויער אויף שענקעוויטש־גאַס און דאָ מישן זיי זיך אויס מיטן המון יידישע אַרבעטער, וואָס קערט זיך אום פון דער אַרבעט אויף דער „אַרישער" זייט. אומגעזען פאַרן אויג פון דעם דייטשן שומר כאַפּן זיי זיך אַריין אין געטאָ 12).

נישט שטענדיק האָט מען געקאָנט זיך אַריינשלייכן דורכן געטאָ־טויער. דעמלט האָבן די מיידלעך געזוכט אַנדערע וועגן. אין עק פון דעם זייטיקן ביאַלאָסטאָטשאַנסקע־געסל איז געווען אַ פאַרוואָרלאָזטער הויף, וואָס האָט געגרענעצט מיט דעם געטאָ. דאָ זיינען די מיידלעך אַריבער־געקראָכן די דראָט־פאַרצוימונגען און אַריבערגעשפרונגען אין דעם יידן־ראַיאָן 13).

אַז אויב דאָס איז געווען אוממעגלעך — אָפט האָבן זיך דאָ פאַר־טייעט דייטשע שופאָ־לייט — האָבן די מיידלעך אַריבערגעוואָרפן זייערע מתנות איבערן מויער אין אָפגערעדטע ערטער, אָדער אַריינגעשטעקט אין לעכער, וועגן וועלכע די געטאָ־חברים האָבן געוווסט 14).

די סאַמע רירעוודיקסטע געווער־שמוגלערין איז געווען מלכה רו־זשיצקאַ. די דאָזיקע אויסגעליטענע רעוואָלוציאָנערין (זי איז אָפּגעזעסן אַסך יאָרן אין סאַנאַציע־תפיסות) האָט נישט געוווסט פון קיין רו; זי

11) אַרכ' ייה"א, פּראָט' נומ' 3972.
12) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
13) דאָרטן.
14) דאָרטן.

איז געגאנגען אויף די געפערלעכסטע עקספעדיציעס. אנגעטאן ווי א פויערטע האט זי איך א קוישל געטראגן גראנאטן, פארדעקט פון אויבן מיט קארטאפל און אייער. א שווער־קראנקע, מיט הויכער טעמפעראטור, איז זי איינמאל געגאנגען אויספירן אזא שליחות, נישט געקוקט אויף די דערווידערונגען פון די חברטעס, און אויסגעפירט בשלמות 15).

מיט שטארקן פיזישן אויסדויער האט זיך אויסגעצייכנט אניע רוד, וועלכע האט געקאנט נעמען אויף זיך די שווערסטע משאות, און שטענדיק געלאסן, באהערשט, דערפירט אלץ ביזן סוף 16).

א גרויסער יום־טוב איז ביי די יונגע קעמפער געווען, ווען מען האט ארויסגעגנבעט פון די קאזארמעס פון צענטן פולק א קוילן־ווארפער — דעם ערשטן קוילן־ווארפער, וועלכן די געטא־זעלבשוץ האט במתנה באקומען פון די טרייע מיידלעך, וואס האבן דעם קוילן־ווארפער צענומען און אריינגעטראגן אין געטא 17).

די מיידלעך פלעגן מאכן ווייטע מסירת־נפשדיקע נסיעות הינטער דער שטאט, וווּ נאר עס איז געווען אן אויסזיכט צו קויפן א שטיקל געווער. בעת איינער אזא רייזע האבן זיי געכאפט א געוואלדיקע מציאה — א מאשין־געווער. די סחורה האט זיך געפונען ביי א פוילישן מילנער הינטער ביאליסטאק, אין וואשילקאוו; זיין נאמען איז געווען יאן. כדי עס צו ברענגען אין שטאט אריין האבן זיי אויסגענוצט דעם אויטא פון א דייטש, ביי וועלכן עס האט געארבעט בראניע וויניצקא; דעם דייטש האט מען אפגענארט, אז מען שמוגלט פלייש 18).

בראניע וויניצקא פלעגט אויך אריינשמוגלען געווער אין לאבנס ברויט 19).

דער שמוגל פון געווער אין געטא אריין איז געגאנגען דורך דעם הויף פון ערשטן קאמבינאט, וואס האט זיך געפונען אויפן גרענעץ צווישן די צוויי וועלטן. דא האט געווימלט מיט דייטשן, און דאך איז רוזשיצקא סרוב דורכגעגאנגען מיט מזל. די מיידלעך זיינען אפט אויך דרייסט, ווי קיינמאל גארנישט, געגאנגען דורכן געטא־טויער. ווען דער קאמבינאט, אדער דער געטא־אריינגאנג זיינען געווען באשטעלט, האט מען אויסגענוצט דעם שליאך פון די געוויינלעכע שמוגלער — הינטער

15) ג"ע פון מ. בוך.
16) דארטן.
17) ג"ע פון ל. טשאפניק און א. רוד.
18) דארטן.
19) ג"ע פון ב. פערעי און ח. גראסמאן.

דעם יתומים־הויז אויף פאבריק־גאס, אָדער מען האָט, ווי געזאָגט, אין באַשטימטע צייטן אריבערגעוואָרפן די געווער־טיילן איבערן פלויט. מיט קאַלט בלוט און גרויס מסירת־נפש האָבן די ארבעט אויסגעפירט די שוועסטער בלאַנקע און בובע רובינשטיין, וועלכע פלעגן — שטייענדיק אויף דער „פרייער" זייט — אריבערוואַרפן די סחורה 20).

נישט זעלטן האָט די געטאָ־זעלבשוץ באַקומען געווער־מתנות פון וואַלד, פון די חברים פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן, ווידער, פון צייט צו צייט באַקומען ענלעכע געשאַנקען פון דער געטאָ־אונטערערד. די עקספּעדיציעס אין וואַלד אריין אָפּצונעמען געווער האָבן אָרגאַניזירט דניאל מאַשקאָוויטש און מרדכי טענענבוים. געהאָלפן אין דעם האָבן דער אַדוואָקאַט בלומענטאַל און דער זעלבשוץ־מיטגליד שאַרפהאַרץ. מען פלעגט די געווער־שטיקער אריינלייגן אין שטשאַפּעס האָלץ און עס פירן מיט א פור אין שטאָט אריין. די קעמפער זיינען איבערגעטאָן געווען ווי פויערים און געטענהעט, אז זיי פירן האָלץ פאַר דער פירמע מיללער. א צווייט מאָל האָט מען די מתנות אריינגעלייגט אין זעק מיט מעל. ביים געטאָ־טויער האָט מען איבערגעקויפט די וואַך, וועלכע איז געווען זיכער, אז דאָס ווערן געשמוגלט שפּייז־פּראָדוקטן 21).

אזוי ארום איז דער געהיימער ארסענאַל פון דער געטאָ־זעלבשוץ אין משך פון א קורצער צייט באַרייכערט געוואָרן מיט כלערליי מינים וואָפן: טשעכישע רעוואָלווערן, בעלגישע נאַגאַנען, רוסישע גראַנאַטן, אלטע פאַרמלחמהדיקע ביקסן 22). אָבער די איינגעשאַפענע זאַכן זיינען אָפט געווען צעשרויפט, קאַליע; אָפטמאָל זיינען דאָס געווען בלויז טיילן, וועלכע מ'האָט ערשט געדאַרפט צונויפשטעלן און צונויפמאָנטירן. און דאָס האָט ארויסגערופן די נויטווענדיקייט פון א רעמאָנט־וואַרשטאַט אין דער געטאָ־אונטערערד. פון דאַנען איז דערנאָך ארויסגעשוומען דער געדאַנק צו שאַפן אן אייגענע געווער־פּראָדוקציע. עפּעס פון דעם מין איז געווען שוין פריער, ווען מען האָט אָנגעגאָסן פלעשער מיט וויטריאָל. איצט איז די זעלבשוץ צוגעטרעטן צו א פיבערדיקער ארבעט פון פּראָדוצירן אליין כלי־זין 23).

אויף טשיסטע־גאַס נומער צוויי האָט געוווינט דער יונגער אינזשיניער הענעך פאַרבער, א מיטגליד פון דער אנטיפאַשיסטישער אָר־

---

20) ג"ע פון מ. בוך.
21) ג"ע פון ב. בערעי.
22) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
23) דאָרטן.

גאַניזאַציע. אין חדר איז געשטאַנען אַן אייזערן אייוועלע — אַן אומשולדיק אייוועלע, אין וועלכן עס האָט געטליעט אַ פייער אָנצוווארעמען ווי עס איז די שטוב. דאָס אייוועלע האָט זיך לייכט אָפּגערוקט און אונטער אים האָט זיך אינגאַנצן אומזעבאַר געעפנט אַ דעק אין פאָל. אַנדערהאַלבן מעטער אין דער טיף האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט און אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער אַ געהיימע קליאַמקע. אַ ריר ביי דער קליאַמקע, עס עפנט זיך אַ טירל, וואָס פירט אין אַ גערוימער קעלערשטוב. דאָ איז געווען די געהיימע געווער־פאַבריק. דאָ האָט הענעך פאַרבער אויסגעפּאַמפּעוועט פון אַלטע עלעקטרישע לעמפּלעך די לופט און אָנגעפילט מיט פולווער, דאָ האָט מען פּראָדוצירט פּעטאַרדעס און גראַנאַטן, דאָ האָט פאַרבער אויסגענוצט זיין גאַנצן וויסן, וואָס ער האָט דעראָבערט אין משך פון עטלעכע יאָר שטודירן אין פּאָליטעכניקום אין טשעכישן פּראָג, אויף צו שמידן געווער קעגן די תליינים פון זיין פאָלק. די חברים פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָבן פאַרבערן אָנגערופן מיטן נאָמען „קאָוואַדלאָ“ 24).

אינאיינעם מיט פאַרבערן זיינען ביי דער דאָזיקער אַרבעט געשטאַנען דער ביאַליסטאָקער אינזשיניער פישער און די לאָדזשער אינזשינירן סכראַניס און העניעק. דערנאָך זיינען צוגעשטאַנען נאָך צוויי — דער וויסנשאַפטלעכער טוער דער מאַטעמאַטיקער און פיזיקער יעקב ריוורקינד און דער סטודענט פון וואַרשעווער פּאָליטעכניקום סאָקאָלאָוויטש. ריווקינדס איינפאַל איז געווען צו קאָנסטרוירן אַ פייער־וואַרפער, וואָס האָט געקאָנט ווירקן אויף 150 מעטער. סאָקאָלאָוויטש האָט אַליין צונויפגעשטעלט פיר רעוואָלווערן. די אַרבעט איז זיך צעוואַקסן, און אין פאַרבערס הייל איז געוואָרן ענגלעך. דעמלט האָט זיך סאָקאָלאָוויטש, וועלכער איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער שלאָסער און שמיד, איבערגעטראָגן אין אַן „אייגענעם“ וואַרשטאַט אויף וואַרשעווער גאַס 25). מיט פאַרבערן האָט אויפן געביט פון פּראָדוצירן געווער מיטגעאַרבעט דער לאָדזשער אינזשיניער הערש רעמבישעווסקי („העניעק“), וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען בעת דער צווייטער זעלבשוץ 26). נאָך איין געהיימער וואַרשטאַט צו פאַריכטן געווער איז געווען אויף קופּיעצקע

24) ג"ע פון י. ריווקינד.
25) דאָרטן.
26) ג"ע פון ק. באַראַקין.

אין דער דירה פון אלטן געוו. פּאַליטאַרעסטירטן גאָלדפאַרב און זיין מיטאַרבעטער בנימין שלייפער, אן אומפּאַרטייאישער. 27).

דער הויפּט־צושטעלער פון דער פּאַרטיקער געווער־פּראָדוקציע צו די געהיימע אַרסענאַלן איז געווען אברהם ריבא. שפּעטער איז ער אויך געווען איינער פון די הויפּט־צושטעלער פון געווער פון דרויסן אין געטאָ אריין 28).

דער הויפּט־אַרסענאַל פון געטאָ האָט זיך געפונען אין דער דירה פון שלום קאָזשעץ, אויף טשעפּלע־גאַס 29).

חוץ פאַרבערס און סאָקאָלאָוויטשעס הויפּט־וואַרשטאַטן זיינען אין דער געטאָ־אונטערערד געווען נאָך עטלעכע קלענערע, אויף יוראָווצער נומער 3 און אנדערע. מיט פּראָדוצירן גראַנאַטן האָבן זיך פאַרנומען דער וויסנשאַפטלעכער טוער גראָסמאַן 30), לאָבאַטשיק, סיאַמע קושנער און קובא ראָגאָזשינסקי, א וועבער און פּיראָטעכניקער אין איין פּער־זאָן 31). די גראַנאַטן „מייד אין געטאָ" זיינען, נאַטירלעך, געווען פּרי־מיטיווע; היות עס איז געווען א דוחק אין אָנצינדערס, האָט מען באַ־נוצט קנויטן, אויך פון אייגענער אויסאַרבעטונג.

די אליין־פּראָדוצירטע כלי־זין האָט מען אויספּרובירט אויפן אָרט. עס האָט זיך געפאָדערט א געוואַלטיקער אָנשטרענגונג, כדי די עקספּערימענטן זאָלן אדורכגיין אָן א שטאַרקן רעש. נישט שטענדיק איז דאָס אָבער געלונגען. איינמאָל, אָנהייב אויגוסט איז בעת דעם מאָנטירן א מינע אויף א בוידעם אויף טשיסטע־גאַס געשען אן אומגליק. די מינע האָט אויפגעריסן, און צוויי חברים זיינען געפאַלן מיט צעקאַרדאַשעטע אברים 32). דער שטאַרקער אָפּהילך האָט אַרויסגערופן א חשד ביי די מאַכט־האָבער. אין געטאָ איז תיכף אַראָפּגעקומען געסטאַפּאָ און אָנגעהויבן אין יודענראַט א חקירה ודרישה. דער יודענראַט האָט געהאַט ידיעות פון וואַנען עס איז געקומען דער אויפרייס, אָבער מ'האָט די דייטשן איינגערעדט, אז אין א פאַבריק־אויוון האָט געפּלאַצט א קעסל. אזוי אַרום איז דער ענין פאַריבן געוואָרן, הגם די דייטשן האָבן נישט געגלייבט

27) דאָרטן.
28) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
29) ג"ע פון ק. באַראַקאַן.
30) לויט טענענבוימס נאָטיצן.
31) ג"ע פון א. ליאַך און ח. גראָסמאַן.
32) ד"ר ט. ציטראָן: „עפּיזאָד פון ביאַליסטאָקער געטאָ, אן אויפרייס פון א באָמבע אויף טשיסטע־גאַס", אַרכ' ייה"א, פּראָט' נומ' 1287.

דעם יודענראט. לויט דער מיינונג פון געסטאפא, איז דער אויפרייס געקומען אין רעזולטאט פון דעם, וואס באנדיטן האבן זיך ארייגעריסן אין געטא מיטן ציל צו מאכן מיט יידן א מסחר, אדער כדי צו ראבירן 33). פון די שטיקלעך צעפליקטע קערפערס איז שווער געווען צו דערקענען די אומגעקומענע. באמת זייבען דאס געווען די צוויי יונגע קעמפער סאשע קוכארעווסקי און סיאמע גאלדבערג 34).

דער שונא האט זיך, וואס אן אמת, געמוזט משער זיין, אז מען פירט אריין אין געטא פארדעכטיקטע זאכן. ווארעם אט פארצייכנט ביי זיך טאמאראף אזא פאל: „אין א וואגן, וואס איז אריינגעפארן אין געטא, האט מען בשעת דער רעוויזיע געפונען א רעוואלווער. דער בחור, וואס איז געזעסן אויף דער פור, איז אנטלאפן. האט מען ארעסטירט דעם בעל־עגלה. אין א צייט ארום זיינען זיי ארויס זוכן דעם בחור. א דייטש האט אנגעטאן א יידישן מלבוש מיט די לאטעס און מיטן פורמאנס הילף געפונען צוויי בחורים. איינער — דער, וואס איז געזעסן אויפן וואגן, איז ארעסטירט און געבראכט געווארן אין געסטאפא. דער צווייטער האט געשאסן אינם דייטש און אים געהרגעט, דערנאך האט ער געשאסן אין זיך און איז אומגעקומען. אין געטא איז אויסגעבראכן א פאניק. ביי די טויערן קומען פאר גרינטלעכע רעוויזיעס" 35).

אבער די דייטשן האלטן זיך אלץ ביי דער טעזע, אז דאס זיינען באנדיטן פון אויסן. באנדיטן — איז אין דער דעמלטיקער דייטשער טערמינאלאגיע דער פשט — פארטיזאנער. דער שונא האט מורא געהאט פאר א פארבינדונג צווישן געטא און וואלד.

און די זעלבשוץ האט געארבעט ווייטער. דער שמוגל פון געווער־טיילן איז נישט איבערגעריסן געווארן. אבער עס איז קלאר, אז די יידן אליין, אן קיינעמס הילף, וואלטן נישט געווען אומשטאנד דורכצופירן די באוואפענונג פון דער זעלבשוץ. אויסער דעם תחום פון געטא זיינען געווען פריינט, וועלכע האבן אין אט דער שווערער ארבעט געהאלפן די שליחים פון דער געטא־אונטערערד.

---

33) פרידעל: ענטפער אויף דאטנערס אנקעטע.

34) ג"ע פון ש. קאזשעץ און ש. דאטנער.

35) עס קען זיין, אז טענענבוים מיינט דא דעם פאל מיט די צוויי גראדנער קעמפער ביים טויער פון ביאליסטאקער געטא, וואס האט געהאט אן ארט א'ן מערץ 1943. די צוויי גראדנער בחורים האבן זיך געוואלט ארויינבאקומען אין געטא. ווען מ'האט זיי פארהאלטן ביים טויער, האט איינער ארויסגעצויגן א רעוואלווער און אויסגעשאסן אינם דייטשן היטער (ג"ע פון ק. בראקין און ש. דאטנער).

ק א פ י ט ל   נ ײַ ן

די פּוילישע, ווייסרוסישע און דײַטשע אַנטיפאַשיסטן — די פאַרבינדעטע פון די געטאָ-קעמפער

די אָקופּאַנטן האָבן לגבי דער צוקונפט פון ביאַליסטאָק און פון ביאַליסטאָקער באַצירק געהאַט אַ בפירושן פּראָגראַם פון פולשטענדי־קער גערמאַניזירונג 1). עריך קאָך האָט נישט איינמאָל אונטערגע־שטראָכן אין זײַנע אַרויסטריטן פאַר די באַאַמטע, אַז דער ביאַליסטאָ־קער באַצירק וועט ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון מזרח־פּרייסן 2). דער באַצירק האָט געדאַרפט ווערן גערמאַניזירט נישט בלויז קולטורעל, נאָר בכלל קאָלאָניזירט דורך אַ דײַטשן עלעמענט; נישט בלויז קיין איין ייד האָט — לויט אָט דעם פּראָגראַם — נישט געדאַרפט בלײַבן אין באַ־צירק, נאָר אויך די ווייסרוסן און דאָס ביסל אוקראַינער, וואָס האָבן דאָ געוווינט מקדמונים, האָט מען געדאַרפט נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה אַרויסשיקן קיין רוסלאַנד און אוקראַינע און אויף זייער אָרט ברענ־גען מאַסן דײַטשן 3). די אָרטיקע פּוילישע באַפעלקערונג האָט געדאַרפט ווערן מיט צוואַנג גערמאַניזירט; דער ערשטער טריט דערצו איז גע־ווען דאָס פאַרווערן יעטוועדן מין פּוילישן שול־וועזן 4).

כדי צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד קעגן אָט דער פּאָליטיק און כדי צו קאָנען דורכפירן די עקאָנאָמישע אויספּלינדערונג און די פּאָ־ליטישע אונטערדריקונג, האָט די אָקופּאַנטישע מאַכט געפירט אין ביאַ־

---

1) מאַכאַל: „די פּאָליטישע באַציונגען אין באַצירק ביאַליסטאָק אין די יאָרן 1941—1944", ז' 10 (אַרכ' ייה"א).

2) דאָרטן.

3) דאָרטן.

4) דאָרטן.

ליסטאָקער באצירק די באקאנטע טאקטיק פון „טייל און הערש". חוץ ייִדן האָבן דאָ געוווינט פּאָליאקן, ווייסרוסן, אוקראַינער, רוסן, ליטווינער און אויך אביסל סאָוויעטישע מענטשן, די א. ג. „וואָסטאָטשניקעס", וועלכע זיינען געבליבן אין ארומרינגלונג. די היטלעריסטישע פּאָליטיק איז געגאנגען אין דער ריכטונג פון שאפן אנטאגאָניסטישע אָנצינד־פּונקטן צווישן די פארשידענע נאציאָנאלע באפעלקערונג־טיילן. אין אָט דער פּאָליטיק זיינען דער אָקופּאנטישער מאכט באהילפיק געווען די נאציאָנאליסטישע עלעמענטן ביי די פארשידענע נאציאָנאלע גרופּעס. ביי דער פּוילישער באפעלקערונג איז דאָס געווען די עקספּאָזיטור פון דער לאָנדאָנער עמיגראנטישער רעגירונג 5); ביי דער ווייסרוסישער — דער א. ג. „ווייסרוטענישער קאָמיטעט" 6); אין געטאָ — דער יודענראט און זיינע קרייזן. אָבער די רעזולטאטן פון דער „טייל און הערש"־פּאָליטיק זיינען געווען פאר די היטלעריסטן נישט קיין געהויבענע. „די ייִדן — שטעלט פעסט וואלדעמאר מאכאָל — האָבן זיך נישט געקלאָגט אויף די באציונגען מיט דער ווייסרוסישער באפעלקערונג" 7). דאָס איז א וויכטיקער פרט, אויב מען וועט נעמען אין אכט, אז דער נאציאָנאליסטישער „ווייסרוטענישער קאָמיטעט" האָט געפירט זיין טעטיקייט לעגאַל; פון מאכאָלס פעסטשטעלונג דרינגט ארויס, אז די דאָזיקע פארעטערישע אָרגאניזאציע האָט נישט געהאט קיין שום אָנהאלט ביי דער ווייסרוסישער באפעלקערונג, וועלכע האָט מיטגעפילט מיט די ייִדן און זיי געהאָלפן 8). מיר האָבן שוין געזען אין די פריערדיקע קאפּיטלען, אז די אָקופּאנטישע מאכט האָט מורא געהאט פאר דער דאָרפישער ווייסרוסישער באפעלקערונג ווי פאר א באזע פון דער סאָוויעטישער פארטיזאנישער באוועגונג.

אויך ביי דער פּוילישער באפעלקערונג האָט די היטלעריסטישע פּאָליטיק אָנגעטראָפן אויף א ווידערשטאנד. אמת, דאָ איז די לאגע געווען אויף אזוי פיל ערגער, וואָס די נאציאָנאליסטישע עלעמענטן האָבן זיך געפונען אין אונטערערד און דאָס האָט געקאָנט ארויסרופן דעם איינדרוק, אז זיי קעמפן אויך קעגן די אָקופּאנטן. אָבער א גענויערער

5) דאָרטן, ז' 1.

6) דאָרטן, ז' 9, אַלפרעד ראָזעבערג האָט געענדערט דעם נאָמען „ווייסרוסן" אויף „ווייסרוטענער", וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון דער פּאָליטיק צו פאַרטיליקן די ווייסרוסישע נאַציע (מאַכאָל, ז' 8).

7) דאָרטן, טייל 3.

8) ג"ע פון י. ריווקינד.

אריינבליק אין דער סיטואציע פון דער פוילישער אונטערערד ווייזט אויף, אז די פארשידענע פאָרמאציעס פון די לאָנדאָן־אָריענטירטע עלעמענטן, די „מלאָדא פּאָלסקא", די נ.ס.ז. און די א. ק. האָבן זיך אקטיוויזירט ערשט אין יאָר 1942, ווען עס האָבן זיך שוין געפונען אין דער ביאַליסטאָקער געגנט פּארטיזאַנישע אָפּטיילונגען 9). ערשט אין יאָר 1942 האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פאר דער נאציאָנאליסטישער פּוילישער אונטערערד געלט, געווער, אינסטרוקטאָרן מצד דער דעלעגאטור פון דער לאָנדאָנער עמיגראַנטישער רעגירונג 10). דאָס הייסט, אז די דאָזיקע עלעמענטן האָבן זיך אקטיוויזירט נישט קעגן די אָקופּאנטן, נאָר קעגן דער פּארטיזאנישער באוועגונג, קעגן דער אנטיפאשיסטישער אונטערערד, וואָס איז געוואָרן אין 1942 א יש, מיט וועלכן מען האָט זיך געמוזט רעכענען. אָט ווי וואלדעמאר מאַכאָל פאָמולירט די צילן פון נ.ס.ז. און א.ק. אין ביאַליסטאָקער באצירק: 1) ארויסטרייבן קעגן דייטשן; 2) קאַמף קעגן סאָוויעטישע רוסן; 3) אויסראָטונג פון סאָוויעטישע און פוילישע קאָמוניסטן; 4) פארטיליקונג פון יידן 11). עס איז קלאָר, אז דאָס, וואָס מאַכאָל באצייכנט ווי „ארויסטרייבן קעגן דייטשן" איז נישט געווען קיין קאַמף קעגן אָקופּאנט. נאָר אָדער פּראָוואָקאַציע, אָדער פון צייט צו צייט אַן אקט, וואָס האָט געדארפט אין די אויגן פון דער באפעלקערונג שאַפן דעם איינדרוק, אז מען פירט א מלחמה אויך קעגן די דייטשן, כדי דערמיט צו דעקן דעם הויפּט־קאַמף — קעגן סאָוויעטישע פּארטיזאנער, דער פּוילישער אנטיפאשיסטישער באוועגונג און די יידן. מאַכאָל שטרייכט שפּעטער אונטער, אז בפרט אין יאָר 1943 האָט זיך פארשטארקט די אקטיוויטעט פון נ.ס.ז. און א. ק. אין זין פון אויספירן כסדרדיקע מאָרדן איבער סאָוויעטיש־רוסישע משפּחות אויפן דאָרף, דערהויפּט אין ראַיאָן לאָמזשע — זעמבראָווע — יעדוואבנע; די נ.ס.ז. און א.ק. פלעגן דורך אנאָנימע בריוו אינפאָרמירן די דייטשע מאַכט, ווו עס געפינען זיך פוילישע קאָמוניסטן און סאָוויעטישע מענטשן און ס׳רוב האָבן זיי אליין דערהרגעט די דאָזיקע פּאטריאָטן. מאָרדן יידן איז ביי נ.ס.ז. און א.ק. געווען — זאָגט ווייטער מאַכאָל — א נאַטירלעכע זאַך 12). די א.ק. האָט נישט בלויז יידן נישט געוואָלט אריינ־

---

9) מאַכאָל, ז׳ 1.
10) דאָרטן.
11) דאָרטן, ז׳ 2.
12) דאָרטן, ז׳ 3.

טעמען אין אירע רייען, נאָר ביי דער ערשטער באַגעגעניש דערשיסן אַן א פּאַרוואָס 13). בפרט האָט זיך אין מאָרדן יידן, פּוילישע פּאַטריאָטן און סאָוויעטישע מענטשן אויסגעצייכנט די באַנדע, וואָס האָט זיך אָנגערופן „מלאָדא פּאָלסקא". די מיטגלידער פון אָט דער באַנדע, וועלכע האָט געהערט צו א. ק., האָט „באַצירט" די ביימער אין די ביאַליסטאָקער וועלדער מיט אויפשריפטן: „פּאָלסקא בעז זשידוו אי ראָסיאַן" — א פּוילן אָן יידן און רוסן 14).

עס איז דעריבער קלאָר, פאַרוואָס די היטלעריסטישע זיכערקייט מאַכט האָט — ווי עס איז מודה מאַכאַל, — געגעבן דער נ.ס.ז. און א.ק. פולע פרייהייט פון באַוועגונג און טעטיקייט, לאָזנדיק זיי זיך פריי אַיבערטראָגן פון איין אָרט אויף א צווייטן און זיך איינשאַפן באַוואָפענונג 15).

די פאַרעטערישע און מאָרד־טעטיקייט פון נ. ס. ז. און א. ק. אין ביאַליסטאָקער באַצירק איז נישט געווען קיין פּועל יוצא פון דער איינשטעלונג בלויז פון זייערע אָרטיקע שפּיצן, פון דער אָנפירונג פון „ציווילן קאַמף פון ביאַליסטאָקער געגנט" 16). די דאָזיקע פאַרעטערישע און מאָרד־טעטיקייט איז געווען אינסטרואירט פון דעם וואַרשעווער צענטער פון א. ק.; די ביאַליסטאָקער א. ק.־אונטערערד האָט באַקומען באַפעלן דירעקט פונם גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי און אַנדערע פירער פון א. ק. אין וואַרשע 17).

די באַנדעס פון נ. ס. ז. און א. ק., וועלכע זיינען נישט געווען געראָדפט דורך די אָקופּאַנטן, נאָר פאַרקערט — געווען דורך זיי טאָלערירט און געשטיצט, האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף א באַקעמפונג מצד דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, וועלכע האָט זיי פאַרטריבן פון די צפון־ און מזרח־טיילן פון ביאַליסטאָקער באַצירק; די נ. ס. ז. און א. ק. האָבן — א דאַנק דער גינסטיקער באַציונג מצד דער דייטשער מאַכט — געקאָנט אָפּערירן אין די דרום־ און מערב־טיילן פונם באַצירק, דער עיקר אין לאָמזשער ראַיאָן 18).

---

13) דאָרטן, ז' 4.
14) ג"ע פון מ. בוך, ל. טשאַפּניק און א. רוד.
15) מאַכאַל, ז' 4.
16) דאָס איז, אַפּנים, געווען דער קאָנספּיראַטיווער טיטל פון דער פאַר־שטייערשאַפט פון דער לאַנדאָנער דעלעגאַטור אין ביאַליסטאָקער געגנט. אַזוי טיטולירט צו איר זיין בריוו פון אַפּריל 1943 מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף.
17) מאַכאַל, ז' 7.
18) דאָרטן, ז' 6.

די „אָנפירונג פון ציווילן קאמף" האָט זיך אין אירע אָפיציעלע ענונציאציעס אָפגעטרייסלט פון די יידן־מאָרדן, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך „מלאָדא פּאָלסקא" און אנדערע פאָרמאציעס פון נ. ס. ז. און א. ק. אָבער אין תוך גענומען איז די באציונג צום יידישן גורל געווען די זעלביקע. אויף די פילמאָליקע ווענדונגען פון מרדכי טענענבוים צו דער „אָנפירונג פון ציווילן קאמף" וועגן הילף איז דער תירוץ געווען: ווי איז אייער, די יידישע, באציונג צום ראטנפארבאנד? 19).

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען עס האָט זיך שוין צוגעגרייט דאָס פארסמטע געקעכץ פון קאטינער בלבול. אויף אָט דער קלאָץ־קשיא האָט זיך געענדיקט, קיין שום הילף מצד דער אָפיציעלער פוילישער אונטערערד איז נישט געקומען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס טאָמאראָף האָט זיך געיאָוועט ווי דער שליח פונם יידישן נאציאָנאלן קאָמיטעט פון ווארשע מיט רעקאָמענדאציעס פון דאָרטיקן אָפיציעלן פוילישן צענטער.

אין א בריוו פון 2־טן אפריל 1943 צו „דער אָנפירונג פון ציווילן קאמף פון ביאליסטאָקער געגנט" שילדערט טענענבוים די טראַגישע לאגע. ער שיקט א פארצווייפלטן רוף וועגן הילף און געווער, כדי צו קאָנען ווירדיק שטארבן. אָבער ווידער איז די יידישע האנט געבליבן הענגען אין דער לופט. קיין הילף — אפילו אין דער מינדסטער פאָרם — איז נישט געקומען. אָט זיינען עטלעכע פראגמענטן פון דעם דאָזיקן בריוו:

„...אין דעצעמבער פון פאָריקן יאָר בין איך... ארויסגעשיקט געוואָרן קיין ביאליסטאָק. אין ביאליסטאָקער געטאָ איז געשאפן געוואָרן אן איינהייטלעכע אָרגאניזאציע... בינו לבינו איז פאָרגעקומען די ווייטערדיקע עוואקואציע פון די יידן פון ווארשע און די העלדישע פארטיידיקונג פון געטאָ אין די טעג פון 19—21 יאנואר 1943. אלע מיטגלידער פון אונזער צענטראלע אין ווארשע זיינען דעמלט אומגעקומען מיט א טויט פון העלדן 20).

„איר, הערן, האָט זיך געווענדט צו אונז מיט דעם, אז מיר זאָלן אייך צושטעלן פראָפּאגאנדע־מאטעריאל און מיר זאָלן מיטווירקן ביים קאָלפּאָרטירן די אויסגאבעס, וואָס זיינען באשטימט פאר דייטשן. מאַטעריאל האָבן מיר צוגעשטעלט און מיר זיינען גרייט ווייטער צוצו־

19) טענענבוים, נאָטיץ פון 31-טן מערץ 1943.

20) כידוע האָט זיך טאָמאַראָף טועה געווען. נישט אַלע זיינען דעמלט אומגעקומען.

שטעלן. בנוגע דעם ענין קאָלפּאָרטאַזש האָבן מיר געענטפערט, אַז מיר זיינען גרייט זיך מיט דעם צו פאַרנעמען, אָבער דאָס קאָן נישט אָננעמען קיין מאסן־כאַראַקטער מחמת דער קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון געטאָ און צוליב טאַקטישע טעמים (עס האָט נישט קיין זין, אַז דייטשן זאָלן באַקומען אַזאַ מאַטעריאַל פון... יידישע הענט).

„מיר האָבן דערמיט אויך געמאַכט אַ קעגנפאָרשלאַג: הילף ביים באַוואָפענען און ביים אַריבערפירן אונזערע מענטשן מיטן ציל פון דירעקטן קאַמף מיטן אָקופּאַנט אויפן אָרט און ביי באַדינגונגען, באַשטימטע דורך די אָרגאַנען פון דער באַוועגונג (פון דעם „ציווילן קאַמף" — ב. מ.)

„אויף אַזאַ אופן — אמת, אויף אַן אומדירעקטן וועג — איז אָנגענפּט געוואָרן צווישן אונז אַ קאָנטאַקט. אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען צו מיר אַן ענטפער מיטן לפי ערך פאָלגנדיקן אינהאַלט: „עס איז אונז זייער פריקרע, אָבער מיר האָבן אַליין אין אונזער רשות אַ באַגרענעצטע צאָל געווער. בעלנים האָבן מיר אַ סך. מיר ווייסן, אַז לגבי די דייטשן פאַרנעמט איר די זעלביקע פשרהלאָזע שטעלונג, וואָס מיר, אָבער עס בלייבט נאָך דאָך אָפן די פראַגע סאָוויעטן".

„הערן!

עס איז איצט פאַר אונז נישט די צייט צו פירן צווישן זיך פּאָליטישע „אונטערהאַנדלונגען". מיר ווענדן זיך צו איך, צו די פאָרשטייער פון פרייען פוילן, ווי בירגער פון דער פוילישער רעפּובליק. צוויי הונדערט גראַנאַטן, עטלעכע צענדליק רעוואָלווערן וועלן נישט דעצידירן וועגן דעם טערמין פונם ווידערגעבורט. אָבער זיי קאָנען יאָ דעצידירן וועגן דעם לעצטן טאָג פון דעם צווייטן, לויט דער גרויס, געטאָ אין פוילן. אַ צווייטער אויסוועג: אַרויספירן אונזערע מענטשן צום אַקטיוון קאַמף אויפן געביט.

„צו די דאָזיקע צוועקן שטעלן מיר אין רשות פון דער באַוועגונג דעם מאַקסימום פון דעם, וואָס איז נאָך געבליבן אין געטאָ — נאָכן סיסטעמאַטישן רויב פון די היטלעריסטישע תליינים.

„מיר וואַרטן אויף אייער דעציזיע, מיר האָפן, אַז אין דעם מאָמענט פון אָננעמען אַ באַשלוס וועט איר, הערן, אַ טראַכט טאָן וועגן אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר גאָט און פאַר דער געשיכטע.

מ. טאַמאַראָף.

ביאַליסטאָק, 2־טער אַפּריל 1943" [21].

21) „דפים מן הדלקה", ז' 108—111.

קיין שום ווענדונג און איבערצייגונג האָט נישט באוויזן צו ווירקן אויף די פאָרשטייער פון דער לאָנדאָנער דעלעגאטור אין ביאַליסטאָק, וועלכע האָבן אין זייער רשות געהאט קאָלאָסאַלע אוצרות געווער. דריי סיבות: דער לאָזונג פון לאָנדאָן צו שטיין מיט דער ביקס ביי די פיס און וואַרטן, דער האס צום ראַטנפאַרבאַנד און די שנאה צו יידן — האָבן גורם געווען אָט אַזאַ שטעלונג. כדי פונדעסטוועגן אַראָפּוואַרפן פון זיך די אחריות, האָבן די ביאַליסטאָקער א.ק.־לייט איבערגעשיקט טאַמאַראָפּס ווענדונג קיין וואַרשע, צו דער הויפּט־אָנפירונג פון א. ק. דער ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן „וואַצלאַוון", דעם ממונה פאַר יידישע ענינים אינם הויפּטשטאַב פון א. ק. וואַצלאַוו האָט די ווענדונג געוויזן יידישע פאָרשטייער אין וואַרשע און זיי דערקלערט, אַז עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ ספּעציעלער אויטאָ מיט געווער פאַר די יידישע קעמפער אין ביאַליסטאָק. דאָס איז אָבער געווען אַ פּשוטער ליגן. דער הויפּט־שטאַב פון א. ק. האָט פּראָסט־פּשוט אָפּגענאַרט. עס איז קיינמאָל אַזאַ אויטאָ נישט געשיקט געוואָרן, און די ביאַליסטאָקער יידישע נקמה־נעמער האָט קיינמאָל קיין הילף פון א. ק. נישט דערהאַלטן 22).

ווי מיר זעען, איז די האַנדלונג פון דער ביאַליסטאָקער לאָנדאָן־אָריענטירטער פּוילישער אונטערערד נישט געווען בלויז קיין אָרטיקע דערשיינונג. די איינשטעלונג נישט העלפן די יידן אפילו צו שטאַרבן ווירדיק איז געפלאָסן פון אויבן, נאָך העכער ווי פון וואַרשע, ווייל פון סאַמע לאָנדאָן. וועגן דעם האָט זיך איבערצייגט מרדכי טענענבוים נאָך דעם, ווי ער האָט געשיקט אַ ס. אָ. ס.־רוף דורך דער פּוילישער דעלעגאַטור אין וואַרשע אין חודש אַפּריל מיט דער בקשה, עס זאָל דערגרייכן דורך דעם וועג פון אַ געהיימער פונק־דעפּעשע קיין לאָנדאָן. אינם דאָזיקן אַליאַרם־בריוו ווערט געשריבן אָט וואָס:

„אין די גרעניצן פון דער געוו. פּוילישער רעפּובליק זיינען געבליבן ביים לעבן קוים צוויי הונדערט טויזנט יידן. דאָס אַרויספירן אין די רציחה־ערטער אין בעלזשעץ, סאָוויבאָר, אָשוויענטשים און טרעבלינקע דויערט כסדר. דעם 18־טן יאַנואַר האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע עוואַקואַציע פון געטאָ אין וואַרשע און די העלדישע פאַרטיידיקונג פון געטאָ.

22) יצחק צוקערמאַנס פאָררעדע צו טענענבוימס בוך „דפּים מן הדלקה", ז' 19.

„אַלע מיטגלידער פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט זיינען געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט. אין וואַרשעווער געגנט — איינעם מיט דער הויפּט־שטאָט — איז געבליבן 16 טויזנט יידן 23). מען האָט „אויסגערייניקט” אינגאַנצן פון יידן די ביאַליסטאָקער געגנט, איבערלאָזנדיק צייטווייליק אַ געוויסע צאָל יידן בלויז אין ביאַליסטאָק. אין די געגנטן פון וואָלין, פּאָדאָליע, וויסאָרוסלאַנד, שלעזיע, פּאָמערן, לאָדזשער און וואָלינער קאַנט, מיטן אויסנאַם פון קליינע געטאָס אין ווילנע און לאָדזש — איז שוין נישטאָ קיין איין ייד.

„לעצטנס איז ליקווידירט געוואָרן דאָס קראָקעווער געטאָ. עס קומט פאָר אַ טאָטאַלע ליקווידאַציע פון די יידן אין מזרח־גאַליציע. אַ יידן, וואָס ווערט געפונען אין אַ לאָך אָדער אין וואַלד, דערוואַרט אַ באַלדיקער טויט. עלעקטרישער שטראָם, גאַז, דערשטיקונג דורך וואַסער־דאַמף, מאַשין־געווער, קרעמאַטאָריום — אָט איז די גאַלגאָטע פון מיליאָנען יידן פון פּוילן און פון די אָקופּירטע לענדער. יעדער ארויסגעפירטער גייט אויפן טויט.

„די דאָזיקע אַקציע דויערט כסדר. שולן ווערן פאַרברענט, בית־עלמינס — פאַראַקערט. אין משך פון די נאָענטסטע דריי חדשים דאַרפן בלייבן אַבסאָלוט „יודענריין” אַלע געביטן, וואָס ליגן אויף מזרח פון דער געוועזענער דייטשער גרענעץ.

„נאָך דעם טערמין וועט קיין איין ייד נישט זיין בנמצא פון דער אָדרע אַזש ביז איבערן דניעפּר. יעדער טאָג באַטייט — טויזנטער נייע מאַרטירער; אַ דורכגעגאַנגענער טאָג באַטייט — אַ פרישן פּרעס פאַר די פּיין־ און טויט־לאַגערן.

„ראַטעוועט! ס. אָ. ס.!

„און אויב איר קאָנט נישט ראַטעווען די עדות פון דער שוידערלעכסטער טראַגעדיע אין דער געשיכטע, באַשווערן מיר אייך:

„פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון אונזערע קינדער, פאַר די פאַרפּיניקטע מאַמעס אונזערע, פאַר אונזערע פאַרשוועכטע הייליקייטן — נעמט פאַר אונז נקמה!

„פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס פרייידיקט רחמנות!

„נקמה, די אויף טויט גייענדיקע, באַגריסן דיך!” 24).

23) אַ טעות. עס איז נאָך דעמלט אין וואַרשעווער געטאָ געווען ביי 40—50 טויזנט (ערב דעם אויפשטאַנד).

24) אַרכ׳ ייה״א, נומ׳ 1843.

אויף אַט דעם רוף איז פון מערב קיין שום ענטפער נישט געקומען. עס האָט געשוויגן לאָנדאָן, עס האָט געשוויגן וואשינגטאָן, עס האָט געשוויגן די אָפיציעלע מערב־אָריענטירטע פוילישע אונטערערד.

די יידן האָבן געהאט בלויז איין פאַרבינדעטן און פריינט — דעם לינקן, אנטיפאשיסטישן פליגל פון דער פוילישער אונטערערד, די אנטיפאשיסטישע אָרגאניזאציע, אירע פוילישע, רוסישע, ווייסרוסישע און דייטשע גרופעס.

נאָכן מארטירער־טויט פון אנטאָני יאקובאָווסקי האָבן זיך אין שפיץ פון דער פוילישער אנטיפאשיסטישער, פאטריאָטישער ווידערשטאנד־באוועגונג אין ביאַליסטאָק געשטעלט דער אַלטער ארבעטער בודזינסקי, א מענטש אין די זעכציקער, וואָס האָט פערציק יאָר פון זיין לעבן אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, וולאדיסלאוו ניעשמיאלעק, אן ארבעטער פון לאָדזש, פראנציַשעק קויאווא, א פּאָליטישער עמיגראנט פון זגעזש, און פעליקס לאָרעק — אַלע רעוואָלוציאָנערן מיט א תפיסה־סטאַזש פון אמאָליקן פוילן. דער סאמע איבערגעגעבנסטער פאר די עניים פון געטאָ איז געווען דער אַלטער בודזינסקי, דער דאָזיקער גוטמוטיקער זקן איז אויך געווען דער סאמע קרבנותגרייטער. די יידישע חברים האָבן אים גערופן „טאטע" 25). צו די אקטיוויסטע פון דער פוילישער גרופע האָבן חוץ דעם געהערט: סטשעלטשיק, אדא ליסאקאָווסקא, בוטשינסקי, יאַנקאַ 26).

די אנטיפאשיסטישע אָרגאניזאציע האָט אויסגעטיילט א גרופע אקטיוויסטן, וועלכע האָבן באקומען די ספּעציעלע אויפגאבע — העלפן די שליחים פון דער יידישער זעלבשוץ צו שאפן געווער און עס אריבערשמוגלען אין געטאָ אריין.

אויף דער פשעיאזד־גאס, הארט ביים שאָסיי, וואָס האָט געפירט צום וואלד, איז געשטאַנען די כאטע פון דער ווייסרוסישער פרוי בראָניע זימנאָך. דאָ איז געווען דאָס אָרט, ווו די קוריערינס און געווער־שמוגלערינס פון דער יידישער זעלבשוץ האָבן אויסבאהאלטן זייער געפערלעכע סחורה פארן אריבערטראָגן עס אינעם יידן־ראַיאָן. עטלעכע קילאָמעטער ווייטער איז געלעגן דאָס דאָרף באקונאָוויטש. צוויי תושבים פון דעם דאָרף, דער פוילישער פּייער אנטאָני קורילא־סאוויצקי און דער ווייסרוסישער קאַליא באקונין האָבן געהאָלפן די פארבינדלערינס פון

---

25) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
26) גראָסמאַן, ז' 360.

געטאָ מיט פּורמאַנקעס, מיט מאַטעריאַלן צו מאָנטירן ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, מיט אויסשפּיר־ידיעות וכדומה 27).

אין דער הילף־אַרבעט פאַר די געטאָ־קעמפער זיינען אויך געווען אַנגאַזשירט די פּוילישע און ווייסרוסישע חברים וואַצעק וויסאָצקי, סאַוויצקאַ, באַגניוק, דער פּוילישער אַרבעטער־אַקטיוויסט טאַדעוש פּיסערא, אַן אָפּשטאַמיקער פון לאָדזש, א מענטש, וואָס האָט געהאַט באַזוכט בשעתו דעם ראַטנפאַרבאַנד, ער האָט אין משך פון א לאַנגער צייט אויסגעפירט די פונקציע פון א פאַרבינדלער צווישן דעם פּוילישן און יידישן סעקטאָר פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט; די פאַרבינדונג פלעגט איבערנעמען לייבוש מאַנדעלבליט 28).

דורך די פאַרבינדונגען פון די אַנטיפאַשיסטישע אַקטיוויסטן האָבן די יידישע געווער־שליחים אָנגעקניפּט א קאָנטאַקט אויך מיט אומפּאַרטייאישע, ערלעכע פּוילישע פּאַטריאָטן און גענאָסן פון זייער הילף. דער פּוילישער אינזשיניער סוכאַזשעווסקי, א מענטש אָן פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט אין דער פאַבריק פונם דייטש מילער, האָט געוווסט פון א סך באַהעלטענישן מיט געווער; ער האָט עס געשלעפּט פון אומעטום און איבערגעגעבן די יידן 29). דורך ליזע טשאַפּניק האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגעהאַלטן א קאָנטאַקט מיט א צווייטן פּוילישן אינזשיניער דאַווידאָוויטש, וועלכער האָט אויך געהאָלפן דער געטאָ־אונטערערד 30).

מיט ממשותדיקער הילף האָט געדינט דער יידישער יעלבשוץ די רוסישע גרופּע, וואָס האָט געווירקט אין דער ביאַליסטאָקער אונטערערד. דאָס זיינען ס׳רוב געווען סאָוויעטישע מענטשן און אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע זיינען געבליבן שטעקן אין דער אַרומרינגלונג פונם שונא און זיך אויסבאַהאַלטן אין ביאַליסטאָק אונטער פרעמדע נעמען. מיט דער דאָזיקער גרופּע פון די „וואָסטאָטשניקעס" האָבן אָנגעפירט די סאָוויעטישע מענטשן זאַכאַר („גענעראַל זאַכאַראָוו"), מיכאַיל באַרבורין („מישא"), איוואַן אָרלאָוו („וואַניא"), וואָלקאָוו, וועלכע האָבן צוגעשטעלט פאַר די יידן וויכטיקע אינפאָרמאַציעס און געווער, און זיי האָבן געהאָלפן צו שאַפן א פאַרבינדונג פאַרן געטאָ מיטן וואַלד, מיט די

27) ג"ע פון מ. בוך.
28) דאָרטן.
29) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוך.
30) גראָסמאַן, ז' 381.

פארטיזאנער 31). מיכאיל בארבורין האָט געדינט פאר א שאָפער ביים סעקרעטאר פון דער אָרטיקער נ. ס. ד. א. פּ. פראנק און האָט, איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, כסדר געגעבן צום רשות פון דער זעלבשוץ דעם באַלעבאָס מאשין. אין פראנקס אויטאָ האָבן יידישע און ווייסרוסישע מיידלעך געפירט אומלעגאַלע ליטעראַטור און וואָפן 32).

א דאנק די אַלע פארבינדונגען און אויך א דאנק דער אייגענער ריזיקאַלישער ווערביר־ארבעט פון די פארשטעלטע העלדישע מיידלעך אויף דער „אַרישער" זייט, איז געלונגען אריינצוציען אין דער אנטיהיטלעריסטישער און יידן־רעטנדיקער טעטיקייט אויך א קליינע צאָל דייטשע אנטיפאשיסטן, וועלכע האָבן געגעבן א גרויסע הילף דעם געטאָ און איר זעלבשוץ. עס איז נישט אויפגעשטעלט געוואָרן קיין אָרגאניזירטע דייטשע גרופּע — ראשית כל צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים. אָבער די אויפטוען פון די דאָזיקע דייטשע אנטיפאשיסטן זיינען געווען זייער ווערטפול און וויכטיק.

ווער זיינען עס געווען די דאָזיקע דייטשע אנטיפאשיסטן?

בוסע איז געווען א ציווילער דייטש, א קונסט־מאָלער פון בארוף. זיין קעגנערשאפט צום נאציישן רעזשים האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס ער האָט געהערט צו דער סעקטע ביבל־פאָרשער און איז מחמת דעם געווען אויסגעשטעלט אויף צרות און נגישות. אין דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע האָט בוסען אריינגעצויגן כאסיע ביעליצקאַ, וועלכע האָט געלעבט אויף „לינקע" דאָקומענטן און זיך אָנגעדונגען אין בוסעס מאָלער־קאָנטאָר אויף ליפּאָווע־גאס. בוסע האָט געגעבן א סך הילף דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע 33).

באַלע איז געווען א פאבריק־אָנגעשטעלטער און האָט אויך געהאַט אן אייגענעם חשבון מיט די היטלעריסטן, וואָס האָבן ביי אים צוגענומען און דערהרגעט זיין יידישע פרוי מיט א טאָכטער (די פרוי האָט געהייסן פון דער היים אראָנסאָן) 34).

שאדע איז געווען אן עלטערער סאָלדאט און אין ביאַליסטאָק איז ער באשטימט געוואָרן פארן דירעקטאָר פון פערטן טעקסטיל־קאָמבינאט. דאָס איז געווען א לינקער סאָציאַל־דעמאָקראט, וועלכן עס איז געלונגען זיך אויסצובאהאלטן און אויסצומיידן דעם קאָנצלאגער. שאדע האָט צוגע־

31) ג"ע פון מ. בוך, ל. טשאַפּניק און א. רוד.
32) דאָרטן.
33) דאָרטן.
34) דאָרטן, אויך — ג"ע פון פ. קאָזשעץ.

שטעלט רעגולער געווער פאר דער יידישער זעלבשוץ און חוץ דעם אויסבאהאלטן אין די ערגסטע צייטן ביי זיך צוועלף יידן. ער איז געווען אין קאָנטאקט מיט די פּארטיזאנער און פלעגט ברענגען אין וואלד אריין קאָמפּאסן און ענלעכע נויטיקע זאכן. ער האָט אויך צוגעשטעלט יידן געווער. צוויי וואָכן פארן סוף, ווען די דייטשן האָבן גענומען אונטערצינדן אלע פאבריקן, האָט ער אזוי מאנעווורירט, אז די פאבריק, וווּ ער האָט געארבעט, איז געבליבן גאנץ 35).

דער פערטער פון דער גרופּע בענעשעק, א געוועזענער טראנספּאָרט־ארבעטער, אן אנטיפאשיסט, וועלכער האָט זיך אויסבאהאלטן פאר דער געסטאַפּאָ און האָט געלעבט אויף פאלשע פּאפּירן. ער איז געווען אָנגעשטעלט אינם ערשטן טעקסטיל־קאָמבינאט און געדינט ווי א פארמיטלער און פארבינדלער פאר דער אונטערערד. ער פלעגט העלפן די פּארטיזאנער מיט טראנספּאָרט, געלט און ארבעט־קארטעס 36).

דער דאָזיקער בענעשעק האָט קאָנטאקטירט די יידישע קעמפער מיט א צווייטן דייטש קודלאטשעק, וועלכער האָט געהאט אין זיין רשות א פּאסאזשיר־אויטאָ און געהאָלפן דער אָרגאניזאציע מיט טראנספּאָרט. אויף זיין אויטאָ האָט מען געשמוגלט געווער 37).

עס איז דאָ א סברא, אז סיי בענעשעק, סיי קודלאטשעק זיינען באמת געווען טשעכן, אנטיפאשיסטן, וועלכע האָבן געמוזט אנטלויפן און זיך אויסבאהאלטן אויף פאלשע פּאפּירן פון כלומרשטע סודעט־דייטשן 38).

די וויכטיקסטע הילף פאר יידן און די פּארטיזאנער האָט געגעבן וואלטער, א קאָמוניסט פון ווין, וואָס האָט זיך אויסבאהאלטן פאר דער נאצישער מאכט און געלעבט אין ביאליסטאָק, ארבעטנדיק ווי דער פארוואלטער פון די מאגאזינען און בויטענלאגער אויף קאָלעיאָווע גאס. דאָ האָבן געארבעט יידן און צווישן אנדערע די מיטגלידער פון דער זעלבשוץ בובע רובינשטיין, וועלכע האָט טאקע מיט וואלטערן אָנגעקניפּט א קאָנטאקט. וואלטער האָט געזאמלט מאטעריאלן וועגן טרעבלינקע אין געטאָ, עס איבערגעזעצט אין דייטש און אוועקגעפירט קיין עסטרייך. ער האָט צוגעשטעלט דער געטאָ־זעלבשוץ געווער. די דייטשע מאכט האָט עפּעס, ווייזט אויס, דערשנאפּט, און מ'האָט וואלטערן ארויסגעשיקט אויפן פראָנט.

---

35) ג״ע פון ל. טשאַפּניק, מ. בוך, ע. בוימאַן.
36) ג״ע פון פּ. קאַזשעץ.
37) ג״ע פון ע. בוימאַן און פּ. קאַזשעץ.
38) ג״ע פון ל. טשאַפּניק.

מיט וואלטערן האָט מיטגעארבעט א דייטשער אונטעראָפיציר, א קאָמוניסט. אָבער זיין נאָמען איז געבליבן אומבאקאנט (39).

די דייטשע גרופּע האָט געהאט פאר די יידן א באזונדערע באדייטונג, ווייל דורך איר האָט מען באקומען א סך ווערטפולע אינפאָרמאציעס און ממשותדיקע הילף אין אן עת צרה.

אונטערן איינפלוס פון די דאָזיקע אקטיווע דייטשע אנטיפאשיסטן האָבן אויך אנדערע פּשוטע דייטשן אָנטיילגענומען אין פארשידענע הילף־אקציעס. אזוי האָט צוואנציק יידן פון ביאַליסטאָקער תפיסה געראטעוועט דער דייטש סטעפאן בלומע (40). צוויי דייטשן זיינען פארמשפט געוואָרן צום טויט פאר העלפן יידן (41).

די דאָזיקע אלע פּאָליטישע גרופּעס פון די פארשידענע נאציאָנאַליטעטן פון ביאַליסטאָקער אונטערערד זיינען דורך פארשידענע פאָרמען פארבונדן געוואָרן אין איין אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע מיט באזונדערע נאציאָנאַלע סעקטאָרן; בראש איז געשטאנען איין אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט, וואָס אין זיין באשטאנד איז אויך אריינגעגאנגען דער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט אין געטאָ. אין דעם צוזאמענהאלטן דעם דאָזיקן קאָמיטעט, און אין אריבערוואַרפן זיינע בריקן צו דער געטאָ־אונטערערד האָבן א גרויסן פארדינסטפולן אָנשטרענג אריינגעלייגט די צוויי יונגע יידישע גימנאזיע־שילערינס פון גראָדנע, די קאָמיוגיסטקעס ליזע טשאפּניק און אניע רוד.

תחילת 1942 זיינען קיין ביאַליסטאָק אָנגעקומען צוויי גימנאזיסטקעס פון גראָדנער געטאָ — ליזע און אניע. אין גראָדנער געטאָ איז שוין אין יענער צייט געווען אן אקטיווע אונטערערדישע קאמפּס־אָרגאניזאציע. ווען די אקציעס פון שיקן גרופּעס אין וואלד אריין האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אלץ מער שטייגנדיקע שוועריקייטן, האָט דער פירער פון דער אָרגאניזאציע כמיעלניק אָנגעהויבן אריבערשיקן דאָס יונגווארג קיין ביאַליסטאָק, וווּ די אָרגאניזאציע, וועלכע האָט דאָרטן געהאט אלע מעגלעכקייטן צו וואקסן, האָט זיך געני[illegible]יקט אין נייע געזונטע כוחות. צווישן די דאָזיקע האָבן זיך געפונען ליזע טשאפּניק און אניע רוד (43).

איניינעם מיט דער אונז שוין באקאנטער מיידלעך־גרופּע האָבן די ניי־אָנגעקומענע געשאפן אן איבערגעגעבענעם אקטיוו. זיי שאפן — נאָכ־

---

(39) ג"ע פון מ. בוך, ל. טשאפּניק און א. רוד.

(40) ג"ע פון גאַבריעלאַ אווערבוך, אַרכ' ייה"א, פּראָט נומ' 1974.

(41) מאַכאָל, נומ' 4, ז' 3.

(43) ג"ע פון י. ריווקינד.

דעם ווי די ערשטע אנטיפאשיסטישע טוער פאלן אריין אין די נעגל פון געסטאפּאָ — די אגענטור פון די געטאָ־קעמפער אויף דער „ארישער" זייט, זיי שטייען אין פארבינדונג מיט דעם אלגעמיינעם אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט.

דער אלגעמיינער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט טיילט איין זיין ארבעט אין פיר סעקטאָרן: 1. קולטור און פּראָפּאגאנדע; 2. זעלבשוץ־פראגן; 3. פארבינדונג מיטן וואלד; און 4. יורידישע אָפּטיילונג, דאָס הייסט — באזאָרגן די פּליטים פון געטאָ און די קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר בכלל.

איינער פון די וויכטיקסטע אויפטועון פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, פון זיינע מענטשן, איז געווען דאָס קעגנווירקן דעם היטלעריסטישן פּראָפּאגאנדע־סם אין דער פּוילישער געזעלשאַפט און דער אנטי־ווידערשטאנד־ און אנטיסעמיטישער אגיטאציע פון א. ק. מיט שווערער, טאָג־טעגלעכער אויפקלער־ארבעט האָבן די פארשטעלטע יידישע מיידלעך און דער אלטער, טרייער בודזינסקי דאָ און דאָרט ארויסגעריסן מענטשן פון דער אלגעמיינער אטמאָספער פון פּאסיווקייט און פּחדנות. אונטער דער דראָונג פון פארלירן דאָס אייגענע לעבן זיינען געגאנגען פּוילישע, ווייסרוסישע און רוסישע פרויען צו די לעגער אין די געטאָ־מויערן און געטראָגן שפּייז פאר אָרעמע יידן. מאריא קאָזאטשוק, אן אלמנה נאָך א פּוילישן ארבעטער, וואָס איז צום טויט פארפּייניקט געוואָרן אין אָשוויענטשים, האָט געוווינט אויף שיטאַרסקע־גאס נומער 2, נישט ווייט פון געטאָ און געהאלטן פאר איר הייליקן חוב כמעט טאָג־איין טאָג־אויס אריבערצוּווארפן איבער דעם מויער ברויט און אנדערע פּראָדוקטן. אזוי האָט אויך געהאנדלט די צווייטע ווייסרוסישע פרוי עליזאוועט בורדא. די רוסישע פרוי קאָפּילאָווא האָט געטראָגן עסן פאר אָרעמע יידן אין געטאָ. דאָס פּאָרפּאָלק פּעליציא און זיגמונט סאָסנאָווסקי, פּוילישע ארבעטער, האָבן אין זייער דירה אויף ענגלישער גאס, אָדער ווידאָק ארויסבאהאלטן זעכצן יידישע מיידלעך. די אַם אלעקסאנדרא לעאָנאָוויטש, אָדעסער גאס נומער 5, האָט געראטעוועט און געשפּייזט דאָס קינד פון דעם יידישן רעזשיסער צייטלין. איינאָרדענען פּליטים פון געטאָ האָבן געהאָלפן די ווייסרוסישע פרוי וויערא קאָזוך, דער פּוילישער שוסטער קאָנראַד פּאורלאָווסקי, דער פּוילישער שוואַרץ־ארבעטער יוזעף באלאקער, דער קאטויל ד"ר קרידלעוויטש, די קאטוילישע גלחים אבראמאָוויטש און כאָדיקא. דער לעצטער און ד"ר פּילפּאווסקי האָבן בעת די קאָנטריבוציע־גזירות געבראכט אין געטאָ אריין א היבשן סכום גאָלד צו הילף די יידן; אָבער רא־

בינער ראָזענמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די הילף, דערקלערנדיק, אַז דאָס איז „טומאה”. „אַרישע” דאָקומענטן פאַר אַנטלאָפענע יידן האָבן אויסגעאַרבעט מאַרטשין טשיזשיקאָווסקי, מירונטשוק און דראָוויק. עס האָבן זיך אויך געטראָפן אַזעלכע מענטשן מיט טייערע נשמות ווי די 40־יעריקע פּויערטע סטעפּאַניאַ ווישניעווסקאַ פון דאָרף פּניעוואָ הינטער ביאַליסטאָק, וועלכע האָט געזאָגט צו די יידן: „אויב עס וועט אומקומען דאָס יידישע פאָלק, וויל איך אומקומען צוזאַמען מיט אייך”, און אויך די ווייסרוסישע פרוי זאָפיא נאָסקאָ, די פּוילישע פרויען שוועסטער גאַבינ־סקי, דער פּאָלאַק משולינסקי א. א. 44).

א סך פון די, וואָס האָבן געהאָלפן, האָבן עס געטאָן פאַר שכר, פאַר געלט, א שטייגער דער קאָנדוקטאָר רעגאַלעווסקי, אָבער אויך די דאָזיקע שכר־נעמער זיינען דורך די יידן דערמאָנט געוועזן מיט לויב. די יענע־קע ווידער, וואָס האָבן זייער מענטשלעכן חוב אויסגעפירט נישט פאַר באַ־צאָלטס, האָבן געהאַט אויסצושטיין גערבערענטע צרות מצד דעם פאַשיס־טישן פליגל פון דער פּוילישער אונטערערד. די ביאַליסטאָקער פּוילישע אַנטיסעמיטן און פאַשיסטן האָבן אָנגעווענדט פיזישן טעראָר נישט בלויז לגבי סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער, פּוילישע אַנטיפאַשיסטן און יידן, נאָר אויך לגבי פּשוטע פּאָליאַקן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן פאַר דעם געטאָ־קרבן א מענטשלעך האַרץ. די פּוילישע היטלעריסטן האָבן אין ביאַליס־טאָקער געגנט דערהרגעט די צוויי שוועסטער זאָפיא און יאַנינאַ זאַ־ווישטאָווסקאַ, דענטיסטינס פון פאַך, בלויז דערפאַר, וואָס די צוויי גוטע פרויען האָבן געראַטעוועט עטלעכע יידן פון א זיכערן טויט 45).

אָבער נישט געקוקט אויף דער אַלגעמיינער אַטמאָספער, וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן דורך די דייטשן, און נישט געקוקט אויפן טעראָר פון די אייגענע רעאַקציאָנערן, האָבן זיך געפונען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט אין ביאַליסטאָק און אומגעגנט א סך מענטשן, וועלכע האָבן געהאָלפן דער געפּלאָגטער חיה — דעם ייד. די דייטשן זיינען געצוווּנגען געווען צו פירן אַן אַלץ־שטייגנדיקע יידן־פרעסערישע פּראָפּאַגאַנדע. אַזוי האָבן זיי, א

---

44) די אַלע פאַקטן באַשטעטיקן די גביות-עדות פון ל. טשאַפּניק, א. רוד, ד"ר ט. ציטראָן, מירע בורשטיין און פון די קרובים און באַקאַנטע פון ד"ר קאַגאַן, ד"ר קאַווקעוויטש, ד"ר גינזבורג, ל. רובינשטיין און אויך די גביות-עדות פון חיה סטריקאָווסקאַ און פּלטיאל לאָפּאַטאָ, אַלע געראַטעוועטע דורך די דערמאָנטע קריסטן. די ג"ע אינם ייה"א, נג': 12, 2252, 3602, 2403, 1975, 1907, 2407, 2259 און 1836.

45) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

שטייגער דעם 15־טן מערץ 1943 ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער פּוי־לישער און ווייסרוסישער באַפעלקערונג, אין וועלכן עס איז געווען דער העץ־לאָזונג: „דער זשיד איז געווען אייער שונא! ערשט מיר פירן אריין די געשיכטלעכע גערעכטיקייט. מיר וועלן אויסראָטן די יידן ביז איינעם. דריקט זיי נישט אויס קיין מיטגעפיל!" 46).

די דאָזיקע פאַשיסטישע אַגיטאַציע האָט געהאַט א פּעולה נאָר צווישן די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע עלעמענטן. דאַקעגן־זשע די פּוילישע מאַסע אין איר רוב האָט נישט באַהאַלטן איר פיינטשאַפט צו די אָקופּאַנטן 47). די אַרבעט פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געפונען א טיפן אָפּקלאַנג ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג, בפרט ביי אירע אַרבעטנ־דיקע שיכטן. אַזוי דערוויסן מיר זיך פון געהיימען וואַרשעווער ביולעטין „אינפאָרמאַציאַ ביעזשאָנצאַ", אַז אפילו אין לאָמזשער ראַיאָן וואַקסט אָן אין סעפּטעמבער 1942 א שטאַרקע ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן די אָקו־פּאַנטן; דעם נײַנטן סעפּטעמבער 1942 ווערן אין לאָמזשע דערשאָסן 9 פּוילישע פרויען און 24 מענער פאַר פּאָליטישער טעטיקייט 48). אויב מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז די נ.ס.ז., וועלכע האָט די גרעסטע איינפלוסן געהאַט אין לאָמזשער ראַיאָן, האָט נישט גערופן צום קאַמף קעגן די אָקו־פּאַנטן, וועלן מיר פאַרשטיין, אַז אויך דאָ אין דער פעסטונג פון נ.ס.ז. און א.ק., זיינען אריינגעדרונגען די השפעות פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. אין ביאַליסטאָק גופא זיינען די אַקטיווע ווידערשטאַנד־שטי־מונגען אויך ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג געווען אַזוי. דראָענדיק פאַר די דייטשן, אַז זיי נעמען אין אַפּריל 1943 פּוילישע ערוב־לייט 49). דער באַפעל פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט אַז אַלע פּאָליאַקן פון 17 ביז 21 יאָר זיינען מחויב זיך שטעלן צו צוויי־יאָריקער צוואַנגס־אַרבעט, ווערט פאַקטיש כמעט נישט אויסגעפירט, און די געסטאַפּאָ מוז אָנווענדן רעפּרעסיעס 50). דער דאָזיקער פּאַסיווער ווידערשטאַנד גייט נאָך סטאַ־לינגראַד אריבער אין אַקטיווע אַרויסטריטן; אָנהייב זומער 1943 הייבט זיך אָן א ברייטע סאַבאָטאַזש־באַוועגונג אויף די ביאַליסטאָקער פאַבריקן; די אָקו־פּאַנטישע מאַכט ענטפערט מיט מאַסן־אַרעסטן. מען נעמט צו נישט בלויז

46) געהיימער מיליטערישער אַרכיוו, דאָרטן.
47) מאַכאַל, ז' 5.
48) „אינפאָרמאַציאַ ביעזשאַנצאַ", נו' 36 (61), אַרכ' פון אינסטיטוט פאַר נייעסטער געשיכטע.
49) „אינפאָרמאַציאַ ביעזשאָנצאַ", נומ' (98) 25.
50) „אינפאָרמאַציאַ ביעזשאָנצאַ", נומ' (95) 22.

פאַרדעכטיקטע, נאָר אויך זייערע משפחות און שכנים, מען ליקווידירט גאַנצע פאַמיליעס 51). עס ווערן אין די פאַבריק־הויפן אויפגעשטעלט תליות, ווי, למשל, אין פערטן טעקסטיל־קאָמבינאַט. דאָ זיינען דריי פּוילישע אַרבעטער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן אין דער אינדוסטריע. בלויז איינער בעט, מען זאָל אים שענקען דאָס לעבן. די אַנדערע צוויי קומען אום ווי העלדן. איינער פון זיי רופט אין דער לעצטער מינוט אויס: „בעט נישט די הינט קיין רחמנות, זיי וועלן סיי ווי זיך נישט מרחם זיין, בעסער אומקומען מיט כבוד. עס וועט קומען דער טאָג פון באַצאָלונג"! 52). עס זיינען חוץ דעם פאַראַן ידיעות וועגן אַ סאַבאָטאַזש־באַוועגונג מצד פּוילישע אַרבעטער אויף די באַנען און אין די דערפער 53). אויפן פּוילישן דאָרף האָט אַ חוץ דער אַנטי־פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אויך געווירקט די פּויערישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די „באַטאַליאָני כלאָפּסקע" אונטער דער אָנפירונג פון מיעטשיסלאַוו בלאַהושעווסקי 54).

אַזוי אַרום איז דאָס געטאָ נישט געווען דער איינציקער צענטער פון ווידערשטאַנד אין ביאַליסטאָק. צווישן דער פּוילישער, ווייסרוסישער און רוסישער באַפעלקערונג האָט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג געשלאָגן טיפע וואָרצלען. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געבראַכט אַ סך הילף די יידישע קעמפער, עס איז אויך נייטיק אונטערצושטרייכן די ראָל פון די דייטשע אַנטיפאַשיסטן, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט פאַר אַ טייל פון דער אַלגע־מיינער קאַמף־באַוועגונג קעגן דעם דייטשן פאַשיזם.

---

51) ג"ע פון מיעטשיסלאַוו וויניצקי, אַרכ' ייה"א, פּראָט' נומ' 1471.

52) גראָסמאַן, ז' 395.

53) „זידאָסטפּרויסישע טעגעסצייטונג" פון 18-טן און 19-טן יולי 1942; די צייטונג ברענגט ידיעות פון שכנותדיקן ציכענאָווער (טשעכאָנאָווער) באַצירק וועגן טויט-שטראָפן פאַר סאַבאָטאַזש איבער פּוילישע אַרבעטער און פּויערים; עס איז באַוווּסט, אַז אַזעלכעס האָט אויך געהאַט אַן אָרט אין ביאַליסטאָקער באַצירק.

54) „די אייזערנע קאָמפּאַניעס פון ב. כ". (פּויליש), ז' 56.



פּתחיה מאָלער („טאַדעק")

ק א פ י ט ל צ ע ן

וואלד

יעטוועדער פארלאָזן דאָס געטאָ איז דורך די דייטשן אויפגעפאסט געוואָרן ווי אן אקט פון עובר זיין אויף די אָקופּאנטישע געזעצן, אויף דער גזירה פון איזאָלירן די יידן. אָבער דאָס גיין אין וואלד אריין איז אין די אויגן פון די נאצישע מושלים און פון זייערע משרתים אין געטאָ געווען עפּעס ערגערס פון בלויז עובר זיין אויף א געזעץ, דאָס גיין אין וואלד איז געווען א שריט פון אָפענער מרידה, אין וועלכן דער שונא האָט געזען פאר זיך א גרויסע סכנה. גיין אין וואלד איז געווען דער טייטש — נישט בלויז ברעכן די פאראָרדענונגען פון דער אָקופּיר־מאכט, נאָר אָנשליסן זיך אין דער אלגעמיינער באוועגונג פון קאמף קעגן די באצווינגער 1).

און פאר דעם האָט מורא געהאט נישט בלויז די אָקופּאנטישע מאכט; פאר אזא מין „יציאת מצרים” האָבן אימת המות געציטערט אויך די לייט פונם יודענראט; זיי האָבן געשריגן, אז דאָס וועט אומגליקלעך מאכן די גאנצע יידישע עדה. און די באוואָפנטע קרעפטן און אויספיר־אָרגאנען פון די דייטשן האָבן נאָכגעשנאפט און אכזריותדיק באשטראָפט פאר לויפן אין וואלד אריין 2).

אזוי ארום איז דער ענין פון אריבערפעקלען מענטשן צו די פארטיזאנער ווייט נישט געווען פון די לייכטע זאכן.

די דייטשע מאכט, אז זי האָט זיך דערוווסט, בכן עמעצער איז אוועק אין וואלד, אָדער איז סתם נעלם געוואָרן פון געטאָ, האָט זי זיך ביטער נוקם ונוטר געווען אין די פארבליבענע משפחה־לייט. פארן טויט האָט

---

1) ג"ע פון ל. טשאפּניק און א. רוד.
2) ג"ע פון י. ריווקינד.

מען די מענטשן געפייניקט, זיי זאָלן אויסזאָגן, וווהין איז דער קרוב אוועק, ווער האָט אים צוגערעדט דערצו און מיטגעווירקט.

אין גראָדנער געטאָ, למשל, האָבן מען פון מויל צו מויל געטראָגן די דערציילונג וועגן אן עלפיאָריק מיידעלע האַלינקע גאָלדבערג. דאָס דאָזיקע קינד איז אויסגעוואקסן צו א סימבאָל פון מאַרטירעריי און גבורה. אירע קרובים זיינען אנטלאָפן; האָבן די געסטאַפּאָ־כלבים אַרעס־טירט דאָס קינד און מיט כלערליי עינויים קשים געוואָלט אויספּרעסן, וווהין איז די משפחה אוועק און ווער האָט איר געהאָלפן. די קליינע האַלינקע האָט געוווסט, אָבער קיינעם נישט אויסגעגעבן. דאָס קינד איז אויסגע־גאַנגען אונטער די הענט פון די פייניקער 3).

דאָס ארויסגיין פון געטאָ איז געווען ביי איטלעכן איינעם א גאַנצע רעוואָלוציע אין אייגענעם טרויעריקן, אָבער דאָך באַזעסענעם לעבן־שטייגער. און חוץ אלעמען האָט דער וואַלד געשראָקן, עס האָט אָנגע־וואָרפן א פּחד די אומבאַשטימטקייט, עס האָט געשראָקן די סכנה מצד די באַנדעס פון „מלאָדא פּאָלסקא". פיינלעך שווער איז אָנגעקומען איינער פון די ערשטע גרופּעס יידן ארויסצוגיין פון געטאָ: ווען זיי זיינען אריבער דעם גרענעץ־פּלויט און האָבן זיך מיטאמאָל דערפילט אויף דער „פרייער" זייט, האָבן זיך אלע א וואָרף געטאָן אויף דער ערד און אויף עטלעכע רגעס האָבן כמעט אלע פארלאָרן די כוחות, עלעהיי א נערוון־אויפטרייס־לונג האָבן ביי די מענטשן פּאַראַליזירט דעם ווילן און די קרעפטן 4). דאָס איז געווען דער ערשטער אויסברוך פון די געמישטע געפילן פון פריי־הייט־פרייד און שרעק פארן סכנותדיק־אומבאַשטימטן קינפטיקן, וואָס שטייט פאָר.

נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע זיינען ווייט נישט געווען קיין פּחדנים און פונדעסטוועגן האָבן זיי געציטערט פארן געדאַנק פון פארלאָזן דאָס געטאָ און גיין אין וואַלד; שפּעטער, אין געטאָ גופא, האָבן זיך די זעלביקע ארויסגעוויזן פאר אמתע העלדן, בעת די קאַמפן מיטן שונא אינם יידישן תחום; אזא איז, למשל, געווען א געוויסער באָלעק, א דרייסטער זעלבשוץ־מיטגליד 5).

און דאָך האָט דאָס וואַלד געלאָקט, געצויגן מיט דער פרייקייט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט, מיטן אראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון דער געלער

3) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
4) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ.
5) ג"ע פון מ. בוך.

לאטע, מיטן באפרייען זיך פון דער אייביקער מורא פארן דייטש. „אין שטוב — שרייבט אן עדות, וואס האט איבערגעלעבט די דאזיקע געפילן, — זיצן צען מאן. אלע שווייגן און קוקן זיך אן. צוויי חברים, וואס זיינען געקומען פון וואלד נאך באנדאזשן און אנדערע זאכן, שמועסן וועגן וואלד און וועגן דער צוגרייטונג פון נייע מענטשן אויף דער קומענדיקער וואך. עס פילט זיך, אז די מענטשן פון וואלד זיינען שוין עפעס אנדערע מענטשן, זיי האבן גאר אן אנדער אינטערעס אין לעבן״ 6).

די פארטיזאנער זיינען שוין עפעס אנדערע מענטשן. זיי האבן זיך באפרייט פון אייביקער שרעק. זיי אינטערעסירן שוין אנדערע ענינים — אט דאס האט געפילט די בעסערע יוגנט אין געטא, און דעריבער האט, טראץ אלע שוועריקייטן, דאס וואלד געלאקט 7).

זייער האמעטנע איז צוגעגאנגען לכתחילה דער אנשטרענג צו שיקן מענטשן אין וואלד. בעת אין די רייען פון דעם פאריניקטן אנטיפאשיס־טישן בלאק איז דער דאזיקער געדאנק פרי רייף געווארן, האט מען אינם „צווייטן בלאק״ זיך זייער לאנג געקווענקלט. ווען א גרופע יוגנטלעכע פון ביתר האט באשלאסן גיין אין וואלד אריין, האט מרדכי טענענבוים לכת־חילה דעם דאזיקן ווילן געהאלטן פאר דעזערציע פונם געטא־פראנט 8). די ביתרישע גרופע איז פונדעסטוועגן אוועק, אבער אינגיכן איז זי גע־קומען צוריק, דערקלערנדיק: מיר האבן נישט דארטן ווו צו קעמפן, מיר האבן נישט פאר וועמען צו קעמפן 9). די באדינגונגען אין וואלד — אין פארגלייך מיט דעם געטא אין דער תקופה פאר דער ערשטער ליקווידא־ציע — זיינען געווען זייער שווערע; האבן זיך אט די יוגנטלעכע אונטערן דרוק פון די שוועריקייטן תיכף צוריקגעצויגן. מער שטאנדהאפטיקייט און עקשנות האט ארויסגעוויזן די גרופע פון „הנוער הציוני״, וועלכע האט זיך איינגעקלאמערט אינם וואלד, אין דער פארטיזאנישער באוועגונג און האט אויסגעהאלטן 10).

דאס גיין אין וואלד איז געווען געהאמעוועט דורך נאך איין זאך: נישט אלע האבן גלייך תופס געווען דעם זין פון דער עובדא פון אריבערטראגן זיך אין וואלד. טייל מענטשן האבן אויפגעפאסט דעם ענין ווי דאס אויס־זוכן א זיכערן מקום מקלט, א באהעלטעניש, וואס אונטער איר שוין ועט

---

6) קאט, ז׳ 78.

7) ג״ע פון ר. וואיסקאווסקא און מ. בוך.

8) טענענבוים, נאטיץ פון 29-טן יאנואר 1943.

9) ג״ע פון ל. טשאפניק און א. רוד.

10) ג״ע פון מ. בוך.

מען ווי עס איז אריבערקומען די ביטערע צייט מיט אירע פורעניותן. קעגן אָט אזעלכע רעיונות פון א טייל זיינע חברים טרעט ארויס זייער שארף דער חלוץ חנוך, בעת ער זאָגט: מיר טאָרן נישט גיין אין וואלד, כדי דאָרטן צו לעבן אויפן חסד פון פויער, קויפן זיך פאר געלט עסן און דאָס לעבן 11). עס האָט א נישקשהדיקע צייט געדויערט, ביז מען האָט איבערצייגט דעם עולם, אַז דאָס פארטוישן דאָס געטאָ אויפן וואלד איז דער פשט — נישט אנטלויפן פון סכנות, נאָר דווקא זוכן א געלעגנהייט צו קאמף, צו נקמה. איינצייטיק האָבן די געדאנק־טרעגער פון וואלד אונ־טערגעשטראָכן, אז אויך רעטונג קאָן מען דאָ געפינען. עס האָבן זיך פאר די וואלד־מענטשן געהויפנט נאָך כלערליי שוועריקייטן און מניעות. עס איז שווער געווען צו עקזיסטירן אין די וואלדיקע באדינגונגען פאר קליינע גרופן; דער חלוץ הערשל ראָזענטאל (יאשינאָווקער) איז ארויס מיט א באַוואָפנטער גרופע אין וואלד און געקומען צוריק. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט האלטן, ווייל זיי זיינען געווען צו קליין אין צאָל 12). פול מיט סכנות איז געווען דער וועג ביים ארויסגיין פונם געטאָ־תחום.

און דאָך זיינען גרופעס געגאנגען אין וואלד אריין.

די ערשטע, וועלכע זיינען גרייט געווען אויפצונעמען דעם פארטי־זאנישן לאָזונג פון אנטיפאשיסטישן בלאָק און אים מקיים זיין, האָבן זיך געפונען אין די רייען פון דער יוגנט, וואָס איז זיך אהער, קיין ביאליס־טאָק, צונויפגעלאָפן פון דער חרובער, פארטיליקטער פראָווינץ. די היימ־לאָזיקייט, די בלוטיקע דערפארונג און די נאָענטע באקאנטשאפט מיט די וואלד־ און פעלד־באדינגונגען זיינען געווען די גורמים פון אָט דער גרייטקייט 13).

ווען מען האָט גענומען אָט די גרייטקייט פארווירקלעכן, זיינען שוין, ווי געזאָגט, אין די ארום־ביאליסטאָקער וועלדער געווען פארטיזאנער, סאָוויעטישע קעמפער און נקמה־נעמער, ס'רוב אנטלאָפענע פון די געפאנ־גען־לאגערן, אונטער דער אָנפירונג פון מישא סיביריאַק. עס איז דער פארדינסט פון יאָשקע קאווע און גדליה שאיאק, וואָס די קאָנטאקטן מיט אָט די פיאָנערן פון דער פארטיזאנישער באוועגונג זיינען אויסגעפונען און פארקניפט געוואָרן 14). עס ווערט געמאכט דער ערשטער שריט. זומער־צייט 1942 לאָזט זיך די ערשטע גרופע יידן אין וואלד אריין; אָבער

---

11) זע אויבן די דיסקוסיע אויפן „דרור"-אַקטיוו פון 27-טן פעברואר 1943.

12) ג"ע פון ח. גראָסמאַן און ב. ווינִיצקאַ.

13) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און אַ. רוד.

14) דאָרטן.

גראָד איז עס געשען אין אַ פּאַטאַלער שעה. דווקא דעמלט האָבן די דייטשן געמאַכט גרויסע אָבלאַוועס אויף די פּאַרטיזאַנער און דער דרייסטער פּלאַן פון דער געטאָ־אָרגאַניזאַציע לײַדט אַ דורכפאַל. די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנישע באַזע האָט זיך אונטערן דרוק פון די אָבלאַוועס געמוזט איבעררוקן ווײַטער אויף מזרח; אַהין איז געווען שווער און כמעט אוממעגלעך צוצוקומען פאַר די ערשטע אַרויסגייער פון ביאַליסטאָקער געטאָ 14א). אָבער דאָס איז געווען אַ צײַטווײַליקע שוועריקייט, ווײַל די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איז שוין דעמלט געווען קאָאָרדינירט און אָנגעפירט דורך אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט. אינמיטן 1942 איז שוין אויף דער אָנווײַזונג פון יאָסיף סטאַלין געשאַפן געוואָרן דער צענטראַלער שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג און אויך דער ווײַסרוסישער שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג 15). אָט דער דאָזיקער וויכטיקער פאַקט האָט באַפעסטיקט דעם באָדן פאַרן ווײַטערדיקן אַרויסגיין פון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער טראָץ אַלע שוועריקייטן.

אין ביאַליסטאָק גרייט זיך ווידער די היימלאָזע יוגנט און גייט אין אַ צײַט אַרום אַרויס אין וואַלד; אַזוי שאַפט זיך די ערשטע ייִדיש־פּאַרטיזאַנישע גרופּע אין די ביאַליסטאָקער וועלדער, די גרופּע, וואָס טראָגט דעם נאָמען קרינקער פּאַרטיזאַנער. דאָס איז געווען אין חודש נאָוועמבער 1942, נאָכן באַרימטן באַפעל פון יאָסיף סטאַלין וועגן פאַרשטאַרקן די פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט אינעם רוקן פון שונא 16). דעם דאָזיקן באַפעל האָט די קאַמף־לעכצנדיקע געטאָ־יוגנט געהערט דורך די געהיימע ראַדיאָס 17). די אַנטלויף־באַזע האָט זיך געפונען אין די קאַזאַרמעס פון צענטן „דאָק", וווּ מ'האָט די פּראָווינצער יוגנט געהאַלטן פאַרשפּאַרט, כדי זיי פון דאָרטן אָפּצושיקן קיין טרעבלינקע. דורך כלערליי וועגן גנבענען זיך די יונגע מענטשן אַרויס, קומען אין געטאָ, באַזאָרגן זיך מיט געווער און לויפן פון דאָרטן אין וואַלד אַרײַן 18).

די דאָזיקע פּיאָנערישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע ציילט פון צוועלף ביז זעכצן מענטשן 19). בראָש פון דעם קליינעם אָטריאַד שטייט דער קאָמאַנדיר משה סלאָפּאַק, אַן אויסגעצייכנטער סאָלדאַט, זיין פּאַרטיזאַנישער

14א) ג"ע פון מ. בוך.
15) צאַנאַוואַ, ז"ז 20 און 21.
16) דאָרטן.
17) ג"ע פון י. ריווקינד.
18) ג"ע פון מ. בוך.
19) דאָרטן.

פסעוודאָנים איז — מאַקסים. צו דער גרופּע געהערן צווישן אנדערע: פּתחיה מאַלער, פּנחס קאָזשעץ („פּאַוועל”), מוליע נישט, דער וואַרשעווער קונסט־מאַלער רודי, דער שפּעטערדיקער פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדיר יונה סוכאַטשעווסקי („סאַשאַ”) א. א. 19א).

די ערשטע פּאַרטיזאַנער פּאַרשטייען, אַז זייער שריט באַטייט נישט־אָפּרייסן זיך פון געטאָ, נאָר פאַרקערט, צוזאַמענאַרבעטן און זיין פאַר־בונדן מיט פעדים פון קעגנזייטיקער הילף מיט דער יידישער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג פון דער שטאָט. די ראָל פון פאַרבינדלער פירן אויס קאָזשעץ, בערקנער („סערגיי”), גאָלדשטיין („באַטעק”). די גרופּע פירט אויס א ריי געוואַגטע אקציעס; זי צעקלאַפּט עטלעכע פּאָסטנס פון דייטשע זשאַנדאַרן 20). אינגיכן אַנטפּלעקט זיך אָבער די טראַגישקייט פון דער קליינצאָליקייט פונם אָטריאַד און פון דעם פאַקט, וואָס די גרופּע איז איינע אַליין, וואָס זי איז נישט קיין טייל פון א גאַנצער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַ־נישער מחנה.

סוף יאַנואַר 1943 לעבן איבער די ערשטע יידישע פּאַרטיזאַנער א שווערן אָנפאַל פון דייטשן. די יידן געפינען זיך אין די סופּראַסלער וועלדער, נישט ווייט פונם דאָרף ליפּאָווי מאָסט. דער שונא גרייפט אָן דעם פּאַרטיזאַנישן לאַגער. אין אומגלייכן קאַמף פאַלן מיט א העלדן־טויט זעקס פּאַרטיזאַנער, אייניגעם מיט זיי קומט אום דער קאָמאַנדיר משה סלאַפּאַק. די גרופּע גייט אָפּ מיט בלוט; זי מוז זיך צוריקציען, זי מוז זיך צעטיילן אין צוויי. מיט איין טייל פירט אָן פּתחיה מאַלער, רייסט זיך אָפּ פון די דייטשן און גייט אַרויס גאַנץ. דער צווייטער טייל — פיר מענטשן גוט באַוואָפנט מיט אויטאָמאַטיש געווער — פאַלט אָבער בקרוב אַריין. שרעק־לעך מידע ווערן די פיר פּאַרטיזאַנער איינגעשלאָפן אין א פויערישער שטאַל. דער באַלעבאָס, א פאַרקויפטע שקורע, לויפט רופן די דייטשן. איין גראַנאַט־זעץ אין שטאַל, אַלע קומען אום. אין געטאָ ווייסט מען נישט לכתחילה וועגן דעם אומגליק. עס ווערן אַרויסגעשיקט מענטשן צו זוכן מאַקסימען און זיינע חברים. די דאָזיקע אחריותפולע און שווערע עובדא נעמען אויף זיך אַדעלאַ העריץ און פעדקאַ, אָבער זיי קומען צוריק מיט גאָרנישט 21). אָט אַזוי טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט דאָס ערשטע קאַ־פּיטל פון די ביאַליסטאָקער פּאַרטיזאַנער.

19א) לייב פודלאָווסקי: „איבערלעבענישן אין דער צייט פון דער דויטשער אָקופּאַציע”, אַרכ' ייה"א, נומ' 393/2.

20) פּאַרטיזאַנישער אַרכ' פון טאַלק (דאַטנער).

21) דאָרטן אויך — ג"ע פון מ. בוך.

אָבער אינם זעלביקן יאַנואַר גייט אַרויס פון געטאָ א צווייטע גרופּע; צוועלף מיטגלידער פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע בראש מיטן קאָמאַנדיר עליע בוימאַץ; מיט דער גרופּע גייען: פאַליע בוימאַץ, דעם קאָמאַנדירס פרוי, די משפּחה קאָן, הינדע, מישקע און חיים סטריקאָווסקי, לייב פּאָדלאָווסקי און באָך. א דאַנק דער נייער גרופּע ווערן געשטעלט אויף די פיס די שרידים פון דעם ערשטן אָטריאַד, דעם „קרינקער". פון איצט אָן פאַרמאָגט שוין ביאַליסטאָק צוויי פּאַרטיזאַנישע גרופּעס — איינע בראש מיט עליע בוימאַץ, די צווייטע אונטער דער אָנפירונג פון פּתחיה מאַלער 22). די פאַרבינדונגען צווישן געטאָ און וואַלד ווערן נאָך ענגער פאַרקניפּט. עס הייבט זיך אָן אַן ענערגישער שמוגל פון מענטשן צו די פּאַרטיזאַנער. אין אָט דער אַרבעט ברענגט דער יידישער אָרגאַניזאַציע א גרויסע הילף די ווייסרוסישע אַנטיפאַשיסטישע חברטע נידזאַ טשערוויאַקאָווסקאַ; זי איז איינע פון די וויכטיקסטע רינגען ביים אַריבערוואַרפן מענטשן אין וואַלד. דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע מיידל האָט געשטאַמט פון דאָרף און געקענט פון אויסנווייניק אַלע וועגן און שטעגן. זי האָט געפירט די יידן דורך וועגן, פאַרהוילטע פאַרן אויג פון דעם דייטשן וועכטער. עס איז איר אָבער נישט באַשערט געווען אויסצולעבן די יאָרן און אָנצוקוקן די נקמה און דעם נצחון. אין א ווינטערדיקן טאָג איז זי דורכגעפאַלן ביים פירן געטאָ־פּליטים צו די פּאַרטיזאַנער. זי איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון א דייטשן פּאַטרול און אומגעקומען מיט א מאַרטירער־טויט אויפן פּאָסטן, אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט אויסגעפילט איר מענטשלעכן חוב לגבי די פאַרפּייניקטע יידישע מיטמענטשן 23).

אין יאַנואַר באַמיען זיך אַרויסגיין פון געטאָ נאָך גרופּעס, אָבער נישט אַלעמען שפּילט צו דער דאָבֿרי מזל אַזוי ווי דער פריערדיקער. עס באַקומט זיך אַרויס די גרופּע מיט חיים גורניצקי, זיין שוועסטער סימע, אַלפּערן, צוויי ברידער יאָסעם, שאַלקע ראַטשיצקי (פון דעם שפּעטערדיקן פּאַרטיזאַנישן אָפּטייל „ווייסע פּעלצן"); זיי זיינען אַרויס עטלעכע טעג פאַר דער פעברואַר־אַקציע. אָבער זיי האָבן נישט געקענט די קאָנטאַקטן און געמוזט זיך צוריקקערן אין געטאָ. אין חודש מערץ איז די גרופּע אַרויס צום צווייטן מאָל. אין א צוזאַמענשטויס מיטן שונא קומען אום גורניצקי און אַלפּערן 24).

---

22) דאָרטן.
23) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
24) ג"ע פון א. מאַנעלים, אַרכ' יוה"א, פּראָט' נום' 3972.

אינצווישן, תחילת פעברואר 1943, ווערט די „עמיגראציע" אין וואלד אריין אפגעשטעלט. עס רייסט זיך אריין די ערשטע ליקווידיר־אקציע. די קאנטאקטן ווערן אויף א צייט איבערגעשניטן. אבער שוין סוף פעברואר באקומט באניס דער וואלד־געדאנק הויט און ביינער. די איניציאטיוו האט ווייטער דער פאראייניקטער אנטיפאשיסטישער בלאק. דריי דרייסטע חברים, דער קאמוניסט מוליע נישט, וועלכער האט שוין פריער אנטיילגענומען אין א וואלד־עקספעדיציע און איז ניצול געווארן, לאזט זיך ארויס אינאיינעם מיט די שומרים ליאנטשיק און יוסף מאקאווסקי אויף אן אויסשפירונג אין די סופראסלער און איזאבער וועלדער. אין א וואך ארום קומען זיי צוריק מיט דער מיטטיילונג, אז זיי האבן צוגעגרייט א זיעמלאנקע אין איזאבער מאסיוו און אז זיי האבן זיך געטראפן מיט דער גרופע פון עליע בוימאץ. די דאזיקע אויסשפירונג האט דורכגעשלאגן א וועג פאר א פרישן דראנג אין וואלד אריין. מיט דער פארבינדונג פירט איצט אן משה בוך. עס הייבן אן צו גיין גרופעס צו פיר, פינף פערזאן. איטלעכע אנגעקומענע גרופע פארנעמט דעם פארטיקן פון פריער ערד־הייל און גרייט אליין צו א זיעמלאנקע פאר די, וואס דארפן ווייטער קומען 25).

אט שילדערט איינער פון די, וואס זיינען אין יענער תקופה אוועק אין וואלד, ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען אי דאס אנטלויפן, אי די ערשטע צייט, די צוגעווינשאפט אין מאסיוו:

„איניקע טעג נאכן צוריקקערן זיך פונם אויסשפיר, — דערציילט אהרן ליאך, — האב איך באשלאסן ארויסגיין אין וואלד. כ'האב מיטגענומען א טעקע מיט מעדיקאמענטן, א קורצן אבריז מיט 150 קוילן, ארומגעגארטלט זיך און אזוי אוועק צו דער ארבעט אין צענטן פאלק. בעתן מיטאג־איבערייס בין איך ארויס דורך דער אוביקאציע־עפענונג אויפן פעלד. צוזאמען מיט מיר איז געווען שלמה, א קאמסאמאליעץ. געפירט האט אונז יעקב מאקאווסקי. די ערשטע צייט איז געווען די עקאנאמישע לאגע זייער א שלעכטע. ס'איז אויסגעקומען צו עסן שאלעכץ פון קארטאפל. אין א מאנאט ארום האט זיך אונזער לאגע געענדערט, נאכדעם, ווי מיר האבן זיך פאראייניקט מיט דער סאוויעטישער גרופע, „זאבלודאווצעס" (זיי זיינען דורך אונז באפרייט געווארן פון געפאנגען־לאגער אין זאבלודאווע). די סאוויעטן האבן געהאט באקאנטע פאליאקן, ביי וועלכע זיי האבן געקראגן צו קויפן געווער און אזוי ארום איז אונזער געווער־

25) ג"ע פון א. ליאך.

זאפאס פארגרעסערט געוואָרן און דורכדעם איז אויך אונזער שלעכטע לאגע געלינדערט געוואָרן. פארמאָגנדיק געווער, האָבן מיר אין די דערפער באקומען אלע נויטיקע שפייזן און פראָדוקטן.

„מיר האָבן געהאט א סטאבילע פארבינדונג מיט דעם ביאליסטאָקער געטאָ. די פארבינדלער זיינען געווען מארעק בוך, מארילקע (רוזשיצקא) און אנדערע. מיר האָבן אויך באקומען פון געטאָ א פרימיטיוון העקטאָגראף און פלעגן ארויסגעבן פלוג־בלעטלעך. אין די פלוג־בלעטלעך, ארויסגעגעבן אונטער דער אויפזיכט פון רבקה וואָיסקאָווסקא, פלעגן פובליקירט ווערן די לעצטע ראדיאָ־ידיעות, וואָס עס ברענגען מארעק בוך און מארילקע. בעתן גיין נאָך שפייז אין די דערפער זיינען זיי דורך אונז פארשפרייט געוואָרן" 26).

ווי עס דריגגט ארויס פון אָט דער שילדערונג, איז די פארטיזאנישע טעטיקייט ארויף אויף א העכערער מדרגה. דאָס איז געקומען ווי א פועל יוצא פון די באשלוסן פון דער אנטיפאשיסטישער אָרגאניזאציע, וועלכע האָט געשאפן די מחנה „פאָרויס" און ארויסגעשיקט אין חודש מערץ איינע פון אירע וויכטיקסטע מווער, רבקה שינדער־וואָיסקאָווסקא, אין וואלד אריין צו אָרגאניזירן די זאך. די יידישע פארטיזאנישע באוועגונג איז געווען א וואָגיקער פאָליטישער פאקטאָר אין דער גאנצער געגנט, קודם־כל אויפן פויליש־ווייסרוסישן דאָרף. אין דער זעלביקער צייט איז אויסגעוואקסן די שלאכט־פעיקייט פון די יידישע פארטיזאנער. די באַשפיגענע ארבעט־שקלאפן פון געטאָ, וואָס זיינען פארמשפט געוואָרן אויף אן אומפארמיידלעכן טויט, האָבן זיך ארויסגעוויזן פאר אזוי ווייט קאמפס־פעיק און מוטיק, אז זיי האָבן אפילו פארנומען מיט שלאכט א גוט־געהיטן געפאנגען־לאגער, מנצח געווען די דייטשע וואכן און אויסגעלייזט די רויטארמייער, וועלכע זיינען פאראורטיילט געוואָרן אויף א פאַוואָליעדיקער גסיסה אין אָט דעם לאגער.

פון איצט אָן וואקסן די רייען און עס הייבט זיך די חשיבות אין דער כוח פון די פארטיזאנער. אין זעלביקן חודש מערץ בילדעט זיך אויס אין וואלד א דריטע גרופע פון יידישע נקמה־נעמער; איר קאָמאנדיר איז חיים לאפטשינסקי, א געוועזענער פאָליטישער ארעסטירטער פון די סאַנאציע־תפיסות. עס יאווועט זיך אין וואלד א גרייטע אויף אלץ גרופע פון זיבעצן געטאָ־יוגנטלעכע בראש מיט יוזשעק מארגאָליס (אין אָט דער גרופע געפינט זיך דער זון פון די ליכטענשטיינס — מנשה). אין חודש אפריל

---

26) דאָרטן.

קומט אָן נאָך א גרופּע מיט ראובן לעווין אין שפּיץ. ביז סוף מאַי ציילט שוין די יידישע מחנה אין וואלד העכער הונדערט באוואָפנטע מענטשן 27).

בינו לבינו ליידן נאָך געווסיע גרופּעס, ביים גיין אין וואלד אריין, דורכפאלן. דער וועג פון געטאָ צו די פּארטיזאנער איז נאָך אלץ נישט קיין לייכטער. אין חודש אפּריל 1943 באַקומט זיך פון געטאָ ארויס א גרופּע, א מאָביליזירטע דורך יהודית נאָוואָגרודזקא; מיט דער גרופּע פירט אָן בערל וואסערשטיין, אָבער זי ווערט צעקלאפּט אונטערן דאָרף ליפּאָווי מאָסט (ווידער דער טראגישער צופאל!) און, פארלירנדיק די פארבינד־לען, מוזן זיך די חברים צוריקקערן אין געטאָ 28).

אין מאַי האָט געדארפט ארויסגיין אין מאסיוו אריין א פרישע גרופּע. לאָמיר נישט פארגעסן, אז דעם ערשטן מאַי ווערן אין געטאָ פארשפּרייט פלוג־בלעטלעך מיט סטאלינס רוף צו גיין אין דער פּארטיזאנישער באַ־וועגונג. דער רושם פון דעם רוף איז זייער גרויס 29). סוף מאַי גרייט זיך ארויסצוגיין א גרופּע פון זעכצן מענטשן פון דער פאריייניקונג פון יהודית נאָוואָגרודזקא. די עקספּעדיציע האָט צוגעגרייט יודיטא אליין. אָנ־געפירט מיט דער גרופּע האָט טאלק (ש. דאטנער). צו די ארויסגייענדיקע האָבן געהערט דער קונסט־שניצער חיים חלף, לייב שעוץ, גערשוני, מאַר־מאָרעג, קאפּלאנסקי, עדעלשטיין, מארעק שלענגער א. א. די גרופּע איז געווען באוואָפנט מיט עטלעכע לאנגע סאָוויעטישע ביקסן; דעם קאָמאנדיר האָט מען באַזאָרגט מיט א בעלגישן פּיסטאָלעט. אדורכפירן די גרופּע האָט זיך אונטערגענומען נחום אבעלעוויטש („ריס“) און יואל קעסלער („באָר־וועסער“).

די עקספּעדיציע איז באַשטימט געוואָרן אויף דער נאכט פון 24־טן אויפן 25־טן מאַי. זי איז אָבער נישט געלונגען, מחמת דעם, וואָס דער געטאָ־פלויט איז געווען באַשטעלט. אָבער זי האָט דערוויזן אַן אנדערע וויכטיקע זאך: ווי אזוי פון קאָפּ ביז פיס באוואָפנטע שופּאָ־לייט קאָנען מאכן פליטה פאַר יידישן מוט. ביים פארקאן איז איסגעבראָכן א שיסעריי צווישן די יידישע קעמפער און א גרופּע דייטשע וועכטער. דאָס ערשטע פייער האָט געגעבן טאלק־דאטנער. דער ערשטער שאָס איז געווען א טרעפלעכער — איין דייטש איז אוועקגעפאלן א שווער־פארוווּנדעטער מיטן געשריי: „ניכט שיססען! הילפע! הילפע!“ ביי דער וואך איז אויס־

---

27) ג״ע פון ק. באַראַקין.
28) ג״ע פון פ. קאָזשעץ.
29) ג״ע פון ש. דאַטנער, אַרכ׳ ייה״א, נומ׳ 1273.

געבראָכן א בהלה. די שיסעריי איז געווען א כאַאָטישע, אָבער א קעגנזייטיקע. די יידישע קעמפער האָבן זיך צוריקגעצויגן אין געטאָ 30).

דער דאָזיקער שאָס ביים פּלויט האָט געמאַכט א שטאַרקן רושם אין געטאָ; א דייטשער פאשיסט איז געפאַלן פון יידישע הענט! צווישן די יידן האָט מען גערעדט, אז פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געוואָלט אריינרייסן אינם יידן־קוואַרטאַל אריין. אויך אין געסטאַפּאָ האָט מען געהאַלטן, אז „באַנדיטן" האָבן געוואָלט זיך אריינבאַקומען אין געטאָ כדי זיך צו באַזאָרגן מיט געווער און מיטנעמען א ריי מענטשן 31).

דער דורכפאַל פון אָט דער מאַי־נאַכט, וואָס איז אָבער אין דער זעלביקער צייט געווען א מזלדיקער שלאַכט־נסיון, האָט נישט אָפּגעשטעמפּט די התלהבות פון יהודית נאָוואָגרודזקא און אירע חברים. יהודית, שלעגער, בערל וואַסערשטיין, מאָניעק בראַקער — די אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען בראש דער דאָזיקער באַזונדערער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — האָבן ווייטער געגרייט עקספּעדיציעס אין וואַלד אריין. עס איז בקרוב ארויס א גרופּע פון דרייסיק מאַן, גוט באַוואָפנטע; אין דער גרופּע איז ווידער געווען טאַלק־דאַטנער. דאָס מאָל האָט זיך דער פּאַרמעסט איינגעגעבן, און די קעמפער האָבן זיך דערקליבן צום ציל 32).

דאָס איז געשען נאָך לאַנגע צרות, וואָס דאָס געטאָ האָט געהאַט אויסצושטיין, נאָך דעם ווי די משפּחות פון א סך וואַלד־מענטשן זיינען שוין דערמאָרדעט געוואָרן דורכן שונא. עס איז געוואַקסן די פאַרביטערונג פון די יידישע פּאַרטיזאַנער און באַנאַנד מיט דעם — די גלוסטונג צו נקמה. „מיר איז אַלציינס — האָט געטענהעט טאַלק נאָכן באַקומען די שוואַרצע בשורה וועגן דעם אומקום פון זיין פרוי, — וואָס זיצן מיר?" דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג פון א סך.

און די רייען אין וואַלד האָבן זיך פאַרמערט. מען איז טראָץ אַלע שוועריקייטן געגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער. צוויי טעג פאַר דער לעצטער ליקווידאַציע פון געטאָ, דעם 14־טן אויגוסט 1943, איז נאָך ארויס א גרופּע צום וואַלד מיט מישקע לוביץ (א גראָדנער), יוסף זובערסקי, אַלעקס שעניאַק, פישל פיינפעלד 33). דאָס איז געווען די לעצטע גרופּע פון געטאָ פאַר דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע.

---

30) ד"ר ט. ציטראָן: „אַן עפּיזאָד פון ביאַליסטאָקער געטאָ", ד"ר ש. דאַטנער: „נישט געלונגענער ארויספאַל פון געטאָ", אַרכ' ייה"א.

31) פרידעלס ענטפער אויף דאַטנערס אַנקעטע. ווי עס ווייזט זיך אויס ארויס אויפן סמך פון פרידעלס דערקלערונגען, זיינען דעמלט דורך טאַלקן דערהרגעט געוואָרן צוויי דייטשן און נישט איינער, ווי מ'האָט פריער געמיינט.

32) ג"ע פון ב. וואַסערשטיין.

33) ג"ע פון פ. פיינפעלד.

בינו לבינו איז דורכגעפירט געוואָרן אין וואלד א פאראייניהייטלעכונג און אָרגאניזאציאָנעלע קאָנצענטרירונג פון אלע גרופּעס. אלע זיינען זיי איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער מחנה „פּאָרויס". עס איז אויסגעטיילט געוואָרן א פעסטע אָנפירונג: יונה סאָכאטשעווסקי („סאשא", „יעזשי"), רבקה וואָיסקאָווסקאָ, שעפּסל באָראָוויק[34]. די פּאַרטיזאַנער האָבן זייער צענטראלע און זייער היים געזען אין געטאָ. אלע וויכטיקסטע שריט זיינען געמאכט געוואָרן מיט דער פאַרשטענדיקונג און הסכם פון דעם אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. „פּאָרויס" איז געווען דאָס קינד פון דער אנטיפאַשיסטישער געטאָ־אָרגאניזאציע און א לייבלעכער ברודער פון דער געטאָ־זעלבשוץ. די מחנה „פּאָרויס" האָט איר הויפּט־שליחות געזען אין צוגרייטן הילף פאַר דעם באדראָטן געטאָ. אין יולי 1943 האָט טאַקע אין געטאָ געהאט אָן אָרט א קאָנפערענץ פון דער אָנפירונג פון אנטיפאַשיסטישן בלאָק מיטן שליח פון וואלד משה בוך. אויף דער אסיפה האָט דער לעצטער באטאָנט דעם פעסטן באשלוס פון די פּאַרטיזאנער: מיר וועלן קומען צוהילף דעם געטאָ[35]. דערווייל האָט „פּאָרויס" צוגעשיקט א מתנה — 23 שטיק געווער פאר דער זעלבשוץ[36]. דאָס איז געווען דער שניט פון א ברידערלעכער זריעה. די זריעה איז געקומען פון געטאָ — די ערשטע שטיקלעך געווער, מכשירים אויף ארויסדרייען שינעס, אויפרייס־מאטעריאל, מעדיקאמענטן און מלבושים, געזאמלטע ביי דער באפעלקערונג, וואָס דער מסירת־נפשדיקער בערקנער און אנדערע פלעגן אריבערטראָגן אין וואלד אריין; דער שניט איז געקומען פון „פּאָרויס" — די 23 כלי־זינס און די רייכע שלאכט־דערפארונג. די גרוסן פון די קאמפן, וואָס די פּאַרטיזאנער פירן, זיינען געווען די בעסטע דערציונג פאר דער יוגנט אין דעם איזאָלירטן יידן־ראיאָן. דער ייד פון א גאנץ יאָר אין געטאָ האָט געוווּסט ווי אָפּצושאצן דעם באדייט פון פּאַרטיזאַן. יידישע מעדיקער און קראַנקן־שוועסטער, וואָס זיי איז געווען דערווידער דער גייסט פונם יודענראט, האָבן געהאָלפן די וואלד־מענטשן, געהיילט און געפלעגט פארווונדעטע פון די פּאַרטיזאנישע שלאכטן. אויפן בוידעם פונם ביאַליסטאָקער געסל האָבן ד"ר טביה ציטראָן און די פלעגערין רוזשע דאטנער איינגעאָרדנט א געהיימען פּאַרטיזאנישן שפּיטאָל. אונטן איז געווען א פאבריק אונטער דער השגחה פון יודענראט און דער אַפּוטרופּסות פון די דייטשן און אויבן האָט מען געהיילט די וווּנדן פון די נקמה־נעמער. צווישן

34) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאָ און מ. בוך.
35) ג"ע פון פּ. פּיינפעלד.
36) דאָרטן.

אנדערע האָט א יידישער דאָקטאָר אויסגעהיילט און געשטעלט אויף די פיס א סאָוויעטישן פּארטיזאנישן אויסשפּירער מיכאיל מישקין, וועלכער איז געלעגן אין שטוב ביי רוזשע דאָטנער 37). און דאָס איז נישט געווען קיין פאראיינצלטער פאל.

אין געטאָ איז אויך צוגעגרייט געוואָרן דאָס אנטלויפן פון א גרופּע סאָוויעטישע קריגס־געפאנגענע פונם ביאַליסטאָקער שפּיטאָל. געשען איז דאָס איז חודש מאַי 1943. דעם קאָנטאקט צווישן די אנטיפאשיסטן פון געטאָ און די רוסישע מענטשן האָט געהאט דער קעמפער העניעק פעלץ. דער פאל האָט געמאכט א שטארקן רושם אין שטאָט און קודם־כל אינם לאגער פון שונא 38).

ווי אזוי די ארבעט־שקלאפן פון געטאָ האָבן געהאָלפן דער פארטיזאני־שער באוועגונג, דערוויזט דער פאָלגנדיקער פאל: בארא‎ש האָט באקומען פון די דייטשן א באשטעלונג אויף 600 רויטארמייאישע מונדירן און היט־לען; דאָס איז געווען באשטימט פאר פארעמער, וולאסאָווצעס און אנדערע, וועלכע האָבן געדארפט זיך לאָזן אין די וועלדער און ארייננכאפּן די פּאר־טיזאנער אין א נעץ. די יידישע ארבעטער האָבן וועגן דעם צו וויסן גע־געבן דער אָרגאניזאציע. אזוי ארום האָבן די פארטיזאנער געכאפּט די בוגדים און אויסגעמיטן א מפּלה 39).

די געטאָ־אסורים האָבן מיט האָפענונג געקוקט אויפן ווייטן וואלד. און די פארטיזאנער האָבן מיט אומרו און זאָרג נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אין געטאָ.

און די געשעענישן האָבן זיך געקייקלט האסטיק באַרג אראָפּ. עס האָט זיך אָנגערוקט די קאטאסטראָפע, דער סוף.

37) ג"ע פון ס. ציטראָן.
38) ג"ע פון מ. ב.ק.
39) גראָסמאַן, ז' 166.

פערטער טייל

אויפשטאנד

דער לעצטער גירוש

„נאָך קיינמאָל איז אין געטאָ נישט געווען אזא גוטע שטימונג ווי אין די לעצטע טעג פאר זיין פארטיליקונג. דאָס איז געווען די צייט נאָך סטאַלינגראַד, נאָך על אלאמיין, נאָך דעם זיגערישן פאַרענדיקן די צפון־אפריקאנישע קאמפאניע און נאָכן לאנדן אין סיציליע. מוסאָלינים דימיסיע האָט אנגעזאָגט די בשורה פון איטאַליעס פאלן. עס האָט זיך גערירט דער פראָנט אויפן מזרח. דעם פינפטן אויגוסט 1943 האָבן זיך צום ערשטן מאָל צעברומט די ארטילערישע סאַליוטן פון מאָסקווע מיט א יובל לכבוד דעם פארנעמען אָריאָל און בעלגאָראָד. זיי האָבן זיך אָפגערופן מיט א פרייליקן ווידערקול פון האָפענונג אין די הערצער פון די געטאָ־איינוווינער" 1).

די שטימונג אין געטאָ איז געוואָרן א מונטערע. יעדער דייטשער סאָלדאט מיט דעם שווארצן טרויערבאנד „סטאַליגנראַד" אויפן אָרעם האָט אנגעפילט די הערצער פון די יידן מיט פרייד 2). יעדער טראנספּאָרט מיט דייטשע צעקאַליעטשעטע פראָנט־זעלנער, וואָס איז געקומען פון מזרח, האָט געשטארקט די יידן אין גלויבן, אז די מפלה פון פארהאסטן אָקופאנט איז א זיכערע 3).

די געענדערטע לאַגע אויף די פראָנטן, דאָס איבערבויגן זיך פונם נצחון־וואָגשאָל אויף דער זייט פון דער אנטיהיטלעריסטישער קאָאַליציע, קודם־כל לטובת דער רויטער ארמיי, דווקא דאָס האָט צוגעיאָגט ביים שונא

1) ד"ר שמעון דאַטנער: „דער קאַמף און די פאַרטיליקונג פון ביאַלי־סטאָקער געטאָ", לאָדזש, 1946 (אין פויליש), ז' 38.

2) ג"ע פון י. ריווקינד.

3) ג"ע פון ט. ציטראָן.

דעם חשק א סוף צו מאכן מיט דעם ביסל יידן, וואָס האָט נאָך געאָטעמט אין די לעצטע געטאָס.

די שקלא וטריא וועגן דעם גורל פון די „נוץ־יידן" פון ביאַליסטאָקער געטאָ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן באלד נאָך דער ערשטער ליקווידאַציע. בעת דער פעברואר־אַקציע האָט דער שונא געלייגט אכט דער עיקר אויפן רעפּרעסיוון, אָפּשרעקנדיקן און איינצייטיק סעלעקציוון כאַראַקטער פון דעם גירוש. פאַבריק־ציגעניישן האָבן נאָך דעמלט געהאַט א שטיקל פעולה. פון קעניגסבערג אליין האָט מען נאָך די ערשטע בלוטיקע טעג אָנזונג געגעבן, עס זאָלן בלייבן די אַרבעטער פון דער אינדוסטריע. דער אָפּפלוס פון אַרבעט־הענט אין די דייטשע פאַבריקן האָט נאָך געשפּילט א געוויסע ראָל אין די מאָרד־פּלענער, און אָפּשלעפּן די פאַרווירקלעכונג פון אַט די פּלענער ביי די פירער פון „דריטן רייך".

אין משך פון דער צווייטער העלפט פון פעברואר דיסקוטירט מען באַנייס אין די אָנפירערישע נאַצישע קרייזן וועגן גורל פון די ביאַליסטאָקער יידן. עס וועגט ווידער איבער אויף א קורצער צייט די באַדערפעניש פון דער אינדוסטריע 4). אין א חודש אַרום, אין דער צווייטער העלפט פונם חודש מערץ, קומט ווידער פאַר אינם בראַניצקי־שלאָס א זיצונג וועגן דעם סוף פון געטאָ. די שטימונג ביי די באַלעבאַטים ווערט אַלץ א נעגאַטיוועריע לגבי די פאַרבליבענע יידן. עס באַקומט אַלץ מער די אויבערהאַנט די זיכערקייט־פּאָליציאישע מאַכט, וועלכע באַגרינדעט די נויטווענדיקייט צו ליקווידירן דאָס געטאָ מיטן מאָטיוו, אַז די יידן זיינען א געביט פאַר שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש־אַקטן. אויף ענדגילטיקע אויספירן קאָנען זיך די אָרטיקע נאַצי־גדולים נישט מעכטיקן. זיי באַשליסן בלויז נאָכאַמאָל נישט אַרויסצולאָזן קיין איין ייד אויף אַרבעט מחוץ דעם געטאָ און צו פאַרשנאַרקן די באַוואַכונג פונם יידן־קוואַרטאַל. וואָס שייך דער ענדגילטיקער ליזונג פון דער פראַגע, ווערט דער גאַנצער ענין איבערגעשיקט אין דעם רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט אין בערלין 5).

ווי מיר זעען, איז דער הויפּט־אַרגומענט פון דער זי.ערקייט־פּאָליציי

---

4) זע אויבן; פון דער „צווישנדייטשער קאָרעספּאָנדענץ" דרינגט אַרויס, אַז אין דער צווייטער העלפט פעברואַר 1943 איז געווען אין די אָרטיקע אָקופּאַנטישע קרייזן אַ רייד וועגן איבערלאָזן אין ביאַליסטאָקער געטאָ 30 טויזנט יידן, נויטיקע פאַר דער אינדוסטריע, מיטן באַדינג, אַז זיי וועלן זיין באַשעפטיקט נאָר אין די געטאָ-פאַבריקן און נישט אויף דער „אַרישער" זייט.

5) טענענבוים, נאָטיץ פון 16-טן מערץ 1943; אויך — „צווישנדייטשע קאָרעספּאָנדענץ" פון 10-טן מערץ 1943.

די מורא פאר די מרידה־שטימונגען ביי די יידן. עס איז קלאָר, אז דאָ האָט זיך געהאנדלט נישט בלויז וועגן די יידן, נאָר אויך און קודם־כל וועגן די קאָנטאקטן פון יידישע ווידערשטענדלער מיט ארומיקע פארטיזא־נער פון אנדערע נאציאָנאליטעטן.

מיטן ענין פארנעמט זיך אויך קעניגסבערג. דורך זיינע מענטשן דער־וויסט זיך בּאראש וועגן דעם, וואָס מען טראכט אין קעניגסבערג, און ער טיילט זיך מיט זיינע ידיעות מיט טאמאראָפן בעת דער קומט צו אים נאָך געלט און גאָלד פאר דער חלוצישער אונטערערדישער באוועגונג. בּאראש האָט זיך דערוווּסט: אין קעניגסבערג האָבן זיך ווידער אויסגעטיילט די צוויי באקאנטע שטאנדפונקטן — א „פּרינציפּיעלער", רעפּרעזענטירט דורך די טוער פון נ.ס.ד.א.פּ., וועלכער פאָדערט די פולשטענדיקע פארניכטונג פון געטאָ און די פארענדיקונג פון דער טאָטאלער יידן־אויסראָטונג פונם גאנצן באצירק, ביאַליסטאָק איינגעשלאָסן; און — א פּראקטישער, וואָס ווערט אונטערגעהאלטן דורך די פארשטייער פון דער ווערמאכט, בפרט פונם אינספּעקטאָראט פון דער „ריסטונגקאָמאנדאָ", וועלכע זאָגן זיך ארויס פאר לאָזן דערווייל דאָס געטאָ אין זיין איצטיקן צושטאנד; זיי חזרן־איבער די אלטע ארגומענטן: די לייסטונגען פון דער געטאָ־אינדוסטריע, די גרויסע צאָל יידישע ספּעציאַליסטן וכדומה. אויך אין קעניגסבערג האָט מען נישט געקאָנט דערגיין צו קיין טאָלק. דער ענין איז ווידער אריבער קיין בערלין. ווערליק בּאראש האָט געהערט, שמועסט מען, אז די זאך וועט דערגיין צו גערינגען אליין און ער וועט דארפן אויסדריקן זיין מיינונג 6).

אין אַנבליק פון אַט דער שקלא וטריא אינם לאגער פון שונא, איז ווידער געקומען בולט צום אויסדרוק די שייד־ליניע אין געטאָ גופא. אויף די דאָזיקע ידיעות רעאגירט מרדכי טענענבוים מיטן שטעלן פאר בּאראשן די פראגע אויף אזא אופן: אויב מיט א יאָר צוריק איז די צענטראלע אויפגאבע געווען בויען פאבריקן, איז איצט געבליבן איין זאך — זעלבשוץ. מיר ווילן זיי צווינגען — האָט ארויסגעלייגט זיינע געדאנקען פארן ראש פונם יודענראט טאמאראָף, — זיי זאָלן אונז נעמען מיט אר־טילעריע אָדער מיט דער הילף פון אעראָפּלאנען. דערצו איז נויטיק זיין, בּאראשעס, מאקסימאלע הילף. דערויף האָט בּאראש געענטפערט: „כל־זמן מען לעבט, זיינען נאָך פאראן אילוזיעס", און ער האָט צוגעגעבן, אז דער געסטאַפּאָ־גדול פרידעל האָט אים דערציילט, אז עס זיינען ליקווידירט גע־וואָרן דריי אָפּטיילונגען פון יידישע פארטיזאנער אין וואלד 7).

---

6) טענענבוים, נאָטיץ פון 22-טן מערץ 1943.
7) דאָרטן.

דער מיין איז געווען א קלאָרער, די שייד־ליניע — א בולטע.
די געשעעניש אנטוויקלען זיך איצט מיט א שנעלן טעמפּאָ.

אין דעם רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט ווערט אַלץ פעסטער דער באשלוס צו ליקווידירן דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ. אין חודש יוני שרייבט דער ס.ס. און פּאָליציי־פירער פון לובלינער דיסטריקט אָדיל גלאָבאָצניק, הימלערס הויפּט־ממונה איבער די יידן־ליקווידאציעס אין דער גענעראַל־גובערניע, קיין בערלין מכוח דעם ענין פון ארויסשיקן די יידן פון די צוויי לעצטע געטאָס וועלכע ליגן מחוץ דער גענעראַל־גובערניע, פון ביאַליסטאָק און לאָדזש; לויטן פּלאַן פון דעם רייכסזיכערהייטסהויפּטאַמט האָבן די לעצטע יידן פון די צוויי שטעט געדאַרפט ווערן איבערגעגעבן אין רשות פון די ארבעט־לאַגערן פון ס.ס., מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט גלאָבאָצניק. אז דער פּלאַן פון דער פולשטענדיקער ליקווידאציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז שוין געווען גרייט אין יוני 1943, דערוויזט כאָטשבי דער פאקט, וואָס אין דעם אָט חודש איז ד״ר אלטענלאָה אראָפּגענומען געוואָרן פון זיין אמט אלס קאָמאַנדער פון ביאַליסטאָקער זיכערקייט־פּאָליציי מחמת דעם, וואָס ער איז „נישט גענוג שאַרף“ 8). נישט בערלין, נישט קעניגסבערג האָבן נישט געהאַלטן, אז אלטענלאָה זאָל זיין דער פּאסיקער מענטש מיט א „שטאַרקער האַנט“ דורכצופירן א פולשטענדיקע ליקווידאציע. אלטענלאָה איז באזייטיקט געוואָרן אויפן פאָרשלאַג פון ד״ר קאַנאַריס. מען האָט אים אריבערגעפירט קיין פאריז, און אויף זיין אָרט איז קיין ביאַליסטאָק געקומען ד״ר צימערמאַן. אָבער דער לעצטער, ווען ער באַקענט זיך מיט דער געטאָ־פּראָדוקציע און אונטערן דרוק פונם אינספּעקטאָר פון דער ארמיי־פאַרזאָרגונג ראָטמייסטער פּרעזע, שטעלט זיך אויך דערווייל אויפן שטאַנדפּונקט, אז די פולשטענדיקע ליקווידאציע פון דעם יידן־קוואַרטאַל איז נאָך א פּריצייטיקע. וועגן דעם גיט איבער פרידעל באַראַשן. באַראַש באַשטעטיקט אין זיין שמועס מיט פרידעלן, אז ער האָט געקריגן פרישע באַשטעלונגען פון פּרעזען, אָבער אין געטאָ הערשט אַן אימרו, עס גייען אַרום ידיעות וועגן דעם לאַגער טרעבלינקע און דעם גאַז־טויט, וואָס דערוואַרט די יידן. ווען פרידעל ראַפּאָרטירט וועגן זיין שמועס מיט באַראַשן דעם געסטאַפּאָ־ליטער היימבאַך, בפרט וועגן די טרעבלינקע־קלאַנגען, דערקלערט דער לעצטער, אז באַראַש

8) פרידעל: „די באַשרייבונג פון די קאַמפן און פון דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ“.

איז גוט אינפאָרמירט; היימבאך דריקט דערביי אויס זיין חידוש, פונ־וואנען שעפן די יידן די ידיעות, ווארעם טרעבלינקע איז „א געהיימער מלוכה־ענין" 9).

דער אומריו פון די יידן האָט זיך ארויסגעוויזן פאר בארעכטיקט. אין מיטן יוני פארלאנגט דער רייכסזיכערהייטסהויפטאמט א ראפּאָרט וועגן די געטאָ־פאבריקן, וואָס ארבעטן פארן מיליטער; בערלין וויל אויך וויסן, ווי לאנג עס קאָן דויערן דער איבערייס אין דער פּראָ־דוקציע, אויב מען וועט דאָס געטאָ איבערטראָגן אין אן אנדער אָרט. וווהין? — וועגן דעם האָט זיך אין דעם אָנפרעג נישט גערעדט, אָבער עס איז קלאָר, אז עס האָט זיך געהאנדלט וועגן איבערשיקן די אר־בעטנדיקע יידן אין ס.ס.־לאגער, אין רשות פון אָדיל גלאָבאָצניק.

באראש גיט די נויטיקע אינפאָרמאציעס 10).

פרעזע מאכט די לעצטע באמיונגען צו לאָזן דאָס געטאָ אויפן אָרט. איינייגעם מיט צימערמאנען גייט ער צו בריקסן, דער זאָל זיך משתדל זיין וועגן דעם ענין ביי קאָכן. זיי לייגן פאָר צו פארוואנדלען דאָס געטאָ אין א פארמאכטן ארבעט־לאגער. פרעזע שרייבט וועגן דעם אויך אין דער אויבער־קאָמאנדאָ פון דער ארמיי. די שתדלנות ביי קאָכן פועלט גאָר־נישט. קאָך איז געווען — אין הסכם מיט דער אלגעמיינער ליניע פון בערלין — פאר ליקווידאציע 11).

אין מיטן יולי 1943 קומט פאָר א פארטרוילעכע קאָנפערענץ פון די קאָמאנדערס פון דער זיכערקייט־פּאָליציי אין בערלין, אינם רייכס־זיכערהייטסהויפטאמט. צווישן אנדערע שטייט אויך די פראגע פון ביאַ־ליסטאָקער געטאָ. קיין שום ענדגילטיקע באשלוסן ווערן נאָך נישט אָנגענומען.

דעם צווייטן אויגוסט 1943 ברעכט אויס דער אויפשטאנד אין טרעבלינקע. נאָכן דערשטיקן אין פייער און בלוט דעם אפּריל־מאי־אויפשטאנד פון די יידן אין ווארשע איז די טרעבלינקער מרידה א פרישער אקט פון אקטיוון ווידערשטאנד. דער שונא האָט געקאָנט באַ־קומען די אינפאָרמאציעס, אז צוויי יידן, אנטלאָפענע פון טרעבלינקע, האָבן זיך דערקליבן קיין ביאליסטאָק און פאנאנדערגעשפּרייט אין געטאָ

9) דאָרטן.
10) מאַכאָלס ענטפער אויף מיין אַנקעטע.
11) דאָרטן.

די בשורה וועגן די טרעבלינקער געשעענישן, וועגן דעם באוואָפנטן אַרויסטריט און אַז דער טויט־לאַגער איז אויפגעריסן 12).

איצט האָט שוין פולשטענדיק געזיגט דער „פּרינציפּיעלער" שטאַנד־פּונקט פון ב.ס.ד.א.פּ. און ס. ס. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָכן קאַפּיטל טרעבלינקע האָט מען באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן מיט דער נעסט פון בונט און מרידה, וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ.

כדי דורכצופירן די זאַך מיטן פולסטן דערפאָלג, האָט מען, ווייזט אויס, אין די הויכע ס.ס.־ספערן באַשלאָסן זיך נישט סומך זיין בלויז אויף די אָרטיקע אָרגאַנען, נאָר אַריינשיקן געניטע ספּעציאַליסטן אין יידן־מאָרד. אין די ערשטע טעג פון חודש אויגוסט מעלדעט זיך צום נייעם לייטער פון דער ביאַליסטאָקער זיכערקייט־פּאָליציי ד"ר ציממערמאַן דער פירער פון דער „ריינהאַרדט־אַקציע" גלאָבאָצניק פון לובלין. נאָך דעם דאָזיקן שמועס גייט איבער ציממערמאַן היימבאַכן און פרידעלן, אַז מען דאַרף זיך ריכטן אין דער נאָענטסטער צייט מיטן פאַקט פון עוואַקויִרן דאָס געטאָ 13).

גלאָבאָצניק פאָרט אַוועק און שיקט אַראָפּ קיין ביאַליסטאָק אַ קאָמיסיע, וועלכע באַשטייט פון זיינע מיטאַרבעטער, דעם הויפּטשטורמפירער מאַגעל, אָדער מאַגאָל און נאָך צוויי ס.ס.־אָפיצירן פון לובלין, וואָס זייערע נעמען זיינען ביז איצט געבליבן אומבאַקאַנט. די קאָמיסיע וויזיטירט דאָס געטאָ אין דער באַגלייטונג פון פרידעל און קליין. מאַגעל דריקט זיך אויס, אַז ביאַליסטאָק איז אַ מוסטער־געטאָ. באַראַש און זיינע מקורבים כאַפּן אויף דאָס וואָרט ווי אַן אבן־טוב, אַז עס וועט זיין גוט 14).

עס גייט אַריבער אַ וואָך, און עס קומט ווידער דער זעלביקער מאַגעל, אָבער ער רעדט שוין מיט אַן אַנדער שפּראַך. ער דערקלערט, אַז די לובלינער לאַגערן וועלן זיין אַ מער פּאַסיק אָרט פאַר דער יידישער פּראָדוקציע. אויפצומאַרגנס יאַוועט זיך גלאָבאָצניק אַליין. אין אַ טאָג אַרום ווערן געבראַכט ספּעציעלע ליקווידיר־פאָרמאַציעס פון לובלין — איין דייטשער באַטאַליאָן פון שוץ־פּאָליציי און צוויי באַטאַליאָנען פון הילף־פּאָליציי, וועלכע באַשטייען פון אוקראַינישע פאַשיסטן. לויט אַ באַשלוס פון בערלין נעמט איבער די אָנפירונג מיט דער אַק־

12) ג"ע פון י. לערמאַן.
13) דאָרטן.
14) דאָרטן.

ציִע אָדיל גלאָבאָצניק. דער פּראַקטישער אויספֿירער איז גלאָבאָצניקס באַפֿולמעכטיקטער מאַגעל 15).

דעם 15־טן אויגוסט האַלט אָפּ מאַגעל אַ פֿאַרטרויליכע באַראַטונג מיט ציממערמאַנען און היימבאַכן. נאָך דער באַראַטונג טיילט מיט היימ־באַך פֿרידעלן, אַז אויף מאָרגן, אויפֿן 16־טן, דאַרף ער זיין גרייט; גרייט דאַרף אויך זיין די אָרטיקע פּאָליציי, ווייל עס איז באַשטימט געוואָרן די עוואַקואַציע פֿון געטאָ.

הגם די אַלע צוגרייטונגען זיינען געהאַלטן געוואָרן בסוד ווי אַ „געהיימער מלוכה־ענין", האָט מען דאָך עפּעס אין שטאָט געוווּסט. סיי אין ציווילע דייטשע קרייזן, סיי אינעם יודענראַט איז מען געווען אינפֿאָרמירט, אַז דער גזר־דין איז אונטערגעחתמעט.

אַ געוויסע קורצע צייט פֿאַר דער צווייטער און ענדגילטיקער ליקווידאַציע זיינען די דייטשע קונים געקומען אין געטאָ אַריין און אָפּגענומען די זייגערלעך, וואָס זיי האָבן געגעבן צו פֿאַריכטן יידישע מייסטערס; דייטשע פֿירמעס האָבן צוריקגעצויגן באַשטעלונגען. דער תּירוץ איז ביי אַלעמען געווען, אַז זיי פֿאָרן אָפּ 16).

די פּריוואַטע סעקרעטאַרין פֿונעם יודענראַט־פֿירער הודקאַ שפּרונג האָט אויך פֿאַר די געשעענישן — אין אַ שמועס מיט באַקאַנטע אין דער וווינונג פֿון פֿרוי ראָזע דאַטנער — איבערגעגעבן, אַז זינטיק, דעם 16־טן אויגוסט דאַרף דאָס געטאָ ווערן אָפּגעשלאָסן; זי האָט אַזוי אַרום געוווּסט פֿון איר שעף, אפֿרים באַראַש, אַפֿילו וועגן דער קאָנקרעטער דאַטע פֿון דעם אָנהייב פֿונעם סוף 17).

באַראַש איז געווען גענוי אינפֿאָרמירט וועגן דעם גירוש שוין דעם 15־טן אויגוסט 6 אַזייגער פֿאַרנאַכט. אָט וואָס עס איז מודה וועגן דעם פֿריץ פֿרידעל אין זיינע דערקלערונגען איינעם טאָג פֿון זיין משפּט דעם 26־טן אָקטאָבער 1949:

„דורך מיר איז באַראַש אַרויסגערופֿן געוואָרן צו היימבאַכן דעם 15־טן אויגוסט 6 אַזייגער. היימבאַך דערקלערט אים: „הער באַראַש! אַלזאָ ווערט דאָס געטאָ, טראָץ די פּראָטעסטן פֿונעם קאָמאַנדיר און שעף פֿון דער ציוויל־פֿאַרוואַלטונג, ווי אויך פֿון ראָטמייסטער פּרעזע, דאָך ליקווידירט און די זאַך ווערט אַפֿילו דערוואַרט מאָר, פֿרי אַרום דריי

---

15) דאָרטן.
16) ג"ע פֿון ב. שאַצמאַן.
17) ג"ע פֿון א. קיסלער, אַרכ' ייה"א, פּראָט' 55/46.

אזייגער. דאָס גאַנצע געטאָ ווערט איבערגעטראָגן קיין לובלין צוזאַמען מיט אַלע פּאַמיליעס. דאָרטן וועלן אויך אָפּגעטראַנספּאָרטירט ווערן אַלע מאַשינען און געוויס וועלן די פאַבריקן דאָרטן מער פּראָדוקטיוו אויסגענוצט ווערן. עס האָט קיינער נישט זיך וואָס צו באַאומרויקן. די עוואַקואירונג דאַרף גיין אין פולער רו. אינפאָמירט די יידן, זיי זאָלן זיך פאַרהאַלטן רויק. יעדער איינער קאָן מיטנעמען פּעק, וויפל ער קאָן טראָגן. די יידן דאַרפן זיך טרעפן אויף דער גאַס און וואַרטן פאַר זייערע הייזער. ווען עס וועט קומען די פּאָליציי, זאָלן זיי זיך לאָזן אויפנעמען". באַראַש זאָגט אויף דעם, אַז א מער פּראָדוקטיווע טעטיקייט קאָן שוין נישט זיין, ווייל די מענטשן ווערן פולשטענדיק און אינגאַנצן אויסגענוצט, וואָס ער האָט שוין געוויזן אין זיינע באַריכטן; און ער פרעגט, צו קאָן מען נישט פאַרהאַלטן פונדעסטוועגן דעם טראַנספּאָרט. היימבאַך גיט אויף זיין פראַגע א נעגאַטיוון ענטפער און באַטאָנט, אַז דער קאָמאַנדער איז אַוועקגערוקט פון גאַנצן ענין און אַז עס האָט איבער דעם געטאָ איבערגענומען די באַפעל־מאַכט א העכערער עס־עס־פירער. אויף דעם זאָגט באַראַש, אַז ער וועט נישט פאַרמיידן גלייך צו אינפאָרמירן וועגן דעם די יידן. היימבאַך דערמאָנט אים נאָך צו זאָגן די יידן, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין שום פרוּוון צו אַנטלויפן פון געטאָ, עס וועט ווערן אַוועקגעשטעלט אַן אַנדער געטאָ־באַוואַכונג און יעדער איינער ריזיקירט ביים אַנטלויפן מיטן לעבן. עס זאָלן נישט ווידער דערשאָסן ווערן אַזוי פיל מענטשן ווי אין פעברואַר. — באַראַש איז, קענטיק, געווען טיף באַאיינדרוקט און אויך אינערלעך זייער אויפגערעגט. דער שמועס האָט געדויערט ביי א צוואַנציק מינוט, און באַראַש איז אַרום צוואַנציק מינוט נאָך זעקס אַוועקגעגאַנגען. ער פאַרלאָזט היימבאַכן אין זייער א געדריקטער שטימונג" 18).

באַראַש האָט, הייסט עס, גענוי געוווּסט און קיינעם נישט געוואָרנט.

אָבער די תמיד־אָנגעשפּיצטע, די אויף אַלץ גרייטע, אומרויק־וואַכזאַמע פּשוטע יידן פון געטאָ האָבן שוין עטלעכע טעג פאַרן אומגליק אַרויסגעשפּירט פון פאַרשידענע סימנים, אַז עס גרייט זיך עפּעס גרויליקס.

דעם 13־טן אויגוסט האָבן די דריי פייערלעשער משה שערטאָק, שמערל גרינשטיין און יודל בעקער באַמערקט גוט־באַקאַנטע „געסט" אויף די געטאָ־גאַסן. אין דער קאַרעטע פונם יודענראַט־מיטגליד גאָלד־

18) אַרכ' ייה"א, נומ' 1282.

בערג זיינען געפאָרן די געסטאַפּאָ־לייט פרידעל, דיבוס און קליין, וועלכע האָבן געגנוי באַקוקט דעם געטאָ־פּאַרקאַן. גרינשטיין האָט זיך אַ באַאומרויקטער אָפּגערופן צו זיין חבר בעקער: „יודל, די מעשה געפעלט מיר נישט" 19).

אויפצומאַרגנס ברענגען יידישע אַרבעטער, וואָס גייען אַרויס מחוץ דעם געטאָ, אַ ידיעה, אַז ביי דער באַן־סטאַציע שטייען אַסך ליידיקע וואַגאָנען 20).

עס הייבט אָן קורסירן אַ קלאַנג, אַז דער שונא פאָדערט פרישע צענטויזנט צום גירוש 21).

און דער יודענראַט ענטפערט ווייטער אויף אַלע צודרינגלעכע תחנונים־פראַגן, אַז עס איז גאָרנישט 22). — אפשר האָט די אינספעקציע פון פרידעל און דיבוס פאַר אַ ציל צו פאַרהיטן קעגן שמוגלען און אפשר וויל מען נאָר פאַרקלענערן דעם שטח פון געטאָ.

זונטיק דעם 15־טן אויגוסט האָבן די, וואָס פלעגן זיך אַרויסכאַפּן אויף דער „אַרישער" זייט, געזען דעם בראָך: די גאַסן זיינען פול געווען מיט פרעמדע שופּאָ־לייט און ערב רב פון מיליטער־לייט. נעבן די דייטשע פּאָליצײַ־לייט און ס.ס.־סאָלדאַטן — די אוקראַיניש־פאַשיסטישע אָפּטיילונגען אין זייערע שוואַרצע מונדירן, אָדער ציוִ דייטשע בלויע רעקלעך מיט שוואַרצע הויזן 23). די מיטגלידער פון זעלבשוץ, וועלכע האָבן געהאַט אַן אָנונג אין פּאַרטיזאַנישע ענינים, האָבן געקאָנט זען, ווער עס זיינען די פרעמדע אָפּטיילונגען. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינטלעכע שופּאָ, נאָר די ספּעציעלע פּאָליצײַאישע באַטאַליאָנען, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט לויטן סדר פון רעגולערן מיליטער און וואָס זייער אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דורכפירן עקספּעדיציעס קעגן די פּאַרטיזאַנער, אין היטן מיליטערישע אָביעקטן, פראָנט־וועגן, בריקן, באַנען. צוזאַמען מיט זיי איז געוואָרפן געוואָרן קעגן דעם געטאָ אויך די אָרטיקע שופּאָ און זשאַנדאַרמעריע פון אַרום 24).

גלאָבאָצניק און צימערמאַן האָבן צוגעגרייט די אַקציע לויט אַ

---

19) ג"ע פון משה שערטאָק און שמערל גרינשטיין, אַרכ' ייה"א, פראָט' נומ' 27.
20) רייזנער, ז' 163.
21) ג"ע פון מ. שערטאָק און ש. גרינשטיין.
22) רייזנער, ז' 164.
23) ג"ע פון ח' גראָסמאַן.
24) פרידעל, דאָרטן.

פאַרויס־באַשטימטן פּלאַן. פאַרן פלאַץ־קאָמענדאַנט און שטאַב־לייטער איז באַשטימט געוואָרן דער פּאָליציי־מאַיאָר מאַגעל. זיין באַפעל־שטעלע האָט זיך געפונען אינם בנין פונם יודענראַט אויף קופּיעצקע. צום שטאַב האָבן געהערט נאָך עטלעכע ס.ס.־אָבערשטורמפירער. מאַגעלס געהילף איז געווען דער אָבערשטורמפירער וועגנער.

פרידעל איז געווען דער פירער פון די אָפּעראַציע־גרופּעס 25).

די אַרומרינגלונג פון געטאָ איז דורכגעפירט געוואָרן בשתיקה אין דער נאַכט פון זונטיק, דעם 15־טן אויגוסט, אויף מאָנטיק, דעם 16־טן. צוויי ביינאַכט איז דער יידן־ראַיאָן שוין געווען באַשטעלט. די אָפּטייר־לונגען האָבן זיך באַמיט, אַז קיין שום גרעסערער רויש זאָל זיי נישט פאַראַטן — די יידן זאָלן זיך נישט כאַפּן, כדי דער קלאַפּ זאָל זיי טרעפן אינדערפרי אומגעריכט.

מיט דריי פעסטע רייפן האָט דער שונא אַרומגענומען דאָס געטאָ. די ערשטע קייט, צונויפגעשטעלט פונם געטאָ־פּלויט, איז באַשטאַנען פון טיילן, באַוואָפנטע מיט לייכט אויטאָמאַטיש געווער. נאָך דעם האָט זיך געצויגן אַרום די צווייטע קייט מיט שווערע מאַשין־געווער. און צום סוף דער דריטער רייף — לייכטע פעלד־אַרטילעריע און די קאַוואַ־לעריע פון דער געהילף־פּאָליציי. די באַוואָפענונג פון די דייטשן איז באַשטאַנען אויך פון האַנט־גראַנאַטן, מאַשין־פּיסטאָלעטן וכדומה. דער שונא האָט זיך גערעכנט מיט דער מעגלעכקייט פון אַ ווידערשטאַנד מצד די יידן און גענומען אין אַכט דאָס, וואָס האָט זיך געטאָן אין געטאָ־אונטערערד 26).

די דאָזיקע דרייפאַכיקע אַרומרינגלונג האָט געהאַט צוויי צילן: ראשית — היטן, אַז דאָס געטאָ זאָל זיין הערמעטיש פאַרמאַכט, אַז קיין לעבעדיק נפש זאָל נישט אַריינדרינגען אינעווייניק. והשנית — אַרויס־העלפן די אָפּעראַטיווע פאַרניכטונג־קאָמאַנדעס, וואָס זיינען אַריין אין געטאָ, באַשיסן פון אַרום די יידן אין פאַל פון אַנטלויפן, ווידערשטאַנד, אָדער אומגעהאָרכזאַמקייט.

אין דער זעלביקער צייט האָבן גרופּעס פון דייטשע סאָלדאַטן באַ־זעצט די געטאָ־פאַבריקן, וווּ עס זיינען געווען צענטערן פון יידישע

---

25) דאָרטן. דאָס, וואָס עס גיט איבער ר. רייזנער אין זיין בוך, אַז מיט דער ליקווידאַציע האָט אָנגעפירט טהומאַן פון לובלין, שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט.

26) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

ארבעטער. דער שונא האָט זיך, אפנים, געריכט, אז אין די פאבריקן קאָן אויסברעכן א ווידערשטאנד און אז זיי קאָנען אונטערצינדן אָט די וויכטיקע אָביעקטן 26א). אזוי איז ארום האלבער נאכט אראָפּגעקומען א גרופּע פון אכט דייטשן מיט אן אָפיציר אין דער באגלייטונג פון קאָטענקאָ, איינעם פון די ערגסטע כוליגאנעס פון דער יידישער אָרדנונגס־דינסט, אין דער פאבריק אויף טשענסטאָכאָווער גאס און אין דער כעמישער וועשעריי, וואָס האָט זיך געפונען אויפן זעלביקן הויף, און באזעצט די צוויי געביטן. די דייטשן זיינען געווען אין פולער באוואפענונג, מיט העלמען אויף די קעפּ. כדי צו פארווישן אלע חשדים, האָבן זיך די סאָלדאטן העפלעך באצויגן צו די ארבעטער און וועכטער און זיי אפילו מכבד געווען מיט קאָניאק 27).

די גאנצע אקציע איז דורך דעם שונא צוגעגרייט געוואָרן לגמרי פלאנמעסיק, עלעהיי א וויכטיקע קריגס־אָפּעראציע. דער געביט פון געטאָ האָט מאָנטיק אינדערפרי אויסגעזען ווי אן אמת שלאכט־פעלד. אין בנין פונם יודענראט איז, ווי געזאָגט, איינגעאָרדנט געוואָרן דער שטאב פון דער אקציע. פון דאנען זיינען געגאנגען די באפעלן און אינסטרוקציעס און דאָ האָט מען אָפּגענומען די ראפּאָרטן. איבער די גאסן זיינען אדורכגעצויגן געוואָרן טעלעפאָנען־דראָטן מיט מיליטערישע פעלד־אפּאראטן. באפעלן און באריכטן זיינען געפלויגן דורך די דראָטן הין און צוריק, איבערן געטאָ האָבן זיך אין איילעניש באוועגט קורירן אויף מאָטאָציקלען. א פראָנט־קאמפּאניע לויט אלע דינים פון פעלד־טאקטיק 28).

ארום זעקס־זיבן אינדערפרי זיינען די ווענט באדעקט געווען מיט באקאנטמאכונגען אין יידיש, דייטש און פויליש, אין וועלכע עס האָט זיך לפי ערך געזאָגט, ווי עס געדענקען עדי ראיה, אָט וואָס:

די יידישע באפעלקערונג פון ביאליסטאָקער געטאָ מוז עוואקוירט ווערן קיין לובלין. מען קאָן מיטנעמען מיט זיך שפּייז און וויכטע זאכן. ביז ניין אזייגער דארפן זיך אלע יידן צושטעלן בײַ די טויערן פון יוראָווצער גאס. דאָס פארשטעקן זיך איז צוועקלאָז 29).

26א) צוגאָב־ענטפער פון פ. פרידעל אויף ש. דאטנערס אנקעטע.
27) ג״ע פון ש. גרינשטיין.
28) ג״ע פון ב. שאצמאן.
29) ג״ע פון מ. שערטאָק, ש. גרינשטיין און ט. ציטראן.

די מודעה איז געווען אונטערגעשריבן דורך דעם הויפט פון יודענ־ראט אינזשיניער אפרים באראש און דורך דעם קאמענדאנט פון דער ארדנונגס־דינסט איסאק מארקוס 30).

אויף די בהלהדיקע פראגן און ווײ־געשרייען פון המון האבן באראש און סובאטניק בארויקט דעם עולם, אז עס וועט קיינעם גארנישט גע־שען. מען פארט אריבער אויף ארבעט קיין לובלין 31). דאס זעל־ביקע האט געטענהט די יידישע פאליציי 32). באראש און סובאטניק האבן געווארנט די יידן, זיי זאלן זיך נישט אויסבאהאלטן, ווייל די דייטשן האבן צוגעזאגט, אז עס וועט קיינעם גארנישט געשען 33). און כדי צו ווייזן א פערזענלעכן ביישפיל פון צוטרוי צו די הבטחות פון די דייטשן איז באראש דער ערשטער ארויס פארן יודענראט מיט א וואליזקע אין האנט און א רוקזאק אויף דער פלייצע א גרייטער צו גיין צו דער באן אינאיינעם מיט אלע יידן 34).

דער יודענראט־פירער האט זיך פריער פערזענלעך באזארגט מיט א צוזאג פונם שונא, אז אים וועט נישט בלויז גארנישט געשען, נאר אז ער וועט איינגעארדנט ווערן אין נייעם ארט אויף אן ענלעכן פאסטן, ווי פריער. אויף וועגן דעם גיט איבער אינטערעסאנטע פרטים פריץ פרידעל: „דאס איז ווארשיינלעך געווען דעם 18־טן אויגוסט. מאגעל און פרידעל האבן — לויט הימבאכס באפעל — ארויסגעפירט דעם קינדער־טראנספארט, מיט וועלכן עס זיינען אויך געווען לפי ערך א פערציק פרויען. דערביי איז געווען באראש. פרידעל פרעגט אים, צי וויל ער נישט, אז זיין פרוי זאל מיטפארן מיט די קינדער, ווארעם דא וועט זיין באקוועמער, ס'איז א פאסאזשיר־צוג. באראש זאגט זיך אפ און ענטפערט, אז מאגעל האט אים געהייסן פארן מיטן לעצטן טראנספארט, ווייל ער וועט אין לובלין באקומען א גלייכן פאסטן ווי אין ביאליסטאק; ער וויל דעריבער פארן שפעטער צוזאמען מיט דער פרוי 35).

---

30) ג"ע פון מאיר זשוקאווסקי, ארכ' ייה"א, פראט' נ' 1464.

31) ג"ע פון יוזעפינא מאדזאוויצקא־שעפפער, ארכ' ייה"א פראט' נ' 1854.

32) ג"ע פון מ. זשוקאווסקי.

33) יוזעפינא מאדזאוויצקא־שעפפער: „מיינע איבערלעבענישן בעת דער דייטשער אקופאציע", ארכ' ייה"א, נ' 1275.

34) ג"ע פון ש. גרינשטיין.

35) פרידעלס דערקלערונגען, נ' 18, ארכ' ייה"א.

אָט אזוי האָט זיך בּאראַש געגרייט ווייטער צו זיין — מיטן חסד פון דעם היטלעריסטישן מושל — א הערשער איבער יידן.

נישט בּלויז לגבי די יידן האָבּן די היטלער־לייט פאַרשטעלט דעם אמתן ציל פון דעם גירוש. אויך פאַר דער אויסערלעכער, נישט־יידישער וועלט האָבּן זיי אויסגעטראַכט א ליגנערישן תירוץ. די היטלעריסטישע „ביאַליסטאָקער צייטונג" האָט, ווי עס געדענקען עדי ראיה, מיטגע־טיילט אין איינעם פון אירע נומערן אין אויגוסט 1943, אַז אין ביאַ־ליסטאָקער געטאָ האָבּן זיך אריינגעריסן באַנדיטישע גרופּעס, וועלכע באַדראָען דאָס לעבּן פון די יידן; דעריבּער האָט די זיכערקייט־מאַכט באַשלאָסן צו עוואַקוירן די יידן אין לובּלינער געטאָ אריין פאַר זייער אייגענער טובה וועגן 36).

דער באַפעל איז געווען: אַלע יידן דאַרפן אין משך פון צוויי שעה פאַרלאָזן זייערע היימען און אריבּערגיין אויף דער צווייטער זייט פונם טייכל ביאַלקע.

פערציק טויזנט מענטשן האָבּן געדאַרפט צווישן זיבּן און ניין זיין גרייט אריינצושטייגן אין די בהמות־וואַגאָנען, וואָס האָבּן שוין געוואַרט אויף מענטשישער לאָדונג אויף דער סטאַציע.

נישט געקוקט אויף באַראַשעס און סובּאָטניקס באַרויקונגען, איז אין געטאָ אויסגעבּראָכן א פּאַניק. שופא־לייט האָבּן זיך אין דער באַג־לייטונג פון יידישע פּאָליציאַנטן געלאָזט איבּער הויפן און הייזער, איי־בּער מליניות און פאַרשטעק־ערטער, מיט קאַלט און הייס געווער גע־טריבּן צום זאַמל־פּונקט 37).

עס האָט זיך אָנגעהויבּן דער גירוש, די צווייטע און ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון געטאָ.

אינגיכן האָט זיך אָבּער דאָס בּילד געענדערט. ביי די גאַסן־ראָגן האָבּן זיך באַוויזן יונגע, געזונטע יאַטן. זיי האָבּן גערופן די פאַרצווייפלטע מאַסע נישט הערן די דייטשן, נישט גיין אויף יענער זייט ביאַלקע, בּלייבּן אויפן אָרט, זיך פאַרשליסן אין די הייזער, זיך באַהאַלטן אין די סכראָנעס, אָדער — זיך שטעלן אויף באַשטימטע פּונקטן, זיך זאַמ־לען אַרום באַשטימטע מענטשן.

---

36) ג"ע פון טביה ציטראָן און אידע באַבּקעס, ארכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2005.

37) ג"ע פון דינה וויינשטיין, ארכ' ייה"א, פּראָט' נ' 1472.

דאָס זיינען געווען די אקטיוויסטן פון דער אונטערערדישער די־שער זעלבשוץ־אָרגאניזאציע 38).

זיבן אינדערפרי האָט דאָס געטאָ געלייענט די פלאקאטן, וואָס האָבן גערופן צום גוטוויליקן גירוש. אכט האָט מען שוין אין די באהאלט־ערטער געוווּסט וועגן א צווייטן רוף, וועגן דעם, אז עס וועט געשטעלט ווערן א ווידערשטאנד. אכט אינדערפרי איז צו א געוויסער משפחה, וואָס האָט באַשלאָסן זיך צו באהאלטן און נישט הערן די עצה פון יודענראט, געקומען אברהמלע גארבער, א יונגערמאן, וועלכער האָט געהאט קאָנטאקטן מיט דער זעלבשוץ, און איבערגעגעבן, אז באלד וועלן דאָ ארויסטרעטן די יידישע קעמפער 39).

און אין זיין באריכט פון דער אקציע מוז פריץ פרידעל מודה זיין: „די עוואקואציע איז אָבער נישט אדורך רויק. פוןביידע זייטן האָט מען געשאָסן און פון ביידע צדדים זיינען געווען דערהרגעטע און פארוונ־דעטע“ 40). אין א צווייטן אָרט זאָגט דער זעלביקער פרידעל: „עס איז געווען א באוואָפנטער ווידערשטאנד מצד די יידן, און א געוויסע צאָל דייטשע פאָליציי־באאמטע און פאָליציי־אָפיצירן זיינען געפאלן דערשאָ־סענע און פארוווּנדעטע“ 41).

דאָס זעלביקע שטעלט פעסט דער אָרטיקער געהיים־פאָליציי־אישער גדול מאכאָל; ער דערקלערט: „אין דער צייט פון דער אויגוסט־אקציע האָבן די פאָליציייאישע אָפטיילונגען געפונען צאָלרייכע געווער, אמוני־ציע און אליין פראָדוצירטע אויפרייס־מאטעריאלן. איך האָב אין די קאַמפן נישט גענומען קיין אָנטייל, אָבער קאמפן זיינען פאָרגעקומען, ווי איך האָב שפּעטער געהערט ראפּאָרטירן, אין גאנצן געטאָ. די פאָ־ליציי־אָפטיילונגען האָבן געהאט עטלעכע טויטע און א געוויסע צאָל פאר־וווּנדעטע, דערונטער אויך אָפיצירן. איך האָב אויך געהערט ראפּאָר־טירן, אז די יידן האָבן געשאָפן א זעלבשוץ, וועלכע האָט געקעמפט קעגן די דייטשן“ 42).

---

38) ג"ע פון י. ריווקינד.

39) ג"ע פון נחום באביקער.

40) פרידעל: „די באַשרייבונג“ א. א. וו.

41) אַרכ' ייה"א, נ' 1282.

42) מאַכאָל, ענטפער אויף דעם מחברס אַנקעטע.

דער סיגנאַל

די נאכט פון 15־טן אויפן 16־טן אויגוסט איז געווען א ליכטיקע, א פול־לבנהדיקע. און דווקא איז זי געווען א שטילע 1).

די נאכט האָט די אָנפירונג פון דער פאַראייניקטער זעלבשוץ אָפּגע־האַלטן איינע פון אירע זיצונגען. פאָרגעקומען איז די זיצונג אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה אויף פּאָלנע־גאַס נומער 9, נישט ווייט פון דעם געטאָ־פּאַרקאַן; אין דער דירה האָט אַמאָל געווױנט טאַמאַראָף, איצט איז דאָ געווען איינס פון די טרעף־ערטער פון דער אָנפירונג 2).

די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן צוועלף ביינאַכט. געווען זיינען אויף דער באַראַטונג: מצד דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט דניאל מאָשקאָ־וויטש, יאשקע קאַווע, מיטעק יאַקובאָוויטש, לייבוש מאַנדעלבליט, זלמן פעלדער, פּתחיה מאַלער (פון וואַלד); פון „השומר־הצעיר״ — זרח זיסקינד־זילבערבערג און חיהקע גראָסמאַן; די „דרור״־מיטגלידער מרדכי טע־נענבוים און ראַובטשאַק; דער בונדיסט קוסטין; פיניע האַלפערן פון „הנוער־הציוני״; דער ביתריסט פליישער. דעם פאָרזיץ האָט געפירט מרדכי טענענבוים 3).

דער ערשטער פּונקט, וואָס איז געשטאַנען אויפן סדר־היום, איז געווען די פראַגע פון אַרבעטס־פּאַרטייל אין דער אָנפירונג. דער צווייטער פּונקט האָט אַרומגענומען דעם ענין פון שיקן ווייטערדיקע קעמפער אין וואַלד.

צוויי ביינאַכט, אין מיטן פון דער באַראַטונג, איז אַריינגעפאַלן דער

1) דאַטנער, ז׳ 38.
2) ג״ע פון ח. גראָסמאַן.
3) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

קעמפער גדליה שאיאק, וועלכער איז די נאכט געשטאנען אויף דער וואך. ער האט געבראכט די ערשטע אליארם־בשורה:

— דאס געטא איז באשטעלט!

עס איז תיכף געענדערט געווארן די טאג־ארדענונג. עס איז פראקלאמירט געווארן א ווידערשטאנד. די זיצונג האט אויסגעטיילט א שטאב אין באשטאנד פון צוועלף פערזאן. עס זיינען ארויסגערופן געווארן נאך צוויי חברים — הערשל ראזענטאל (יאשינאווקער) און וועלוול וואלקאוויסקי 5). די חברים האבן געמאכט א שנעלן חשבון פון דער גרויס פון דער זעלבשוץ. מען האט אפגעשאצט די כוחות אויף צוויי הונדערט קעמפער 6). עס איז אויך דורכגעפירט געווארן א סך־הכל־איבערבליק פונם כלי־זין: די זעלבשוץ האט פארמאגט 130 שטיק הייס געווער 7). אין דעם זיינען געווען א 25 דייטשע ביקסן, קרוב הונדערט רעוואלווערן, אויטאמאטן, אויך גראנאטן, איין שווערע מאשין־געווער, חוץ דעם — דינאמיט, וויטריאל, קאסעס, העק, באגנעטן. א היבשער טייל איז ערשט נעכטן אריינגעשמוגלט געווארן אין געטא אריין און מען מוז איצט אין איילעניש עס אויספראבירן. א געוויסע צאל געווער האט זיך געפונען אין רעמאנט. אין ערגסטן צושטאנד האבן זיך געפונען די אויטאמאטן 8). עס האט אויך נישט געהערשט קיין פולע זיכערקייט בנוגע די גראנאטן, וואס זיינען פראדוצירט געווארן אין געטא. ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, האבן טאקע נישט אלע אויפגעריסן 9). מען האט זיך פון דעם אלעמען אפגעגעבן א דין־וחשבון 10). אבער מען האט צעטיילט צווישן די חברים דאס, וואס איז געווען. דאס געווער האט פאנאנדערגעטיילט וועלוול וואלקאוויסקי פון דעם געהיימען ארסענאל אויף

---

5) ג"ע פון בר. וויניצקא.

6) ג"ע פון ח. גראסמאן.

7) ג"ע פון בר. וויניצקא.

8) ג"ע פון י. לערמאן.

9) ג"ע פון שמעון עמיאל, ארכ' ייה"א, פראט' נ' 21. ער האלט, אז א טייל פונם געווער איז נישט געווען צום באנוצן, ווייל ער איז צו לאנג געלעגן אונטער דער ערד.

10) ג"ע פון ח. גראסמאן. פרידעל גיט איבער אין זיינע דערקלערונגען, אז די יידן זיינען געווען באוואפנט אין דייטש, פויליש און רוסיש געווער, אויך אין אויטאמאטישע פיסטאלעטן וכדומה.

ראָזיע רעזמאַן

טשעפּלע־גאַס 13, 11). נאָך ניין זײַנען שוין די קעמפער געווען באַוואָפנט, הגם נישט אַלע, ווײַל נישט פאַר אַלעמען האָט געסטאַיעט; אַזוי אַרום זײַנען אײניקע מיט די באַוואָפנטע אַרויס אַ סך חברים נישט באַוואָפנטע 12).

דאָס פעלן פון אַ גענוגנדיקער צאָל כלי־זין האָט געשטערט אויסצוברייטערן די ראַמען פון דער זעלבשוץ. אַ סך מענטשן — דערציילט אַן עד־ראיה, — ווילן צושטיין צו די קעמפער, אָבער עס איז נישטאָ קיין געווער 13).

די שוועריקייטן פונם ווידערשטאַנד זײַנען באַשטאַנען נישט בלויז אין מאַנגל פון וואָפן און אַמוניציע. אָנגעלערנט פון דער דערפאַרונג מיטן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָט גלאָבאָצניק באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן צו אַ לאַגע, אַז די יידישע זעלבשוץ זאָל האָבן אַ ברייטערן פלאַצדאַרם, ווו זי וואָלט געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען אַ קאַמף־אַקציע. די דײַטשן האָבן דעריבער בכיוון אַרײַנגעשטויסן די מאַסע פון 40 טויזנט יידן אין אַ שמאָלן תחום פון די ענגע געסלעך אויף דער צווייטער זײַט ביאַלקע. דער יידישער ווידערשטאַנד איז אַזוי אַרום באַרויבט געוואָרן פון אַ פלאַצדאַרם, אויסער דעם האָט אין די שמאָלע געסלעך סמאָלנע, כמעלנע, נאַוואָגראָדער, טשעפּלע, פאַבריטשנע, וווהין די געטאָ־מאַסע איז געטריבן געוואָרן, געפעלט דער גרונט־עלעמענט פאַר אַ ווידערשטאַנד — מאַסקירונג. אין וואַרשעווער געטאָ זײַנען געווען גרויסע הײַזער. אויף יענער זײַט ביאַלקע זײַנען געשטאַנען קליינע נעבעכדיקע הילצערנע כאַטעס; אויפן גאַנצן שטח איז נישט כמעט געווען קיין איין געמויערט הויז; דער דײַטש האָט תיכף געקאָנט וויסן, ווו די ווידערשטענדלער האָבן זייערע נעסטן 14).

די אַלע שוועריקייטן האָבן די פירער פונם זעלבשוץ־שטאַב גוט באַנומען. דער פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף דער הערמאַנער זיצונג, האָט דעריבער גענומען אין אַכט די אַלע ספּעציפישע מאָמענטן.

דעם פּלאַן פונם ווידערשטאַנד האָט אָנגעצייכנט דניאל מאָשקאָוויטש 15).

11) ג"ע פון מ. בוך.
12) ג"ע פון בר. וויניצקא.
13) ג"ע פון ליפּע מאַרדוכאָוויטש, אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 39/51.
14) באַמערקונגען פון ט. ציטראָן, אַרכ' ייה"א, נ' 51/46.
15) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

די ריכטליניעס זיינע שטעלן זיך פאר אזוי: די ערשטע ארויסטריטן פון די קאמף־גרופן דארפן זיך אנהייבן צען אין דער פרי; אויף יעדער פאבריק דארף זיין גרייט א זעלבשוץ־גרופע. אבער די הויפט־כוחות פון די ווידערשטענדלער דארפן אנגרייפן די דייטשן ביים שוואכסטן ארט פון פלויט — אויף דער ליניע פונם פארקאן אויף סמאלנע־גאס; דא דורכרייסן די קייט פונם שונא, עפענען א וועג פאר דער געטריבענער מאסע צו אנטלויפן; פון דעם פונקט אויף סמאלנע פירט דער קורצסטער וועג צום וואלד. איינצייטיק, כדי אפצוציען די כוחות פונם פיינט, וועט מען אנגרייפן אויף נאך פיר פונקטן — אויף פאבריק־גאס, אויף נאוואגראדער, כמיעלנע און טשעפלע, דאס הייסט לענג־אויס דעם גאנצן געביט, דורך וועלכן עס ווערן געטריבן די יידן. דאס איז געווען א שטח פון עטלעכע הונדערט מעטער 16).

די אידעע פון דעם פלאן איז באשטאנען, ראשית — אין דעם גלויבן, אז א היבשער טייל פון דער מאסע וועט זיך מיטרייסן מיטן קאמף־ארויסטריט; צווייטנס — אז עס גייט נישט בלויז אין א ווירדיקן טויט, נאר אויך אין דער מעגלעכקייט, אז אויב עס וועלן זיך נישט ארויסרייסן פון צוים אלע, וועט עס געלונגען כאטש א געוויסן טייל; דריטנס — איז דער פלאן געבויט געווען אויף דער פולער קרבנות־גרייטקייט פון די, וואס זיינען באשטימט געווארן צו שיצן די פאבריקן, כדי אפצוציען די כוחות פונם שונא און וועלכע האבן געמוזט זיך דורכנעמען מיטן באוווסטזיין, אז זיי גייען אויף א זיכערן טויט מיטן צוועק צו דערמעגלעכן אנדערע זיך ארויסצורייסן אין וואלד. אין אלגעמיין איז דער לייט־מאטיוו פון דניאלס פלאן געווען די קאארדינירטע ווירקונג פון אנגריף און פארטיידיקונג, זיכערער טויט אין קאמף פאר איינע און אויסזיכט פון ממשיך זיין דעם געראנגל אין וואלד פאר די צווייטע 17). אז דער דאזיקער פלאן איז געווען א ריכטיקער דערוויזט כאטשבי דער פאקט, וואס גלייך דעם ערשטן טאג פונם אויפשטאנד איז געלונגען געוויסע קעמפער זיך ארויסצורייסן פון דעם שונאס קייט און דערגרייכן צום וואלד, צו די פארטיזאנער 18).

אין משך פון א האלבער שעה זיינען מאביליזירט געווארן אומעטום די זעלבשוץ־גרופעס. אין דער לעצטער רגע זיינען פארטיק געווארן אין רעמאנט א סך נישט־פאסיקע שטיק געווער אינם ווארשטאט

---

16) דארטן; אויך: ג"ע פון בר. וויניצקא.
17) ג"ע פון ל. טשאפניק און א. רוד; אויך גראסמאן ז' 333.
18) גראסמאן ז' 346.

אויף עק ניי־וועלט און פּיאָטרקאָווער 19). כדי דער שטאַב זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו ווירקן אויף ביידע זייטן ביאַלקע, סיי דאָרטן, פון וואַנען די מאַסע האָט געשטראָמט, סיי אין יענע געסלעך, וווּהין מען האָט זיך געשטופּט, איז א טייל פון דער אָנפירונג — מיט דניאלן, טאַמאַראָפן, הערשל יאַשינאָווקער א. א. — אַריבער אויף דער צווייטער זייט טייכל, אויף טשעפּלע־גאַס נומער 13, און פון דאַנען געקערעוועט מיט דער אַקציע; א צווייטער טייל — יאַשקע קאָווע, לייבוש מאַנדעל־בליט, זרח זילבערבערג און גדליה שאַיאַק — איז לעת־עתה פאַרבליבן אויפן אַלטן געביט און זיך באַזעצט אינם קאָנספּיראַטיוון לאָקאַל עק ניי־וועלט און פּיאָטרקאָווער 20). צו די זאַמל־פּונקטן פון דער מאַסע אויף סמאָלנע, נאָוואָגראָדער, טשעפּלע, פאַבריק־גאַס, כמעלנע זיינען געשיקט געוואָרן חברים, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע אויפצוקלערן די ייִדן די לאַגע און רופן זיי נישט צו גיין און זיך צו פאַראייניקן צום ווידערשטאַנד.

אויף די ייִנגסטע זעלבשוץ־מיידלעך איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַן אַנדערע וויכטיקע אויפגאַבע: פאַנאַנדערקלעבן און פאַנאַנדערשפּרייטן דעם אויפרוף פון דער זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע. די עלף־יעריקע בירע שורעק האָט צעקלעבט דעם רוף, אינאיינעם מיט איר — אירע מינדער־יעריקע חברטעס פון בית־יתומים 21). די קינדער האָבן מיט פולן איבערנעמען זיך אויסגעפירט די הייליקע אַרבעט און געטראָגן צו די ייִדן די פלאַמיקע ווערטער:

„ברידער ייִדן!

שרעקלעכע טעג זיינען אויף אונז געקומען, נישט נאָר געטאָ און געלע לאַטע, האַס און שנאה, באַליידיקונג און דערנידעריקונג — דער טויט שטייט פאַר אונז! פאַר אונזערע אויגן ווערן אַרויסגעפירט צום אומקום אונזערע פרויען און קינדער, טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער. טויזנטער זיינען שוין אוועק, צענדליקער טויזנטער וועלן נאָך אוועקגעפירט ווערן. אין די דאָזיקע שוידערלעכע שעהן, וועלכע העצידירן וועגן אונזער זיין און נישט זיין, ווענדן מיר זיך צו אייך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— זייט וויסן

19) ג"ע פון ח. גראָסמאַן.
20) דאָרטן.
21) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקא.

פינף מיליאָן ייִדן פון אייראָפּע זיינען שוין דורך היטלערן און זיינע תלינים געטויט געוואָרן. פון פוילישן יידנטום איז דערווייל פארבליבן נישט מער ווי 10 פּראָצענט. אין העלמנאָ און אין בעלזעץ, אין אָשוויענטשים און אין טרעבלינקע, אין סאָביבאָר און אין אנדערע טויט־לאגערן זיינען פארפייניקט געוואָרן דורך פארשידענע מיתות־משונות איבער דריי מיליאָן פוילישע יידן. זייט וויסן:

אלע ארויסגעפירטע ווערן געפירט צום טויט

גלויבט נישט די פּראָוואָקאַטאָרישע געסטאַפּאָ־פּראָפּאַגאַנדע וועגן כלומרשטע בריוו פון די ארויסגעפירטע, דאָס איז א צינישער ליגן; דער וועג פון די ארויסגעפירטע פירט צו ריזיקע קרעמאַטאָריעס און מאסן־קברים אין די געדיכטענישן פון די פוילישע וועלדער. יעדער איינער פון אונז איז א טויט־פארמשפטער.

מיר האָבן שוין גארנישט צו פארלירן!

גלויבט נישט, אז די ארבעט וועט אייך ראטעווען. נאָך דער ערשטער אקציע וועט זיין א צווייטע און א דריטע ביזן לעצטן יידן!

די צעטיילונג פון געטאָ אויף פארשידענע קאטעגאָריעס איז א ראַפינירטער געסטאַפּאָ־מיטל, כדי אונז צו באשווינדלען און דורך פארשידענע געשאַפענע אילוזיעס פארלייכטערן זיך די ארבעט.

יידן!

מען פירט אונז קיין טרעבלינקע!

ווי קרעציקע חיות וועט מען אונז פארסמען מיט גאז און שפעטער קרעמאַטאָריש פארברענען. לאָמיר נישט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה!

אויב מיר זיינען צו שוואך צו פארטיידיקן אונזער לעבן, זיינען מיר אָבער גענוג שטאַרק צו פארטיידיקן אונזער יידישן כבוד און מענטשלעכע ווירדע און ווייזן דער וועלט, אז מיר זיינען געבונדן אָבער נישט געפאלן!

גייט נישט פרייוויליק צום טויט. ביזן לעצטן אָטעם־צוג ראנגלט זיך פארן לעבן! מיט ציין און נעגל, מיט האק און מעסער, מיט וויטריאָל און אייזן נעמט אויף די תלינים, זאָל דער שונא באצאָלן מיט בלוט פאר בלוט, מיט טויט פאר טויט!

וועט איר זיך באהאלטן אין מייזן־לעכער בעת אייערע נאָענטסטע ווערן געשלעפט צו שענדונג און צו טויט?

וועט איר פאר נאָך א פּאָר וואָכן קנעכטישן לעבן פארקויפן אייער פרוי און קינדער, אייערע עלטערן, אייער נשמה?

לאָמיר פון לויער באפאלן דעם שונא, הרגענען זיי, אנטוואָפענען, פאלן ווי א העלד און שטארבנדיק — נישט שטארבן!

אַ חוץ אונזער כבוד האָבן מיר שוין גאָרנישט צו פֿאַרלירן!

פֿאַרקויפֿט נישט ביליק אייער לעבן! נעמט נקמה פֿאַר די פֿאַרטיליקטע קהלות און אויסגעוואָרצלטע ישובים! פֿאַרלאָזנדיק די שטוב — צינדט אונטער די ווירטשאַפֿט. צינדט אונטער און דעמאָלירט די פֿאַבריקן. זאָלן די תּלינים נישט נעמען נאָך אונז קיין ירושה!

ייִדישע יוגנט!

נעם אַ ביישפּיל פֿון דורות ייִדישע קעמפֿער און מאַרטירער, פֿון טרויער און בויער, פֿון פּיאָנערן און פּאַרטיזאַנער — גיי אַרויס אין קאַמף.

היטלער וועט די מלחמה פֿאַרשפּילן, די אַקס פֿון קנעכשאַפֿט און מענטשן־פֿרעסעריי וועט אָפּגעווישט ווערן פֿון דער ערד, אויסגערייניקט און געלייטערט וועט ווערן די וועלט, צוליב דער דאָזיקער זוניקער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהייט טאָרסטו נישט שטאַרבן מיט אַ הינטישן טויט. אַרויס אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער!

אַנטלויף נישט פֿון געטאָ — אָן געווער וועסטו אומקומען — נאָכן דערפֿילן דײַן נאַציאָנאַלע פֿליכט באַוואָפֿנט, גיי אין וואַלד.

געווער קאָנסטו באַקומען ביי יעדן דײַטש אין געטאָ.

זײַ שטאַרק!" 22).

דער רוף פֿון דער זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע האָט געווירקט אויף אַ טייל פֿון די ייִדן 23). אָבער די מערהייט — סיי אַ דאַנק דער דראָונג פֿון די שופּאָ־לײַט, סיי אונטער דער ווירקונג פֿון באַראַשעס, טובאַטניקס און מאַרקוסעס אײַנשטילנדיקע רייד — האָט איבערגעשטראָמט אויף דער צווייטער זײַט בּיאַלקע. די זעלבשוץ־אַקטיוויסטן זײַנען נישט געווען בכּוח מיטן וואָרט אײַנצוהאַלטן דעם שטראָם פֿון קרוב דרייסיק טויזנט ייִדן. ביז נײַן האָט די מאַסע פֿאַרלאָזט די גאַסן פֿון דעם רעכטן ברעג קופּיעצקע, געלדאָווע, ניי־וועלט, טשענסטאָכאָווער, פֿאַלנע, ביאַלאָסטאָטשאַנער, לינת־הצדק־געסל (רוזשאַנער). אויף די גאַסן זײַנען אַרומגעגאַנגען עס־עס־אָפֿיצירן און אין אַ העפֿלעכער פֿאָרם געבעטן די מענטשן רויק איבערצוגיין ווייטער, און דאָס האָט נאָך אַלץ געווירקט 24). אומהיימלעך פּוסט איז מיטאַמאָל געוואָרן אויף אַט די אַלטע רוישיקע ייִדישע גאַסן. דער טייל פֿון זעלבשוץ, וואָס איז געבליבן אין אַט

---

22) אַרכ' ייה"א, נ' 139; געשריבן מיט דער האַנט אויף קאַלקע אויף זײַטלעך פּאַפּיר. אונטערן טעקסט איז צוגעשריבן אין אָנהייב פֿון אַ נאָטיץ: „ב י אַ ל י ס ט אָ ק. מיטן מאָמענט, ווען מיר וועלן אָנהייבן די קאָנטראַקציע..."

23) ג"ע פֿון ל. מאָרדוכאָוויטש.

24) ג"ע פֿון בר. וויניצקאַ.

די ערטער האט זיך דערפילט אפגעריסן פון דער מאסע. די חברים האבן פארשטאנען, אז עס האט קיין שום זין נישט א קאמף, ווען די ווידער־שטאנד־נעסטן זיינען איזאלירט פון דעם הויפט־געביט און פון פאלק. עס ווערט אינם שטאב אויף פיאטרקאווער 1 באשלאסן איבערצו־טראגן זיך אויף דער צווייטער זייט ביאלקע. אין משך פון פופצן מינוט טראגן די קעמפער אריבער אין פערענעס און קישנס דאס געווער, גלייך זיי גייען רויק מיטן גאנצן עולם צום גירוש. דער שונא האט זיך נישט געכאפט. די גרופע פון פיאטרקאווער — ניי־וועלט פאררייניקט זיך מיט די גרונד־כוחות פון דער זעלבשוץ. דער ווידערשטאנד ווערט פאקטיש אריינגעקוועטשט אינם סדום־בעטל פון עטלעכע שמאלע געסלעך 25).

אינם שטאב אויף טשעפלע 13 האלט מען אפ א קורצע בעראטונג. די פראפאגאנדע האט נישט געבראכט קיין פולע פירות. די מאסע דארף מען איבערצייגן נישט מיט ווערטער, נאר מיט מעשים. עס ווערן ארויס־געשיקט צוויי שליחים אין וואלד, צו די פארטיזאנער, נאך הילף — סערגיי לעווין און וועלוול וואלקאוויסקי 26).

און עס ווערט געגעבן דער סיגנאל צום קאמף!

ווי א פאראל צום ארויסטרעט האבן געדארפט דינען די שרפות, וואס דער שטאב האט באפוילן ארויסצורופן אין עטלעכע פונקטן.

אין צוויי ערטער האבן א זעץ געטאן צו די הימלען צונגען פייער און קנוילן רויך. איין גרופע קעמפער, בתוכם די קליניקע לערמאן און דער קרינקער יודקאווסקי, האבן אונטערגעצונדן דעם גרויסן סטויג היי ביי די גערטנער פונם יודענראט, נישט ווייט פון דעם צונויפקום פון די גאסן טשעפלע, יוראווצער און נאוואגראדער. א צווייטע גרופע פון יונגע קעמפערינס האט אונטערגעלייגט א פייער אינם ערשטן טעקסטיל־קאמבינאט ביים עק יוראווצער און שעקעוויטש־גאס 27). אין צוויי ווייטע פון זיך גרעניץ־פונקטן פון דעם זאמל־שטח זיינען אויסגעבראכן די שרפות. נישט ווייט פון די יודענראט־גערטנער, ווו עס האט געגנו־מען ברענען דער סטויג היי, איז געשטאנען א הויף מיט די עטלעכע יודענראט־קי. דערשפירנדיק א פייער, האבן די קי אויפגעהויבן א גע־וואלטיקע ריטשעריי. אין דער רגע איז דער חלל דורכגעשניטן געווארן מיט א טראסקעריי פון ביקסן־זאלפן. דאס האבן די יידישע קעמפער —

---

25) ג"ע פון ח. גראסמאן.
26) ג"ע פון ל. טשאפניק און א. רוד.
27) ג"ע פון מ. בוך, י. לערמאן, שיע מארגאליס און ח. גראסמאן.

דערזעענדיק דעם סיגנאַל — אָנגעהויבן אַטאַקירן. עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון קינדער און אַ יללה פון מוטערס 28). דער שונא האָט צוגלייך געענטפערט מיט אַ העפטיקער שיסעריי. די דייטשן שיקן זייערע קוילן אויף בלינד אין דער צונויפגעקנאַדערטער מאַסע אַריין. עס פאַלן די ערשטע קרבנות. אַ פרוי מיט אַ פיצל קינד בלייבן ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט 29). אין דער זעלביקער צייט ווירקט שוין אַ דריטע אָפעראַטיווע גרופע פון דער זעלבשוץ. כדי צו צעטומלען דעם שונא, לויפט אַן אָפטיילונג פון יונגע קעמפערינס — די קראַנקן־שוועסטער זשעלעניעצקאַ, מילקאַ דאַטנער, באַסיע קאַטשאַלסקאַ, חיה ביאַלאַ, פאַניע און אַנדערע, און לייגט אונטער אַ פייער אונטער דער וואַטע־פאַבריק אויף פאַבריטשנע 30). איידער די דייטשן באַוויזן צו ברענגען פייערלעשער, שטייען שוין אין פלאַמען אַ סך בנינים אויף טשעפּלע, פאַבריק־גאַס, נאַוואָגראָדער, כמיעלנע, גורנע און העכער פון די אַלע שרפות רייסן זיך די פייער־צונגען פון די סטויגן היי און קאַנאָפּליעס, וואָס צינדן זיך אָן איינע נאָך דער אַנדערער אין די גערטנער פונם יודענראַט 31). עס לויפן איבער די פעלד־דראָטן ראַפּאָרטן צום שטאַב אויף קופּיעצקע, אין אינמיטן דער סיקעריי פונם פייער, דער יללה פון מאַמעס, דער שעלטעריי פון די שופּאָ־לייט, אינמיטן דער געשטעפּעריי פון זאַלפן רייסט זיך אַריין אַ הילכיק געזאַנג, דאָס געזאַנג פון פויליש־רעוואָלוציאָנערן ליד:

„ ואונזער בלוט גיסן העכקער!".

עס פאַלן אויסרופן: „אַ טויט די טיראַנען!". „זאָל לעבן די פרייהייט!" 32).

אַ גרופּע פון זיבן פרויען טיילט זיך אויס פון המון, נעמט זיך פאַר די הענט און מיט די ווערטער פון „וואַרשאַוויאַנקאַ" וואַרפט זי זיך פאַרויס, אויפן שונא 33).

עס צעגרעגערט זיך מאַשין־געווער, איין פרוי טוט זיך אַ וואַקל, די חברטעס האַלטן זי אונטער, די שיסעריי פאַרשטאַרקט זיך. ווי אַרונטער־

---

28) דאָרטן.

29) ג"ע פון מ. זשוקאָווסקי.

30) ג"ע פון מ. בוך; אויך: אַרכ' ייה"א, נ' 2116.

31) „די איבערלעבונגען פון רחל קירזשנער בעת דער דייטשער אָקופּאַציע", אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2603.

32) ג"ע פון א. קיסלער.

33) ג"ע פון י. ריווקינד.

געקאַסעטע פאַלן אוועק די פרויען, די הרוגים בלייבן ליגן אויפן בלוט־באַשפּריצטן ברוק. עס הערגיין בלויז לעצטע, אָפּגעריסענע ווערטער פונם פּראָלעטאַרישן הימן:

„אונזער פאָן איז רויט" 34). — — —

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון 16־טן אויגוסט.

---

34) דאָרטן; אויך: ג"ע פון מ. בוך, אַ. קימלער און ח. גראָסמאַן.

ק א פ י ט ל ד ר י י

די שלאַכט אויף סמאָלנע

דער רושם פון דעם ערשטן באוואָפנטן ארויסטריט פון די יידישע קעמפער אין ביאליסטאָקער געטאָ האָט אויף די היטלער־לייט אויפן אָרט געמאכט א קאָלאָסאלן איינדרוק. זייער צעמישונג דערמאָנט די פּאניק, וואָס האָט ארומגעכאפּט דעם פּאָליציי־שעף אין ווארשע פאָן זאמערן, וועלכער האָט דעם 19־טן אפריל 1943 איינדערפרי, ווען די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע האָט געשטעלט דעם ערשטן ווידערשטאנד, אויסגערופן א פארצווייפלטער: „אלץ איז פארלאָרן!" אלץ איז פארלאָרן, ווייל עס האָבן געפּלאצט צוויי לעגענדעס מיטאמאָל: אז יידן גייען ווי שאָף צו דער שחיטה; און אז דער היטלערישער פערפידיע און דעם היטלעריסטישן כּוח איז קיינער אין די אָקופּירטע שטעט נישט אומשטאנד זיך אנטקעגנצושטעלן.

אן ענלעכן איינדרוק האָט געמאכט אויף די דייטש־פאשיסטישע מאכט־אָרגאנען אין ביאליסטאָק דער קאמף־ארויסטריט פון דער יידישער זעלבשוץ דעם 16־טן אויגוסט 1943. עס דערציילט אן עד ראיה, אז צו דער יידישער, ארבעט־שקלאפערישער גרופּע, וואָס האָט געהאָרעוועט אין הינטערשטאָטישן גוט מארקאָוושטשיזנע, איז געקומען צו לויפן א זייער אויפגערעגטער דעם 16־טן אויגוסט 1943 דער עס־עס־אָפיציר אדי גראנד. האָט צונויפגעזאמלט אלעמען און אין א שטארק דענערווירטן טאָן דערקלערט: „אין געטאָ האָט פּאסירט א גרויסע שווייניריי. יקדן זיינען באפאלן דייטשן און א סך פון זיי דערשאָסן!" 1).

א צווייטער יידישער עד ראיה גיט איבער וועגן דייטשע דערהרגעטע און פארוואונדעטע בעת דער ערשטער שלאכט; ער האָט אליין געזען, ווי

1) ג"ע פון א. ווינציגשטערן, אַרכ' ייה"א, פּראָט' ב' 1973.

מען האָט געפֿירט אויף א וואָגן פיר דייטשן הערשאָסענע און צוויי פאַרוווּנדעטע 2).

דאָס זיינען געווען גרוסן פון דער ערשטער שלאַכט.

דער שטאב פון די יידישע קעמפער האָט געגרייט וויטערדיקע באַוואָפנטע ארויסטריטן. דער שטאב האָט זיך געפונען אויף טשעפלע 13. מיט די קאמפּס־אָפּעראַציעס האָבן אָנגעפירט דניאל מאָשקאָוויטש און מרדכי טענענבוים. אין יענע בלוטיקע שעהן איז דניאל געווען ווי שטענדיק געלאסן און הארציק, זיך נישט אויפגערעגט, הגם עס איז קאָנטיק געווען, אז זיין געזונט פארערגערט זיך כסדר. די באקן איינגעפאלן און בלאס. אויך טענענבוים איז געווען באהערשט און זיך נישט אויפגערעגט, ווי עס איז אָפּט געווען זיין טבע. אן עד ראיה גיט איבער ווי זיי זיינען ביידע געשטאַנען איינגעבויגן איבער דער מאפּע פון ביאַליסטאָקער געטאָ. קיין שום שלאַכט־באפעל איז נישט ארויסגעגעבן געוואָרן אָן דניאל מאָשקאָוויטשעס באשטעטיקונג 3).

די ערשטע שלאכט איז פאָרגעקומען אויף סמאָלנע. דאָ איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאנד.

אין הסכם מיטן פלאן פונם שטאב האָבן זיך אויף סמאָלנע־געסל קאָנצענטרירט די הויפּט־כוחות פון דער זעלבשוץ. צו דריי האָבן זיך דאָ געיאוועט די מיטגלידער פון די קאמף־גרופּן. כדי א שארף אויג פון א שפּיצעל זאָל זיי נישט דערשנאַפּן, האָבן זיך די קעמפער אהער געלאָזט איניינעם מיט דער מאסע. כדי אויסצומיידן חשדים האָבן א סך קעמפער זיך געמאכט פאר לאָמע, און צוויי אנדערע, כלומרשט קרובים, האָבן דעם „קאליקע" אונטערגעהאלטן. אזוי גייענדיק זיינען א סך זעלבשוצלער אָנגעקומען צום טרעף־פּונקט מיט געווער באהאלטן פאר א „ביין אויג" 4).

נישט איין קעמפער איז אָבער געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן אזא ווירדיקן ייד אויפן אָרט דערשאָסן 5).

דאָס סמאָלנע־געסל ליגט שוין ביים ראנד פון דער שטאָט; דאָס איז דאָס לעצטע געסל, וואָס שנייט אדורך די יוראָווצער גאס און פירט

---

2) פּסח בורשטיין: „וועגן דער ענדגילטיקער ליקווידאציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ", ארכ׳ ייה״א, נ׳ 550.

3) גראָסמאַן, ז׳ 326.

4) ג״ע פון י. ריווקינד.

5) ג״ע פון מ. זשוקאָווסקי.

ארויס אויפן וועג צו די ארומיקע דערפער, קודם־כל צום דאָרף ביאַלאָסטאָטשעק. סמאָלנע האָט שוין, אייגנטלעך, נישט קיין אויסזען פון א שטאָטישער גאַס. נישטאָ דאָ אפילו קיין טראָטואַר. בלויז זאמד, א געוויינטלעכער דאָרפישער שאָסיי און פון ביידע זייטן הילצערנע הייזקעס. אויף לינקס פון סמאָלנע האָט געפירט דער וועג צום באַן־וואַל, וואָס איז דעם 16־טן אויגוסט געווען געדיכט באַדעקט מיט מיליטעריש־פּאָליציייאישע פאָרמאַציעס, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס. פונם וואַלד האָבן גרויזאַם אַראָפּגעקוקט צו דעם געטאָ די אויסגעשייערטע פּיסקעס פון שווערע מאַשין־געווערן, הינטער וועלכע עס זיינען געלעגן די מערדער און געוואַרט אויף א באַפעל 6).

די דאָזיקע פייער־גרייטע מחנה האָט אָפּגעטיילט פון דער זעלבשוץ פון סמאָלנע־געסל דער געטאָ־פאַרקאַן. דאָ האָט זיך געענדיקט דער יידן־ראַיאָן. ווייטער האָט זיך געצויגן די פאַרבאָטענע זאָנע פון „ריינע אַריער".

אויף רעכטס פון סמאָלנע ליגט די טשעפּלע, וווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאַב. די צוויי גאַסן האָט פאַרבונדן א קליין געסל — נאָוואָגראָדער, וווּ עס זיינען געלעגן די ברענענדיקע גערטנער פונם יודנראַט.

אַרום האַלב צען איז אַרויסגעטרעטן די קאַמף־גרופּע פון סמאָלנע 7). נאָך דעם, ווי עס האָבן א זעץ געטאָן די פייער־צונגען און רויך־קוילן פון די היי־סטויגן אויף נאָוואָגראָדער, און נאָך דעם, ווי די ערשטע פרויען־גרופּע האָט זיך א ריס געטאָן פאָרויס אויף די דייטשן און באַדעקט דעם ברוק מיט הרוגים, האָבן זיך דערהערט שטימעס:

— אויב שטאַרבן, איז פאַלן מיט כבוד!

— פאָרויס, אויפן פאַרקאַן! 8).

דער דאָזיקער לאָזונג איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך הונדערטער מיילער. א הילכיקער אויסגעשריי „הוררא!" האָט דורכגעשניטן די גאַס. עס האָט זיך צעגרעגערט דער ערשטער יידישער אויטאָמאַט 9).

א דאַנק די קוילן פון דער מיידלעך־גרופּע פון מיקא, דאַטנער באַוויזט זיך א ריזיקער לאָך אין פאַרקאַן און דער צוים ברעכט זיך

---

6) ג"ע פון ח. גראָסמאַן, ל. טשאַפּניק און א. רוד.

7) ש. מאַרגאַליס: „וועגן דער ליקווידיר־אַקציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ", אַרכ' ייה"א, נ' 2419.

8) ג"ע פון ב. פּערעי.

9) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

אין 10). די געשרייען „הורראַ!" ווערן אַלץ הילכיקער. אין א צווייטן אָרט רייסט דורך מיט פייער דעם פּלויט א מענער־גרופּע 11). אָבער אדורכגיין דעם צעשטערטן פּארקאַן איז נישט מעגלעך, ווייל דער שונא עפנט א שיסעריי. דער קאָנטראַנגריף פון די דייטשן איז נאָך נישט קיין געפערלעכער. אפשר איז דער ארויסטריט פון די יידן געווען אזוי אומגעריכט, אז דער שטאב אויף קופּיעצקע האָט נאָך נישט אָנגענומען קיין פעסטע באשלוסן. די יידישע קעמפער לעבן אדורך די זיסע מינוטן פון זיג. זיי זעען באשיימפּערלעך ווי עס פאַלן דייטשע סאָלדאטן. די אייגענע שאָדנס זיינען מינימאַלע. אין משך פון קנאַפּע צוויי שעה צייט האַלטן די יידן איין די פּאָזיציע. אינגיכן — גלויבן זיי, — וועט זיך א ריר טאָן די צוואנציק־טויזנט־קעפּיקע מאסע, וואָס איז צונויפגעדרענגט אויף דער שכנותדיקער, ברייטער יאַראָווצער גאס. דאָרטן ווירקן ספּעציעל געשיקטע מענטשן פון שטאב 12). די מאסע וועט א פלייץ טאָן דורך סמאָלנע צום צעטראסקעטן פּארקאַן און וועט זיך ארויסרייסן; טויזנטער וועלן פאַלן, אָבער הונדערטער וועלן אדורכגיין ווייטער צום וואַלד 13).

די דייטשן באשיסן אָן אויפהער. זיי פּרוּוון צעטרייבן די יידן. מיטאמאָל רייסט זיך ארויין א פרישער הורראַ־געשריי. אין דער שיין פון דער זומערדיקער זון טוען א בלאַנק נאַקעטע קאָסעס און העק. דאָס האָט סראָלקע מארגאַליס געבראכט א גרופּע פון חלוצישן קיבוץ צו הילף די קעמפנדיקע חברים אויף דער פּאָזיציע 14).

דער שונא איז איבעראַשט. זיין שיסעריי ווערט פוילער און זעלטענער. די יידישע זעלבשוץ האָט אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן נצחון. איצט קומט די ריי אויף דער מאסע פון יוראָווצער גאס.

אָבער דאָ איז די לאַגע געווען זייער א שווערע.

איינצלנע טיילן פון דער גירוש־געטריבענער מאסע האָבן זיך מיטגעריסן מיטן קאַמף. די ארבעטער פון די אונטערגעצונדענע אינדוסטריעווארשטאטן אויף פאבריק־גאס זיינען דורך טשעפּלע און נאָוואָגראָדער געלאָפן אויף סמאָלנע, צום אָרט פון די קאַמפן, צום אָפענעם פּארקאַן. אָבער דער רוב פון יוראָווצער גאס איז געבליבן שטיין א דערשלאָגענער און צעמישטער. וואָרעם אין א געוויסער רגע איז דער שונא געקומען צו זיך

---

10) ג"ע פון מ. בוך.
11) ג"ע פון נ. באביקער.
12) ג"ע פון מ. זשוקאָווסקי.
13) ג"ע פון ח. גראָסמאַן און בר. וויניצקאַ.
14) ג"ע פון י. ריווקינד.

און — רעזיגנירנדיק לעת־עתה פון צעברעכן דעם אקטיוון ווידערשטאנד פון סמאָלנע־געסל — צוגעטראָטן צו טעראָריזירן די יידישע מאסע פון יוראָווצער גאס. אויףביידע זייטן גאס האָבן זיך באוויזן שפּאלערן פון גוט־באוואָפנטע שופּאָ־לייט; און אין דער זעלביקער צייט האָבן די פּאר־טאיעטע און פארמאסקירטע פאשיסטישע אָפּטיילונגען פונם באָן־וואל — אין דער צאָל פון העכער טויזנט מאַן — געעפנט א מערדערישן פייער אויף די יידישע פּאָזיציעס פון סמאָלנע, אויפן איינגעפאלענעם פּלויט. איינציייטיק האָט דער שונא אויפן באלקאָן פונם הויז יוראָווצער עק טשעפּ־לע ארויפגעשלעפּט שווערע מאשין־געווער און געעפנט א שיסעריי 15). ביים המון איז אויסגעבראָכן א פרישע פּאניק. מען האָט אָנגעהויבן צו־ערשט שטיל מורמלען און דערנאָך טענהען אויפן קול קעגן דער יידי־שער ווידערשטאנד־אָרגאניזאציע. די מער נערוועישע און פחדנישע האָבן גענומען שרייען: „וואָס שיסן זיי, די באנדיטן? זיי וועלן אונז אומגליקלעך מאכן!" 16). די מהומה איז נאָך מער געוואקסן, ווען דער שונא האָט אָנ־געהויבן ארייַנשיסן אויף בלינד אין דער מאסע און נישט איינער האָט זיך א וואקל געטאָן אויף די פיס און איז געפאלן טויט 17).

פלוצים האָט ארויסגעזעצט א העליש פייער אויף סמאָלנע. די אקעגנ־איבערדיקע באשיסער האָבן זיך באנוצט מיט שווערע מאשין־געווערן און מיט פּולעמיאָטן. א פיינטלעכע גרופּע האָט זיך אונטערגעגנבעט און ארייַנגעשליידערט א פּעקל מיט גראנאטן. עס האָט זיך צוערשט אָנגעכאפּט דאָס הויז סמאָלנע דריי, און פון דאנען האָט זיך די פייער־סטיכיע אומ־געשטערט געטראָגן איבער דער גאנצער גאס, פרעסנדיק אין הילצערנע כאטע נאָך דער צווייטער און אויספילנדיק די לופט מיט גערוך פון בראנד־שרפה 18).

די זעלבשוץ האָט געענטפערט מיט די לעצטע קוילן. די פארטיידיקונג איז געוואָרן אַלץ שווערער. און דאָך האָט זיך דער קאמף־ענטוזיאזם נישט איינגעלאָשן. ווען עס זיינען אויסגעגאנגען די קוילן האָט מען גענומען אין האנט אריין מעסערס און אייזערנע שטאנגען. עס האָט זיך פאָרויס א ריס געטאָן איינער פון די קעמפער א יינג א ריז מיט א בלאנקן מעסער אין האנט; דעם שונאס קויל האָט אים צוגענאָגלט צו דער ערד אויף איי־

15) ג"ע פון ש. מארגאליס.
16) ג"ע פון מ. זשוקאָווסקי.
17) ג"ע פון ש. גרינשטיין.
18) ג"ע פון י. ריווקינד.

ביק 19). מיט א העלדן־טויט זיינען דאָ געפאַלן חיה מענדעלסאָן און לילקע מאלארעוויטש 20). לילקע מאלארעוויטשעס לעצטער אויסרוף איז געווען: „פאַרוויס!״ מיר האָבן נישט וואָס צו פארלירן!״ 21). א יונג ייִנגל האָט געשריגן צום פאָטער: „טאטע, שטארק זיך, שלאָג!״ 22). ביים שטורע־מען דעם פלויט זייען געפאַלן די זעלבשוץ־מיטגלידער אברהם ווידער־מאן, אברהם גאלטער, יוכבד־טאוב 23). עס האָט דאָ געקעמפט צווישן אנ־דערע יענטל, סאָנקע, לאָנטשיק 24). צוויי קעמפערינס האָבן, צוריקציענדיק זיך, באוויזן צו שליידערן א גראנאט אין די דייטשן 25).

אָבער די קעמפער זיינען שוין געווען מיד. עס איז געוואקסן די צאָל דערהרגעטע און פארוואונדעטע. די אמוניציע איז אויסגעגאנגען. פון יוראָוועצער זיינען אָנגעקומען ווידערקולן פון סאלוועס. דער קאמף פארן פלויט איז געווען א פארשפילטער. דער שטאב פון טשעפּלע האָט נישט געקאָנט קומען צוהילף צוליב סיבות, וועלכע וועלן שפּעטער קלאָר ווערן. אין פייער און בלוט איז דערשטיקט געוואָרן דער יידישער שטורעם ביים געטאָ־פארקאן אויף סמאָלנע. אונטער די חורבות פון ברענענדיקע הייז־קעס זיינען געבליבן ליגן מסירת־נפשדיקע בחורים און מיידלעך. אויפן זאמד האָבן זיך געוואלגערט קוילן־דורכגעלעכערטע גופים 26). דער ברוק איז געווען ממש פארזייט מיט צעריסענע אברים 27). פאר דער שארית־הפליטה פון דער סמאָלנער גרופּע האָט זיך געשטעלט די פראגע: צוריקגיין אין געטאָ און ממשיך זיין דעם ווידערשטאנד אויף אנדערע פונקטן, אָדער אדורכרייסן זיך פאר יעדן פּרייז אויף דרויסן, צום וואלד. איין טייל, מיט זרח זיסקינד־זילבערבערג, גדליה שאיאק, הערשל ראָזנטאל האָבן זיך צוריקגעצויגן טיפער אין געטאָ; א צווייטע גרופּע, לפי ערך א זעכציק מענטשן, זעלבשוץ־מיטגלידער און סתם יידן פון דער מאסע איינינעם, האָבן זיך אונטערן האָגל פון די פייַנטלעכע קוילן ארויסגעריסן דורך פּאָליעסער געסל אויפן פעלד און זיך פארשטעקט אין די קוסטעס; אָבער דאָ האָט זיך ווידער פארקניפּט א קעגנזייטיקע שיסעריי. די יידן האָבן

19) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
20) ג״ע פון ב. פערעי.
21) גראָסמאַן, ז׳ 328.
22) ג״ע פון י. ריווקינד.
23) ג״ע פון ח. גראָסמאַן.
24) גראָסמאַן, ז׳ 328.
25) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
26) ג״ע פון י. ריווקינד.
27) גראָסמאַן, דאָרטן.

אויסגעניצט די לעצטע קוילן און באצאָלט מיט 37 קרבנות. די אַנדערע האָבן זיך ארויסבאקומען אין דער ריכטונג צום וואלד 28).

און אין געטאָ האָט זיך דער פלאצדארם א רוק געטאָן אויף רעכטס, צו נאָוואָגראָדער און טשעפלע.

עס זיינען נאָך אלץ געווען די פרימאָרגן־שעהן פון מאָנטיק, דעם 16־טן אויגוסט.

28) ג״ע פון חיים זאַכאָרעוויטש.

אין קאַמף מיטן שונאס טאַנקען

אין דער צייט, ווען אויף סמאָלנע האָט נאָך געפלאַקערט דער קאַמף, האָט דער שונא אריינגעפירט פון שענקעוויטש־גאַס דורך דעם טויער ביי יוראָווצער אין לאַסט־אויטאָס א מעכאַניזירטע אָפּטיילונג מיליטער. און איינעם מיט זיי — דער סאַמע געפערלעכסטער בעל־משחית — דריי לייכטע טאַנקען 1). מיט א פּאַנצער־אויטאָ איז אריינגעפאָרן גלאָבאָצ־ביק אליין 2). דער ציל פון דער קאָלאָנע איז געווען אריינצודרינגען ביז סמאָלנע און נעמען די יידישע זעלבשוץ צווישן צוויי פייערן, כדי צו דערשטיקן דעם סאַמע צענטער פונם ווידערשטאַנד. אָבער אויפן וועג צום שלאַכט־פעלד האָט די דייטשע קאָלאָנע אָנגעטראָפן עטלעכע מאָל אויף א פאַרביסענער פאַרטיידיקונג.

אין שפּיץ פון דער אריינמאַרשירנדיקער אָפּטיילונג האָט געשפּאַנט אַן אָפיציר „מיט א פאַריסענעם קאָפּ און שטאָלצע טריט" 3). אין האַנט האָט ער געהאַלטן א נאַגייקע 4). אויף יוראָווצער גאַס האָט אים באַגעגנט א מיטגלידערין פון זעלבשוץ, דאָס וואַרשעווער מיידל דאָראַ, וועלכע האָט אויסגעשאָסן אינם אָפיציר פון א פּיסטאָלעט און אַוועקגעלייגט א טויטן 5). דער אָבערשאַרפירער, וועלכער האָט זיך געפונען ביי זייַן שפּס זייט, האָט גלייך געשאָסן אין דעם העלדישן מיידל און זי דער־הרגעט. די קעמפערין דאָראַ האָט געהאַט — באַנאַנד מיטן זעלבשוץ־

1) ג"ע פון מ. ציטראָן.
2) פרידעל: „די באַשרייבונג א. א. וו.".
3) ג"ע פון מ. זשוקאָווסקי.
4) דאָרטן.
5) דאָרטן; אויך: ג"ע פון מ. בוך.

מיטגליד ראובשטאק און אנדערע — די אויפגאבע אויסצופירן אן אטענטאט איבער געסטאפאָ־באאמטן דיבוס פאַר דער געביידע פונם יודענראט און בכלל אָנגרייפן דאָ דעם שונאס שטאב. די שאָסן האָבן נישט געטראָפן; די דייטשן האָבן געענטפערט מיט פייער, ראובשטאק איז געפאַלן 6); דאָראָן איז געלונגען עוקר צו זיין און איצט האָט זי גענומען נקמה אינם אָפּ־ציר פון דער קאָלאָנע און באַצאָלט מיטן אייגענעם לעבן.

אויפגעבראַכט צוליבן אומקום פון זייער קאָמאַנדיר, האָבן די דייטשן תיכף אָנגעווענדט א בלוטיקע רעפּרעסיע און געשאָסן א פייער פון קוילן־וואַרפער אויפן יידישן המון, וואָס האָט זיך געזאמלט אויף יוראָווצער. פון איין זאלפ זיינען געפאַלן עטלעכע הונדערט יידן 7).

די עטלעכע גרופּעס פון זעלבשוץ, וואָס זיינען געווען אויף יוראָווצער גאַס, האָבן זיך געפונען — פונם פעלד־טאַקטישן שטאַנדפּונקט — אין א אומבאקוועמער לאַגע און נישט געקאָנט פארטיידיקן די באַשאָסענע מאַסע. אין הסכם מיטן פּלאַן האָבן די קאמף־גרופּעס אויף יוראָוויעצקע געהאַט די אויפגאבע נישט ארויסצוגיין אין פּנים־אל־פּנים־פארמעסט מיטן שונא, נאָר זיך צו פארבאריקאדירן אין הייזער — אויף אָט דער גאַס זיינען די שטובן געווען טיילווייז געמויערטע און נישט קיין הילצערנע, ווי אויף סמאָלנע — און באַשיסן די דייטשן, כדי צו באשווערן זייער צוקום פון היינטן צום סמאָלנער פּלאַצדאַרם און כדי אָפּצוציען זייערע כוחות פונם עיקר־ציל פון דעם יידישן אָנגריף ביים פאַרקאַן. אין די הייזער יוראָוו־צער 24, 26 און 42 האָבן זיך געפונען קאַמף־גרופּעס אונטער דער אָנ־פירונג פון מאָניעק קראַמאַזש און חיים־ישראל בערמאַן, ביידע וואַרשע־ווער (דער לעצטער איז געווען דירעקטאָר פון דעם ביאַליסטאָקער ארטעל „קראַסני טריקאָטאַזשניק"). די דאָזיקע גרופּעס האָבן אָבער נישט געקאָנט עפענען א פייער אויף די דייטשן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צו טרעפן אין דער יידישער מאַסע, וועלכע האָט זיך געכוואַליעט צווישן זייערע פּאָ־זיציעס און צווישן דעם שונאס אָפּטיילונג אויף דער גאַס. ערשט ווען די דייטשן האָבן געזעטיקט זייער ערשטן נקמה־דורשט נאָכן טויט פון זייער קאָמאַנדיר און זיך גענומען — שוין איצט פּאָרזיכטיקער — רוקן פּאָרויס לענג־אויס יוראָווצער גאַס, בשעת זיי האָבן פארבייגעשפּאַנט פאַרן הויז נומער 26, זיינען פון דאָנען געפאַלן עטלעכע סעריעס שאָסן, און עס

---

6) ג"ע פון בר. וויניצקאַ; אויך: גראָסמאַן, ז' 327.

7) ג"ע פון זשוקאָווסקי.

איז דאָ אויסגעבראָכן אַ צוזאַמענשטויס 8). אַ צוזאַמענשטויס האָט זיך אויך פאַרקניפּט ביי דער שכנישער הילצערנער שטוב יוראָווצער 24. די דייטשן האָבן אינם הויז אריינגעוואָרפן גראַנאַטן און די קעמפער זיינען אומגעקומען אין די פלאַמען 9).

א צווייטער צוזאַמענשטויס האָט זיך פאַרקניפּט ביים הויז נומער 42. אין א געוויסן מאָמענט איז געוואָרפן געוואָרן אין די דייטשן אַ גראַנאַט. דער שליידערער איז געווען העניעק פעלץ 10). די שלאַכט איז אָבער געווען א פאַרשפּילטע. די כוחות פונם שונא זיינען געווען איבערוויגנדיקע. די יידישע קעמפער האָבן באַשלאָסן אויפצורייסן מיט די אייגענע הענט דאָס הויז. איצט האָט אליין אריינגעזעצט א גראַנאַט אין דער אייגענער פּאָזיציע אויף יוראָווצער 26 די קעמפערין רעניע וויערניק, וועלכע איז אומגעקומען אויפן אָרט 11). א טייל קעמפער האָט זיך צוריקגעצויגן, דער רוב איז געפאַלן אין אומגלייכן געראַנגל. די דייטשן האָבן אָבער באַוויזן צו אַנטפּלעקן אין א קעלער פון דעם הויז א מאַגאַזין מיט געווער און עס צוצונעמען 12).

אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך אין א צווייטן עק יוראָווצער גאַס געיאָוועט נאָך צוויי קאַמף־גרופּעס: איינע אין צאָל פון א דרייסיק מאַן, אַלע אָנגעטאָן מיט איינהייטלעכער הלבשה, אין שוואַרצע גאַליפּע הויזן, אין היטלען, אין הויכע שיך, מיט די שקאַרפּעטן אַרויסגעלייגט איבער זיי 13). דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז די גרופּע איז גרייט צו קעמפן ביז אַרויסרייסן זיך אין וואַלד אַריין. זיי זיינען געווען באַוואָפנט און איינצלנע פון זיי האָבן פאַרמאָגט אויטאָמאַטיש כלי־זין. מיט מאַשין־געווער זיינען געווען באַוואָפנט דער געוועזענער פּאָליציאַנט זיגע גאָטליב און דער יוגנטלעכער אהרן פּאָטאָצקי 14). די גרופּע איז אַרויס פונם טויער יוראָווצער 5. די צווייטע גרופּע איז אַרויס פונם הויז יוראָווצער 44, ווו עס האָט זיך געפונען די וווינונג פון יהודית נאָוואָגרודזקא; אין דער גרופּע האָט זיך צווישן אַנדערע געפונען נחום אַבעלעוויטש, פראַנקע, „הערקולעס". די צוויי גרופּעס האָבן זיך פאַראייניקט און געעפנט א שיסעריי אויף די דייטשן.

---

8) ג"ע פון מ. בוד; אויך: ג"ע פון פּ. בורשטיין, אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 550.

9) ג"ע פון עלקע פּאָמין, אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2125.

10) ג"ע פון י. ריווקינד.

11) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

12) ג"ע פון פּ. ליפּינסקאַ.

13) ג"ע פון א. קיסלער.

14) דאָרטן.

נאָך א האסטיקן צוזאמענשטויס האָבן זיך די קעמפער צוריקגעצויגן 15).

די צוזאמענשטויסן אויף יוראָווצער האָבן געטראָגן דעם כאראקטער פון אן אמתער פראָנט־שלאכט. אָט ווי עס גיט איבער זיינע איינדרוקן פון אָט דעם אָפּשניט אן עד ראיה: „די ערשטע שעה איז אדורך רויק 16). דערנאָך האָט מען געהערט רופן און געשרייען. עס זיינען געפאלן שאָסן. דערנאָך האָבן מיר געהאט דעם איינדרוק, אז מיר געפינען זיך אויפן פראָנט. אָפּהילכן פון שיסערייען, דאָס קלאַפּן פון טאנקען אינם ברוק, דאָס אלץ האָט זיך צונויפגעמישט מיט וויי־געשרייען פון אומגליקלעכע מענטשן” 17).

איצט האָבן די דייטשן געשיקט פאָרויס די טאנקען, כדי הינטער זייער שוץ אויסצורייניקן דעם גאנצן געביט פון יוראָווצער און כון די זייטיקע געסלעך, ווו עס האָבן געשטעקט די נעסטן פונם ווידערשטאנד. זיי מעטאלענע משחיתים האָבן זיך דערקייקלט ביזן צונויפקום פון די גאסן יוראָווצער—טשעפּלע—נאָוואָגראָדער. דאָ, ביים אריינגאנג צו טשעפּלע, האָט דער שונא אָנגעטראָפן אויף א נייעם, פארביסענעם ווידערשטאנד 18).

טשעפּלע איז א געסל, וואָס ליגט אויף רעכטס פון יוראָוויעצקע, צווישן דער פאבריק־גאס און נאָוואָגראָדער—סמאָלנע. דאָס איז א שמאָל געסל, באבויט ס׳רוב מיט הילצערנע בנינים אוי זייער קארג אויך מיט ציגל־הייזער. דאָס געסל איז איינס פון די עלטסטע אין דעם ראיאָן, דער ברוק איז געדיכט באוואקסן מיט מאָך. דאָ, אביסל טיפער, האָט זיך געפונען דער געטאָ־שפּיטאָל, ווו מ׳האָט צונויפגענומען די קינדער. אהער איז געפלאָסן א טייל פונם שטראָם פון געטריבענעם המון, וועלכער האָט געזוכט א שטיקל שוץ ארום שפּיטאָל. אויף משעפּלע 13 — אין דעם הויז, ווו ס׳האָבן מיט א צייט צוריק געוווינט די אנטיפאשיסטישע אקטיוויסטן און פארטיזאנער די ברידער קאָזשעץ מיטן געהיימען ראדיאָ, און ווו עס האָט זיך אויך געפונען א חלוצישער קיבוץ, — האָט זיך באזעצט דער שטאב. אין קעלער איז איינגעאָרדנט געוואָרן דער ארסענאל. אזוי ארום האָט זיך דאָ קאָנצענטרירט א נישקשהדיקע קאמף־גרופּע, וועלכע האָט זיך געפילט

---

15) דאָרטן.

16) די קאַמפן אויף יוראווצער האָבן זיך אָנגעהויבן ארום 11 אינדערפרי (ג״ע פון פּ. בורשטיין), בעת אויף דער סמאָלע האָט מען שוין געקעמפט פון האַלב 10 אינדערפרי.

17) ג״ע פון פעטי וועליאן, אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ ג׳ 1856.

18) ג״ע פון פּ. בורשטיין.

זיכערער אויך אדאנק דעם, וואָס אין איר שטאַב האָבן זיך כסדר געפונען די קאָמאַנדירן דניאל מאַשקאָוויטש און מרדכי טענענבוים 19).

ווען די פײַנטלעכע קאָלאָנע מיט די טאַנקען אין שפּיץ האָט זיך דערנענטערט, האָט זיך די קאַמף־גרופּע צוגעגרייט צום אַרויסטריט. בײַ עק טשעפּלע און יוראָווצער איז אונטערגעלייגט געוואָרן אַ מינע — אין אַ קאַנאַל־ברונעם. דער ערשטער טאַנק האָט זיך אָבער אַדורכגעטראָגן — די מינע האָט נישט אויפגעריסן 20). דער בעל־משחית האָט פאַרקערעוועט אין טשעפּלע אַרײַן. עס איז געפאַלן אַ באַפעל אָנצוגרייפן די טאַנקען מיט גראַנאַטן. די גאַס איז פאַרהילכט געוואָרן פון אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!" עס איז געפאַלן דער ערשטער גראַנאַט — ער האָט אָבער אויך נישט אויפגעריסן 21). עס איז צוויי גענוג געווען זײַן פּלי אַליין, אַז די דײַטשן זאָלן זיך תיכף צוריקציען, איבערלאָזנדיק אַפילו אַ געוויסע צאָל געווער. די טאַנקען — נישט געקוקט דערויף, וואָס עס האָט זיי גאָרנישט געשאַדט, — האָבן פאַרקערעוועט צוריק. די גאַנצע דײַטשע קאָלאָנע איז דורכן בריקל אַוועק אויף קופּיעצקע, צום בנין פון יודענראַט, ווו עס האָט זיך געפונען מאַגעלס און פרידעלס שטאַב 22).

די ערשטע רעאַקציע פונעם ייִדישן עולם, וואָס האָט זיך געזאַמלט אויף טשעפּלע און אויף די שכנותדיקע פאַבריק־גאַס, איז געווען אַן אינסטינקטיווע דערנענטערונג צו דער קאַמף־גרופּע; מען האָט זיך פון אומעטום גענומען זאַמלען און קלעפּן אַרום דער זעלבשוץ 23). מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה האָט מען געלעכצט נאָך אַ מפּלה פונעם דײַטש. אָבער די אויפשטייג־געפילן האָבן, צום באַדויערן, לאַנג נישט געדויערט. אינגיכן האָבן זיך באַוויזן עראָפּלאַנען, צוערשט סתם געקרייזט איבער די ייִדישע גאַסן און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט און גענומען באַשפּריצן די מענטשן מיט סעריעס מאַשין־געווער 24). באַלד זײַנען אויך צוריקגעקומען די מיליטער־טיילן. איצט האָט זיך דער המון פאַרלאָרן, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלהדיקער געלויף. בלויז די קאַמף־גרופּעס מיט אַ קליינעם טייל מענטשן פון עולם איז געבליבן אויף דער פּאָזיציע ביים אַרויסגאַנג פון טשעפּלע און אויפגענומען די שלאַכט 25). עס האָט ביים שטאַב נאָך גע־

---

19) ג"ע פון י. לערמאַן.
20) ג"ע פון י. ריווקינד און ל. טשאַפּניק.
21) ג"ע פון בר. וויניצקאַ.
22) ג"ע פון ט. ציטראָן.
23) ג"ע פון ח. גראָסמאַן.
24) ג"ע פון י. ריווקינד.
25) דאָרטן.

הערשט דער גלויבן, אז מען וועט דאָ איינהאַלטן די כוחות פונם שונא, כדי די זעלבשוץ, וואָס שטורעמט דעם פלויט ביי סמאָלנע, זאָל דער־ווייל פריי מאכן דעם וועג צום ארויסרייסן זיך. אָבער דער האסטיקער אָנגריף פונם שונא פון דער יוראָווצער זייט האָט געווירקט אויך אויף די פּאָזיציעס פון סמאָלנע, וועלכע האָבן זיך שוין געהאט איינגע־בראָכן 26).

צווישן די זעלבשוץ־קעמפער פון טשעפּליע־גאַס האָבן זיך געפונען: די גרופּע פון אהרן אסקאָלא מיט די חברים לעאָן גערשטענקאָרן, א האנדלס־אָנגעשטעלטער פון ווארשע, חוה שווארץ, דער אַלטער יוסף ליכ־טענשטיין, בראָניע מארגאָליס, יאָסעלע דער גרינער, בעלא קלארפעלד 27). מיט געווער אין האנט איז דאָ ארויס אין שלאכט דער קראנקער לייביש מאנדעלבליט; נישט געקוקט אויף דער הויכער היץ, איז לייביש נישט אָפּ־געטרעטן, ביז א קויל האָט אים שווער פארוואונדעט, און מ׳האָט אים אָפּ־געפירט אין שפּיטאָל 28). דאָ האָט געקעמפט די גרופּע, וואָס איז איני־דערפרי אריבער פון ניי־וועלט—פיאָטרקאָווער מיט שרה ראָזענפעלד, שרה דאָראָטשינסקא און אַגדעריע 29). אין דער פארטיידיקונג פון טשעפּליע־גאַס האָבן זיך באטייליקט מרים קאפּלאן, מרדכי אָקאָן, וולאָשטשאָווסקי, יאנקל גאָלדמאן 30). דאָ האָט מען געזען די יונגע מיקע דאטנער, ווי זי לויפט ארום מיט א צוגעדעקט קוישל, אין וועלכן זי האָט געהאט ביין גראנאטן און עס צעטיילט די חברים 31). פלעשער מיט אויפרייס־פליסיקייט האָט באזאָרגט פאר די קעמפער יוכבד פון יאשינאָווקע; ווען דעם שונאס פייער האָט ארונטערגעקאָסיעט די פאָדערשטע רייען, האָט זיך יוכבד מיט א גראנאט אין האנט און א רעוואָלווער אין דער צווייטער א וואָרף געטאָן פאָרויס 32). מיט גבורה האָט זיך אויסגעצייכנט די 18־יעריקע פרידע ריבאלאָווסקא, וועלכע האָט פארן הויז טשעפּליע 18 דערקאָבערט ביים שונא א מאשין־געווער און אים אויסגעקערעוועט קעגן די אָנפאלער 33). נישט ווייט פון דעם דאָזיקן אָרט, ביים הויז נומער 12, האָבן נחום קאָזאַק און

---

26) דאָרטן.
27) ג״ע פון י. לערמאַן.
28) ג״ע פון י. ריווקינד.
29) ג״ע פון ח. גראָסמאַן.
30) דאָרטן.
31) ג״ע פון א. קיסלער.
32) ג״ע פון ב. פערעי.
33) ג״ע פון מ. בוך.

שמואל רייזנער פון בוידעם געשאָסן אין צוויי אַנגרייפנדיקע דייטשן 34). ביים ארײנגאַנג אין דער גאַס אַריין איז מיט א העלדן־טויט אומגעקומען דער קעמפער באַראַן 35). מיט דער שלאַכט האָבן אַנגעפירט די קאָמאַנדירן פון שטאַב דניאל מאַשקאָוויטש און מרדכי טענענבוים 36). דניאל האָט אַנטיילגענומען אין קאַמף, שיסנדיק פון א רעוואָלווער 37).

ווי עס גיט איבער אן עד ראיה, זיינען בעת דער שלאַכט אויף טשעפּלע געפאַלן דרייסיק דייטשן 38). ביים שונא האָט א געוויסע צײַטוײַליִקער געטן די אויסגערופן דער פאַקט, וואָס א סך אויפשטענדלער האָבן זיך אָנגעטאָן אין דייטשע מונדירן 39). אָבער אויך יידן זיינען דאָ געפאַלן א סך, בתוכם דער אינזשיניער פישער 40).

דער העלדישער ווידערשטאַנד פון טשעפּלע־גאַס האָט געפונען א ווירדיקן אָפּהילך אויף אַנדערע אָפּשניטן פון יוראַוועצער־גאַס. ווען די טאַנקען האָבן זיך ווידער באַוויזן, איז פּנים אל פּנים קעגן זיי אַרויסגעטרעטן די גרופּע פון פּתחיה מאַלער („טאַדעק"), וועלכער איז מיט א קורצער צייט צוריק געבראַכט געוואָרן א פאַרוווּנדעטער פון וואַלד אויף אויסהיילונג אין געטאָ אַריין; איצט האָט ער זיך תּיכף געשטעלט ווייטער אויסצופירן זיין חוב. ער איז אַצינד אַרויסגעטרעטן דער ערשטער, באַשיסנדיק דעם שונא פון אן אויטאָמאַט 39). מאַלער איז געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף מיט די דייטשע טאַנקען אויף יוראַוועצער גאַס; באַנאַנד מיט אים זיינען אומגעקומען זיינע מיטקעמפער ראובן לעווין און נחמן שטעפּער 40). עס איז אויך געפאַלן מיט א העלדן־טויט די 16־יעריקע חוה באַלעף 41) פון מאַלערס גרופּע. דער מוטיקער אַרויסטריט פון די זעלבשוצלער אונטער מאַלערס אָנפירונג האָט געהאַט א שטאַרקע ווירקונג אויף דער יידישער מאַסע. א גרופּע פון עלטערע יידן און פרויען האָט זיך אויסגעטיילט פון המון; אין די הענט האָבן זיי נישט געהאַט קיין גראַנאַטן, נאָר עטלעכע פלעשער מיט אויפרייס־שטאָף און ס'רוב שטיינער פון ברוק. אין געשלאָסענע רייען האָבן זיי זיך געלאָזט קעגן צווייטן טאַנק. די גאַס האָט מיטאַמאָל דערהערט די ווערטער פונם ליד, מיט וועלכע

34) רייזנער, ז' 173.
35) דאָרטן. ז' 171.
36. ג"ע פון י. לערמאַן.
37) ג"ע פון י. ריווקינד.
38) ג"ע פון פ. בורשטיין.
39) ג"ע פון מ. רוזשיצקא.
40) דאָרטן.
41) רייזנער, ז' 167.

מיליאָנען ליידנדיקע זיינען געגאַנגען אין לעצטן אנטשיידענעם קאַמף:
— שטייט אויף, איר אַלע וועט ווי שקלאַפּן! (42).

דער האַסטיקער פייער פונם שונא האָט פאַרשניטן די יידישע לעבנס. פאַרן פרייז פון אייגענע עטלעכע הרוגים האָט דער שונא אָפּגעהאַלטן א זיג אויף יוראָוועצער־גאַס (43) און, לאָזנדיק לעת עתה אין א זייט די פאַרבליבענע, פאַרטאַיעטע נעסטן פונם ווידערשטאַנד טיפער אין טשעפּלע, זיך געלאָזט צום גאָרטן פונם יודענראַט אויף נאָוואָלאָדער־גאַס, וווּ עס האָט אויפגעפלאַקערט א פרישער ברען־פּונקט פון זעלבשוץ.

אינם יודענראַט־גאָרטן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די פליטים פון די קאַמף־גרופּן פון יוראָוועצער־גאַס און פון סמאָלנע, און היות דער דאָזיקער פלאַצדאַרם האָט פאַראייניקט די זעלבשוץ־כוחות פון טשעפּלע און נאָוואָגראָדער מיט סמאָלנע און האָט זיך געפונען נאָענט צו דער ביאַלקע און אזוי אַרום צו דער צווייטער זייט געטאָ, האָט דער שונא אפּנים געהאַלטן פאַר א דרינגנדיקע אויפגאַבע צו ליקווידירן די דאָזיקע נעסט פון ווידערשטאַנד, איבערלאָזנדיק אויף שפּעטער די ווייטערדיקע ברען־פּונקטן. דעריבער טאַקע האָט די זעלבשוץ פונם יודענראַט־גאָרטן געהאַט אויסצושטיין זייער א שטאַרקן אָנגריף מצד די דייטשן (44). די מעלה פון אָט דער פּאָזיציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט דאָ געהאַט וועלכע־נישט־איז מאַסקיר־ערטער; דער חסרון פון דער לאַגע אינם יודענראַט־גאָרטן איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס די קעמפער זיינען געווען אָפּגעריסן פונם שטאַב פון טשעפּלע־גאַס.

אָנגעלערנט פון די פריערדיקע געשעענישן, האָט דער שונא דאָ געהאַנדלט זייער פאָרזיכטיק. ער האָט קודם־כל אַרומגערינגלט דעם גאָרטן אין ערשט דעמאָלט האָט זיך אַריינגעריסן אינעווייניק א טאַנק (45). די יידן האָבן געענטפערט מיט גראַנאַטן (46). דער שונא האָט געעפנט א פייער פון אַלע זייטן, און די זעלבשוץ האָט געליטן שווערע קלעפּ, אָפּגייענדיק מיט בלוט (47). די יידן האָבן זיך דעמאָלט געלייגט אויף דער ערד, מאַסקירנדיק זיך הינטער די געוויקסן און פון אָט דער פּאָזיציע גענומען באַשיסן די דייטשן (48).

---

42) ג"ע פון י. ריווקינד, ל. טשאַפּניק און א. רוד.
43) ג"ע פון מ. רוזשיצקא.
44) ג"ע פון ט. ציטראָן.
45) ג"ע פון מרדכי יאַניש, אַרכ' ייה"א, פּראָט. נו' 1838.
46) דאָרטן; אויך: ג"ע פון בר. וויניצקאַ.
47) ג"ע פון א. קיסלער.
48) דאָרטן.

אין דער שלאַכט אינם יודענראַט־גאָרטן האָבן זיך באַטייליקט: יהודית נאָוואָגרודזקיס גרופּע מיט נחום אבעלעוויטש און זיין זון פּסח, הערשל סוראַסקי, הערשל קאַלטון, עטלעכע קצבים אונטער דער אָנפירונג פון משה טאַטע 49), יאָשקע קאַוועס גרופּע מיט העניעך פּאַרבער, שאול אָסאָוויצקי, אברהם ריבא, יודקאָווסקי פון קרינעק, קוכאַרעווסקי 50); ישראל מאַרגאָליסעס גרופּע מיט הערשל ראָזענטאַל און נאָך פינף קעמפער 51). א שומרישע גרופּע מיט יענקל סיוואָוויטש, שטשעפּיאַצקי און אנדערע 52). עס האָבן דאָ געקעמפט בייבע קאַט, וועלכער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, ליזע לעוויטאַן, סראָליק מאַליניאַק, לייבל זעלוויאַנסקי 53).

די שלאַכט איז געווען א פאַרביסענע. עס איז פון יידישע קוילן געפאַלן א דייטשער אָפיציר און עטלעכע סאָלדאַטן 54). יידישע פייערלעשער האָבן שפּעטער מיט די אייגענע אויגן געזען ליגן פאַרן אריינגאַנג צום גאָרטן א דערהרגעטן דייטש און צוויי פאַרוווּנדעטע 55). דער שונא האָט נישט לייכט פאַרנומען די פּאָזיציע פון דער זעלבשוץ, באַצאָלט מיט עטלעכע קרבנות. א סך יידישע קעמפער זיינען אומגעקומען, ביי א פערציק זיינען ארומגערינגלט געוואָרן און אריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט 56). בלויז א טייל איז געלונגען אויסצומיידן לעת־עתה סיי דעם טויט, סיי געפאַנגענשאַפט, זיך דורכצורייסן און ארויסבאַקומען זיך מחוץ דער אייזערנער רייף פון די ארומרינגלענדיקע דייטשע קרעפטן 57).

איין גרופּע פון די, וואָס האָבן זיך ארויסגעריסן, איז אריין אין דער דייטשער מעטאַל־פאַבריק פון דער פירמע האַנס אָטאָ באָלט, וואָס האָט געהאַט צוויי ארויסגענג, איינע אויף סמאָלנע, די צווייטע אויף פּאָלעסיער, און זיך דאָ פאַרבאַריקאַדירט. מיט דער גרופּע האָבן אָנגעפירט זלמן פעלדער און זרח זיסקינד־זילבערבערג 58). די פאַבריק איז באַהערשט געוואָרן דורך די יידן, נאָכן באַזייטיקן מיט כוח די וועכטער 59). די דייטשן

49) דאָרטן.
50) ג"ע פון י. לערמאַן.
51) ג"ע פון בר. וויניצקאַ.
52) ג"ע פון י. לערמאַן און לייזער שוועבער, אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 2418.
53) ג"ע פון פּ. ליפּינסקאַ; אויך: קאַט, ז' 82 און 83.
54) ג"ע פון ש. גרינשטיין.
55) ג"ע פון ש. מאַרגאָלים.
56) ג"ע פון מ. יאַניש.
57) ג"ע פון ח. גראָסמאַן.
58) דאָרטן.
59) דאָרטן.

האָבן נאָכגעשפּירט די יידן און אינגיכן איז אריינגעדרונגען אין דער פאַבריק אַן אָפּטיילונג מיליטער אונטער דער אָנפירונג פון אַן אָפיציר 60). די זעלבשוצלער האָבן געעפנט א שיסעריי, מאסקירנדיק זיך הינטער די מאשינען אין דער גרויסער פאַבריק־האַליע. פון הינטער איין באַהעלטעניש איז געפאלן א יידישע קויל און געטראָפן דעם אָפיציר. די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן מיטן קערפּער פון זייער עלטסטן, אָבער דער טריומף פון די יידישע קאמף־גרופּע איז געווען א קורצדויערנדיקער. דער שונא האָט אליארמירט אעראָפּלאַנען, און דער בנין איז צעקרישלט געוואָרן אונטער די קלעפּ פון די אוויאַ־באָמבעס און האָט באגראָבן אונטער זיינע חורבות עטלעכע יידישע העלדן. די לעבנגעבליבענע האָבן זיך ארויסגעשלייכט און צוריקגעצויגן זיך אין דער טיף פון דער זעלבשוץ־ליניע, אויף כמיעלנע־געסל, וואָס ליגט הינטער סמאָלנע אין א ספּעציעל צוגעגרייטן בונקער 61). צווישן אנדערע זיינען אין דער פאבריק מיט א העלדן־טויט אומגעקומען די פארדינסטפולע פּראָלעטארישע קעמפערין פון לאָדזש אדעלא אָלשטיין איינעם מיט איר מאן חיים, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט ווי א גוטער שיסער 62).

...עס איז שוין געווען האלב צוויי בייטאָג. פון האלב צען אינדערפרי האָבן זיך געצויגן די שלאכטן און צוזאמענשטויסן. פון עלף פרי האָבן די דייטשן געלאָזט אין גאנג פארשידענע טעכנישע מיטלען פון זייער מלחמה־מאשין. צו די טאנקען זיינען צוגעקומען אעראָפּלאנען, צום אויטאָמאטישן געווער — לייכטע ארטילעריע, וועלכע האָט באשאָסן די יידישע געסלעך פונם באַן־וואל 63). ביז 12 בייטאָג האָט זיך פונדעסטוועגן די זעלבשוץ געהאלטן אויף אירע פּאָזיציעס. דערנאָך איז געקומען דער הויך־פּונקט און נאָך אים — האָט מען גענומען פאלן פון די כוחות. די יידישע קרעפטן האָבן אָנגעהויבן צאנקען, בעת דער שונא האָט ערשט איצט גענומען אריינפירן אין שלאכט אלץ נייע און נייע אויסגערוטע סאָלדאטן־גרופּעס 64).

אויך די סטראטעגישע לאגע פון די ווידערשטענדלער איז געוואָרן אלץ אַן ערגערע און איז צום סוף אריבערגעגאנגען אין אויסזיכטלאָזיקייט.

---

60) לויט בראָניע וויניצקאַ, ליזע טשאַפּניק און אנד. יידישע עדות איז דאָס געווען שמידט. די פאַרברעכער פרידעל און מאַכאַל דערקלערן, אז זיי קענען נישט אַזאַ נאָמען.

61) ג"ע פון בר. וויניצקאַ, ל. טשאַפּניק און א. רוד.

62) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.

63) ג"ע פון בר. וויניצקאַ, ל. טשאַפּניק און א. רוד.

64) ג"ע פון י. ריווקינד און ח. גראָסמאַן.

די דייטשן האָבן, נאַטירלעך, אויך געהאַט א פּלאַן, און זייער פּלאַן איז באַשטאַנען, ראשית, אין דעם שטרעבן אָפּצורייסן און צו איזאָלירן די זעלבשוץ פון דער מאסע, נישט דערלאָזן צו קיין קאָנטאַקט צווישן די צוויי עלעמענטן; אויף טשעפּלע, למשל, האָבן די עס־עס־לייט געשריגן צו דער יידישער מאסע, זי זאָל זיך לייגן אויף דער ערד, ווייל זיי ווילן שיסן נאָר אין די ווידערשטענדלער 65); צווייטנס האָט דער שונא געצילט וואָס מער צו פארשמעלערן דעם פּלאַצדארם פון די יידישע קעמפער; נאָכן אויסראָטן די ווידערשטאנד־נעסטן אויף יוראָוועצער און נאָכן צונישט־מאכן דעם פלויט־אָנגריף אויף סמאָלנע האָבן די דייטשן אריינגעקוועטשט די זעלבשוץ אין א שמאָלן דרייעק; סמאָלנע—נאָוואָגראָדער—טשעפּלע, און זיך באַמיט דעם דאָזיקן דרייעק צו מאכן אַלץ ענגער און ענגער, כדי די יידן זאָלן נישט קאָנען צעפירן די הענט, און אזוי ארום דערשטיקן דעם ווידערשטאנד אין איין קאָנצענטרירטן, איינגעפּרעסטן אָרט 66). דער דאָזיקער פּלאַן איז דעם שונא געלונגען דערפאר, ווייל ער האָט פארמאָגט איבער דער זעלבשוץ אן איבערגעוויכט סיי אין דער צאָל, סיי אין דער טעכניק, סיי אין הינזיכט פון פארבינדונג מיטן הינטערלאַנד, מיט דער גאנצער שטאָט, סיי אין פּרט פון אויסגערוטקייט.

דעם 16־טן אויגוסט האלב צוויי בייטאָג איז דער קאָנצענטרירטער ווידערשטאנד געבראָכן געוואָרן. פאר די יידישע קעמפער איז געבליבן בלויז איין מעגלעכקייט: פארוואנדלען די שלאכט אין באזונדערע, פּארטיזאנישע אָנפאלן און אין פארטיידיקונג פון פאבריקן און הייזער. און נאָך איינס: עס איז געבליבן די אויפגאבע צו פארטיליקן בידים די וואוינונגען, הייזער און לעצט האָב און גוטס, עס זאָל נישט אריינפאלן אין די גיריקע הענט פון די רויבער 67). דער לאָזונג צו פארניכטן די פארלאָזענע היימען איז אויפגענומען געוואָרן דורך א טייל פון דער מאסע. בעת די ווייטערדיקע געשעענישן איז אויפגעקומען ביי די יידן ממש א באוועגונג צו צעשטערן די דירות און אַלץ, וואָס בלייבט אין זיי. אזוי האָט אויף כמיעלנע 3 א מיטגליד פון זעלבשוץ געהאלטן א רעדע צום עולם: זייט וויסן, אז מ'פירט אייך קיין טרעבלינקע אויף פארגאזונג; איין אויסוועג איז

---

65) גראָסמאַן, ז' 329.
65) ג"ע פון י. ריווקינד.
66) ג"ע פון ל. טשאַפּניק, א. רוד און ח. גראָסמאַן.
66) ג"ע פון מ. זשוקאָווסקי.
67) ג"ע פון ט. ציטראָן.

דאָ: אונטערצינדן אונזערע הייזער מיטן האָב און גוטס, נעמען געווער און גיין אין וואלד, צו די פּארטיזאנער! — די זעלבשוץ־חברים האָבן געוויזן דעם ערשטן ביישפּיל און מיט גראנאטן אויפגעריסן די בנינים 68).

ארום צוויי בייטאָג איז אריינגעטרעטן א שטילשטאנד אין די קאמפן 69).

זיי זיינען אָבער נישט איבערגעריסן געוואָרן לגמרי.

---

68) ג"ע פון מ. זשוקאָווסקי.
69) ג"ע פון מ. ציטראָן.

קאפיטל פינף

דער נאַכט-שטורעם ביים געטאָ-פּלויט

עס איז צוגעפאלן די נאכט, די ערשטע נאכט פון אקטיוון קאמף קעגן די דייטשן. דער קרבן פון דער יידישער זעלבשוץ איז נישט געווען קיין אומזיסטער, איר אָנשטרענג איז נישט געבליבן לגמרי אָן פּעולה אויף דער מאסע. נישט אלע האָבן זיך געשטעלט אויפן באפעל פון דער גירוש־מאכט. טויזנטער און טויזנטער יידן האָבן זיך פארשטעקט אין כלערליי באהאלט־ערטער. דער שונא האָט געוווסט 1) און דעריבער האָט ער ביי־נאכט געשיקט פּאטראָלן, אָנגעטאָן אָנשטאָט לעדערנע שוכווארג — אין ווייכע וואַילאקעס, וועלכע האָבן שטיל געמאכט די טריט. אָנגעלערנט פון ווארשעווער געטאָ, האָבן די אויסראָטער געמאכט אָנשטרענגונגען נישט ארויסצורופן ביי די באהאלטענע יידן קיין חשד און ארויסלאָקן זיי אזוי ארום פון די פארשטעק־ערטער, אריינגארן זיי אין דער נעץ 2).

דייטשע פּאטראָלן האָבן זיך געדרייט איבער די אויסגעשטאָרבענע גאסן און די אוקראינישע פאשיסטן זיינען אריינגעקראָכן אין די דירות און אויף א כיטרען אופן, מיט א פאָרטל, אוועקגעלייגט אויף די פאָלן חפצים אזוי, אז ביים דערשיינען פון מענטשן אין דער חשכות פון נאכט זאָל זייער סדר געענדערט ווערן און דורך דעם זאָל אויסגעגעבן ווערן, אז דאָ זיינען יידן פארשטעקט 3).

די יידישע קעמפער האָבן אָבער אויך נישט גערוט. פונם יודענ־ראט־גאָרטן איז חוץ די, וואָס האָבן אדורכגעפירט די שלאכט אין דער פאבריק־האליע פון האנס אָטאָ באָלט, ארויס גאנץ פון דעם שונאס קלעפ

---

1) מאַכאָלס ענטפער אויף דעם מחברס אַנקעטע.
2) פרידעל: „די באשרייבונג א. א. וו.״.
3) ג״ע פון א. גערשוני, אַרכ׳ ייה״א, פּראָט׳ נ׳ 1253.

נאָר אײן גרופּע, װעלכע האָט איבערגעװאַרט דעם צװײטן האַלבן טאָג אין א גוט־פאַרדעקטן גרוב אינם גאָרטן און דערנאָך, אונטער דעם צודעק פון דער נאַכט, זיך אַריבערגעשליכט דורך נאָװאָגראָדער און סמאָלנע אויף כמיעלנע־געסל צום נומער 7, װוּ עס האָט זיך געפונען א צענטראַלער בונקער פון דער זעלבשוץ. דאָס זײנען ס׳רוב געװען קעמפער פון יהודית נאָװאָגרודזקיס גרופּע. חוץ זײ האָבן זיך אינם בונקער אויף כמיעלנע פאַרפעסטיקט קעמפער פון פאַרשידענע צע־פאַלענע גרופּעס, בתוכם אויך די לעבן־געבליבענע פון דער באָלט־פאַבריק.4).

די „יודיטאָװצעס" האָבן נישט רעזיגנירט פון באַלדיקער װייטער־דיקער אַקציע. זײ האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די נאַכט, װען די הויפּט־כוחות פונם שונא שלאָפן, און פּרוּװן באַנײַס דורכברעכן דעם געטאָ־צוים און זיך אַרויסרײַסן צום װאַלד 5). װעגן דעם פּלאַן האָבן זײ טאַ־קע געגומען אונטערהאַנדלען מיט דער גרופּע פונם בונקער אויף כמיעל־נע 7. די לעצטע האָט אָבער געהאַט אַן אייגענעם פּלאַן פון װײַטערדיקער טאַקטיק און איז צו דער איניציאַטיװ פון יהודיתעס גרופּע נישט צוגע־שטאַנען 6). די אַקציע איז שוין דעמלט נישט געװען קאָאָרדינירט. װי געזאָגט, איז די פאַרבינדונג מיטן שטאַב אויף טשעפּלע 13 געװען אי־בערגעריסן צוליב דער בלאָקאַדע פון די דײַטשן. יהודית נאָװאָגרודזקיס גרופּע האָט זיך נישט מיאש געװען מחמת דעם אָפּזאָג און איז אַלײן אַװעק צום געטאָ־פּלױט אויף כמיעלנע־געסל 7).

די גרופּע האָט געצײלט א פערציק קעמפער — מענער און פרויען, עס האָבן זיך אין דעם נאַכט־שטורעם באַטײליקט: יהודית נאָװאָגרודז־קא, נחום אַבעלעװיטש און זײַן זון פּסח, קיסלער, סוראַסקי, קאַלטון, שאול אָסאָװיצקי, דער טרעגער אַהרקע, עס האָבן זיך צו זײ פאַרײניקט פרויען מיט קינדער. נחום אַבעלעװיטש, װי א געניטער שמוגלער, האָט געװוּסט פון א פאַרבאָרגענער קליאַפּע אינם פּאַרקאַן און האָט גערעכנט טאַקע דורך דאַנען אַרויסגײן 8).

די גרופּע האָט זיך צעטײלט אין צװײ קלײנע מחנהלעך: אײנע די־רעקט בײם מויער, די צװײטע, א שוץ־גרופּע, האָט זיך באַהאַלטן אין

4) ג"ע פון י. ריװוקינד.
5) דאָרטן; אויך — ג"ע פון ל. טשאַפּניק.
6) ג"ע פון א. קיסלער.
7) דאָרטן; אויך —ג"ע פון מ. בוך.
8) ג"ע פון א. קיסלער.

דעם פּאַמידאָרן־פעלד, וואָס דערנעבן. פּאַרויס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן אויסשפּירער ווי סוראסקי און קאלטון. אינמיטן האָט מען גענומען די פרויען און די קינדער, פון הינטן איז געלעגן גרייט צום ארויסטריט די גרופּע אין די פּאַמידאָרן־קוסטעס.

קאָמאנדיר פון דער געפערלעכער עקספּעדיציע איז געווען דער אלטער אבעלעוויטש. די נשמה פון דער אקציע איז אָבער געווען יהודית, הגם זי האָט זיך געפילט זייער שלעכט — עס האָט זיך אָפּגערופן איר הארץ־פעלער, אזוי ווייט, אז מען האָט זי אין צווייען געמוזט אונטערהאלטן, איז יהודית פונדעסטוועגן נישט אָפּגעטרעטן און געמוטיקט די חברים. די גרופּע איז געווען נישט שלעכט באוואָפנט, ס׳רוב מיט פּיסטאָלעטן 9).

די פארבאָרגענע קליאפּע איז געעפנט געוואָרן, און די אויסשפּירער — סוראסקי און קאלטון — זיינען אדורכגעקראָכן און על פּי טראגישן טעות פארנאכלעסיקט צו פארמאכן תיכף הינטער זיך די עפענונג. ערגעץ פון דער דרויסנדיקער זייט האָבן געלויערט דייטשע פּאטראָלן. דורך דער פּלוצימדיקער עפענונג האָט א זעץ געטאָן א שרפה־פייער פון איינעם פון די נאָענט־שטייענדיקע געמאָ־בנינים. די דייטשן האָבן תיכף אויסגעשאָסן.

עס האָט זיך פארקניפּט א קעגנזייטיקע שיסעריי. די אויסשפּירער זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער גרופּע. נחום אבעלעוויטש האָט נאָך באוויזן דורכצושפּרינגען דעם פּלויט און צו עפענען אים מיט א האק. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך געיאָוועט אָן א מאסקירונג, האָט אים באַגעגנט א העפטיקער פייער פון אויטאָמאטן. ער איז אראָפּגעשפּרונגען פון פּארקאַן, געלאָפן עטלעכע טריט, שרייענדיק: „יאטן, איך האָב!" און איז אנידערגעפאלן. דער אלטער האָט נאָך באוויזן איבערצוגעבן זיין שלאכט־חבר יואל קיסלערן דעם פּיסטאָלעט מיט א זעקל פּאטראָנען, ער זאָל ממשיך זיין דעם קאמף. די גרופּע איז געבליבן אָן א קאָמאנדיר, ווארעם אויף יהודיתן האָט מען מער נישט געקאָנט רעכענען, ווייל זי האָט ביטו לבינו באקומען א הארץ־אטאַק. אָפּשיסנדיק זיך האָבן זיך די קעמפער צוריקגעצויגן טיפער אין געטאָ און, פארלירנדיק אונטערן מערדערישן פּולעמיאָטן־פייער פון די דייטשן עטלעכע מענטשן אין שלאכט, זיינען זיי צוריק אריין אויף טשעפּלע־גאס און דאָ זיך באַהאלטן אין א בונקער אינם הויז נומער פיר 10).

---

9) דאָרטן.
10) דאָרטן.

דער צווייטער פלויט־שטורעם האָט זיך, פונקט ווי דער ערשטער אָנגעשטויסן אויף א וואנט פון פייער מצד דעם שונא.

אין דער זעלביקער נאכט האָט געהאט אָן אָרט א צווייטער ארויס־פאל־פרווו פון דער זעלבשוץ. אונטער דער אָנפירונג פונם קאָמאנדיר דניאל מאָשקאָוויטש האָט א גרופע פון עטלעכע צענדליק קעמפער פון טשעפליע־גאס דורכגעפירט אן אָנגריף אויף א צייטווייליקן דייטשן ארסע־נאל אין איינעם פון די בנינים אין געטאָ. דער ארסענאל איז גענומען געוואָרן מיט שטורעם. די יידן האָבן אָנגעהויבן ארויספירן דאָס געווער. תיכף זיינען אָבער דורך די אנטלאָפענע וועכטער אליארמירט געוואָרן פרישע דייטשע קרעפטן. עס האָט זיך פארבונדן א קעגנזייטיקע שי־סעריי, וועלכע האָט זיך געצויגן ביז קאיאָר. די קאמף־גרופע איז אָפּ־געגאנגען מיט בלוט, פארלאָרן א סך חברים. דער שונא איז סוף כל סוף שטארקער געווען. אוועקנעמען דאָס געווער איז נישט געלונגען, און די זעלבשוץ האָט זיך געמוזט צוריקציען 11).

אָט אזוי האָט די גאנצע ערשטע נאכט געהאט אָן אומרויקן פאר־לויף. די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט, אָנוואָרפנדיק אָן אימה אויף די פארשטעקטע יידישע משפחות, וואָס האָבן מיט אנגסט געוואַרט אויפן וויטערדיקן גורל, געוואַרט אויפן ערגסטן — און דאָך זיך מיטן גוטן ווילן נישט געוואָלט איבערגעבן אין דעם שונאס הענט 12).

11) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
12) ג"ע פון פ. וועליאַן.

ק א פ י ט ל   ז ע ק ס

די הילף פונם וואַלד

די פון געטאָ, וואָס האָבן געטרוימט און געמאכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען זיך ארויסצורייסן, האָבן געהאט פאר זיך איין האָפענונג: וואלד! [1].

און אין די מאסיוון, וווּ ס'האָט זיך געפונען די פארטיזאנישע מחנה „פאָרויס", האָט מען געהאט א צוויטן באַגער: געטאָ! גיין העלפן די ברידער אין זייער לעצטן קאמף [2].

אין וואלד האָט מען פאָרויסגעפילט, אז עס ציט אָן א קאטאַסטראָפע, אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן גענוי ווען? דעם 13־טן אויגוסט, דריי טעג פאר דער ענדגילטיקער ליקווידאציע פון געטאָ, זיינען געזעסן אויף א בשותפותדיקער בעראַטונג פאָרשטייער פון די יידישע און סאָוויעטישע פארטיזאנישע מחנות; עס איז געווען א רייד וועגן פארשטארקן די קעגנזייטיקע קאָנטאקטן, און איינע פון די הויפּט־טעמעס פון די שמועסן איז געווען די לאַגע אין געטאָ. עס איז באַשלאָסן געוואָרן קודם־כל שיקן אהין גלייך א מענטש צו באַקומען די נייטיקע ידיעות [3].

דעם 14־טן אויגוסט האָט זיך דער קאָמאַנדיר פון „פאָרויס" סוכאטשעווסקי און די קאָמיסארין פון אָטריאד וואָיסקאָווסקא געטראָפן מיטן פאַרבינדלער משה בוך און געגעבן אים דעם אויפטראַג זיך לאָזן אין געטאָ אריין און ארומרעדן די פראַגן פון דער הילף, וועלכע די פּאַרטיזאַנער זיינען גרייט צו דערטיילן דער זעלבשוץ.

דעם 15־טן אויגוסט האָט זיך בוך געלאָזט אין וועג אריין, אָבער

---

1) ג"ע פון י. ריווקינד.
2) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
3) דאָרטן; אויך — ג"ע פון מ. בוך.



דער ברונעם, דורך וועלכן מען איז אראָפּגעגאַנגען אין בונקער אויף כמיעלנע 7

אַנשטאָט לאַנג צו באַלעמוטשען, איז ער באַלד די זעלביקע נאַכט גע־קומען מיט דער ידיעה: עס איז געשען! דאָס געטאָ איז אַרויס אין קאַמף! 4).

אין ענלעכן גרוס פון געטאָ האָבן אויך געבראַכט אַרומיקע פּויערים 5). דער רושם איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער.

דער קאָמאַנדיר און די קאָמיסאַרין זיינען תיכף אַוועק צו אַ נאָענטן פּונקט. זיי האָבן דערהערט די קאַנאָנאַדע און געזען פונדערווייטנס אַ בליאַסק פון אַ בראַנד־שרפה. עס איז אַליאַרמירט געוואָרן די מחנה, אַלע זיינען געשטעלט געוואָרן אויף די פיס.

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך דעמלט געפונען אין אַ שווערער לאַגע. אין יענער צייט זיינען פאָרגעקומען ביטערע קאַמפן מיט די דייטשע שטראָף־עקספּעדיציעס ביי די דערפער טשעלישאַנקאַ, דוואָזשיסק און ביי סופּראַסל. איטלעכער האָט געמוזט פאַרטאָפּלען זיין ענערגיע, כדי צו קאָנען שטיין אויף צוויי פראָנטן. אַלע האָבן זיך גענומען רייסן צו גיין אין געטאָ אַריין, העלפן די טויט־באַדראָטע, קעמפנדיקע ברידער 6).

דריי אויפגאַבן האָבן זיך אָנגעצייכנט די פּאַרטיזאַנער:

1. אויסשטעלן לענג־אויס דעם וועג פון הינטער ביאַליסטאָק מיט וואַלד־שטאַפעטן, וואָס זייער חוב וועט זיין אויפצונעמען יעדן אַנטלאָפענעם, אָדער אדורכגעריסענעם פון געטאָ און ווייזן אים דעם שליאַך אין דער פּושטשע אַריין. ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אָט דער זאַך איז באַ־שטימט געוואָרן דער מיטגליד פון פּאַרטיזאַנישן שטאַב משה בוך.

2. אַרויסטרעטן מיט סאַבאָטאַזש־אַקטן און איבערפאַלן אויף דייטשע פּאָסטנס און אמטן אין דער אומגעגנט, כדי אַזוי אַרום אָפּציען אַ טייל פון דעם שונאס כוחות פון געטאָ און צושמידן צום אָרט מחוץ ביאַליס־טאָק. די דאָזיקע שליחות האָבן אויף זיך גענומען די אָנפירער פון „פּאַ־רויס" סובאַטשעווסקי און וואָיסקאָווסקאַ און די קאָמאַנדירן אַנדריי און אַנדערע; באַמיען זיך אַפילו אָנוואַרפן דעם שונא אַ גרעסערע שלאַכט צוליב דעם זעלביקן ציל.

3. שיקן אַ גרופּע, וואָס זאָל זיך פאַר יעדן פּרייז אַדורכרייסן אין ביאַליסטאָק און ממשותדיק העלפן דער זעלבשוץ אין קאַמף. דאָס איז

4) ג"ע פון מ. בוך.
5) קאָט, ז' 86.
6) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.

געווען די שווערסטע אויפגאבע, ווייל די גאנצע שטאט איז געווען ארומגעשטעלט, און עס איז געווען ממש אוממעגלעך ארייַנצוגנבענען זיך אינעווייניק. אין געטא האט זיך דעמלט געפונען א חוץ מאלערן, וועלכער האט געהיילט זיינע וואונדן, אויך דער פארטיזאנישער קאמאנדיר חיים לאפטשינסקי, וואס איז מיט א צייט פריער אוועק אין געטא, כדי צו פארבינדן ביידע קאמף־אפשניטן. אין געטא האט ער זיך באטייליקט אין די לעצטע שלאכט־ארויסטריטן פון די זעלבשוץ־חברים; מיט א האק האט ער זיך געווארפן אויפן שונא און איז געפאלן מיט א העלדן־טויט 7).

דאס זיינען געווען די באשלוסן פון די פארטיזאנער; און עס זיינען געמאכט געווארן אנשטרענגונגען, די דאזיקע התחייבותן צו פארווירקלעכן 8).

אבער דער שונא איז אויך נישט געשלאפן. די דייטשן האבן אויסגעצייכנט פארשטאנען, אז ווען עס ברענט דאס געטא, וואכט אויף דער וואלד. דער שונא האט צונויפגענומען באוואפנטע כוחות פון גאנצן ארום, זיי צעטיילט אין צווייען און איין טייל געווארפן קעגן די פארטיזאנער. דער ציל פון די דייטשן איז געווען אפצושטויסן די מחנה „פארויס" און אירע פארבינדעטע וואס ווייטער אויף מזרח, וואס ווייטער פון געטא. אין דער זעלביקער צייט האבן די פארטיזאנער געוואלט זיין וואס נאענטער צו ביאליסטאק 9).

דורך א ריי סאבאטאזש־אקטן, אויסגעפירטע אינם ראיאן פון שטאט, האט „פארויס" זיך געקלאמערט מיט ציין און נעגל אין זיין ביז־איצטיקער וואלדיקער פאזיציע. עס איז געקומען צו א ריי צוזאמענשטויסן מיט די דייטשן, צווישן אנדערע די גרעסערע שלאכט אונטער דער אנפירונג פון קאמאנדיר אנדריי 10). עס איז געבוירן געווארן א געוואגטער און ריזיקאלישער געדאנק — פרווון זיך אדורכרייסן מיט דער גאנצער מחנה קיין ביאליסטאק 11). אבער די וואנט פון דעם אויסגעצייכנט באַ־

7) ג"ע פון ק. באראקין; דערביי זאל באטאנט ווערן, אז אויך דער קעמפער ראובן קויפמאן זאל זיך האבן געווארפן אויף די דייטשן מיט א האק און איז געפאלן אין קאמף (ג"ע פון גרשון טאבאק, ארכ' ייה"א, פראט' נ' 1850.

8) ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא, מ. בוך און ל. טשאפניק.

9) דארטן.

10) דארטן.

11) דארטן.

וואַפנטן דייטשן מיליטער ביי די ראַנדן פון וואַלד האָט צעקלאַפּט די אַלע פּלענער.

פון אָט דעם געראַנגל צווישן די דייטשן און די פּאַרטיזאַנער איז בלויז טיילווייז דער שונא אַרויס מיט אַ נצחון. ער האָט טאַקע צע־שטערט דעם פּלאַן פון „פּאַרויס" זיך אַדורכצורייסן אין געטאָ אַריין, אָבער ער איז נישט אומשטאַנד געווען אויפצושטעלן אַ כינעזישע מויער צווישן דער שטאָט און דעם וואַלד און נישט צו דערלאָזן, אַז פּליטים פון חרובן געטאָ זאָלן געפינען אַ מקום מקלט ביי די פּאַרטיזאַנער.

די שטאַפּעטן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַנטלאָפענע ברידער פון געטאָ, האָבן אָפּגעראַטעוועט העכער זיבעציק יידן, וועלכע האָבן אַהער געטראָפן דירעקט פון שטאָט, אָדער געשפּרונגען פון צוג (עווא קראַ־צאָווסקאַ, שיקע מאַנקאָווסקי, לייבל וויינשטיין, יאָסל מאַקאָווסקי א. א. 12).

אין די וויכטיקסטע טעג פון דער אַקציע אין געטאָ איז די פּאַר־טיזאַנער געלונגען איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט אַפילו מיטן שטאַב אויף טשעפּלע 13. דערגרייכט איז דאָס געוואָרן אַדאַנק די יידישע פורמאַנעס פון געטאָ, וועלכע האָבן פרייוויליק גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרט־לעכע שליחות און איבערגעפירט קעגנזייטיקע ידיעות און אויך מענטשן. עס האָבן זיך אויסגעצייכנט נישט בלויז אַלטע, דערפאַרענע בעלי־עגלות, נאָר אויך אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, וועלכע האָבן זיך אַצינד גע־נומען צו פערד און וואָגן, אַ שטייגער, די קאַמאַשן־שטעפּער קלמן בערסטאָוויצקי און בערל סאַוויצקי; ביידע זיינען זיי אומגעקומען אויפן פּאָסטן, ביים אויספירן אַ וויכטיקע שליחות 13).

---

12) ג"ע פון ק. באַראַקין, פ. קאָזשעץ און ע. בוימאַץ.

13) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ, מ. בוך, שיע קאַנטאָר, א. ליאַך און ל. משאַפּניק.

די פאַבריקן-פאַרטיידיקונג

נאָך אַן אַנגעשטרענגטן אומרויִקער נאַכט איז געקומען אַ פרישער בלוטיקער טאָג, דער צווייטער טאָג פון גירוש און שחיטה און פון ווייטערדיקן ווידערשטאַנד.

אין משך פון דעם צווייטן האַלבן מאָנטיק האָט די דייטשע מאַכט אָנגענומען מיטלען צו פאַרהיטן, אַז די קאַמף־כוואַליע זאָל זיך ניט איבערטראָגן אויף דער אַנדערער זייט געטאָ־צוים.

פון דינסטיק אינדערפרי האָט גאַנץ ביאַליסטאָק באַקומען אַן אויסזען פון אַ פראָנט־שטאָט. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די באַוועגונג אויף דער הויפּט־אַרטעריע, וואָס אין שכנות מיטן ברענענדיקן געטאָ, אויף דער שענקעוויטש־גאַס. אַלע דערבייאיקע גאַסן און געסלעך, וואָס רינגלען אַרום דעם יידן־ראַיאָן, זיינען ענלעך געוואָרן צו אַ מיליטערישן לאַגער. מען האָט געזען דאָ און דאָרטן פעלד־געצעלטן, ביקסן־קאָלעס, אין די גאַסן־עקן זיינען געשטאַנען פאַנצער־אויטאָס, דייטשע זעלנער אין פולער קריג־מונדירונג, מיט אייזערנע העלמען אויף די קעפּ, באַוואָפנט לויט דעם נייעסטן וואָרט פון טעכניק, האָבן גרופּנווייז מאַרשירט אין דער ריכטונג פונם געטאָ. איבער די יידישע וווין־ערטער האָבן זיך געצויגן וואָלקנס שוואַרצער שׂרפה־רויך 1).

אַכט הונדערט מאָרד־יונגען האָבן אַריינגעשפּאַנט באַלד אינדערפרי. די דרייפאַכיקע רייף אַרום האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די יידן אין קלעם 2).

אָנגעהויבן האָט זיך דער צווייטער טאָג מיט אַ קינדער־גזירה. יונגלעך און מיידלעך ווערן אָוועקגעריסן ביי טאַטע־מאַמע. דער פאַר־

---

1) רחל קוואַסאָוויצער: „איבערלעבונגען", אַרכ' ייה"אַ, נ' 2007.
2) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און אַ. רוד.

צוויפלטער ווידערשטאַנד ווערט געבראָכן מיט קוילן און מכות רצח 3). עס ווערן געטריבן וויטערדיקע פּאַרטיעס צו דער באַן, עס גייען ווייטער אַן די געיעגן נאָך די באַהאַלטענע. יידישע פּאָליציאַנטן קריכן אַריין פּאַ־רדיס און נאָך זיי דער אוקראַיִנישער פאַשיסט און פון סאַמע הינטן באַוועגט זיך דער גערמאַנישער „איבער־מענטש" און קערעוועט מיט אַלעמען 4).

דער שונא האָט זיך געריכט אויף א המשך פונם יידישן ווידער־שטאַנד; ער איז געווען זיכער, אַז די כאַפּונעס וועלן מוזן באַצאָלן מיט נייע קרבנות. די דייטשע אַמבולאַנסן זיינען געשטאַנען גרייט אָפּצופירן די אייגענע פאַרווונדעטע שנעל מחוץ דעם געטאָ־תחום 5).

דער צווייטן טאָג האָבן די ווידערשטענדלער שוין נישט געהאַט קיין כוחות אַרויסצוטרעטן מיט אָפענע גאַסן־שלאַכטן. דער ווידערשטאַנד האָט אָבער נישט אויפגעהערט; ער האָט אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער, ער האָט זיך אַצינד קאָנצענטרירט אין א ריי פאַבריק־בלאָקן.

די אַריינדרינגענדיקע היטלעריסטן, וועלכע זיינען געקומען נעמען די אַרבעטער, האָבן אָנגעטראָפן אויף א פאַרטיידיקונג אין דער ריי־מער־פאַבריק. מיט דער זעלבשוץ האָט דאָ אָנגעפירט וולאַדיסלאַוו געפּאַן, א קאָמוניסט פון לאָדזש. מיט גרויס גבורה האָט זיך דאָ אויסגעצייכנט דער קעמפער אַרנאָלד גאָלדשטיין. אַלע פאַרטיידיקער זיינען געפאַלן אין אומ־גלייכן פאַרמעסט 6).

עטלעכע שעה האָבן זיך געהאַלטן די באַשיצער פון דער טריקאָ־טאַזש־פאַבריק, וועלכע האָבן געענטפערט דעם דייטשן אָפיציר: ניין, מיר וועלן נישט גיין און אונזער פּלאַץ נישט פאַרלאָזן! — מיט דער קאַמף־גרופּע האָט דאָ אָנגעפירט טאַניע סעגאַל פון לאָדזש, די אַלמנה נאָך דעם „שבתדיקן" בערושלינג, וועלכע איז געפאַלן מיט א ריסוק אברים פון א גראַנאַטן־זעץ פונם שונא 7).

ווען די כאַפּערס זיינען אַריין אין דער פאַבריק אויף טשיסטע, האָבן זיי זיך אויך אָנגעטראָפן אויף א דעצידירטן ווידערשטאַנד. די פּאָזיציע

---

3) ג"ע פון ישראל דאָרן, אַרכ' ייה"א, פראָט' נ' 731.

4) ג"ע פון בערל דזבאַנעק, אַרכ' ייה"א, פראָט' 2602; י. פאַבריצקי: „זכרונות וועגן דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ", אַרכ' ייה"א, נ' 2595.

5) ג"ע פון ט. ציטראָן.

6) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

7) ג"ע פון ר. וואָלסקאָווסקא.

איז דאָ פאַרטיידיקט געוואָרן דורך א גרופּע, וואָס זייערע נעמען זיינען נישט באַקאַנט. ביים אריינגאַנג האָבן זיי געלאָקערט אויף דעם שונא און אים מכבד געווען מיט א סעריע קוילן פון פּיסטאָלעטן 8). מען האָט איבערגעגעבן שפּעטער פון מויל צו מויל, אַז צוויי דייטשן האָבן דאָ זייער לעבן פארלאָרן. דער שונא האָט מיט באָמבעס צעשטערט די פאַבריק אויף טשיסטע און באַגראָבן אונטער אירע איינפאַלנדיקע ווענט די יידן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען 9).

א העלדישער ווידערשטאַנד־אַקט האָט געהאַט אַן אָרט אויף פּאַלנע־גאַס. פון איין הויז איז די פּאָליציי געוואָרן באַשאָסן. די דייטשן האָבן געענט־פערט און דערהרגעט עטלעכע יידן. ווען זיי זיינען אריין אינעווייניק, האָבן זיי אין צימער געפונען פינף—אַכט דערשאָסענע, ביי דער זייט איז געלעגן היים געווער 10).

צעשטויבט איז געווען דער יידישער ווידערשטאַנד דעם צווייטן טאָג, אָבער ער איז נישט פארשוואונדן און האָט זיך געלאָזט פילן דעם שונא.

אין איין פּרט איז אָבער דער דינסטיקדיקער טאָג געשטאַנען העכער פון דעם ערשטן זעלבשוץ־מאָנטיק. אינם ערשטן טאָג האָבן זיך קאַמפן קאָנצענטרירט נאָר אויף דער צווייטער זייט ביאַלקע, דער פּלאַצדאַרם איז ארויפגעצוואונגען געוואָרן דורך דעם דייטש.

דינסטיק איז אומגעריכט פאַר די ארייַנדרינגער אויסגעבראָכן א אַפּוועער־פייער אויף דער פארלאָזענער זייט פון געטאָ, אין דעם אָרט, וווּ עס האָט זיך שוין קיין יידישע פּ״ס מער נישט געטאָרט געפינען.

געשען איז דאָס אויף קופּיעצקע גאַס, דאָרטן, וווּ עס האָט זיך גע־פונען דער שטאַב פון די דייטשע כוחות.

צוויי קליינע זעלבשוץ־גרופּן האָבן זיך געיאַוועט אויף קופּיעצקע: איינע פון דער מעבל־פאַבריק אונטער דער אָנפירונג פונם סטאָליער־ארבעטער שמעון פייערשטיין, א פּליט פון וולאָצלאַוועק; די צווייטע פון דער בערשטל־פאַבריק, בראש פון איר איז געשטאַנען די לערערין הע־לענע נירענבערג. ביידע קאַמף־גרופּן צוזאַמען האָבן געציילט עטלעכע

8) ג״ע פון מ. יאַניש.

9) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

10) פרידעל: „די באַשרייבונג א. א. וו.״. פרידעל מיינט, אַז דאָס איז געווען אינם ערשטן טאָג פונם אויפשטאַנד; אָבער דאָס שטימט נישט, ווייל פון ערשטן טאָג געדענקט עס נישט קיינער פון די יידישע עדות. אַזוי ארום האָט דער דאָזיקער ווידערשטאַנד־אַקט געקענט זיין נאָר שפּעטער.

און דרייסיק פּערזאָן. די דאָזיקע גרופּעס האָבן געהאַט עטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט דייטשע פּאַטראָלן 11).

אַ גאַנצן דינסטיקדיקן טאָג האָבן זיך געצויגן באַזונדערע צוזאַמענשטויסן. דער שטאַב איז נאָך אַלץ געווען אויף טשעפּלע 13. ווען עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָבן די דייטשן מורא געהאַט צו בלײַבן אין תחום פון די גאַסן טשעפּלע־פאַבריטשנע־יוראָווצער און זיך ליבערשט געזאַמלט אויף קופּיעצקע. שפּעט בײַנאַכט זײַנען אין יידישן שפּיטאָל געקומען צוויי קעמפער און געבראַכט אַ גרוס פון פראָנט: די בונקערס האַלטן זיך, די זעלבשוץ ווירקט נאָך, אָבער עס גייט אויס די אַמוניציע 12).

---

11) ג״ע פון ק. באַראַקין.
12) ט. ציטראָן: „דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ״, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 1286.

די זיבעציק

איינע פון די לעצטע באפעסטיקטע פאזיציעס פון דער זעלבשוץ איז געווען דער גרויסער בונקער אויף כמיעלנע־געסל נומר 7, וואס איז אויסגעבויט און אויסגעפארטיקט געווארן באצייטנס דורך דער ארגאניזאציע אונטער דער אויפזיכט פון מרדכי טענענבוים און וועלוול וואלקאוויסקי 1).

הינטער סמאלנע, נאך מער אפגערוקט פונם שטאט־צענטער, איז געלעגן דאס כמיעלנע־געסל — א שמאלס און שיטער באבויט מיט וווין־הייזקעס. די כמיעלנע איז געווען דאס סאמע ראנד־געסלביים ארויסגיין אויסער דער שטאט און, פארשטייט זיך, איינציקטיק אויך אויסערן יידן־ראיאן.

דער בונקער האט פארמאגט דריי ארייגענג: איינער האט זיך געפונען אין צווייטן חדר פון דער כאטע, הינטערן אויוון, לגמרי נישט באמערקט פארן אויג; דער דאזיקער אריינגאנג איז תמיד געווען פארשטעלט מיט א גרויסן פויערישן קאסטן. דער צווייטער אריינגאנג האט געפירט דורך א ברונעם אויפן הויף, טיף אונטן, אין א וואנט פונם ברונעם איז געווען א לאך; פון דעם אפגרונט־טייל פונם ברונעם ביז אויבן האט זיך געצויגן א קייט; דורך דער קייט האט מען זיך געקאנט אראפלאזן איינעווייניק און דערנאך דורך דעם לאך אריינקריכן אינם בונקער. מען האט אויך געקאנט אראפנידערן איבער די האקעס, וואס זיינען געווען אריינגעזעצט אין די ברונעם־ווענטלעך. דער דריטער אריינגאנג האט זיך געפונען מחוץ דעם הויף, אויף דער צווייטער זייט כאטע, אויף סמאלנע־גאס, אין דעם טייל פונם געסל, וואס ליגט שוין מחוץ דעם

---

1) ג״ע פון ל. טשאפניק און א. רוד.

בעטאָ, אין הוילן פעלד. דורך אַ לאָך האָט מען געקאָנט אַרויספּויזען אין דרויסן; די דאָזיקע עפענונג איז געווען פאַרשאָטן מיט מיסט און אייזן־ברוך. די בויער פונם בונקער האָבן געגומען גרייטן נאָך אַ פערטן אַרויס־גאַנג — וויט הינטער דער שטאָט, נאָענט צום וואַלד, אָבער די גע־שעענישן האָבן זיך צו איילִיק אַ קייקל געטאָן, און דער פּלאַן איז אי־בערגעהאַקט געוואָרן אינמיטן.

ווען מען לאָזט זיך אַראָפּ — דורך איינעם פון די אַריינגענג — אונטן, הייבט זיך אָן ציען אַן אונטערערדישער קאַנאַל, וועלכער איז גע־ווען אויף אַזוי פיל ברייט, אַז צוויי מענטשן האָבן געקאָנט גיין באַנאַנד. דער קאַנאַל האָט מאַקע געפירט צום דריטן אַרויסגאַנג אויף סמאָלנע.

אונטן איז געווען איינגעאָרדנט אַ גרויסע מלינה מיט אַ ראַדיאָ, מיט געווער און אַמוניציע, דינאַמיט, וויטריאָל. מען האָט אַהער אַריבער־געטראָגן אַ סך זאַכן פון דעם שכנישן הייזל כמיעלנע 5, וווּ עס איז געווען דאָס זיץ־אָרט פון אַ חלוצישער גרופּע 2).

אין אָט דעם גוט־פאַרקאָנספּירירטן און איינגעאָרדנטן בונקער האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרופּע פון צוויי־און־זיבעציק זעלבשוץ־מיטגלידער, פון וועלכע אַ סך האָבן זיך אין משך פון די ערשטע צוויי ווידערשטאַנד־טעג באַטייליקט אין אַ ריי שלאַכטן און צוזאַמענשטויסן: אויף סמאָלנע, אין דער באָלט־פאַבריק, אין דעם דריי־עק טשעפּלע—נאָוואָגראָדער—יור־ראָוועצער. עס האָבן זיך דאָ צווישן אַנדערע געפונען: די קאָמוניסטן — זלמן פעלדער, קעניגסבערג און אַניעלאַ אייזנשטיין; די שומרים — זרח זילבערבערג, שאַיאַק, יענטל; די דרור־מיטגלידער — יוכבד, חנוך זשע־לאַזנאָגורא און הערשל פון יאַשינאָווקע; דער בונדיסט יאַנקל גאָלדמאַן, די ביתריסטקע פרידע ריבאַלאָווסקאַ, און נאָך קעמפער — גאַלטער, טשאַפּקע, קוואַרץ, הערשל אַבראַמאָוויטש, אברהם קורטע, קאַליע פון קרײ־נעק מיט זיין פרוי, דער געזו. פּאָליציאַנט און מיטגליד פון אַ קאַמף־גרו־פּע גאָלדבערג; דער 17־יעריקער קוכאַרעווסקי, דער ברודער פונם אומ־געקומענעם געווער־פאַרגרייטער סיאָמע קוכאַרעווסקי 3). די נעמען פון די אַנדערע קעמפער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף כמיעלנע 7, זיינען נישט דערגאַנגען צו אונז און פאַרטושט געוואָרן אין זכרון פון דעם איינציקן, וואָס איז פון די 72 לעבן געבליבן.

---

2) ג״ע פון דעם פּאָליאַק שוועד, דעם באַלעבאָס פון דעם שטיבל. דער מחבר האָט אַדורכגעפירט אַ לאָקאַלע וויזיע אויפן אָרט.

3) ג״ע פון ב. שאַצמאַן, דעם איינציק לעבן געבליבענעם פון דעם בונ־קער, און אויך — פון מ. בוך, ב. פערעי און ח. גראָסמאַן.

די דאָזיקע זעלבשוץ־מיטגלידער האָבן זיך פאַרשטעקט אין דעם בונ־קער נישט כדי זיך ארויסצודרייען פון ווייטערדיקן קאַמף, נאָר מיטן ציל איבערצוּוואַרטן א קורצע צייט, ביז דער שונא וועט אָפּשוואַכן זיין וואַכ־זאַמקייט, און דעמאָלט וועלן זיי דורך דעם הינטערשטן ארויסגאַנג זיך לאָזן אין וואַלד אריין מיטן באַגער ממשיך צו זיין דעם געראַנגל. די קעמפער האָבן אין דער איבערצייגונג, אַז אויפן געטאָ־שטח איז שוין אויסגעראָטן יעדער סימן פון יידישן ווידערשטאַנד, געוואָלט איינהאַלטן א פּאָזיציע באַדיי אונטער דער ערד. די שטעלונג פון דער בונקער־גרופּע איז געווען: ארויס־רייסן זיך פאַר יעדן פּרייז און פאַראייניקן זיך מיט די חברים אין וואַלד 4).

די בונקער־זיצער האָבן פונדעסטוועגן באַשלאָסן זיך נישט מייאש זיין פון זוכן קאָנטאַקט אויפן שטח פון געטאָ. צוויי קעמפער, גאָלדבערג און הערשל, אָדער גדליה און הערשל זיינען ארויס ביינאַכט נאָך שפּייז און כדי צו זוכן שפּורן 5).

די באַלאַגערטע אינם בונקער האָבן אָנגענומען די ווייט־גייענדיקסטע פאָרזיכטיקייט־מיטלען. נישט געקוקט דערויף, איז די אונטערערדישע פּאָזיציע דעם 19־טן אויגוסט עלף אזייגער אינדערפרי דעמאַסקירט און אַנטדעקט געוואָרן דורך דעם שונא.

ווי אזוי האָט דאָס געקאָנט געשען?

ארום דעם ענין זיינען פאַראַן עטלעכע סברות.

אין השערה איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון זוכן א פאַרעטער. דער שונא האָט דורך זיינע אַלטע אַגענטן נישט געהאַט קיין ממשותדיקע ידיעות וועגן דעם, ווו עס געפינען זיך די בונקערס 6). אויב סכראַנעס זיינען אריינגעפאַלן, איז עס אין דער ערשטער ריי געווען דער „פאַרדינסט“ פון היימישע יידישע מוסרים, וועלכע האָבן זיך געריכט דורך דעם צו ראַטע־ווען די אייגענע פעל. אזוי למשל, גיט, איבער אַן עד ראיה, אַז פרייטיק, דעם 20־טן אויגוסט, האָט ער אליין געזען אויף טשעפּלע ווי א גרופּע דייטשן מיט צוויי אָפיצירן אין דער שפּיץ טרייבן צוויי שמאַרק צעשלאָ־

---

4) ג״ע פון דער קעמפערין מרים קאַפּלאַן — לויט דעם ווי עס גיבן איבער מ. בוך און ח. גראָסמאַן.
5) ג״ע פון ב. שאַצמאַן.
6) פרידעלס און מאַכאַלס ענטפער אויף די אַנקעטעס.

גענע יידן; די יידן האָבן זיך געבעטן: מיר וועלן אייך פירן צום סכראָן אין א ברונעם, ווו עס געפינען זיך יידן מיט געווער. דער עדות איז נישט געווען ביכולת צו דערקענען די מוסרים, אזוי זיינען זיי געווען צעדממיתט[7]. צי האָבן עס די צוויי יידן אויסגעגעבן דעם בונקער אויף כמיעלנע? די דאַטע, וועלכע עס גיט אָן דער עדות, שטימט נישט. די קעמפער זיינען ארייגעפאלן דעם 19־טן אויגוסט; און אפשר האָט דער עדות א טעות אין דעם טאָג?

אין אן ענלעכער ריכטונג גייט די באשרייבונג פון עד ראיה הרב אליעזר בורשטיין אין נומער 7 פון דער צייטשריפט „פון לעצטן חורבן" (מינכען, מאַי 1948) א. ד. נ. „די לעצטע אויפשטענדלער פונם ביאַליסטאָקער געטאָ": „צוויי מענטשן פון דער גרופע (פון די 72 — ב. מ.) זיינען געבליבן נישט גערירט. איינעם פון זיי האָבן די דייטשן ארויסגעפירט אויפן הויף און עפּעס צו אים גערעדט. מיר האָבן געזען, אז ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. דעמלט האָבן זיי צו אים א סוף געמאכט מיט לאָפּאַטעס. דער צווייטער, דוכט זיך, האָט נישט אויסגעהאלטן דעם נסיון און איז אוועק מיט די דייטשן, ער האָט, דוכט זיך, עפּעס אויסגעגעבן".

א צווייטע השערה האָט געהאלטן, אז די דייטשע פּאַטראָלן, וואָס האָבן זיך געדרייט אינם ארום, האָבן באמערקט ווי עס זעצט א פּארע פונם ברונעם, און דאָס איז געוואָרן פארדעכטיקט[8]. די דייטשע אויסשפירער האָבן זיך, כידוע, באנוצט מיט אונטערהער־אפּאַראַטן, שמעקהינט וכדומה.

א דריטע סברה, אז טראָץ אלע אונטערגענומענע מיטלען איז דער אומגליק־פאל נאָך געווען א פועל יוצא פון א געוויסער נישטפאָרזיכטיקייט. די צוויי פון די בונקער־זיצער גאָלדבערג און הערשל, אָדער גדליה און הערשל, וועלכע זיינען א נאכט פריער ארויס נאָך שפּייז און שפּורן, זייטען געווען נישט איינגאנצן וואכזאם. איינעם פון זיי איז, אפנים, ארויסגעפאלן אן עפּל פון קעשענע, אָדער א ביסל גרויפּן האָט זיך אויסגעשיט. דאָס זאָלן האָבן באמערקט די דייטשן[9].

דער מלחמה־פארברעכער פריץ פרידעל האָט דערקלערט, אז דער בונקער איז ארייגעפאלן צוליב א פאראט פון

7) ג"ע פון חיים קורילאָוויטש.
8) השערה פון ב. שאַצמאַן.
9) דאָרטן.

איינעם, וואָס האָט גוט געקענט דעם סוד פון דעם אריינגאנג דורכן ברונעם. פרידעל גיט איבער אַט וואָס: מיר און היימבאכן האָט עס איבערגעגעבן דער ס.ס. הויפטשטורמפירער מאגעל, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן שטאב פון דער געטאָ־ליקווידאַציע; אים האָט דערציילט א מאיאָר פון שופּאָ, וועלכער האָט געהאט די־זשור אין דער בעפעלשטעלע אינם יודענראַט אין יענער נאכט ערב דעם 19־טן אויגוסט. ביינאכט איז געכאפּט געוואָרן א ייד, וועלכער האָט דערקלערט, אז ער איז געזעסן אין בונקער אויף כמיעלנע און איז ארויס, כדי צו נעמען זיינע ארבעט־מכשירים פון שטוב; דער ייד איז געווען א שוסטער. דער מאיאָר האָט געהייסן דעם געכאפּטן ווייזן דעם בונקער. דער ייד האָט אים אוועקגעפירט צו א ברונעם ביי א הייזל אויף כמיעלנע און געוויזן, ווי אזוי מען דאַרף זיך אַראָפּלאָזן אויף א קייט, דערנאָך קריכט מען אריין אין א לאָך און פון דאַנען פירט דער וועג צו זיבעציק פאַרשטעקטע יידן. די פּאָליציי האָט באַזעצט דעם בונקער און געצוואונגען דעם מסור זיך אַראָפּלאָזן איינמיטן דעם ברונעם און רופן די יידן ארויסצוגיין. פרידעל גיט צו, אז דער ייד האָט נישט פאַראַטן זיינע חברים מיטן אייגענעם ווילן, נאָר איז געצוואונגען געוואָרן דערצו דורך דעם פּאָליציי־מאיאָר 10).

נאָך א ריי אויספאָרשונגען האָט פריץ פרידעל דעם 4־טן אַפּריל 1950 אָפּגעגעבן א צוגאָב־דערקלערונג אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, וועלכע באַקרעפטיקט נאָך מער די השערה, אז דער בונקער איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך א פאַררעטער, וועלכער איז געווען אינם בונקער און געריסן די קייט פונם ברונעם און אזוי ארום צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די דייטשן; ווען די לעצטע האָבן דעם פאַררעטער ארויסגעצויגן פון ברונעם, האָט ער זיי איבערגעגעבן, אז אין בונקער זיצן 70 קעמפער מיט געווער. אזוי איז דער בונקער געוואָרן אויסגעגעבן 11).

* * *

בערל שאצמאַן גיט איבער וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אינם בונקער, אַט וואָס:

...באַלד אינדערפרי איז אויף דער וואך געשטאַנען דער קעמפער אברהם קורנע און ער האָט אַליאַרמירט די חברים, אז עפּעס האָט זיך

---

10) פרידעלס דערקלערונג געפינט זיך אינם אַרכ׳ ייוה״א.

11.) אויך די דאָזיקע דערקלערונג פון 4-טן אַפּריל 1950, וועלכע איז פּראָטאָקאָלירט און אָפּגענומען געוואָרן דורך ד״ר ש. דאַטנער, געפינט זיך אינם אַרכ׳ ייוה״א.

אָפּגעריפן אינם וואַסער. אַ דײַטשער סאָלדאַט איז געשטאַנען אויבן, בײַם ברונעם, האָט אַראָפּגעקוקט און אַ טרייסל געטאָן די קייטן דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן, מסתמא צו זײַנע באַגלייטער, אַז קיינער איז נישטאָ.

אינגיכן איז דער שונא צוריקגעקומען. ער האָט אונטערגעלייגט אַן אונטערהער־אַפּאַראַט און האָט אַנטדעקט די מלינה. בײַ די קעמפער האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע: אייניקע האָבן אַרויסגערוקט דעם געדאַנק פון זעלבסטמאָרד; הערשל ראָזענטאַל האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אַרויס־גיין דורך דעם דרויסנדיקן אַרויסגאַנג און זיך וואַרפן אויף די דײַטשן פון הינטן מיט קוילן געווער. מען איז אָבער נישט געווען זיכער, צי דער אַרויסגאַנג אויף סמאָלנע איז אויך נישט באַשטעלט.

אַזוי איז טאַקע געווען. אַרומגערינגלטע פון אַלע זײַטן איז די גרופּע אַרײַנגעפאַלן אינם קלעם פונם שונא.

די זעלבשוצלער זײַנען מיט גוטן ווילן נישט אַרויס. פון עלף אין־דערפרי ביז נאָכמיטאָג האָט געדויערט דאָס אַרויסשלעפּן די זיבעציק פּנים בונקער. ערשט אַרום פיר אַזייגער נאָכמיטאָג האָט דער שונא אַלע־מען געהאַט אין זײַנע הענט און געקאָנט דורכפירן די עקזעקוציע 12).

וועגן דעם, ווי עס האָט אויסגעזען די עקזעקוציע, זײַנען פאַראַן עטלעכע ווערסיעס פון עדי ראיה. לויט איין נוסח זײַנען די צוויי־און־זיבעציק אויסגעשטעלט געוואָרן אונטער אַ גרויסער, באַוואָפנטער וואַך פון עס־עס־לייט בײַ דער וואַנט פון הויז אויף יוראָווצער נומער 82. פון דער ריי זײַנען אַרויסגענומען געוואָרן צוויי — דער שוסטער בערל שאַצמאַן און קאָוואַלעווסקי (אָדער קאָוואַלסקי) — אין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ זײַט צום לעבן. בײַ אַ טיש איז געזעסן פרידעל און אַרויס־געגעבן דעם באַפעל צו שיסן. מען האָט געשאָסן צו פיר. ווען מען האָט גענומען פון דער ריי פרישע פיר, האָבן זיי אויפגעהויבן די קעפּ און גענומען אויסרופן מיט שטאַרקע שטימעס: „נידער מיט די דײַטשע באַנ־דיטן! נידער מיט פאַשיזם! נידער מיט היטלערן!” אַלע פיר זײַנען דער־שאָסן געוואָרן אויפן אָרט 14).

---

12) ג״ע פון ב. שאַצמאַן (מחברס אַרכ׳).

13) ג״ע פון ח. קורילאָווסקי און אברהם בראַמסאָן.

14) פישל פיינפעלד: „די געשיכטע פון די 72 אומגעקומענע ייִדישע העלדן פון אויפשטאַנד בײַ דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער”, אַרכ׳ ייה״א, נ׳ 972. פיינפעלד גיט אָן די ציפער פון 72, אָבער היות צוויי זײַנען אַרויסגע־נומען געוואָרן פון דער ריי, זײַנען אומגעקומען 70.

לויט ווי עס גיט איבער אפרים קיסלער, וועלכער האָט זיך אין יענע מינוטן אויסבאַהאַלטן אויף א בוידעם פון א קעגנאיבערדיקן הויז, האָט פרידעל — נאָכן אָפּפירן אין א זייט די דערמאָנטע צוויי לעבנגעבליבענע — געהייסן אוועקפירן די אַנדערע; די זיבעציק קעמפער האָבן גענומען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל"; דעמלט האָט פרידעל באַפוילן צו עפענען א שיסעריי.

ווי עס איז צו זען פון אַט די גביות עדות, איז פאַראַן א צוזאַמענהאַנג צווישן זיי און דער באַשרייבונג פון הרב בורשטיין: אין ביידע פאַלן הערן מיר וועגן אַרויסנעמען פון דער ריי פון די קאַנדידאַטן אויף טויט — צוויי. איינער פון די צוויי, קאָוואַלעווסקי (קאָוואַלסקי) איז נישטאָ, ער איז וואַרשיינלעך אומגעקומען. דער צווייטער שאַצמאַן איז געבליבן לעבן. ווי ער טייטשט אויס זיין רעטונג, זאָל אים האָבן דערקענט דער דייטשער שאָפער ראַמער, וועלכער האָט אים אַרויסגעשלעפּט און באַהאַלטן.

דער עדות ראיה מרים קוואַסאָוויצער דערציילט, אַז זי האָט זיך צוגעקוקט פון אַקעגנאיבערדיקן פענצטער צו דער עקזעקוציע און געזען ווי די עס־עס־לייט נעמען אַרויס שאַצמאַנען פון דער ריי און שטעלן אים אוועק אין א זייט, נישט צום שיסן.

מיר קערן זיך אום צום העלדישן אומקום פון די זיבעציק: לויט אַן אַנדער ווערסיע האָבן די עס־עס־לייט געהייסן אַלע קניען און געוואָלט אַרויסנעמען ווייטערדיקע פיר קעמפער. דעמלט האָט זיך די גאַנצע גרופּע אויפגעריסן פון אָרט און גענומען לויפן. עס איז תיכף געעפנט געוואָרן א פייער פון די עס־עס־וואַכן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן פּלאַץ. איינער נאָכן צווייטן זיינען די יידישע קעמפער געפאַלן. די גאַס האָט געהערט זייערע לעצטע אויסרופן: „נידער מיטן פאַשיזם!" „נידער מיטן היטלעריזם!" „זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!" „זאָל לעבן סטאַלין!" „זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק!" „א טויט היטלערן!" „דאָס יידישע פאָלק איז אומשטערבלעך!" די אויסרופן האָבן זיך אויסגעמישט מיט אָפּגעריסענע ווערטער פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" 15).

ווען דער רויך פון די שאָסן־סעריעס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט די גאַס דערזען א שרעקלעך בילד: די קערפּער פון צענדליקער

---

15) ג"ע פון א. קורילאָווסקי, פ. פיינפעלד, ח. גראָסמאַן, מ. בוך, כ. הוואָסאָוויצער, בר. וויניצקאָ, ג. טאַבאַק, ד. איינהאָרן (אַרכ' ייה"א, נ"נ 1850, 1783, 2007; אויך אין דעם מחברס אַרכ').

יידישע בחורים און מיידלעך האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן ברוק אין קאַ־
לוזשעס בלוט. עס־עס־זעלנער האָבן, לאַכנדיק הויך אויפֿן קול, פֿאַרעב־
דיקט מיט די באַגנעטן און שאָסן די נאָך זשיפּענדיקע קרבנות. מען
האָט געבראַכט פֿורן און געהייסן אַרויפֿוואַרפֿן די בר־מינַנס און אַוועק־
געפֿירט אויפֿן גענזאַ־בית־עולם אויף זשאַבע־גאַס. פּליצים האָבן זיך צוויי
פֿון די הרוגים אויפֿגעשטעלט. דער עס־עס־אָפֿיציר האָט באַפֿוילן זיי
נישט צו דערשיסן, נאָר אויסבאַרשן. מען האָט די צוויי אָפּגעפֿירט אין
לאָקאַל פֿונם יודענראַט, צום שטאַב פֿון דער „אַקציע". זייער גורל איז
אָבער אויך געווען א געחתמעטער [16]. צי שטעקט נישט אין אָט די באַ־
שרייבונגען אווידערקול פֿון די פֿריערדיקע דערקלערונגען וועגן צוויי
אַרויסגענומענע?

זיבעציק זעלבשוץ־קעמפֿער זיינען דעם דאָזיקן טאָג אומגעקומען מיט
א העלדן־טויט.

גאַנץ זיינען, ווי געזאָגט, אַרויס בלויז צוויי. לעבן געבליבן איז ביז
היינט נאָר איינער.

די ידיעה וועגן די זיבעציק מאַרטירער האָט זיך צעטראָגן איבער
אַלע ווינקעלעך, וווּ עס האָבן נאָך געלאָקערט אויפֿן שונא פֿאַרבליבענע,
שיטערע גרופּן פֿון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע [17]. אָבער די טרויעריקע
בשורה האָט נישט אָפּגעשוואַכט ביי די לעצטע זעלבשוץ־חברים דעם
קאַמף־ווילן. דעם זעלביקן טאָג, ביינאַכט, האָט יהודית נאָוואָגרודזקאַ,
א שוועסטער קראַנקע, אָרגאַניזירט א נייעם פּרוּוו צו שטורעמען דעם געטאָ־
פּאַרקאַן און זיך אַדורכצורייסן אין וואַלד. דער פּרוּוו איז ווידער נישט
געלונגען. געציילטע מענטשן האָבן זיך אַדורכגעריסן. יודיטאַ אַליין איז
אייגיכן אומגעקומען ביי גענויער נישט פֿעסטגעשטעלטע אומשטענדן [18].

די זעלביקע נאַכט האָט מען אין יידישן שפּיטאָל באַקומען א ידיעה,
אַז די געגנט פֿון נשעפּלע און נאָוואָגראָדער געפֿינט זיך נאָך אַלץ אין
דער ווירקונג־ספֿערע פֿון די ווידערשטענדלער [19]. די לעצטע נעסטן
פֿון יידישן קאַמף זיינען נאָך אַלץ נישט געווען אויסגעראָטן.

---

16) ג"ע פֿון פּ. פֿיינפֿעלד און מ. קוואַסאָוויצער.
17) ג"ע פֿון י. ריווקינד.
18) ג"ע פֿון א. קיסלער.
19) ג"ע פֿון ט. ציטראָן.

אויף דער לעצטער פּאָזיציע

אויפצומאַרגנס, דעם 20־טן אויגוסט, איז געפאלן די לעצטע פּאָזיציע פון דער זעלבשוץ אויף טשעפּלע און פאבריק־גאַס. עס איז געפאלן דער אָפּשניט פונם שטאָב אויף טשעפּלע 13, וווּ עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער גרעסערער ווידערשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון דניאל מאָשקאָוויטש און מרדכי טענענבוים. אונטער די איבערוויגנדיקע כוחות פונם שונא האָט זיך די קאַמף־גרופּע געמוזט צוריקציִען אויף פאבריק־גאַס אין דער ריכטונג פונם יידישן שפּיטאָל. דניאל האָט נישט דער־לויבט דאָ צו פאַנאַנדערוויקלען א שלאַכט, ווייל עס זיינען אהער גע־בראַכט געוואָרן די קינדער און ער האָט מורא געהאַט, אז די ערשטע קרבנות פון דער שיסעריי זאָלן נישט פאלן אָט די פּיצעלעך, די יתומים 1). חוץ דעם זיינען דאָ געלעגן א צוויי הונדערט קראַנקע 2).

נאָך דעם ווי דניאל און מרדכי און זייערע באַטסטע מיטקעמפער האָבן דורכגעפירט די עוואַקואַציע פון דער ציוויל־ער יידישער מאַסע, וועלכע האָט זיך געטוליעט ארום דער זעלבשוץ, אין דעם בנין פון שפּי־טאָל אריין, האָבן זיי זיך דורכגעריסן דורך דער אַרומרינגלונג צוריק אויף טשעפּלע 3). דאָ האָבן זיי נאָך אלץ אָנגעהאלטן קאָנטאַקט מיט די חברים פון וואַלד. די לעצטע — ווייסנדיק, אז דער קאַמף אין געטאָ איז שוין א פארשפּילטער — האָבן דורך די פארבינדלער באַפוילן די זעלב־

1) ג״ע פון י. לערמאַן.
2) ט. ציטראָן: „די עוואַקואַציע פון שפּיטאָל בעת דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ״, אַרכ׳ יוה״א, נ׳ 1285.
3) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

פאַליע דלוגאַטש

וואנדלט געוואָרן אין א פעלד־לאזארעט פאר דער זעלבשוץ. א ריי יידישע דאָקטוירים, בארמהארציקע שוועסטער און סאניטארן האָבן זיך געווידמעט דער זאך פון היילן די פארוואונדעטע אין שלאכט בקמה־נעמער. אין רשות פון דער זעלבשוץ האָבן זיך געשטעלט נישט בלויז די שוועסטער אנטיפאשיסטינס האנקע עלסטער פוןווארשע (זי איז דערנאָך אוועק אין וואלד, צו די פארטיזאנער), פאָליע דלוגאטש פון לאָדזש, די פרעבליסטין רעניא פון ווארשע און אנדערע 9), נאָר אויך די דאָקטוירים גורעוויטש, זאקס, בערלין, פרוי ד״ר סעגאל, אָזהער, ציטראָן, האָלענדערסקי און די שוועסטער באניקער און פערעצקא; ד״ר זאקס האָט געהאָלפן נישט בלויז ווי א מעדיקער, נאָר אויך געמוטיקט און געטרייסט, געוועקט צום קאמף; ד״ר אָזדער איז אוועק אין וואלד און דאָ ממשיך געווען זיין טעטיקייט 10).

די קאמף־גרופע פון פאבריק־גאס האָט באשלאָסן צו פארטיידיקן דעם שפיטאָל. צווישן די קראנקע האָט זיך געפונען יוסף דרייער. ליגנדיק א צוגעשמידעטער צום בעט, האָט ער נישט געקאָנט רוען און געוועקט די חברים צום קאמף 11). מיט דער זעלבשוץ אויפן שפיטאָל־הויף האָט אָנגעפירט האנקע לעווינזאָן, אן ארבעטער־אקטיוויסטין פון לאָדזש. אין דער זעלביקער קאמף־גרופע האָבן זיך געפונען דער אנטיפאשיסטישער טוער מיעטעק יאקובאָוויטש אינאיינעם מיט זיין פרוי און קאמף־חברטע זאָשע יאקובאָוויטש און זיין זון. דאָ איז אויך געווען די קעמפערין פראַנקע פרענקעל פון ווארשע — עס האָט איר אין שלאכט אָפגעריסן א האנט און זי איז אויסגעגאנגען אין שפיטאָל 12). ביים פארטיידיקן דעם שפיטאָל איז געפאלן דער אומפארטייאישער כעמיע־אינזשעניער סארעזוויטש מיט זיין פרוי 13). דאָ איז אומגעקומען דער שטאב־מיטגליד לייבוש מאנדעלבליט; בעת א צוזאמענשטויס האָט ער באקומען א וואונד אין האלדז און איז געשטאָרבן אין גרויסע יסורים 14). אויפן שפיטאָל־הויף איז אויך געפאלן די לערערין ריווע ווארשאווסקא, א מאמע פון א פיצל קינד; אלע האָבן געהערט איר רוף: „מיין אייגן קינד קאָן איך באשיצן נאָר אין

---

9) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
10) ג״ע פון ט. ציטראָן און י. ריווקינד.
11) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקא.
12) דאָרטן.
13) דאָרטן.
14) ג״ע פון י. ריווקינד.

קאַמף, פאַרטיידיקנדיק אַלע אַנדערע קינדער!״ 15). צו דער שפּיטאָל־גרופּע האָט אויך געהערט דער יוגנטלעכער לייב באַביקער 16).

אויפן שפּיטאָל־הויף האָט צו קיין גרעסערן צוזאַמענשטויס נישט געקאָנט קומען. עס האָט געשטערט די גרויסע צאָל קראַנקע, קינדער, סתם יידן. אומגעקומען זיינען דאָ דער אייביק־קאַמף־גליענדיקער יוסף דרייער, די אַלע אַקאַרשט דערמאָנטע און אויך די פלעגערין פאַליע דלוגאַטש, אַן אומדערמידלעכע אין העלפן פאַרוואונדעטע שלאַכט־חברים. ווען זי האָט דערזען, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, האָט זי באַשלאָסן קיין לעבעדיקע אין דעם שונאס הענט נישט אַריינפאַלן; זי האָט זיך געלייגט אויף אַ בעט און אויסגעטרונקען ציאַנקאַלי; די אַריינדרינגענדיקע עס־עס־לייט האָבן זי געפונען אַ טויטע 17).

מיט אַן אומבאַשרייבלעכער רציחה איז אַריין אין שפּיטאָל דער הויפּט־הענקער פרידעל און נאָך אים די שיכורע אוקראַינישע עס־עס־לייט, און מיט געשרייען: „יעווריעיס, איר האָט געוואָלט מלחמה!״ — שלאָגנדיק מכות רצח, גענומען טרייבן די קראַנקע צום גירוש 18). די שפּהלעך פון דעם גינעקאָלאָגישן אָפּטייל האָט מען אכזריותדיק געשליידערט אויף די פורן, אָדער אויפן ברוק. דער סאַדיזם פון די כאַפּונעס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פרידעל האָט געמוזט אַביסל האַמעווען זיינע באַהעלפער: „ניכט זאָ שלאַגען!״ 19). אינגיכן איז אָבער אָראָפּגעקומען נאָך אַ גרעסערער גדול, אַ העכערער אָפיציר פון עס־עס און אין העפלעכע ווערטער, דורכוואָרפנדיק מעשה למדן העברעישע אויסדרוקן, דערקלערט דעם עולם, אַז דאָס פאַרטיליקן פון די יידן איז אַ ברכה פאַר דער וועלט 20).

אין דער צייט האָבן זיך שוין די גופים פון די יידישע קעמפער געוואַלגערט אויפן שפּיטאָל־הויף. די פאַרטיידיקער פון יידישן כבוד האָבן שוין נישט געלעבט. און דאָך האָבן זיך אין דער געמיטטער מאַסע פון חולאים געפונען יחידים, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן קעגן די פייניקער. דער אַלטער ייד אָסטראָוו האָט אַ נעם געטאָן אַ שטעקן און אַ זעץ געטאָן דעם עס־עס־מאַן, וואָס האָט אים גענומען טרייבן. פאַר דער „חוצפה״ האָט

---

15) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
16) ג״ע פון נ. באַביקער.
17) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקא און ט. ציטראָן.
18) ג״ע פון נ. באַביקער.
19) ג״ע פון ט. ציטראָן.
20) דאָרטן.

דער זקן תיכף באַצאָלט מיט דעם קאָפּ. דער נאַציסט איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ בעט און פון אַן אויטאָמאַט הערשאָסן אַסטראָוון אויפן אָרט 21).

דעם 20־טן אויגוסט האָבן זיך פאַרענדיקט די גרעסערע, באַזונדערע צוזאַמענשטויסן אין געטאָ. דעם זעלביקן טאָג זיינען אומגעקומען די פירער פונם ווידערשטאַנד דניאל מאָשקאָוויטש און מרדכי טענענבוים. עס איז נישט גענויער באַקאַנט דער אופן פון זייער טויט. אין וואַלד אַריין האָט מען געבראַכט דעם גרוס, אַז זיי האָבן זיך נישט געשיידט ביז דער לעצטער רגע. צוזאַמען געקעמפט און צוזאַמען געפאַלן. מען האָט אויך איבערגעגעבן, אַז זעענדיק, ווי זיי ווערן אַרומגערינגלט דורכן שונא און ווי עס גייען אויס די לעצטע קוילן, האָבן זיי איינינעם זיך גענומען דאָס לעבן אין שטוב פון שטאַב, אויף טשעפּלע 13 22), כדי אויסצומיידן לעבעדיקערהייט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די דייטשן.

אויף דער לעצטער פּאָזיציע האָט אויך געקעמפט די קליינע פראַנקע, אַ טעקסטיל־אַרבעטערין פון וואַרשע. זי איז אומגעקומען איינינעם מיט די קאָמאַנדירן 23).

אויף פאַרשידענע אָפּשניטן — אין משך פון די פיר זעלבשוץ־טעג — איז אומגעקומען דער גרעסטער טייל קעמפער פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין אומגלייכן קאַמף זיינען געפאַלן דער אַלטער יאָסל ליכטענשטיין מיט זיין לעבן־באַגלייטערין פריידע, רחל זאַנשיין, גיטל ווילמשינסקא 24); די יוגנט־פירערין שרהלע ראָזענבלאַט, וועלכע האָט זיך קונה־שם געווען מיט איר גבורה נאָך בעת דער ערשטער ליקווידאַציע 25); אַדעלא הארץ פון וואַרשע, מאַניע גוטקאָווסקי פון וולאָצלאַוועק, שרה יעדלינא, אַ טעקסטיל־אַרבעטערין פון וואַרשע („די שוואַרצע לאַניע") 26); רחלקע גליקסמאַן, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטע פון וואַרשע, חיים סרול, אַ טעקסטיל־אַרבעטער אויך פון וואַרשע, פּאַצאַנאָווסקא פון לאָדזש, ראָזא דאַטנער און איר טאָכטער מיקא פון ביאַליסטאָק, משהל יאַוואָרקאָווסקי 27).

---

21) דאָרטן.
22) ג"ע פון ק. באַראַקין, מ. בוך, בר. וויניצקא א"א.
23) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקא.
24) דאָרטן.
25) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
26) ג"ע פון א. גערשוני.
27) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקא.

אויף זייערע פּאַסטנס זיינען אומגעקומען חנוך זשעלאַזנאָגורא, כיי־טשע שטרויסבערג, יאָסל וואַנעגעשיקט 28). עס האָט נישט געוואָלט אויס־נוצן די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען אויף דער „אַרישער" זייט די לע־רערין שיינע פּאַט און איז אומגעקומען איינעם מיט אירע ברידער 29).

עס זיינען געפאַלן דער 17־יעריקער הערשל פלוימענבוים, זאַוול רו־בינאָוויטש, שלמה רעזניק, ניוניע בראָדזקי 30).

דער לערער עזרא אַביעדזשינסקי האָט אַרויסגעריסן א ביקס ביי א שונא, אים אַוועקגעלייגט און איז אַנטלאָפן אין וואַלד אריין. ער האָט מיט־געמאַכט דערנאָך די פּאַרטיזאַנישע עפּאָפּייע און נאָך דער באַפרייונג אַריינגעטרעטן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, וווּ ער איז געפאַלן אין שלאַכט מיט א העלדן־טויט 32).

מיט נישט ווייניקער מוט האָבן זיך אויסגעצייכנט די לערער אהרן ווייַנבערג און ראָזע ראַטקער,ביידע לאָדזשער פון אָפּשטאַם — ביידע געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף 33).

דער 19־יעריקער העניעק ווייסענבערג פון סלאָנים האָט אין די גרויליקע אויגוסט־טעג שוין געהאַט הינטער זיך א היבשע שלאַכט־דער־פאַרונג פון וואַלד; ווי א פּאַרטיזאַן האָט ער איינמאָל פאַרטריבן א גרו־פּע דייטשן און איז אַליין אַרויס גאַנץ. געפונען זיך אין די אויגוסט־טעג אין געטאָ, האָט ער זיך געשטעלט צום קאַמף און זיך אויסגעצייכנט באַלד אין די ערשטע צוזאַמענשטויסן 34).

אין די זעלבשוץ־שלאַכטן זיינען אומגעקומען צוויי העלדישע שוס־טער־אַרבעטער — דער פּראָלעטאַרישער אַקטיוויסט פון ביאַליסטאָק מרדכי אָקון און דער גרויער יאָסעלע פון ביאַלע פּאָדלאַסקע 35).

מיט אמתן העלדן־מוט האָבן געקעמפט יידישע פרויען. א חוץ די, וואָס זיינען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, דאַרף מען פאַרצייכענען די נעמען פון העלדישן מיידל גאַלטער, וועלכע האָט אָן פּחד געטראָגן אמו־

28) ג"ע פון ב. פּערעי.
29) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
30) ג"ע פון י. ריווקינד.
31) אין טייל גביות עדות ווערט זיין נאָמען נישט ריכטיק אָנגעגעבן — שלום, אָדער שלמה.
32) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ, מ. בוך און ש. דאַטנער.
33. ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
34) ג"ע פון ש. דאַטנער.
35) ג"ע פון י. ריווקינד.

ניציע פאַר די קעמפער און איז געפאַלן מיט איר געפערלעכער לאַדונג; ווייטער — ליאַלע טרעגער און אַנדערע 36).

און נישט נאָר פרויען־מיטגלידערינס פון די קאַמף־גרופן; אויך אַנדערע יידישע מיידלעך, מיטגעריסן מיטן ביישפיל פון דער זעלבשוץ, האָבן דעמאָנסטרירט זייער פאַראַכטונג צום שונא און אַרויסגעוויזן א ווירדיקע האַלטונג. צוועלף מיידלעך האָט מען געפירט צו דער באַן, האָבן זיי אײנמיטן וועג גענומען וואַרפן אויסרופן: „מיר ווייסן, אַז איר פירט אונז צום טויט. זאָל לעבן סטאַלין! נידער מיטן פאַשיזם!” אַלע ביז דער לעצטער זיינען זיי דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט 37).

אויף א צווייטער גאַס האָבן די דייטשן געכאַפּט אַן אונטערערדישע מלינה. די יידן זיינען אַרויס נישט געבראָכן, אָן יללה און געבעט. מען האָט זיי אַפּגעפירט, און אַרומיקע קוליגאַנעס האָבן גענומען חוזק פון די קרבנות: „וואוהין פירט מען אייך, יידעלעך?” דערויף האָט איינע פון די געכאַפּטע, די אַרבעטערין מינע קיזעלשטיין געענטפערט: „מיר גייען אויף טויט; אָבער אויף אייך וועט ער אויך קומען” 38).

עס פעלן אויס ווערטער צו באַצייכענען די מסירת נפש פון העלדישע יידישע קינדער. די קעמפער האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַוואונדערן דעם מוט פון צוויי פרויען העלא און בירא שוריק, די אַלמנה און די יתומה נאָכן „שבתדיקן” לאָדזשער אַרבעטער־טוער. שרעקלאָז זיינען די מאַמע און די יונגיטשקע טאָכטער געווען אין געמיינזאַמען קאַמף און צוזאַמען, אויף איין פּאָזיציע, די לעבנס געשטרעקט 39).

פון צווישן די קינדער האָט זיך אויסגעצייכנט ליאַלע לערמאַן, וועלכע איז אומגעקומען בעת די קאַמפן 40).

לאַנג איז די רשימה פון די געפאַלענע קעמפער. עס איז צווישן זיי געווען אויך דער אַנטלאָפענער פון טרעבלינקע ברוידע, וועלכער האָט נישט געוואָלט איבערלעבן נאָכאַמאָל דעם וועג צום טויט. אין א גאַנצן צוזאַמענשטויס האָט ער זיין סוף געפונען 41).

אַזוי זיינען אין אומגלייכן געראַנגל אומגעקומען די בעסטע, טייערסטע און מוטיקסטע פון די אסורים פון געטאָ ביאַליסטאָק.

---

36) ג”ע פון ש. דאַטנער.

37) ג”ע פון לייזער שוועבער, אַרכ׳ ייה”א, פּראָט׳ נ׳ 2418.

38) ג”ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

39) ג”ע פון ר. וואָיסקאָווסקא.

40) ג”ע פון י. לערמאַן.

41) ג”ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

* * *

מיטגעריסן מיטן העלדישן געראַנגל פון די קעמפער, האָבן מאסן פשוטע יידן געשטעלט א פאסיוון ווידערשטאנד. א גרויסער טייל יידישע משפחות איז נאָך אלץ געזעסן פארשטעקט אין כלערליי מלינות און נישט געוואָלט מיטן גוטן ווילן ארויס. קיין שום זיסע איינרעדענישן, אָפטמאָל דורכן מויל פון יידישע פאָליציי־לייט און סתם פארעטער, האָבן קיין פעולה נישט געהאַט. די צאָל מוסרים איז דאָס מאָל געווען א מינימאַלע. די לעבנגעבליבענע עדות האָבן פארצייכנט געציילטע פאלן פון בגידה, פון ארויסגעבן די באהאַלט־ערטער פון די אייגענע ברידער. מיט שווערע קלעפ האָבן די דייטשן געוואָלט ברעכן די קרבנות, וואָס זיינען אריינגעפאלן אין זייערע הענט, און זיי צווינגען צו דערציילן דעם סוד ווו עס געפינען זיך די יידישע מלינות. כדי ארויסצוטרייבן די באהאַלטענע יידישע משפחות האָט דער שונא ס׳רוב געמוזט אָנווענדן אן אנדער מיטל — אָנקומען צום אויפרייס־כוח פונם גראַנאַט. ווען — פנים אל פנים מיט דער געפאר פארברענט, אָדער צעריסן ווערן, עס האָט זיך באוויזן א ייד ביים סכראָן־ארויסגאנג, איז ער דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט; אין זייער זעלטענע פאלן איז אים לעת עתה געשאָנקען געוואָרן דאָס לעבן 42). און אויב ביים געכאפטן ייד איז געפונען געוואָרן געווער, איז שוין זיין טויט געווען אן אנדערער, שוין נישט קיין געגאַרטע דער־שיסונג אויפן אָרט, נאָר א שווער, פאמעלעך, יסורימדיק אומקומען מיט שרעקלעכער פיין, אזוי ווי די עס־עסישע מענטשן־פאנגער האָבן עס געקאָנט. אויפן אָרט איז דערהרגעט געוואָרן א געוואלטיקע צאָל יידן. א סך זקנים און קינדער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן מיט אן אויסרייד, בכן זיי זיינען געווען באהאַלטן 43).

אזוי האָט פראנק און פריי געהוליעט די סטיכיע פון טויט און פון פיין אין משך פון אכט טעג. דעם 23־טן אויגוסט האָט זיך, משמעות, געוויזן אין שטאָט ד״ר קאנאריס אליין. אויף זיין באפעל זאָל מען האָבן אָפגעשטעלט דעם ווילדן געיעג און די גאסן־הריגות און איינגעאָרדנט א סעלעקציע 44). די סעלעקציע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער גרוי־

---

42) ש. גרינשטיין: „אין יענע גרויליקע טעג" („דאָס נייע לעבן" פון 17-טן אויגוסט 1949).

43) דאָרטן.

44) ג״ע פון נ. באביקער.

זאמסטער אכזריות: ארום זייַנען געפאלן געשרייען: „לאָמיר זיך געזעגע־נען צום לעצטן מאָל״ 45).

דריי גורלות האָט געהאט די סעלעקציע: דערהרגעט ווערן אויפן אָרט; אוועקגיין אין וואגאָן; בלייבן אין „קלייַנעם געטאָ״.

א קלייַנער שטח אויף פאבריק־גאס, דאָרטן, וווּ עס איז אמאָל גע־ווען די יידישע גימנאזיע און דער „טאָז״, איז ארומגעצוימט געוואָרן דורך יידישע הענט. דאָ איז באשטימט געוואָרן דאָס „קלייַנע געטאָ״. דאָ איז קאָנצענטרירט געוואָרן ארום א טויזנט יידישע נפשות 46). פאקטיש איז דאָס געווען א פאָריבערגייענדיקער ארבעטלאגער.

די איינוווינער זייַנע זייַנען געווען די פייערלעשער, טרעגער, פור־מאנעס, א ביסל פאכלייט. מען האָט זיך געניטיקט אין זיי אָפצורוימען די מיסט און חורבות אויפן גרויסן געטאָ־שטח. אויך די, לגבי וועלכע דער שונא האָט ארויסגעוויזן זייַן חסד, זייַנען דאָ געבליבן: אפרים באראש און זייַן פרוי, סובאָטניק און מארקוס און זייערע משפחות, דעם ראבי־נער ראָזענמאנס טעכטער, א פאָר פאבריק־דירעקטאָרן. דאָס האָט מאר־קוס צוגעגרייט א רשימה פון די אייגענע מענטשן, וועלכע מען דארף רא־טעווען, אין דער זעלביקער צייט ווען די גאנצע מאסע, א געטראָטענע און געפייניקטע, האָט געפלאָטערט אין דעם שונאס פויסט צווישן לעבן און טויט 47).

ווען באראש איז ארויס מיט דעם טשעמאָדאן אין האנט און רוקזאק אויף דער פלייצע אין שפיץ פון דעם צוג צו טאָן דעם ווילן פון די פאר־טיליקער און זיך לאָזן מיטן גירוש־וועג, האָט ער באזייטיקט דעם דראָט וואָס האָט ארומגענומען דעם פלאץ און פריי געמאכט דעם אדורכגאנג פאר די יידן 48). אליין האָט ער שוין פיגורירט דעמלט אויף דער לעבן־רשימה פון זייַן פרייַנט איסאק מארקוס און געהאט דעם צוזאָג פונם הויפט־שטורמפירער מאגעל.

ער האָט אבער א טעות געהאט, מיינענדיק, אז אלע יידן וועלן

---

45) ג״ע פון אהרן טשאָפּלינסקי, איבערגעגעבן דורך ש. גרינשטיין (מחברס אַרכ׳).

46) פעליציא ראשקין וועל ראשקעס-נאָוואַקאָווא: „דאָס קליינע געטאָ אין ביאַליסטאָק״, אַרכ׳ יוה״א, ג׳ 2004; אויך — ג״ע פון אפרים נאָבימאָוויטש און ש. גרינשטיין.

47) ג״ע פון א. קיסלער.

48) דאָרטן.

טאקע ווילנלאָז גיין מיטן זועג, וואָס דער ראש פונם יודענראט האָט פאַר זיי „פריי געמאכט״.

נאָך פיר טעג קאמפן האָט זיך דער אָרגאַניזירטער יידישער ווידער־שטאַנד איינגעבראָכן. אָבער ער איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן לגמרי. ער האָט נאָך אַלץ געטליעט און א בליאסק געטאָן אין די ווינקעלעך, ווו יי־דישע מענטשן האָבן זיך פאַרשטעקט, און אפילו אין דעם „קליינעם גע־טאָ״ האָט ער זיך געיאווועט. אין משך פון נאָך א דריי וואָכן צייט האָבן זיך פון צייט צו צייט געהערט שיסעריי־אָפּהילכן פון געטאָ אין די וויי־טערע „אַרישע״ גאסן 49).

אין דעם „קליינעם געטאָ״ זיינען אויך אַריין די לעצטע געבליבענע פון דער זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע. די נשמה פון דעם טעטיקן ווידער־שטאַנד זיינען דאָ געווען דער קאָמוניסט וועלוול וואָלקאָוויסקי און די שומרת סאָניע שמידט (פון סלאָנים) — די לעצטע צוויי קאָמאַנדירן פון ביאַליסטאָקער געטאָ־זעלבשוץ. עס האָבן זיך איינגעעם מיט זיי געפונען די קעמפער משה יאַוואָרקאָווסקי, עווא קראַצאָווסקאַ, ברכה שאַפּיראָ, הערשל סיראָצקין, משהל לעוו, משהל טאַטע, איצל גאָלדבערג, שיעלע אָסאָוויצקי, אפרים קיסלער, מרדכי יאַניש, אַן אַלטער פּאַרטיזאַן פון סלאָ־נים; ס׳רוב פון יודיטאַס גרופּע, בתוכם עטלעכע בעלי־עגלות 50). דורך די לעצטע האָט וואָלקאָוויסקי אַריבערגעוואָרפן אין וואַלד אַריין געווער, ס׳רוב נישט רעמאָנטירטע, וועלכע האָבן אין די באַדינגונגען פון דעם „קליינעם געטאָ״ שוין נישט געהאַט קיין ווערט, אָבער וועלכע מ׳האָט גע־קאָנט צורעכט מאַכן און באַנוצן אין וואַלד 51).

איינציייטיק האָט וואָלקאָוויסקי געגרייט דאָס אַריבערוואַרפן די לעצטע מענטשן צו די פּאַרטיזאַנער. היות די סביבה אין דעם „קליינעם געטאָ״ איז געווען א שמאָלע, איז וואָלקאָוויסקיס דרייסטער פּלאַן דערגאַנגען צו באַראַשן, און דער לעצטער האָט זיך געווענדט צום זעלבשוץ־קאָמאַנדיר, מען זאָל אים, באַראַשן, אויך נעמען אין וואַלד אַריין. ער איז גרייט אָפּצוגעבן די פּאַרטיזאַנער דאָס גאַנצע גאָלד פונם יודענראַט. וואָלקאָווי־סקיס ענטפער איז געווען: דו ביזט נישט געקומען צו אונז פריער; איצט דאַרפן מיר דיך נישט האָבן 52).

---

49) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
50) ג״ע פון א. קיסלער און מ. יאַניש.
51) ג״ע פון מ. בוך.
52) דאָרטן; אויך — ג״ע פון ב. פּערעץ.

און דאָך וואָלט מען מעגלעך געמאַכט באַראַשן דאָס אַריבערגיין אין וואַלד, מען האָט זיך אַפּילו דאָרטן געגרייט אים מקבל פּנים זיין מיט א פאָלקס־געריכט 53). אָבער באַראַש האָט ליבערשט אויסגעקליבן אַן אַנ־דער וועג — קיין מאַידאַנעק, וווּ ער האָט גערעכנט איבערלעבן אינם חסד פון דעם שונא, ליבערשט דאָס, איידער זיך שטעלן פּנים אל פּנים מיט די פאָלקס־נקמה־נעמער 54).

די לעצטע זעלבשוץ־גרופּע איז נישט געווען מיט פאַרלייגטע הענט. מען האָט איבערגעשיקט א ביסל מענטשן אין וואַלד אַריין און מען האָט געזאַמלט אַרום זיך גרייטע אויף אַלץ יידישע בחורים און מיידלעך. איי־נער פון דער גרופּע, א יינגל, איז אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט. מען האָט ביי אים געפונען א רעוואָלווער, דער בחור האָט זיך געפּרוווט פאַרטיידיקן מיט געווער אין האַנט. אין דער לעצטער רגע האָבן די דייטשן אַרויסגעכאַפּט ביי אים די כלי זין און דערשאָסן אַן אָרט 55). א צווייטער פּרווו צו שטעלן א ווידערשטאַנד האָט געהאַט אַן אָרט אויפן גיטאָ־בית־עלמין אויף זשאַביע. עטלעכע זעלבשוץ־חברים האָבן זיך — אין אַנבליק פון א זיכערן טויט — געוואָרפן אויפן תלין פרידעל; אָבער אויך זיי זיינען תיכף אומגעקומען, אַרונטערגעשניטענע פון דעם שונאס קוילן. דער שונא איז אין די לעצטע טעג געוואָרן פאַרזיכטי־קער 56).

א לייכט פאַרוווּנדעטער בעת איינעם א צוזאַמענשטויס האָט וועלוול וואָלקאָוויסקי נאָך אַלץ נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך אַוועקגיין אין וואַלד. ער האָט אָנגענומען א דרייסטן, אויסטערלישן באַשלוס: זיך לאָזן איינעם מיט די לעצטע יידן מיטן גירוש־וואַגאָן, כדי דאָ זיי צו דער־מונטערן און אָרגאַניזירן צום אַנטלויפן. ער האָט דעם באַשלוס אויס־געפירט. אויפן וועג קיין טרעבלינקע האָט ער אָרגאַניזירט א גרופּע צום אַנטלויפן 57). אַליין איז ער, ווייזט אויס, ביים פאַרווירקלעכן דעם געוואַגטן פּלאַן אומגעקומען מיט א העלדן־טויט. עס זיינען אָבער מיט מזל געשפּרונגען אַנדערע. עס איז געפאַלן דער רוף: „חברה, מיר שפּרינ־גען!" 58). עס האָבן זיך דעמלט אַראָפּגעלאָזט פונם לויפנדיקן צוג, אַנ־

---

53) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ און מ. בוך.
54) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
55) דאָרטן; אויך — ג"ע פון מ. בוך.
56) ג"ע פון ח. קורילאָווסקי.
57) ג"ע פון ב. פּערעץ און ח. זאַכאַרעוויטש.
58) דאָרטן.

טער די קוילן פון די וועכטער אויף די וואגאן־דעכער, די זעלבשוץ־חברים העניעק גאָלדשטיין, א האנדל־אַנגעשטעלטער פון ווארשע, די ביאליסטאָקער אברהם באס, מרים קאפלאן, אברהם חזן, פליישער; דער לעצטער איז צוריקגעקומען קיין ביאליסטאָק, ווו ער איז אויסגעגעבן געוואָרן דורך א פוילישן מסור און איז אומגעקומען 59).

לפי ערך אין דער זעלביקער צייט קומט אום דער צווייטער קאָמאנדיר סאָניע שמיט. בראש פון א גרופע איז זי ארויס פון געטאָ, זיך דערקליבן צום וואלד. אָבער אויפן וועג צו דער פארטיזאנישער פרייער ערד זיינען די שרידים פון זעלבשוץ דערווישט געוואָרן פלוצים דורך א דייטשער אָפטיילונג. עס האָט זיך פארקניפט א קורצע שלאכט. בלויז צוויי פון דער יידישער גרופע זיינען ארויס גאנץ. די לעצטע קאָמענדאנטין פון דער ביאליסטאָקער געטאָ־זעלבשוץ סאָניע שמיט איז געפאלן מיט א העלדן־טויט 60). מער מזל האָט געהאט יאָשקע קאווע, וועלכער איז אנטלאָפן פון וואגאָן באַנאנד מיטן קעמפער יולעק יאקובאָוויטש. קאווע איז אָנגעקומען אין וואלד. דאָ איז ער שפעטער געפאלן אין קאמף 61).

די לעצטע שפורן און אָפהילכן פון דער יידישער זעלבשוץ האָבן זיך געלאָזט פילן ווייט ווייט פון ביאליסטאָקער מקום הריגה. אין ציגן, וואָס האָבן געפירט די מענטשלעכע לאָדונג אין פארשידענע ריכטונגען, אפילו אויף צפון, קיין מזרח־פרייסן, האָבן מיט זייער הייס וואָרט געווירקט די אקטיוויסטן פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג. אין איינעם פון די צוגן איז געזעסן דער אינזשעניער שטופלער, אן אלטער קאָמוניסט, א זעלטענער מענטש, וואָס האָט יעדן איינציקן פון זיינע אחים לצרה געהאָלפן. מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. מיט גרויס מוט האָט ער זיך אקעגנגעשטעלט די דייטשע וועכטער, זיי געוואָרפן אין פנים אריין דעם ביטערן אמת. שטופלער האָט דערפאר באצאָלט מיט זיין קאָפ. ער איז דערשאָסן געוואָרן אין וואגאָן. גוססדיק האָט ער באוויזן מיטצוגעבן זיינע שכנים א צוואה: מען זאָל דעם זון זיינעם, אויב ער וועט בלייבן לעבן, דערציען אין גייסט פון קאָמוניזם, פון מענטשן־ליבע און פון נקמה אין די היטלער־בארבארן 62).

(59 דאָרטן; אויך — פון א. נאכימאָוויטש.
(60 ג"ע פון מ. יאָניש און ט. ציטראָן.
(61 ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקא און מ. בוך.
(62 רייזנער, ז' 231.

דאָס איז געווען די צוואה נישט פון איין שטופּלער. דאָס איז געווען די צוואה פון א סך 63).

* * *

דעם 16־טן סעפּטעמבער 1943, א חודש נאָכן אָנהייבן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע, איז די „אַקציע" אָפיציעל דורך דער דייטשער מאַכט פאַר־ענדיקט געוואָרן. מען האָט מער נישט באַמרויקט די אָרנטלעכע בירגער פון דער „אַרישער" זייט מיט נאַכט־שיסערייען. דאָס „קליינע געטאָ" איז געווען ליקווידירט. 112 געפאַנגענע האָט מען אַריבערגעפירט אין תפיסה; אַהער האָט מען כסדר געבראַכט געכאַפּטע יידן פון בונקערס, פון די „אַרי־שע" גאַסן; פון דאָנען איז טאָג־איין טאָג־אויס אָפּגעפאָרן א „דושעגובקע" מיט קרבנות צום אומקום. יעדן טאָג האָט דאָס וואָרטשען פונם דיזעל־מאָטאָר מודיע געווען די אַרעסטאַנטן, אַז דער היטלערישער מלאך המות רייסט אַרויס נייע אומשולדיקע לעבנס און פירט זיי אַוועק הינטער דער שטאָט, קיין נאָוואָסיאָלקע און גראַבאָווקע, וווּ עס ווערן אויסגעגראָבן מאַסן־קברים פאַר די לעצטע יידן. בלויז געציילטע גוטע פאַכלייט — שוסטער, סטאָליער, מולער — האָט מען געהאַלטן אין תפיסה אונטער דער האַרטער האַנט פון דעם סאַדיסט קנעפּער און באַנוצט צו פאַרשידענע עבודת פרך 63א).

א צווייטע פּאַרטיע האָט מען צוגעפּאַסטיקט צום אַרבעט־לאַגער אינם גוט מאַרקאָווטשיזנע הינטער ביאַליסטאָק; דאָ האָבן זיי געטאָן שקלאַפן־אַרבעט ביי בויען ווילעס פאַר דייטשע גדולים 64).

דאָס זיינען אָבער אויך געווען יחידים.

דער גרויזאַם־טראַגישער עפּילאָג פון די פאַרטריבענע יידן פון געטאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט נישט אויפן געביט פון ביאַליסטאָק, נאָר אויף גרויסע שטחים ווייט פון דאַנען — אין די טויט־לאַגערן פון טרעבלינקע און מאַידאַנעק, אין דעם עבודת־פרך־לאַגער פּאָניאַטאָוו, אין די לאַגערן פון בליזשין און אָשוויענטשים און אויך אין דעם „טשעכישן פּראָטעק־טאָראַט" — אין טערעזין.

נאָך די, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע, איז קיין שום שפּור נישט געבליבן. עס איז לחלוטין נישט באַקאַנט זייער לעצטער וועג צום טויט. קיין טרעבלינקע האָט מען געפירט אין די ערשטע טעג פון דער „אַקציע".

63) ג"ע פון י. ריווקינד.

63א) ג"ע פון ב. שאַצמאַן.

64) דאָרטן.

65) ג"ע פון ט. צ'טראָן.

די, וועלכע מען האָט אריינגעשטופּט קיין פּאָניאַטאָוו (אַן ארבעט־לאגער הינטער לובלין), זיינען שפּעטער דערשאָסן געוואָרן ביז איינעם.

צווישן די, וועלכע מ׳האָט פארשלעפּט קיין מאַידאַנעק, האָבן זיך געפונען באַראַש, סובאָטניק, מארקוס און זיין ברודער אלבערט, דער קאָמענדאַנט פון די פייערלעשער בובריק, דעם געוו. שעף פון גראָדנער געטאָ־פּאָליציי סרעברניק; מען האָט זיי געפירט אין בעסערע וואַגאָנען מיט זיץ־פּלעצער. לכתחילה האָט מען זיי אין מאַידאַנעק באַהאַנדלט בעסער ווי די גאַנצע מאַסע, וועלכע מ׳האָט אָדער אויסגעראָטן אָדער געפּייניקט מיט אַ־בערמענטשלעכער פּראַצע. דער שונא האָט אָבער געוואָלט פּטור ווערן פון באַראַשן, וועלכער האָט געוווּסט געוויסע נישט באַקוועמע סודות פון דער דייטשער ממשלה־מאַשין. האָט מען אויסגענוצט א פאל מיט א גנבה, ציטמיט א געהיימען שפּייז־קרעמל און באַראַשן איבערגעשיקט פון דעם „בעסערן" לאגער אין דעם פּיין־אָרט אין מאַידאַנעק, און דאָ איז דער הויפּט פונם יודענראַט אינגיכן ליקווידירט געוואָרן 66).

די גרעסטע שחיטה אין מאַידאַנעק איז פּאָרגעקומען דעם דריטן נאָוועמבער 1943. עס זיינען דעמלט אומגעקומען די לעצטע יידן פון ביאַליסטאָק, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם לאגער 67).

אזוי איז אומגעקומען דער רוב פון די יידן פון געטאָ ביאַליסטאָק.

גאָר א קליינער טייל איז פארשיקט געוואָרן אינם ארבעט־לאגער אין בליזשין, אין דער געגנט פון קעלץ. דעם אכטן נאָוועמבער האָט מען זיך גענומען צו די קינדער. 1560 קינדער האָט מען צוגענומען קיין ראַדאָם און דאָ זיי געטייט. מיט שווערער האַרעוואַניע האָט מען פארפּייניקט די יידן אין בליזשין. בלויז איינצלנע זיינען ארויס מיטן לעבן 68).

יחידים זיינען אויך געבליבן פון די, וועלכע מ׳האָט פארשפּאַרט אינם אָשוויענטשימער לאגער 69).

די לעצטע יידישע קינדער פון ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן זיך געפונען אין טערעזיענשטאַט, אָדער טערעזין — א ריזיקער לאגער אויפן געביט פון טשעכישן „פּראָטעקטאָראַט". נאָך צוויי חדשים האַלטן זיי דאָ,

---

66) ג״ע פון א. נאַכימאָוויטש.

67) סט. פּיאָטראָווסקי: „די מיסיע פון אָדיל גלאָבאָצניק" (אין פּויליש), ז׳ 57; אויך — ג״ע פון באַביקער, נאָכימאָוויטש און קוציקעוויטש, מיט דער שחיטה האָט אָנגעפירט דער לובלינער עס-עס-און פּאָליציי-שעף שפּאָרענבערג, וועלכער איז אין יאָר 1950 פארמשפּט געוואָרן אין נייעם פּוילן צום טויט.

68) ג״ע פון ט. ציטראָן.

69) ג״ע פון פּ. בורשטיין.

האָט דער שונא אויך אָט די קינדער אוועקגעשיקט צום טויט קיין אָש־וויענטשים 70).

אין מזרח־פּרייסן האָבן זיך דערהאַלטן ביים לעבן, אויף שווערער אַרבעט, עטלעכע שרידים פון דער ביאַליסטאָקער עדה.

די מענטשן־פרעסערישע מאַשין האָט פאַרטיליקט קרוב 45 טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך לכתחילה געפונען אין דעם כף־הקלע פון געטאָ ביאַליסטאָק.

פוסט און וויסט זיינען געבליבן די חרובע, צעפּלינדערטע געסלעך. אין אוממענטשלעכע יסורים איז אויסגעגאַנגען א גרויסע יידישע קהילה.

אָבער איבער די חורבות און אומקום־ערטער האָט געפלאַטערט דער הייליקער אָנדענק פון די, וואָס האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט דעם גרויזאַמען שונא און הויך אויפגעהויבן די פאָן פונם כבוד פון יידישן פאָלק.

* * *

די העלדישע זעלבשוץ פון ביאַליסטאָקער געטאָ האָט געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק אין די פּראָגרעסיווע טיילן פון דער פּוילישער אונטער־ערד. דער פּוילישער ראַט צו העלפן יידן „זשעגאָטאַ" אין וואַרשע האָט אַרויסגעלאָזט צוויי ספּעציעלע פּרעסע־קאָמוניקאַטן וועגן דעם דאָזיקן יידישן גבורה־אַקט. דער ערשטער קאָמוניקאַט — פון 5־טן סעפּטעמבער 1943 — טראָגט דעם טיטל „דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון די יידן אין ביאַליסטאָק" און טיילט מיט אַט וואָס:

„אין דער העלפט פון אויגוסט ד. י. האָבן די דייטשן דורכגעפירט א מערדערישע „ליקווידיר־אַקציע" אין ביאַליסטאָק. דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ האָט געשטעלט א פאַרביסענעם ווידערשטאַנד. די פּאַציפיקאַציע פון געטאָ איז פאָרגעקומען לויטן נוסח וואַרשע, מיטן אָנטייל פון פּאַנצער־אָפּ־טיילונגען פון עס־עס און ווערמאַכט. א באַדייטנדיקע צאָל דייטשן איז אומגעקומען. אין דער זעלביקער צייט איז פאָרגעקומען א „ליקווידיר־אַקציע" אויפן געביט פון ווילנע".

---

70) עס זאָגן וועגן דעם עדות די פאַרצייכענונגען פון די באַפרייטע עסטרייכישע קאָמוניסטן, געוו. אַרעסטאַנטן פון אָשוויענטשים; די פאַרצייכענונגען געפינען זיך אינם אַרכ׳ ייה"א.

אינם צווייטן פרעסע־קאָמוניקאט פון „זשעגאטא" — פון 15־טן אָק־טאָבער 1943, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די באוואָפנטע פארטיידיקונג פון געטאָ אין ביאַליסטאָק", ווערט איבערגעגעבן:

„דעם 23־טן אויגוסט ד. י. האָט זיך אָנגעהויבן אין ביאַליסטאָק די מערדערישע ליקווידאציע פון געטאָ 71), וואָס האָט געציילט ארום 30 טויזנט מענטשן... אין משך פון די ערשטע דריי טעג פון דער אקציע האָט מען ארויסגעפירט זיבן טראנספּאָרטן אין טויט־לאגער טרעבלינקע, חוץ דעם איז ארויסגעפאָרן פון ביאַליסטאָק איין פאסאזשיר־צוג, אָנגעפאקט מיט קינדער, ריין אָנגעטוענע; אין יעדן וואגאָן האָבן זיך געפונען צוויי יידישע פלעגערינס אין ווייסע פארטעכער. עס הערשט די אלגעמיינע איבערצייגונג, אז ביי אָט די קינדער דארף מען פארן נויט אָפצאפּן בלוט פאר פארוואונדעטע דייטשע זעלנער.

„אויפן פערטן טאָג פון דער אקציע האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער באוואָפנטער קאמף 72). די ערשטע צוזאמענשטויסן האָבן געהאט אן אָרט אויף פאבריטשנע גאס. די שארפסטע קאמפן האָבן זיך אָפגעשפּילט ביי דער ביאַלאָסטאָטשאנער גאס, ווו עס האָט אָפּערירט א יידישע מאשין־געווער. די דייטשן האָבן ארייגעפירט אין שלאכט — פונקט ווי אין ווארשע — פאנצער־געווער און פעלד־ארטילעריע. אין משך פון אכט טעג האָבן געדויערט פארביסענע שלאכטן. אקטן פון באוואָפנטן ווידערשטאנד מצד די יידן האָבן נישט אויפגעהערט אויך שפּעטער; זיי האָבן געדויערט קרוב א חודש צייט. די יידן האָבן דערהרגעט ביי א הונדערט דייטשן און אוקראַינער און עטלעכע הונדערט פארוואונדעט. די יידן האָבן געקעמפט מיט אן אומגעווייגלעכער פארביסנקייט, ארויסרופנדיק באוואונדערונג ביי דער באפעלקערונג פון שטאָט און אומגעגנט. כדי צו ברעכן דעם ווידערשטאנד פון די קעמפער האָבן די דייטשן — פונקט ווי אין ווארשע — אונטערגעצונדן דאָס געטאָ פון אלע זייטן. די אקציע אָפצוריייניקן דאָס געטאָ דויערט נאָך איצט. דער גאנצער באַן־טראַקט צווישן ביאַליסטאָק און מאלקין־טרעבלינקע איז באדעקט מיט די גופים פון אנטלאָפענע פון די צוגן. אויף די וואגאָן־דעכער שיסן אוקראַינער כסדר פון מאשין־געווער

---

71) אַ טעות. די ליקווידאַציע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 16-טן אויגוסט.

72) אויך אַ טעות. דער ווידערשטאַנד איז אויסגעבראָכן באַלד דעם ערשטן טאָג.

אין די אנטלויפנדיקע. בלויז א קלייגער צאָל יחידים איז געלונגען צו אנטלויפן און זיך אויסבאהאלטן אין דערפער און וועלדער"[73].

די, וועלכע עס איז געלונגען זיך צו דערקלייבן אין וואלד, האָבן דאָ באקומען א מעגלעכקייט אָנצוהייבן אויפסניי דעם קאמף, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן אין געטאָ. עס הייבט זיך אָן א נייע פאזע פון ווידערשטאנד. דער צענטער זיינער איז איצט — דאָס וואלד.

73) „זשעגאָטאַ", אַרכ' יוה"א.

פינפטער טייל

דער המשך

קאפיטל איינס

„פאַרויס"

ווען אין וואלד איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דאָס געטאָ איז געפאלן, האָט די גאנצע פושטשע געוויינט. עס האָבן געוויינט די פארהארטעוועטע פארטיזאנער פון דער מחנה „פאַרויס" 1).

וואָרעם „פאַרויס" איז געווען אַ קינד פון ליידנדיקן און קעמפנדיקן געטאָ. „פאַרויס" האָט געשפירט דאָס פאלן פון געטאָ ווי די אבידה פון דעם סאמע נאָענטסטן, פון דער אומגליקלעכער מוטער, וואָס האָט אים, דעם פארטיזאנישן אָטריאַד, געבוירן, געקאָרמעט, באוואָפנט 2).

דאָס איז געווען די שווערסטע, ווייטיקפולסטע צייט אינם לעבן פון די יידישע פארטיזאנער.

דאָס געוויין האָט זיך אָבער ביי זיי אויסגעמישט מיט אַ הייליקער שבועה נוקם צו זיין און ציען ווייטער דעם פאָדים פון קשי־ערפדיקן געראנגל 3).

די יידישע פארטיזאנישע מחנה פון די ביאַליסטאָקער וועלדער „פאַרויס" פארנעמט אַ באזונדער אָרט אין דער פארטיזאנישער באוועגונג פון די פוילישע יידן. די ביאַליסטאָקער מחנה איז געווען אַ יידיש־פאָלקסטימלעכע. אין די וואלד־געדיכטענישן האָבן די „פאַרויס"־קעמפער גיריק אויפגעכאַפּט אויף די עטער־כוואַליעס דאָס יידישן וואָרט, וואָס איז געפלאָסן פון ווייטן קיבישעוו און מאָסקווע. די דאָזיקע מחנה איז איינצייטיק פארבונדן געווען מיט דער סאָוויעטישער פארטיזאנישער באוועגונג.

---

1) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ און מ. בוך.
2) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
3) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקא און מ. בוך.
4) דאָרטן.

לכתחילה איז דער קאָנטאַקט געווען אַ שוואַכער, שפּעטער האָט זיך „פּאָרויס" איינגעגלידערט אין די פּאַרטיזאַנישע רייען פון די סאָוויעטישע מענטשן. עס איז דער פאַרדינסט פון די פאַרבינדלער משה בוך און עליע וואַראַט, וואָס די באַציִונגען זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן, און עס איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר די אָרגאַניזאַציאָנעל־מיליטערישע פאָרמען פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין ביאַליסטאָקער געגנט. לגמרי אויסקריסטאַליזירט האָבן זיך די פאָרמען פון אַפּריל־מאַי 1944 5). די מחנה „פּאָרויס" איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דער אַלגעמיין־סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, זי איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער בריגאַדע א. נ. פון קאָסטיוס קאַלינאָווסקי 6), מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער קאָמבריג וואָיטשעכאָווסקי, לויט דער ראַנג אַ פּולקאָווניק, אַ פּאָליאַק, אַן אינזשיניער פון פאַך, אַ מענטש מיט הויכער אינטעליגענץ, אַן עכטער אינטערנאַציאָנאַליסט; די יידישע פּאַרטיזאַנער קאָנען נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק פון דעם טאָג, ווען אין לאַגער פון „פּאָרויס" איז אַראָפּגעקומען דער קאָמבריג און זיין סוויטע אין פולן גענעראַליש־אָפיצירישן טראַכט, אויסדריקנדיק אַזוי אַרום די יידן פולע אַכטונג 7). וואָיטשעכאָווסקיס בריגאַדע איז געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון דער סאָוויעטיש־ווייסרוסישער פּאַרטיזאַנישער פאַרייניקונג פון די ביאַלאָוויעזשער און שכנותדיקע וועלדער, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, דער באַרימטער פּאַרטיזאַנישער פירער גענעראַל־מאַיאָר קיריטשענקאָ (פּסעוודאָ: קאַפּוסטאַ) 8). אַזוי אַרום האָבן זיך די יידישע פּאַרטיזאַנער נישט געפילט פאַראיינזאַמט, נאָר זיי האָבן געשפּירט, אַז זיי זיינען אַ טייל פון אַ ברייטער, אָרגאַניזירטער קאַמף־באַוועגונג, וועלכע האָט זיי געשטיצט און געזאָרגט פאַר זיי און פאַר וועלכער זיי האָבן, פון זייער זייט, געפילט שלאַכט־אחריות און צוגעבונדנקייט.

צו דער בריגאַדע פון פּולקאָווניק וואָיטשעכאָווסקי האָבן געהערט פינף אָטריאַדן: 1) די מחנה אויפן נאָמען פון דעם העלד פון ראַטנפאַרבאַנד מאַטראָסאָוו, וואָס איז באַשטאַנען פון אַנטלאָפענע סאָוויעטישע קריגס־

---

5) לויטן פּאַרטיזאַנישן אַרכיוו פון טאַלק (ש. דאַטנער); אויך ק. באַראַקין: „וועגן יידישער פּאַרטיזאַנישער העלדישקייט אין ביאַליסטאָקער וועלדער" (מחברס אַרכ׳).

6) דאָס איז דער נאָמען פון אַ ווייסרוסישן פויערישן העלד פון דער צייט פון דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד פון 1863.

7) ג"ע פון ע. בוימאַץ און פּ. קאָזשעץ (מחברס אַרכ׳).

8) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ און מ. בוך.

געפאַנגענע 9); 2) דער אָטריאַד אויפן נאָמען „26 יאָר פון אָקטאָבער" אונטער דער אָנפירונג פונם קאָמאַנדיר פיליפאָוו (דער דאָזיקער פיליפאָוו האָט פון זיינע אייגענע פיס אראָפגעצויגן די שטיוול און אוועקגעגעבן א באָרוויסן יידישן פּאַרטיזאַן 10); 3) די פּאַראַשוטיסטן־מחנה אונטער דער אָנפירונג פונם קאָמאַנדיר אַנדרעיעוו; 4) אַן אָטריאַד פון אָרטיקע ווייס־רוסישע פּויערים; 5) די יידישע מחנה „פּאַרויס" 11). אין שפּיץ פון אַלע אָפּטיילונגען איז געשטאַנען א שטאַב, דאָס איז געווען דער שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונג 12). אַלע מחנות זיינען אין זייער מערהייט באַשטאַנען פון סאָוויעטישע און אָרטיקע ווייסרוסישע מענטשן, אָבער אין אַלע אָטריאַדן האָבן זיך אויך געפונען יחידים פּאָליאַקן און יידן. יידן זיינען געווען אויך אין שטאַב פון דער פאַראייניקונג, למשל: דער ווילנער אַנטיפאַשיסט יאַנקל באַנק, דער ביאַליסטאָקער רעוואָלוציאָנער דוד ראָזענשטיין („דיאַדיאַ מישאַ"), דער רעדאַקטאָר פונם אָרגאַן פון דער פאַראייניקונג „ביאַלאָסטאָצקאַ פּראַוודאַ" א. א. 13). אָבער „פּאַרויס" איז געווען א באַזונדערע יידישע אָפּטיילונג מיט אייגענע — חוץ אַלגעמיינע — אויך יידישע אויפגאַבעס, מיט א קולטור־טעטיקייט אין יידיש, מיט א ספּעציעלער השגחה איבער די פּליטים פון געטאָ 14). די יידן זיינען אָבער נישט געווען אָפּגעזונדערט. אַזוי האָבן זיי אין דער בריגאַדע „קאַסטוס קאַלינאָווסקי" און בכלל אין דער פאַראייניקונג געקעמפט האַנט אין האַנט מיט רוסישע, ווייסרוסישע, פּוילישע פּאַרטיזאַנער.

דאָס אַלץ איז איינגעאָרדנט געוואָרן, ווי געזאָגט, פרילינג־צייט 1944.

---

9) שמחה לאַווא: „אין די סופּראַסלער וועלדער", אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ' 3147.

10) ג"ע פון ע. בוימאַץ און פּ. קאָזשעץ.

11) דאָרטן.

12) קאָט, ז' 119.

13) ג"ע פון מ. בוך. יאַנקל באַנק איז געפאַלן ווינטער־צייט 1943—1944 אין א פאַראייניקטן קאַמף מיט די דייטשן אין די וואָלקאָוויסקער וועלדער, גייענדיק אויף מערב צו די יידישע פּאַרטיזאַנער מיט א וויכטיקער אויפגאַבע פון שטאַב צו העלפן די יידן. ער איז אַריין א רגע זיך אַנוואַרעמען צו א פּויער, און דער איז אַוועק ברענגען דייטשן. באַנק האָט זיך לאַנג פאַרטיידיקט, באַשיסנדיק דעם שונא פון אויטאָמאַט; ווען עס איז געבליבן די לעצטע קויל, האָט ער זי אַריינגעשאָסן אין זיך. וואָס שייך ראָזענשטיין — „דיאַדיאַ מישאַ", דאַרף מען אים נישט צונויפמישן מיט א צווייטן יידישן פּאַרטיזאַנער „דיאַדיאַ מישאַ" — גילדעמאַן.

14) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ.

אָבער די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג ביי די יידן פון ביאַליסטאָקער געגנט איז, ווי באַקאַנט, געבוירן געוואָרן און האָט זיך אַנטוויקלט א סך פריער.

צו די פּיאָנערן פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג ביי די יידן פון דער דאָזיקער געגנט געהערן די אָנפירנדיקע טוער פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט רבקה וואָיסקאָווסקאַ, יאָשקע קאַווע, משה (מאַרעק) בוך, ווי אויך יהודית נאָוואָגרודזקאַ („יודיטאַ") און משה סלאָפּאַק („מאַקסים"); דעם לעצטן דאַרף מען באַצייכענען ווי דעם ערשטן יידיש־פּאַרטיזאַנישן קאָמאַנדיר אין די ביאַליסטאָקער וועלדער. ער איז אַרויס פון ביאַליסטאָקער געטאָ אין וואַלד אַריין אין נאָוועמבער 1942. ער האָט פאַר זיינע שלאַכט־חברים אַוועקגעשטעלט דאָס פּראָבלעם פון פּאַרטיזאַנערן נישט ווי אַן אופן צו ראַטעווען דאָס לעבן, נאָר ווי א פרייהייט־געראַנגל, וועגן וועלכן מ'האָט געטרוימט אין געטאָ־תחום 15). מאַקסימס חברה זיינען נאָך געווען קליין אין צאָל, זי האָט סך־הכל געציילט 17 פּערזאָן, אָבער זיי האָבן באַלד פון אָנהייב גענומען באַאומרויקן די דייטשן. זיי האָבן צעקלאַפּט עטלעכע דייטשע פּאָסטנס און דעראָבערט אזוי אַרום געווער. פּאַמעלעך האָט דער קליינער אָטריאַד גענומען וואַקסן, אָבער עס איז נישט באַשערט געווען סלאָפּאַקן צו דערזען א גרויסע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג ביי יידן. הינטערן דאָרף ליפּאָווי מאָסט איז ער מיט א גרופּע חברים אַרומגערינגלט געוואָרן דורך א שטראָף־עקספּעדיציע פון עס־עס בעת א וואַלד־אָבלאַווע און איז איינינעם מיט נאָך מיטקעמפער געפאַלן אין שלאַכט. געשען איז דאָס דעם 13־טן פעברואַר 1943. מיט מאַקסימען האָבן זיך דעמאָלט געפונען 13 קעמפער. די דייטשע כוחות זיינען געווען פילפאַכיק גרעסער. די שלאַכט האָט געדויערט 45 מינוט. די יידן האָבן געשטעלט א העלדישן ווידער־שטאַנד. די דייטשן האָבן געמוזט אָפּטרעטן, איבערלאָזנדיק צוויי ביקסן; א דערהרגעטן און צוויי פאַרוווּנדעטע האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך. אָבער דער קאָמאַנדיר סלאָפּאַק איז געווען שווער פאַרוווּנדעט. ער האָט געבלוטיקט פון ביינאַכט ביז 11 אינדערפרי. געשען איז דאָס ביי ליפּאָווי מאָסט נישט ווייט פון גרודעק, 25 קילאָמעטער פון ביאַליסטאָק 16).

מאַקסימס אָרט האָט שפּעטער פאַרנומען יונה סאָכאַטשעווסקי (פּסעוודאָ: „יעזשי", „סאַשאַ") — א זעלטענע געשטאַלט, וואָס האָט זיך טיף איינגע־באַקן אין הארצן נישט בלויז ביי זיינע יידישע מיטקעמפער, נאָר אויך ביי אַלע פּאַרטיזאַנער אַרום. דער קאָמאַנדיר פון „פּאַרויס" סאָכאַטשעווסקי האָט

---

15) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

16) ג"ע פון פ. קאָזשעץ, ע. בוימאַץ און ק. באַראַקין.

פאַרמאָגט די שענסטע מידות: באַשיידנקייט, חברישקייט און גרענעצלאָזן מוט. דאָס איז געווען אַ יונגער דרוקער־אַרבעטער פון וואַרשע און אַן אויסגעצייכנטער ספּאָרטלער, אַן אַקטיוויסט פון דעם וואַרשעווער ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן". ער איז אויך געווען אַ באַגאַבטער פּען־מענטש. ער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין טרייטשאַפט צו דער ווידערשטאַנד־זאַך נאָך אין געטאָ. ער האָט אַדורכגעמאַכט די ערשטע פּאַרטיזאַנישע שריט אין די סלאָנימער וועלדער, דערנאָך איז ער געקומען קיין ביאַליסטאָק און דאָ געאַרבעט — באַנאַנד מיט נאָך יידן — אין דעם מוזיי פון ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ ווי אַ קעסל־הייצער און אויסגענוצט די דאָזיקע באַשעפטיקונג זיינע פאַר העלפן די חברים פון די ערשטע, אַנטשטייענדיקע אונטערערדישע גרופּעס; ער האָט אַרויסגעשלעפּט — איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן — טיילן פון געווער. דערנאָך איז ער אַוועק אין וואַלד 17).

קאָמיסאַר פון „פּאַרויס" איז געווען רבקה וואַיסקאָווסקאַ (פּסעוודאָס: „לענאַ", „רבקה") 18).

די מחנה „פּאַרויס" האָט געהאַט עטלעכע סיבאָפּטיילונגען. מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפירט די קאָמאַנדירן עליע בוימאַץ (פּסעוודאָ: „עליאַש"), חיים לאַפּטשינסקי, שעפּסל באַראָוויק, און נאָך דעם לעצטנס העלדן־טויט — בנימין קירזשנער (פּסעוודאָס: „ביאָמע", „קאָליע"); אַ צייט איז קאָמאַנדיר פון דער גרופּע געוואָרן — שיע קאַנטאָר (פּסעוודאָ „אַנדריי"). מיט דער גרופּע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך יהודית נאָוואָגרודזקאַ, האָבן אָנגעפירט שמעון דאַטנער („טאַלק") און חיים כאַלעף. איטלעכער איינער פון די שלאַכט־קאָמאַנדירן האָט געהאַט זיין אייגענע־געשיכטע נאָך פונעם ערב־„פּאַרויס"־פּעריאָד, אַזוי איז, למשל, מיט עליע בוימאַצעס נאָמען פאַרבונדן די געשיכטע מיטן בונט פון די יידן פון שטעטל סיפּראַסלע, וואָס הינטער ביאַליסטאָק. דאָס איז געווען בעת דער ליקווידיר־אַקציע פון סופּראַסלער געטאָ. שוין אין טויט־וואַגאָן האָט עליע בוימאַץ, אַ יידישער אַרבעטער־קאָמוניסט פון זדונסקע־וואָליע, אָרגאַניזירט אַ גרופּע, בתוכם: די לאָדזשער וועבער די ברידער קאָן, דער פּיעטר־קאָווער אַרבעטער קאַטשוואַרסקי און זיין שוועסטער הינדע־קאָן־קאַטשוואַרסקאַ, אַלע שפּעטערדיקע פּאַרטיזאַנער, און בראש פון אַ גרעסערער צאָל יידן צעשלאָגן די דייטשע וואַך, זיך דורכגעריסן דורך די פּאָל־ציי־אישע

---

17) ג"ע פון ר. וואַיסקאָווסקאַ.
18) ג"ע פון מ. בוך.

קייטן און אוועק אין וואלד. א צייט האָט עליאשעס גרופּע אָפּערירט אליין, ביז זי האָט זיך איינגעגלידערט אין „פּאַרדיס". 19).

די געשיכטע פונם צווייטן קאָמאנדיר, חיים לאַפּאטשינסקי, איז פאַר־בונדן מיט די טראגישע זעלבשוץ־טעג אין געטאָ, ווען דער דאָזיקער מו־טיקער בחור האָט זיך מיט א הויליער האק געוואָרפן אויף די דייטשע באַנ־דיטן 20).

צו עליע בוימאצס גרופּע האָבן געהערט די פּארטיזאנער: פאַליע בוי־מאַץ, דעם קאָמאנדירס פרוי, חיים קאָן, הינדע קאָן און איר ברידער מי־שע, לייב פּודלאָווסקי (פון לאַדוש), לייזער בלומבערג און גאָלדע קאמיע־נעצקא (פון סלאָנים), דער פּולעמיאָטשיק שלום קאָזשעץ און זיין פרוי רע־גינע (פון דער היים: שפּיראָ) און ברודער פּנחס („פּאוועל") קאָזשעץ (אלע פון זדונסקע וואָליע), האנקע סטריקאָווסקא און יאנקל מלמד, ביידע אומ־געקומען אין קאמף דעם 2־טן סעפּטעמבער 1943 אין סופּראסלער וואלד, עזרא אָביעדזשינסקי, דער העלדישער לערער פון גראיעווע, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט בעתן געטאָ־קאמף (געפאלן שפּעטער אין שלאכט. אין די רייען פון דער רויטער ארמיי), חיים שוסטער („פּימא"), בנימין ראצ־לאוו (פון סאָקאָלע, יאנקל גראיעווער (פּסעוודאָ „יאנעק", פון סלאָנים, גע־פאלן אין קאמף מיט די ווּלאסאָוו־פּארטיזאנער אין יוני 1944 און הער ליפּ־טשאנער פּושטשע), מאקס וואָלק, סאָווקע קוסעוויצקי א. א. 21).

צו שעפּסל באָראָוויקס גרופּע האָבן געהערט בנימין קירזשנער (דעם קאָמאנדירס פּארטנער), מאָטל טשערעמאָשני, שמעון דאטנער, ישראל קאָט א. א. דער לעצטער קאָמאנדיר פון דער דאָזיקער סובאָפּטיילונג איז געווען שיע קאנטאָר („אנדריי"); אין זייער צייט האָבן צו דער גרופּע גע־הערט: ראובן לעווין („סערגיי"), מוטע רוסקא, העניעך פארבער, דער העל־דיש־אומגעקומענער יוגנטלעכער דער פּולעמיאָטשיק יחיאל זייפמאן (פּסעוו־דאָ: „הילעק"), א באליבטער ביי אלע שלאכט־חברים, לייזער כאַראָשוק, עובדיה פאָמעראנץ, אליאָשע לעווינגראדעץ, דער קונסט־שניצער חלף־סאָ־קאָלאָווסקי, שמחה לאָווא 22).

„פּאַרדיס" האָט געציילט אין זיינע רייען א סך העלדישע פּשוטע קעמ־פער, וועלכע זיינען גרייט געווען מקריב צו זיין אלץ פאַרן הייליקן ציל.

---

19) דאָרטן.
20) זע אויבן.
21) ג"ע פון א. בוימאַץ און ש. דאטנער; אויך — ג"ע פון ק. באראקין, אַרכ' ייה"א, פּראָט' נ"נ 3766 און 2003.
22) קאָט, ז' 97; אויך — ג"ע פון ש. לאָווא און ק. באראקין.

אַ שטילער און באַשיידענער איז געווען דער קעמפער פון חיים לאַפּאַטשינסקיס סובאָפּטיילונג ישראלקע פעלדער, אַ שמידס אַ זון, אַ ברודער פון דעם טויער פון דער אַנטיפאַשיסטישער געטאָ־אָרגאַניזאַציע זלמן פעלדער. ישראלקע איז געקומען אין וואַלד אַריין און האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ טרייער פּאַרטיזאַן. מיט אים האָט פּאַסירט אַן אויסטערלישע געשיכטע, פון וועלכער ער איז אַרויס אַן אמתער העלד. סוף אַפּריל 1944 איז ער בעת אַ שלאַכט אַריינגעפאַלן אַ פאַרחלשטער אין די הענט פונם שונא. מען האָט אים געבראַכט אין ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אוממענטשלעכע עינויים — ער זאָל אויסגעבן די ערטער פון די פּאַרטיזאַנער. ישראלקע איז געווען פון אַ שוואַכן געבוי, אָבער אַ מענטש מיט אַ פעסטן כאַראַקטער. די פּייניקער האָבן אים געבראָכן די שלעסער פון די הענט און פיס, געגאָסן השתנה אין דער נאָז, דורכגעלאָזט עלעקטרישן שטראָם דורכן אָפּגעשוואַכטן גוף, אָבער ער האָט אַלץ איבערגעטראָגן און געשוויגן. מען האָט אים געשלעפּט אין וואַלד, ער זאָל ווייזן די שפּורן פון זיינע חברים. ישראלקע האָט סוף כל סוף אָנגענומען אַ באַשלוס: אַ סוף מאַכן צום אייגענעם לעבן; ער האָט צעריסן ביינאַכט דאָס העמד, געמאַכט אַ פּעטליע און זיך אויפגעהאָנגען. די פּייניקער האָבן אים אָבער אָפּגעראַטעוועט, כדי ווייטער אָנצוטאָן עינויים. מען האָט אים דערווייל פאַרשפּאַרט אין תּפיסה. בינו לבינו האָבן זיך די געשעענישן אויף די פראָנטן אַ קייקל געטאָן פאַרויס, און פעלדער איז נאָך לאַנגע צרות און וואָגלענישן געבליבן לעבן. די פּאַרטיזאַנישע שבועה האָט ער נישט געבראָכן 23). צו לאַפּאַטשינסקיס גרופּע האָט אויך געהערט שמעון פייערשטיין, פעלדערס אַ מיטקעמפער 24).

מיט גרויס מוט האָט זיך אויסגעצייכנט דער פּאַרטיזאַן פון יודיטאַס גרופּע מאַרעק שלענגער, וועלכער איז דערטרונקען געוואָרן בעת אַ עקספּעדיציע אין טייך סופּראַסל 25).

אין קאַמף זיינען געפאַלן די פּאַרטיזאַנער: דער 17־יעריקער מנשה ליכטענשטיין, דער זון פון דעם אַלטן אַרבעטער־טוער יאָסל ליכטענשטיין, יוזשעק מאַרגאָליס, חנא לעוו („סטאַשעק”), טאַליעק פּאַגאָרעלסקי, יחיאל זייפמאַן („הילעק”, „פּולעמיאָטשיק”) און צענדליקער אַנדערע. עס

---

23) ג"ע פון ק. באַראַקין, ע. בוימאַץ און ש. דאַטנער; אויך — ג"ע פון מ. יאַניש, אַרכ' ויה"א, פּראָט' נ' 1838.

24) דאָרטן.

25) באַראַקין: „וועגן יידישער פּאַרטיזאַנישער העלדישקייט”, א. א. וו. אויך: ג"ע פון מ. יאַניש.

האָט זיך אין קאַמף אויסגעצייכנט דער פּאַרטיזאַן יולעק יאַקובאָוויטש.

דער צוזאַמענשטעל פון די יידיש-פּאַרטיזאַנישע רייען איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער. נעבן דעם שלאָסער-אַרבעטער מאָליע ווייגער און דעם מעכאַניקער בנימין שלייפער — דער שמיד פון גאַניאָנדז לייזער רובין 26). נעבן די יידן, אַנטלאָפענע און אַרויסגעריסענע פון די געטאָס אין ביאַליסטאָקער געגנט — פּליטים פון דעם גרויסן געטאָ-אויפשטאַנד אין וואַרשע, אָנגעקומענע פון די ווייסל-ברעגעס, געטריבענע און פאַרפאָלגטע דורך א. ק.-ליט, למשל, דער 16-יעריקער וואַצעק בירנצווייג, אָדער בירנבוים, ער איז אומגעקומען אַלס רויטאַרמייער אין יאַנואַר 1945 (פון פּיליפּאָווער אָטריאַד) 27). נעבן פאָלקסטימלעכע טיפּן ווי יואל קיסלער — אינטעליגענטן: יוריסטן (קלמן באַראַקין), מעדיקער (למשל ד״ר אָזדער, מעדיצין-סטודענט סיאָמע בערקמאַן) 28). נעבן אַלטע, אויסגעפּרוווטע קאָמוניסטן — יונגנטלעכע ציוניסטן: יחיאל זייפּמאַן און דוד וורענע, און צוקונפטיסטן: יאַנקל וואָלאָוטשיק, וועלכער איז אומגעקומען אין קאַמף אין וואַלד, אהרן רובינשטיין, וועלכער איז שפּעטער געפאַלן אין שלאַכט ווי אַ רויטאַרמייער 29). נעבן מענער — העלדישע פּאַרטיזאַנערינס, אַ שטייגער: רבקה וואָיסקאָווסקא, פּאָליע באָומאַץ, הינדע קאָן-קאַטשוואַרסקא, פרומע ראָזענבלום, מרים קאַפּלאַן, בעלאַ קריפּמאַן א. א. נעבן אַזעלכע, וואָס זיינען געשפּרונגען פון צוגן (קאַוועס, מיעטעק יאַקובאָוויטש) — אַזוינע, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם „טעם" פון טרעבלינקע (לייזער רובין) און מאַידאַנעק (פּעלעק ראָזענבלום) 30). „פּאַרדיס" איז געווען אַ צונויפגעטעם פון יידן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך — וואַרשעווער, לאָדזשער, ביאַליסטאָקער, קאָנגרעס-פּוילן און „קרעסן", פון די שכנישע געטאָס, ווי די קרינקער מאָליע נישט און יידל מיאַדאָווניק און דער פּרוזשאַנער יעקב לערנער, און פון ווייטע מקומות; פון פאַרשידענעם עלטער און געוווינהייטן; — דאָס אַלץ האָט די אָנפירונג געדאַרפט צונויפשמעלצן אין איין קאַמף-פייער, ווענדן אין איין ריכטונג, פאַרבינדן דורך אַן אייזערנער דיסציפּלין און אויסשמידן אַן אייניקלעכע מחנה. און נישט געקוקט אויף אַלע שווערע איבערלעבונגען און אויף דער כלערלייאַי-

---

26) פּאַרטיזאַנישער אַרכיוו פון טאַלק.
27) ג״ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ, ק. באַראַקין און ש. דאַטנער.
28) דאָרטן.
29) ג״ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
30) ג״ע פון מ. בוד און ק. באַראַקין.

קייט פונם צוזאמענשטעל, איז „פּאַרטיזאַנער“ נישט איינמאָל אַרויסגעדרוקט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנישער פּאַרטיי־ניקונג ווי א מוסטער פאַר אַנדערע. די דאָזיקע אָנערקענונג פאַר דער יידישער גבורה האָט אויסגעדריקט אין זיין טאָג־בוך דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיזאַנישער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע דער ווייסרוסישער איוואַן סקריפּניק; אין דעם טאָג־בוך, וועלכן ער האָט געשריבן אין וואַלד, האָט סקריפּניק ביי אַלערליי געלעגנהייטן אויסגעשטעלט אַזעלכע כאַראַקטעריסטיקעס די יידישע פּאַרטיזאַנער:

„די יידן זיינען געשטאַנען אויף א זייער א הויכן ניוואָ אין די פּאַר־טיזאַנישע אַקציעס“;

„די יידישע פּאַרטיזאַנער קאָנען זיין א מוסטער פאַר אַנדערע“ 31).

דער קאָמבריג וואָיטשעכאָווסקי שטרייכט אונטער אין זיינע פּאַרטי־זאַנישע זכרונות די העלדישקייט פון די יידישע וואַלד־קעמפער און באַ־שענקט זיי מיט לויב־ווערטער 32).

אויך דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר פּיליפּאָוו (פון דער פּאַראַשוטיסטן־גרופּע) האָט עפנטלעך געלויבט די יידישע פּאַרטיזאַנער, אָנרופנדיק זיי „יעווריעאי געראָי“ 33).

די דאָזיקע אָנערקענונג האָט „פּאַרטיזאַנער“ פולשטענדיק פאַרדינט. די דערגרייכונגען, וואָס די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך דערשלאָגן, זיינען אָבער אָנגעקומען נישט לייכט. דער וועג פון די פּאַרטיזאַנער איז נישט געווען אויסגעשפּרייט מיט רויזן. עס איז געווען א שווער לעבן, פול מיט געפאַרן טאָג־איין טאָג־אויס. מען איז אָן אויפהער געווען אויסגעשטעלט אויף הונגער, שמוץ, היימלאָזיקייט, כסדרדיקע אַליאַרמען; מ׳האָט גע־מוזט אַליין זיך אויסגעפינען און אַליין זיך באַזאָרגן מיט געווער — א חוץ די פאַלן, ווען וואָפן איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן פון סאָוויעטישע אַעראָפּלאַ־נען.

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך — א חוץ די אַלגעמיינע שוועריקייטן — אָנגעטראָפן אויף ספּעציפישע אייגענע איבערלעבונגען און אויסער־לעכע מכשולים, וועלכע מ׳האָט געמוזט מיט שווערן אָנשטרענג און אויך מיט דער הילף פון די סאָוויעטישע שלאַכט־חברים באַזייטיקן.

---

31) איבערגעגעבן דורך ל. טשאַפּניק און א. רוד: דאָס „טאָג־בוך“ געפינט זיך אינעם ווייסרוסישן פּאַרטיזאַנישן אַרכיוו אין מינסק.
32) איבערגעגעבן דורך ר. וואָיסקאָווסקאַ (דאָרטן).
33) ג״ע פון ע. בוימאַץ און ק. באַראַקין.

צו די אינערלעכע שוועריקייטן האָט געהערט קודם־כּל דאָס פּראָבלעם פון די פאַמיליע־גרופּעס, אָדער פון די ארויסגעראַטעוועטע יידן פון דער געטאָ־שרפה, וועלכע זיינען נישט געווען געזעלשאַפטלעך באַוווסטזיניק, האָבן נישט געהאַט קיין פאַרשטייעניש נישט פאַר קאַמף, נישט פאַר אַרבעט אין וואַלד און זיינען נישט זעלטן געווען עגאָיסטיש, געטראַכט נאָר וועגן אויסבעסערן זייערע אייגענע באַדינגונגען, נישט האָבנדיק אין זינען אַנדערע, דעם גאַנצן קאָלעקטיוו 34). דער דאָזיקער עלעמענט איז — הגם נישט תמיד אָפּגעבנדיק זיך אַ דין וחשבון פון דער אייגענער אויפפירונג — געווען אַריינצוברענגען דעמאָראַליזאַציע אין די פּאַרטיזאַנישע רייען, פאַרלייגנדיק, למשל, מיטגלידער פון „פּאַרויס" אַוועקצוגיין אינאיינעם מיט זיי אין אַ זייטיק אָרט, כּדי אַדורכצולעבן די זאַווערוכע. און די דאָזיקע יידן האָבן געהאַט געלט! 35). עס האָבן געטראָפן פאַלן פון כוליגאַניזם, וואָס מען דאַרף צושרייבן אויפן חשבון פון די אַ. ג. לויזע וואַלד־גרופּעס, וועלכע האָבן אָרגאַניזאַציאָנעל נישט געהערט צום „פּאַרויס". עס האָט פּאַסירט אַ פאַל, ווען מענטשן פון אַזאַ לויזער גרופּע האָבן פאַרגוואַלטיקט ווייסרוסישע דאָרף־מיידלעך, ווען זיי האָבן דערהרגעט מיט מעסערס צוויי רעגולערע יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלנדיק צונעמען ביי זיי דאָס הייסע געווער, וואָס די קרבנות האָבן געהאַט 36). צווישן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון „פּאַרויס" און פון די לויזע גרופּן איז געווען אַ קאָנטיקער אונטערשיד: „פּאַרויס" איז באַשטאַנען פון פּראָלעטאַריער און אינטעליגענץ, בראש פון דעם אָרגאַניזירטן אָטריאַד האָבן זיך ארויסגערוקט אַלטע רעוואָלוציאָנערע טוער, אין דער מחנה האָט געווירקט די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, בעת די לויזע גרופּעס פון די אָרעמיקע שטעטלעך האָבן זיך אין אַ גרויסן טייל (נישט אַלע!) רעקרוטירט פון שטוטשקאַזשעס (הענדלער־שווינדלער פון די מערק), גנבים און ענלעכע עלעמענטן 37). דער „פּאַרויס" האָט געפירט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן די דאָזיקע דעמאָראַליזירטע עלעמענטן, האָט

34) קאָט, ז' 92.
35) דאָרטן.
36) ג"ע פון ב. שאַצמאַן. עס זיינען דערמלט געפאַלן פון יודיטאַס גרופּע לייזער וויסאָצקי, לייבל שוואַרץ, קאַראָלטשוק און אַ געוויסער „צעזאַר". אַנדערע האַלטן עס פאַר אַ טראַגישער מיספאַרשטייעניש — אַז דאָס האָבן לויזע פּאַרטיזאַנער פון קנישין דערהרגעט די דערמאָנטע קעמפער, מיינענדיק, אַז דאָס זיינען דייטשן.
37) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און אַ.רוד.

שטרענג באשטראָפט פאר כוליגאנישע מעשים און האָט אין דער זעלביקער צייט דערוויזן, אז ביי אַן אידעאישן צוגאנג און אונטער אַן אָרגאניזירטער אנפירונג קאָנען אויך אזעלכע עלעמענטן ווערן אינערלעך איבערגעבויט און נוציק [38].

פאר דער אנטשטייונג פון די לויזע יידיש־פארטיזאנישע אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען געשטאנען מחוץ דעם „פּאָרויס", איז כאראקטעריסטיש דער וועג, וועלכן עס האָט אדורכגעמאכט די גרופּע פון די „ווייסע קאָזשוכן". דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען ארויס דורך אייגענע וועגן פון ביאליסטאָקער און אנדערע שכנישע געטאָס און האָבן זיך אין וואלד אָרגאניזירט אין א פּארטיזאנישן אָפּטייל. גערופן האָט מען זיי „ביאלע קאָזשוכי" — „ווייסע פעלצן". לכתחילה האָט די גרופּע געציילט ניין פּערזאָן, דערנאָך איז זי זיך צעוואקסן. עס האָבן געהערט צו איר: אברהם מאנעליס פון ביאליסטאָק, באָריס עפּשטיין פון סלאָנים, לייבל זיבערסקי פון גראיעווע, ניסן ליפּצער פון קוזשניצע, לייב ראָטשטיין, קופּערבערג, מישקע לוביטש, די ברידער דוד און משה ליפּונסקי, פאניע עפראָן, בענדער א. א. דאָס איז געווען נישט קיין דיסציפּלינירטע גרופּע, אָבער בעת דער געטאָ־ליקווידאציע האָבן זיי אויפגעטאָן א וויכטיקע זאך — ארויסגעשטעלט שטאפעטן, פונקט ווי „פּאָרויס" לענג־אויס דעם שליאך פון שטאָט אין וואלד און אָפּגעראטעוועט א ביסל יידן. דורך די „ווייסע קאָזשוכן" זיינען צווישן אנדערע דעמלט ניצול געוואָרן זלמן פּאָזנאנסקי, לייזער וואט, ליפּא מאָרדוכאָוויטש, אלעקסאנדער און משה סטאראָוואָלאנסקי, אלפּערין, שעפּס, חוה לעוויטאנסקא, שרה סוראסקא, לעאָן קאָווארסקי און נאָך מענטשן, וואָס זיינען געלאָפן פון ברענענדיקן געטאָ, אָדער געשפּרונגען פון די צוגן. געווער פאר דער גרופּע האָט געשמוגלט דער בעל־עגלה משה־יונה. די שליחות פון א פארבינדלער האָט אויף זיך גענומען דער יונגער פּוילישער אנטעק פון דאָרף לענצע. די „ווייסע קאָזשוכן" האָבן א צייט אָפּערירט אינאיינעם מיט א גרופּע פּוילישע פּארטיזאנער, נאָענטע צו די א. ק.־קרייזן. אין אָט דער גרופּע האָבן זיך געפונען אנטיסעמיטן, וועלכע האָבן צוגעגרייט א פארשווערונג קעגן די יידן. די זאך איז אויפגעדעקט געוואָרן דורך דעם פּוילישן פּארטיזאַן געניעק, א קאָמוניסט, און די „ווייסע קאָזשוכן" האָבן זיך א דאנק דעם באצייטנס געכאַפּט און גוט אָנגעלערנט די פאלשע שותפים. ביי דער איבערדערציונג פון די „ווייסע פעלצער" האָט גרויסע פאר־

(38 דאָרטן.

דינסטן דער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַן, דער קאָמאַנדיר פּיליפּאָוו. די „ווייסע קאָזשוכן" זײַנען נישט איינמאָל אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון פאַרשידענע צרות דורך די אָרגאַניזירטע יידישע פּאַרטיזאַנער פון „פּאָרויס". האַרט פאַר דער באַפרייונג האָבן זיי מיטגעשפּאַנט מיט דעם אָפּטייל פונם קאָמאַנדיר עליע בוימאַן 39).

צו די בעסערע לויזע גרופּעס האָט אויך געהערט דער אָפּטייל פון יאַשינאָווקער יידן מיט די פּאַרטיזאַנער יצחק סודראַנסקי, זיידקע לערוואַר, קלמן אַראַנטשיק, אברהמל פּאַטשמאַן, הערש און אַנדערע 40).

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז די געשיכטע פון דער גרופּע בריאַנסקער פּאַרטיזאַנער, צו וועלכער עס האָבן אויך געהערט אַ סך ביעלסקער יידן און פּליטים פון צענטראַל־פּוילן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ביאַליסטאָק און געגנט, זײַנען געשפּרונגען פון טויט־צוגן, געלאָפן פון די געטאָס און זיך אָרגאַניזירט אין די ביאַליסטאָקער וועלדער אין אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. אין דער גרופּע זײַנען געווען אַזעלכע באַוווּסטזיניקע מענטשן, ווי אַדוו. אַלעק גזשעביען, אַמאָליקער טוער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט אין וואַרשע, און אַ ריי פּשוטע פאָלקס־מענטשן, פון צווישן וועלכע עס זײַנען אַרויסגעוואַקסן העלדישע געשטאַלטן, ווי יוסף פּריבוט, שמואל קליינאַט, רחל טשעסליק, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אינם קאַמף מיטן שונא. עס זײַנען אָבער אין דער גרופּע געווען אויך מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן ראַנד פון אונטערוועלט. דער בריאַנסקער אָפּטייל האָט זיך געווידמעט דער ראַטונג פון יידישע קינדער, אין לעצטן פּעריאָד האָבן זיך די בריאַנסקער אַרײַנגעגאָסן אין דעם סאָוויעטישן אָטריאַד אויפן נאָמען פון זשוקאָוו, וואָס איז געווען אַ טייל פון מאַרטינאָווס בריגאַדע און פון גענ. קאַפּוסטינס פאַרייניקונג 41).

די וויכטיקסטע און געפערלעכסטע פון די אויסערלעכע שוועריקייטן איז געווען דער רעצידיוו פון אַנטיסעמיטיזם אין וואַלד גופא. די טרעגער פון דעם דאָזיקן סם אין וואַלד זײַנען געווען די א. ק.־אָפּטיילונגען אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן מילאַשעווסקי אין דער ביאַלאָוויעזשער פּושטשע 42). די דאָזיקע חברה־לייט וואָלטן איבערגעחזרט

39) ג"ע פון אברהם מאַנעלים, אויפגענומען דורך ש. דאַטנער, ארכ׳ ייה"א, פּראָט׳ נ׳ 2972.

40) דאָרטן.

41) ג"ע פון משה יענטשמיען, ארכ׳ ייה"א, פּראָט׳ נ׳ 191/46.

42) ג"ע פון יחזקאל פּענדזוך, ארכ׳ ייה"א, פּראָט׳ נ׳ 2264; אויך ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.

מיט די ביאַליסטאָקער יידישע פּאַרטיזאַנער דאָס זעלביקע, וואָס זייערע מאַרד־קאָלעגן האָבן געטאָן מיט די וואַרשעווער יידישע פּאַרטיזאַנער און מיט א סך יידישע גרופּעס אין לובלינער געגנט. דאָס הייסט — זיי וואָלטן דאָס אפשר דערגרייכט, ווען נישט דער אומשטאַנד, וואָס „פּאָרויס" האָט געהאַט א שוץ אין דער אָרטיקער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנטקע. דער קאָמבריג וואָיטשעכאָווסקי האָט פאַרהאַמעוועט די אַנטיסעמיטיש־זאָאָלאָגישע אַפּעטיטן פון די א. ק.־ליַיט און געצווונגען דעם קאַפּיטאַן מילאַשעווסקי און זיין חבריה זיך אַרויסצוציען פון דער ביאַלאָוועזשער פּושטשע 43).

איינצלנע פאַרברעכערישע פאַרשוינען האָבן געפּרווט אַריינטריפן דעם אַנטיסעמיטישן סם אויך אין די רייען פון די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. אין דער בריגאַדע „קאַסטוס קאַלינאָווסקי" האָט זיך מיט אָט דער מלאכה פאַרנומען דער ווייסרוסישער רענעגאַט זובאָוויטש, אַן אַנטלאָפענער קריגס־געפאַנגענער. זובאָוויטשעס אַגיטאַציע איז אָבער דערשטיקט געוואָרן מיט א שטאַרקער האַנט דורך דער אָנפירונג פון דער בריגאַדע און האָט נישט געקאָנט אַריינפירן קיין באַדייטנדיקע צעמישונג 44).

נישט געקוקט אויף די אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן, האָבן די אָרגאַניזירטע יידישע פּאַרטיזאַנער געפירט א וויכטיקע קאַמף־טעטיקייט. רעכענענדיק זיך מיט די ספּעציעלע אויפגאַבעס פון א יידישער מחנה, מיט דער רעטונג־אַקציע לטובת יידן, וואָס בלאָנקען אַרום הילפלאָזע אין די וועלדער און וואָס קאָנען אַנטלויפן פון באַהאַלט־ערטער, האָט זיך „פּאָרויס" געהאַלטן אין א באַשטימטער טעריטאָריעלער זאָנע, נאָענט צו ביאַליסטאָק, מחמת דעם האָט געקאָנט טרעפן, אַז די יידישע מחנה זאָל זיך אויף א צייט אָפּטיילן פון דער גאַנצער פאַרייניקונג, אָדער בריגאַדע, וועלכע האָט געמוזט זיך אַוועקרוקן אונטערן דרוק פון דייטשע אָנגריפן, אָדער צוליב העכערע סטראַטעגישע טעמים, מער אויף מזרח. די קעמפער פון „פּאָרויס" האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק נישט אָפּצוטרעטן פון זייער לכתחילהדיקער זאָנע, ווייל דאָס האָט דיקטירט די באַזונדערע שליחות פון דעם יידישן פּאַרטיזאַן 45). בלייבנדיק אויף דעם אַלטן אָרט און באַוועגנדיק זיך נאָר אין נויט־פאַל, אָדער צוליב מאָטיוון פון קאַמף־טעטיקייט, האָט „פּאָרויס" כסדר גענאָסן פון די

---

43) דאָרטן.
44) דאָרטן.
45) דאָרטן; אויך: קאָט, ז' 99.

פאַרבינדונגען מיט דער בריגאַדע און פאַרייניקונג, וועלכע האָבן ווייטער געהאַט די השגחה איבער די יידישע פּאַרטיזאַנער.

„פּאַרויס" האָט געהאַט נאָך איין וויכטיקע פאַרבינדונג מיט דער שטאָט. דורך „פּאַרויס" האָט פון אַט די קאָנטאַקטן אָפט גענאָסן די גאַנצע סאָוויעטישע פאַרייניקונג פון גענעראַל קאָפּוסטאַ.

זינט אַפּריל 1944 זיינען די קעמפער פון „פּאַרויס" איינגעגלידערט געוואָרן אין די אַנדערע אָפּטיילונגען פון דער בריגאַדע; די איינגלידערונג איז געווען א נויטווענדיקייט צוליב דעם, וואָס קיינער פון די ביי־אַנגעקומענע פּאַרטיזאַנער האָט נישט געקענט אַזוי גענוי און אויסגעבונדן די געגנט און די אָרטיקע באַפעלקערונג, ווי די יידישע פּאַרטיזאַנער. שוין פריער האָט נישט געקאָנט זיין קיין קאַמף־אַקציע פון א וועלכן נישט איז אָפּטייל, עס זאָלן נישט צוגעטיילט ווערן צו דער אָפּערירנדיקער גרופּע קיין יידישע פּאַרטיזאַנער. ממילא איז אויפגעקומען די איבערצייגונג צו שאַפן אַן אָרגאַנישע אייניקייט פון די סאָוויעטישע מיט די יידישע פּאַרטיזאַנער. די יידישע קאָמאַנדירן זיינען ווייטער געבליבן מיט זייערע ראַנגעס, למשל — בוימאַץ, בערקנער („סערגיי"), קאָנטאָר („אַנדריי"), בוד („מאַרעק") א. א.46).

---

46) ג"ע פון פ. קאָזשעץ און ק. באַראַקין.

א יידישער פּאַרטיזאַן

(לויט אַ דייטשער פאָטאָגראַפיע)

געכאַפּט אַ אויסבאַהאַלטענעם ייד אין וואַלד

(לויט אַ דייטשער פאָטאָגראַפיע)



Bekanntmachung

1. Jede Person ist verpflichtet, Juden anzuhalten und der nächsten Polizeidienststelle bezw. dem Amtskommissar zuzuführen.
2. Es ist jeder verpflichtet, das in seinem Besitz befindliche jüdische Vermögen sofort bei dem zuständigen Bürgermeister oder Amtskommissar bezw. dem Stadtkommissar in Bialystok anzumelden.
3. Es ist verboten:
   a) Ghettos, Judenwohnungen- bezw. Grundstücke unbefugt zu betreten,
   b) jüdische Vermögensteile sich anzueignen, beiseite zu schaffen oder dritten Personen dazu Beihilfe zu leisten.
4. Wer dieser Anordnung zuwiderhandelt, hat schwere Bestrafung zu erwarten.

Der Oberpräsident
[illegible]

OGŁOSZENIE

1. Każda osoba jest zobowiązana zatrzymywać Żydów i doprowadzać ich do najbliższego posterunku policji lub do amtskomisarza.
2. Każdy jest zobowiązany znajdujące się w jego posiadaniu mienie żydowskie natychmiast zameldować miejscowemu burmistrzowi lub amtskomisarzowi względnie Komisarzowi miasta Białegostoku.
3. Jest wzbronione:
   a) zwiedzać osobom nieuprawnionym getta, mieszkania lub posesje żydowskie,
   b) przywłaszczać mienie żydowskie, roznosić je, lub pomagać w tym osobom trzecim.
4. Kto przeciwdziała temu rozporządzeniu, będzie surowo ukarany.

NADPREZYDENT
Zarząd Cywilny
dla Okręgu Białostockiego

АБВЕСТКА

1. Кожная асоба забавязана затрымліваць жыдоў і даставляць іх у найбліжэйшы урад паліцыі або да амтскамісара.
2. Кожны забавязаны знаходзячуюся ў яго уладаньні жыдоўскую маемасьць зараз-жа заявіць мясцоваму бурмістру ці амтскамісару або гарадзкому камісару у Беластоку.
3. Забаронена:
   а) [illegible]
   б) [illegible]
4. Хто супроцьвіцца гэтаму распараджэньню, будзе цяжка пакараны.

НАДПРЭЗЫДЭНТ
[illegible]

באַקאַנטמאַכונג פון עריך קאָך וועגן יידן

דער אנטיפאשיסטישער קאמיטעט אין ביאליסטאָק

און אין שטאָט איז — נישט געקוקט אויף אלע רדיפות און הריגות — דאָס פייער פון ווידערשטאנד נישט פארלאָשן געוואָרן. אין דריי ערטער האָט ער געטליעט: אין דער תפיסה, וווּ עס זיינען געזעסן די לעצטע רעשטלעך פון געטאָ 1); אויף דער עבודת־פרד־בויונג אין מארקאָוויטשינע, וווּ א פאריתומטע גרופּקע יידישע ארבעטער האָט געבויט א ווילע פאר א דייטשן גענעראל; און — אויף דער פרייער, „ארישער זייט״, אין די אָרעמע צימערלעך פון א גרופּע העלדישע יידישע מיידלעך.

די סאמע רירעוודיקסטע איז, נאטירלעך, געווען די גרופּע פון דער „ארישער״ זייט. דעם קערן פון דער גרופּע האָבן געשאפן די אונז פון פריער שוין באקאנטע מסירת נפשדיקע יידישע מיידלעך, צו וועלכע עס קומען צו פרישע הילפס־כוחות, ווי האנקא זשעלינסקא, יאנקא מאלעווסקא א. א. אין אָנבליק פון דעם געוואלטיקן חורבן, וואָס זיי זיינען אליין זיינע עדות געווען, האָבן זיך פונדעסטוועגן די קעמפערינס נישט מיאש געווען און געגעבן זיך א שבועה: ממשיך זיין די טראדיציע פון געטאָ־ווידערשטענדלער, בעמען נקמה און ראטעווען די, וואָס זיינען ארויס פון דער בראנד־שרפה 2). די מיידלעך האָבן זיך, אונטער דער אָנפירונג פון אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט, פארבונדן סיי מיטן וואלד, סיי מיט די לעצטע האַלעוועשקעס פונם ווידערשטאנד אין תפיסה.

---

1) ג״ע פון י. ריווקינד און י. פענדזוך.
2) ג״ע פון ל. טשאפּניק און א. רוד.

דאָ, אונטער דער סאַדיסטישער ממשלה פון דעם טורמע־שעף קנער־פער, האָט זיך געפונען אַ קליינע גרופּקע לעצטע מאָהיקאַנער פון דער זעלבשוץ, דאָ איז געווען דער מאַטעמאַטיקער יעקב ריווקינד, דער לע־רער צוקערמאַן, דער סטאָליער יאָסל מאַקאָווסקי, וועלכע האָבן מיט אַלע מיטלען איינגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דער גרופּע פון מלכה רוזשיצ־קאַ און ליזע טשאַפּניק. דורך דער גרופּע זיינען די חברים פון דער תפיסה פאַרבונדן געוואָרן — מיט געהיימע פעדים — טיילווייז אויך מיטן וואַלד 3).

די מיידלעך־גרופּע האָט זייער אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער מחנה „פּאַרויס". „לעבנדיק אויף אַרישע פּעסער — שרייבט וועגן דעם ער לעבן־געבליבענער פּאַרטיזאַן ישראל קאַט, — פלעגן זיי קומען צו אונז אין וואַלד, מיטברענגענדיק פון שטאָט אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס און אויך געווער. באַזונדערס אין צייטן פון אַבלאַוועס, ווען מען פלעגט נישט קענען, אַרויסגיין זיך באַוועגן און צוטראָגן שפּייז פאַר די אומבאַוואָפנטע גרופּעס, אין די צייטן, ווען מיר פלעגן זיך געפינען אָפּגעריסן פון זיי — עס איז נישט צו באַשרייבן די גרויסע אויפטוען זייערע" 4). אין נאָ־מען פון דעם שטאָטישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָט זיך קאָנטאַקטירט מיטן סאָוויעטישן שטאַב ליזע טשאַפּניק, וועלכע איז געווען פאָרזיצער פונם קאָמיטעט. זי איז געווען די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן קאָמבריג וואָיטשע־כאָווסקי 5). ביים איבערטראָגן געווער האָבן זיך אויסגעצייכנט מאַרילע רוזשיצקאַ, יאַנקאַ מאַלעווסקאַ א. א. 6).

די וויכטיקסטע אויפטוען פון די מיידלעך אויפן געביט פון העלפן די לעצטע שוץ־זוכנדיקע יידן זיינען באַשטאַנען אין דערטיילן זיי הילף, אַן אָרט צו זיין און אין אַריבערשיקן זיי דערנאָך אין וואַלד. אָט דער טע־טיקייט האָט זיך געווידמעט קודם־כל די נייע חברטע, וואָס איז צוגעקו־מען צו דער גרופּע — די ווילנערין ריווע מאַדייסקאַ. אינאיינעם מיט מלכה רוזשיצקאַ און ליזע טשאַפּניק האָט מאַדייסקאַ צוגעגרייט און אַדורכגע־פירט דאָס אַנטלויפן פון תפיסה פון יידן, וועלכע פלעגן ביי זיי איבער־נעכטיקן און דערנאָך ווערן אַריבערגעפירט אין וואַלד אַריין 7). די זעל־ביקע העלדישע מיידלעך האָבן בכלל געראַטעוועט אַ סך יידן, אַנטלאָ־

---

3) ג"ע פון י. ריווקינד און י. פּענדזוך.
4) קאַט, ז' 89.
5) ג"ע פון א. רוד; גראָסמאַן, ז' 419.
6) ג"ע פון ע. בוימאַץ, גראָסמאַן, 4145.
7) ג"ע פון י. ריווקינד.

פענע פון די וואגאנען, אדער שוין פון די טויט־לאגערן. צווישן אנדערע האבן זיי געראטעוועט דעם גאניאנדזער שמיד לייזער רובין, וועלכער האט זיך באטייליקט אינם אויפשטאנד אין טרעבלינקע דעם 2־טן אויגוסט 1943 און איז פון דאנען אנטלאפן קיין ביאליסטאק. דא האט ער זיך די ערשטע צייט באהאלטן אין דער קירך פון הייליקן ראך, ביז א פוילישער שוסטער האט אים פארבונדן מיט די מיידלעך, וועלכע האבן דעם העלדישן שמיד געבראכט אין וואלד. לייזער רובין איז געפאלן אין קאמף 8).

די איבערגעגעבענע און אומדערמידלעכע ריווע מאדייסקא איז אומגעקומען מיט א מארטירער־טויט.

אין גאס איז זי דערקענט געווארן דורך שפיצלעס, זי איז אנטלאפן צו זיך א היים, די רוצחים האבן זי נאכגעיאגט און אויפן הויף דערשטאכן מיט באגנעטן. כדי בישט אויסצוגעבן זיך און אנדערע, האט מאדייסקא געשריגן „א, יעזו!‟. די קריסטלעכע שכנים, זייענדיק איבערצייגט, אז דאס איז אן עכטע אריערין, האבן ריווען איינגעארדנט א פרומע לוויה אויפן קאטוילישן צמענטאר מיטן אנטייל פון א כומר 9).

גרויסע פארדינסטן פאר דער טעטיקייט פון אנטיפאשיסטישן קאמיטעט האט אין יענעם פעריאד געהאט כאסיע ביעליצקא, וועלכע האט — חוץ אנדערע אויפטועו — איינגעהאלטן קאנטאקט מיט א ווייסרוסישן קעמפער וואלאדיא, וועלכער האט געראטעוועט יידן און באשטראפט אנטיסעמיטן 10).

די מיידלעך־גרופע האט געפירט די געפערלעכע ארבעט אזוי דרייסט, און איינצייטיק אזוי געשיקט, אז זי האט זעלטן ווען געליטן א דורכפאל — חוץ דער טראגישער פאסירונג מיט ריווע מאדייסקא.

די גרופע פון ביאליסטאקער אנטיפאשיסטישן קאמיטעט ווערט מיט לויב דערמאנט אין דעם באפעל פון גענעראליסימוס סטאלין לכבוד דעם באפרייען ביאליסטאק דורך דער סאוועטישער ארמיי.

---

8) ג״ע פון ק. בעראקין; אויך — טאלקס פארטיזאנישער ארכיוו.
9) ג״ע פון ל. טשאפניק און ח. גראסמאן.
10) גראסמאן, ז״ז 383, 385.

קאפיטל דריי

די פּאַרטיזאַנישע נקמה

די געשיכטע פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין די ביאַליסטאָקער וועלדער איז א קייט פון כסדרדיקע שלאַכטן מיטן שונא. דאָס איז א געשיכטע פון דעם קאַמף־המשך פון די יידישע נקמה־נעמער. בפרט די טעטיקייט פון „פּאַרויס" איז געווען א פאַרצווייגטע. זייגע אָפּעראַטיווע גרופּעס פלעגן אריינפאלן בייגאכט אין שטעטלעך און דערפער, אראָפּרייסן דייטשע אנטיסעמיטישע און יידן־פרעסערישע פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַקאַטן און באַקלעבן די מויערן מיט אנטיהיטלעריסטישע לאָזונגען און קאַריקאַטורן 1).
די פּאַרטיזאַנער האָבן געשאַפן פאַרבינדונגען מיט די לעצטע יידן. אין יענע פאַרבליבענע קליינע געטאָס, וואָס האָבן נאָך עקזיסטירט, געגוססט, אין דעם שארית־הפליטה־געטאָ פון דער שטאָט וואָלקאָוויסק האָבן די פּאַרטיזאַנער געהאט אייגענע מענטשן אפילו אינם יודענראַט. דאָ האָט געווירקט דער מעדיצין־דאָקטאָר וויינבערג, וועלכער האָט געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, באַזאָרגט מיט וועש, מעדיקאַמענטן, שפּייז און אָפּעריִרט פאַרוווּנדעטע. דער מוטיקער דאָקטאָר איז סוף כל סוף אריינגעפאלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און ליבערשט געוואָלט אויף זיך נעמען דעם גרויזאַמען טויט אײדער אויסגעבן דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער. מיט א געהויבענעם קאָפּ איז ער געגאַנגען צו דער תליה און פאַרענדיקט זיין לעבן מיטן אויסגעשריי: „איר, דייטשן, וועט דאָ אייביק נישט זיין! אלעמען וועט איר נישט אויסראָטן!" 2) .

---

1) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקא.
2) ג"ע פון ל.טשאַפּניק און א. רוד.

איבערפאלן אויף דייטשע פּאָסטנס, אויסרייסן באַן־רעלסן, אויפרייסן מיליטערישע סקלאַדן, צונעמען רעקווירירטע תבואה — דאָס איז געווען דער רעאַליזירטער פּראָגראַם פון „פּאַרויס", ווי פון דער גאַנצער בריגאַדע „קאָסטיוס קאַלינאָווסקי" 3). עס זיינען אויסגעלענקט געוואָרן פון די באַן־רעלסן עשאַלאָנען פונם שונא ביי סטאַראָסיעלץ, ביי האָראָדאָק, עס זיינען צעשטערט געוואָרן די רעלסן פון באַן־קנופּ־ליניע ביי וואָלקאָוויסק, עס איז מינירט געוואָרן דער קרינקער שאָסיי, עס זיינען אויף די פּאַרטיזאַנישע מינעס אויפגעריסן געוואָרן דריי לאַסט־אויטאָס מיט מיליטער און א טראַנספּאָרט מיט „טיגערס", וואָס איז געגאַנגען צום מזרח־פראָנט; אַרום דעם זעלביקן שטעטל קרינעק זיינען איבערגעשניטן געוואָרן די טעלעפאָן־דראָטן אויף א מהלך פון דריי קילאָמעטער, און עס איז אין שטעטל אויפגעריסן געוואָרן די עלעקטראָסטאַנציע 4). עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן טיפע אויסשפּיר־רעידן, א שטייגער היינטער גראַיעווע, עס פלעגט אָפט ווערן איבערגעריסן די קאָמוניקאַציע פונם שונא אויף דער ליניע ביאַליסטאָק — וואָלקאָוויסק — באַראַנאָוויטש. דאָס אַלץ איז בלויז א טייל פון די אויפטוען פון די יידישע נקמה־נעמער 5).

„פּאַרויס" האָט געהאַט זיינע פאַרבינדעטע דערפער, זיין הינטערלאַנד, וואָס האָט אים טיילווייז פאַרטרעטן אין פרט פון באַזאָרגונג דאָס געטאָ. דאָס זיינען געווען די פּוילישע דערפער דוואָזשיסק, קשעמיענע, קאָנעע, וואָס זייערע תושבים, אָרעמע לאַנדווירטן 6), האָבן צוגעשטעלט די יידישע פּאַרטיזאַנער עסנוואַרג, ווינטער־מלבושים, אינפאָרמאַציעס. א פאַרבינדלער צווישן די דערפער און די יידן איז געווען דער פּאַליאַק קאַטשאַנאָווסקי, א געוועזענער סערזשאַנט פון דער פּוילישער אַרמיי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געזאַמלט געווער און פאַרמאָגט אייגענע מאַגאַזינען אונטער דער ערד 7). הילף פאַר די יידישע נקמה־נעמער האָט אָרגאַניזירט דער דוואָזשיסקער סאָלטיס זאַכאַר סלאָווינסקי, וועלכן די דייטשן האָבן אַרעסטירט, אָבער ער האָט קיינעם נישט אויסגעגעבן 8).

עס זיינען אויך געווען פיינטלעכע דערפער, ווו מ'האָט געמוזט נע־

---

3) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.

4) ג"ע פון מ. בוך; אויך — גראָסמאַן, 404; דאָס איז געמאַכט געוואָרן ביי דער מיטהילף פון פּוילישן אינזשיניער רעמידאָוויטש.

5) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ, מ. בוך, ע. בוימאַץ, פּ. קאָזשעץ, ל. טשאַפּניק.

6) קאָט, ז' 108.

7) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.

8) ג"ע פון ש. דאַטנער.

מען באשפּייזונג בכוח און באקעמפן די אנטיסעמיטישע און רעאקציאָנערע שטימונגען 9).

מיט כסדרדיקע שטראָף־עקספּעדיציעס האָט דער שונא פאַרפאָלגט די יידישע מחנה. „פּאַרויס" איז געווען מער ווי אנדערע אָטריאַדן פון דער פאַרייניקונג אויסגעשטעלט אויף די אָנגריפן פונעם שונא, ווייל די יידישע מחנה האָט דאָך פאַרנומען א פּאָזיציע א צומערסטן אַרויסגערוקטע אויף מערב, אויף אויסן. אָפטע בלאָקאַדעס האָבן געדאַרפט „אויסרויכערן" די יידן פון וואַלד, ליקווידירן די פּאַרטיזאַנער. „פּאַרויס" האָט זיך פאַרטיידיקט און ווען מען האָט געמוזט — האָט ער מאַנעווירט, זיך איבערגעטראָגן פון אָרט צו אָרט.

שלאַכטן מיטן שונא האָט נאָך געהאַט געפירט די פּיאָנערישע יידישע פּאַרטיזאַנישע גרופּע פונעם קאָמאַנדיר מאַקסים, וועלכער איז אומגעקומען ביי ליפּאָווי מאָסט, איינער פון די וואָס זיינען אַרויס גאַנץ פון אָט דער פאַרביסענער שלאַכט. דער פּאַרטיזאַן פּנחס קאָזשעץ (פּאַוועל), האָט זיך דערנאָך אויסגעצייכנט ביי פאַרשידענע קאַמף־געלעגנהייטן 10).

דער ווייטערדיקער גרויסער אויפטו פון די יידישע וואַלד־קעמפער איז געווען די העלדישע אַקציע אין מערץ—אַפּריל 1943, ווען עס איז דורך „פּאַרויס" באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן אין זאַבלודאָווע און קרולאָווי מאָסט א גרופּע פון זעקס און צוואַנציק סאָוויעטישע אָפיצירן, קריגס־געפאַנגענע. די געוואַגטע זאַך איז פּלאַנירט געוואָרן אין שטאָט, צוזאַמען מיטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן אין א זונטיקדיקן טאָג. ווען די געפאַנגענע זיינען שוין געווען אויף דער פריי אין וואַלד און האָבן זיך פאַראייניקט מיט די יידן, זיינען די דייטשן מיטאַמאָל געפאַלן אויף זייערע שפּורן און אַרומגערינגלט דאָס וואַלד. א דאַנק דער טאַקטיק פון די „פּאַרויס"־חברים איז די גאַנצע גרופּע אַרויס פון דער בלאָקאַדע אָן פאַרלוסטן. די סאָוויעטישע מענטשן זיינען באַזאָרגט געוואָרן דורך די יידן מיט געווער. א געוויסע צייט האָבן ביידע גרופּעס געווירקט צוזאַמען אונטער דער אָנפירונג פון א בשותפותדיקן שטאַב. דערנאָך זיינען די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער אַוועק — לויט א באַפעל — אויף מזרח, די יידישע זיינען געבליבן אויפן אָרט 11).

---

9) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקא.

10) דאָרטן.

11) ג"ע פון מ. בוך און ל. טשאָפּניק.

צווישן אפריל און יולי 1943 האָט געהאַט אָן אָרט די שלאַכט ביים דאָרף באָבקאָווי גרוד 12).

די פערטע גרעסערע שלאַכט מיט די דייטשן איז פאָרגעקומען דעם 15־טן, יולי 1943 הינטערן דאָרף ריבניק. דאָ האָט זיך געפונען אַ צווייטע פּיאָנערישע יידיש־פּאַרטיזאַנישע גרופּע, וועלכע איז בשעתּה מאָביליזירט געוואָרן דורך יהודית נאָוואָגרודזקאַ. אין קאַמף איז דאָ אומגעקומען דער פּאַרטיזאַן פּישל באַק, אַן אָפּשטאַמיקער פון לוואָוו, אַן אַנטלאָפענער פון דעם קריגס־געפאַנגענלאַגער אין לובלין 13).

אין יולי 1943 ווערט דורך דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט פּלאַנירט און דורך „פאָרויס" אַדורכגעפירט די באַפרייונג פון דער גרופּע מעדיקער, סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע אין ביאַליסטאָק. ביי דער אָפּעראַציע האָבן זיך אויסגעצייכנט די קעמפער העניעק און סעוועק פּעלץ. די סאָוויעטישע מעדיקער האָבן די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן צווישן זיך אַ חבר אַ ייד, אַ געוויסן דוד, און אים נישט אויסגעגעבן. אין וואַלד האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט ווי אַ באַזונדערע גרופּע א. נ. מעדיקער 14).

ביז דער צייט האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער געבילדעט אַ באַזונדערן יידישן אָטריאַד „פאָרויס". אָבער די יידן האָבן געפילט, אַז אַליין וועט זיי זיין זייער שווער צו פירן דעם ווייטערדיקן קאַמף. ווי אַ קליינע פּאַרטיזאַנישע גרופּע איז אַז אַן ערך שווערער צו עקזיסטירן איידער אַ טייל פון אַ גרעסערער פּאַרטיזאַנישער משפּחה. חוץ דעם האָט דער אַקטיוו פון „פאָרויס", ווי אַ פּאָליטיש אַנטוויקלטער עלעמענט, געשטרעבט צו שאַפן אין ביאַליסטאָקער געגנט אַ שטאַרקן פּאַרטיזאַנישן צענטער צו פאַראייניקן די צעשטרייטע גרופּעס, וועלכע האָבן אָפּערירט יעדע אויף אייגענער האַנט אין דער געגנט. דעריבער האָט „פאָרויס" די גאַנצע צייט פון אָנהויב אָן געזוכט קאָנטאַקטן אין די אַרומיקע וועלדער מיט די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. און אין דער זעלביקער צייט האָט אויך דער צווייטער צד — דער צענטער פון דער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין יענער געגנט — געזוכט קאָנטאַקטן מיט די יידישע קעמפער. און נעמלעך: מיט אַ צייט פריער האָט זיך פאָרמירט אַ פּאַרטיזאַנישע פאַראייניקונג אין דער געגנט פון וויעליקי־לוקי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל קאַפּוסטאַ; די דאָזיקע פאַראייניקונג, וועלכע האָט לכתּחילה גע־

---

12) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ.
13) ג"ע פון פ. קאָזשעץ און מ. בוך.
14) דאָרטן; אויך — ג"ע פון ק. באַראַקין.

ציילט הונדערטער, האָט זיך געריקט אויף מערב אזש קיין מערב־ווייס־רוסלאנד אריין און אויפן וועג ווערבירט אלץ מער קעמפער, צייענדיק צום סוף טויזנטער. אומעטום האָט די דאָזיקע נקמה־נעמערישע סאוויעטישע מחנה געוואָקסן פון דער באדייטנדיקער הילף ומצד די צעוואָרפענע קליינע יידישע פארטיזאנישע גרופעס. געפינענדיק זיך אין דער געגנט פון סלאָנים, האָט זיך גענעראל קאפוסטא דערוווסט פון יידישע פארטיזאנער וועגן דעם, אז סאשע סאָכאַטשעווסקי, וועלכער איז פריער געווען אין די סלאָנימער וועלדער, געפינט זיך מיט א יידיש־פארטיזאנישער גרופע ביי ביאליסטאָק. אזוי אַרום האָט גענעראל קאפוסטא שוין געהאט אויפן אויג א קינפטיקע באזע פאר זיך אין דער ביאליסטאָקער געגנט — דעם אָטריאד „פאָרויס". חוץ דעם איז די סאוויעטישע פארייניקונג געגאנגען אין קאמף צווישן אנדערע אויך מיט סטאלינס אויפגאבע: „סאָכראניט נאראָד" און „ספאסאט מירנאָע נאסיעלעניע" — איינהיטן דאָס פאָלק און ראטעווען די פרידלעכע באפעלקערונג; און דאָס האָט דאָך אויך באטייט ראטעווען די יידן 15).

דער שטאב פון „פאָרויס" האָט נאָך פריער ארויסגעשיקט אויסצוגעפינען קאָנטאקטן מיט די סאוויעטישע פארטיזאנער די פארבינדלער חוה שווארץ, מלכה רושיצקא און יעקב ריווקינד, דערנאָך מארדעצקי („וואסיא"), מאקאָווסקי („פעדקא"), יאקוב. אין חודש יולי 1943 איז געלונגען צו דערפירן צו א קאָארדינאציע פון די אָרטיקע צעשטויבטע פארטיזאנישע אָפטיילונגען. אינם קאָארדינירטן שטאב גייען אריין: דריי סאוויעטישע קאָמאנדירן (אפאנאסיעוויטש, יוריעק און נאָך איינער, א פאָלקאָווניק) און דער יידישער קאָמאנדיר סאשא. אין א צייט שפעטער זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן צום גענעראל קאפוסטאס שטאב דער מיטגליד פונם שטאב פון „פאָרויס" משה בוך און דער פארטיזאן עליע ווראט 16).

אין דער זעלביקער צייט ווערט דורך גענעראל קאפוסטא ארויסגעשיקט אין די ביאליסטאָקער וועלדער, אין דער ריכטונג צו „פאָרויס" די בריגאדע פון גענעראל וואָיטשעכאָווסקי. און איינצייטיק פליט ארויס פון מאָסקווע א דעסאנט אויך מיטן ציל צו פארייניקן זיך מיט „פאָרויס" 17).

און דערווייל אין חודש אויגוסט 1943, אין דער צייט פון די לעצטע קאמפן אין ביאליסטאָקער געטאָ, האָט זיך אָפגעשפילט א פארביסענע

---

15) דאָרטן.
16) ג"ע פון ש. לאווא.
17) ג"ע פון מ. בוך, פ. קאָזשעץ און ק. באראָקין.

שלאכט פון די פּאַרטיזאַנער מיט די דייטשן אין דעם וואַלד־רעוויר נומער 54 (די פּאַרטיזאַנער האָבן צעטיילט דעם וואַלד אויף רעווירן און באַצייכנט מיט ציפערן) אונטער איזאַבע; מיט די פּאַרטיזאַנער האָט אָנ־געפירט יונה סאָכאַטשעווסקי; אין שלאַכט זיינען געפאַלן צוויי יידן: חיים קאַן פון זדונסקע וואָליע און אַלעקסעי; דאָס זאָל האָבן פאָרגעקומען דעם 20־טן אויגוסט 1943; אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט זיך אויסגעצייכנט דער שפּעטערדיקער קאָמאַנדיר שיע קאַנטאָר („אַנדריי"), אַ בחור פון קעלץ, וועלכער האָט דער ערשטער פאַרקניפּט די שלאַכט מיט צוואַנציק דייטשן, וואָס האָבן געפּרוווט זיך אַריינרייסן אין וואַלד 18).

דעם 25־טן אויגוסט 1943 פּאַסירט אין וואַלד אַן אומגליק־פאַל. צוויי פּאַרטיזאַנער פון חיים לאַפּטשינסקיס גרופּע יואל קיסלער און גרישע לונסקי וועלכע געפינען זיך נאָענט צו ביאַליסטאָק סך־הכל 8 קילאָמע־טער פון דעם ברענענדיקן געטאָ, קומען אום פון אַ באָמבע־אויפרייס 19).

אביסל שפּעטער קומען פאָר צוזאַמענשטויסן צווישן אָפּעראַטיווע יידי־שע גרופּעס און דייטשן אין די קנישינער וועלדער און ביים ראַנד פון סופּראַסלער מאַסיוו 20).

אין זעלביקן חודש אויגוסט מאַכט אַ טייל פון „פּאַרויס" אונטער דער אָנפירונג פון עליע וואַראַט אַדורך אַ געוואַגטן רייד ווייט אויף צפון אין דער ריכטונג צו באַראַנאָוויטש. די גרופּע שפּאַנט אַדורך דעם מהלך פון 450 קילאָמעטער אין כסדרדיקע צוזאַמענשטויסן מיטן שונא, רוקט זיך אונטער ביז לידע און בינדט אָן אַ קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע ווייטע אָפּ־טיילן פון גענ. קאַפּוסטאַס פאַרייניקונג. אויפן צוריקוועגס פאַרקניפּן זיך פרישע שלאַכטן מיטן שונא, באַזונדערס שאַרף זיינען די קאַמפן אין ביאַ־לאָוויעזשער פושטשע, ביים דאָרף האָלוווקאַ און ביים טייך זעלווע. די יידישע גרופּע ווערט אויף אַ קורצער צייט צעקלאַפּט, די חברים מוזן אַ געוויסן מהלך דורכמאַכן איינציקווייז, כדי שפּעטער זיך באַנייס צו פאַראייניקן 21).

וואָס שייך דעם חודש אויגוסט 1943, איז נויטיק אונטערצושטרייכן נאָך איין וויכטיקן פאַקט, וואָס האָט אַרויסגערופן אָנערקענונג און לויב ביי די יידישע פּאַרטיזאַנער. ווען עס הייבט זיך אָן די לעצטע ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ, ברענגט דער דרייסטער און ריזיקער פאַר־

---

18) דאָרטן.
19) טאַלקס פּאַרטיזאַנישער אַרכיוו.
20) דאָרטן.
21) ג"ע פון מ. בוך.

בינדלער משה בוך („מאַרעק") צו די פּאַרטיזאַנער פון דעם פאַרייניקונג־שטאַב די היסטאָרישע אינסטרוקציע פון גענעראַליסימוס סטאַלין וועגן ראַטעווען די ציווילע באַפעלקערונג, די יידן פון די געטאָס, לאַגערן און וועלדער, און עוואַקוירן זיי אין טיפן פּאַרטיזאַנישן לאַנד און ווייטער 22).

נאָכן שווערן, טראַגישן חודש אויגוסט גייט דאָס פּאַרטיזאַנישע לעבן ווייטער. פרישע צוזאַמענשטויסן, אָנפאַלן פונם שונא און איבערפאַלן פון די קעמפער אויף די דייטשן.

דעם 21־טן סעפטעמבער 1943 פאַלט אַריין א גרופּע אין א דייטשן לויער־פּונקט אין דעם צוועלפטן פּאַרטיזאַנישן רעוויר אין די סופּראַסלער וועלדער. עס קומען דאָ אום אין אומגלייכן קאַמף די פּאַרטיזאַנער האַנקע סטריקאָווסקא און יאַנקל מלמד („איוואַן") 23).

האַרבסט־צייט זיינען די אָנגריפן פון די דייטשן געוואָרן אָפטער און האַסטיקער; דער שונא האָט געוואָלט אויסנוצן דאָס פאַרערגערן זיך פונם וועטער, כדי צו פאַרמאַטערן דעם קעגנער. דעם 25טן סעפּטעמבער 1943 קומט צו א שלאַכט אין איזאָבער וואַלד. מיט די פּאַרטיזאַנער פירט אָן יונה סאָכאַטשעווסקי. די פאַרטיידיקונג איז זייער באַשוועדט, ווארעם דעם שונא האָט מאָביליזירט געוואַלטיקע קרעפטן און בלאָקירט דעם וואַלד, איבער־רייסנדיק איינצייטיק די פאַרבינדונג פון סאַשעס גרופּע מיט דער גאַנצער בריגאַדע.

די יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען געווען מיד — אָקאָרשט דורכגעפירט א שווערע עקספּעדיציע אינם דאָרף קאַראַקלע. די לאַגע פון די יידישע פּאַרטיזאַנער איז געווען באַשווערט דורך נאָך איין אומשטאַנד — זיי האָבן געפירט ציווילע פרויען, וועלכע מ'האָט געמוזט פאַרדעקן פאַרן שונאס קוילן און ראַטעווען.

דאָס אָרט פון די פּאַרטיזאַנער האָט אויסגעגעבן דער וואַלד־וועכטער קאַראַבאָוויטש, א שפּיאָן פון די דייטשן 24).

דאָס איז געווען די ביטערסטע שלאַכט פון „פּאָרויס". מיט גרויס גבורה האָט זיך אויסגעצייכנט דער יונגער יחיאל זייפּמאַן („הילעק"), וועלכער האָט באַדינט דעם פּולעמיאָט. ווען ער איז געפאַלן, אַריינפאַקנדיק א פריער א סעריע קוילן אין דעם פאַרעטער קאַראַבאָוויטש, האָט זיין פּלאַץ ביים קוילן־וואַרפער פאַרנומען מישע קאַפּלאַן; אָבער אויך אים האָט אוועק־

22) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ און מ. בוך.
23) טאַלקס פּאַרטיזאַנישער אַרכיוו.
24) ג"ע פון ש. לאַווא.

געלייגט דעם שונאס קויל. עס איז געפאלן העגעך פארבער („קאוואדלע").
א שווער פארוואונדעטע מיט דום־דום־קוילן איז געבליבן ליגן רבקה וואיסקאווסקא. פארוואונדעט איז געווארן שמחה לאווא („סעמיאן"). געפאלן זיינען די צוויי העלדישע פארטיזאנערינס רוזשקע פעכנער און מיטע ליפשיץ, וועלכע האבן תמיד געדינט ווי א ביישפיל פאר אנדערע 25).
צווישן די לעצטע איז געבליבן דער קאמאנדיר — יונה סאכאטשעווסקי.
די דייטשן זיינען שוין אריינגעדרונגען אין וואלד, האבן זיך דער־נענטערט, ארומגערינגלט דעם פארטיזאנישן רעוויר. פארן קאמאנדירס פיס איז געלעגן דער דורכגעלעכערטער קערפער פון זיין פרוי און מיט־קעמפערין פאניע.
די שלאכט איז געווען פארשפילט.
סאשע האט אויסגעקערעוועט דעם פיסטויל אין דער אייגענער שליף. ער האט נישט געוואלט אריינפאלן א לעבעדיקער אין די הענט פונעם שונא 26).
אזוי איז אומגעקומען דער קאמאנדיר פון פארטיזאנישן אטריאד פון די ביאליסטאקער יידן — יונה סאכאטשעווסקי.
אבער דער יתר הפליטה פון „פארויס" האט ווייטער געפירט דעם קאמף אין וואלד.
דער חודש נאוועמבער 1943 איז ווידער רייך אין שלאכט־געשעענישן. אין איזאבער וואלד דערגייט צו א קאמף. אין אומגליקלעכער שלאכט פאלן אכט יידישע נקמה־נעמער, בתוכם דער העלדישער באטעק גאלדשטיין און דוד וורא נע 27).
סוף ווינטער 1943 רינגלען ארום די יידישע פארטיזאנער אונטער דער אנפירונג פון עליע בוימאך, פאוועל און שלום קאזשעץ אין בודזינער מא־סיוו א ווילדן אטריאד, וואס רויבט און פראוועט אוואנטורעס, און מאכט אים אומשעדלעך 28).
דאס יאר 1944 עפנט זיך מיט א שטארקער שלאכט הינטערן פריינט־לעכן דארף דוואזשיסק. דאס איז געווען דעם צוויינטן יאנואר. די דייטשן האבן געהאט צוגעגרייט א גרויסע אבלאווע. מיט די פארטיזאנער פירט איצט אן שעפסל באראוויק. אין קאמף פאלן יאשקע קאווע, טאניע ביבער פון ווארשע, איר מאן ראובן לעווין („סערגיי"), מאטל טארטאצקי, א שי־

25) ג"ע פון ש. דאטנער.
26) ג"ע פון ר. וואיסקאווסקא, ש. קאנטאר און ש. לאווא.
27) ג"ע פון ק. באראקין.
28) ג"ע פון ע. בוימאך און פ. קאזשעץ.

לערער פון דער העברעישער גימנאזיע אין ביאליסטאָק, די פלעגערין טייבל פון ווילנע (פאמיליע־נאָמען נישט באקאנט). איך קעמפער, דער שרעק־לאָזער פולעמיאָט־שיסער פנחס צעלניקער („פאווועל") פאלט אריין א לעבע־דיקער אין די הענט פונם שונא און קומט אום נאָך שווערע עינויים 29). אין דער שלאכט זאָל אויך האָבן געפאלן דער געטאָ־דיכטער לייבל וויי־שטיין 30).

אין אָט דער שלאכט האָט זיך אויך באטייליקט מארילקע רוזשיצקא, וועלכע איז גראָד געקומען פון שטאָט מיט באזאָרג־מיטלען פאר די פאר־טיזאנער 31).

נישט געקוקט אויף די שווערע פארלוסטן פונם צווייטן יאנואר, פירן דורך די פארטיזאנער דעם זעלביקן חודש פרישע אקציעס. בעת איי־נער פון די דאָזיקע עקספּעדיציעס, הינטערן דאָרף קשעמיענע פאלן ווידער עטלעכע קעמפער, בתוכם עפּשטיין, קאפּלאנסקי („שפּיץ"), אפרים קאַץ („קיזשיאק") 32).

דעם 9־טן אפּריל 1944 פארקניפּט זיך א שלאכט צווישן אן אָפּעראַ־טיווער גרופּע פון די פארטיזאנער מיט אן אָפּטיילונג פון וולאסאָוו־פאַ־רעטער ביים טייך סופּראסל 33).

אין דעם דאָזיקן חודש אפּריל איז די שטימונג פון די פארטיזאַ־נער געוואָרן א געהויבענע. די אָנפירונג פון „פּאַרויס" באקומט א שיפר־ידיעה פונם הויפּט־שטאב, אז די רויטע ארמיי רוקט זיך מיט ריזן־שריט אויף מערב און אז דער שונא אנטלויפט אין בהלה. דער שטאב באפעלט צו בלייבן אויפן אָרט און צוטרעטן צו ענערגישע פאר־פאלגונגען פונם אָפּטרעטנדיקן פיינט. באלד נאָך דער ידיעה האָבן די יידישע גרופּעס צעקלאפּט א ריי דייטשע גארניזאָנען אין די באפעל־קערטע פונקטן פון זאמקאָווער וואלד 34).

אין יוני קומט צו אן ערנסטן צוזאמענשטויס מיט א וולאסאָוו־אָפּ־טיילונג אין דער ליפּיטשאנער פושטשע. עס פאלט מיט א העלדן־טויט

29) דאָרטן; און אויך קאַט, ז' 108.
30) לויט גראָסמאַן איז וויינשטיין געפאַלן דעם 4-טן נאָוועמבער 1943 („אנשי המחתרת" ז' 401).
31) ג"ע פון ע. בוימאַץ און פ. קאָזשעץ; אויך — קאַט, דאָרטן.
32) טאלקס פארטיזאַנישער אַרכיוו.
33) ג"ע פון מ. יאַניש.
34) ג"ע פון מ. בוך.

דער פּאַרטיזאַן יאַנקל גראַיעווער 35). אין חודש יוני קומט אום דער פּליט פון טרעבלינקע רובין ביים ראַמעוועך א פּאַרטיזאַן א סערב 36).

די יידישע נקמה־נעמער וועלן איינגיכן מקיים פּסק זיין די מנובלים פון דער וולאסאָוו־פאָרמאַציע. אין יולי־חודש ווערט דאָס צוריקלויפן פון די דייטשן א באשיימפּערלעכע זאַך. די ראָל פון די פּאַרטיזאַנער איז שוין איצט אַן אַנדערע — מיטווירקן מיט דער אָנגרייפערישער רויטער אַרמיי, אָרגאַניזירן א גוטן שלאַכט־אויסשפּיר פאַר די סאָוויעטישע שטאַבן, באַאומרויקן דעם צוריקלויפנדיקן שונא 37). אויפן גראָדנער שאָסיי לייגן אויס די יידישע פּאַרטיזאַנער א מרחק פון 4—5 קילאָמעטער מיט מינעס און רייסן אויף יעטוועדע פאַרבינדונג פונם שונא. קליינע גרופּעס צו 10—12 פּערזאָן לאָזן זיך אויפן גאַנצן וועג צווישן ביאַליסטאָק און וואָלקאָוויסק און מאַכן א חורבן אין דער קאָמוניקאַציע, באַשווערנדיק די דייטשן זייער צוריקמאַהש 38). אין יענער צייט ווערט, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אין קרינעק אויפגעריסן די עלעקטראָסטאַנציע. די פּאַרטיזאַנער מאַכן לויער־פּונקטן און לאָקערן אויף די דייטשן. בעת איינער אזא אַקציע זיינען אין די הענט פון די יידישע קעמפער אריינגעפאַלן צוואַנציק וולאַסאָוו־לייט. א ברוך־טייל פון יידישן געריכטיקן בקמה־געפיל איז געשטילט געוואָרן 39).

די פּאַרטיזאַנער — הגם זייערע רייען זיינען געוואַלטיק שיטער געוואָרן און אַליין זיינען זיי געווען אָפּגעשוואַכט פון די שווערע איבערלעבענישן — האָבן זיך געפילט אַלץ פעסטער און זיכערער. האַרט פאַרן אָנקום פון די רויטאַרמייישע טיילן האָבן זיי נאָך פאַרקניפּט א שלאַכט מיט אַן אָפּטיילונג פון דייטשער קאַוואַלעריע 40).

די שארית הפּליטה פון „פּאַרויס" האָט געקעמפט אָן איבעררייס ביז דאָס וואַלד האָט דערהערט די דונערנדיקע הורראַ־געשרייען פון דער זיגערישער סאָוויעטישער אַרמיי.

מיט די ערשטע סאָוויעטישע טיילן פון צווייטן ווייסרוסישן פראָנט אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל־פּאָלקאָווניק זאַכאַראָוו זיינען די פאַרבליבענע פּאַרטיזאַנער דעם 27־טן יולי 1944 פיר א זיגער נאָך־

35) ג"ע פון ק. באַראַקין, ע. בוימאַץ, ש. דאַטנער און מ. בוך.
36) דאָרטן.
37) ג"ע פון ר. וואָיסקאָווסקאַ און מ. בוך.
38) ג"ע פון ע. בוימאַץ און מ. בוך.
39) ג"ע פון ל. טשאַפּניק און א. רוד.
40) קאַט, ז' 128.

מיטאָג אריין אין ביאַליסטאָק, וואָס איז געשטאַנען אין פלאַמען. פאַרויס האָט געשפרייזט די גרופּע פון עליע בוימאַץ (41). דער יידישער נקמה־נעמער איז אוועק אויף קבר־אבות — איבער די חורבות פון אָפּגעמעקטן ישוב.

ער האָט אָנגעטאָן אַ רויטאַרמייאישן שינעל און איז אוועק ווייטער, צוזאַמען מיט דער באַפרייערישער אַרמיי, אויף מערב.

---

41) ג"ע פון א. מאַנעלים.

ק א פ י ט ל פ י ר

די באַדייטונג פון דער יידישער פּאַרטיזאַנישער מחנה אין די ביאַליסטאָקער וועלדער

די יידישע פּאַרטיזאַנער פון די ביאַליסטאָקער וועלדער האָבן — פּונקט ווי די געטאָ־קעמפער — אָפּגעשפּילט א וויכטיקע ראָל אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנישער און ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין יענער געגנט. די ראָל און באַדייטונג פון דעם יידישן פּאַרטיזאַנישן ווידער־שטאַנד בפרט קאָן מען פאָרמולירן אין די פאָלגנדיקע עטלעכע פּונקטן:

1. די פּאַרטיזאַנישע באַזע, וואָס די יידישע קעמפער האָבן געשאַפן אין וואַלד, האָט אָפּגעשפּילט פאַר די יידן א באַזונדערס וויכטיקע ראָל אין דער תקופה, ווען עס האָט נאָך עקזיסטירט דאָס געטאָ. דער פאַקט, וואָס ניש׳ט ווייט פון דער שטאָט געפינט זיך א יידיש־פּאַרטיזאַנישע מחנה, האָט שטאַרק פּאָזיטיוו געווירקט אויפן זעלבסטגעפיל פון די געטאָ־אסירים. די פּאַרטיזאַנישע באַזע אין וואַלד איז געוואָרן אַן אַזיל פאַר די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון געטאָ. דאָס איז געווען דער נקמה־פאַקטאָר, אויף וועלכן עס זיינען געווען געווענדט א סך געטאָ־אויגן.

2. די באַדייטונג פון דער פּאַרטיזאַנישער באַזע האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעוויזן פאַר וויכטיק אין דער צייט, ווען עס האָט געבושעוועט די ליקווידאַציע און ווען עס איז פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד. עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן געטאָן, כדי צו ראַטעווען אַנטלאָפענע פון ברענענדיקן געטאָ און פון די טויט־צוגן.

3. אין יאָר 1943, ווען די יידישע פּאַרטיזאַנישע באַזע אין וואַלד איז שוין א יש, זיינען שוין פאַראַן וואָס אַן אמת אַנדערע קלענערע פּאַר־טיזאַנישע גרופּעס אין די אַרומיקע וועלדער, אָבער — ווי געזאָגט —

זיי זיינען צעשטויבט און זייער טעטיקייט איז נישט קאָאָרדינירט. בלויז איין גרופּע פון אַט די צעוואָרפענע אָפּטיילונגען ווערט אָנגעפירט דורך דער פּארטיי. אויך די יידישע פּארטיזאנער זיינען אָרגאניזירט און ווערן אָנגעפירט דורך א פּארטייאישער אינסטאנץ, דורכן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. אין משך פון א לאנגער צייט בילדן די יידישע קעמפער דעם צענטער פון דער פּארטיזאנישער באוועגונג אין די ביאַליסטאָקער וועלדער. די דייטשן מוזן צוליב דעם „פּאָרויס" האלטן צוגעשמידט צו די ביאַליסטאָקער וועלדער העכער 1.500 באוואָפנטע סאָלדאטן 1). די קליינע אנדערע פּארטיזאנישע גרופּעס ווענדן זיך וועגן אַלע ענינים צום „פּאָרויס", וועלכער איז די פּארטיזאנישע מעטראָפּאָליע.

4. דער „פּאָרויס" גיט די איניציאטיוו צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די צעשטויבטע גרופּעס און צו מאָנטירן א געמיינזאמען שטאב 2).

5. דער „פּאָרויס" פירט אָן אין דער געגנט נישט בלויז מיט א קאמפּס־טעטיקייט, נאָר אויך מיט א ברייטערער פּאָליטישער ארבעט. נאָך איידער די ביאַליסטאָקער געגנט איז ארומגענומען געוואָרן מיט גענעראל קאָפּוסטאס איינפלוס־ספערע, האָט דער „פּאָרויס" ארויסגעגעבן דריי צייטונגען: „דער רויטער פּארטיזאן", „פּאָרויס" און „נקמה"; די צייטונגען פלעגן דערשיינען אין דריי שפּראכן: יידיש, פּויליש און ווייס־רוסיש, און האָבן באדינט די ארומיקע באפעלקערונג. רעדאקטאָר איז געווען גרישע לונסקי, צייכענער — חיים קאָן 3). אין די דערפער האָט מען געשמאק געלייענט די אויסגאבעס פון „פּאָרויס", וועלכע האָבן אָפּגעשפּילט א וויכטיקע ראָל ביים דורכאקערן פּאָליטיש דעם באָדן און ביים הייבן דעם באוווסטזיין פון די פּויערים, וועלכע האָבן זיך ס'רוב באצויגן מיט סימפּאטיע צו די „פּאָרויס"־פּארטיזאנער, אויסדריקנדיק זיך נישט איינמאָל, אז דאָס זיינען אמתע פּארטיזאנער, ווייל זיי רויבן נישט, נאָר פארקערט — העלפן 4).

די צייטונגען האָבן אָפּגעשפּילט א וואָגיקע ראָל נישט בלויז כלפּי חוץ, נאָר אויך כלפּי פּנים, אין די אייגענע רייען. די צייטונגען האָבן דערצויגן און איבערגעקאָכט פּסיכאָ־איזעיש די מענטשן. מען האָט אויך געשריבן הומאָרעסקעס, למשל, דער פּעליעטאָן פונם קאָמאנדיר יונה

---

1) ג"ע פון פּ. קאָזשעץ.
2) ג"ע פון מ. בוך און ל. טשאַפּניק.
3) ג"ע פון ק. באַראַקין.
4) ג"ע פון פּ. קאָזשעץ.

סאָכאַטשעווסקי „דער מגיד מיטן אברעז" וועגן דעם פּאַרטיזאַן מוליע נישט, וועלכער האָט אויסגעזען ווי א מגיד, אָבער איז געווען א העלדי־שער יאט און אליין זיך געמאַכט אַן אברעז5).

חוץ פּרעסע האָט דער „פּאַרויס" דורכגעפירט א סך פּאָליטישע פאַר־זאַמלונגען און אימפּרעזעס, למשל: לכבוד דעם טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ערשטן מאַי, דריי למדן; אויף אַזעלכע פייערונגען האָבן די יידישע פאַרטיזאַנער איינגעלאַדן די חברים פּאַרטיזאַנער פון אַנדערע אָפּטיילן. איינע פון די גרעסטע פייערונגען איז פאָרגעקומען דעם 21־טן יאַנואַר 1944 אין דער אָפּטיילונג פון עליע בוימאַץ אין צוזאַמענהאַנג מיטן יאָרטאָג פון לענין, ליבקנעכט און לוקסעמבורג. עס זיינען געקו־מען געסט פון אַנדערע אָטריאַדן. מיט א רעפעראַט איז אַרויסגעטרעטן דער פּאַרטיזאַן יאָסל מאַקאָווסקי, מען האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. עס זיינען געוואָרפן געוואָרן לאָזונגען. די שטימונג איז געווען א קעמפערישע, א מונטערע און אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע 6).

אין „פּאַרויס" האָט מען אויך איינגעאָרדנט פייערונגען מיט א ליטעראַרישן אינהאַלט. אין די יידיש־פּאַרטיזאַנישע רייען האָבן זיך געפונען מענטשן מיט ליטעראַרישע באַגאַבונגען, א שטייגער, דער יונגער לייבל וויינשטיין. די שאַפונגען פונם יונגן פּאַר־טיזאַנישן דיכטער זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען 7). איינער אַזא ליטעראַרישער אָוונט איז פאַרבליבן בולט אין געדעכעניש פון די פּאַרטיזאַנער. עס איז געווען אַן אָקטאָבער־אָוונט פון יאָר 1943, און עס זיינען געקומען אין וואַלד אריין די פאַרבינדלערינס מלכה רו־זשיצקא מאַריליע), כאַסיע ביעליצקא און בראָניע וויניצקא מיט פרי־שע מענטשן, מעדיקאַמענטן און מתנות. דער עולם, א דערפרייטער, האָט איינגעאָרדנט לכבוד די געסט א ליטעראַרישע אימפּרעזע. מען האָט רעציטירט און געזונגען יידישע, פּוילישע און רוסישע לידער. די פאַר־ווײַלונג האָט געדויערט ביז שפּעט ביינאַכט. אַזעלכע אָוונטן האָבן געהויבן דעם מוט, געקרעפטיקט איבערלעך די וואַלד־קעמפער.

6. דער „פּאַרויס" איז געווען א מוסטער פון דיסציפּלין און אחריות. אין זיינע רייען האָט נישט געהאַט קיין אָרט דעמאָראַליזאַציע, פוילקייט

---

5) דאָרטן; אויך — ג"ע פון ק. באַראַקין.
6) דאָרטן.
7) ג"ע פון מ. בוך.
8) ג"ע פון ק. באַראַקין און מ. בוך.

און מאַנגל אין פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. און נישט קיין וווּנדער: איז דאָך „פּאָרויס" נישט געווען קיין צופֿעליקער געזעמל פֿון מענטשן, נאָר אַ אָרגאַניזירטע גרופּע, וואָס איר קערן איז באַשטאַנען פֿון אַן אידעיש־איינהייטלעכן עלעמענט 9).

7. די ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן, ווי עס איז שוין געוואָרן אונטערגעשטראָכן אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען, אָפּגעשפּילט אַ וואָגיקע און העלדישע ראָל אין די קאַמפֿן פֿון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין דער ביאַליסטאָקער געגנט. עס איז ממש צו באַוווּנדערן, ווו אַזוי די ייִדישע קעמפֿער, שטאָטישע מענטשן, האָבן אין אַ פֿאַרהעלטענישמעסיק קורצער צייט באַהערשט די אויסטערלישע פֿאַר זיי באַדינגונגען פֿון וואַלד. ווען עס איז אָנגעקומען אין דער געגנט וואַיטשעכאָווסקיס בריגאַדע, האָט זי שוין דאָ געהאַט אַ פּאַרטיקן אָנשפּאַר, אַ דערפֿאַרענע באַזע — דעם „פּאָרויס", וועלכער האָט געקענט יעדן וועג און שטעג. אַזוי אַרום איז כּמעט קיין שום שלאַכט־אונטערנעמונגען פֿון די אָטריאַדן פֿון וואַיטשעכאָווסקיס בריגאַדע נישט פֿאָרגעקומען אָן דעם אָנטייל פֿון ייִדישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אויסגעצייכנט געקענט דעם געביט 10).

אָט אין דעם שטעקט די סאַמע וויכטיקסטע ראָל פֿון „פּאָרויס" פֿאַר דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג.

און לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אַז אין די אָנפֿירנדיקע פּאַרטיזאַנישע קרייזן האָט מען זיך לאַנג געיִשובֿט, צי וועט געלינגען צו שאַפֿן אין דער ביאַליסטאָקער געגנט אַ פּאַרטיזאַנישע באַזע און בפֿרט אַן אַעראָדראָם. צוליב די לאָקאַלע באַציונגען האָט אַזאַ פּלאַן געהאַט וויניק שאַנסן אויף פֿאַרווירקלעכונג 11). אָבער אַ פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט אין אָט דער געגנט איז געווען אַ נויטווענדיקייט, וואָרעם דאָ האָבן זיך געקרייצט וויכטיקע קאָמוניקאַציע־וועגן פֿונעם שונא. דאָ איז געגאַנגען אַ שליאַך פֿון מזרח־פּרייסן אויף מזרח און דרום. דעריבער זײַנען די עקשנותדיקע אָנשטרענגונגען פֿון גענעראַל קאַפּוסטאַ געגאַנגען אין דער ריכטונג יאָ צו שאַפֿן אין די אַרום־ביאַליסטאָקער מקומות אַ פּאַרטיזאַנישן צענטער. די דאָזיקע אָנשטרענגונגען האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ גינסטיקן באָדן אַ דאַנק דער פֿריערדיקער טעטיקייט פֿון „פּאָרויס" און אַ דאַנק זײַן ווייטערדיקער קרבנותפֿולער מי.

---

9) ג"ע פֿון פּ. קאָזשעץ.
10) ג"ע פֿון ר. וואָיסקאָווסקאַ, מ. בוך און פּ. קאָזשעץ.
11) דאָרטן.

אין כסדרדיקן קאמף מיטן שונא האָבן די פּארטיזאנער אויסגעפירט די שליחותן, וואָס די אָנפירונג האָט אויף זיי ארויפגעלייגט.

נאָכן העלדישן אומקום פון די יידישע קעמפער אין ביאליסטאָקער געטאָ האָבן די פּארטיזאנער ממשיך געווען דעם גערעכטיקן געראנגל. א סך פון זיי האָבן דערלעבט די טעג פון באפרייונג און מיטגעמאכט דעם ווייטערדיקן רומפולן וועג פון נצחון — ביז בערלין.

יאָרן וועלן אריבערגיין, נייע יידישע ישובים וועלן אויסוואקסן, און אייביק וועט בלייבן דער הייליקער אָנדענק פון די קדושים, וואָס האָבן געשטרעקט זייער לעבן פארן כבוד, קיום און צוקונפט פון פאָלק, פאר די שענסטע אידעאלן פון דער מענטשהייט, פארן סאָציאליזם.

אין דער געשיכטע פון שווער־געפרוווטן יידישן פאָלק איז ביאַ־ליסטאָק אריין נישט בלויז ווי אן עיר ההריגה, נאָר קודם־כל ווי א שטאָט, וווּ עס איז הויך אויפגעהויבן געוואָרן די מכביאישע פאָן פון קאמף, פון ווידערשטאנד.

— ס ו ף —

זוכצעטל פון נעמען

א.

אָביעדזשינסקי עזרא — 225, 319, 437, 456.
אַבעלמאַן — 104.
אַבעלעוויטש נחום — 222, 362, 402, 408, 413, 414.
אַבעלעוויטש פסח — 408, 413.
אַבראַמאָוויטש (קעמפער) — 425.
אַבראַמאָוויטש (קאַטוילישער גלח — 349.
אַבראַמאָוויטש נעלי (ייד. פּאָליצ.) — 134.
אָגורעק אריה-לייב — 229.
אַגראַנאָוויטש — 102.
אהרקע דער טרעגער — 413.
אַווערבוך — 166.
אַווערבוך גאַבריעלאַ — 348.
אורשאַנסקי מ. — 67, 93.
אָזדער — 458.
אָזשעך מוריצי — 214.
אַטלאַס — 135.
איגלעוויטש זעליג — 171, 172.
איידענבערג באָטשקע — 86.
איוואַנאָוו — 170.
„איוואַן" — זע: מלמד יעקב.
אייזענבאַך א. — 249, 250.
אייזענבערג קאַראָל — 57.
אייזענשטאַט פּיניע (הרב) — 109.
אייזענשטיין אַניעלאַ — 425.
אייזענשטיין בעטטי — 86.
אייזענשטיין עדזשיע — 187.
אייבל חיים („וואַצעק") — 57.
אלבעק אהרן — 141, 142.
אַלבערט, קרימינאַל-ראַט — 38.
אלטענלאה ווילהעלם — 39, 40, 41, 43, 44, 52, 80, 81, 82, 83. 87, 234, 252, 254, 268, 273, 275, 301, 372.
אַלטערוויין יאָסל — 215
אָלעך חיה-לאה — 86
אַלעקסעי — 473
אלפּערזאָן — 140
אלפּערין — 359, 461
אָלשטיין אדעלא — 409
אָלשטיין חיים — 409
„אנדזשעי" — זע: לעביעד יעקב
„אַנדריי" — זע: קאַנטאָר שיע
אנדרעיעוו — 453
אנטמאן מירע — 229
אנטעק — 461
אניעלעוויטש מרדכי — 200
אָסאָוויצקי אברהם — 16, 94, 104, 152, 214, 215, 288, 289, 312, 323
אָסאָוויציקי שאול — 408, 413, 441
אָסטראָוו — 435, 436
אָסטראָווסקי — 253
אָסיאַש וזשקע — 189
אָסקאָלאַ אהרן — (אַרטור) 174, 177, 178, 185, 405
אפּאַנאַסעוויטש — 160, 223, 244, 472
אפּעלבוים שמואל — 229
אפּרת חנן — 320

אָקאָן (אָדער: אקון) מרדכי — 191, 405, 437
אראָנאָוויטש — 140
אראָנטשיק קלמן — 462
אראָנסאָן — 346
אָרלאָוו איוואן („וואַניא") — 345
אָרנשטיין פּרץ — 58

ב.

.אוצקע — 43
באביקער נחום — 282, 396, 433, 435, 439, 445
באבקעס אידע — 381
באגיש זישע (פּסעוודאָנים פון ב. ווייסמאַן) — 141, 142, 149, 150
באגניוק — 345
באדער — 140
באך (פאָן דעם באך) — 29
באָכראַך ירוחם — 145, 146
באָס אַברהם — 443
באקונין קאָליא — 344
באראן — 406
בוראַקאָווא איטקע — 205
באראקין קלמן — 16, 151, 167, 172, 173, 189, 193, 195, 256, 260, 264, 280, 284, 288, 320, 333, 334, 335, 362, 418, 419, 423, 436, 452, 456, 457, 458, 459, 464, 467, 471, 472, 475, 477, 480
באראש אפרים — 8, 28, 32, 43, 44, 80, 81, 84, 87, 94, 101, 102, 105, 106, 107, 108, 110, 111, 112, 113, 114, 115, 116, 118, 119, 121, 123, 124, 125, 126, 128, 129, 133, 134, 135, 138, 192, 200, 202, 303, 207, 209, 210, 229, 252, 255, 256, 257, 260, 262, 265, 268, 273, 275, 298, 301, 314, 315, 323, 324, 365, 371, 372, 373, 374, 376, 380, 381, 389, 440, 441, 442, 445
בארבורין מיכאיל („מישא") — 345, 346
באַרטאָשקאָ יוזעף — 55
באָרטנאָווסקי שיע — 136
באָשע — 284
באשעווקין שמואל — 328
באשעפּקין ברוך („הערקולעס") — 223, 402
באשעפקין לייבל — 223
באָלט האַנס אָטאָ — 408, 412, 413
באָלע — 346
באָלעק — 354
באָנק יאַנקל — 453
באָק, — פעלדמארשאל — 52, 53, 54
באָק פישל — 471
באַראַקס אליהו („עדעק") — 197, 198, 199, 200, 201, 202, 219, 270, 280, 281
באַראָוויק (ברידער יודל און שעפּסל) 259, 261, 364, 455, 456, 475
„באָרוועסער", זע: קעסלער יואל
באָרענשטיין — 153
בובריק — 71, 445
בודזינסקי — 344, 349
בוטשינסקי — 344
ב.ימאַץ עליע („עליאש") — 16, 94, 164, 165, 175, 184, 191, 192, 193, 220, 244, 246, 347, 359, 360, 419, 452, 453, 455, 456, 457, 459, 462, 464, 466, 475, 476, 477, 478, 481
בוימאַץ פּאַליע — 359, 456, 458
בוימאַץ שמחה — 189
בוך משה („מארעק") — 16, 115, 126, 151, 164, 169, 181, 185, 186, 189, 191, 194, 195, 199, 213, 219, 220, 222, 223, 237, 252, 253, 266, 270, 279, 283, 285, 288, 289, 290, 297, 298, 312, 315, 316, 318, 319, 321, 322, 323, 324, 325, 327, 328, 329,

331, 332, 345, 346, 347, 348,
354, 355, 357, 358, 360, 361,
364, 365, 385, 390, 391, 392,
396, 400, 402, 405, 413, 416,
417, 418, 419, 425, 430, 436,
437, 441, 442, 443, 451, 452,
453, 454, 455, 458, 464, 469,
470, 471, 472, 473, 474, 476,
477, 480, 481, 482
בולגאַר חיים — 214
בוסע — 346
בורגין — 58
בורדא עליזאַוועט — 349
בורקערט — 48
בורשטיין אליעזר (הרב) — 427
בורשטיין מירע — 350
בורשטיין פּסח — 32, 394, 402, 403,
445
בורשטיין שלמה — 152, 153
בורשטין הערשל — 57
בורשטין לייבל — 201
בורשטין משה („שלמהקע") — 141,
151, 152
ביאלא חיה — 391
ביאַליקאַמיען — 135
ביאלער משה, זע: עפּלבוים.
ביבעלאייזער יאנקל (פּסעוודאָנים
„דאָס קליינע יאנקעלע") — 57
ביבער טאַניע — 475
ביטענסקא עטל — 171, 225
ביעליצקא כאסיע — 189, 196, 346,
467, 481
בירגער מרדכי — 290
בירמאַן צפּורה — 12, 152, 153,
202, 204, 205, 206, 207, 211,
308, 311
בירנבוים פּסח — 262
בירנצווייג (אָדער בירנבוים) וואַצעק
— 458
בישקע — 264
בלאַהושעווסקי מיעטשיסלאַוו — 352
בלאקשטיין — 58
בלום — 36
בלום חוה — 102
בלומבערג לייזער — 456
בלומע סטעפען — 348
בלומענצווייג נעמי — 205
בלייבערג מרדכי — 135
בלעמער הענריק — 135
„בעזרוק", זע: זאווינסקי מיידים.
בענדער — 461
בענעשעק — 347
בעצונער חיים — 253
בעקער יודל — 376
בערמאַן חיים-ישראל — 401
בערמאַן משה — 131
בערנשטיין אהרן — 227
בערסטאוויצקי קלמן — 419
בערעזאָווסקי הירש — 227
בערעזינסקי אהרן — 141, 142
בערקמאַן סיאָמקע — 193, 458
בערקנער „סערגיי" — 358, 364,
464
בערשאדסקי ישראל — 58
בערשלינג משה — 58
בראוער — 84, 209
בראַון — 443
בראקער מאניעק — 363
בראמזאָן אסתר — 319
בראָדזקי ניוניע — 215, 237
בראָטמאַכער שמשון — 140, 153,
434
ברוידע (לערער) — 140, 153, 434
ברוידע (פון גראָדנע) — 236
ברוק לעאָן — 203
בריקס — 31, 32, 33, 35, 82, 83,
113, 252, 373
ברעדאָוו — 34

ג.

גאבינסקי — 350
גאלאנט לייב — 227
גאלאנט מרדכי — 227
גאלטער אברהם — 398, 425
גאלטער — 437

גאַנצמיללער — 250
גאַרבער אברהמעלע — 382
גאָטליב זיגע — 402
גאָלאַנד — 222, 329
גאָלדבערג איצל — 441
גאָלדבערג (געוו. פּאָליצ.) — 425,
426, 427
גאָלדבערג האלינקע — 354
גאָלדבערג ח. („חגי") — 146, 153
גאָלדבערג יעקב — 101, 102, 105,
124, 125, 129, 207, 377
גאָלדבערג משהל — 85, 205, 238
גאָלדבערג סיאָמע — 223, 334
גאָלדבערג עליע — 281
גאָלדמאַן יאנקל — 214, 215, 314,
405, 425
גאָלדפּארב — 434
גאָלדשטיין ארנאָלד — 192, 421
גאָלדשטיין העניעק — 191, 443
גאָלדשטיין נתן („נאטעק") — 184,
232, 277, 325, 328, 358, 475,
גאַרדאָן דזשעק — 141 142, 152
גודעריאַן, גענעראל — 21, 52, 53,
54
גוזשינסקי — 175
גוטאָווסקי מאַניע — 436
גוטמאַן איידל — 205
גוטמאַן זעליג — 135
גוטמאַן חיים — 193, 205
גוטמאַן ראפאל — 120
גולאַנד שמחה — 133, 135
גורניצקא סימע — 359
גורניצקי חיים — 359
גבאי — 102
גדאַנסקי — 43; 58
גדליהו — 197
גוויאַזדא — 215
גזשעביען אלעק — 462
גילדעמאַן („דיאַדיאַ מישאַ") — 453
גינזבורג — 350
גינטער — 50, 254, 255, 260, 261,
266, 273, 274
גלאַדשטיין יחזקאל — 205
גלאָבאָצניק אַדיל — 13, 50, 254,
372, 374, 375, 377, 385, 400,
445
גלאַז חיים — 284
גלאַזמאַן יוסף — 213
גלינסקי — 42
גלינקאַ — 58
גליקסאָן 128
גליקסמאַן-בריש זלאַטע — 293, 294
גליקסמאַן-בריש יאָסל („יוזשעק")
— 293
גליקסמאַן רחלקע — 436
גראַנאָוויטש — 140
געגינאַט — 35
געלבאַרד זלמן — 232
געלבאַרד מאיר — 117
געלטשינסקי אהרן — 320
געניעק — 461
געפּאָן וולאַדיסלאַוו — 421
גערינג הערמאַן — 90, 371
גערץ — 102
גערשוני שלומה — 223, 328, 412
געשטערנקאָרן לעאָן — 187, 405
גראַיעווער יאנקל („יאנעק") 456,
477
גראַנד אדי — 36, 49, 393
גראָבאָווסקי הירש — 227
גראָסמאַן — 334
גראָסמאַן חיקע („האלינא") 11, 17,
57, 115, 125, 151, 196, 197,
1998, 199, 200, 203, 207, 212,
213, 218, 221, 254, 279, 280,
281, 283, 284, 287 103, 311,
316, 317, 318, 329, 330, 331,
134, 344, 345, 352, 356, 365,
373, 377, 383, 384, 386, 387,
390, 392, 394, 395, 396, 398,
401, 404, 405, 408, 409, 410,
425, 426, 430, 466, 468, 469,
476
גרובלער צפּורה — 196
גרויסער — 31, 47
גרינבוים (אָדער גרינבערג) משה

(פסעוודאָנים „דער טויבער
משה") — 57, 164
גרינצווייג יודקע — 262
גרינשטיין שמערל — 16, 101, 145,
149, 223, 376, 377, 379, 380,
397, 400, 408, 439, 440

ד.

„דאוויד,, ייד פון געטאָ — 292
ראוויד הויפטוואכמייסטער — 43
דאווידאָוויטש דאָווקע — 215
דאווידאָוויטש, פוילישער אינזשי-
ניער — 345
דאווידזאָן הערש — 57
דאווידזאָן מאַניע — 140, 175
דאטנער מיקא — 184, 325, 391,
395, 436
דאטנער רוזשע — 364, 436
דאטנער שמעון („טאָלק") — 9, 10,
12, 13, 15, 16, 28, 37, 50, 78,
83, 106, 111 202, 203, 208,
222, 223, 235, 238, 246, 252,
255, 265, 279, 320 323, 325,
238, 246, 252, 255, 265, 279,
320, 323, 325, 329, 335, 358,
362, 363, 365, 369, 379, 383,
405, 428, 437, 438, 452, 456,
457, 458, 462, 467, 469, 473,
475, 476, 477
דאָלינסקי שלמה — 98
„דאַניעל", זע: מאָשקאָוויטש דניאל.
דאָרא — 400
דאָראָגאָי יפה — 205
דאָראָגאָי פּיִטשע — 205
דאָרן ישראל — 421
דאָרש אויגען — 33, 34, 50, 75,
274
דובנאָוו שמעון — 15
דוואָרסקי אלי — 233
דוואָרעצקי זאַליע — 171
„דוד דער הויכער" — 192, 471
„דוד דער ווילנער" — 196, 317
דזבאָנעק בערל — 76, 79, 155, 421
„דיאַדיאַ מישאַ" — זע: גילדעמאַן.
„דיאדיא מישא", זע: ראָזענשטיין
דוד.
דיבוס ריכארד — 45, 172, 234,
253, 255, 266, 377
„דיידוס", זע: פיין דוד.
דלוגאַטש סאָניע — 190
דלוגאטש פאַליע („מלאך") — 190,
434
דעוועלטאָוו שרה — 196, 287
דעימעל — 43
דערעטשינסקי שרה — 193, 405
דראָזדאָווסקי — 296
דרייער יוסף — 179, 180, 185, 320,
323, 324
דרייער יעקב — 166, 320
דרייער ציליע — 179
דרעווניק — 350

ה.

האבער זיגמונט — 153
„האלינא", זע: גראָסמאַן חיקע.
האלפערן פאַניע — 328
האלפערין משה — 312
האלפערן בנימין — 227
האלפערן ברוך אליהו (הרב) 109
האלפערן סיאָמע — 190
האמבורג מרדכי — 135
האָנק וואַלטער — 48.
האָס, גענעראַל — 21, 52, 53 54.
האָלענדערסקי נאָטאָן — 104, 126,
178.
האָפמאַן — 31.
האָראָוויטש פראַנקע — 264.
היידריך ריינהאַרד — 88.
היימבאַך לאָטאַר — 41, 42, 43 44,
46, 80, 83, 234, 255, 261, 265,
268, 273, 274, 275, 276, 277,
372, 373, 374, 375, 376, 380,
428
„הילעק", זע: זייפמאַן יחיאל.
הימלער היינריך — 25, 29, 38, 41,
51, 82, 87, 250, 251, 254, 372.

הירשפעלד, אָבערשט — 34, 302.
העלוויג אָטאָ, גענעראַל — 34, 36, 156.
„העניעק“, זע: רעמבישעווסקי הערש.
העפּנער — 84.
הערמאַן פאַניע — 173.
הערץ אַדעלאַ — 164, 171, 188, 245, 358, 436.
הערץ, ס. ס.-שטורמפירער — 50.
„הערקולעס“, זע: באַשעפקין ברוך.
הערשבערג שמואל — 141, 148, 149, 263.
„הערשל יאַשינאָווקער“ — זע: ראָזענ-טאַל הערשל.

ו.

וואווזשיניאַק — 166
וואַט לייזער — 461
וואלטער — 347, 348
וואלטשיק יאנקל — 215
„וואניא“, זע: אָרלאָוו איוואן.
וואנעגעשיקט יאָסל — 437
„וואסיא“, זע: מאָרדעצקי.
וואסילעווסקאיא — 295, 296
וואסערשטיין בערל — 184, 219, 222, 223, 278, 297, 312, 362, 363
וואצלאוו — 342
וואקסמאַן — 101, 102, 258, 324
וואראַט אליהו — 196, 452, 473
ווארשאַווסקי ריווע — 186
וואַשילעווסקאַ וואַנדאַ — 154
וואָיטשעכאָווסקי, פּולקאָווניק — 452, 459, 462, 466, 472, 482
וואָיסקאָווסקאַ-שינדער רבקה („לענאַ“) 16, 56, 57, 66, 67, 115, 164, 170, 171, 174, 175, 176, 177, 183, 184, 185, 186, 188, 189, 191, 193, 194, 195, 200, 210, 218, 220, 221, 222, 225, 234, 244, 266, 267, 268, 270, 272, 274, 279, 280, 284, 285, 286, 288, 297, 298, 312, 314, 315, 319, 320, 321, 354, 355, 359, 361, 364, 387, 416, 417, 418, 421, 435, 436, 437, 438, 442, 443, 451, 452, 453, 454, 455, 458, 468, 469, 470, 471, 474, 475, 482
וואָיסקאָווסקי חיים — 58, 164
וואָלאָדיא — 467
וואָלאָווטשיק יאנקל — 458
וואָלקאָוו — 170, 345
וואָלקאָוויסקי וועלוול — 181, 182, 316, 328, 329, 384, 390, 424, 441, 442
וואנאגינסקי יאָסל — 205
ווידער צבי — 263
ווידערמאַן אברהם — 196, 398
וויזאָף — 49
וויטענבערג איציק — 197, 199
וויטעק — 47
וייז סטיפען — 211
וויינבערג ד"ר — 468
וויינבערג אהרן, לערער — 437
וויינער מולע — 458, 475
וויינצימער — 58
וויינשטאט סאָניע — 140
וויינשטיין דינה — 381
וויינשטיין יוכבד — 205, 206, 207, 307, 311
וויינשטיין לייבל — 150, 151, 153, 196, 227, 311, 419, 476, 481
וויינשטיין פייוול — 227
וויינטשטיין קאָפּל — 150
ווייס מאיר — 284
ווייסמאַן ב., זע: באגיש זישע.
ווייסענבערג העניעק — 437
ווייצמאַן — 116
ווייצמאַן יוכבד — 205
ווילטשינסקא גיטל — 436
ווינאָגראַד יונה — 259
וויניצקא בראָניע — 17, 205, 207, 208, 300, 317, 331, 356, 384, 386, 389, 396, 401, 404, 407, 408, 409, 430, 433, 436, 481
וויניצקי מיעטשיסלאוו — 61, 352

ווינטער שמואל — 12, 269
ווינציגשטערן אניע — 36, 93, 118, 156, 393
וויסאָצקי משה — 141, 142, 146
וויסאָצקי דוד — 60
וויסאָצקי וואצעק — 345
וויסאָצקי חנה — 60
וויסאָצקי לייזער — 320, 460
וויערניק — 58
וויעלינסקי יאנקל — 133, 135
וויערניק רעניא — 187, 319, 402
וולאָשטשאָווסקי — 405
וולאַוואָס — 476, 477
וועגנער — 378
וועליאן פעטי — 262, 403, 415
וורגאַנאק (וורגאַנע) דוד — 212, 458

ז.

זאַוקעל — 249
זאבלודאָווסקי אלטער — 149
זאבלודאָווסקי חיים-צבי — 141, 149
זאבלודאָווסקימשה — 140
זאבלודאָווסקי, א בעקער — 274
זאבלודאָווער — 288
זאווינסקי מיידים („בעזרוק") — 100
זאוויסטאָווסקא זאָפיא — 350
זאוויסטאָווסקא יאנינא — 350
זאכאר, „גענעראל זאכאראָוו" — 244, 345, 477
זאכאריאש דוד — 58
זאכארעוויטש חיים — 259, 262, 399, 442
זאפאטשקאָווסקע טאניע — 205
זאפאטשקאָווסקא יהודית — 205
זארכין נחום — 228
זאָמער — 393
זאָנאבענד — 124
זאָנשיין רחל — 436
זובאָוויטש — 463
זובערסקי יוסף — 363
זבאַר בערל — 260, 288
זיבערסקי לייבל — 461
זיידל — 58
זיידענבייטל — 153
זייפמאן יחיאל („חילעק") — 122, 456, 457, 458, 474
זייפערט — 47
זילבערבלאט יוסף — 135
זילבערבערג, זע: זיסקינד-זילבערבערג.
זילבערשטיין אַברהמל — 288
זימאן — 83
זימנאָך בראָניע — 344
זימעל יודל — 117
זיסמאן מאניע („די שטייפע מאניע") — 173
זיסקינד-זילבערבערג זרח — 196, 198, 317, 318, 383, 387, 398, 408, 425,
זנאמיראָווסקא — 253
זעלוויאנסקי לייבל — 408
זעליקאָוויטש יוסף — 269
זעליגמאן — 140
זעליגמאן יאָסל — 58
זעליקאָוויטש — 33, 131, 132, 133, 134, 136, 173
זשוקאָוו — 462
זשוקאָווסקא — 66
זשוקאָווסקי מ. — 380, 391, 394, 396, 397, 400, 401, 411,
זשעלאזא סימע — 205
זשעלאנאָגורא חנוך — 205, 206, 207, 305, 311, 328, 425, 437
שעלינסקא אנקא — 465
זשעלעניעצקא — 391

ח.

„חגי", זע: גאָלדבערג ח.
חזן אברהם — 443

ט.

טאוב יוכבד („די שומרישע מאמע") — 196, 198, 398
טאָבאק גרשון — 418, 430
„טאדעוש", זע: יאַקובאָווסקי אַנטאָני.
„טאדעק", זע: מאלער פתחיה.

טאַט (געבוירן פּעקער) טאַניע — 264
טאַטע משה — 408, 441
טאַלינסקי חיים — 227
„טאַלק", זע: דאַטנער ש.
„טאַמאַראָף", זע: טענענבוים-טאַמאַראָף מ.
טאַנקוס אליהו — 85
טאַרטאַצקי מאָטל — 212, 475
טאַבאָליצקי — 84
„טאָליע", זע: פּאָגאַרעלסקי תנחום.
טוראָן פּ. — 295, 296
טהומאַן אַנטאָן — 50, 378
טיבער חיים — 153
טייבל — 476
טייבלום משה — 58
טייכמאַן משה — 141, 142, 152
טילעמאַן — 58
טינאָוויצקי — 153
טיקטין, יודענראַטלער 128
טיקטין אברהם — 141, 263
טענענבוים-טאַמאַראָף מרדכי — 12, 14, 15, 28, 45, 83, 112, 113, 114, 115, 152, 153, 402, 208, 209, 210, 211, 212, 213, 214, 222, 238, 246, 247, 255, 262, 266, 271, 274, 275, 276, 285, 290, 298, 299, 300, 301, 302, 306, 310, 311, 313, 314, 315, 317, 318, 327, 332, 334, 335, 339, 340, 342, 355, 370, 371, 383, 387, 394, 404, 406, 424, 432, 436
טראָקנהיים — 113
טריקאָווסקי אפרים — 280
טרעגער לאָליע — 438
טשאַנאָוויטש אשר — 141, 142, 145
טשאַפּלינסקי אהרן — 440
טשאַפּניק גרישע — 237
טשאַפּניק ליזע — 17, 84, 85, 180, 284, 190, 194, 198, 200, 201, 202, 205, 206, 210, 215, 221, 236, 237, 238, 248, 271, 275, 277, 283, 285, 287, 314, 317, 318, 320, 321, 323, 324, 329, 330, 331, 333, 344, 345, 346, 347, 348, 350, 353, 354, 355, 356, 378, 383, 385, 386, 390, 395, 398, 402, 404, 405, 409, 410, 413, 415, 418, 419, 420, 421, 422, 432, 436, 437, 438, 441, 442, 451, 458, 459, 460, 462, 465, 466, 467, 468, 469, 470, 477, 480
טשאַפּניק מאיר — 290
טשאַפּקע — 425.
טשולינסקי — 350.
טשיזשיקאָווסקי מאַרטין — 350
טשעסליק רחל — 462
טשערוויאַקאָווסקאַ אַננאַ („ניוראַ")— 165, 359.
טשערעמאָשני מאָטל — 328, 456.
טשערניאַקאָוו — 80, 209.

י.

יאַבלאָנסקי יעקב — 233
יאַוואָרקאָווסקי משה — 436, 441.
יאַן — 331.
יאַנאָוויטש עדוואַרד — 55.
„יאַנעק", זע: גראַיעווער יאַנקל.
יאַנקאַ — 344.
יאַנקעטשקע — 260
יאַנקעלע — 284
יאַנקעלעוו שלמה — 262
יאַקוב — 472
יאַקובאָוויטש יולעק — 328, 443, 458
יאַקובאָוויטש שלמה-לאָזער („מיע-טעק", „מיעטקעוויטש") — 164, 180, 315, 316, 317
יאַקובאָווסקי אַנטאָני („טאַדעוש") — 8, 163, 164, 165, 166, 190, 243, 344, 390
יאַשינאָווסקאַ שפרה — 215
„יאַשינאָווקער הערשל" — זע: ראָזענ-טאַל הערש.
יאָניש מרדכי („מיעטעק") — 192,

193, 407, 408, 422, 441, 443,
457, 476
„יאָסעלע דער גרינער" — 405, 437
יאָסעם — 359
יאָסעלע דער גרינער — 405, 437
יאָסקאָוויטש זאַשיע — 181
יודיטא, זע: נאָוואָגרודזקי יהודית.
יודל פֿון קרינעק — 325
יודעלבוים זלמן — 135
יודקאָווסקי (פֿון קרינעק) — 408
יודקאָווסקי (ברידער פֿון סלאָנים) — 136, 253, 274, 277, 324, 325, 326
יוזעשק — 320
יורעק — 472
יעדלינאַ שרה — 436
„יעזשי", זע: מאַשקאָוויטש דניאל.
יעזשעווסקאַ חנה — 287
יעלין בערל — 287, 289
„יענדזשוי" — זע: לעביועד יעקב.
יענטל — 425
יענטשמיען משה — 462

כ.

כאַבראַטאָווסקי יעקב — 28, 98, 172
כאָוועס אברהמל — 171
כאַלעף-סאָקאָלאָווסקי חיים — 154, 362
כאַסקעל י. — 58
כאַצקל — 328
כאַדיקאַ — 349
כאַראַשוק לייזער — 456
כמיעלניק מ. — 125, 203, 207, 315
כמיעלניק שעיה — 85, 348.

ל.

לאַוואַ שמחה — 16, 453, 456, 472, 474, 475
לאַזניק ראובן — 238
לאַנדוי נאַטאַליע — 153
לאַנדויער — 40
לאַנגע היינץ — 276, 277
לאַפּטשינסקי חיים — 361, 455, 456, 457, 473
לאַקס בלומע („קוויטקאַ") — 164, 188, 274
לאַבזאָווסקי — 196
לאַפּאַטאַ פּלטיאל — 350
לאַפּאַטין — 86
לאַרעק פֿעליקס — 165, 354
לוביטש לאַווקע — 85
לוביץ מישקע (פֿון גראָדנע) — 363, 461
לובעטקין צביה — 209
לונסקע גרישע — 140, 183, 185, 192, 316, 473, 480
לוקסעמבורג אברהם — 57
לוקסעמבורג ראַזאַ — 481
ליאַך אהרן — 197, 198, 280, 286, 317, 334, 360, 419
ליאַך מאיר — 328
ליאַנטשיק — 196, 334, 360, 389
ליבער מאַן — 102
ליבקנעכט קאַרל — 481
לייוונט נחמה — 204
ליכטענשטיין יאָסל — 191, 225, 278, 279, 405, 436, 457
ליכטענשטיין מנשה (יאָסלס זון) — 225, 361, 457
ליכטענשטיין (אַפּטייקער) — 296
ליכטענשטיין פייגע — 278, 436
לימאַן אברהם — 127, 128
לימפּערט — 34
לין יוסף — 101
ליקאָווסקאַ אַדאַ — 344
ליפּאַ שלומיאל — 239
ליפּאַנסקאַ — 132
ליפּאָווסקי איטקער — 239
ליפּונסקי (ברידער דוד און משה— 481
ליפּינסקאַ פּאַניע — 16, 93, 132, 233, 260, 265, 288, 402, 408
ליפּסקי — 85, 102
ליפּצער ניסן — 461

ליפקין בנצין — 227
ליפקע — 35
ליפשיץ — 201
ליפשיץ יעקב — 105, 123, 124
ליפשיץ מיטע — 475
לעאָנאָוויטש אַלעקסאַנדראַ — 349
לעביעד יעקב („אַנדזשעי", „יענדזשעי") — 196, 221, 311
לעוו אברהם — 228
לעוו יוסף — 227
לעוו חנא („סטאַשעק") — 184, 321, 457
לעוו לייב — 228
לעוו משהל — 441
לעוואַר זייטקע — 462
לעוואַרטאָווסקא — 181
לעוואַרטאָווסקי יוסף — 166, 200, 208, 298
לעוויטאַן ליזע — 408
לעוויטאַנסקאַ אידע — 55, 60, 62
לעוויטאַנסקאַ חוה — 461
לעווין אַבראַשאַ — 215
לעווין חנה — 286
לעווין ראובן („סערגיוי") — 325, 328, 329, 362, 390, 456, 475
לעווין-פּאַט שיינע — 163, 199, 286, 437
לעווינסאָן האַנקע — 164, 187
לעווינסקאַ — 284, 328
„לענאַ" — זע: וואַיסקאָווסקאַ רבקה.
לענין — 481
לענינגראַדעץ אַליאָשאַ — 456
לערמאַן ישראל — 16, 171, 191, 194, 219, 225, 238, 257, 262, 271, 278, 285, 288, 324, 329, 374, 384, 390, 404, 405, 432, 433, 438
לערמאַן לאָלע — 171, 184, 390, 438
לערנער יעקב — 458

מ.

מאַגעל, אָדער מאַגאַל — 13, 50, 374, 375, 378, 380, 404, 428, 440
מאַדזאָוויצקאַ-שעפּפער יוזעפינאַ — 380
מאַדייסקאַ ריווע — 196, 466, 467
מאַטוס — 213
מאַטראָסאָוו — 452
מאַכאָל וואַלדעמאַר — 13, 14, 15, 26, 27, 28, 29, 30, 32, 33, 34, 36, 37, 39, 41, 42, 44, 46, 50, 51, 81, 83, 89, 107, 297, 336, 337, 338, 339, 351, 373, 382, 409, 412, 426
מאַלארעוויטש לילקע — 193, 280, 398
מאַלאשקע — 321
מאַלינאַק סראָליק — 408
מאַלמעד יצחק (אָדער אברהם) — 227, 246, 270, 271, 272, 273, 274, 275, 276, 277, 292
מאַלעווסקאַ יאַנקאַ — 465, 466
מאלער פּתחיה („טאַדעק") — 184, 186, 325, 358, 359, 383
מאלער רפאל ד"ר — 186
מאַן — 153
מאַנדעל נחמה — 204
מאַנדעלבליט לייב — 171, 174, 177, 200, 219, 223, 316, 345, 383, 387, 405
מאַנעלים אברהם — 330, 359, 461, 462, 478
„מאַניעק" — זע: נאָוואָגרודזקי משה
מאַנעלאַ העלאַ — 279
מאַנקאָווסקי שיקע — 419
מאַקאָווסקי יאָסל — 360, 419, 466, 481
מאַקאָווסקי יעקב („פֿעדקאַ") — 245, 358, 360, 472
„מאַקסים" — זע: סלאַפּאַק משה.
מאַראַש (ייד פֿון גראָדנע) — 85
מאַרגאָלים בראָניע — 191, 405
מאַרגאָלים יוזשעק — 171, 177, 185, 190, 223, 225, 361, 457
מאַרגאָלים ישראל („סראָלקע", אָדער „סראָליק דער ווייסער") — 204,

207, 317, 318, 328, 396, 408
מאַרגאָלים שיע — 390, 395, 397
מאַרטינאָוו — 462
„מאַרילע" — זע: רוזשיצקאַ מלכה.
מאַריענפעלד — 43
מאַרמאָוועג — 362
„מאַרעק" — זע: בוך משה.
מאַרק ב. — 8, 11
מאַרקאָוו פיאָדאָר — 160
מאַרקוס איסאַק — 43, 123, 130, 131, 132, 154, 226, 255, 261, 262, 380, 389, 440, 445
מאַרקוס אַלבערט — 130 445
מאַגוניאַ — 29, 31, 32, 50
מאָרדעצקי („וואַסיאַ") — 272
מאָווישאָוויטש מרדכי — 105
מאָראַש (געסטאַפּאָ-אַגענט) — 42
מאָרדוכאָוויטש ליפּע — 385, 389, 461
מאָשקאָוויטש דניאל („דאניעל", „יע-זשי") — 174, 175, 176, 177, 181, 184, 219, 221, 224, 225, 270, 271, 315, 316, 317, 318, 332, 383, 385, 386, 387, 394, 404, 406, 415, 432, 436
מוטשניק מאיר — 223, 320
מוסאָליני — 369
מוסוואַלד — 47
מוראַוויעץ אַניעלאַ — 187
מוראַוויעץ ישראל — 58
מושינסקי — 84
מישקין מיכאַיל — 365
מייזלער — 152
מייזלער אברהם („מיכאַל") — 173
מייזעל — 289
„מיכאַל" — זע: מייזלער אברהם.
מילאַשעווסקי — 462, 463
מיללער — 250
מילער — 272, 332, 345
מילער (צוויי שוועסטער שניידע-רינס) — 274
מינטער — 273
מינץ ליאָלעק — 184, 199, 283
מיעטעק („דער געלער מיעטעק" — 133
„מיעטעק" — זע: יאַקובאָוויטש שלמה.
„מיעטעק" — זע: יאניש מרדכי.
„מיעטעק" (פאַרבינדלער) — 320
מיעטקאָוויטש — זע: יאַקובאָוויטש שלמה
מיקלעווסקאַ עטל — 285
„מישאַ" — זע: באַרבורין מיכאַיל
„מלאך" — זע: דלוגאַטש פּאָליע.
מלמד יעקב — 192, 193, 456, 474
מעללער לאהקע — 60
מעללער קלמן — 60
מעללער שאול — 60
מעלניצקי פסח — 123, 124, 129
מעלצער פּאַול — 31
מענדעלסאָן חיה („העלאַ") — 171, 174, 178, 179, 199, 2221, 317, 398
מערסיק כאַסיע — 204
מערסיק צבי-הערש — 12, 202, 203, 204, 212
מערסיק שמואל — 166
מערעמינסקי אהרן — 124
„מעשל — דער געלער" — 49

נ.

„נאַטעק" — זע: גאָלדשטיין נתן.
נאַשעלסקי ישראל — 230
נאָוואָגרודזקאַ יהודית („יודיטאַ") — 9, 183, 184, 213, 220, 222, 223, 312, 320, 329, 362, 363, 402, 408, 413, 414, 431, 441, 454, 457, 460, 471
נאָוואָגרודזקי משה („מאָניעק") — 180
נאָוואָגרודזקי משהל (סקיפּיסט) — 215
נאָוואָקאָלסקי משה — 227
נאָוויק נחום — 100, 227
נאָטעס יצחק — 231

נאַכימאָוויטש אפרים — 440, 443, 445
נאָמבערג — 71
נאָסקע זאָפיאַ — 350
נוזבוים מרדכי — 231
„ניאָמע" — זע: קירזשנער בנימין.
ניוראַ — זע טשערוויאַקאָווסקאַ אננאַ.
ניידאָרף — 135
ניימאַן — 58
ניימאַן אברהם — 320
ניימאַן רחל — 205
ניימאַרק העלענא — 76, 79, 253
ניסענבוים הירש — 230
ניעוויאַדאָמסקי מיכאל — 232
ניעמטשענאָוויטש — 135
ניעשמיאַלעק וולאַדיסלאַוו — 344
נירענבערג העלענקאַ — 236
נישט מוליע — 358, 360
נענסטיל — 48

ס.

סאַוויצקי — זע: קורילאָ-סאַוויצקי.
סאַוויצקי בערל — 419
סאַלמאַן אשר — 185, 319, 324
סאַפּירשטיין משה — 227
סאַרעוויטש — 190, 191
סאַרעוויטש (פרוי) — 190
„סאַשע" — זע: סוכאַטשעווסקי יונה.
סאָבאָל עטל — 205
סאָניע — 202
סאָסנאָווקי, פּאַרפּאָלק זיגמונט און פעליציאַ — 349
סאָקאָלאָוויטש — 150, 333
סאָקאָלאָווסקי, ברידער — 58
סאָקאָלאָווסקי — 123, 124
סובאָטניק בער — 101, 105, 106, 108, 110, 111, 120, 121, 122, 123, 124, 126, 128, 380, 381, 389, 440, 444, 445
סודראַנסקי יצחק — 462
סוכאַזשעווסקי, אינזשיניער — 345
סוכאַטשעווסקי יונה („סאַשע") — 358, 364, 416, 417, 454, 472, 473, 475, 481
סוכאַטשעווסקאַ פאַניע — 475
סוכאָטניצקי אליעזר — 307
סוכאָוואָלסקי — 253
סוראַזקאַ שרה — 361
סוראַזקי הערשל — 408, 413, 414
סטאַלין יאָסאַף — 14, 53, 159, 160, 162, 357, 362, 430, 438, 467, 472, 474
סטאַראָוולאַנסקי אַלעקסאַנדער און משה — 461
„סטאַשעק" — זע: לעוו חנא.
סטאָליער ישראל („דער ווייסער ישראל") — 191
סטופּניק משה — 86, 227
סטעפאַן אָסקאַר — 48, 90, 97, 145
סטראַקון — 153
סטראָפּ — 13
סטריקאָווסקי האַנקע — 456, 474
סטריקאָווסקאַ הינדע — 359
סטריקאָווסקי חיה — 350
סטריקאָווסקי חיים — 359
סטריקאָווסקי מישקע — 359
סטרעבלאַנסקי איטשע — 214
סטרעבלאָוו — 49, 238
סטרעלניק — 84
סטשעלטשיק — 344
סיביריאַק מישקע — 169, 244, 356
סיבירסקי חיים — 228
סיבירסקי משה — 259
סיבירסקי פעשע — 229
סיוואָוויטש העניע — 196
סיוואָוויטש יענטל — 196, 286, 408
סיטש פאַניע — 223
סיראָטקין הערשל — 441
סכראָנים — 333
סלאַווינסקי זאַבאַר — 469
סלאַפּאַק משה („מאַקסים") — 245, 357, 358, 454, 470
סמוגלער — 153, 154
סעגאַל ד"ר (פרוי) — 104, 126
סעגאַל טאַניע — 186, 421
סעגאַל יאַנקל — 282
סעגאַל רויזע — 204

סעגאַלאָוויטש גרישא — 154
„סערגיי“ — זע: בערקמאַן.
„סערגיי“ — זע: לעווין ראובן.
סקורניק אברהם — 153, 154
סקריפּניק איוואַן — 459
סקרעטאָווסקי — 47
„סראָליק דער וויסער“ — זע: מאַר-
גאָלים ישראל.
„סראָלקע“ — זע: מאַרגאָלים.
סרול חיים — 436
סרעבניק — 131, 445

ע.

„עופהלע“ אברהמל — 214
עדבירגער — 39, 83
עדלמאַן — 281
עדעלשטיין — 362
„עדעק“ — זע: באַראַקס אליהו.
עטינגאָלד דוד — 214
עטינגאָלד שלמה — 214
„עליאַש“ — זע: בוימאַץ עליע.
עלסנער האַנקע — 187, 334
עמיאל שמעון — 42, 384
ענגעלמאַן יצחק — 199, 200, 202,
204, 210, 314, 315,
ענגולאַט — 83
עפּעלבוים משה („משה ביאַלער“,
„סאַלעק“) — 57
עפראָן פאַניע — 461
עפּשטיין באָרים — 461
עפּשטיין וועלוול — 167, 276
עפּשטיין מרדכי — 228
ערדעלים — 83

פּ.

פּאַוולאָווסקי קאָנראַד — 349
„פּאַוועל“ — זע: קאָזשעץ פּנחס.
„פּאַוועל“ — זע: צעלניקער פּנחס.
פּאַט אמנון — 196
פּאַט שיינע — זע: לעווין-פּאַט.
פּאַפּילאָווסקי שמואל — 117
פּאַצאַנאָווסקא — 187, 436
פּאַצאַנאָווסקי דאַלעק — 58
פּאַצאַנאָווסקי (אַ קינסטלער) — 153
פּאַראַזאָווסקי — 214
פּאַשקאָוו — 214
פּאָטאָצקי אהרן — 402
פּאָגאָרעלסקי — 132, 133
פּאָגאָרעלקי תנחום („טאָליע“) —
171, 184, 286, 457
פּאָזנאַנסקי זלמן — 245, 261
פּאָלאָנסקי אברהם — 230
פּאָליאַק רחל — 205
פּאָמעראַנץ עובדיה — 456
פּאָרטנאָי — 58
פּודלאָווסקי לייב — 358, 359, 456
פּוכאַטשעווסקי (מיידלשער נאָמען פון
יצחק מלמדס פרוי) — 271
פּוניאַנסקי שמואל — 105, 124, 129
פּופּקאָ מרים — 85
פּיאָטראָווסקי סטאַניסלאַוו — 254 145
פּיטאָצקי אברהם — 135
פּויסקין — 173
פּיעניאָנזשעק — 288
פּיסערא טאַדעוש — 345
פלאַסקאָווסקאַ מנוחה — 205
פלאָטניצקאַ פרומקע — 207, 302
פלאָטקין עמנואל — 85
פלאָנסקי — 140
פּנינה — 205
פעדער שיע — 227
פּעטלוק — 204
פּעכנער רוזשקע — 475
פּעגדזוך יחזקיאל — 38, 162, 465,
466
פּעניצער ה. — 125, 126
פּעלץ העניעק — 365, 402, 471
פּעלץ סעוועק — 193, 471
פּעקער — 264
פּערעי (אָדער פּעריי) בערל — 16,
201, 206, 301, 331, 332, 395,
398, 405, 425, 437, 441, 442
פּערעלשטיין משה — 214
פראַם — 35
פראָפּאָרץ שלום — 200, 201, 213,
214, 215, 219, 225, 284

פראקאפאוויטש — 93
פריבוד יוסף — 462
פריים — 47
פרץ י. ל. — 142, 179

פֿ.

פֿאבריצקי יעקב — 256, 258, 261, 267, 276, 421
פֿאטשמאן אברהמל — 462
פֿאקטאר געלע — 132
פֿאקטאר ראזע — 259, 261
פֿארבער — (פֿאבריקאנט) — 272
פֿארבער הענעך (אינזשיניער) — 182, 332, 333, 408, 456, 475
פֿארבשטיין בונים — 104
פֿאגעלמאן (אדער פֿייגעלמאן) אבראשא („קאליא") 187, 283
פֿאמין עלקע — 402
פֿארסטער, גאולייטער — 31
פֿוקס משה — 58
פֿוקסמאן יואל — 262
פֿורמאן הלל — 227
פֿורמאנסקי פֿעליקס — 93
פֿידלער — 136
פֿייגין ל. — 141
פֿייגעלמאן אבראשע — זע: פֿאגעלמאן.
פֿייל איגנאץ — 165
פֿיין דוד („דיידוס") — 192
פֿיינגאלד שמעון — 267
פֿיינפֿעלד פֿישל — 63, 363, 364, 429, 430, 431
פֿייערמאן משה — 280
פֿייערשטיין סטעללא — 284
פֿייערשטיין שמעון (סטעללאס מאן) — 284, 456
פֿיליפֿאוו — 453, 459, 462
פֿיליפֿאווסקי ד"ר — 449
פֿין שלמה — 133, 135
פֿינקעל שמואל — 101, 102, 123, 124, 129
פֿירשטענבערג — 153
פֿישער, אינזשיניער — 333
פֿישעק קארל — 42
פֿלאזמאן — 234
פֿלאשען — 262
פֿלוימענבוים הערשל — 152, 153, 215, 312, 437
פֿליישער — 202, 213, 217, 383, 443
„פֿימא" — זע: שוסטער חיים.
פֿעדער שיע — 227
פֿעדקא — זע: מאקאווסקי.
פֿעל פֿרידע — 185, 199, 279, 293
פֿעלדמאן נפֿתלי — 274
פֿעלדער זלמן — 182, 183, 408, 424
פֿעלדער סראלקע (זלבנס ברודער) — 457
פֿעניגשטיין — 130, 131, 132, 133, 134, 135, 136
פֿראנק — 48, 346
פֿראנק — 281
פֿראנקע — („די קליינע פֿראנקע") — 187, 402, 436
פֿראלקעס משה — 135
פֿראם — 35
פֿרידמאן אברהם — 153
פֿרידמאן, פֿרוי — 153
פֿרידמאן חיים — 306
פֿרידמאן מאטל — 58
פֿרידעל פֿריץ גוסטאוו — 13, 14, 15, 34, 37, 38, 39, 40, 41, 43, 44, 45, 46, 47, 49, 50, 52, 80, 82, 83, 86, 107, 116, 131, 154, 234, 252, 258, 260, 262, 268, 273, 274, 275, 276, 277, 323, 335, 363, 371, 372, 374, 375, 377, 378, 379, 380, 382, 384, 400, 404, 409, 412, 422, 426, 427, 428, 429, 435, 442
פֿריטש ווילהעלם — 373
פֿרייטאג — 38, 39
פֿרעזע — 47, 83, 252, 265, 300, 372, 373, 375
פֿרענסקי — 140
פֿרענקעל פֿראנקע — זע: פֿראנקע.

צ.

צאבאַן רבקה — 113
צאלעוויטש פֿייגע — 229
צאנאָווא ל. — 14, 54, 79, 160, 161, 243, 357
צוקערמאַן (לערער) — 156, 466
צוקערמאַן יצחק — 302, 342
צוויקליטש — 136, 324, 325
ציבולסקי שמעון — 329
ציבולקין — 129
ציטראָן טוביה, ד״ר — 16, 32, 55, 61, 70, 94, 104, 110, 120, 169, 190, 191, 277, 288, 289, 319, 326, 350, 363, 364, 365, 369, 379, 381, 385, 400, 407, 410, 411, 421, 423, 431, 432, 435, 443, 444, 445
ציטראָנבערג לודוויג — 230
ציטרין — 153
צייטלין — 349
צילקע — 83
צעימערמאַן — 35, 40, 89, 372, 374, 375, 377
ציפּקין — 140
צעלניקער פּנחס („פּאוועל״) — 476
צענטנערשווער סטאַניסלאַוו — 153

ק.

קאַגאַן (ד״ר) — 350
קאַגאַן ישראל — 227
קאַדיש יצחק — 230
קאַווע יאַשקע — 174, 175, 177, 181, 200, 201, 219, 221, 270, 315, 316, 317, 356, 387, 408, 443, 454, 458, 475
קאָזשיבראָדזקאַ אַנקאַ — 202
קאָווקעוויטש ד״ר — 350
קאַטשאַלסקאַ באַסיע — 325, 391, 458
קאַטשאַנאָווסקי — 469
קאָטשוואַרסקאַ הינדע — 455
„קאַטשעמאָך״ מוליע — 192
קאָטשוואַרסקי — 455
קאַטשקאַ יוסף — 135
קאַלינאָווסקי קאַסטיוס — 452, 453, 463, 469
קאַמיניעצקאַ גאָלדע — 456
קאַנאַריס, אַדמיראַל — 37
קאַנאַריס, ד״ר — 37, 38, 39, 50, 52, 254, 265, 269, 272, 439
קאַנטאָר שיע („אַנדריי״) — 418, 419, 455, 456, 464, 473
קאַנטאָראָוויטש גרשון — 230
קאַנעל — 140
„קאַפּוסטאַ״ — זע: קיריטשענקאַ
קאַפּלאַן זעשעניע — 173
קאַפּלאַן מרים — 191, 405, 426, 443, 458
קאַפּלאַן מישע — 174
קאַפּלאַן עובדיה — 103, 190
קאַפּלאַן עדעק — 173, 185
קאַפּלאַן פּסח — 12, 44, 76, 91, 100, 105, 106, 107, 108, 118, 124, 127, 131, 141, 143, 144, 145, 235, 254, 257, 258, 259, 262, 263, 264, 274, 281, 291
קאַפּלאַנסקי („שפּיץ״) — 362
קאַץ אפרים („קאַזיאַק״) — 176
קאַצענעלסאָן, ד״ר — 104
קאַראַבאָוויטש — 174
קאָוואַרלאָ — זע: פאַרבער הענעך.
קאָוואַלסקי יצחק — 213, 429
קאָוואַרסקי לעאָן — 461
קאָזאַק הערשל — 58
קאָזאַק נחום — 405
קאָזאַטשוק מאַריאַ — 349
קאָן — 86
קאַזיאַן — 42
קאָזשעץ פּנחס („פּאוועל״) — 16, 185, 189, 195, 221, 225, 226, 244, 245, 246, 279, 280, 289, 319, 325, 335, 346, 347, 358, 368, 403, 419, 452, 453, 464, 470, 472, 480, 482
קאָזשעץ רעגינע — 185, 456
קאָזשעץ שלום — 173, 185, 237,

328, 403, 456, 475
קאַט בייבע — 408
קאַט סראַלקע — 9, 34, 49, 59, 62, 95, 167, 354, 417, 460, 465, 466, 476
קאטענקא — 294, 379
קאַטשאַלסקאַ בינע — 237
קאַך עריק, גאולייטער — 21, 25, 26, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 34, 38, 47, 51, 52, 67, 78, 82, 87, 97, 129, 251, 252, 266, 273
קאַלטון הערשל — 408, 413, 414
„קאַליא“ — זע: פאַגעלמאַן אבראשע.
„קאַליע“ — זע: קירזשנער בנימין.
קאַליע פון קרינעק — 425
קאַלעשניקאַוו — 38, 41, 50, 59, 78, 93, 111, 136, 146, 264, 272, 276, 281
קאלעצקא — 183
קאַן חיים — 480
קאַן (משפחה) — 359, 455, 456, 473
קאַן נערא — 204
קאפילאַווא — 349
קאַפעלמאַן — 104
קאַרטשאַק (קורציאק) רייזל (רוזש-קע) — 12, 196, 197, 201, 213, 247, 280, 281
קאַריאנסקי אסנע — 280
קאַריאנסקי דבורה 280
קאַריאנסקי רבקה — 280
קארען יוסף — 227
קאַשוטאַווא יאנינא — 294
קודלאַטשעק 347
קויפמאַן בעלא — 458
קויפמאַן ראובן — 418
קובאַרעווסקי סאַשע — 223, 335, 408
קובארעוסקי סיאַמע — 223, 408, 425
קובארעווסקי רחל — 229
קוסטין — 202, 213, 214, 215, 314, 317, 383
קוסעוויצקי סאווקע — 256
קופערבער ג — 461
קוציקעוויטש — 154, 277, 445
קוראזא אסתר — 205
קורטע אברהם — 425, 428,
קוריאנסקי משה — 104, 141
קורילאַ-סאוויצקי אַנטאַני — 344
קורילאָוויטש חיים — 427
קורילאַווסקי משה — 259, 261, 489, 442
קושניער סיאַמע — 196, 334
קוואטער בנימין — 135
קוואַטער משה — 152
קוואסאַוויצער רחל — 420, 430, 431,
קווארט יונע — 196
קווארץ — 425
קוויאטקאַווסקי יעזשי — 50
„קוויעטא“ — זע: לאַקס בלומע
קיזעלשטיין מינע — 438
„קיזשאק“ — צע: קאַץ אפרים
קיטעל, פעלדמארשאל — 77, 78
קין מ. — 147, 148
קיסלער אפרים — 76, 131, 223, 375, 391, 392, 405, 407, 413, 431, 440, 441.
קיסעלר יואל — 283, 362, 414, 458
קירהאָף — 48, 83
קירזשנער בנימין („ניאַמע“, „קאַ-ליע“) 445, 456
קיריטשענקאַ, גענעראל („קאַפוסטאַ“) — 452, 464, 471, 472, 473, 480, 482
קלאטשקאַ אברהם — 232
קלארפעלד בעלא — 405
קלאַס כייקל — 227
קלייִן — 34, 44, 45, 89, 265, **374**, 377
קלייבאַט שמואל — 462
קלעמענטינאַווסקי ד. — 11, 146
קלעמענטינאַווסקי יהושע העשל — 146
קנאפינסקא שרה — 204
קניאזשעוו אברהם 104

קנישינסקאַ רוטע — 260, 289
קנעפּעל, אדא קנאַפּער — 35, 444, 466
קעניג אלפרעד — 42, 38
קעניסבערג חנה — 187
קעניגסבערג — 58, 423
קערשמאַן ד"ר — 126, 178
קראַוויעץ — 227
קראַמאַזש מאָניעק — 401
קראַמאַזש — 130
קראַמאַזש ראובן — 187, 192
קראַצאָווסקא עוואַ — 419, 441
קרוגליאַנסקי אברהם — 117
קריגער — 47
קרידלעוויטש — 349
קרינסקי יודל — 328
קרישטאָפאָוויטש מיראָן — 79
קרעבס — 46
קשעטשאַנאָווסקי יצחק — 153

ר.

ראָגאָזשיסקי קובא — 334
ראובטשאַק — 383, 401
ראָדע — 49
ראַטקער ראָזע — 437
ראַטשיצקי שאלקע — 359
ראַפּאָפּאָרט — 153
ראצלאַוו בנימין — 456
ראצקי יעקב — 227
ראש — 29
ראשקין פעליציא (ראשקעס-נאָוואַקאָ-וואַ — 440
ראָזאַנעצקי 153
ראָזען מילע — 193
ראָזענבלאַט שרהלע — 183, 184, 279, 280, 436
ראָזענבלום מענדל — 253
ראָזענבלום משה — 117
ראָזענבלום סאַנע — 194
ראָזענבלום פעלקע — 458
ראָזענבלום פרומע 458
ראָזענבלום רבקה 117
ראָזענבערג — 140
ראָזענבערג אלפרעד — 29, 337
ראָזענבערג מיעטעק — 136
ראָעזנבערג פישל — 230
ראָזענבערג ראובן — 205, 206, 317
ראָזענטאַל הערשל — ("הערשל יאַשי-נאָווקער") — 205, 206, 207, 303, 311, 317, 328, 356, 384, 387, 398, 408, 425
ראָזענמאַן ראַבינער ד"ר — 59, 105, 106, 107, 108, 109, 110, 111, 125, 207, 350, 440
סאָזענפעלד סאַלע — 193, 405
ראָזענשטיין רחל — 187, 279
ראָזענשטיין דוד ("דיאַדיאַ מישאַ" — 26, 27, 453
ראָטבאַרד משהל — 204
ראָטשטיין לייב — 461
ראָטשילד הערשל — 173
ראָלניצקי — 153
ראָמען ראָלאַן — 142
ראָמקע — 193, 321
רובין אברהם-לייזער — 277, 328, 458, 467, 477
רובינאָוויטש זאַוול — 215, 437
רוביקליכט יוסף — 141, 142
רובינשטיין אהרן — 215, 458
רובינשטיין בלאַנקע — 332
רויבנשטיין ל. — 350
רובינשטיין מ. 125, 213
רוד אַניע — 17, 85, 184, 190, 194, 198, 200, 202, 205, 206, 210, 215, 221, 236, 238, 248, 253, 271, 275, 277, 283, 285, 287, 314, 317 318, 320, 321, 344, 253, 271, 275, 277, 283, 285, 287, 314, 317, 318, 320, 321, 323, 324, 329, 330, 331, 332, 344, 345, 346, 348, 350, 353, 354, 355, 356, 378, 383, 385, 386, 390, 395, 398, 402, 407, 409, 410, 415, 420, 421, 422, 424, 424, 432, 436, 438, 441,

442, 451, 458, 459, 460, 262,
465, 468, 477
רודי — 245, 358
רוזשאַווסקאַ סאָניע — 184
רוזשיצקאַ מלכה („מאַרילע") — 16,
163, 164, 167, 315, 328, 330,
361, 407, 466, 472, 476, 481
רוסקאַ מוטע — 456
רוסקאָלענקער אייזיק — 141, 142,
152
ריאָל שיינע — 214
ריבא אברהם-נחמן — 328, 334, 408
ריבאַלאָווסקאַ פרידע — 405, 425
ריבאַלאָווסקי יצחק — 58
ריבאַק חיהקע — 196, 280, 328
ריבקא יוסף — 214
ריגערט — 32, 70
ריווקינד יעקב — 17, 47, 55, 57, 61,
66, 77, 78, 102, 123, 126, 136,
137, 141, 144, 199, 216, 217,
219, 222, 223, 225, 2226, 230,
332, 234, 235, 236, 239, 248,
259, 261, 262, 264, 266, 270,
275, 283, 289, 290, 298, 302,
312, 314, 317, 320, 322, 323,
325, 333, 337, 348, 353, 357,
369, 382, 391, 394, 396, 397,
398, 402, 404, 405, 407, 409,
410, 413, 416, 431, 437, 444,
465, 466, 472
„ריז" — זע: אַבעלעוויטש נחום.
ריטמייסטער — 35
רייזנער לייזער — 205
רייזנער טאַניע — 205
רייזנער פראַדל — 205
רייזנער פרידע — 205
רייזנער רפאל — 10, 53, 102, 113,
145, 146, 150, 264, 274, 377,
378
רייזנער שמואל — 406, 443
רייכאָוויטש זבולון — 141, 142, 152
רייפער — 58
ריכטער דוד — 77, 180
ד"ר עמנואל רינגעלבלום — 12
„ריס" — זע: אַבעלעוויטש נחום.
ריצאַק משה — 227
ריגאַלעווסקי — 350
רעווזין פנחס — 135
רעזניק שלמה — 215, 237
רעמבישעווסקי הערש („העניעק") —
333
רעמידאָוויטש — 469

ש.

שאַדע — 346
שאַיאַק גדליה — 356, 384, 387, 398,
425
שאַכנעס צביה — 196, 198, 280
שאַפּיראָ ברכה — 441
שאַפּראַן ברידער — 153
שאַצמאַן בערל — 32, 34, 39, 40, 41,
45, 47, 49, 50 102, 123, 131,
133, 152, 172, 212, 257, 265,
268, 273, 273, 274, 323, 375,
379, 425, 426, 427, 428, 428,
429, 444, 460
שאַצקי י. ל. — 141, 142
שאַף — 83
שולמאַן בייניש — 141, 142
שוסטער חיים („פּימאַ") — 456
שוסטער יהודה — 228
שוריק אברהם — 58, 184, 187
שוריק בירא — 184, 387, 438
שוריק העלא — 187, 438
שוואלם, מאיאָר — 34, 47
שוואַרץ, אונטעראָפיציר — 49
שוואַרץ לייבל — 460
שוואַרץ עוואַ — 164, 171, 188, 193,
405, 472
שוויף משה — 124, 129
שוועבער לייזער — 438
שוועבער שמעון — 227
שוועד — 425
שווענדאָוויוס ד"ר — 33, 134
שטופלער — 443, 444
שטיין חיים — 290
שטעפער נחמן — 184, 325

שטערן — 193
שטערנפעלד סראָלקע — 283
שטרויזבערג ביטשע — 437
שטרייכער — 48
שעדראָווסקי ליפּא — 233
שטשעפּיאַצקי — 408
שימאַנסקי, קאַפּיטאַן — 34
שינדער-וואָיסקאָווסקאַ רבקה — זין: וואָיסקאָווסקאַ.
שיע — 197
שלאַפּאַק — 136
שלאָסער — 140
שלום-עליכם — 149
שלייפער בנימין — 334, 458
שלעגעל, ד"ר — 40
שלענגער מאַרעק — 222, 223, 363, 457
שמידט אַלפאָנס — 40, 45
שמידט אַנטאָן — 202, 203, 206
שמידט סאָניע — 441, 443
שניידער אריה — 204
ששניידערמאַן טעמע — 202, 203
שעדלער הערש — 328
שעדלער יחיאל — 215, 328
שעוואך — 287,
שעוויץ לייבל — 320, 362
שעניאַק אַלעקס — 363
שער, ד"ר — 35
שעפּס — 461
שעפּעטאָווסקי — 324
שערטאַק משה — 376, 377, 379
שפּאָרענבערג — 445
"שפּיץ" — זע: קאַפּלאַנסקי
שפּער — 82, 249, 251
שפּרונג חודקא — 375
שרעדער — 83

קורצער קאַלענדאַר פון די וויכטיקסטע געשעענישן
אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג
פון ביאַליסטאָקער געטאָ

אויגוסט 1941

אנטשטייונג פון דער אָרגאַניזאַציע צו העלפן די סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע און די קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר.

אָקטאָבער 1941

אנטשטייונג פון דער אנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע.

אַפּריל 1942

שאַפונג פון פאַראייניקטן אנטיפאַשיסטישן בלאָק.

1 מאַי 1942

פאַרשפּרייטונג פון אויפרופן צום קאַמף קעגן אָקופּאַנט; פאַרשפּרייטונג פון סטאַלינס רוף צו אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג.

דעצעמבער 1942

די ערשטע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנישע גרופּע גייט אַרויס אין וואַלד.

5־12 פעברואַר 1942

ערשטע זעלבשוץ אין געטאָ.

מערץ 1943

גרינדונג פון דער פּאַרטיזאַנישער מחנה „פאָרויס".

די געטאָ־קעמפער דערהרגענען אַ דייטשן זשאַנדאַר.

1 מאַי 1943

אַלגעמיינער אַרבעטער־שטרייק.

24־25 מאַי 1943

באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס מיט דייטשער זשאַנדאַרמעריע ביים געטאָ־פּלויט.

יוני 1943

שאַפונג פון אַנטיפאַשיסטישן קאַמפס־בלאָק.

יולי 1943

אויסגעפירט דורכן אַנטיפאַשיסטישן קאַמפס־בלאָק אַ טויט־אורטייל איבער יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן.

16 אויגוסט 1943

אויסברוך פונם אויפשטאַנד.

קאַמפן אויף די גאַסן סמאָלנע, יוראַוועצער, טשעפּלע, נאָוואָגראָ־דער, גורנע.

17 אויגוסט 1943

זעלבשוץ אין די פאַבריקן און קאַמפס־ארויסטריטן אויף טשיסטע און פאַלנע.

19 אויגוסט 1943

העלדישער אומקום פון די קעמפער פונם בונקער אויף כמיעלנע 7.

20 אויגוסט 1943

לעצטע קאַמפן אויף טשעפּלע 13 (שטאַב פונם אויפשטאַנד)

אויגוסט 1943 — יולי 1944

המשך פונם קאַמף — אין די פּאַרטיזאַנישע רייען.

אינהאַלט

אַריינפיר־וואָרט . . . . 7—3

ליטעראַטור און מקורים . . . . . 17—8

ערשטער טייל: **געטאָ**

1. דער שונא . . . . 52—21
2. די ערשטע טעראָר־אקטן ערב געטאָ . . . . . 62—53
3. די ערשטע גזירות . . . . 73—63
4. גירושים . . . . 87—74
5. די עקאָנאָמישע באַציונגען אין געטאָ . . . . . 104—88
6. דער יודענראַט . . . . 136—105
7. דער קאַמף פאַר דער נשמה . . . . . . 156—137

צווייטער טייל: **דער אויפקום פון ווידערשטאַנד**

1. די פּיאָנערן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג . . . 167—159
2. די אָרגאַניזאַציע צו העלפן די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע
אין קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר . . . . . 173—168
3. די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע . . . . . 195—174
4. דער געראַנגל פאַרן איינהייטלעכן קאַמף־פראָנט . . . 216—196
5. דער פאַרייניקטער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק אין שפּיץ פון
דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג . . . . 235—217
6. ערב דער ערשטער קאַטאַסטראָפע . . . . . . 239—236

דריטער טייל: **די ערשטע זעלבשוץ**

1. דער כאַראַקטער און דער פאַרנעם פון דער ערשטער
באַוואָפנטער זעלבשוץ . . . . 248—243

2. די הינטערקוליסן־שפיל ארום דעם גורל פון ביאַליסטאָקער
נעטאָ . . . . 249—256
3. די פעברואַר־ליקווידאַציע און דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד 257—269
4. יצחק מאַלמעד . . . . 270—277
5. דער המשך פון אַקציע און ווידערשטאַנד און די נאַכט פון
מידת־הדין . . . . 278—290
6. חשבון־הנפש . . . . 291—312
7. אייניקייט אין קאַמף . . . . 313—326
8. באַוואָפענונג . . . . 327—335
9. די פּוילישע, ווייסרוסישע און דײַטשע אַנטיפאַשיסטן —
די פאַרבינדעטע פון די געטאָ־קעמפער . . . . . 336—352
10. וואַלד . . . . 353—365

פערטער טייל: **אויפשטאַנד**

1. דער לעצטער געוויש . . . . 369—382
2. דער סיגנאַל . . . . 383—392
3. די שלאַכט אויף סמאַלנע . . . . 933—399
4. אין קאַמף מיטן שונאס טאַנקען . . . . . 400—411
5. דער נאַכט־שטורעם ביים געטאָ־פּלויט . . . . 412—415
6. די הילף פונם וואַלד . . . . 416—419
7. די פאַבריקן־פאַרטיידיקונג . . . . 420—423
8. די זיבעציק . . . . 424—431
9. אויף דער לעצטער פּאָזיציע . . . . . . 432—448

פינפטער טייל: **דער המשך**

1. „פּאַרויס" . . . . 451—464
2. דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט אין ביאַליסטאָק . 465—467
3. די פּאַרטיזאַנישע נקמה . . . . 468—478
4. די באַדײַטונג פון דער יידישער פּאַרטיזאַנישער מחנה אין
די ביאַליסטאָקער וועלדער . . . . 479—483

זוכצעטל פון נעמען 485—503

קאַלענדאַר פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער ווידערשטאַנד־
באַוועגונג פון ביאַליסטאָקער געטאָ . . . . . . 503—504

בילדער:

דניאל מאָשקאָוויטש . . . . 176—177

יוסף דרייער . . . . 193—192
מרדכי טענענבויש־טאמאראף . . . . 209—208
וועלוול וואָלקאָוויסקי . . . . 225—224
שרהלע ראָזענבלאַט . . . . 289—288
יאָסל ליכטענשטיין . . . . 321—320
פּתחיה מאַלער („טאַדעק”) . . . . 353—352
לאָליע לערמאַן . . . . 385—384
דער פּלאַן פון ביאַליסטאָקער געטאָ און פונם אויפשטאַנד 401—400
דער ברונעם, דורך וועלכן מען איז אַראָפּגעגאַנגען אין בונקער
אויף כמיעלנע 7 . . . . 417—416
פּאָליע דלוגאַטש . . . . 433—432
א יידישער פּאַרטיזאַן; געכאַפּט א אויסבאַהאַלטענעם ייד;
באַקאַנטמאַכונג פון עריך קאָך וועגן יידן . . . . 465—464.

באמערקטע דרוק־פעלערן

זייט	8	שורה	8	פון אונטן	—	אַנשטאָט יאַקובאָוויטש דאַרף זיין יאַקובאָווסקי.
„	12	„	11 „	אויבן	—	„ בורמאַן דאַרף זיין בירמאַן.
„	12	„	3 „	אונטן	—	„ געפונען דאַרף זיין געפינען.
„	39	„	2 „	„	—	„ בערלען דאַרף זיין בערלין.
„	64	„	14 „	אויבן	—	„ יודענהאַט דאַרף זיין יודענראַט.
„	68	„	3 „	„	—	„ באַשראָפט דאַרף זיין באַשטראָפט.
„	94	„	2 „	„	—	„ פזהארלטן דאַרף זיין פאַרהאַלטן.
„	94	הערה	21	2-טע שורה	—	„ בוימזאַץ דאַרף זיין בוימאַץ.
„	97	שורה	2	פון אויבן	—	„ פזארדינגסט דאַרף זיין פאַרדינסט.
„	136	„	1 „	אונטן	—	„ פון פין שנאה דאַרף זיין און פון שנאה.
„	144	„	9 „	„	—	„ צום דאַרף זיין צו.
„	215	„	8 „	„	—	„ קעסטינס דאַרף זיין קוסטינס.
„	223	„	14 „	אויבן	—	„ אין דאַרף זיין און.
„	296	„	7 „	„	—	„ דאָזיקע דאַרף זיין דאָזיקן.
„	299	„	7 „	אונטן	—	„ אויב זיין וועלן נישט עובר זיין דאַרף זיין אויב זיין וועלן עובר זיין.
„	303	„	14 „	„	—	„ זאָך דאַרף זיין זאָג.
„	324	„	6 „	אויבן	—	„ אויספהענגען דאַרף זיין אויפהענגען.
„	358	„	2 „	„	—	„ סוף יאַנואַר דאַרף זיין 13 פעברואַר.
„	392	„	2 „	„	—	„ דערגיין דאַרף זיין דערגייען.
„	410	„	6 „	אונטן	—	„ העט דאַרף זיין הענט.
„	463	„	8 „	אויבן	—	„ אַרויסגעטראָגן דאַרף זיין אַרויסצוטראָגן